STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01811

GESHIKHTE FUN DI MAYREV-EYROPEYISHE LITERATURN

P. S. Kogan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. קאָגאַן

געשיכטע פון די מעריב אייראָפּעאישע ליטעראַטורן

ייִדיש פ. הײלפּערין

צווייטער באַנד

XIX יאָרהונדערט

מיט פּאָרטרעטן אויף באַזונדערע בלעטער

צווייטע אויפלאַגע

1927

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

P. Kogan. „Dzieje literatury Zachodnio-Europejskiej". Tom II

Drukarnia «Wydawnictwo Wileńskie» B. Kleckina, Wilno, M.-Stefańska 23

צווייטער באַנד.

XIX יאָרהונדערט.

ערשטע אָפּטיילונג.

די אַנטטוישונג און די רעאַקציע. לעאָפּאַרדי. שאַטאָבריאַן.

I.

די קולטורעלע הויפּטפאַקטאָרן אין באַגינען פונם XIX י. ה.—די אינדוסטריעלע איבערקערעניש.— די מאַשינעס.—דער קאַפּיטאַליסטישער אופן פון פּראָדוצירן.— די אַרבעטער־פּראַגע. — דריי סטאַדיעס אינם קאַמף פון די אַרבעטער מיט די אונטערנעמער. — דער פּיאָדאַל און דער פּאַרשקלאַפטער פון מיטלאַלטער; דער קאַפּיטאַליסט און דער אַרבעטער פון XIX י. ה.—די אַנטדעקונגען און ערפינדונגען.—דאַמף און עלעקטריציטעט.—אייזנבאַנען, טעלעגראַף און זייער ווירקונג.— קיוויע און דער ערפאָלג פון נאַטורוויסנשאַפט.—דער קאָנקאָרדאַט.—די רעאַקציע.

די אַנטטוישונג, וועלכע האָט באַהערשט די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט אין אָנהייב XIX י. ה., האָט געהאַט צוויי גרונטמאָטיוון. די געזעלשאַפט האָט פאַרלאָרן דעם גלויבן אין דער קראַפט פון מענטשנס פאַרשטאַנד, אין דער וויסנשאַפט, וועלכע האָט ניט געקענט פאַרענטפערן אַלע אייביקע פראַגן, ווי די קירך, וואָס האָט אַלץ געוואוסט. חוץ דעם האָט די געזעלשאַפט זיך אַנטטוישט אין די אייגענע כוחות און אין דער רעוואָלוציע, זי האָט זיך איבערציינט, אַז מיט איין קלאַפּ קאָן מען ניט מתקן זיין קיין מלכות שמים אויף דער ערד, באַשאַפן אַן אָרדענונג, געגרינדעט אויף יסודות פון גלייכהייט און ברידערלעכקייט.

פונקט ווי אין XVIII י. ה., איז געווען דער שטייגער איראָניש צו באַציען זיך צו די אייביקע יסודות, אויף וועלכע די אַלטע געזעלשאַפטלעכע אָר־

דענונג האָט זיך געהאַלטן, אַזוי האָט זיך אין XIX י. ה. פאַרשפּרייט די סקעפּטישע באַציאונג צו די גוזמאדיקע האָפענונגען, וואָס די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן געלייגט אויף דעם מענטשנס פאַרשטאַנד און כוחות. אָבער די גרויסע איבערקערעניש האָט געגעבן אַ שטופּ פאָראויס דעם מענטשנס שטרעבונגען צו דערקענען די נאַטור און איינצואָרדענען די געזעלשאַפט, און אירע רעזולטאַטן זיינען געווען ניט נאָר קיין נעגאַטיווע. בשעת איינע זיינען אַריינגעפאַלן אין יאוש מחמת דער שווינדלדיקער שנעלקייט פון די געשעענישן און די נישטיקייט פון די דערגרייכטע רעזולטאַטן, האָבן אַנדערע זיך גענומען אויספאָרשן די סיבות, פאַרוואָס עס האָט ניט אָפּגעגליקט, האָבן זיך פאַרנומען מיט גריבלדיקער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, וועלכע האָט טאַקע ניט געגעבן קיין האָפענונג צו אַנטפּלעקן די סודות פונם זיין, דערפאַר אָבער האָט זי פאַרשטאַרקט די מאַכט פון דעם מענטשן איבער דער נאַטור, און מיטגעהאָלפן אויסצובעסערן די לעבנסבאַדינגונגען.

אין באַגינען פון XIX י. ה. זעען מיר דריי הויפּטפאַקטן, וואָס זיינען געלייגט אין יסוד פון קולטורעלן לעבן פון דער עפּאָכע: דער טריאומף פון די אַלטע טעאָקראַטישע פאָרשטעלונגען, די שנעלע אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און לסוף דער ערפאָלג פון דער נאַטורוויסנשאַפט און פון אַנדערע וויסנשאַפטן. דידאָזיקע קולטורעלע פאַקטאָרן ווירקן אָפט אומאָפּהענגיק איינער פון צווייטן, אָבער נאָך אָפטער פּלאָנטערן זיך זייערע השפעות איינע מיט די אַנדערע, אָדער זיי שטרעבן צו שלום און צו צוזאַמענגיסונג. אין איין שורה מיט די פּרוון פון ס׳ביי צו בויען די געזעלשאַפט אויף דעם יסוד פון קירכלעכן אויטאָריטעט, אַנטשטייען אויך פּרוון שלום צו מאַכן צווישן אַלטן און נייעם, צונויפגיסן די יסודות פון זעלבסטעטיקייט, וואָס האָבן זיך פאַרפעסטיקט אויפן באָדן פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש, און דער גייסט פון קריטיק, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט אַדאַנק דעם ערפאָלג פון די קענטענישן — פון איין זייט, מיט דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, מיט דעם געדאַנק וועגן דער ראָלע, וואָס אין לעבן שפּילן די העכערע, פאַר דעם אַנאַליז און דעם באַוואוסטזיין ניט צוטריטלעכע כוחות—פון דער צווייטער זייט.

די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם שנעלן וואוקס פון דעם וועלטלעכן האַנדל-טויש אונטער דער השפעה פון די געאָגראַפישע אַנטדעקונגען אין XVI יאָרהונדערט. אַדאַנק דידאָזיקע אַנטדעקונגען איז דער שווערפּונקט פון אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון מיטללענדישן ים אויף דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, צו די ים-וועגן קיין

אַמעריקע און אינדיע. צווישן די סוחרישע מלוכות אויפן ים האָט באַלד ענגלאַנד פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט. ביזן מיטן פון XVIII י. ה. האָט איר וועלט=האַנדל געשאַדט דאָס, וואָס עס זיינען ניט געווען קיין גוטע וועגן אין לאַנד גופא, ווייל דאָס האָט געשטערט צוצופירן די סחורות צו די ברעגן און פון די ברעגן. אָבער אין דער צווייטער העלפט פון XVIII י. ה. ווערט ענגלאַנד דורכגעשניטן מיט אַ גאַנצער נעץ קאַנאַלן, וועלכע דינען אַלס אויסגעצייכנטע אינערלעכע וועגן. אַזוי אַרום האָט אַדאַנק די קאַנאַלן אָפּגעלעבט דער וועלט=טויש, און וועלכן תיכף נאָך ענגלאַנד זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אויך אַנדערע אייראָפּעאישע מלוכות. דער פועל=יוצא דערפון איז געווען דאָס, וואָס אומעטום איז בטל געוואָרן די נאַטירלעכע ווירטשאַפט, געפאַלן די קליין=פּראָדוקציע, און אויסגעוואַקסן די גרויסע אינדוסטריע, דער קאַפּיטאַליסטישער אופן פון פּראָדוקציע. אַלס מעכטיקער שותף צום קאַפּיטאַליסט איז געקומען די מאַשין.

לאָמיר זיך בעענטער צוקוקן צו די רעזולטאַטן, וואָס עס האָבן געבראַכט די ערפינדונג פון די מאַשינען און די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, וואָס האָט זי באַגלייט. מער פאַר אַלץ האָבן אויסגעשפּילט די קאַפּיטאַליסטן. דער קליינער אונטערנעמער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין מיטלען צו שטעלן מאַשינען, איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך דעם גרויסן, וועלכער האָט זיין אונטערנעמונג געקאָנט פאַרזאָרגן מיט אַלע טעכנישע פאַרפולקומונגען. פריער פאַר אַלע אַנדערע אינדוסטריע=צווייגן האָבן זיך מיט מאַשינען באַנוצט די טעקסטיל=פאַבריקן, און אין אָנהייב פון XIX י. ה. ווערן אינגאַנצן פאַרשוואונדן די קליינע וואַרשטאַטן און די היימישע אויסאַרבעטונג פון באַוול. נאָר לאַ די, וואָס דער קאַפּיטאַליסט האָט אַוועקגעהרגעט די קליינע פּראָדוקציע, האָט ער נאָך באַקומען די מעגלעכקייט צו פאַרכאַפּן די באַפרייטע אַרבעטער=הענט. ניט בכוח צו קאָנקורירן מיט אים, האָבן די קליין=פּראָדוצירער אויפגעהערט צו זיין זעלבשטענדיקע באַלעבאַטים, און, אָן מיטלען צום לעבן, האָבן זיי ווילנדיק=ניט=ווילנדיק געמוזט זוכן אַרבעט ביי דעם קאַפּיטאַליסט. זיי קענען איצט פאַרקויפן נאָר זייער מי, און דאָס גיט דעם קאַפּיטאַליסט די מעגלעכקייט נאָך מער צו פאַרגרעסערן זיין אונטערנעמונג. ער באַשאַפט אַרום זיך אַ גאַנצע אַרמיי פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. ער אַליין אַרבעט ניט, ער פירט נאָר אָן מיט דער אַרבעט. דאַן אַנטשטייען צוויי הויפּטקלאַסן אין דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט: דער קאַפּיטאַליסט=אונטערנעמער, וואָס באַזיצט די פּראָדוציר=מיטלען, און די פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן ניט קיינע

מיטלען צום לעבן אויסער די אייגענע הענט. לכתחילה זיינען די טונקעלע זייטן פון דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג געווען פארבאָרגן אונטער די גלענצנדע נצחונות פון דעם מענטשן איבער דער נאטור, אונטער דעם גראנדיעזן וואוקס פון עשירות אין באזונדערע לענדער, הינטער די בלענדנדיקע טריומפן פון דער טעכניק. די קאפיטאליסטן ערשיינען דאן אלס טרעגער פון די פאָרטגעשריטענע אידעאלן, זיי זיינען די פאָרשטייער פון פרייהייטס-פרינציפ, פון פרייער קאָנקורענץ פון טאלאנט און ענערגיע. די ליטונג איבער די אונטערנעמונגען געהערט צו די שטארקערע, אויסגעהאלטענערע און באגאבטערע מענטשן, און אזא אָרדענונג פון דער אינדוסטריע איז אן ערבות אויף נייע נצחונות און ערפאָלגן מצד דער מענטשהייט, אויף ווייטערדיקן וואוקס פון דער עשירות אין לאנד. עס איז נאריש צו טרויערן וועגן דער פארגאנגענהייט, ווען דער מענטש האָט צוליב זיין אומוויסנהייט ניט געקענט שאפן אזעלכע גראנדיעזע אונטערנעמונגען, ניט געקענט אזוי מעכטיק הערשן איבער דער נאטור, פארוואנדלען אירע קרעפטן אין געהאָרכזאמן געצייג פאר זיך.

אָבער אין דעם האָניק-חודש פון התפעלות פון דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג, האָט מען ניט באמערקט, אז צוזאמען מיט דער עשירות וואקסן אָן ווייכטיקע פראָבלעמען. דער קאפיטאליזם האָט מנצח געווען די פאָליטישע פריווילעגיעס, וואָס די אויפקלערונגס-עפאָכע האָט זיי אויף אייביק מקבר געווען. די נייע אָרדענונג האָט די עראָבערונג פון דער וועלט מיט אירע נאטירלעכע רייכטימער געלאָזן פריי פאר יעדערן; זי האָט פארזיכערט דעם וואוקס פון דעם אלגעמיינעם רייכטום, אָבער צוזאמען דערמיט האָט זי ארויסגעשטעלט די פראָבלעם פון פונאנדערטיילן די אָנגעקליבענע רייכטימער. צי האָט די אלגעמיינע סומע פון די אויסגעוואקסענע רייכטימער זיך אָפגערופן גוט אויף דעם וואוילשטאנד פון אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג; צי איז דערפון לייכטער געוואָרן צו לעבן דעם פויער, דעם שטעטיקן בעל-מלאכה, וועלכע זיינען אוועק אויף דער פאבריק ארבעטן? אָבער דער קאפיטאליסטישער אופן פון פראָדוצירן האָט זיך שלעכט אָפגערופן אויף די אינטערעסן פון דעם ארבעטער-קלאס. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די אונטערנעמער און די ארבעטער שטעלן מיט זיך פאָר צוויי קלאסן, וואָס זייערע אינטערעסן זיינען קעגנזעצלעך, אז דער פארדינסט פון איינעם איז געגרינדעט אויף דעם אָנווער פון דעם צווייטן. דער אונטערנעמער האָט געזוכט אָנצוקלייבן וואָס גרעסערע קאפיטאלן, כדי נאָך מער צו פארגרעסערן

די אונטערנעמונג. דעריבער האָט ער געקוקט אויפן אַרבעטער, ווי אויף אַ מאַשין. אַלע זיינע אָנשטרענגונגען האָט ער אָנגעווענדט דערויף, אַז די־דאָזיקע מאַשין זאָל אים קאָסטן וואָס ביליקער און אויסאַרבעטן וואָס מערער. אַזוי האָט דער קאַפּיטאַליסטישער אופן פון פּראָדוצירן אַרויסגעשטעלט איינע פון די וויכטיקסטע פראַגן פון XIX י. ה. — די אַרבעטער־פראַגע. דער אונ־טערנעמער סטאַרעט זיך פאַרגרעסערן די אַרבעטסשעהן און פאַרקלענערן דעם אַרבעטסלוין; דער אַרבעטער זעט אין דעם אונטערנעמער אַ שונא און אַן עקספּלואַטאַטאָר. וואָס מער עס וואַקסט די עשירות, אַלס גרעסער ווערט דעם אַרבעטערס אָרעמקייט. די מאַשינען און די ירידה פון דער קליינער פּראָ־דוקציע האָבן געשאַפן אַזאַ מאַסע פרייע אַרבעטס־הענט, אַז די פאָדערונג אויף אַרבעט שטייגט אַריבער דעם אָנבאָט פון אַרבעט, דער אַרבעטסלוין פאַלט ני־דעריק, די לאַגע פון אַ פולע אַרבעטער איז געוואָרן ערגער, איידער פאַר דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע, און אַ היפּשער טייל פון די אַרבעטער איז גע־בליבן פאַרמשפּט אויף הונגער און נויט.

ביז מ'האָט איינגעפירט מאַשינען, האָבן די ענגלישע וועבער געוואוינט אין די דערפער לעבן שטאָט, וואו זיי פלעגן פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן צו די רייזנדיקע אַגענטן. זיי האָבן געלעבט אין אַ געזונטער סביבה, פאַרדינט גענוג, זייערע קינדער זיינען געוואַקסן אויף דער פרייער דאָרפסלופט, אָפט געהאָלפן די עלטערן. וועגן דעם שרעקלעכן צוועלף־שעהדיקן אַרבעטסטאָג פון קינ־דער אין דער פאַרדומפּענער אַטמאָספער פון דער פאַבריק האָט מען נאָך דעמאָלט קיין באַגריף ניט געהאַט. אין ענגלאַנד, דעם קלאַסישן לאַנד פון דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש, זיינען אין די דרייסיקער יאָרן ברויט און קאַרטאָפל געווען כמעט די איינציקע שפּייז ביי די וועבער. פלייש איז געווען אַ גרויסע זעלטנהייט.

דערדאָזיקער קאָנטראַסט פון די אינטערעסן האָט זיך אַרויסגעוויזן תיכף, ווי די אינדוסטריע האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען. די אַרבעטער האָבן גלייך פון אָנהייב אָן געמאָלדן אַן אַנטשלאָסענעם קריג דער נייער אָר־דענונג, און דער קאַמף צווישן די ביידע קלאַסן הייבט זיך אָן נאָך אין XVIII יאָרהונדערט.

אין אָנהייב האָט דערדאָזיקער קאַמף געטראָגן אַ ריין סטיכישן כאַראַק־טער: די אַרבעטער קעמפן קעגן דער נייער אָרדענונג פון אינדוסטריעלן לעבן אָן אַ באַשטימטן פּלאַן. זייער אויפגאַבע איז חרוב מאַכן; זיי גיסן אויס זייער צאָרן אויף דער הויפּט־שטיצע פון דער אינדוסטריעלער אָרדענונג—קעגן דער

מאַשין. דידאָזיקע סטאַדיע פֿון קאַמף דריקט זיך אויס אין אויפֿשטאַנדן אָן אַ צאָל. די ערפֿינדונג פֿון דער שפּינמאַשין „דזשעני" האָט אַרויסגערופֿן אַ גאַנצע ריי אויפֿשטאַנדן אין דער געבורטסשטאָט פֿון איר ערפֿינדער דזשעמס האַרגריווס: המונים שפּינער האָבן זיך אַרייַנגעריסן אין די הייזער, וואו עס זייַנען געווען שפּינמאַשינעס און צעבראָכן אַלע מאַשינעס, וועלכע האָבן געהאַט מער פֿאַר 20 שפּינדלעך. האַרגריווס האָט געמוזט אַנטלויפֿן פֿון דער שטאָט. אָרקראַיטס מאַשין האָט אַרויסגערופֿן נאָך אַ גרעסערן צאָרן: דער המון האָט פֿאַרברענט און צעריבט אַ פֿולע פֿאַבריק, וואָס אָרקראַיט האָט אויסגעבויט, און די רעגירונג האָט געמוזט אַרויסשיקן חייל, כּדי אַייַנצושטילן דעם אויפֿשטאַנד און אָפּצוהיטן די פֿאַבריקאַנטן. לסוף איז אין ענגלאַנד געשאַפֿן געוואָרן אַ געהיימע געזעלשאַפֿט „לעדיטן", וואָס האָט זיך געשטעלט דעם ציל חרוב צו מאַכן די מאַשינען. די רעגירונג האָט אָנגענומען אויסערגעוויינלעכע מיטלען צו באַקעמפֿן די צעשטערער. אין ענגלאַנד האָט מען פֿאַר צעברעכן אַ מאַשין באַשטראָפֿט מיט טויט, און עטלעכע אַרבעטער האָט מען אויפֿגעהאַנגען. אין דער ווייטערדיקער סטאַדיע פֿון קאַמף פּרוּוון די אַרבעטער אָפּצושטעלן דעם גאַנג פֿון דער געשיכטע מיט לעגאַלע מיטלען. זיי פֿאַראייניקן זיך אין אַסאָציאַציעס, וועלכע שטרעבן צוריק אויפֿצושטעלן די אַלטע באַציאונג צווישן די אַרבעטער און באַלעבאַטים. זינט עס איז אַרויס דער געזעץ פֿון 1824 יאָר, וועלכער האָט מבֿטל געמאַכט אַלע אַקטן, וואָס פֿאַרבאָטן אַרבעטער־אַסאָציאַציעס, ווערן די פֿאַראייניגן פֿון די אַרבעטער לעגאַל. די פֿאַראייניגן דערלאַנגען פּעטיציעס צו די רעגירונגען, שטעלן שטרייקן, כּדי בייטן די פֿאַבריקאַנטן, זיי זאָלן זיך צוריקקערן צו די פֿריערדיקע אופֿנים פֿון פּראָדוקציע. אין 1812 איז אין ענגלאַנד, למשל, פֿאָרגעקומען אַ גראַנדיעזער שטרייק, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט 40,000 וועבער. אין דערזעלבער צייַט לערך האָבן די אַרבעטער דערלאַנגט אין פֿאַרלאַמענט אַ ריי פּעטיציעס, אונטער וועלכע עס זייַנען געווען אונטערגעשריבן מער פֿאַר 30,000 חתימות. אָבער כּל־זמן די אַרבעטער זייַנען אַרויסגעטראָטן ווי שונאים פֿון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע גופֿא, אַנטקעגן די נייַע פֿאָרמען פֿון פּראָדוקציע, האָט זייער באַוועגונג ניט געקענט האָבן קיין ערפֿאָלג, און די מאַסן זייַנען אַלץ מער און מער אָרעם געוואָרן. דער אייַנציקער פּאָזיטיווער רעזולטאַט פֿון דערדאָזיקער באַוועגונג איז געווען דאָס, וואָס דער קלאַסנבאַוואוסטזיין האָט זיך פֿאַרשטאַרקט: די אַרבעטער האָבן פֿאַרשטאַנען די געמיינשאַפֿט פֿון זייערע אינטערעסן און זיך אויסגעלערנט אַרויסצוטרעטן אין אָרגאַניזירטע מאַסן. און אין דער ווייטערדיקער סטאַדיע פֿון קאַמף צווישן אַרבעט

און קאַפיטאַל האָבן זיי זיך באַנוצט מיט דערדאָזיקער געוווינהייט צום אָרגאַניזירטן קאַמף. די ווייטערדיקע סטאַדיע איז כאַראַקטעריסטיש דערמיט, וואָס די אַרבעטער-פאַראיינען שטרעבן שוין ניט צוריקצוקערן דעם עבר, זיי קעמפן, אַזוי צו זאָגן, אין די גרעניצן פון דער קאַפיטאַליסטישער אָרדענונג גופא. די דאָזיקע פאַראיינען ווערן אַ גריילעכע קראַפט, פאַר וועלכע די קאַפיטאַליסטן ציטערן אָפט. די פאַראיינען שטרעבן איינצושטעלן אַ נאָרמאַלן אָפמאַך פאַר אונטערנעמונגען פון איינעם און דעמזעלבן מין אין אַ באַשטימטן ראַיאָן. פון דעם דאָזיקן נאָרמאַלן אָפמאַך קאָנען ניט אָפטרעטן ניט די אַרבעטער—מיטגלידער פון פאַראיינען, ניט די באַלעבאַטים פון די אונטערנעמונגען. די צייט, ווען די באַלעבאַטים האָבן אויסגענוצט די שלעכטע לאַגע פון דעם באַזונדערן אַרבעטער, אים פאָרגעלייגט באַדינגונגען, וועלכע זיי האָבן געוואָלט, און אַרויסגעצויגן פון אים גאָר דעם זאַפט, — הייבט אָן אַריבערצוגיין אין דער געשיכטע. דאָס, וואָס דער באַלעבאָס האָט געקענט טאָן מיט אַן אַרבעטער, האָט ער זיך ניט באַשלאָסן צו טאָן מיט דעם פאַרבאַנד, מחמת ער האָט דעמאָלט ריזיקירט צו בלייבן גאָר אָן אַרבעטער. כל-זמן יעדער אַרבעטער האָט געטראַכט נאָר וועגן זיך, איז דעם באַלעבאָס לייכט געווען צו געפינען נייע הענט, אָנשטאָט דעם אַרבעטער, וועלכער האָט ניט מסכים געווען צו אַרבעטן אויף שלעכטע באַדינגונגען. אָבער ווען די אַרבעטער זיינען אַרויסגעטראָטן אינאיינעם, האָט דער באַלעבאָס, האָבנדיק אַ קאָנפליקט מיט איינעם, געמוזט קומען אין צוזאַמענשטויס מיט דעם גאַנצן פאַראיין. די פאַראיינען פירן אָן מיט די שטרייקן, גרינדן ספעציעלע געלטפאָנדן צו שטיצן זיינע מיטגלידער, וועלכע זיינען געבליבן אָן לוין בשעת דעם שטרייק, אַרבעטן אויס פאָרמען פון קאָלעקטיווע אָפמאַכן און אַז. וו. אַדאַנק דעם איז די אַרבעטער געלונגען אויסצוקעמפן בעסערע באַדינגונגען פון אַרבעט.

עס בעט זיך די פראַגע: פאַרוואָס האָט די שווערע לאַגע פון דעם פראָלעטאַריאַט אין XIX י. ה. געבראַכט צו אַזאַ ערנסטער באַוועגונג און אַרויסגערופן אַזאַ דורכגעטראַכטן פראָטעסט קעגן דער עקספלאָאַטאַציע? אין מיטלאַלטער איז דער לייבקנעכט געווען אַ סך מער אָפהענגיק פון זיין סעניאָר, איידער היינט דער אַרבעטער פונם פאַבריקאַנט,—און פונדעסטוועגן איז אין יענער צייט ניט געווען אַזאַ אַלגעמיינע און סאָלידאַרע באַוועגונג פון די אָרעמע קלאַסן קעגן די רייכע. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין מיטלאַלטער האָבן די באַציאונגען צווישן די פעאָדאַלן און די פאַרקנעכטיקטע געטראָגן אין אַ פיל גרעסערער מאָס אַ פאַטריאַרכאַלן כאַראַקטער. אויסערדעם איז די וועלט-

אָנשויאונג פון מיטלאַלטערלעכן מענטשן געווען באַצייכנט מיט אַ געוויסער גאַנצלעכקייט און איינגעשלאָסנקייט. די מיטלאַלטערלעכע מענטשהייט האָט גע-גלויבט, אַז די אַנשטאַלט איז באַשאַפן ניט דורך מענטשן, נאָר דורך גאָט. אפילו די גרעסטע מוחות האָבן דעמאָלט ניט געטרוימט גרינדלעך צו ברעכן די איינגעשטעלטע מנהגים. דאָס סומך זיין זיך אויף אַן אויטאָריטעט, אויף דער טראַדיציע, אויף דעם פּויפּסטס סאַנקציע האָט ניט זעלטן געגייט די אום-צופרידענע באַרואיקן זיך און דערשטיקט דעם פּראָטעסטירנדיקן געדאַנק פון די צופיל נייגיריקע מוחות. ווען אַ מיטלאַלטערישער פּראָלעטאַריער וואָלט צ̇ריינגעפאַלן אין דער לאַגע פון דעם אַרבעטער אין דער ערשטער העלפט פון XIX יאָרהונדערט, וואָלט ער אפשר שלום געמאַכט מיט דער לאַגע פון אַ מענטשן אַ מאַשין, ער וואָלט אין דעם איינגעזען אַ ווילן פון הימל און ניט געטראַכט וועגן מיטלען, ווי צו באַפרייען זיך. אָבער מַכְריז געווען דעם פּרינ-ציפּ «laissez faire», געעפנט ברייטע פרייהייט פאַר זעלבסטטעטיקייט און איני-ציאַטיוו, גענומען אויף דינסט צו דער אינדוסטריעלער אָרדענונג דעם ער-פינדערישן מענטשלעכן געני און זיין געדאַנק, — האָט דער גרויסער קאַפּי-טאַליסט פאַרזען, אַז ער אַנטפּלעקט ניט נאָר די ספערע פון אָנווענדונג פאַר ענערגיע און טאַלאַנט. דער געדאַנק האָט געדינט ניט נאָר די שטאַרקע און די ערפינדערישע מענטשן אין דער היגזיכט פון אָנזאַמלען קאַפּיטאַלן. דער געדאַנק איז צ̇ריינגעדרונגען אין אַלע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, דערונטער אויך אין דער סביבה פון דעם אַרבעטער-קלאַס, און האָט געוועקט אין אים דעם גייסט פון קריטיק און פּראָטעסט.

די ווירקונג, וואָס די אינדוסטריעלע איבערקערעניש האָט געמאַכט אויף די מוחות פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט, וואָלט ניט געקענט זיין אַזוי גרויס, ווען דידאַזיקע איבערקערעניש וואָלט ניט צונויפגעפאַלן מיט די האַס-טיקע ערפאָלגן פון דער וויסנשאַפט. די אַנטדעקונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די לאַבאָראַטאָריעס פון די אויספאָרשער, האָט אויך אַזוי אַנטשלאָסן מיט-געווירקט, אַז די וועלט זאָל זיך רעפאָרמירן, ווי די געזעצן, וועלכע זיינען באַ-שאַפן געוואָרן אויף די רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען. די רעוואָלוציע האָט פאַרזיכערט פולע פרייהייט פאַר וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען; די גרויסע אויספאָרשער האָבן פאַרפעסטיקט דעם ענין פון דער רעוואָלוציע.

די מענטשן פון יענער צייט זיינען פריער פאַר אַלץ אויסער זיך געווען פון דער וויכטיקער שטיצע, וואָס די וויסנשאַפט האָט געגעבן זייערע פּראַק-טישע אויפגאַבן. די אָנווענדונג פון דעם לופט-טעלעגראַף אין 1793 יאָר איז

אויפגענומען געוואָרן ווי אַ התחלה פון אַ נייער תקופה. אויף אַ גרויסן מרחק איינער פונם אַנדערן, אויף העכערע טורעמס האָט מען אויסגעשטעלט אַפּאַראַטן, וואָס זיינען באַשטאַנען פון באַוועגלעכע טיילן, און יעטווידע קאָמבינאַציע פון די טיילן האָט געדינט אַלס באַזונדער שריפטלעכער צייכן, אַ סיגנאַל, וועלכן עס פלעגן תיכּף איבערחזרן אַלע איבעריקע אַפּאַראַטן. מיט דעמדאָזיקן מיטל „צו שרייבן אין דער לופטן" האָט דער קאָנווענט געהייסן תיכּף באַנוצן זיך, כּדי צו שאַפן אַ פאַרבינדונג צווישן פּאַריז און דער צפונדיקער גרעניץ; און דעם 11 אַפּריל 1793 יאָר האָט באַרער צוגעשטעלט אַ באַריכט, אין וועלכן ער האָט געמאָלדן, „אַז די ידיעות ווערן איבערגעגעבן בליצשנעל און די באַפעלן פונם „קאָמיטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער זיכערהייט" גייען דורך אַפילו דורך דער באַלאַגערנדיקער אַרמיי". דעם 1-טן סעפּטעמבער זיינען אַלע אַפּאַראַטן פון דער צפון-ליניע געקומען אין באַוועגונג, און פּאַריז האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם גרויסן יום-טוב: „די שטאָט קאָנדע—האָט מודיע געווען די טעלעגראַמע,— איז צוריקגעקערט דער רעפּובליק, די קאַפּיטולאַציע איז פאָרגעקומען היינט 6 אין דער פרי". אין דעמזעלבן טאָג האָט דער קאָנווענט אַוועקגעשיקט צו דער אַרמיי אַ באַגריסונגס-טעלעגראַם און באַקומען אַן ענטפער פון אירע קאָמאַנדירן. צוזאַמען מיט דעם לופט-טעלעגראַף טרעטן אין דינסט ביי דער אָרמיי אַריין די אַעראָסטאַטן. ווען עס פעלן אויס האַרמאַטן און קיין מעש פון דייטשלאַנד קאָן מען ניט צופירן, ווייזן די ערפינדער אַ מיטל, ווי אַזוי שנעל צו פאַרוואַנדלען די קירכנגלעקער אין האַרמאַטן, און די נאַציאָנאַלע סטאַטוע פון זשאַנע ד'אַרק ווערט איבערגעגאָסן אין צוויי האַרמאַטן: „זשאַנע" און „בתולה". די געלערנטע ווייזן אויך אָן, ווי אַזוי שנעל צו באַקומען פּולווער, אָבער קיינע קרעפטן פון דער נאַטור האָבן ניט פאַר דער מענטשהייט אַזוי פיל פאַרדינסט, ווי די קראַפט פון דאַמף און עלעקטריציטעט.

נאָך אין 1712 יאָר האָט דער ענגלענדער ניוקאָמען אַוועקגעלאָזן אַ דאַמפּמאַשין, וועלכע האָט, ניט קוקנדיק אויף איר פּרימיטיווער קאָנסטרוקציע, פאַרביטן 60 פערדקראַפט און אויף 6 מאָל פאַרקלענערט די הוצאות פון פאַרשיידענע אויסאַרבעטונגען. אָבער ביזן סוף פון XVIII י. ה. האָט דידאָזיקע מאַשין ניט באַקומען קיין פאַרשפּרייטונג. ערשט אין דער צווייטער העלפט פון יאָרהונדערט האָט זיך דזשעמס וואַט פאַרנומען מיט פאַרפולקומען דידאָזיקע מאַשין. און ער האָט אין איר אַריינגעטראָגן אַזאַ אויסבעסערונג, וועלכע האָט געגעבן די מעגלעכקייט איבערצוגעבן די קראַפט אויף אַ ווייטן שטח און אָנצווענדן דעם דאַמף ביים איבערפירן משאות אויפן ים און אויף דער יבשה. דער

ערפינדער האָט נאָך פאַרן לעבן געזען די רעזולטאַטן פון זיין מי. ער איז גע־שטאָרבן דעם 19 אווגוסט 1819 יאָר; אָבער שוין אין 1807 האָט פולטאָן אוועקגעלאָזן די ערשטע דאַמפשיף אויפן וואַסער, און סטעפענסאָן—דעם ערשטן לאָקאָמאָטיוו, וועלכער האָט נאָך זיך געשלעפּט אַכט וואַגאָנעס מיט 30,000 קי־לאָגראַם משא, מאַכנדיק 6,4 קילאָמעטער אַ שעה. די ווירקונג, וואָס די אייזנ־באַנען און די דאַמפשיפן האָבן געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוס־טריע, אויפן מסחר אויף דעם גייסטיקן טויש פון דער מענטשהייט, איז ניט אויסצומעסטן.

ניט ווייניקער וויכטיקע רעזולטאַטן האָבן געגעבן די אַנטדעקונגען אויף דעם געביט פון עלעקטריציטעט. ביז סוף פון XVIII י. ה. איז באַוואוסט געווען נאָר די סטאַטישע עלעקטריציטעט. אַ דאַנק די עקספּערימענטן פון דעם באָלאָ־נער פּראָפעסאָר גאַלוואַן איז אַנטדעקט געוואָרן די דינאַמישע עלעקטריציטעט. די גרעסטע אָנווענדונג פון דער נייער אַנטדעקונג איז געווען דער ערפונדענער אין 1811 יאָר עלעקטרישער טעלעגראַף, וואָס האָט אזוי ווי צונויפגעגאָסן די גאַנצע וועלט אין איין משפחה. שטרעקעס האָבן אויפגעהערט צו עקסיסטירן; דער פאַרקער צווישן מענטשן האָט דערגרייכט אַזאַ שנעלקייט, וועגן וועלכע עס האָבן אפילו ניט געטרוימט די דרייסטסטע מוחות פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט.

אָבער די גרויסע וויסנשאַפטלעכע ערא‎ָבערונגען האָבן מיטגעווירקט דער איבערקערעניש ניט נאָר אין די ספערן פון טאָג־טעגלעכן לעבן. זיי האָבן גע־מוזט שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון דעם מענטשנס געדאַנק, מאַכן אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דעם באַוואוסטזיין פון דער אייראָפּעאישער גע־זעלשאַפט. זיי האָבן געמוזט ענדגילטיק באַפרייען דעם מענטשנס שכל פון דעם אויטאָריטעטס מאַכט און אָפּקערעווען זיין אויפמערקזאַמקייט אויף צו פאָרשן די נאַטור. דאָס וואונדערלעכע און אומגעווייגלעכע האָט געמוזט אָפּטרעטן פאַר דער נאַטירלעכער ערקלערונג פון די ערשיינונגען, וועלכע מ׳זעט. די וויסנ־שאַפט האָט ניט נאָר אוועקגעגעבן אין דעם מענטשנס מאַכט די קרעפטן פון דער נאַטור, ניט נאָר אויסגעבעסערט די באַדינגונגען פון לעבן,—זי האָט גע־געבן אַ נייע ריכטונג דעם מענטשנס פאָרשונגס־גייסט.

אין 1812 יאָר איז אַרויס דאָס בוך פון זשאָרזש קיוויע (1769 — 1832) .Recherches sur les ossements fossiles דער מעטאָד גופא פון זיינע אויס־פאָרשונגען, די פאָרמע פון זיין שרייבן זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער וויסנשאַפט פון דער נייער צייט. קיוויע איז אַן אַנטשלאָסענער קעגנער פון אַלע אומדייטלעכקייטן, פון אַלע מיסטישקייטן אין דער וויסנשאַפט. בשעת

אין XVIII י. ה. האָט מען ליב געהאַט סומך צו זיין זיך אויף די נאַטירלעכע פּאָדערונגען פון שכל, אויף דער טראַדיציע, האָט קיוויע געגלויבט נאָר אין פאַקטן און אין די אויספירן, וואָס קאָנען פון זיי געמאַכט ווערן. זיינע „אויספאָרשונגען" זיינען געווען אַן אמתע אַנטפּלעקונג. ער האָט צוריק געלאָזט געבאָרן־ווערן פון דעם חושך פון די ווייטסטע צייטן שוין לאַנג פאַרשוואונדענע מינים פון בעלי־חיים, וועלכע די מענטשלעכע פאַנטאַזיע האָט זיך אַמאָל פאָרגעשטעלט אַלס מיסטישע גיגאַנטן. קיוויעס אויסגאַנגס־פּונקט און זיינע אויספאָרשונגען איז געווען דער פּרינציפּ פון קעגנפּאַסיקייט פון די איברים. פון דעמדאָזיקן פּרינציפּ האָט געשטאַמט זייער אַ וויכטיקער אויספיר: ווען מ'ווייס די אָפּהענגיקייט, וועלכע עקסיסטירט צווישן באַזונדערע איברים, איז ניט שווער לויט איינעם פון זיי צו באַשטימען אַלע איבעריקע. און קיוויע האָט ממש באַוויזן וואונדער אויף דעם געביט פון פּאַלעאָנטאָלאָגיע. בשעת ער האָט צום ערשטן אויפגעשטעלט די סקעלעטן פון עטלעכע אומבאַוואוסטע לאַנג פאַרשוואונדענע חיות לויט עטלעכע ביינער, האָבן די סקעפּטיקער, ווי געוויינלעך, באַגעגנט דעם אויפטו מיט אַ שמייכל פון אומצוטרוי. אָבער ווען די שפּעטער געפונענע סקעלעטן האָבן באַוויזן, אַז קיוויעס השערות זיינען גענוי אין אַלע פּרטים, זיינען די געליטענע שטאַרק געוואָרן צעטומלט פון די גלאַנציקע פּערספּעקטיוון, וואָס די נייע וויסנשאַפט אַנטפּלעקט. די עפּאָכע פון מאַמאָנטן און איכטיאָזאַווורען האָט אויפגעלעבט אין קיוויעס אויספאָרשונגען. דער גרויסער געלערנטער האָט געהאַט זיינע פאָרגייער, די אויסגעגראָבענע ביינער האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט סיי אין דער אַנטיק צייט, סיי אין דעם מיטלאַלטער, אָבער די געלערנטע, וואָס האָבן זיך מיט זיי אינטערעסירט, האָבן זיך ניט געקענט אָפּזאָגן פון די לעגענדאַרע מסורות. זיי האָבן אין זיי געזען שיריים פון ריזן און פון העלדן, פון מענטשן, וועלכע זיינען אומגעקומען אין מבול, האָבן זיך געסטאַרעט צופּאַסן די נייע פאַקטן צו די אַלטע פאָרשטעלונגען, האָבן צונויפגעפלאָנטערט וויסנשאַפטלעכס מיט פאַנטאַסטישס. וואָס נעענטער צום XIX י. ה. הייבט דער גייסט פון שטרענגער אויספאָרשונג אַלץ מער אָן מנצח צו זיין די אַלטע מעטאָדן פון ערקלערן, און קיוויע זאָגט זיך שוין לגמרי אָפּ אונטערצוגעבן זיך אויטאָריטעטן.

אין זיינע פּאַלעאָנטאָלאָגישע אַנטדעקונגען האַלט זיך קיוויע ביים פּרינציפּ פון באַשטענדיקייט, פון אומענדלעכקייט פון די מינים. ער ווייס נאָך ניט דעם געזעץ פון עוואָלוציע, וועלכער זאָגט, אַז יעדע פאָרם איז אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגער קייט איבערגאַנגס־פאָרמען. קיוויע מיינט, אַז די ערד האָט איבער-

געלעבט אַ ריי איבערקערענישן, קאַטאַסטראָפעס. יעדע געאָלאָגישע עפּאָכע האָט געהאַט באַזונדערע מינים. יעדער מין פֿאַונע איז געווען אַ פּועל־יוצא פֿון אַ נייעם שעפּערישן אַקט, און האָט זיך ניט געפֿונען אין קיין פֿאַרבינדונג מיט דעם פֿריערדיקן מין, וואָס איז אומגעקומען אין אַ קאַטאַסטראָפֿע. קיוויעס לערע וועגן דער זעלבשטענדיקייט פֿון די מינים בעלי־חיים האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַן אַנדער לערע — וועגן דער איינהייטלעכקייט פֿון דער בעלי־חיים־אָרגאַניזאַציע — וואָס איר הויפּט־פֿאָרשטייער איז אין XVIII י. ה. געווען ביופֿאָן. לויט ביופֿאָנס מיינונג, איז ניטאָ קיין אונטערשייד ניט נאָר צווישן באַזונדערע מינים חיות, נאָר אפֿילו צווישן חיות און צמחים. עס עקסיסטירט אַן אומאיבערגעריסענע קייט פֿון איבערגאַנגס־מדרגות פֿון סאַמע נידעריקן מין צמחים ביז דעם פֿולקומענסטן בעל־חי. אָבער קיוויע איז געבליבן אַ קעגנער פֿון עוואָלוציאָניזם ניט דערפֿאַר, וואָס אים האָט אויסגעפֿעלט טיפֿקייט פֿון שכל. דער דעמאָלטיקער צושטאַנד פֿון דער וויסנשאַפֿט האָט נאָך ניט געקענט געבן גענוג מאַטעריאַל צו פֿאַרפֿילן די בלויזן צווישן פֿאַרשיידענע מינים פֿון דער פֿאַונע. און כּל־זמן עס האָבן געפֿעלט די פֿאַרבינדונגס־פֿאָרמען, האָט קיוויע געהאַלטן פֿאַר גלייכער ניט אָנצונעמען די היפּאָטעזן פֿון שטופּנווייזער אַנטוויקלען זיך איין פֿאָרם פֿון דער צווייטער. ניט קוקנדיק אויף קיוויעס פֿעלערן, בלייבט פֿאַר אים די גרויסע באַדייטונג ניט נאָר אין די ספּעציעלע געביטן פֿון פֿאַרגלייכלעכער אַנאַטאָמיע, געאָלאָגיע און פּאַלעאָנטאָלאָגיע, נאָר אויך אין דער קולטור־געשיכטע בכלל.

אַזעלכע מענטשן, ווי קיוויע, האָבן געדינט אַלס לעבעדיקער באַווייז, אַז די וויסנשאַפֿט האָט זיך געשטעלט אויף אַ ריכטיקן וועג. די פֿאַוסטן, וועלכע האָבן שוין מקבר געווען די וויסנשאַפֿט דערפֿאַר, וואָס זי האָט פֿאַר זיי ניט אַנטפּלעקט די סודות פֿון דער וועלטבאַשאַפֿונג, האָבן אָפּגעטראָטן זייער אָרט פֿאַר אַ נייעם טיפּ געלערנטע, וועלכע האָבן צו דער וויסנשאַפֿט ניט אַרויסגעשטעלט קיין אומוויסנשאַפֿטלעכע פֿאָדערונגען. דער נייער געלערנטער אינטערעסירט זיך שוין ניט מיט דער פֿראַגע „פֿאַרוואָס" און „צוליב וואָס" קומט פֿאַר דאָס אַלץ, וואָס ער זעט, נאָר אים אינטערעסירט ווי אַזוי קומט עס פֿאָר. דער געדאַנק, אַז דאָס פֿאָרשן די פֿאַקטן איז דער בעסטער מורה־דרך אין אַלע פֿאָרמען פֿון טעטיקייט, הייבט אָן אַלץ מער צו פֿאַרנעמען אַ הערשנדיקע לאַגע. דער דאָגמאַטיזם טרעט אַלץ מער אָפּ פֿאַר פֿאָרשונג, עקספּערימענט און באַאָבאַכטונג, וועלכע האָבן אָנגעפֿאַנגען זייער זיגרייכן מאַרש זינט בעקאָנס צייטן. אין הסכּם מיט דער אַנט-

וויקלונג פון דער נאַטורוויסנשאַפט דרינגען די וויסנשאַפטלעכע בליקן אַריין סיי אין די סאָציאַלע טעאָריעס, סיי אין דער ליטעראַטור. דער מעטאָד פון נאַטורוויסנשאַפטלעכער פאָרשונג ווערט אָנגעווענדט אויך אין פּאָליטיק, אויך ביים צוגרייטן זיך צו קינסטלערישער טעטיקייט. אַפילו די אוטאָפּיסטן-טרוימער, וואָס האָבן גערופן אויף צוריק, צום עבר, האָבן אויך ניט געקענט, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, באַשטיין אַנטקעגן דעם אײַנפלוס פון די וויסנשאַפטלעכע ווינטן. שאַטאָבריאַן מאַכט אַ פּראָבע ווידער אויפצושטעלן דעם בנין פון קאַטויליציזם אויף דעם פונדאַמענט פון היסטאָרישער אויספאָרשונג. דער רוף צו שטרענגער פאָרשונג הערט זיך אויך אין דער מעלדונג פון אַזעלכע סאָציאַלע נביאים, ווי סען-סימאָן, וואָס ביי גאָר זיין נייגונג צום קאַטויליציזם, האָט ער אַרויסגעזאָגט דעם געניאַלן געדאַנק, אַז די אמתע קאָנסטיטוציע דאַרף זיין ניט ערפונדען, נאָר אַנטדעקט. די שטרענג-וויסנשאַפטלעכע פּרינציפּן דרינגען אַריין אויך אין דער ליטעראַטור. אין דער צייט פון פּסעוודאָקלאַסיציזם האָט מען די קענטעניש געשטעלט העכער פאַר טאַלאַנט, אָבער דאָס איז געווען אַ קענטעניש פון געזעצן ניט אַנטדעקטע, נאָר דווקא ע ר פ ו נ ד ע נ ע, דאָגמאַטישע, באַשאַפענע דורך דער אַקאַדעמיע און בואַלאָ. און ווי האָבן זיך געענדערט די פאָדערונגען, וואָס ווערן אַרויסגעשטעלט צו אַ שריפטשטעלער אין XIX י. ה. „איר ווילט ווערן אַ ליטעראַט, — שרייבט זשאָרזש-זאַנד צו איינעם אַ שריפטשטעלער אַן אָנפאַנגער, וואָס האָט זיך צו איר געווענדט נאָך אַ עצה. „איר קענט עס ווערן, אויב איר וועט לערנען אַלץ. די קונסט איז ניט אַזאַ געשאַנק, וואָס קאָן זיך באַגיין אָן ברייטן וויסן אין אַלע געביטן... איך וואונדערט אפשר, וואָס עס פעלט גרינדלעכקייט אין דאָס רוב פון היינטיקע שרייבעכצן, — אַלץ הענגט אָפּ דערפון, וואָס עס פעלט אַ וויסנשאַפטלעכע צוגרייטונג". „ביי אייך איז פאַרהאַן, — שרייבט זי צו אַ צווייטער פּערזאָן, — אַן איינגעבאָרענער פאַרשטאַנד און אַ חשק צו קונסט, אָבער איר קענט זיך יעדע רגע איבערצייגן, אַז דער קינסטלער, וואָס ער איז מער ניט ווי קינסטלער אויסשליסלעך, איז מאַכטלאָז, ד. ה. מיטלבאַר, אָדער ער לאָזט זיך אַריין אין עקסטרעמען — ד. ה. ער איז זינגלאָז... איר מיינט, אַז מען קאָן זיך באַנוגענען נאָר מיט דענקען און עצות פרעגן. מען מוז אַפּריער פיל פאַרדיינען, אַפּריער פיל ליבן, ליידן, וואַרטן, און דערזועלבער צייט ניט אויפהערנדיק צו אַרבעטן. מיט איין וואָרט, איידער מען לאָזט אין גאַנג די שווערד, מוז מען זיך פריער אויסלערנען גרינדלעך פעכטן". זשאָרזש-זאַנד אַליין איז געווען ליידנשאַפטלעך פאַרקאָכט אין נאַטורוויסנשאַפט און

באָטאַניק. מיט דער גרויסער אויפמערקזאַמקייט פון אַ געלערנטן נאַטוראַליסט פלעגט זי זיך אָפּט צוקוקן צו דעם, וואָס איר איז אויסגעקומען צו שיל־דערן. וואָס נעענטער צום סוף יאָרהונדערט, אַלץ מער דערנעענטערן זיך צווישן זיך די וויסנשאַפט און די ליטעראַטור. אין די ערפאָלגן פון נאַטור־וויסנשאַפט דאַרף מען זוכן די וואָרצלען פון דעם נאַטוראַליזם און פון דעם עקספּערימענטאַלן ראָמאַן. אין דידאַקטיקע ערפאָלגן ליגט דער אָנהייב פון דעם פּרווו צו אַנטדעקן די עוואָלוציע פון די ליטעראַרישע מינים.

די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און דער שנעלער וואוקס פון די פּאָזיטיווע קענטענישן האָבן ניט תיכף באַשאַפן די נייע באַציאונגען. דאָס אַלטע איז ניט אָפּגעטראָטן אָן קאַמף. אין איין ריי מיט דעם פּראָגרעסיוון געדאַנק, באַווייזט זיך אַ שטרעבונג צו רעסטאַווירן די פריערדיקע יסודות, אויף וועלכע די געזעלשאַפט האָט זיך געהאַלטן. דאָס ערשטע יאָר פון XIX י. ה. איז באַצייכנט מיט דער גרויסער פייערונג פון „שלום שליסן צווישן דער רעוואָלוציע און הימל". דעם 15 יולי 1801 יאָר איז צווישן דעם פּויפּסט פּיוס דעם VII מיט באָנאַפּאַרטן געשלאָסן געוואָרן אַ קאָנקאָרדאַט. די קירך, וועלכע איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע, איז ווידער אויפגע־שטעלט. אָבער דעם גרויסן באָנאַפּאַרטן איז אויסגעקומען רופן צו הילף גאָר זיין אייזערנע ענערגיע, כדי צוצוגעבן דער פייערונג אַן ערנסטן אויסזען. דעם פּויפּסטס שליח איז אַריינגעפאָרן קיין פּאַריז ביידערנאַכט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, די באַפעלקערונג זאָל אים ניט אויסלאַכן. דעם גילדערנעם צלב, וואָס לויט דעם מנהג פון דער קירך האָט מען אים געדאַרפט טראָגן פאַר דעם פּויפּסטס לעגאַט, וועלכער האָט געהאַט אויסערגעוויינלעכע באַפול־מעכטיקונגען, האָט מען געמוזט אַריבערפירן אין אַ קאַרעטע. בשעת דער פייערלעכער גאָטסדינסט אין דער קאַטעדראַל־קירך פון פּאַריזער גאָטס־מוטער האָבן באָנאַפּאַרטס גענעראַלן אין די פּאַראַדמונדירן קוים איינגעהאַלטן זיך פון געלעכטער, גלייך ווי מען וואָלט זיי איינגעלאַדן ביייצוזיין אויף אַן אומ־אויסמיידלעכער קאָמעדיע, און אויף אַ ניט קיין ערנסטער צערעמאָניע. אין מלוכה־ראַט האָט מען די ידיעה וועגן דעם קאָנקאָרדאַט אויפגענומען מיט טויטער שטילקייט, און אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג איז ער דורכגעפירט געוואָרן, ווען מען האָט אַרויסגעטריבן די אָפּאָזיציע. די אַמאָל אַלמעכטיקע קאַטוילישע קירך האָט זיך צוריקגעקערט קיין פראַנקרייך בגנבה אונטער דער דעקע פון דער נאַכטפינסטערניש, אונטערן שוץ פון דעם געניאַלן אַוואַנטו־ריסט, וואָס האָט פון איר געמאַכט אַ געצייג פאַר זיינע צילן און טייער פאַר־

קויפט יעדע הנחה, וואָס ער האָט געמאַכט דעם פּויפּסט פּרעטענזיעס. די רעסטאַווראַציע פון די בורבאָנס האָט געגעבן נייע שטיצע די קלעריקאַלן, אָבער קיינע שטרענגע אויסעראָרדנטלעכע מיטלען האָבן שוין ניט געקענט צוריקקערן די פריערדיקע באַדייטונג פון דער קאַטוילישער קירך און אומקערן די מלוכה צו דער טעאָקראַטישער אָרדענונג. דער נצחון פון די ראָיאַליסטן איז אויך געווען אַזוי ווייניק דויערהאַפט, ווי דער נצחון פון דעם קלעריקאַ-ליזם. די ראָיאַליסטן האָבן מיט אכזריות געפייערט זייער נצחון; נאַפּאָלעאָנס גענעראַלן האָט מען צעשאָסן, בירגער פלעגן אַרעסטירט ווערן פאַרן קלענסטן חשד; אין אייניקע דרומדיקע שטעט האָבן די ראָיאַליסטן געמאַכט אַ שחיטה, בשעת וועלכער מען האָט ניט געשוינט אַפילו קיין פרויען און קיין קינדער. צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן זיך געמאַטערט אין די תפיסות. אין די לערנביכער איז פאַרבאָטן געוואָרן צו רופן נאַפּאָלעאָנען אימפּעראַטאָר, נאָר גענעראַל פון זיין מאַיעסטעט לודוויק דעם XVIII. די אַלטע מיוחסים פון פאַר דער רעוואָלוציע האָט לודוויק דער XVIII אַרויסגעוויזן פיל מער אויפמערקזאַמקייט, איידער דער נייער אין דער צייט פון דער אימפּעריע אויפגעקומענער. אָבער די אַלע מיטלען האָבן ניט געקאָנט אויפשטעלן דעם גלאַנץ און די מאַכט פון דעם אַלטן אדל, ווי מען האָט ניט געקאָנט ווידער-אויפשטעלן דעם אַלטן אַבסאָלוטיזם, ניט קוקנדיק אויף קאַרל דעם X מעל-דונג, אַז ער וועט בעסער האַקן האָלץ, איידער זיין אַ קיניג אויף אַזעלכע באַדינגונגען, ווי אין ענגלאַנד, און אויף פּאָליניאַקס אומגליקלעכע אָרדאָנאַנסן, וועלכע האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער ווידער אויפגעשטעלטער מאַכט פון די בורבאָנס.

אַזעלכע זיינען געווען די באַדינגונגען, וואָס אונטער זייער השפעה איז געשאַפן געוואָרן די ליטעראַטור אין דער ערשטער העלפט פון XIX יאָרהונ-דערט. קיין יאָרהונדערט האָט ניט געהאַט דאָס רעכט אויף דעם טיטל היסטאָ-רישער, ווי דער XIX יאָרהונדערט. די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט, אַ מידע פון די בלוטיקע עקספּערימענטן, פון שנעלן טויש פון מלוכהשע און סאָציאַלע סיסטעמען, שטעלט זיך אַ רגע אָפּ און פאַרטראַכט זיך. קיינמאָל איז נאָך ניט געווען אַזאַ שטרעבונג אַרומצוקוקן זיך אויף דער פאַרגאַנגענהייט, אונטערפירן אונטער איר אַ סך-הכל, אויף איר גרונט פעסטשטעלן די געזעצן פון דער אַנט-וויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דווקא אין XIX יאָרהונדערט מאַכט די פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע אַזעלכע גלענצנדע עראָבערונגען, וואָס זיינען ביז דעמאָלט ניט געווען באַקאַנט. אין דער ערשטער העלפט פון XIX

י. ה. האָבן זייער איבערצייגטע פאָרשטייער כמעט אַלע וועלטאָנשויאונגען, אַלע סיסטעמען, וועלכע זיינען נאָר ווען־עס־איז געווען. די פריידיקט וועגן פלינדער אונטערטעניקייט צום אויטאָריטעט לעבט זייט ביי זייט מיט דעם בעסטן גלויבן אין דער אומאָפהענגיקייט און אין דאָס רעכט פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט, מיסטישע פלוידעריי — מיט פאָזיטיווער שטרענג־וויסנשאַפטלעכער וועלטאָנשויאונג, פעסימיזם מיט לעבעדיקן גלויבן אין פראָגרעס, מיט הייסן שטרעבן צו וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, צו געזעלשאַפטלעכן קאַמף, די אידעאַליזירונג פון דער קלאַסישער וועלט — מיט אַסקעטיזם. סיי דער קאַטוילציזם, סיי דער קריטישער גייסט האָבן גלייך גלענצנדע און באַגאַבטע אַדעפטן. אין דער ליטעראַטור בליט דער קולט פון דער קאַפריזער פאַנטאַזיע, ווערט געפריידיקט אָפצוזאָגן זיך פון לעבן, און צוזאַמען דערמיט שטעלט דווקא די־אָזיקע צייט אַרויס דעם פרינציפ פון רעאַליזם, פאָדערט פון קינסטלער גריבלדיקע, כמעט וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג פון דער ווירקלעכקייט. די ערשטע העלפט פון XIX י. ה. — דאָס איז די עפאָכע פון איבערשאַצן די ירושה פון דעם אויפקלערונגס־יאָרהונדערט, דער קריטישער קאָנטראָל פון די אַרויסגעשטעלטע דעמאָלט אידעאַלן, דאָס איז דער משפט צווישן XVIII י. ה. פון איין זייט, און צווישן די יאָרהונדערטן פון פעאָדאַליזם און פויפסטנטום — פון דער צווייטער זייט.

II.

דער פעסימיזם אין אָנהייב פון יאָרהונדערט. — גראַף דזשאַקאָמאָ לעאָפאַרדי. — זיינע וויסנשאַפטלעכע באַשעפטיקונגען. — גרעפין מאַלוועצי. — דער קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון איטאַליע און לעאָפאַרדיס באַציאונג צום דאָזיקן קאַמף. — פאַטריאָטיזם און ליבע אין לעאָפאַרדיס ליריק. — די באַציאונג צו דער תקופה, צו דעם וואוקס פון דער אינדוסטריע און דעם ערפאָלג פון דער טעכניק. — לעאָפאַרדיס פילאָזאָפיע. — דער געזעץ פונם אַלגעמיינעם ליידן. — דער מענטש און די נאַטור. — דער מהות פונם לעבן. — די וויסנשאַפט און די מאַסע. — די פערזענלעכקייט און די מאַסע. — לעאָפאַרדיס קאָנסעקווענטקייט און די גאַנצקייט פון זיין וועלטאַנשויאונג.

מיר האָבן געזען, ווי ביי די פאָעטן פון וועלט־שמערץ, וועלכע האָבן ניט פאַרלאָרן דעם חוש פאַר זייער צייט, האָט דער פעסימיזם ביסלעכווייז אָפגעטראָטן דאָס אָרט פאַר דער הייסער ליבע צו דער מענטשהייט, פאַר דעם ניכטערן סאָציאַלן אינסטינקט, פאַר פאָזיטיווע וויסנשאַפטלעכע באַדערפעגישן.

באַיראָן ענדיקט זיין לעבן אין קאַמף פאַר גריכנלאַנדס באַפרייאונג. פאַוסט, וועלכער טרויערט פון אָנפאַנג אויף דער מאַכטלאָזיקייט פון דער וויסנשאַפט, ווענדט מיט נוצן אָן צום סוף לעבן זיינע קרעפטן און קענטעניש צום גליק פון די קינפטיקע דורות.

אָבער אין איין ריי מיט דעם האָט אין דער פעסימיסטישער ריכטונג עקסיסטירט אַ צווייטער שטראָם. ניט אַלע פעסימיסטן האָבן זיך געסטאַרעט געפינען אַן אויסגאַנג פאַר זייער יאוש אין פּאָזיטיווער טעטיקייט. דער פעסימיזם, ווי דער אַלטער יאַנוס, האָט געהאַט צוויי צורות. און אויב איין גרופּע פּאָעטן פון וועלט־שמערץ האָבן געקוקט אין דער ווייט פון דער צוקונפט, זיינען די בליקן פון אַ צווייטער גרופּע געווען געווענדט אויף צוריק. דאָס זיינען געווען די צעטומלטע קינדער פון די אַלטע אדלפאַמיליעס, וואָס אָדער זיי זיינען רואיגירט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע, אָדער זיי האָבן ניט געפונען קיין אָרט פאַר זיך אין דער נייער לעבנסאָרדענונג. זייער קלאָג —, דאָס איז דער טרויער צוליב דעם טויט פון דער פעאָדאַל־קאַטוילישער אָרדענונג, צוליב דעם, וואָס עס זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען די אידעאַלן פונם אַדל און די בלינדע אמונה. זיי טיילן זיך אויף צוויי הויפּטגרופּן. איינע פון זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די אַלטע אידעאַלן טויגן ניט פאַר דעם לעבן פון זייער צייט, פונדעסטוועגן זיינען זיי געטריי געבליבן צו דידאָזיקע אידעאַלן, און זיי האָבן דער וועלט גאָרניש ניט געגעבן אויסער לוויה־הימנען און קרענקלעכע יללות. אַנדערע האָבן זיך געסטאַרעט אָנוואַרפן דער נייער מענטשהייט די פריערדיקע גלויבנס, און האָבן איבערגעלאָזן בילדער פון אידעאַליזירטן עבר, — בילדער געמאָלטע מיט נייע פאַרבן און מיט נייע מעטאָדן, און דעריבער אַ ביסל געקינצלטע, אָבער דאָס האָט זייערע אויטאָרן ניט געשטערט צייטנוויז אויפצוהויבן זיך ביז בלענדנדיקער העלקייט און באַשאַפן עכט קינסטלערישע ווערק.

דער איטאַליענישער פּאָעט גראַף דזשאַקאָמאָ לעאָפּאַרדי איז דער גלענצנדסטער פאָרשטייער פון דער ערשטער גרופּע, דער פראַנצויזישער פּאָעט שאַטאָבריאַן — פון דער צווייטער.

לעאָפּאַרדיס פּאָעזיע — דאָס איז דורכאויס אַ הימן צום טויט, אַ טרויעריקער קלאַנג פון קבורה־גלאָק. לעאָפּאַרדיס גורל איז דערפאַר נאָך טראַגישער, וואָס זיין האַרץ איז פול מיט ליבע און קרענקלעכער וואַכזאַמקייט. ער האָט אויך געפרווט אַריינקוקן אין דעם לעבן פון זיין צייט, אָפּרופן זיך אויף פראַגן פון זיין צייט, ער האָט אָבער אינם דאָזיקן לעבן מער גאָרנישט

אײנגעזען, װי פאַרמען, אין װעלכע ער קאָן אָנקלײדן זײנע טרױעריקע רעיונות. דאָס לעבן האָט נאָר באַשטעטיקט דעם געדאַנק, װאָס איז געזעסן אין זײן קאָפּ, אַז די װעלט איז ציללאָז. דאָס לעבן האָט אים נאָר געגעבן מאַטעריאַל צו באַגרינדן און אַנטװיקלען זײן פינסטערע פילאָזאָפיע פון יאוש.

לעאָפּאַרדיס לעבן — דאָס איז אַ דורכאױסיקע געשיכטע פון מכלות און אַנטטױשונגען, אַ גאַנצע עפּאָפּעע פון לײדן, אַ שװערער קאָנפליקט צװישן פריצײטיקער גײסטיקער אַנטװיקלונג און פולקומער פיזישער שװאַכקײט. זײנע פּערזענלעכע אומגליקן האָבן בלי־ספק געשפּילט אַן ערשטקלאַסיקע ראָלע אין דער אױסאַרבעטונג פון זײן פינסטערער װעלטאָנשױאונג. אײניקע ביאָ־גראַפן לעאָפּאַרדיס זעען אין דעם פאַטאַלן קאָנפליקט צװישן זײן גײסט און זײן קערפּער די סיבה פון זײן טראַגישן גורל. אַנדערע גײען נאָך װײטער: זײ װילן אין לעאָפּאַרדיס פילאָזאָפיע ניט אָנערקענען קײן סיסטעם, װעלכע איז געשאַפן געװאָרן דורכן פרײען שכל, און געפינען אין איר נאָר אַן אױפ־ריכטיקע און רירנדיקע אױטאָביאָגראַפיע, באַגײסטערטע און פאַטעטישע זכרונות.

לעאָפּאַרדי (1798—1837) שטאַמט פון אַן אַלטער אַדעליקער משפחה. ער איז געבױרן אין אַ קלײן שטעטעלע רעקאַנאַטי, װאוהין עס פלעגן שװאַך דערגײן די ידיעות װעגן די געשעענישן, װאָס האָבן אױפגערירט גאַנץ אײראָפּע. לעאָפּאַרדיס פאָטער האָט מיט שרעק און צאָרן זיך צוגעהערט צו די װײטע דונערן פון דער פראַנצױזישער רעװאָלוציע און שטרענג אָפּגעהיט זײן הױז פון די נײע װינטן, אונטערגעהאַלטן די אַלטע אַדעליקע טראַדיציעס ניט נאָר אין זײנע ליטעראַרישע אַרבעטן, נאָר אַפילו אין זײן אַרט לעבן, ביז דער קלײדונג אײנגעשלאָסן. דער גראַף מאָנאַלדאָ איז געװען איבערצײגט, אַז דער אַדעליקער, װאָס פאַרגעסט ניט צוצושפּיליען זײן שװערד צום זײט, װעט קײנמאָל ניט באַגײן קײן מיאוסן טאַט; די פּאָליטישע אָנשױאונגען זײנע װערן געגוג קלאָר פון זײן מעלדונג, אַז דער אמתער מאָנאַרך איז יענער, בײ װעלכן דער ערשטער מיניסטער איז אַ תליון. לעאָפּאַרדיס מוטער איז געװען פאַרנומען מיט אײן זאָרג: אױסבעסערן די רואיגירטע פינאַנסיעלע לאַגע. זי האָט קײן באַזונדער השפעה ניט געהאַט אױף דער אַנטװיקלונג פון אירע קינדער. דער גראַף מאָנאַלדאָ, װעלכער איז, ניט געקוקט אױף זײנע רעאַקציאָנערע אָנשױאונגען, געװען אַ געבילדעטער מענטש, האָט געהאַט אין שטוב אַן אױסגעצײכנטע ביבליאָטעק. אין דערדאָזיקער משפחה, װאו אַלץ האָט אָפּגעצױגן די אױפמערקזאַמקײט פון דער צײטס װירקלעכקײט, איז גע־

בוירן געוואָרן אין דעם שווערן יאָר פאַר איטאַליע דער קרענקלעכער יינגל מיט סימנים פון סקראָפל, מיט אומגעוויינלעך אַנטוויקלטער שפּירעוודיקייט. אַנטאָני ראַניערי, לעאָפּאַרדיס בעסטער פריינד, האָט געגעבן אַזאַ פּאָרטרעט פון לעאָפּאַרדי: אַ קליינגעוויקסיקער, מיט אַ געבויגענעם רוקן, מיט זייער אַ בלייך געזיכט, מיט דינע שטריכן, מיט בלויע מאַטע אויגן. דער בוי פון זיין קאָפּ איז געווען ניט רעגלמעסיק — ער איז געווען אַ גרויסער, דער שטערן אַ ברייטער, אַ קוואַדראַטער, אַ שטים האָט ער געהאַט אַ טויבע און אַ שוואַכע. אָבער אין זיין שמערץ איז געווען עפּעס צוציענדיקס ניט צו באַשרייבן, „פּונקט ווי הימלשעס".

די רעקאָנאַטער סביבה האָט געהאַט אַלע באַדינגונגען, אַז דידאָזיקע קרענקלעכע אָרגאַניזאַציע זאָל זיך ווייטער ניט רעגלמעסיק אַנטוויקלען. שנעלער גייסטיקער וואוקס מיט אָפּשוואַכונג פון די פיזישע קרעפטן זיינען ביי אים כסדר געגאַנגען האַנט ביי האַנט. ניט באַגעגנט קיין פאַרשטיין און קיין מיטגעפיל מצד די אַרומיקע, האָט זיך דזשאַקאָמאָ פאַרטיפט אין זיך, און זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווענדט געווען אויף דעם פאָטערס ביבליאָטעק. צו פערצן יאָר האָט ער געוואוסט די אַלטע און די נייע שפּראַכן. אין צוויי יאָר אַרום גיט ער וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען, וועלכע ציען צו די אויפמערקזאַמקייט פון די געלערנטע. צו 18 יאָר שרייבט ער אָן אַ ה י מ ן צ ו נ ע פּ ט ו נ ע ן און אַן אָדע צ ו אַ מ ו ר ן, אַרויסגעבנדיק זיי אין שפּאַס כלומרשט פאַר געפונענע אַנאַקרעאָנס ווערק. די נאָכמאַכונג איז אַזאַ געניאַלע, אַז לעאָפּאַרדיס שפּאַס ברענגט אמתע געלערנטע אַריין אין טעות. צו 22 יאָר פאַרוואונדערט ער דעם געלערנטן ניבורן מיט זיינע קענטענישן. דער פּועל־יוצא פון דער אומאויפהערלעכער אַרבעט און פון דער גייסטיקער איינזאַמקייט איז געווען דאָס, וואָס אין אים האָט זיך אַנטוויקלט אַ מעלאַנכאָליע, אַ פינסטערע, אַ שרעקלעכע און אַן אכזרישע, וועלכע האָט זיך גענערט מיט זיינע באַשעפטיקונגען, און אָן דידאָזיקע באַשעפטיקונגען נאָך מער געשטאַרקט". די קרעפטן — אונטערגעבראָכן, דער אויסערלעכער אויסזען — „דאָס איינציקע, אויף וואָס אַ מענטשס בליק שטעלט זיך אָפּ" — אַ געפּטרטער. דער פאָטער האַלט אים פאַר אַ יינגל, האָט צו אים ניט קיין צוטרויען; און ווען אים געלינגט לסוף אַרויסצורייסן זיך פון רעקאָנאַטי קיין רוים, נעמט ביי אים דער פאָטער אָפּ כמעט יעדע מאַטעריעלע שטיצע.

אין דזשאַקאָמאָס לעבן איז געווען אַ מאָמענט, ווען ער איז גרייט געווען אויפצונעמען דאָס לעבן. ער האָט זיך אין באָלאָניע באַקאַנט מיט דער

גרעפין מאַלוועצי, אַ קלוגע און אַ געבילדעטע פרוי. די גרעפין האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם טאַלאַנטפולן פּאָעט, און די צייט, וואָס זיי האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט אין אינטערעסאַנטע געשפרעכן, זיינען געווען אפשר די איינציקע ביסל גליקלעכע טעג אין לעאָפּאַרדיס לעבן. „דידאַזיקע באַקאַנטשאַפט, — שרייבט ער צו זיין ברודער, — האָט מיר אָפּגעעפנט די אויגן. זי האָט מיך איבערגעצייגט אין דעם, וואָס האָט מיר פריער אויסגעזען אוממעגלעך, — אַז מיר זיינען ווירקלעך באַשאַפן פאַר גליק. זי האָט אויפגעוועקט מיין האַרץ פון שמערץ, אָדער ריכטיקער — פון טויט, וואָס האָט זיך געצויגן אַזוי פיל יאָרן". אָבער דאָס אומגליק האָט געלויערט נאָך דעם פּאָעט. דער גרויטוועלטיקער פרוי האָט לאַנג ניט געקאָנט אינטערעסירן דער מאַנסביל, וואָס זיינע איינציקע מעלות זיינען געווען אָריגינעלער שכל, גרויסע קענטעניש און פּאָעטישער געני. לעאָפּאַרדי, וואָס האָט די פרוי שטענדיק געהאַלטן פאַר אַ העכערן מין וועזן, האָט געמוזט פאַרלאָזן די גרעפין מאַלוועצי, וואָס האָט פאַר אים אַ גלאַנץ געטאָן מיט דעם איינציקן ליכטיקן שטראַל אויף דעם פינסטערן האָריזאָנט אין זיין לעבן, און נאָך קלערער האָט זיך פאַר אים געשטעלט די אידעע, אַז מיר זיינען אַ שפּילצייג ביים צופאַל, אַז דעם גורל איז לייכט מיט איין קלאַפּ צינלאָז און צילּלאָז חרוב צו מאַכן אונזער שיינעם גליק.

און אַפילו די שווערע לאַגע פון דעם פאָטערלאַנד האָט ניט געקענט אויפהייבן דעם גייסט פון דעמדאָזיקן מענטשן מיט צעבראָכענעם האַרצן, מיט געניאַלע פעאיקייטן, וואָס האָט זיך ניט געקענט צופּאַסן צום לעבן. ער האָט געקענט אורטיילן וועגן די געשעענישן פון זיין צייט נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַן אַלטן רוימער, וואָס ער האָט איבערגענומען שטודירנדיק די קלאַסיקער. ער האָט ניט געקענט צערייסן די אָרגאַנישע פאַרבונדנקייט מיט די טראַדיציעס פונם פעאָדאַליזם און פונם גרויסאַרטיקן רענעסאַנס, וואָס דער גראַף מאָנאַלדאָ האָט הייליק אונטערגעהאַלטן. ער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דעם וויסן פון זיין צייט, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון גלויבן, געערט וואָלטערן — דעם קעמפער פאַר פרייזיניקייט, און אין דערזעלבער צייט איז ער ניט צוגעשטאַנען צו קיינע נייע שטרעבונגען און אויפגאַבן. ער איז געווען אַ רעאַקציאָנער אין דעם בעסטן זין פון וואָרט. פאַר אים איז דער עבר געווען דער סימבאָל פון אַלעם דערהויבענעם און גרויסן; אין דער געזעלשאַפט פון זיין צייט און אין דעם נייען לעבן האָט ער איינגעזען דעם טריאומף פון גראָבקייט און מערקאַנטילישקייט, דעם אונטערגאַנג פון גריכישן און פון שיינעם.

אָבער דאָס פאָטערלאַנד האָט פון אירע בעסטע זין געפאָדערט ניט קיין פרוכטלאָזע אָפּגעלאָזנקייט, נאָר ענערגישע און איילנדיקע אַרבעט.

שוין אין דער צווייטער העלפט פון XVIII י. ה. האָט די איטאַליענישע ליטעראַטור אַנטפּלעקט אינטערעס צו פראַגן פון ערשטקלאַסיקער וויכטיקייט. אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע האָבן די לאָמבאַרדישע געלערנטע געקאָנט פאַרנעמען אַן אָרט גלייך מיט די בעסטע ענגלישע פּאָליטיקאָ-עקאָנאָמיקער. די רעפאָרם פון קרימינאַל-רעכט אין אַלע לענדער האָט ניט ווייניק צו דאַנקען דעם ווערק פון מילאַנער בעקאַריאַ „פאַרברעכן און שטראָף". פראַגן פון ערציאונג, האַנדל און ערדאַרבעט האָבן אַלץ מער אָנגעהויבן אינטערעסירן די געזעלשאַפט. די לידער און די פּראָזע פון אַלפיערי האָבן אין די איטאַליענער געוועקט פּאַטריאָטישע געפילן, שטרעבונג צו פרייהייט, שנאה צו די טיראַנען. אויף דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט מען זיך אין איטאַליע אָפּגערופן מיט אַן עכאָ פון מיטגעפיל. אין די שטעט האָבן זיך געגרינדעט געהיימע געזעלשאַפטן, די יוגנט איז געווען צעטראָגן. אַז נאַפּאָלעאָן האָט פאַרנומען איטאַליע מיט זיין אַרמיי, האָט ער זיך געלאָזט מעלדן אַלס רעסטאַווראַטאָר פון דער איטאַליענישער פרייהייט, אָבער אין האַרצן האָט ער אויף דעם אַפּענינישן האַלב-אינזל געקוקט, ווי אויף אַ גוטן רויב-ביסן. מיט זיינע פרייהייטס-ליבּיקע רעדעס האָט דער מנצח, וואָס האָט געהאַט די פעאיקייט צו פאַראייניקן זיינע דעספּאָטישע פּלענער מיט ליבעראַלע אַקטן און רעפאָרמען, אַליין פאַרפעסטיקט אויפן האַלבאינזל די אידעען פון אַ פרייער פאַראייניקטער איטאַליע, און דערווייל האָט ער זי פאַררעטעריש באַרויבט, מיט אָפנהאַרציקן ציניזם פאַרקויפט צו עסטרייך לעבן קאַמפּאָ פאָרמיאָ, און אירע בעסטע זין אַוועקגעפירט שלאָגן זיך פאַר פראַנקרייכס אינטערעסן אין רוסלאַנד, וואו זיי זיינען אויסגעשטאָרבן אין די צפונדיקע שנייען. אַז נאַפּאָלעאָן איז געפאַלן, און אין אייראָפּע האָט אָנגעהויבן הערשן מעטערניכס רעזשים, האָט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין איטאַליע אַרויסגערופן גרויסע אומרואיקייט ביים באַוואוסטן עסטרייכשן מיניסטער. פערדינאַנד דער נעאַפּאָליטאַנישער האָט דער ערשטער געשלאָסן אַ פאַררעטערישן אָפּמאַך מיט עסטרייך, אַדאַנק וועלכן — ווי עס דריקט זיך אויס איין היסטאָריקער, — פערדינאַנדס שפּיאָנען און פּאָליציי זיינען פאַראייניקט געוואָרן מיט מעטערניכס פּאָליציי-שטאַב אין לאָמבאַרדיע. די ווייטערדיקע געשיכטע פון איטאַליע שטעלט מיט זיך פאָר אַן אומאויפהערלעכן קאַמף צווישן דעם בונד פון פרעמדע און אָרטיקע טיראַנען פון איין זייט, מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — פון דער

צווייטער. נאַפּאָלעאָן און זײַנע מענטשן האָבן ניט געשטערט דעם נצחון פון די נײַע פּרינציפּן אין איטאַליע, ווען דאָס האָט נאָר ניט סותר געווען זייערע אינטערעסן. אַזוי, למשל, זײַנען אין נעאַפּאָל, בשעת דער ממשלה פון יאָזעף באָנאַפּאַרט און מוראַט, בטל געוואָרן די לעצטע שפּורן פון פעאָדאַליזם. די קלויסטערס זײַנען פאַרמאַכט געוואָרן, עס איז אײַנגעפירט געוואָרן דער פראַנצויזישער קרימינאַל־און ציוויל־קאָדעקס; די שטייערן זײַנען אויסגעשטעלט געוואָרן גלײַכמעסיקער, דער אונטערשייד צווישן די סעניאָרן און די פּויערים פאַרן געריכט איז פאַרשוואונדן. די נאָכדעם געקומענע רעאַקציע האָט ניט געקענט אָפּשאַפן דידאָזיקע רעפאָרמען. די פרייהייטס־אידעע האָט געלאָזן טיפע וואָרצלען. דעמאָלט איז אין איטאַליע געגרינדעט געוואָרן די געהיימע געזעלשאַפט פון די קאַרבאָנאַריער, צו וועלכע באַיראָן האָט זיך דערנענטערט; אָבער לעאָפּאַרדי איז אַלע מאָל געשטאַנען ווייט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די געזעלשאַפטלעכע אומצופרידנהייט האָט גענויט פערדינאַנדן צו שווערן דער קאָנסטיטוציע, אָבער באַלד האָט דער פאַלשער מאָנאַרך ווידער פאַרראַטן זײַן פאָטערלאַנד, און מיט דער הילף פונם עסטרייכישן חייל האָט ער ווידער אויפגעשטעלט די אומבאַגרעניצטקייט פון זײַן מאַכט. איטאַליע האָט טייער געקאָסט פערדינאַנדס נצחון. דער עסטרייכישער דרוק האָט זיך פאַרשטאַרקט. און „די מאַרטירער פון דער איטאַליענישער פרייהייט זײַנען פאַרשוואונדן פון דער וועלט, מען האָט בײַ זיי אָפּגענומען יעדע מעגלעכקייט פון פאַרקער מיט מענטשן, זיי זײַנען באַגראָבן געוואָרן אויף גאַנצע יאָרן אין די שווײַגנדיקע, פון אַלעמען פאַרגעסענע קאַזעמאַטן אויפן צפון”. אָבער דער פונק פון דער פרייהייט האָט זיך ווידער פונאַנדערגעפלאַקערט אונטער דעם פאַראייניקטן דרוק פון די פרעמדע און אייגענע טיראַנען. די קאַרבאָנאַריער האָבן ניט אַוועקגעוואָרפן זייער טעטיקייט, און די מאַסע עמיגראַנטן האָבן אונטערגעהאַלטן די באַציאונג צווישן די איטאַליענישע און די אויסלענדישע רעוואָלוציאָנערן. די אָנשטרענגונגען פון אַ גאַנצער ריי דורות האָבן לסוף געבראַכט צום געוואונטשענעם רעזולטאַט. איבער איטאַליע האָט זיך לסוף אָנגעצונדן דער באַגינען פון פרייהייט און מיט דאַנקבאַרער שײַן באַלויכטן די חברים פון די העלדן און מאַרטירער, וועלכע האָבן מיט זייער בלוט געקויפט די באַפרייאונג פון פאָטערלאַנד.

אָבער צווישן דידאָזיקע באַרימטע קברים האָט זיך ניט געפונען דער קבר פונם גראַף דזשאַקאָמאָ לעאָפּאַרדי.

ער איז געווען אַ פּאַטריאָט, אָבער ער האָט מער ליב געהאַט די דענק־

דזשאַקאָמאָ לעאָפּאַרדי

מעלער פון איטאַליעס קונסט, איידער איטאַליעסווירקלעכקייט פון זיין צייט. ער האָט געטרויערט אויף אירע צרות, אָבער כּדי צו היילן זי פון די צרות, האָט ער זיך געווענדט צו די שאָטנס פון די טויטע. דאכט זיך, ער האָט מער מורא געהאַט פאַר דער מעגלעכקייט, טאָמער ווערט פאַרלאָרן „די איטאַליע־נישע שפּראַך, די קיניגין איבער אַלע לעבעדיקע שפּראַכן", איידער ער האָט געטראַכט וועגן פּראַקטישע מיטלען ווידער אויפצושטעלן די פּאָליטישע פריי־הייט פון זיין פאָטערלאַנד.

דעם בעסטן מאַטעריאַל, צו פאַרשטיין לעאָפּאַרדיס וועלטאָנשויאונג, גיבן אונדז זיינע לירישע לידער און זיינע שמועסן, קורצע דיאַלאָגן, אין וועלכע עס איז באַשריבן זיין טעאָריע פון „אומגליקלעכקייט".

דער כאַראַקטער פון זיין פּאַטריאָטיזם האָט זיך אויסגעדריקט בעסער איידער אומעטום אין זיין אָדע „צו איטאַליע". דאָ האָט ער אויסגעגאָסן זיין גאַנצן שמערץ וועגן די געפאַלענע פעסטונגען פון די אורעלטערן, וועגן די שענדלעכע קייטן, וואָס האָבן פאַרשמידט זיין „שיינהייט־איטאַליע", וועגן די געפאַלענע זין אירע, וואָס האָבן געפירט מלחמות „אין פרעמדע לענדער פאַר אַ פרעמד פאָלק". אָבער אַנשטאָט אונטערצוהאַלטן די קעמפער פאַר באַפרייאונג, טראָגט ער אונדז אַריבער אין דעם באַרימטן טאָל פון טעסאַליע, וועלכער איז באַדעקט מיט קערפּערס פון ספּאַרטאַנישע העלדן, באַזינגט די גבורה פון די טערמאָפּילער גבורים, און פאַרענדיקט זיין אָדע מיט אַ לאַנגן הימן לכּבוד די געפאַלענע גריכן. אין אַ צווייטער אָדע זאָגט ער אָפן, אַז די אויפגאַבע פון זיין לעבן איז דערמאָנען דער וועלט וועגן עבר. דיזאָזיקע אויפרופן האָבן ניט געקענט באַנייען איטאַליע, און ווי אַן איינגעשפּאַרטער רעאַקציאָנער, זוכט לע־אָפּאַרדי ניט קיין נייע וועגן. ער זעט, אַז „די הייליקע פאַרמעטן פון די גע־רימטע ייִדעס" קענען ניט אויפוועקן דעם המון פון זיין צייט, וועלכער האָט ניט קיין כּבוד און קיין בושה אין הארצן, און ער טרויערט אויף דער שווע־רער לאַגע פון דעם הויך באַגאַבטן גייסט. ווען ס'איז געלונגען צו לאָזן אויפבליען אין זיך די אַלטערטימלעכע העלדנשאַפט, יענער איז פאַרמשפּט אויף איינזאַמקייט און פּיין אין היינטיקער שענדלעכער צייט, וועלכער האָט אויסגעגראָבן אַ תהום צווישן העלדנשאַפט און גליק. אָבער בעסער אומגליק איידער שענדלעכער שלום מיט די שענדלעכע אָנשויאונגען. בעסער העלדישער טויט, איידער שענדלעכער קאָמפּראָמיס. אויך אין דער הינזיכט זיינען די אַלטע—גרויסע לערער: זיי האָבן געקענט אַריינשטעכן זיך אין ברוסט אַ שאַרף פון אַ שווערד, ווען זיי האָבן געפילט זייער מאַכטלאָזיקייט קעגן גורל.

צום געדאַנק וועגן טויט, אַלס איינציקן אויסגאַנג, האָט אים געבראַכט זיין פּאַטריאָטישער צער; צו דעמזעלבן געדאַנק ברענגט אים דער דאָרשט נאָך פּערזענלעכן גליק. זיינע ליבע-לידער — דאָס איז דיזעלבע טרויעריקע דערציילונגען וועגן אַנטוישונגען און געהיימע באַליידיקונגען. פרויען האָבן ניט ליב אַזעלכע מענטשן, ווי לעאָפּאַרדי — פיזיש שוואַכע; און אַ ביטערניש קעגן דער אומגערעכטיקייט, וואָס האָט אים ניט געגעבן די מתנות, וועלכע ציִען צו דאָס פרויענהאַרץ, פילט אָן זיין ליבע-ליריק. פרויען זיינען אַלמעכטיק, זיי קענען מציל זיין איטאַליע, אָבער די פרויען פון היינטיקער צייט האָבן צעטראָטן די גרויסע מתנות, וואָס דער הימל האָט זיי געשענקט. זיי האָבן צעריבן „די בלומען פון די פּרעכטיקע יונגע מחשבות", זיי האָבן איינגעשלעפערט „דעם פאַרשטענדיקן מוטיקן שכל, וואָס האָט געהיט די הייליקע מסורות פון דעם עבר", זיי, די „מוטערס פון רומלאָזע זין", זיינען שולדיק אין „דעם אומגליק פון פאָטערלאַנד". דעם פּאָעטס געדאַנק שוועבט אום ווידער אַמאָל אין ספּאַרטע, וואו „דעם בחור דעם געליבטן האָט פאַרן שלאַכט די כלה דעם שווערד דערלאַנגט", און אין רוים, וואו ווירגיניע „איז אָן קלאָגן און אָן קרעכצן געשטאָרבן", אויפוועקנדיק מיט איר טויט די כוחות פון רוים, „און דער טיראַן איז געפאַלן, צעטראָטן אין שטויב, און די קייטן פון קנעכטשאַפט זיינען פון די פרייע הענט אַראָפּגעפאַלן". די ליבע, צוליב וועלכער דער פּאָעט איז גרייט געווען צו מאַכן דעם איינציקן אויסנאַם אין זיין האָפענונגסלאָזער וועלטאַנשויאונג, איז אַראָפּ פון איר פּיעדעסטאַל. געני און טוגנד, ליבע און גרויסע העלדנשאַפטן האָבן ניט קיין באַדייטונג ביים אָפּשאַצן אַ מענטשן. נאָר די אויסערלעכקייט האָט די מאַכט איבער דער וועלט. די ליבע ברענגט יסורים מיט איר ניט-שטאַנדהאַפטיקייט. געשיידט מיט זיין געליבטער, איז דער פּאָעט אַלץ אָפּגעקילט געוואָרן. די ליבע האָט פון זיין האַרצן אַלץ אַרויסגעטריבן, אַפילו דעם חשק צו קענטעניש.

אָבער לעאָפּאַרדי האָט געוואוסט, אַז ער מוז זיך שטעלן אין באַשטימטע באַציאונגען צו די טוער, וואָס זעען איין די רעטונג פון דער מענטשהייט ניט אין דעם טויט, נאָר אין סאָציאַלע און פּאָליטישע רעפאָרמען, אין דעם ערפאָלג פון דער אינדוסטריע און פון די וויסנשאַפטן. און ער האָט זיך אויף דידאָזיקע „קלאָגעדיקע שטרעבונגען" אָפּגערופן מיט לידער, פולע מיט ברענענדיקער סאַטירישער פאַראַכטונג. די טרויעריקע חורבות פון די שטעט און די ווילעס, וואו עס האָבן אַמאָל געוואוינט די מעכטיקע פון דער וועלט, און וואָס זיינען שפּעטער פאַרשלונגען געוואָרן דורך די שטראָמען פון פייערדיקער

לאַווע פון דעם שטאָלצן וועזוף — דאָס איז דער בעסטער באַווייז אויף דער ניט־שטאַנדהאַפטיקייט פון דעם מענטשנס גורל און אויף דער אכזריות פון דער נאַטור: מיט איין שטויס מאַכט זי חרוב דאָס, וואָס איז מיט אַזוי פיל מי און באַרימערייַ באַשאַפן געוואָרן דורך דעם מענטשן. נאָך דעם איז מער ניט ווי לעכערלעך, צו לאָזן זיך פאַרפירן דורך דעם נאַאיוון גלויבן אין עפּעס אַ פּראָגרעס. „אָ, שטאָלצער און נאַרישער דור! — שרייט אויס דער פּאָעט. — דו מיינסט, אַז דו גייסט פאָראויס, און באַמערקסט ניט, אַז דו גייסט אויף צוריק. דו האָסט מורא מודה צו זיין זיך אין דער שוואַכקייט און אין דער נישטיקייט פון דער מענטשהייט, דו דערהויבסט נאָר יענע פּאָעטן, וואָס חנפע־נען דיך און ריידן וועגן דער מעכטיקייט פון די מענטשן. אָבער איך וויל ניט קיין ביליקן רום, און איך וועל ניט אָנשטעלן מיין לירע צו שפּילן, ווי אַזעלכע זינגער, איך וויל בעסער אָפּן דיך פאַראַכטן און זיך מודה זיין אין אונזער מאָראַללאָזיקייט. איך קאָן ניט זאָגן, אַז פאַרשטענדיק און איידל איז די באַשעפעניש, וואָס איז פאַרמשפּט אויף טויט, באַקומט נערונג מיט שווייס פון געזיכט, און דערביי זאָגט עס צו אַלע פעלקער עפּעס אַן אומבאַוואוסט גליק, רעדט וועגן דעם, אַז אונזער אַרב איז — גוטס. נאָר יענער איז וואוילגעבוירן, וואָס איז זיך שטאָלץ מודה, אַז אונזער אַרב איז — פּיין, אַז די נאַטור איז אונזער שונא. ער וועט וועקן די מענטשן צו פאַראייניקן זיך, צו מאַכן אַ סוף פון דער קעגנזייטיקער שנאה, און צו קעמפן קעגן איין אַלגעמיינעם שונא — די נאַטור. זאָלן מענטשן פאַרשטיין די פּרוכטלאָזיקייט פון זייערע אָנשטרענגונגען, זאָלן זיי פאַרשטיין, אַז קיינע סאָציאַלע רעפאָרמען, קיינע טעכנישע פאַרפולקומונגען וועלן זיי ניט געבן קיין גליק, וועלן ניט איינ־שטעלן קיין יושר אויף דער ערד, — וועלן זיי דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון פולקומענהייט, וואָס איז פאַר זיי צוטריטלעך". און סאַר אַ נישטיקע אים שיינען די אידעאַלן פון אונזער צייט! מיט וואָס פאַר אַ פאַראַכטונג ער ענטפערט זיינע פריינד, וואָס זאָגן אים: „הער אויף צו גראַבלען זיך אין דיין האַרצן, אין דעם ערנסטן יאָרהונדערט גייען אַזעלכע געפילן קיינעם ניט אָן. ווענד זיך צו פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן. זינג וועגן די באַדערפע־נישן און וועגן די האָפענונגען פון דער צייט. די שעה פון זייער פאַרווירקלע־כונג איז נאָענט". לעאָפּאַרדי האָט זיי שטאָלץ געענטפערט: „איך האָב ניט בדעה צו מאַכן די נייטן פון דער צייט פאַר דער טעמע פון מיינע לידער. זאָלן זיי וואַקסן. ס'איז אַן עסק פאַר די קרעמער און פאַר די סוחרים צו זאָרגן וועגן זיי".

די הויפּט־סיבה פון לעאָפּאַרדיס לײַדן—דאָס איז זײַן אָפּגעזונדערטקייט פון לעבן. ער שוועבט שטענדיק אין אַבסטראַקטע ספערן. האַלטנדיק גליק און פולקומענהייט פאַר אַן אויפגאַבע, וואָס מ'קאָן זי ניט פאַרווירקלעכן, זעט ער אײַן אין געדאַנק די איינציקע מתנה, וואָס מ'קאָן מיט איר פאַרענטפערן די נאַטור, וועלכע האָט אונז אַרויסגעשליידערט אויף דער ערד אויף אומזיסטיקע פּײַנען. אין דעם ליד Al conte Carlo Pepoli ערקלערט לעאָפּאַרדי דעם מהות דערפון, וואָס בינדט אונז צו צו דעם לעבן. ער רעכנט אויס אַלע זאַכן, וועלכע פאַרנאַרן פאַרשיידענע מענטשן און מאַכן זיי לײַכטער דעם קיום און דאַן שרײַט ער אויס: „איך האָב מיך אָוועקגעגעבן אַנדערע פאַרווײַלונגען, און וועל צו זיי הייליקן דאָס רעשט פון מײַן לעבן. איך וועל אָנהייבן אויספאָרשן דעם בייזן אמת און די געהיימע אויפגאַבע פון זײַן ציל. צו וואָס איז באַשאַפן דער מענטשלעכער מין? צו וואָס איז ער דערשטיקט פון פּײַן און אומגליק? וואָס איז דער ענדציל פון זײַן קיום? וועמען ברענגען זײַנע לײַדן פאַרגעניגן? ווי, פאַרוואָס און לויט וועלכע געזעצן קומט פאָר די באַוועגונג פון דער וועלט?"

אויף דידאָזיקע פראַגן וועט ער געבן אַן ענטפער דער פילאָזאָפיע, וועלכע איז באַשריבן אין זײַנע דיאַלאָגן. שוין די פאָרמע זייערע גופא פאַרבאָרגט אין זיך אַ פאַראַכטלעכן און אַ טיפן רחמנות צו דעם מענטשנס נישטיקייט. די בעלי־דבר אין דידאָזיקע שמועסן זײַנען גרעסטנטייל גייסטער, פּלאַנעטן, מיטישע געטער און ריזן, וואָס זייער גרויסקייט און מעכטיקייט שטרײַכן אונטער בולט די מאַכטלאָזיקייט פון דעם מענטשלעכן געשלעכט. אויב לעאָפּאַרדי האָט ניט באַשאַפן קיין האַרמאָנישע פאַרענדיקטע, אין אַ דורכגעטראַכטן טראַקטאַט באַשריבענע פילאָזאָפישע סיסטעמען, וועלכע זאָל אין אַלע אירע טיילן זײַן באַגרינדעט דורך דער סיסטעמאַטיזירונג פון עקספּערימענטאַלע באַאָבאַכטונגען; אויב זײַנע דיאַלאָגן זײַנען גיכער לידער אין פּראָזע, איידער קאָנזעקווענט, לאָגיש אַנטוויקלטע הנחות, — שטעלט זיך דאָך פונדעסטוועגן אין זיי אַרויס אַ באַשטימטע וועלטאויפפאַסונג און אַן אָריגינעלע אָנשויאונג אויף דער נאַטור און אויף דעם גורל פון דער מענטשהייט.

„דאָס לעבן פון דער וועלט איז אַן אומענדלעכער קרייז פון אַנטשטיין און חרוב ווערן, וועלכע זײַנען קעגנזײַטיק פאַראייניקט אַזוי, אַז איינס דינט דעם צווייטן, און ביידע צוזאַמען האַלטן אויף די וועלט, וועלכע וועט אומפאַרמיידלעך אַליין פאַלן, אויב איינער פון דידאָזיקע עלעמענטן וועט בטל ווערן.

פונדאַנען איז געדרונגען, אַז עס איז קיין זאַך ניטאָ אויף דער וועלט, וואָס זאָל פריי זיין פון ליידן".

דאָס איז לעאָפּאַרדיס גרונטלאַגע. דער קיום גופא פון דער וועלט האָט אַלס תּנאי דעם חורבן פון אַלדאָס לעבעדיקס. טראַכטן וועגן קאַמף קעגן חורבן איז אַלזאָ אַן אומזיסטיקע אויפגאַבע. דאָס ליידן איז אַן אומטיילבאַרער עלע־מענט פון דער שאַפונג גופא, און ניט קיין צופעליקייט, וועלכע מ׳קאָן אויס־מיידן. אונטערן געזעץ פון ליידן שטייט אַלץ וואָס עקסיסטירט. דער גורל פון דעם איסלענדער, וועלכן די נאַטור ענטפערט אויף זיין אָנפראַגע מיט די איבנגעבראַכטע ווערטער — איז די בעסטע אילוסטראַציע צו דעמדאָזיקן גע־דאַנק. ער האָט זיך איבערצייגט אין דער ציללאָזיקייט פון לעבן, פאַרשטאַנען די אילוזאָרישקייט פון אונזערע פאַרגעניגנס און באַשלאָסן אָפּצוזאָגן זיך פון אַלע זאָרגן און דאגות, וואָס דריקן די מענטשהייט. ער האָט געמיינט, אַז, ווען ער וועט זיך שטעלן העכער פאַר די זוכענישן און שטרעבענישן, וועט ער געפינען רו. אָבער „ווי נאַאיוו זיינען יענע, וועלכע מיינען, אַז לעבנדיק מיט מענטשן און קיינעם ניט באַליידקנדיק, קאָן מען אויסמיידן באַליידיקונגען מצד אַנדערע; אַז פרייוויליק נאָכגעבנדיק מענטשן און באַנוגענענדיק זיך אין אַלץ מיט דעם מינימאַלסטן, קאָן מען האָפן, אַז זיי וועלן דיר איבערלאָזן כאָטש עפּעס אַן אָרט און ביי דיר ניט וועלן אָפּנעמען אויך דאָס ווייניקע". איבערצייגט, אַז צווישן מענטשן קאָן מען בשום אופן ניט באַקומען קיין רו, האָט זיך דער איסלענדער באַזעצט אין איינזאַמקייט. אָבער דאָ איז אים אויך ניט געלונגען צו באַפרייען זיך פון ליידן. די נאַטור האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון די מענטשן: שרעקלעכע שטורעמס אויף דעם ים און אויף דער יבשה, דער בייזער געפּיל פון דער העקלאַ, דאָס וואַרטן אויף שריפות—האָט ניט אויפגעהערט קיין רגע. דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן זוכן אַ ניי לאַנד און אַ ניי קלימאַט, האָפנדיק, אַז „אפשר האָט די נאַטור באַשטימט פאַר דעם מענטשלעכן געשלעכט עפּעס איין קלימאַט אָדער עפּעס איין באַשטימט אָרט אויף דער ערד", ווי זי האָט עס געטאָן פאַר אַלע חיות און געוויקסן. ער האָט אָבער ווידער אַ טעות געהאַט. אונטער די טראָפּיקעס איז ער פאַרשרפעט געוואָרן פון היץ, ביי די פּאָלן איז ער פאַרפראָרן געוואָרן פון קעלט, אין די מעסיקע לענדער האָט ער שטענדיק געליטן פון די ענדערונגען פון דער טעמפּעראַטור און פון אַנדערע אַטמאָספערישע אויפשטאַנדן. אין אייניקע ער־טער האָבן די ווילדע חיות, אָן אַ שום סיבה פון זיין זייט, אים געוואָלט צע־רייסן, שלאַנגען האָבן געשראָקן מיט זייער גיפט, אינזעקטן האָבן אים דורכ־

געבײסן דאָס לײב ביז די בײנער, אַפילו די זון און די לופט, דידאָזיקע סאַמע נײטיקע זאַכן פֿאַר דעם מענטשנס לעבן — האָבן אים פֿאַרשאַפֿט לײדן: די זון מיט דער היץ און מיט דער בלענדנדיקער שײַן, די לופט — מיט דער פֿײַכטקײט און שטרענגקײט, און אַז. װ. ער געדענקט ניט קײן טאָג, װאָס ער זאָל פֿאַרברענגען אָן עפּעס אַ פֿאַרדרוס. ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז די נאַטור איז דעם מענטשנס שונא. מענטשן זײַנען שלעכטע, אָבער לפּחות ציעפֿען זײ ניט דאָס, װאָס איז פֿון זײ באַהאַלטן. נאָר די נאַטור הערט קײנ־מאָל און ערגעץ ניט אױף צו פֿאַרפֿאָלגן דעם מענטשן. פֿאַר איר איז נישטאָ װאו זיך צו באַהאַלטן, צו רעטן. אױף דעמדאָזיקן באַקלאָגן זיך מצד דעם איסלענדער ענטפֿערט אים די נאַטור: „דו מײנסט, דוכט זיך, אַז די נאַטור איז באַשאַפֿן צוליב אײַך, מענטשן? אין אַלע מײַנע מעשׂים האָב איך לחלוטין ניט געטראַכט װעגן אײַער גליק און אומגליק, און אױב מיר װאָלט אױסגע־קומען אָפּמעקן פֿון דער ערד דעם גאַנצן מין אײַערן, װאָלט איך עס אַפֿילו ניט באַמערקט". אָבער אױך דאָס, װאָס װערט חרוב—לײדט ניט און דאָס, װאָס מאַכט חרוב — פֿרײט זיך ניט, און װערט סוף־כּל־סוף אַלײן חרוב. טאָ װער־זשע דאַרף, װעמען ברענגט נוצן ס׳דאָזיקע אומגליקלעכע לעבן פֿון דער װעלט, װעלכע האַלט זיך אױף דעם שאָדן און דעם טױט פֿון אַלע זאַכן, װאָס בילדן זי? נאָר דערדאָזיקער יאָושדיקער געשרײ פֿון דעם איסלענדער בלײַבט אָן אַן ענטפֿער. מען זאָגט, אַז גראָד אין דעמדאָזיקן אינטערעסאַנטן מאָמענט פֿון זײַן שמועס מיט דער נאַטור האָבן אים צעריסן צװײ לײבן. לױט אַנדערע ידיעות, האָט זיך אױפֿגעהױבן אַ שטורעמװינט, װעלכער האָט אױף אים אַרױפֿ־געשלײַדערט אַ טורעם פֿון זאַמד, אונטער װעלכן דער איסלענדער איז פֿאַר־װאַנדלט געװאָרן אין אַ מומיע.

אַזאַ איז דער גורל פֿון לעבעדיקן — די אומפֿאַרמײַדלעכקײט פֿון פּײַן און דער בײזער שפּאַס, װאָס דער מענטש װיל אַרײַנדרינגען אין דעם זין פֿון דער װעלטס אומגערעכטיקײט. אין באַגינען פֿון די נײַע האָפֿענונגען פֿון דער מענטשהײט, אין די ערשטע יאָרן פֿון XIX י. ה., װעלכע איז שטאָלץ געװען מיט די נצחונות פֿון דער װיסנשאַפֿט איבער דער נאַטור, אין דעם מאָמענט, װען עס זײַנען געבױרן געװאָרן גרױסע סאָציאַלע לערעס, װאָס האָבן אַרױס־גערופֿן גלױבן אין קינפֿטיקן גליק פֿון דער מענטשהײט, — האָט לעאָפּאַרדיס פֿילאָזאָפֿיע געקלונגען, װי אַ בײזער געלעכטער איבער דידאָזיקע אָנשטרענ־גונגען, גערעדט װעגן דער פֿרוכטלאָזיקײט פֿון אַלע פּרוּװן מצד דער מענטש־הײט צו קעמפֿן קעגן דעם אײביקן און אַלץ אומפּאַסנדיקן געזעץ פֿון

ליידן. די אומפולקומענהייט ליגט אין דער נאַטור גופא פון די זאַכן, דע־
ריבער זיינען אַלע שטאָלצע פּלענער פון דער מענטשהייט לעכערלעך און
קלאָגעדיק.

געפינענדיק, אַז אַלץ, וואָס לעבט,—ליידט, האָט לעאָפּאַרדי געמוזט ערקלערן, פאַר וואָס־זשע איז דער מענטש צוגעבונדן צום לעבן. די ליבע צום לעבן איז, לויט זיין מיינונג, אויסגעטראַכט פון מענטשן. דער מענטש ליבט נאָר זיין אייגן גליק. אויב ער ליבט דאָס לעבן, איז עס נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל עס דינט אים אַלס מיטל צו דערווערבן גליק. זעלבסטמאָרד איז דער בעסטער באַווייז, אַז די ליבע צום לעבן איז ניט קיין גרונטאייגנשאַפט פון דעם מענטשנס נאַטור. אומשטערבלעכקייט וואָלט געווען אַן אומגליק פאַר דעם מענטשן. די שאַפונגען פון דעם מענטשנס פאַנטאַזיע באַשטעטיקן עס. די גליקלעכע היפּערבאָרעיער, די פעבלהאַפטע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו לעבן אייביק, פלעגן צום סוף טויזנט יאָר, פולקום זאַטע מיט דער ערד, אַליין שפּרינגען אין ים און דערטרינקען זיך. אויב דער מענטש האָט עפּעס ליב, איז עס נאָר דאָס גליק, דאָס אומגליקלעכע לעבן—איז שלעכטס, וואָס איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם כמות פון אומגליק. אָבער לעבן און אומגליק שיידן זיך ניט. מיט וואָס־זשע קאָן מען דערקלערן, וואָס דער מענטש איז מסכים צו לעבן? דער מענטש לעבט מיטן טרוים. פאַרגעניגן עקסיסטירט נאָר אין דמיון. אויב די געליבטע פרוי קומט אין חלום, דאַרף מען אויף מאָרגן אויסמיידן צו זעען זיך מיט איר, מחמת איר רעאַלער גע־שטאַלט וועט ניט אויסהאַלטן די קאָנקורענץ מיט דעם טרוים. דער ליגן גיט אַ העכערן תענוג, איידער דער אמת. פאַרגעניגן עקסיסטירט ניט אין דערווירקלעכקייט. ווען דער מענטש דערגרייכט דאָס פאַרגעניגן, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט מיט שרעקלעכער אָנשטרענגונג, באַפרידיקט עס אים שוין מער ניט, און דער מענטש וואַרט שטענדיק אויף עפּעס העכערס, בעסערס, וואָס מוז געבן דאָס גאַנצע פולע פאַרגעניגן. דאָס פאַרגעניגן ענדיקט זיך שטענדיק פריער פאַר דער רגע, ווען עס דאַרף דעם מענטשן באַפרידיקן. אַ מענטש קאָן זאָגן: „איך האָב געהאַט פאַרגעניגן“, אָדער „איך וועל האָבן פאַרגעניגן“, ער קאָן אָבער קיינמאָל ניט זאָגן: „איך האָב פאַרגעניגן“. אין דער געגנוואַרט איז קיינמאָל קיין גליק ניטאָ, און היות ווי דער ציל פון לעבן איז גליק, על־כן איז דאָס לעבן אַן אומאויפהערלעכע אומפולקומענהייט. פאַר־געניגן און ליידן רירן אויף דעם מענטשן. אַלע הפסקות צווישן פאַרגעניגן און ליידן זיינען אָנגעפילט מיט לאַנגווייליקייט; די לאַנגווייליקייט — דאָס

איז דער העכסטער פאַרלאַנג פון גליק, וואָס איז ניט באַפרידיקט מיט פאַרגע־נינן און ניט אָפּן אויפגערייצט פון ליידן. אָבער דערדאָזיקער פאַרלאַנג, ווי מיר זעען, ווערט קיינמאָל ניט באַפרידיקט, און קיין פאַרגעניגנס, באמת, עק־סיסטירן גאָר ניט. דעריבער איז דעם מענטשנס לעבן, אַזוי צו זאָגן, דורכ־געזאַפּט און אויסגעפּלאָכטן פון ליידן און לאַנגווייליקייט.

אויפדעקנדיק דעם תהום פון ליידן, אין וועלכן די מענטשהייט איז גע־שליידערט, ווייזט לעאָפּאַרדי אָן דערויף, אַז די לאַגע פון דעם גרויסן גייסט איז באַזונדער שווער. יתרון פון גייסט און ליידן זיינען בעצם איינס און דאָס זעלבע. דער יתרון פון גייסט באַדינגט אַ גרעסערע מאָס פון שפּירן דאָס לעבן, און אַלזאָ אויך אַ גרעסערן באַוואוסטזיין פון אומגליק. אין דער־דאָזיקער מעלדונג הערט זיך ווידער דער ביטערער קלאַנג פון אַ גייסטיקן אַריסטאָקראַט, וועלכן מ׳האָט ניט פאַרשטאַנען און ניט אָפּגעשאַצט. ער פאַלט ווידער אָן אויף זיין נישטיקער צייט. דאָס איז אַ צייט פון פיזישער אַנטאַר־טונג. די פאַרצייטיקע האָבן פאַראַכט די שוואַכע, איצט טראַכט מען ניט וועגן מוטיקייט און קראַפט. דאָס איז אויך די צייט פון גייסטיקער אַנטאַרטונג לעאָפּאַרדי איז אַ שונא פון דעמאָקראַטיזירן די קענטעניש. ער פאַראַכט די מאַסע. אונזער צייט איז שטאָלץ דערויף, וואָס די קענטעניש איז פאַרטיילט צווישן פיל מענטשן, און ניט קאָנצענטרירט ביי אַ ביסל אויסגעוויילטע, און דאָס, וואָס עס פעלן עכטע געלערנטע, באַלוינט זיך דורך דער מענגע פשוט געבילדעטע מענטשן. אָבער, — שרייט לעאָפּאַרדי אויס, — „קענטענישן זיינען ניט קיין רייכטימער, וועלכע קאָנען געטיילט און באַהעפט ווערן, בילדנדיק שטענדיק דיזעלבע סומע. וואו יעדער איינער ווייס ווייניק, דאָרט ווייסן אויך אַלע אינאיינעם ווייניק, מחמת די קענטעניש איז ניט טיילבאַר". ווייטער טרעט לעאָפּאַרדי אַרויס אויך קעגן דער צווייטער גרויסער באַוועגונג פון זיין צייט — קעגן די סאָציאַלע שטרעבונגען, קעגן דער אונטערטעניקייט פון דער פערזענלעכקייט צו די אינטערעסן פון די מאַסן. דאָ שטייט ער פאַר דאָס רעכט פון דער פערזענלעכקייט, און דערביי — פון דער פערזענלעכקייט, וואָס איז אַן אַריסטאָקראַטישע, אויב ניט לויט איר יחוס, איז לויט איר גייסט. „די אינדיווידן, — זאָגט ער מיט איראָניע, — פאַרשווינדן קעגן די מאַסן, ווי עס דריקן זיך גאַלאַנט אויס די היינטיקע דענקער. די אינדיווידן האָבן אַלזאָ ניט וועגן וואָס אומרואיק צו זיין. אַלץ איז פאַר די מאַסן. ווי אַזוי קאָנען די מאַסן, באַשטייענדיק פון אינדיווידן, אויסקומען אָן זייער אָנטייל, דאָס, האָף איך, וועלן אייך ערקלערן די פאָרשטייער פון דער היינטיקער אויפגעקלערטקייט".

אזעלכע זיינען געווען די אַנשויאונגען פון דעם איטאַליענישן פעסימיסט, וועלכער האָט אפשר אומעטיקער פאַר אַלעמען באַקלאָגט דעם חורבן פון דער אַלטער ציוויליזאַציע. עס איז געווען אומנוצלעך פאַר דער נייער צייט און פאַר אירע אויפגאַבן. פון שטאַנדפונקט פון די אַלטע באַציאונגען איז אפשר גערעכט געווען דערדאָזיקער אַריסטאָקראַט פון וויסן און טאַלאַנט, פאַריבל האָבנדיק אויף דעם XIX י. ה. מיט זיינע וויסנשאַפטן — „סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק", מיט זיין פאַרראַכטונג צו די „אויסדערוויילטע", מיט זיין קולט פון מאַסן, ביי וועלכן „יעדער וויל זיין אַלץ". אָבער דער XIX י. ה., דער יאָרהונדערט פון דער דעמאָקראַטיעס ערפאָלג, דער יאָרהונדערט, וואָס האָט ערקלערט די מאַטעריעלע און גייסטיקע רייכטימער פאַר אַ קנין פון אַלעמען, איז געבליבן טויב צו די טרויעריקע לידער פון דעם פאָעט, וואָס האָט גע־רופן אויף צוריק. און דער פאָעט מיט זיין צייט האָבן זיך געשיידט ווי פרעמ־דע, ניט איבערגעבעטענע און איינגעשפאַרטע יעדער אין זיינע גלויבענישן און שטרעבונגען.

לעאָפּאַרדי איז געשטאָרבן אין 1837 יאָר, אויסגעמאַטערט פון קאַמף פון מאַטעריעלער דחקות, פון דעם באַוואוסטזיין, אַז ער טויג לחלוטין ניט צום לעבן.

לעאָפּאַרדי איז דער קאָנזעקווענטסטער און פאַרענדיקטסטער פון אַלע פּאָעטן פון וועלט־שמערץ. ער האָט ווירקלעך, אין קעגנזאַץ צו באַיראָנען און צו הײַנען, אין קיינעם אויף דער וועלט ניט געפונען קיין זין און קיין אינ־טערעס. און ער איז גערעכט געווען פון זיין שטאַנדפונקט, בשעת ער האָט געמאָלדן, אַז ער „פאַרראַט די מענטשלעכע פחדנות, שטויסט אָפּ יעדע טרייסט, יעדע קינדערשע געגנאַרטקייט, נעמט אויף זיך דעם מוט איבערצוטראָגן יעדע האָפענונגסלאָזיקייט און אונטערגעוואָרפן זיין אַלע קאָנזעקווענצן פון זיין טרויעריקער אָבער ריכטיקער פילאָזאָפיע". ער איז זיך ניט סותר, ווען ער זאָגט, אַז זיין „פילאָזאָפיע, אויב זי וועט ניט ברענגען קיין נוצן, וועט זי לפחות געבן די שטאַרקע מענטשן דעם שטאָלצן פאַרגעניגן — אַראָפּצורייסן די לעצטע דעק פון דערדאָזיקער סודותפולער און זיך אייביק פאַרבאָרגנדיקער אכזריות פון דעם מענטשנס גורל".

.III

די פּאָזיטיווע אידעאַלן פון די שריפטשטעלער פון דער רעאַקציע. — זשאָזעף דע מעסטער און באָנאַלד. — ווי שפּיגלט זיך אָפּ די אויפקלערונגס־עפּאָכע אין זשאָזעף דע מעסטערס ווערק. — שאַטאָבריאַן. — די הויפּטשטריכן פון זיין כאַראַקטער. — „דער גייסט פון קריסטנטום" און דער עסטעטישער קאַטויליציזם. — דער אינהאַלט פון „רענע". — די טענדענץ פון דער ערציילונג. — די קלויסטערס. — ליגן און אמת אין „רענע".

לעאָפּאַרדי איז דער סאַמע פיינפילנדיקער שריפטשטעלער פון דער רעאַקציע־עפּאָכע. וועגן אים קאָן מען אַפילו ניט זאָגן אָן אַ באַזונדער באַמערקונג, אַז ער האָט ניט פאַרשטאַנען זיין דור און זיינע שטרעבונגען. ער האָט, פאַרקערט, געכאַפּט דעם סאַמע עיקר, דעם גאַנצן זינען פון דידאָזיקע שטרעבונגען. אָבער ער האָט זיי באַוואוסטזיניק אָפּגעשטויסן, און מיט דער דורכדרינגלעכקייט פון אַן אמתן נביא האָט ער פאָראויסגעזען פיל טונקעלע זייטן אין דער צוקונפט. ער איז געווען די קאַסאַנדרע פון דעם דור און האָט מיט קרענקלעכן פאַרגעניגן געטראָפן, וועלכע דערנער עס וועלן זיך אים באַגעגענען אין וועג.

אָבער די רעאַקציע־עפּאָכע האָט אויך אַרויסגעשטעלט דענקער פון אַן אַנדער טיפּ — דענקער, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז פון דער מענטשלעכער געשיכטע קאָן מען אויסמעקן אַ גאַנצן יאָרהונדערט, און האָבן אויפריכטיק געפריידיקט רעסטאַוראַציע פון קאַטויליציזם און פעאָדאַליזם. זיי האָבן געטרוימט אומצוקערן די געזעלשאַפט צו דער מיטלעלטערישער אָרדענונג; זיי האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט קריטיקירן דעם דור פון פאַרשטאַנד אין אינדוסטריע, נאָר זיי האָבן זיך געסטאַרעט געבן פּאָזיטיווע פּאָליטישע טעאָריעס, און אָנצייכענען אַ בילד פון יענער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס זי די איינציקע קאָן, לויט זייער מיינונג, מציל זיין די פאַרלאָרענע מענטשהייט. די שריפטשטעלער פון דער רעאַקציע האָבן, ביי זייער גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקייט, אייניקע אַלגעמיינע שטריכן. געגליכן צום גראַף לעאָפּאַרדי, זיינען זיי אַריסטאָקראַטן לויטן יחוס. אָבער אין קעגנזאַץ צו אים, גייען זיי כמעט אַלע אין זייערע לערעס אַרויס פון דעם פּרינציפּ פון פויפּסטלעכן אויטאָריטעט. אויסער דעם זיינען זיי קינדער פון דעם אויפקלערונגס־יאָרהונדערט, און ווי זיי זאָלן ניט זידלען דעמדאָזיקן פאַרהאַסטן פאַר זיי יאָרהונדערט, קאָנען זיי דאָך ניט אָפּזאָגן זיך פון זיינע מעטאָדן, און זייער גייער קריסטנטום טראָגט אויף זיך אָפּטמאָל דעם צייכן פון פריידזיניקייט. ניט אומזיסט האָט דער פויפּסטנטום ניט איינמאָל געמאָלדן קריג די בייע ריטער פון קאַטויליציזם.

גראַף זשאָזעף דע מעסטער און לואי גאַבריעל אַמבראָז וויקאָנט דע באָנאַלד (1754—1840) — זיינען די טיפּישע פאָרשטייער פון דידאַזיקע שע־פּערישע פּרוון פון דער רעאַקציע. דע־מעסטערס הויפּטווערק איז דאָס בוך וועגן פּויפּסט. זיין גרונט־געדאַנק איז די אומפעלערבאַרקייט פון דעם פּויפּסט. נאָר די אויבערשטע אומאָפּגעפרעגטע מאַכט קאָן ווידעראויפשטעלן האַרמאָניע און אָרדענונג אויף דער ערד. און אַזאַ מאַכט איז ניט מעגלעך אָן אַן אומפעלערבאַרן אויטאָריטעט. אַזאַ אויבערשטע מאַכט מוז געהערן דעם פּויפּסט. דער פּויפּסט געפינט זיך אין בעסערע באַדינגונגען, איידער די וועלטלעכע הערשער. ער האָט ניט צוליב וואָס צו פאַרגרעסערן זיינע נחלאות און צו קעמפן מיט די מושלים, דעריבער איז ער מער פאַר אַלע אַנדערע פּעאיק אָנצופירן מיט זיי. די סוווערעניטעט פון פאָלק איז אַ משוגעת. די רעוואָלוציע, די פּרוון פון דעם „גרויסן פאָלק" איינצושטעלן פרייהייט, די פּרוון, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אויפן טראָן דעם „קאָרסיקאַנער זשאַנדאַרם", באַווייזן בעסער פאַר אַלץ, סאַר אַ שענדלעכע עס זיינען די רעזולטאַטן פון די פאָלקס־אויפשטאַנדן, וואָס די קאַטוילישע דאָגמען פאַרבאָטן זיי און וואָס דער פּראָטעסטאַנטיזם רייצט צו זיי מיט זיין פּרינציפּ פון פאָלקס־סוווערעני־טעט. עס דאַרף זיין אַ צענטראַלע אַפּעלאַציאָנסלאַזע מאַכט. אין דער נייער געזעלשאַפט וועלן די עפּיסקאָפּן אָנפירן מיט דער ציוויליזאַציע, באַשאַפן מאָ־נאַרכיעס, איינשטעלן איינהייט אין אייראָפּע, אָפּהיטן די קונסטן און די וויסנ־שאַפטן. מיט איין וואָרט, פּונקט ווי אין מיטלאַלטער, מוזן אַלע זייטן פון לעבן זיין קאָנטראָלירט און אָנגעפירט פון דער קירך. די טעאָקראַטישע מלוכה־אָרדענונג — דאָס איז דע מעסטערס אידעאַל.

צו דערדאָזיקער גרונטאָנשויאונג זיינער פּאַסן אויך זיינע מיינונגען וועגן דער רעוואָלוציע, וועגן דער אָפּשטאַמונג פון דער מאַכט און אַנדערע פראַגן. אין XIX י. ה. איז וואָס ווייטער, אַלץ פעסטער געוואָרן די מיינונג, אַז די מלוכה־אָרדענונג ווערט געשאַפן אַלס רעזולטאַט פון דער קעגנזייטיקער ווירקונג מצד פאַרשיידענע קרעפטן פון דער נאַציע. „די אמתע קאָנסטיטוציע מוז זיין אַנטדעקט און ניט ערפונדן", האָט געזאָגט סען־סימאָן, ד. ה. די מלוכה־אָרדענונג און די רעגירונגספאָרם דאַרפן אַרויסגעדרונגען זיין פון די באַאָבאַכטונגען איבער די פאַקטן, דורך אויספאָרשן די אינטערעסן פון פאַר־שיידענע גרופּן, וואָס בילדן די געזעלשאַפט. דע מעסטר פאַלט הייס אָן אויף די אידעען פון די אויפקלערער וועגן דעם, אַז די מאַכט שטאַמט פון אָפּמאַך און פאַרטיידיקט ענערגיש דעם פּרינציפּ פון איר געטלעכן שטאַם. ער טרעט

אַרויס אַנטקעגן דער לערע וועגן דער פרייהייט פון פערזאָן. אויף דעם רעכט פון דער פערזאָן צוצוהערן זיך צום אינערלעכן קול און פריי דענקען — האָט זיך געשטיצט דער פראָטעסטאַנטיזם. דאָס דאָזיקע רעכט האָט אין XVIII י. ה. מיט פלאַם געפריידיקט רוסאָ. דע מעסטער פאַרשילט לוטערן און פאַרהאַסט די ענציקלאָפעדיסטן. ער באַהויפט דעם היפוך פון רוסאָ, אַז דער מענטש ווערט געבוירן ניט קיין פרייער, נאָר אַ קנעכט. די אַלטערטימלעכקייט האָט געקענט קנעכטשאַפט, און ס'איז אַן אַבסורד צו מיינען, אַז דער קריסטנטום האָט זי אָפּגעוואָרפן. ער האָט זי אין תוך אַריין איבערגעלאָזן, נאָר צוגעגעבן אַ נייע פאָרם: „די פּאָליטישע מאַכט קאָן ניט אַליין רעגירן. זי מוז האָבן אַלס נויטווענדיקן מיטהעלפער אָדער די קנעכטשאַפט, וועלכע פאַרקלענערט די צאָל פון די ווילנס, וועלכע ווירקן אין דער מלוכה, אָדער די העכערע מאַכט, וואָס דורך אַ באַזונדער „גייסטיקער איינאַימפונג" צעברעכט זי די נאַטירלעכע ניט־נאָכגיביקייט פון דידאָזיקע ווילנס און נויט זיי ווירקן צוזאַמען, ניט שאָדנדיק איינער דעם צווייטן". די מאָנאַכנשאַפט ווייזט זיך ביי דע מעסטערן אַרויס פאַר אַ „פאַראיידלטע קנעכטשאַפט", די אינקוויזיציע — פאַר דעם בעסטן מיטל צו פאַרהיטן די קנעכטשאַפט, און דער תליון — פאַר אַן אומגעוויינלעכן וועזן, וואָס איז באַשאַפן דורך דער שעפערישער קראַפט אַלס אַ סימבאָל, וועלכער בילדעט דעם גרויל און דעם בינדונגס־רינג פון דער מענטשלעכער איינקייט. די ערפאָלגן פון דער וויסנשאַפט זיינען אין דע מעסטערס אויגן ניט קיין פראָגרעס, נאָר ערשיינונגען פון אַנטאַרטונג, צייכנס פון רעגרעס. בעקאָן, פון וועלכן עס הייבן זיך אָן די פאַרגעטערונג פון עקספּערימענט און דער אינדוקטיווער מעטאָד, איז פאַר דע מעסטערן אַ פאַרהאַסטער דענקער. דע מעסטער טרעט אַרויס קעגן דער וויסנשאַפטלעכער ערקלערונג פון צופלוס און אָפּפלוס אין ים, אַנטקעגן דעם פּרווו פון דער צעלייגונג פון וואַסער, אַ זיכערער, אַז איניכן וועט מען „אַוועקוואַרפן דידאָזיקע ניט אויסגערעכנטע אורטיילן". אָט צו וואָס עס האָבן זיך דעררעדט די אַפּאָלאָגעטן פון דער רעאַקציע אין זייער שנאה צו די נייע שטרעבונגען און אין זייער פאַרקאָכטקייט אין דעם פרינציפּ פון אויטאָריטעט.

באָנאַלד גייט נאָך ווייטער פאַר דע מעסטערן. ער טרעט אַרויס אַלס שרעקלעכער שונא פון דער אַנטוויקלונגס־אידעע, וועלכע האָט שוין בשעת דער מחלוקת צווישן קיוויע און סענט־אילער פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין די נאַטור־וויסנשאַפטן, און וועלכע האָט אין XIX י. ה. באַקומען אַ גרויסע באַדייטונג ביים אויסטייטשן היסטאָרישע ערשיינונגען. די אַנטוויקלונגס־

אידעע גראָבט אונטער די באַדייטונג פון דער טראַדיציע, שליסט אויס דער געדאַנק וועגן געזעלשאַפט און מלוכה, אַלס אייביקע געטלעכע אַנשטאַלטן, וואָס מ׳טאָר זיי ניט אָנרירן. באָנאַלד האָט עס געוואוסט: ער האָט געזאָגט אַז די אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפט און פון באַזונדערע מענטשן איז ניט ערפינדן, ניט אויסטראַכטן, נאָר אָפּהיטן די געבאָטן, וואָס גאָט האָט אָנגעוויזן די ערשטע מענטשן, און וואָס גייען זינט דעמאָלט איבער פון דור צו דור.

באָנאַלד איז איינער פון די פינסטערסטע און פאַרעקשנסטע אידעאָלאָגן פון דער רעאַקציע. זיין האַס צו דער רעוואָלוציע און צו דער אויפקלערונגס-עפּאָכע איז אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין וועזן, און אומעטום באַמערקט ער די שטרעמונג, וואָס איז פיינטלעך צו דער קירך. ער האָט אָפט געזען דעם צעעסנדיקן גיפט פון דער פרייזיניקייט אין אַזאַ ערשיינונג, אין וועלכער אַ מער אויבערפלעכלעכער בליק וואָלט געקענט ניט באַמערקן קיין שייכות מיט די גרונטלאַגעס פון דער רעוואָלוציע. ווי נאָר דער בנין פון אויטאָרי-טעט האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען, איז באָנאַלד געקומען, ווי אַ טרייער שומר, און האָט מיט זאָרג פאַרהיט יעדע שפּאַרע, מיט צאָרן צוריק אַוועקגעשטעלט אויפן אָרט יעדן שטיין. די אומאָפּהענגיקייט פון פאַרלאַמענט און די פריי-הייט פון געריכט האָט ער געטאַדלט ווי דאָס גרעסטע בייז. צו דער פרייהייט פון געוויסן און פון דער פרעסע האָט ער געפילט אַן עקל פון אַ פאַנאַטיקער. ער האָט מיט גרויל גערעדט וועגן דעם, וואָס מען האָט אין אייניקע לענדער אָפּגעשאַפט טויט-שטראָף — „דערדאָזיקער הויפּטמיטל צו פאַרהיטן די געזעל-שאַפט". די מענטשנליבע, וואָס „כאַפּט אַ מאָל אָן די רעגירונגען פּלוצלונג", האָט ער געהאַלטן פאַר אַן אומפאַרשטענדלעכער משוגעת. די נאַטורוויסנ-שאַפטן, וועלכע פאָרשן אויס נאָר די פיזישע וועלט און שטופּן אַרויס דאָס העכערע אַבסטראַקטע וויסן, איבערהויפּט די „דערהויבענע מעטאַפיזיק" פון דער אַלטער צייט, האָבן ביי אים אַרויסגערופן האַס. ער האָט זיינע רעאַק-ציאָנערע אָנשויאונגען דורכגעפירט דורך אַלע זייטן פון לעבן. קיינער, למשל, האָט ניט פאַרשטאַנען אַזוי טיף די ענגע שייכות, וועלכע עקסיסטירט צווישן דער פאַמיליע-פראַגע און דער מלוכה-אָרדענונג. און אין זיין בוך וועגן גט טרעט ער אַרויס אַלס גריילעכער קעגנער פון דעם פרינציפּ, אַז די חתונה איז אַ ענין פון פרייהייט, און אַז דער ווילן פון איין צד קלעקט שוין גענוג פאַר גט. צווישן מאַן און ווייב איז, לויט זיין איבערצייגונג, ניטאָ קיין גלייכ-הייט. דער מאַן פאַרקערפּערט די מאַכט. די ווייב איז נאָר אַן אויספירערין פון די פּלענער פון דער מאַכט. די קינדער האָבן כלל קיין שטימרעכט ניט, זיי זיינען אונטערטעניקע.

אָבער בײַ גאָר זייער איבערגעגעבנקייט דער קירך, האָבן די אַפּאָלאָגעטן פון דער רעאַקציע, אַליין דאָס ניט באַמערקנדיק, זיך אונטערגעגעבן אונטער דעם אויטאָריטעט פונם פויפסט. אין זייער פּאָלעמיק האָבן זיי זיך געשטיצט אויף טעמים פון פאַרשטאַנד; זיי האָבן איבערגענומען די טערמינאָלאָגיע און די מעטאָדן פון דער אויפקלערונגס-עפּאָכע. באָנאַלד, וואָס האָט פאַרהאַסט די נאַטור-וויסנשאַפטן, האָט איינס פון זיינע ווערק אַ נאָמען געגעבן: אַנאַליטישער פּרווו וועגן די נאַטירלעכע געזעצן פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. דע מעסטער, קעמפנדיק פאַר דעם פּרינציפּ פון דעם פויפסטס אומפעלערבאַרקייט, האָט דעמדאָזיקן פּרינציפּ דערלאַנגט אַ אומרחמנותדיקן קלאַפּ. ער פירט אַרויס די נויטווענדיקייט צו אָנערקענען די אומפעלערבאַרקייט ניט פון איר אַבסאָלוטער אמתדיקייט, נאָר פון איר נוצן. „אַז גאָט וואָלט ניט געווען, וואָלט מען אים געדאַרפט אויסטראַכטן" — האָט וואָלטער געזאָגט. אויב דעם פויפסטס אומפעלערבאַרקייט איז אַפילו אַ פיקציע, מוז מען די זאַך פונדעסטוועגן אָנערקענען",—האָט געמיינט דע מעסטער. אַ שלעכטע אַרגומענטאַציע פאַר אַן עכט-גלויביקן. גלויבן אין דעם, וואָס עס איז אפשר פאַלש, אָבער אין וואָס מען מוז גלויבן, צוליב דעם אַלגעמיינעם נוצן. דערדאָזיקער, אַזוי צו זאָגן, „נאָכוואָלטערישער" קריסטנטום שיידט זיך אונטער פון דעם מיטלאַלטערישן דערמיט, וואָס דער לעצטער האָט ווירקלעך באַזירט אויף דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, אויף דעם אַבסאָלוטן גלויבן אין דער אמתדיקייט פון דער פויפסטלעכער לערע, וועלכע דערלאָזט ניט קיין ספק און קיין אורטיילן. דע מעסטערס נייער קריסטנטום האָט זיך געשטיצט אויף טעמים פון פּראַקטישער פּאָליטיק און ניט אויף דער אינערלעכער אמתדיקייט. אויב מען דאַרף גלויבן אין דעם פויפסטס אומפעלערבאַרקייט, כדי אײַנצושטעלן די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, טאָ ווי-זשע זאָל מען טאָן, אויב כדי צו פאַרהיטן דיזעלבע אָרדענונג וועט נייטיק זיין מבטל צו מאַכן די פויפסטלעכע אומפעלערבאַרקייט? דאָס, וואָס פאַר דעם מיטלאַלטערישן קריסט איז געווען אַ געטלעכער אמת, אַן אייביקער און אַן אומענדלעכער, דאָס איז ביי דע מעסטערן אין מויל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מענטשלעכער אַנשטאַלט, הייסט עס, און עפּעס אַזוינס, קעגן וואָס מען קאָן קריגן און וואָס מען קאָן ענדערן. און קיינער האָט בעסער פאַר דע מעסטערן אַליין ניט באַוויזן גאָר די וואַקלדיקייט פון דעם גרונט, אויף וועלכן די רעאַקציע האָט געבויט דעם פּרינציפּ פון דער פויפסטלעכער אומפעלערבאַרקייט. ווען דער פויפסט האָט לויט נאַפּאָלעאָנס פאָדערונג זיך געלאָזן קיין פּאַריז קריינען דעם אימפּעראַטאָר, איז דע מעסטער

אריין אין גרימצאָרן און שאַרף אָנגעפאַלן אויף דעם ראש פון די קאַטוי־ליקן. איז אַרויסגעקומען, אַז דער ריטער פון קאַטוליציזם האָט אַליין געפונען אַ פעלער אין די מעשים פון דעם „אומפעלערבאַרן" פויפּסט. דער פּויפּסטנטום האָט שוין ניט געהאַט די פריערדיקע השפעה, ער האָט זיך שוין אַליין אָפּגעזאָגט פון אַ פולע אַלטע פּרעטענזיעס, איז געגאַנגען אויף קאָמפּראָמיסן, און די טוער פון דער רעאַקציע, וואָס האָבן געוואָלט אָנבינדן דעם פּויפּסטנטום אַ ראָלע, וואָס געהערט אים ניט, זיינען געגאַנגען אַקעגן די אינטערעסן פון דעם פּויפּסטנטום גופא, האָבן דערוויזן, אַז זיי פאַרשטייען לחלוטין ניט די נייע באַציאונגען.

די רעאַקציע האָט אַרויסגעשטעלט ניט נאָר פּאָליטיקער און פילאָזאָפן. זי האָט אַרויסגערוקט אַ באַגאַבטן פּאָעט, וועלכער האָט געהאַט אפשר די גרעסטע השפעה אויף די מוחות פון יענער צייט, וועלכער האָט פּרובירט אין קינסטלערישע בילדער פאַרקערפּערן דעם אידעאַל פונם נייעם קאַטוליציזם און אויסנוצן דעם סאַמע ווירקנדיקן אויף די מאַסן געווער — די פּאָעטישע פאַנטאַזיע.

דער גורל פון שאַטאָבריאַנען (1768 — 1848) איז ענלעך צו דעם גורל פון אַ פולע שריפטשטעלער פון דער רעאַקציע־עפּאָכע, אַריסטאָקראַטן, וואָס האָבן זיך פאַרלאָרן, וואָס די פּאָעטישע מסורות פון זייערע פאַמיליעס האָבן אַזוי שלעכט האַרמאָנירט מיט דער אַרומיקער וואָכעדיקער סביבה. געגליכן צו לעאָפּאַרדין, איז שאַטאָבריאַן געבוירן אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל, וואו מען האָט מיט גרויל גערעדט וועגן פּאַריז און וועגן די פרייזיניקע פון דער אויפקלערונגס־עפּאָכע. ווי די פאַמיליע לעאָפּאַרדי, אַזוי איז אויך די פאַמיליע שאַטאָבריאַן געווען זייער אַן אַלטע. און אויך זי, ווי פילע אַנדערע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס, האָט געליטן בשעת די אויפטרייסלונגען צום סוף XVIII יאָרהונדערט. די פאַמיליע שאַטאָבריאַן האָט פאַרלאָרן אירע אַמאָליקע רייכטימער, זי האָט הייליק פאַרהיט די טראַדיציעס, געלעבט מיט זכרונות און ניט געוואָלט שלום מאַכן מיט די נייע לעבנס־פאָרמען. שאַטאָבריאַן האָט געשטאַמט פון אַן אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע, און דערביי — פון אַ ברעטאָנער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע. ווער עס האָט געלייענט הוגאָס **דאָס דריי און ניינציקסטע יאָר**, יענער געדענקט די מידות, וואָס האָבן געהערשט אין דעמדאָזיקן אַלטן נעסט פון קאַטוליציזם און פעאָדאַליזם. אָן די אַלטע ווענט פון די ברעטאָנער שלעסער האָבן זיך ניט איינמאָל צעבראָכן די כוואַליעס פון די נייע שטרעמונגען, וואָס זיינען געקומען פון די קולטורעלע צענטערס. די

אידעען, וואָס האָבן צערודערט איראָפּע, זייַנען אָן אַ שפּור פאַרלאָרן געוואָרן אין די געדיכטע ברעטאַנישע וועלדער.

שאַטאָבריאַנס פאָטער איז געווען אַ מענטש אין באַנאַלדאַס געשמאַק, אַ שטרענגער און אַ שטאָלצער, איז ער געווען ניט קיין פרייַנד, נאָר אַ הער־שער לגבי די קינדער. די מוטער איז געווען אַ פרומע קאַטוילין. די הויפּט־זאָרג פון דעם אַלטן שאַטאָבריאַן איז געווען: ביי זייַנע קלייַנע מיטלען אונטער־צוהאַלטן דעם גלאַנץ פון זייַן משפחה. די דערציילונגען וועגן דער אַמאָליקער גדולה און די איצטיקע אָרימע ווירקלעכקייט האָבן אומגעוויינלעך גיך אַנט־וויקלט דעם דמיון ביי דעם עקזאַלטירטן קינד. אין זייַנע טרוימען האָט שאַ־טאָבריאַן געפונען אַ טרייסט אין דער קעלט, וואָס האָט געהערשט אין דער משפּחה. „אויפגעקליבן צוזאַמען פאַרשיידענע שטריכן פון די פרויען, וואָס איך האָב געזען,—דערציילט ער,—האָב איך אין דמיון באַשאַפן אַ אידעאַלישע פרוי, און האָב דעמדאָזיקן וועזן געגעבן דעם גייסט און די אומשולדיקייט פון מיין שוועסטער, די צאַרטקייט פון מיין מוטער, דעם וואוקס, די האָר און דעם שמייכל פון אַ פרעכטיקער אומבאַקאַנטער, וועלכע האָט מיך צוגעדריקט צו צו איר ברוסט. ביי איין פויערשער מיידל האָב איך גענומען די אויגן, ביי דער צווייטער—די פרישקייט פון געזיכט. אַנדערע שטריכן האָב איך צונויפ־געזאַמלט ביי די פאָרטרעטן פון הויף־דאַמען פון פראַנסואַ דעם I, הייַנריך דעם IV און לודוויק דעם XIV צייטן, וואָס זייַנען געהאַנגען ביי אונז אין סאַלאָן, און אייניקע פּראַכטן האָב איך גענומען ביי די געמעלן פון די מאַדאָ־נעס. דידאָזיקע צויבערלעכע מיידל האָט אומגעוועזן אומעטום מיך באַגלייט, איך האָב מיט איר געשמועסט, ווי מיט אַן אמתן מענטשן. זי האָט זיך געענדערט לויט מיין ווילן. זי האָט אָנגענומען די פאָרמען אַמאָל פון אַ קאָקעטער נימפע, אַמאָל פון אַ ליידנשאַפטלעכער ווענערע. זי איז געווען שטרענג ווי דיאַנע, אָדער רייצנד ווי העבאַ. אָפט איז זי געוואָרן אַ פּייע, וואָס האָט מיר אונטערטעניק געמאַכט די נאַטור". דידאָ־זיקע טרוימען וועגן אַ פרויענגעשטאַלט, וועלכע איז געווען געליבט פון פאָעט און וואָס האָט אים געענטפערט מיט קעגנזייטיקער ליבע אין די שמעקעדיקע לבנה־נעכט אין נעאַפּאָל, אָדער אין סיציליע, זייַנען ניט געווען קיין ריינע, נאָר גייסטיקע טרוימען.

אַ יונגער בחור, קומט שאַטאָבריאַן אָן אין מיליטער־דינסט און פאַלט אַריין קיין פּאַריז. זיין אַריסטאָקראַטישער יחוס גיט אים אַ צוטריט צום הויף פון לודוויק XVI. אין יענער צייט האָט זיך שוין די מאָנאַרכיע געשאָקלט

שאַטאָבריאַן

אויף אירע פונדאַמענטן. וואָלטערס בייזע סאַרקאַזמען און רוסאָס צעשטערנדיקע פאַראַדאָקסן פלעגן איבערגעחזרט ווערן אין די סאַלאָנען, און שאַטאָבריאַנען האָט געטראָפן דערזעלבער מזל, וואָס אַ פולע אַנדערע באַגאַבטע מענטשן פון יענער צייט, ווען עס האָבן זיך אַבי-ווי געהאַלטן די אַלטע יסודות, און אין דערזעלבער צייט האָבן שוין די נייע אידעען אָנגעהויבן פאַרוואַנדלט צו ווערן אין ווירקלעכקייט: ער האָט געזען דעם אונטערגייענדיקן גלאַנץ פון דער דינאַסטיע און פון פאַרשיידענע מיילער געהערט די פרייזיניקע געדאַנקען פון די ענציקלאָפעדיסטן; אַ געוויסער פלאָנטער פון באַגריפן, מיט וועלכן עס צייכענען זיך אויס אַלע טוער פון דער רעאַקציע, פאַרבלייבט ביי שאַטאָבריאַנען אויף שטענדיק. אין אָנהייב רעוואָלוציע נעמט דער ברעטאַנער אַדעליקער דימיסיע און פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט הנאה צו האָבן פון דער אוראַלטער נאַטור און פון די ווילדע, און ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען די אַלע בילדער, וואָס האָבן זיך געמאָלט אין דעם דמיון פון זיין לערער רוסאָ. די ידיעה וועגן דער שאַרפער ווענדונג פון די געשעענישן אין פראַנקרייך, און וועגן דער סכנה, אין וועלכער עס געפינט זיך דער קיניג, האָט שאַטאָבריאַנען, אַלס געטרייען רעאַליסט, געטריבן אומצוקערן זיך קיין פראַנקרייך. די געשעענישן זיינען געגאַנגען שנעל און אין 1792 יאָר האָט שאַטאָבריאַן עמיגרירט פון פראַנקרייך. זיינע גוטע פריינד און זיינע קרובים זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן און געשטאָרבן אויפן עשאַפאָט. מיר באַגעגענען אים אַמאָל אין לאָנדאָן, אַמאָל אין דער עמיגראַנטן-אַרמיי אויפן ריין, אַמאָל אין בריסעל. אין לאָנדאָן האָט שאַטאָבריאַן אין 1797 יאָר אַרויסגעגעבן זיין ערשטע ווערק „אַ היסטאָרישע עסיי וועגן רעוואָלוציעס", אין וועלכן דער גייסט פון דער נייער צייט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז שפעטער, ווען שאַטאָבריאַן איז געוואָרן דער אָנפירער פון דער קאַטוילישער רעאַקציע, איז ער גענויט געווען צו פאַרטיידיקן זיינע יוגנטלעכע ווערק אַנטקעגן די באַשולדיקונגען אין אַטעאיסטישע טענדענצן, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען אין בוך. דער מוטערס טויט האָט דעם עקזאַלטירטן יונגנמאַן צערודערט, איר „שטים פון יענער וועלט" האָט אים געבראַכט צו תשובה. ער ווערט איינער פון די ריטער פון קאַטאָליציזם און זיין באַוואוסטע ווערק „דער גייסט פון קריסטנטום"—אַ שיינע, נאָר אַ פאַרפלאָנטערטע אַפאָלאָגיע פון קאַטאָליציזם—ערשיינט גלייכצייטיק מיט דער רעסטאַווראַציע פון קריסטלעכן קולט, מיטן שליסן דעם קאָנקאָרדאַט. „דער גייסט פון קריסטנטום" פאַרשאַפט שאַטאָבריאַנען אַן אַמטלעכע קאַריערע, אָבער נאָך דער טויט-שטראָף פונם הער-

צאָג פון ענגיען, קערט ער זיך אָפּ פון נאַפּאָלעאָנען און גייט אַרויס אין די־מיסיע. בשעת דער רעסטאַווראַציע באַווייזט ער זיך ווידער אויפן פּאָליטישן האָריזאָנט, אָבער נאָך יוליער רעוואָלוציע, אין דעם פּעריאָד פון דער בירגער־לעכער מאָנאַרכיע, אַן אומצופרידענער מיט דער לאַגע, גיט ער זיך אָפּ אין־בערהויפּט זיין ליטעראַרישער טעטיקייט.

שאַטאָבריאַן האָט נאָך געזען די פּעברואַרער געשעעניש. ער איז גע־שטאָרבן אין 1848 יאָר, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די צווייטע רע־פּובליק.

שאַטאָבריאַן איז געווען דער אמתער משורר פון דער רעאַקציע און דער אמתער ראָמאַנטיקער. אין פראַנקרייך הייבט מען ניט אומזיסט אָן פון אים צו רעכענען דעם ראָמאַנטיזם. זיינע שאַפונגען האָבן אַלע כאַראַקטערי־סטישע שטריכן פון דעמדאָזיקן מין פּאָעזיע: דער רייכער דמיון טראָגט אים כסדר אַוועק אָדער אין ווייטן עבר, צו די ערשטע יאָרן פון קריסטנטום, אָדער אין ווייטע לענדער; די אומצופרידנהייט מיט דער קעגנוואַרט נויט אים צו פאַרטיפן זיך אין זיין „איך", אַרומטראָגן זיך מיט זיינע טרוימען און געפילן, פּאָזירן און פּאַראַדירן. ער איז געווען אַ ראָמאַנטיקער אויך אין דעם זין, וואָס ער האָט אַנטקעגן דעם ראַציאָנאַליזם פון דער אויפקלערונגס־עפּאָכע און אַנט־קעגן די פולקומע האַרמאָנישע פאָרמען פון קלאַסיציזם אַרויסגעשטעלט די אומאָרדענונג פון פאָרם און געדאַנק. און ווען ער האָט געוואָלט איבערצייגן די וועלט אין דער נייטיקייט אומצוקערן זיך צום קאַטויליציזם, האָט ער ניט געפונען קיין בעסערן מיטל צו פאַרטיידיקן די געלעסטערטע רעליגיע, ווי פּאָעטישע ראיות. דער קאַטויליציזם איז די פּאָעטישסטע פון אַלע אמונות — דאָס איז דער גרונטגעדאַנק פון „דעם גייסט פון קריסטנטום". דע מעסטער האָט באַוויזן די מעלות פון קאַטויליציזם מיט פּאָליטישע, שאַטאָבריאַן — מיט עסטעטישע סברות.ביידע טעמים זיינען גלייך שלעכטע אַרגומענטן פאַר עכטגלויביקע. שאַטאָבריאַן באַגרינדעט די עיקרים פון גלויבן דערמיט, וואָס זיי זיינען אַזוי שיין און רירן אַזוי. דער אמת פון קאַטויליציזם באַשטעטיקט זיך דערמיט, וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ גוטע ווירקונג אויף דער פּאָעזיע און אויף דער וויסנשאַפט, אָפּעפנענדיק פאַר זיי נייע פּערספּעקטיוון, פאַרוואַנדלענדיק אין מאַטעריאַל פאַר דער פּאָעזיע די גבורות פון די הייליקע, די לערע וועגן מלאכים, וועגן גן־עדן און אַז. וו.

די פּאָעטישע אַרגומענטאַציע האָט געפאָדערט פּאָעטישע אילוסטראַציעס און אין „דעם גייסט פון קריסטנטום" זיינען אַריינגעשטעלט אַטאַלאַ און

רענע, צווי פּאָעמען, וועלכע זאָלן אין געשטאַלטן פאָרשטעלן די פיינען פון די אומרואיקע מענטשן, וואָס זיינען אָנגעגריפן פון פאַרברעכערישע ליידנשאַפטן, און די רעטונגסקראַפט, וואָס עס האָט די רעליגיע, אַלס אַ מקום-מקלט פאַר אַזעלכע מענטשן. רענע איז מער כאַראַקטעריסטיש און דערויף דאַרף מען זיך אָפּשטעלן גענויער.

אויפן ברעג טייך מיסיסיפּי, „וועלכער האָט שטאָלץ געכוואַליעט זיינע אינדן אין דער צוזיבערלעכער שטילקייט", דערציילט איינער פון יענע ליידנדיקע, וואָס זייער געשטאַלט איז אונז שוין באַקאַנט פון ווערטערן און מאַנפרעדן, פאַר דעם אַלטן אינדיאַנער שאַקטאַס און פאַר דעם מיסיאָנער סויעל זיין טרויעריקע געשיכטע. פאַר רענעס געבורט האָט זיין מוטער באַצאָלט מיטן לעבן. אין דער קינדהייט איז ער געווען איינזאַם, און נאָר די שוועסטער אַמעלי איז דער איינציקער פריינד זיינער און באַפּוצט אַ ביסל זיין איינזאַמקייט. נאָך דעם פאָטערס טויט וואַרפט ער זיך, אַ בענקענדיקער און אַן אומצופרידענער, פון איין באַשלוס צום צווייטן, וואַקלט זיך און קען זיך אויף גאַרנישט אָפּשטעלן. ער וויל אָנקומען אין אַ קלויסטער, אָבער די איינגעבוירענע ניט-באַשטענדיקייט, צי דער פאָראורטייל קעגן דעם לעבן פון די מאָנאַכן, נייטן אים אָפּצוזאָגן זיך פון דעמדאָזיקן באַשלוס. ווי טשאַילד האַראָלד, לאָזט ער זיך אַוועק רייזן. ער באַזוכט די חורבות פון גריכנלאַנד און פון רוים, אָבער די רייזע ציגט אים נאָר איבער אין דער אייטלקייט פון רום און אין דער איבערגאַנגלעכקייט פון אַלעם גרייסן. ניט געפונען קיין באַפרידיקונג אין וואַנדערלעבן, באַזעצט ער זיך אין אַ פאָרשטאָט, צווישן אומבאַקאַנטע מענטשן, וואו קיינער קען אים ניט. אָבער דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס ער איז פריער דערפון געווען אַנטציקט, איז אים מיאוס געוואָרן, מחמת ער האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, וואָס כסדר חזרן זיך איבער איינע און די זעלביקע געדאַנקען, איינע און דיזעלביקע סצענעס. ער אַנטלויפט אין דאָרפישער איינזאַמקייט, אָבער באַלד הערט אים אויך די נאַטור אויף צו באַפרידיקן. דעמאָלט באַשליסט ער זיך צו שיידן מיטן לעבן. ער שרייבט צו אַמעלי; אָבער די שוועסטער, וועלכע איז געווינט צו לייענען, וואָס ביי אים אין האַרצן איז פאַרבאָרגן, האָט לויטן בריוו פאַרשטאַנען, וועגן וואָס ער טראַכט, הגם ער האָט וועגן זיין פּלאַן קיין וואָרט ניט דערמאָנט; זי קומט אַליין צו אים צו פאָרן און נעמט ביי אים אַ שבועה, קיינמאָל מער ניט צו טראַכטן וועגן זעלבסטמאָרד. די צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט דער שוועסטער, איז געווען די גליקלעכסטע אין זיין לעבן: „ווען ער פּלעגט איינ-

דערפרי, אָנשטאָט דער איינזאַמקייט, הערן דער שוועסטערס קול, האָט ער געפלאַטערט פון פרייד און גליק". אָבער איינמאָל איז ער אַרויף צו מיר: ער האָט אָנגעקלאַפּט, און קיין ענטפער איז ניט געווען; ער גייט אַריין אין אַמעליס פאַריתומט צימער און געפינט אַ בריוו. אין בריוו בעט זי אים מוחל זיין איר, וואָס זי האָט אים אַזוי פלוצלונג פאַרלאָזן. זי האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט ניט קענען ביישטיין אַנטקעגן זיינע געבעטן צו בלייבן מיט אים. זי האָט באַשלאָסן אויף שטענדיק צו שיידן זיך מיט דעם וועלטלעכן לעבן, אין וועלכן זי איז פאַרבליבן נאָר צוליב אים, און צו ווערן אַ מאָנאַכין. רענע, אַ פאַרצווייפלטער, פאָרט נאָך איר, כדי אָפּצורייסן די שוועסטער פון איר פּלאַן, אָבער זי בלייבט פעסט ביי איר באַשלוס און בעט אים, ער זאָל איר פאַרטרעטן דאָס אָרט פון אַ פאָטער ביים אַלטאַר אין דעם טאָג פון אָננעמען די נזירות. און דאָ, בשעת עס קומט פאָר די הייליקע צערעמאָניע, דערוויסט זיך רענע לסוף דעם שרעקלעכן סוד, וואָס האָט אַמעלין פאַרשאַפט ליידן. פון אונטער דער קבורה־דעק, מיט וועלכער מען האָט איבערגעדעקט די שוועסטער, האָבן זיך געלאָזט הערן שטילע ווערטער, וואָס נאָר ער אַליין האָט געקענט פאַרנעמען: דערבאַרעמיקער גאָט! — האָט די שוועסטער מתפלל געווען,—מאַך אַזוי, אַז איך זאָל ניט אויפשטיין פון דעמדאָזיקן קבורה־געלעגער און שענק דיין לייטזעליקייט מיין ברודער, וועלכער האָט ניט גענומען קיין טייל אין מיין זינדיקער ליידנשאַפט". אַמעלי האָט ליב געהאַט דעם ברודער ניט נאָר מיט שוועסטערליבע... רענען טראָגט מען אַרויס אַ געחלשטן. די פריערדיקע בענקשאַפט באַהערשט אים און ער פאָרט אַרויס קיין אַמעריקע.

רענעס ערציילונג נעמט דעם אַלטן שאַקטאַס אָן ביים האַרצן, זי האָט אָבער אַרויסגערופן אַ הייסן פּראָטעסט מצד דעם מיסיאָנער. „וואָס טוט איר,— זאָגט ער, — אין דער טיפעניש פון די וועלדער, וואו איר פאַרברענגט איינזאַם די צייט, פאַרנאַכלעסנדיק אייערע חובות? די הייליקע, וועט איר מיר זאָגן, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די מדבריות. זיי האָבן דאָרט די צייט פאַרבראַכט אין טרערן און זיי האָבן אַוועקגעגעבן זייער צייט כדי צו שטילן זייערע ליידנשאַפטן, בשעת איר פטרט די צייט אפשר דערויף, אייערע ליידנשאַפטן אויפצורייצן. די איינזאַמקייט טויג ניט פאַר דעם, וועלכער לעבט אין איר ניט מיט גאָט".

דאָס איז דער אינהאַלט פון שאַטאָבריאַנס איינע פון די בעסטע ווערק. דער אויטאָר האָט געוואָלט, ערשטנס, מאָלן די נייע ליידנשאַפטן און געפילן.

װעלכע זײַנען אױסגעװאַקסן אױפֿן באָדן פֿון קריסטנטום און זײַנען ניט געװען באַװאוסט די אַלטערטימלעכע פֿעלקער. ער האָט אַזױ אַרום געװאָלט באַװײַזן, װי אַדאַנק דעם קריסטנטום איז ברײטער געװאָרן די ספֿערע פֿון פּאָעזיע, װי רײַך איז געװאָרן דעם מענטשנס אינערלעכע װעלט. צװײטנס, שאַטאָבריאַן באַהױפּט, אַז אים האָט זיך געװאָלט דערװײַזן די גוטע װירקונג פֿון די קלױסטערס, דעמדאָזיקן גרױסן מקום־מקלט, װאָס די קאַטױלישע קירך האָט פֿאָרגעלײגט פֿאַר די אומרואיקע נשמות, װעלכע װערן געשטורעמט פֿון לײדנשאַפֿטן און ספֿקות.

און דער פּאָעט פֿון קאַטױליציזם האָט זײַן אױפֿגאַבע אױסגעפֿירט פּונקט אַזױ טאַלאַנטפֿול אָבער אױך אַזױ ניט געלונגען, װי די קאַטױלישע פּאָליטיקער האָבן אױסגעפֿירט זײער אױפֿגאַבע.

אמת, זײַן װערק איז רײַך מיט פּאָעטישע שײנקײטן; אין פֿאַרלאָקנדיקע פֿאַרבן מאָלט ער דעם פֿרידן און די נחמה, װעלכע הערשן אין די פֿינסטערע װענט פֿון דעם קלױסטער; דער קלאַנג פֿון קירכנגלאָק װערט אין זײַן באַשרײַבונג פֿאַרװאַנדלט אין אַ גאַנצער גאַמע פֿון קאָמפּליצירטע איבערלעבונגען. „װאָסער הארץ האָט ניט געפֿלאַטערט פֿון די גלאָקן־קלאַנגען פֿון זײַן פֿאָטערלאַנד — יענע גלאָקן, װאָס האָבן פֿרײדיק געקלונגען איבער זײַן װיג־בעטל, האָבן צו װיסן געגעבן, אַז ער האָט דערזען די װעלט, האָבן באַצײכנט דעם ערשטן דופּק פֿון זײַן האַרצן, האָבן אין פֿרײדן אָנגעזאָגט דער סביבה װעגן דער הײליקער פֿרײד פֿון זײַן פֿאָטער, װעגן דעם פּײַן און װעגן דער נאָך גרעסערער אַנטציקונג פֿון זײַן מוטער. די װאונדערלעכע טרױמען, אין װעלכע עס טוקט אונז אָפּ דער גוטע־בשׂורה־קלאַנג פֿון דעם פֿאָטערלאַנדסגלאָק, האַלטן אין זיך אײַן: רעליגיע, משפּחה, הײם און דאָס װיגבעטעלע, און דעם קבֿר אין דעם עבֿר און דעם עתיד". דאָס בריװ, װאָס אַמעלעשרײַבט צו רענע נאָכדעם, װי זי איז געװאָרן אַ מאָנאַכין, איז אַן אַפּאָטעאָז פֿון רעליגיע, אַ פֿרײד־הימן לכּבֿוד דער אײנזאַמקײט פֿון קלױסטער און פֿון אַסקעטיזם: „װען איך הער די דונערן פֿון שטורעם, און װען דער ים־פֿײגל שלאָגט זיך מיט די פֿליגל אָן מײַן פֿענצטער, טראַכט איך, אָרעמע הימלשע טײַבעלע, װעגן דעם, װי גליקלעך איך בין, װאָס איך האָב געפֿונען אַ זיכער אָרט קעגן שטורעמס. דאָ איז דער הײליקער באַרג, דער הױכער שפּיץ, פֿונװאַנען עס הערט זיך דער לעצטער גערױש פֿון דער ערד און דער ערשטער געזאַנג פֿון הימל. דאָ פֿאַרװיגט די אמונה זיס די פֿילבאַרע נשמה: די סאַמע לײַדנשאַפֿטלעכע ליבע פֿאַרבײַט זי אױף עפּעס, װי אַ מין ברענע־

דיקע זינדלאָזיקייט, אין וועלכער עס איז פּאַראַייניקט סיי די געליבטע, סיי די בתולה; זי רייניקט די זיפצן; דעם איבערגענגלעכן פלאַם פּאַרוואַנדלט זי אין אַ זינדלאָזן פלאַם; זי מישט וואונדערבאַר אַריין איר רואיקייט און איר תמימות אין דעם רעשט אומרו און תאווה פון דעם האַרצן, וואָס זוכט באַרו־איקונג, אין דעם רעשט אויסגייענדיקן לעבן". די פּאַבולע גופא פון דער ערציילונג באַווייזט די רייכע ערפינדערישקייט פון דעם אויטאָר, מחמת זי ערלויבט צו וואַרפן אַ העלע ליכט אויף דעם קאָנפליקט צווישן דער רעליגיע און צווישן די מענטשלעכע ליידנשאַפטן. דידאָזיקע געניאַלע ערפינדערישקייט האָט שעקספּיר אַנטפּלעקט, בשעת ער האָט אַרויסגעשטעלט אַלס מניעה צו דעם בונד צווישן ראָמעאָ און דזשוליעטאַ דעם ירושה־האַס צווישן צוויי משפחות. אין דעם מיטלאַלטערישן איטאַליענישן פירשטנטום האָט מען ניט געקענט געפינען קיין טראַגישער קאָנפליקט, ווי דעם צוזאַמענשטויס פון דער פלאַמענדיקער ליידנשאַפט מיט דעם קריג צווישן משפחות. ווען רוסאָ האָט געלאָזן יוליען און סען־פּרע שיידן זיך מחמת דער פאַרשיידנהייט פון זייער שטאַנד, האָט ער ניט וויניקער געלונגען אויסגעוויילט זיין סוזשעט ערב דעם אַנטשיידענעם שלאַכט צווישן די פּריווילעגירטע אַריסטאָקראַטן און דער אומצופרידענער בורזשואַזיע. דער פּאָעט פון קאַטוילויציזם, וואָס האָט געזאָלט באַווייזן די גאַנצע טיפקייט פון דעם תהום, וואָס ליגט צווישן דער מענטשהייט, וועלכע איז פאַרכאַפּט פון ליידנשאַפטן, און דעם קריסטלעכן אידעאַל פון אונ־טערטעניקייט, — דערדאָזיקער פּאָעט האָט ניט געקענט צוטראַכטן קיין שרעק־לעכערן צאַם פאַר דער ליבע־ליידנשאַפט, ווי די משפחה־קרובעשאַפט. מיט ליבע־קייטן זיינען ביי באַיראָנען פאַראייניקט קַין און עדה, ברודער און שווע־סטער, מאַן און ווייב אין דערזעלבער צייט. נאָר אויב אין דער מיסטעריע זיינער האָט דער ענגלישער פּאָעט אפשר אַריינגעלייגט אַ באַהאַלטענע איראָ־ניע, נעמענדיק פון דער ביבל גופא אַ סוזשעט, וואָס איז ניט אָנגענעם פאַר די טעאָלאָגן, האָט זיך שאַטאָבריאַן באַנוצט מיט דער זינדיקער ליבע, כדי צו באַווייזן די קראַפט פון דער קירך, וואָס אין איר שויס באַרואיקן זיך די אומרו־איקע געדאַנקען און די פלאַמענדיקע ליידנשאַפטן. ליידנשאַפט צו אַ ברודער— איז דער העכסטער באַוויז פון מענטשלעכער אומבאַצוימטקייט. דער קלויסטער, וואָס האָט אַמעלין געגעבן די מעגלעכקייט צו רעטן זיך פון זיך גופא — איז דער העכסטער אויסוויז פון דערהויבנקייט און קראַפט פון דער אמונה.

און פונדעסטוועגן האָט שאַטאָבריאַן ניט געלונגען אויסגעפירט זיין אויפ־

גאַבע: אויב די העלדין פון דער דערציילונג האָט זיך מציל געווען אין די שטילע ווענט פון דעם קלויסטער, האָט אָבער דער העלד פון דער דערציילונג ביזן סוף פון זיין לעבן ניט געפונען קיין טרייסט. „מען זאָגט, אַז רענע, איבערצייגט פון ביידע זקנים, האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין ווייב (קומענדיק צו די אינדיאַנער, האָט רענע לויט זייערע מנהגים געמוזט חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון זייער שבט, נאָר ער האָט מיט איר ניט געלעבט). ער איז אָבער מיט איר ניט גליקלעך געווען. באַלד נאָך דעם איז ער אומגעקומען בשעת אַ שחיטה פון פראַנצויזן און נאַטשעזן אין לואיזיאַנע. מען באַווייזט עד־היום דעם פעלז, אויף וועלכן ער פלעגט זיצן בשעת זונפאַרגאַנג". דידאַ־זיקע ווערטער, מיט וועלכע עס ענדיקט זיך די דערציילונג, באַווייזן, אַז דעם מיסיאָנערס פאַרוואורפן האָבן ניט דערגרייכט דעם ציל, און אַז רענע איז גע־שטאָרבן ניט קיין איבערגעבעטענער מיטן הימל. וויפל דער אויטאָר האָט זיך ניט באַמיט צו מאַכן פון רענע אַ קריסט, פירט ער פאָרט אין דער פער־זאָן פון זיין העלד אַרויס דעם וועלטשמערצלער, וואָס זיינע באַזונדערע שטריכן זיינען אונז גוט באַקאַנט. רענע שטעלט אַרויס צום הימל דיזעלבע טענות, וואָס קומען פון ווערטערס און פון טשאַילד־האַראָלדס מויל. ער קלאָגט זיך אויך אויף דעם מענטשנס נישטיקייט. דערזעענדיק קאַרל דעם I־נס סטאַטוע, און דערוויסנדיק זיך, אַז די אַרבעטער, וואָס ליגן ביי איר צופוסן, האָבן אַפילו ניט געהערט וועגן דער קאַטאַסטראָפע, וואָס די מירמלנע געשטאַלט שטעלט פאָר, שרייט רענע אויס: „קיין זאַך האָט מיר ניט געגעבן קיין ריכ־טיקערע מאָס פון לעבן און פון אונזער נישטיקייט. וואָס איז געוואָרן מיט דידאָזיקע פערזאָנען, וואָס האָבן אָנגעמאַכט אַזוי פיל טומל? די צייט האָט זיך אָפּגערוקט נאָר אויף איין טריט און דער אויסזען פון דער וועלט האָט זיך שוין אינגאַנצן געענדערט". ער באַדויערט אויך די באַגרעניצטקייט פון דעם מענטשנס קראַפט, די ניט־האַרמאָנישקייט צווישן דעם מענטשנס קרעפטן מיט זיינע שטרעבונגען. אין משך פון גאַר זיין לעבן האָט ער געזען פאַר זיך „אַ שאַפונג אָן אומגעמאָסטענע און צוזאַמען דערמיט אָן אומבאַגרייפלעכע, און לעבן זיך — אָן אָפּענעם תהום". די אומפולקומענהייט פון דעם מענטשנס נאַטור וואַרפט אים אין יאוש: „וואָס האָט זיך דען ניט געפילט צעדריקט אונטער דער לאַסט פון דער אייגענער איבערגעפירטקייט, און אומפעאיק צו אַלק, וואָס איז גרויס, איידל און גערעכטיק?" ער טרויערט אויך אויף דער אומפולקומענהייט פון דעם מענטשנס וויסן, און איז מקנא די ווילדע, וואָס האָבן בעסער פאַר אים „דערגרייכט די רעזולטאַטן פון חכמה".

אמת, ער שיידט זיך אונטער פון מאַנפרעדן און פון קינען דערמיט, וואָס ער וואַרפט ניט שטאָלץ קיין אַרויסרוף צו גאָט. אדרבא, ער פאַראור־טיילט זיך אַליין פאַר זיינע גראַנדיעזע פרעטענזיעס. ער אַליין רופט אָן זיין געדאַנק וועגן זעלבסטמאָרד גרויסע זינד. ער זאָגט: „יעדער זינדיקער גע־דאַנק ברענגט נאָך זיך צעשטערונג און אומגליק". ער איז טיף געריגט פון אויסזען פון קלויסטער, דעם מקלט פון אומגליקלעכע און שוואַכע", און פון דעם אויסזען פון די פרויען, „וואָס פאַלן אויפן פנים פאַר דעם אַלערהעכסטן". און פונדעסטוועגן גייט ער ניט, ווי אַמעלי, אין קלויסטער, זוכט ניט קיין ווינקל אין דידאָזיקע מקלטים, וואו, לויט זיין אייגענעם אויסדרוק, „הייבט זיך די פרומע נשמה, ווי אַ באַרג־געוויקס צום הימל, כדי צו דערלאַנגען אים זיין אַראָמאַט". מיר זעען, אַז דער אויטאָר האָט זיך ניט געגעבן די מי צו ער־קלערן די סיבות, פאַרוואָס האָט רענע ניט געוואָלט אָנקומען אין קלויסטער. רענע אַליין באַנוגנט זיך מיט דער השערה, אַז דידאָזיקע סיבות ליגן אין זיין „נאַטירלעכער אומבאַשטענדיקייט אָדער אין דער פאָראורטייל קעגן דעם מאָ־נאַכן־לעבן" — אַ גאַנץ קנאַפּ באַפרידיקנדיקע דערקלערונג פאַר אַזאַ אַנטציקטן פאַרערער פון די קלויסטערס. רענעס עניוות, דאָס איז יענע עניוות, וועגן וועלכער מען זאָגט, אַז זי איז „ערגער פאַר גאווה". און דער אַלטער מי־סיאָנער, וואָס האָט אים אָנגערופן בעל־גאווה, איז גערעכט געווען.

דער פּאָעט, דער וואַכזאַמער און וואָרהאַפטיקער, דער ליריקער, וואָס האָט אויסגערעדט זיינע אייגענע טרויעריקע רעיונות און די רעיונות פון זיין דור, האָט אין דעם אויטאָר פון רענע געגומען די אויבערהאַנט איבער דעם טענדענציעזן אַפּאָלאָגעט פון קאַטוליציזם. געוואָלט רימען דעם אַסקעטיזם און די קלויסטער־אידעאַלן, האָט שאַטאָבריאַן, אַליין דאָס ניט באַמערקנדיק, געזונגען אַ לוויה־הימן פאַר יענע טרייסט־מיטלען, וועלכע די מיטלאַלטערישע קירך האָט פאָרגעלייגט דעם אומרואיקן גייסט. רענע איז אַ טיפּישער העלד פון יענער עפּאָכע, און זיין גורל האָט געדינט פאַר אַ מוסר־השכל גאָר ניט אין דעם זינען, וואָס דעם אויטאָר האָט זיך געוואָלט. דהיינו, רענעס גורל האָט באַוויזן, ווי פרוכטלאָז און צייללאָז איז געווען דאָס לעבן פון די מענטשן, וועלכע האָבן געווענדט זייער בליק צו דעם עבר און האָבן ניט געפונען פאַר זיך קיין אָרט אין דער וועלט פון די נייע באַציאונגען.

שאַטאָבריאַנס עסטעטישער קאַטוליציזם האָט אויך אַזוי ווייניק געהאָלפן דער אויפלעבונג פון עכטן גלויבן, ווי דער אוטיליטאַריש־פּאָליטישער קריסטנ־טום פון דע מעסטער.

פונדעסטוועגן איז די רעאַקציע־עפּאָכע ניט אַריבער אָן שפּורן. די הינ־טערשטעליקע אין זייערע פּאָזיטיווע שטרעבונגען שריפטשטעלער פון דער רעאַקציע זייבען געווען שטאַרק מיט זייער קריטיק. זיי איז געלונגען צו אַנטדעקן אַ פולע טעותים פון דער אויפקלערונגס־עפּאָכע, זיי האָבן געגויט צו פאַרטראַכטן זיך און אַרומצוקוקן זיך די יעניקע, וואָס האָבן ווייטער אַנטוויקלט די אידעאַלן פון דער עפּאָכע. געגויט די פּראָגרעסיווע שריפטשטעלער פאָר־זיכטיקער צו גיין פאָראויס, און ניט איבערצוחזרן די פעלערן פון דעם עבר. —

צווייטע אָפּטיילונג.

די סאָציאַלע און די רעאַליסטישע ליטעראַטור אין ענגלאַנד. דיקענס. טעקעריי.

די עקאָנאָמישע און די פּאָליטישע לאַגע פון די אַרבעטער אין ענגלאַנד אין אָנהייב פון דער תקופה.—די ברויט-געזעצן.—ראָבערט אָועז.—דער קריטישער און דער פּאָזיטיווער טייל פון זיי לערע.—דער טשארטיזם.—דער קאַמף קעגן די ברויט-געזעצן.—די פּאָעזיע פון נויט און צרות.—די „לידער וועגן-ברויט געזעצן" פון עליאָט.—טאָמאַס הוד.—טשארלז דיקענס.

.IV

אין XIX, ווי אין פאָריקן יאָרהונדערט, זיינען נייע אידעען געבוירן געוואָרן אין ענגלאַנד; פראַנקרייך האָט זיי איבערגעזעצט אויף אַן אַלמענטשלעכער שפּראַך און געמאַכט פאַר אַ קנין פון גאַנץ אייראָפּע. אויף דער ליטעראַטור פון XIX יאָרהונדערט האָבן אַ שטאַרקע ווירקונג געהאַט, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, צוויי פאַקטאָרן: די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און דער ערפאָלג פון דער נאַטורוויסנשאַפט. מיר האָבן געזען, אַז אין ענגלאַנד האָט זיך פריער ווי ערגעץ-וואו אַנדערש אָנגעהויבן די אַרבעטער-באַוועגונג, דער קאַמף קעגן דער אַרבעטסלאָזיקייט און דער אָרעמקייט. צו דערדאָזיקער באַוועגונג שטימט אין דער ליטעראַטור דער אינטערעס צו סאָציאַלע פראַגן, צו דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די מאַסן. די ליטעראַטור דערנענטערט זיך צום לעבן, שטרעבט צו העלפן די סאָציאַלאָגן און די רעפאָרמאַטאָרס, אָנצוזאַמלען מאַטעריאַל פאַר זייערע אויספירן, באַלייכטן די לאַגע און די מידות פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע גרופּעס, וועלכע זיינען אַרויסגערופן צום לעבן דורך דער אינדוסטריעלער איבערקערעניש. אַזוי אַרום הייבט זיך אָן נאָך דער הערשאַפט פון ראָמאַנטיזם און פון דער ריינער פּאָעזיע די אויפבליאונג פון דער סאָציאַלער און רעאַליסטישער ליטעראַטור.

אין אָנהייב פון 19-טן יאָרהונדערט איז דער אונטערשייד צווישן רייכע און אָרעמע אין קיין לאַנד ניט געווען אַזוי גרויס, ווי אין ענגלאַנד. כמעט

די גאַנצע ערד האָט געהערט צו די גרויסע גוט־באַזיצער, די לאָרדן; די פּוי־ערים האָבן כמעט גאָרנישט געהאַט, און האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ קלאַס פּאַראָבקעס, וועלכע אַרבעטן פאַר דעם גרויסן פּריץ. אין דער אינדוסטריע האָט אויך די גרויסע אַרויסגעשטופּט די קליינע, און די קליינע אונטערנעמער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לוין־אַרבעטער ביי די גרויסע אונטערנעמער. די גרעסטע צרה, וואָס האָט באַלעסטיקט די אָרעמע באַפעלקערונג, איז באַשטאַנען אין דעם אַזויגערופענעם „ברויט־געזעץ", וועלכער האָט געמאַכט כמעט אוממעגלעך אַריינצופירן ברויט קיין ענגלאַנד פון איסלאַנד. דעמדאָזיקן געזעץ האָבן דורכגעפירט די ערדבאַזיצער, כּדי אויפצושרויפן די פּרייזן אויף ברויט, וואָס איז דער עיקר שפּייז ביי דער אָרעמער באַפעלקערונג. די פּריצים זיינען דורך דעם רייך געוואָרן. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אָנגעשראָקן די ענגלישע אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט זיך געהאַלטן פעסט פאַר אירע פּרי־ווילעגיעס און ניט דערלאָזן קיין שום פּראָבע אויסצובעסערן די לאַגע פון דעם אַרבעטער־קלאַס. קיין אַגיטאַציע לטובת רעפאָרמען, קיינע מיטינגען און פּעטיציעס האָבן לכתחילה ניט געהאָלפן. די רעגירונג האָט געשאַפן שרעקלע־כע געזעצן קעגן אַגיטאַטאָרן, פאַרזאַמלונגען און אויטאָרן פון פּאָליטישע ווערק. די וואַל־סיסטעם איז אין ענגלאַנד אַזוי געבויט געווען, אַז די אָרעמע האָבן כמעט ניט געקענט האָבן קיין פאָרשטייערשאַפט אין פּאַרלאַמענט. אַזוי אַרום איז די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פאַרפעסטיקט געוואָרן דורך דער פּאָ־ליטישער רעכטלאָזיקייט פון די אָרעמע. ערשט אין 1832 יאָר האָט די רעגי־רונג געמוזט נאָכגעבן דער פאָלקס־באַוועגונג און רעפאָרמירט די וואַל־סיסטעם. די רעפאָרם האָט ניט געטראָגן קיין ראַדיקאַלן כאַראַקטער, דאָך האָט מען שוין געקאָנט אָנהייבן אַ קאַמף קעגן דער אומגערעכטער סאָציאַלער אָרדענונג.

דערדאָזיקער קאַמף איז פאַרבונדן מיט דעם נאָמען פון איינעם אַ גרויסן אוטאָפּיסט, איינעם פון יענע טרוימער, וועלכע האָבן געחלומט וועגן גאָלדענער צייט, אַלגעמיינעם גליק, גערעכטיקער סאָציאַלער אָר־דענונג. די ערשטע העלפט פון XIX י׳ ה׳ האָט געהאַט פיל אַזעלכע טרוימער. זיי האָבן געגלויבט אין דער פולקומענהייט פון דעם מענטשנס נאַטור, גע־גלויבט, אַז מען דאַרף נאָר מענטשן ערקלערן די מעלות פון דער גערעכטי־קער אָרדענונג, וועלן זיך שוין די רייכע אַליין אָפּזאָגן צו עקספּלאָאַטירן די אָרעמע. ראָבערט אָאוען (1771—1858) איז געווען איינער פון דידאָזיקע טרוי־מער. דערדאָזיקער פאַרטיידיקער פון די אַרבעטער האָט געשטאַמט ניט פון דעם קלאַס, וואָס פאַר זיינע רעכט האָט ער אַ גאַנץ לעבן געקעמפט. ער איז

געווען אַ רייכער פאַבריקאַנט און איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון אַ גרויסער באַוול-פאַבריק אין ניו-לאַנאַרק. דידאַזיקע אַנשטאַלט מיט דער פיל-טויזנדיקער אַרבעטער-באַפעלקערונג האָט געזאָלט דערווייזן דער וועלט, אַז אָאועגס טרוי-מען זיינען גאָרניט אַזוי ווייט פון דער ווירקלעכקייט. דער יעהעכערטער לוין, דער פאַרקירצטער אַרבעטס-טאָג, אַ גאַנצע נעץ אַנשטאַלטן פון ערציערישן כאַראַקטער, אַ געזעלשאַפטלעכע קיך, עס-שטיבער, וואוינונגען, פּענסיעס פאַר אַלטע אַרבעטער, קאַסעס פון קעגנזייטיקער הילף, שפּיטעלער און ד. גל. — די אַלע נייסן האָבן ניט נאָר פאַרקלענערט די הכנסות פון דעם אונטערנע-מער, נאָר פאַרמערט דעם ווערט פון דער אונטערנעמונג אויף עטלעכע מאָל.

אין די יאָרן 1813—1816 איז אַרויס אָאועגס ווערק „אַ נייער בליק אויף דער געזעלשאַפט, אָדער אַ עסיי וועגן די פּרינציפּן פון אויסבילדן דעם מענטשנס כאַראַקטער". דעם אויטאָרס גרונט-אָנשויאונג באַשטייט אין דעם, וואָס דעם מענטשנס כאַראַקטער איז אַ רעזולטאַט פון די באַדינגונגען, אין וועלכע ער לעבט און ווערט דערצויגן. על כן טראָגט ניט די פּערזענלעכקייט, נאָר די גע-זעלשאַפט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די פאַרברעכנס פון דער פּערזענלעכ-קייט. די אומוויסנהייט און די אָרעמקייט גיבן פאַרברעכער. כּדי דער מענטש זאָל זיין אַ בעל מידות-טובות, דאַרף מען אים אַרומרינגלען מיט אַזעלכע באַדינ-גונגען, וואָס זאָלן אין אים אַנטוויקלען די גוטע זייטן פון זיין כאַראַקטער. פון דעמדאָזיקן גרונט-געדאַנק ווערן אַרויסגעפירט אָאועגס אַלע פּראָיעקטן. ער גיט אַ בולט בילד פון דער שווערער מאַטריעלער און גייסטיקער לאַגע פון די אַרבעטער; קריטיקירט שאַרף די סאָציאַלע אָרדענונג, ביי וועלכער דער מענטש הערט אויף צו זיין אַ מענטש און ווערט באַטראַכט אַלס אַן אַרבעטס-מאַשין. אָבער אויף וויפל אָאועג איז גרויס אין קריטיק, אויף אַזויפיל שוואַך איז ער אין דער פּאָזיטיווער טייל פון זיין לערע. ווען ער נעמט זיך אָנצו-ווייזן מיטלען צו פאַרריכטן דאָס שלעכטס, דעמאָלט ערשט דעקט זיך אויף די נאַאיווקייט פון דעמדאָזיקן איידעלן מענטשן, זיין גלויבן אין דער גוטסקייט און דער הויכמוטיקייט פון מענטשן, זיין אידעאַליזם, וועלכער אָנערקענט ניט די אומפּולקומענהייט פון דעם מענטשנס נאַטור, וועלכער פאַרמאַכט די אויגן אויף דעם מענטשנס עגאָאיזם. אָאועגס פּאָזיטיווע לערע איז אין סך-הכל פאָלגנדיקע: סיי דער עקאָנאָמישער סיי דער פּאָליטישער דרוק איז אַ רעזול-טאַט פון ניט פאַרשטיין דעם אַלגעמיינעם נוצן מצד די שטאַרקע און די ריי-כע. דער ביישפּיל פון ניו-לאַנאַרק קאָן איבערציינגן אַלערליי פאַבריקאַנטן און אונטערנעמער, אַז די פאַרבעסערטע לאַגע פון די אַרבעטער איז אַ טובה ניט

נאָר פאַר די אַרבעטער, נאָר אויך פאַר דעם אונטערנעמער. פון דער צווייטער זייט וועלן זיך די רעגירער און די געזעצגעבער תיכּף אָפּזאָגן פון שווערע געזעצן און שטראָפן, ווי נאָר זיי וועלן זיך איבערצייגן, אַז מען קאָן פאַרהיטן פון פאַרברעכנס, אָנשטאָט צו באַקעמפן זיי מיט דער הילף פון רעפּרעסיעס, אַז ווען עס וועט בטל ווערן אָרעמקייט, וועלן אויפהערן גנבות און אַז. וו. אַזוי אַרום האָט אָאוען געוואַרט, אַז די עקספּלואַטאַטאָרס גופא זאָלן רעטן די געזעלשאַפט. דער הויפּט-פעלער פון דערדאָזיקער פּראָגראַם באַשטייט אין דעם, וואָס אין איר ווערן צוזאַמענגעמישט מאָראַל מיט סאָציאַלע פּראַגן אין איינעם. ערשט אין 1847 יאָר, ווען עס איז ערשינען מאַרקס און ענגעלס קאָמוניסטישער מאַניפעסט, איז פולקום קלאָר געוואָרן, אַז די טרויעריקע לאַגע פון דעם אַרבעטער-קלאַס הענגט אָפּ ניט פון דעם שלעכטן ווילן, אָדער פון דעם אומפאַרשטאַנד מצד דעם אונטערנעמער, נאָר זי ווערט באַשטימט דורך דעם עצם מהות פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און קאָן ניט באַזייטיקט ווערן דורך דעם איינצעלנעם גוטן ווילן. ווענדן זיך צום פּאַרלאַמענט און צו די פאַבריקאַנטן, זיי זאָלן פאַרטיידיקן דעם אַרבעטער,—זאָגט טוגאַן-באַראַנאָווסקי,—איז פונקט אַזוי שאַרפזיניק, ווי איינצורײדן די וועלף, זיי זאָלן זאָרגן וועגן די שעפּסן.

אָאוען געהערט צו יענעם טיפּ טרוימער, מיט וועלכע מיר וועלן זיך באַגעגענען אין דער פּערזאָן פון סען-סימאָן און פוריע. פון זיינע פּראָיעקטן פון אַ קאָאָפּעראַטיווער געמיינדע איז ביי זייער פאַרווירקלעכונג אין אַמעריקע גאָרניש געוואָרן. ער איז ביזן סוף געבליבן אַ קעגנער פון קאַמף און געוואַלט-מיטלען, ער האָט ביזן סוף געגלויבט, אַז מען קאָן שלום מאַכן צווישן די רייכע מיט די אָרעמע, און האָט זיך גאַנץ גלייכגילטיק באַצויגן צום פּאָליטישן קאַמף, האַלטנדיק עס פאַר ניט וויכטיק. און דאָ האָט דער קריטישער טייל פון זיין לערע געוועקט אַ געפיל פון אומצופרידנהייט. ווי פילע טרוימער און טעאָרעטיקער האָט אָאוען געגעבן אַ שטופּ פאָראויס די זאַך, וואָס ער האָט אַליין דערמיט ניט מיטגעפילט.

אין 1838 יאָר איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די באַרימטע כאַרטיע, וועלכע האָט געלייגט דעם גרונט פון דער גרויסער באַוועגונג טשאַרטיזם. אָאוען האָט קיינמאָל ניט מיטגעפילט דעם טשאַרטיזם, און דאָך איז די כאַרטיע געשאַפן געוואָרן פון זיינע נאָכפאָלגער; זי האָט געפאָדערט ראַדיקאַלע רעפאָרמען פון וואַל-רעכט, פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטיילונג פון די דעפּוטאַטן-ערטער און אַלגעמיינע שטימרעכט. די אַגיטאַציע פון די טשאַרטיסטן האָט

געדויערט צען יאָר און האָט זיך אויסגעדריקט אין גראַנדיעזע שטרייקן, מאַניפעסטאַציעס און פעטיציעס מיט מיליאָנען חתימות. כדי אָנצופירן מיט דער באַוועגונג, האָבן די טשאַרטיסטן פאַרזאַמלט ספּעציעלע געווילטע פון די אַרבעטער. דידאָזיקע געווילטע האָבן געהאַט זייערע זיצונגען אומאָפּהענגיק פון פּאַרלאַמענט און זיי האָבן באַקומען דעם נאָמען „אַרבעטער־פּאַרלאַמענט״ גלייכצייטיק מיט דער פּאַרטיי פון די טשאַרטיסטן איז אַנטשטאַנען אַ ליגע, וועלכע האָט אָנגעפירט מיט דער באַוועגונג לטובות אַ צווייטער רעפאָרם — מבטל צו מאַכן דעם ברויט־געזעץ. די ליגע האָט אָרגאַניזירט מיטינגען, מאַניפעסטאַציעס. דער הונגער אין אירלאַנד אין 1845 יאָר און דער וואוקס פון אומצופרידנהייט אין דער באַפעלקערונג האָבן געצוווּנגען דעם פּאַרלאַמענט אין 1846 יאָר מבטל צו מאַכן דעם ברויט־געזעץ; אין 1867 האָט דער פּאַרלאַמענט אויך אָנגענומען די וואַל־רעפאָרם, לויט וועלכער דער גרעסטער טייל אַרבעטער האָט באַקומען וואַל־רעכט. אין ענגלאַנד איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ דעמאָקראַטישע אָרדענונג.

דאָס איז אין אַלגעמיינע שטריכן די געשיכטע פון קאַמף אַנטקעגן דעם פּאָליטישן דרוק און דער עקאָנאָמישער עקספּלאָאַטאַציע אין ענגלאַנד אין דער ערשטער העלפט פון XIX יאָרהונדערט. די ענגלישע פּאָעזיע פון יענער צייט איז פול מיט הומאַנישן טרויער וועגן דעם ביטערן מזל פון די אָרעמע און די אַרבעטער. דידאָזיקע פּאָעזיע האָט פאַראייביקט די טרויעריקע בילדער פון אַרבעטער־לעבן און די געדריקטע שטימונג פון די מענטשן, וואָס קענען ביי דער גרעסטער עבודת פּרך ניט פאַרזיכערן זיך קיין שטיקל ברויט. מער פאַר אַלץ זיינען אין די 30־קער יאָרן פּאָפּולער געוואָרן „די לידער וועגן ברויט־געזעץ״ פון עבענעזער עליאָט. ער האָט געמאָלט שרעקלעכע בילדער, ווי די אָרעמע פאַמיליע ווערט רואינירט און גייט פאַרלאָרן, ווי מען פאַרקויפט אירע בעבעכעס, ווי דער פאָטער פון דער משפחה הייבט פון יאוש אָן צו שיכורן, ווי די מוטער, אויסער זיך פון פאַרצווייפלונג, טויט איר אייגן קינד, ווי די טעכטער ווערן אויסגעלאָסן. דידאָזיקע בילדער פאַרענדיקן זיך מיט אַ פלוך אויף די רייכע, וואָס דאָס געזעץ איז פאַר זיי, וואָס זיי הערן ניט דעם קרעכץ פון די אָרעמע. „אייער בליק איז שטרענג, אייער גייסט שלעכט, — שרייט דער פּאָעט אויס, — איר פאַרשטיקט די אָרעמע אין די תּפיסות. אָבער עס מוז קומען די שעה פון נקמה! דער אַרבעטער פאַרשילט אייך!״

דער סאַמע באַגאַבטער משורר פון די ליידן פון דעם אַרבעטער־קלאַס איז געווען טאָמאַס הוד. אַ יאָר פאַר זיין טויט, אין 1844 יאָר, האָט ער אָפּ־

געדרוקט זיין „ליד פון דער העמד". ס'דאָזיקע ליד האָט אים באַרימט געמאַכט. אַלע האָבן עס איבערגעדרוקט, און מען האָט צו דעם פאַרפאַסט מוזיק; מען האָט עס געדרוקט אויף באָזטיכלעך, איבערגעזעצט אויף אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן, און אומעטום האָט עס אַרויסגערופן הייסן ענטוזיאַזם. ס'דאָזיקע ליד זינגט אַ נייטערין, וועלכע זיצט אין אירע שמאַטעס ביי דער אַרבעט, נייענדיק אַ העמד. „אַרבעטסט, אַרבעטסט, אַרבעטסט זינט די הענער קרייען! אַרבעטסט, אַרבעטסט, אַרבעטסט, כאָטש די שטערן זעען זיך שוין דורכן דאַך". ווער עס וועט אָנטאָן די העמד, וועט ניט וויסן, וואָס זי האָט דער נייטערין געקאָסט.

אָ, ברידער פון שוועסטער געליבטע,
איר שטיצע פון פרויען געליבטע און מוטערט,
איר טראָגט ניט פון לייוונט קיין העמדער, אָ, ניין,
נאָר דער נייטאָרינס לעבן אָן טרייסט.
נייסט! נייסט! נייסט!
אין שמוץ און אין אָרעמקייט, הונגעריק.
דאָס העמד און תכריכים מיטן זעלביקן נאָדל
ניי איך פון זעלביקן לייוונט.
וואָס אַרט מיך דער טויט, דען איך האָב ניט קיין מורא,
עס ציטערט מיין האַרץ ניט פאַר אים,
כאָטש תיכף זאָל קומען דער ביינִיקער גאַסט,
איך בין שוין אַליין היינט אַזעלכע ווי ער.
ס'געזונט וועט ניט קומען צוריק.
אָ, גאָט, פאַרוואָס־זשע איז ברויט אַזוי טייער,
און ביליק אַזוי איז מיין קערפּער און בלוט 7

דער געצאָלט פאַר אַזאַ עבודת פּרך איז — „שטרוי אין אַ ווינקל און אַ שטיקל טרוקן ברויט". די אומגליקלעכע קוקט מיט קנאה אויף די שוואַלבן, וואָס האָבן די מעגלעכקייט צו זינגען אין דער שיין פון טאָג, און זיי רייצן זי מיט דעם פרילינג. די אָרעמע נייטאָרין האָט נעבעך ניט די די מעגלעכקייט צו ערלייכטערן איר האַרץ אַפילו מיט טרערן, מחמת די טרערן שטערן דער נאָדל, פאַרנעצן די אַרבעט. עס טוען וויי אירע פאַרשוואָלענע פינגער און זי —

נייט, נייט, נייט,
אין שמוץ און אין אָרעמקייט, הונגעריק,
און זינגט זיך אַ ביטערע ליד.
צי דען וועט דאָס ליד ניט דערגיין צו אייך, גבירים?...
זי זינגט זיך דאָס ליד פון דער העמד.

אין אַ צווייטן ליד „דער חלום פון אַ לעדי" שילדערט דער פּאָעט די ליידן פון געוויסן, וואָס האָט דערוואַכט אין דער נשמה פון אַ רייכער לעדי, וועלכע האָט ביז איצט, אַ פאַרנומענע מיט אירע פאַרגעניגנס, ניט באַמערקט די וועלט פון פּראַצע און לייד. עס קומט צו איר אין חלום אַ יונגע נייטאָ־רין, וואָס האָט געבויגן דעם רוקן אין איר שטיבל צוליב די פיינע קאָסטיומען, די קאַפּריזע מאָדעס. „אָט איז אַן אָרעמער קאַליקע אַ בלינדער, אָט איז אַן אָרעמער זקן אָן אַ דאַך, אָט הערט זיך דער געוויין פון אַ פרוי אַן אלמנה, דער געשריי פון אַ הונגעריק זויג־קינד". די פאַרפּוצטע לעדי טראַכט אין אימה, אַז זי האָט געקענט אויסווישן די טרערן פון די אומגליקלעכע און האָט עס ניט געטאָן, און איצט האָבן די טרויעריקע בליקן פון די ליידנדיקע אויפגעוועקט אין איר האַרצן טרויער און חרטה. זאָרגלאָז איז זי געגאַנגען אין לעבן, פאַרפּוצט אין זייד, אין סאַמעט און אין טייערע פוטער, און „דאָרט האָט די נאַקעטקייט געציטערט אויפן פראָסט און מיט אַ זאַק אירע גלידער געדעקט". די טענדענץ פון דעמדאָזיקן ליד איז צופיל קלאָר, און מען זעט, אַז זי שטימט מיט אָאוענס טרוימען. ווי דער גרויסער אוטאָפּיסט, ערוואַרט אויך הוד רעטונג פאַר דער געזעלשאַפט מצד דעם געוויסן, וואָס וועט ער־וואַכן אין די נשמות פון די שטאַרקע און רייכע; ער גלויבט אויך אין דעם גוטן אינסטינקט פון מענטשן. ער רופט ניט די אַרבעטער צו קאַמף מיט די רייכע, ער הייסט די אומגליקלעכע ווענדן זיך צום רחמנות און צו די גוטע געפילן פון די־יעניקע, וואָס האָבן אין וואויל־טאָג אָפּגעווייַנט זיך צו הערן קרעכצן און זען טרערן.

אין דעם ליד „דער בריק פון קרעכצן" הערט מען אַן עכאָ פון אַן אַנדער הומאַנישער אידעע פון די אוטאָפּיסטן: מען טאָר ניט פאַרמשפּטן קיין פאַרברעכן, כל־זמן די אַרומיקע סביבה שטויסס צום פאַרברעכן. דער פּאָעט טראַכט איבער דעם קערפּער פון אַ זעלבסטמערדערין, אַ יונג מיידל, וואָס איר איז מיאוס געוואָרן דאָס לעבן, די צוקונפט פון פאַרברעכנס און חרפות אָן פון מענטשלעכער אכזריות. זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַ־סער. מען דאַרף זי פאַרשטיין און איר מוחל זיין. זי איז געווען איינזאַם און הילפלאָז. גרויס און רייך איז די שטאָט און פול מיט מענטשן, נאָר פאַר אַלעמען אַ פרעמדע, האָט דאָס מיידל קיין ווינקל ניט געהאַט. און דעריבער דאַרף מען ניט פאַרמשפּטן דעמדאָזיקן אומגליקלעכן בר־מינן. גיט כבוד דער געשטאָרבענער, הייבט זי גיכער אויף, דאָס איז געווען אַ צאַרטער וועזן, רירט זיך אָן איר אָן פאַרזיכטיק".

ראָבּערט אָאוען

די געזעלשאַפט, צו וועלכער די פּאָעטן האָבן זיך געווענדט מיט זייערע שטראָפרייד, האָט געפונען אַ פולע און אַן אַלזייטיקע אָפּשפיגלונג אין דעם רעאַליסטישן ראָמאַן, וואָס האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין דער ענגלישער און אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור פון XIX יאָרהונדערט. נאָר אין אַ ראָמאַן האָט מען געקענט באַטראַכטן אין זיין גאַנצן פאַרנעם דעם מעכטיקן שטראָם פון לעבן. נאָר דער ראָמאַן, דידאָזיקע פרייסטע פאָרם פון ליטעראַרישער טעטיקייט, האָט באַפרידיקט די גייסטיקע פאָדערונגען פון XIX י. ה. און געגעבן די מעגלעכקייט אַרומצוכאַפּן אַלע פּרטים פון דעם אַלגעמיינעם בילד, ריכטיק פונאַנדערצוטיילן די פאַרבן, ליכט און שאָטן, קלאָר מאַכן די ראָלע און די באַדייטונג פון אַלע עלעמענטן, וואָס בילדן דאָס קאָמפּליצירטע און פאַרשיידנאַרטיקע לעבן פון דער געזעלשאַפט אין יענער צייט.

טשאַרלז דיקענס (1812—1870) איז דער געטרייער לעבנסבאַשרייבער פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט, דער אויפדעקער פון אירע חסרונות, דער מעכטיקער שונא פון די, וואָס האָבן עגאָאיסטיש אַראָפּגענומען דאָס רייכע גערעטעניש פון די פעלדער פון דער הערשנדיקער סאָציאַלער אָרדענונג, דער געטרייער אויף זעלבסטאָפּפערונג פריינד און פאַרטיידיקער פון יענע, וואָס אויף זייער מזל זיינען אויסגעקומען די אָרעמקייט און די טרערן אין דער אומגערעכטיקער פאַרטיילונג פון גליק און אומגליק.

דיקענס איז געווען אַ קליין קינד, בשעת באַיראָן האָט אין גריכנלאַנד געפונען זיין פריצייטיקן טויט. אינגאַנצן טיילט איין פערטל יאָרהונדערט אָפּ צווישןביידע שריפטשטעלער, און סאַך אַ כאַראַקטעריסטישע ענדערונג עס איז פאָרגעקומען אין דער לאַגע פון די מענטשן, וועלכע זיינען געווען באַרופן צו פאַרקערפּערן אין קינסטלערישע בילדער זייערע רעיונות, די פרוכט פון זייער ערפאַרונג, וואָס זיי האָבן אַרויסגעטראָגן פון זייער לעבן! דער גורל פון דעם שריפטשטעלער, די באַדינגונגען, אין וועלכע אים קומט אויס צו ווירקן, די מניעות, וואָס באַגעגענען אים אין וועג, די באַציאונג צו אים מצד דער געזעלשאַפט, — באַלייכטן ניט ווייניקער די עפּאָכע, איידער די שאַפונג גופא פון דעם שריפטשטעלער, אויב ער איז נאָר טיפּיש פאַר זיין צייט, אויב די מאַסע האָט אים פאַרגעטערט, אויב ער האָט באַהערשט די מוחות פון זיין צייט און זיינע אידעען און זיינע געשטאַלטן זיינען אויפגענומען געוואָרן פון זיין דור. פאַרגעסענע לעגענדעס פון אַלטן שטאַם, אָפּגעלעבטע, נאָר ליבגעשטאַלטן פון פּאָעטישן עבר האָבן געשוועבט איבער באַי-

ראָנס וויגבעטל, אָנגעשעפּטשעט אים אַלטע מעשהלעך וועגן די זיגלאָזע אוואַנ־טורעס פון זיינע מוטיקע עלטערזיידעס, וועגן טונקעלע, נאָר צוציענדיקע סודות, וואָס זיינען פאַרגעקומען אין די שאָטנדיקע אַלעען פון אַלטן פּאַרק, וועגן ליידנשאַפטלעכע קושן און טיפע זיפצן, וואָס האָבן געקלונגען אונטער די גלייכגילטיקע אַרקעס פון די פינסטערע גאָטישע סופּיטן. נויט, אומ־רחמנותדיקער קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ — דאָס זיינען די ערשטע איינ־דרוקן פון דעם קליינינקן טשאַרלז. באַראַנען האָט אַלץ אָפּגעריסן פון דערווירקלעכקייט און אים געצויגן אין דער ספערע פון פאַנטאַזיע. דיקענסן האָט דער מזל פון פריסטער קינדהייט אָן אַריינגעשליידערט אין דער סאַמע גע־דיכטעניש פון לעבן, האָט אים גענויט צו פאַרטראַכטן זיך איבער אירע וויכ־טיקע פּראָבלעמען. אַ זון פון אַ באַשיידענעם רואינירטן באַאַמטן, איז דער קינפּטיקער ראָמאַניסט, קוים נאָר אַלט געוואָרן צען יאָר, אַריינגעפאַלן אין דער פאַבריק. אַ גאַנץ לעבן וועט ער געדענקען די צימערן מיט די פינסטערע ווענט, די טרעפּ, צעגעסענע פון ווערים, איבער וועלכע עס זיינען אַרומגעלאָפן פּישטשענדיקע ראַצן, און דעם נאַסן קעלער, און דעם שטויב, און דעם שימל, וואָס איז אומעטום געלעגן. אַ גאַנץ לעבן וועט ער נים פאַרגעסן די באַרישע האָרעוואַניע, אויף וועלכער ער איז געווען פאַרמשפט אין דער צאַרטער יוגנט — ער, אַ לעבעדיקער, אַ פולער מיט ענטוזיאַזם, אַ פעאיקער, מיט אַן איידעלן פילנדיקן האַרצן. זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געדאַרפט פאַרדעקן טעפּעלעך וואַקס פריער מיט אָנגעפעצטן פּאַפּיר און נאָכדעם מיט בלויען פּאַפּיר; דערנאָך פאַרבינדן דאָס דעקל מיט אַ שנירל און אַרומשניידן די ברעגן. אַ פולע יאָרן שפּעטער האָט ער געשריבן: „ביי מיר איז אַזוי טיף אין האַרצן געבליבן דער זכרון וועגן מיין פאַרוואָרפנקייט און מאַכטלאָזיקייט, מיין גאַנצער וועזן איז אין אַזאַ מאָס געווען דורכגעדרונגען מיט דעם באַוואוסטזיין פון די דערנידעריקנדיקע אומגערעכטיקייטן, וואָס איך האָב איבערגעטראָגן אין יענער צייט, אַז אַפילו איצט הערט מיך דער פאַרהאַסטער געשפּענסט פון דער שענדלעכער קינדהייט ניט אויף צו באַזוכן און וואַרפט אויף מיר אָן אַ ציטערניש... איך פאַרגעס, אַז איך בין באַרימט, גליקלעך, געליבט, אַז איך האָב אַ ליבע פרוי און ליבע קינדער... איך פאַר־געס... און אין די פינסטערע טרוימען טראָג איך מיך מיט אַ צעבראָכן האַרצן אַריבער אין די ערשטע טעג פון מיין לעבן“. איינע פון די ערשטע לעקציעס זיינע איז געווען אַ פּראַקטישע לעקציע, וואָס דער פאָטער האָט אים געגעבן ביי אַזאַ סביבה, וואָס האָט געקאָנט דינען אַלס אָנשוילעכע אילוסטראַציע פון

עס מענטשנס הארצלאָזיקייט און פון דער ציפערס אַלמעכטיקייט. דער קליי־נער טשארלז האָט באזוכט דעם פאָטער אין דער תּפיסה פאַר בעלי־חובות, וואוהין די וואָכערניקעס־קרעדיטאָרן האָבן אים פאַרזעצט. „ער האָט מיר גע־בעטן, געדענק איך, צו היטן זיך פאַר דער תּפיסה,—שרייבט דיקענס שפּעטער.— באַמערק, האָט ער מיר געזאָגט,—אויב דער מענטש באַקומט 20 פונט יערלעך און גיט אויס 19 פונט, 19 שילינג און זעקס פּענס—וועט ער זיין גליקלעך. נאָר איין איבעריקער שילינג, וואָס ער האָט אויסגעגעבן, פּטרט אים אַוועק". דיקענס וועט ניט גיך פאַרגעסן די תּפיסה, און שפּעטער וועט ער מיט דעם מויל פון מיקאָבער און קאָפּערפילד איבערחזרן דעמדאָזיקן קורצן אָבער שיין געזאָגטן מוסר השכל, דידאָזיקע איינפאַכע לעבנס־חכמה. ער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז טויזנטער אומגליקלעכע זיינען דורכגעדרונגען מיט איין זאָרג—אונטערצוהאַלטן זייער מאַטעריעלן קיום; אַז דאָס לעבן איז פאַר זיי אַן אַריט־מעטישע אויפגאַבע אָן אַ סוף. די ראָמאַנטיקער האָבן פאַרשאָלטן דעם יאָר־הונדערט פון סטאַטיסטיק און פון כאָליטישער עקאָנאָמיע, אַנטלאָפן פון זיינע פּראָזאַאישע נייטן אין די בערג און געפונען אַ באַרואיקונג אויף דער גרעניצ־לאָזער ברייט פון ים. דיקענס האָט דרייסט אָנגענומען דעם אַרויסרוף אויף מלחמה, וואָס דאָס לעבן האָט אים געוואָרפן. ער איז פון לעבן ניט אַוועק און איז אַריינגעטראָטן אין קאַמף מיט די שווערע תּנאים. מיר זעען אים ביי פּאַרעקשנטער אַרבעט. ער לערנט זיך איינע פון די סאַמע ניט־דאַנקבאַרע קענ־טענישן — סטענאָגראַפיע. ער איז גובר די שרעקלעכע שוועריקייט פון דער־דאָזיקער וויסנשאַפט, וועלכע ער שילדערט שפּעטער אין דויד קאָפּער־פילד. לסוף, ווען דער גורל הייבט אים אָן צו שמייכלען און די ערשטע העפטן פון פּיק־וויקער קלוב גיבן אים מאַטעריעלע מיטלען און גרויסע באַרימט־הייט, באַגעגנט ער זיך פון ס'ניי מיט די שווערע באַדינגונגען פון דער קאַ־פּיטאַליסטישער אָרדענונג, וועלכע איז געגרינדעט אויף עגאָאיזם און קאָנקו־רענץ, וואָס האָט דעם גייסט פון געשעפטמאַכעריי און עקספּלואַטאַציע פאַרשפּרייט אויך אויף די ליטעראַרישע באַציאונגען. דער קאַפּיטאַליסטישער אופן פון פּראָדוצירן, וואָס בילדעט פון די אָנטיילנעמער אין דער פּראָדוקציע צוויי עיקר־גרופּעס—אונטערנעמער און אַרבעטער, האָט די טענדענץ אונטער־טעניק צו מאַכן אַלע באַציאונגען צו דער אַלגעמיינער אָרדענונג, און פאַר־וואַנדלען דעם שריפטשטעלער אין אַ לוין־אַרבעטער ביי דעם פאַרלעגער. דיקענס שרייבט אונטער קאָנטראַקטן מיט פאַרשיידענע פאַרלעגער, וואָס באַ־לאַגערן אים פון אַלע זייטן. דערפילט אין אים אַ גוטן ביסן, שטרעבן זיי

ארויסצובאַקומען פון אים וואָס מער נוצן. דיקענס נעמט אויף זיך התחייבותן, ער שרייבט ראָמאַנען צו באַשטימטע טערמינען. דער קאַפּריזער ראָמאַנטיקער, דער ציכטיקער, דער זינגער, וואָס גיט זיך אונטער נאָר דעם פלי פון זיין באַגייסטערונג, ווערט פאַרביטן אויף אַ שריפטשטעלער פון אַ נייעם טיפ, אויף אַ בעל־מלאכה, וועלכער אַרבעט צוליב אַ שטיקל ברויט. דיקענסעס ראָמאַנען גייען זיך פונאַנדער אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן, און דער גרעסטער חלק פון דעם רווח בלייבט ביי די פאַרלעגער. אין 1837־טן יאָר האָבן דיקענסעס ווערק אים אַריינגעטראָגן ניט מער פון 60,000 פראַנק, בשעת זיינע פאַרלעגער האָבן באַקומען ריינעם רווח 600,000 פראַנק.

דאָס זיינען געווען די איינדרוקן פון דער יוגנט, וועלכע האָבן באַשטימט די וועגן, איבער וועלכע עס וועט גיין דיקענסעס ליטעראַרישע טעטיקייט. דאָס איז דער וועג פון געניאַלן שטודירן דאָס לעבן. דאָס איז אַ ליטעראַטור, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אויפדערהעלפט וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג, אויפדערהעלפט פּובליציסטיק. מיט דער געוויסנהאַפטיקייט און דער התמדה פון אַן אמתן געלערנטן זאַמלט און שטודירט דיקענס די ערשיינונגען פון לעבן. מיט דער היציקייט פון אַ פלאַמענדיקן פּובליציסט פאַרטיידיקט ער זיינע אויספירן, וואָס ער האָט באַקומען פון דערדאָזיקער אַרבעט. צו אים דערגייען די שרעקלעכע קלאַנגען וועגן די יאָרקשירער שולן, וועגן די אוממענטשלעכע פייניקונגען, וואָס די אומגליקלעכע קינדער ליידן דאָרט. דער פּראָצעס, וואָס איין קינדס אַ פאָטער האָט פאַרפירט, דעקט אויף די גוואַלד־שרייענדיקע אָרדענונגען פון דידאָזיקע אַנשטאַלטן. דיקענס פאָרט אַליין קיין יאָרקשיר. דיווירקלעכקייט שטייגט אַריבער אַלע באַשרייבונגען, און דער גרויסער קינסטלער ברענגט מיט זיך צו פירן שרעקלעכע באַשולדיקונגס־דאָקומענטן. ניקאָלאַי ניקלבי, דער ראָמאַן וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דערדאָזיקער נסיעה, מאַכט אַ סענסאַציע. די מנוולים האָבן זיך דערקענט. די שילדערונג פון דעם לערער־חיה איז געווען אַזאַ בולטע, אַטיפּישע, אַז צענדליקער מענטשן האָבן סקווירסן געהאַלטן פאַר אַ פאַסקוויל אויף זיך. דער ציל איז דערגרייכט געוואָרן. אין אַ יאָר נאָכדעם, ווי דער ראָמאַן ניקאָלאַי ניקלבי האָט ערשיינט, זיינען אַלע יאָרקשירער עקאָנאָמישע שולן בטל געוואָרן. איינע זיינען פריוויליק פאַרמאַכט געוואָרן דורך זייערע באַלעבאַטים, אַנדערע האָט די געריכט־מאַכט געשלאָסן.

דיקענס וואָלט ניט געווען קיין אמתער ענגלענדער, ווען ער וואָלט דאָס גאַנצע לעבן פאַרבראַכט אין ענגלאַנד. יעדער ענגלענדער איז בטבע אַ רייזנ־

דער. אין יאַנואַר 1842 האָט זיך דיקענס געזעצט אויף אַ שיף און איז אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער האָט געהאַט כּבוד אָן אַ שיעור, וואוהין עס האָבן אים שוין ניט איינמאָל איינגעלאַדן זיינע פילע גוטע פריינד און אַנטציקטע פאַרערער. אין דער צייט, ווען באַיראָן האָט פאַרלאָזן זיין פאָטערלאַנד געפּייניקט פון אומבאַשטימטער בענקשאַפט, איז דיקענס אַוועקגעפאָרן פון ענגלאַנד אַ דרייסטער און אַ שטאַרקער. ער האָט געזוכט נייע קענטעניש, באַקאַנטשאַפט מיט נייע מענטשן. דערמאָנט זיך טשאַילד-האַראָלדס לידל, וועט איר זיך איבערצייגן, אַז הינטערן שיף, וואָס האָט אַוועקגעטראָגן איר אויטאָר איז קיין שום טייערס ניט געבליבן פאַר אים, ער האָט גאָרניט געהאַט, אויף וואָס עס זאָל אים באַנג טאָן: „איך בין ווידער איינזאַם, ווי אין אַמאָליקע יאָרן, אַליין צווישן דידאָזיקע וואַסערן. צוליב וואָס זאָל איך וויינען וועגן אַנדערע, ווען קיינער וועט וועגן מיר קיין קרעכץ ניט טאָן.“ לייענט איבער דיקענס קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע געהערט צו דעמדאָזיקן פּעריאָד, וועט איר זען, סאַר אַ שטאַרקע קניפּ עס פאַרבינדן דעם ראָמאַניסט מיט זיין פאָטערלאַנד און מיט זיינע נאָענטע, ער ווייזט אַרויס רירנדיקע זאָרגעוודיקייט בנוגע דער ווייב, די קינדער, זיינע לעזער. זיין נסיעה איז אַ רעזולטאַט פון ערנסטן באַטראַכטן און דורכגעטראַכטן באַשלוס. ער פאָרט אויף יענער זייט ים מיט באַשטימטע צילן. ווי שווער אים זאָל ניט זיין צו שיידן זיך מיט די פריינד, אָבער דער נוצן, וואָס די נסיעה וועט אים ברענגען, וועט זיין, לויט זיין חשבון, אַזוי גרויס, אַז ער האַלט די נסיעה פאַר זייער אַ וויכטיקן ענין:

דער דאָזיקער ניכטערער פּראַקטישער שכל דיקענסעס ווייזט זיך אַרויס אויך בשעת דער נסיעה גופא. ניט פילע וואָלטן אויף דיקענסעס אָרט געקענט פאַרהיטן זייער מאָראַלישן גלייכגעוויכט ביי דעם קבלת-פּנים, מיט וועלכן מע האָט אים אויפגענומען אין דעם דאָלאַר-לאַנד. זיין נסיעה איבער די אַמעריקאַנער שטעט איז געווען אַ טריאומפמאַרש. די בעלער, ספּעקטאַקלען, פייערלעכע מיטאָגן און צערעמאָניאַלע קבלת-פּנימס — האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מין אומענדלעכע פעיעריע. די העכסטע מנהיגים פונם לאַנד, באַרימטהייטן פון שכל און טאַלאַנט, האָבן איינער איבערן אַנדערן זיך געאיילט אַרויסצוזאָגן זייער פאַרגעטערונג צו דעם אויטאָר פון פּיקוויקער קלוב, טויזנטקעפּיקע המונים האָבן אָנגעפילט די גאַסן, וואו דער גרויסער קינסטלער האָט זיך באַוויזן. מען האָט געמוזט באַזיצן אַזאַ ערנסטן בליק אויף דעם לעבן, אַזאַ פלאַמענדיקע שטרעבונג צום אמת, ווי דיקענס האָט געהאַט, כּדי צו באַמערקן די טונקעלע זייטן פון דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט ביי אַזאַ

בּליענדיקן גלאַנץ, כּדי צו דערהערן די קרעכצן און די יללות פֿון די אומגליקלעכע און געדריקטע אין דעם פּאַרטויבנדיקן כאָר פֿון די אַלגעמיינע פֿריידנגעשרייען.

אויף יענער זייט ים, ווי בּיי זיך אין דער היים, איז ער געווען געפֿירט דורך דעם הומאַנישן געדאַנק. ער זעט אומעטום די בּאַווייזן פֿון דער סאָציאַלער שלעכטער אָרדענונג. די אויסערלעכע זייט פֿון דעם אַמעריקאַנער לעבּן פֿאַרשטעלט פֿאַר אים נים די הינטערשטע זייט. בּאַיראָנס רייזע און דיקענסעס רייזע — דאָס זיינען כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן אין דער געשיכטע פֿון דער גייסטער ליטעראַטור. די בּילדער פֿון דרוק און פֿון מענטשלעכע ליידן האָבּן אין דעם שטאָלצן זינגער פֿון מאַנפֿרעד אויפֿגעוועקט טרוימען וועגן דער פֿאַרגאַנגענהייט. ער האָט אַרויסגערופֿן די שאָטנס פֿון די העלדן צו ראַטעווען די וועלט. ער האָט בּכּיוון און מיט פֿאַראַכטונג פֿאַרמאַכט די אויגן אויף דער ווירקלעכקייט. אים זיינען פֿרעמד געבּליבּן די וועגן, איבּער וועלכע די נייע מענטשהייט איז געגאַנגען צום אידעאַל. ער גלויבּט, אַז שפּאַניע וועט נאָר דעמאָלט אַראָפּוואַרפֿן דעם פֿרעמדן יאָך, ווען עס וועלן פֿון ס׳ניי אָנהייבּן קלינגען שווערדן אין די גאַסן און סערענאַדעס אונטער די בּאַלקאָנען. בּאַיראָן איז אַ ראָמאַנטיקער. ניכטער שטודירן די פֿאַקטן און זייערע סיבּות, דורכפֿירן פּאָליטישע און סאָציאַלע רעפֿאָרמען — וועגן אַזעלכע מיטלען פֿון קאַמף מיטן שלעכטס האָט בּאַיראָן ניט געטראַכט. דיקענס איז דער מענטש פֿון פֿאַקטן. אין טורמע זעט ער אַ ייִנגל פֿון אַ יאָר צען־צוועלף. דער ראָמאַניסט איז שטאַרק גערירט פֿון דעם יונגן אַרעסטאַנטס אומגליקלעכן אויסזען אין דער כּויטער שטילקייט פֿון דער טורמע. זיין פֿאַרוואונדערונג ווערט נאָך גרעסער, ווען ער דערוויסט זיך פֿון דעם שומר, אַז דער ייִנגל איז קיין שום פֿאַרבּרעכן ניט בּאַגאַנגען. ער איז אַ זון פֿון אַ מערדער, און מען האַלט אים דאָ, כּדי ער זאָל קענען עדות זאָגן קעגן זיין טאַטן פֿאַרן געריכט. דער ערשטער געדאַנק, וואָס קומט דעם פּאָעט אין קאָפּ בּיי דעמדאָזיקן גוואַלדשרייענדיקן פֿאַקט — דאָס איז דער געדאַנק וועגן דעם אומזין און אכזריות פֿון אַזאַ בּאַגיין זיך מיט עדות. ער קומט אַריין אין דער טורמע פֿון איינצל־פֿאַרשפּאַרטע. ער ווערט צערודערט פֿון דידאָזיקע לעבּעדיק בּאַגראָבּענע מענטשן. „דער פֿאַרמשפּטער טרעט אַריין אין תּפֿיסה בּיי דער נאַכט. ער נעמט אַ וואַנע, ער טוט אָן אַרעסטאַנטן־קליידער, אויפֿן קאָפּ און אויפֿן געזיכט וואַרפֿט מען אים אַרויף אַ שוואַרצן קאַפּיושאָן, און דאַן פֿירט מען אים אָפּ אין דער צעלע, פֿון וועלכער ער וועט אַרויס ערשט דאַן, ווען עס וועט זיך ענדיקן דער טערמין פֿון זיין

שטראָף. איך האָב געקוקט אויף אייניקע פון די דאָזיקע מענטשן, ווי איך וואָלט געקוקט אויף אַ מענטשן, וועלכן מען לאָזט לעבעדיקערהייט אַראָפּ אין קבר. איך האָב מיטאָג געגעסן אין טורמע מיט די דירעקטאָרן, און האָב זיי געזאָגט ווי איך בין אויפגערודערט דערפון, וואָס איך האָב געזען. איך האָב זיי געפרעגט, צי זיינען די ריכטער געגוג זיכער אין זייער קענען דעם מענטשנס האַרץ, און צי פאַרשטייען זיי די גאַנצע שרעק פון דער שטראָף, אויף וועלכער זיי פאַרמשפּטן מחמת פילאַנטראָפּיע. צוויי יאָר פון איינצל-תּפיסה — דאָס איז נאָך מיין מיינונג דאָס גרעסטע, אויף וואָס מען קאָן אַ מענטשן פאַרמשפּטן. אָבער צען, עלף, צוועלף יאָר, האָב איך צוגעגעבן, דאָס איז אַן אומפאַרציילעכע אכזריות. בעסער וואָלט מען זיי אויפגעהאַנגען". אַזוי אַרום האָבן די בילדער פון מענטשלעכע אַכזריות דיקענסן ניט אָפּגעשטויסן פון לעבן, ווי דאָס וואָלט געטראָפן מיט ראָמאַנטיקער און מיט די פּאָעטן פון וועלט-שמערץ. „אַלץ, אָדער גאָרניט" — אַזוי קאָן מען פאָרמולירן די פאָדערונג, וואָס איז געלעגן אין דעם יסוד פונם פּעסימיזם אין אָנהייב פון XIX י. ה. דיקענס איז דער פאָרשטייער פון דער נייער ריכטונג, ער שטעלט פאָר די עפּאָכע פון „קליינע מעשים". אויב מיט איין קלאַפּ קאָן מען ניט מבטל מאַכן דאָס שלעכטס, בלייבט נאָך איבער דער וועג פון טיילווייזע אויסבעסערונגען און בהדרגהדיקע רעפאָרמען. קעגן דעם שרעקלעכן בילד פון איינצל-תּפיסה וואָלט באַיראָן געוואָרפן אַ קללה דעם מענטשלעכן עגאָאיזם און אַ שטאָלצן זשעסט דעם שעפער פון דער ערד. דיקענס באַנוגנט זיך מיט דעם וואונטש, אַז דער טערמין פון איינצל-תּפיסה זאָל פאַרקירצט זיין ביז צוויי יאָר.

בשעת דיקענס איז אָנגעקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו עס האָט געהערשט שקלאַפעריי, איז זיין צאָרן געוועזן אָן אַ גרעניץ. דער באַרימטער שריפטשטעלער האָט געהאלטן פאַר זיך פאַר אַ חרפּה די פייערונגען און די קבלת-פּנימס, וועלכע האָט זיך פאַר אים געגרייט. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלערליי כּיבודים אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט זיך געפונען אין דער געגנט פון שקלאַפעריי. אומגעקערט זיך אַהיים, האָט דיקענס אַרויסגעלאָזן די „אַמעריקאַנישע באַמערקונגען", און ס'דאָזיקע מערקווירדיקע ווערק איז דער מאָנומענט פון זיין אָנפּניותדיקייט און אומאומטערקויפבאַרקייט. ער האָט געקאָנט שטאָלצירן דערמיט, וואָס דער אַנטציקטער קבלת-פּנים מצד די אַמעריקאַנער האָט ניט געווירקט אויף זיין ווערק. די טונקעלע זייטן אין דעם לעבן פונם יונגן פאָלק זיינען ביי אים געוואָרן ענדלעך אויפגעדעקט. מעבר לים האָט מען דאָס דאָזיקע בוך באַגעגנט מיט אַ שטורעם פון צאָרן. די

אין זיך פאַרגלויבטע אַמעריקאַנער, פאַרבלענדט פון די טעכנישע און סוחרישע ערפאָלגן, פון דעם וואוקס פון דער עשירות אין דער באַפעלקערונג, האָבן באַשולדיקט אין אומדאַנקבאַרקייט און בייזקייט דעם שריפטשטעלער, וואָס האָט אויפגעדעקט די וואונדן, וועלכע האָבן געאַייטערט אינעווייניק אינם געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם, וואָס האָט געשטעמפלט דעם פראַקטיציזם פון דער יונגער נאַציע, אָנגעוויזן, אַז זי האָט ניט קיין אידעאַליזם, וואָס האָט אַנטפלעקט די פאַרקויפטקייט און פאַלשקייט פון איר זשורנאַליסטיק, מיט העלער ליכט באַלויכטן דאָס פינסטערע, פון מענטשנס אויגן פאַרהוילענע לעבן פון אירע טורמעס, און מיט פלאַמענדיקן וואָרט אָנגעפאַלן אויף דער שקלאַפעריי—דידאָזיקע ירושה פון דער באַרבאַרישער עפאָכע, וועלכע איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דער נייער וועלט.

דער פובליציסט האָט אין דיקענסן אָפגעשטופט אָן אַ זייט דעם קינסטלער. ער געהערט צו דער משפחה פון די באַרימטע קינסטלער פון XIX יאָרהונדערט, וועלכע האָבן פאַרגעסן די פאָעטישע לידער צוליב דעם קאַמפס-געשריי, האָבן פאַרלאָזן דאָס פענזל און די פאַרבן צוליבן שווערד און פאַנצער. אין 1845 יאָר איז דיקענס פאַרנומען מיט פלענער וועגן אַרויסגעבן אַ טעגלעכע צייטונג. זיין גוטער פריינד פאָרסטער איז אים מתרה, ער זאָל עס ניט טאָן. ער האָט מורא, די זשורנאַליסטישע טעטיקייט זאָל זיך ניט אָפרופן שעדלעך אויף דיקענסעס שאַפונג און געזונט. אָבער דיקענס פילט די באַדערפעניש צו פאַרטיידיקן די פאָלקס-אינטערעסן און ער גלויבט, אַז דאָס פאָלק וועט אים שטיצן. בשעת אין אירלאַנד האָבן ניט אויפגעהערט די אַכזרישע פאַרפאָלגונגען קעגן די קעמפער פון דער נאַציאָנאַלער אומאָפהענגיקייט, און אין ענגלאַנד גופא האָט מען זיך געגרייט צו אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף צוליב דעם ברויט-געזעץ, האָט דיקענס ניט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק און אַרבעטן אין דער שטיל פון זיין קאַבינעט איבער די גרויסע ראָמאַנען. ער האָט געפילט, אַז די צייט פאַרדינט אַ שנעלן ענטפער אויף די פראַגן און אויף די אויפגאַבן, וואָס שטייען צו פון אַלע זייטן צו דעם דענקענדיקן מענטשן; אַז אויף דעם אָרט פון די זאָרגלאָזע טרוימען וועגן אידעאַל קומט די צייט פון קליינלעכער אָבער פרוכטבאַרער אַרבעט. אמת, דיקענס איז ניט געווען קיין פובליציסט און קיין פאַרטיי-מאַן אין דעם היינטיקן זין פון וואָרט. ער האָט זיך ניט געקאָנט איינשליסן אין די ראַמען פון אַ באַשטימטער פראָגראַם. ער איז געווען אַ גרויסער הומאַניסט, און איז אונטערגעגאַנגען צו פראַגן מיט דער מאָס פון אַ פילאַנטראָפ. אין זיין פריידיקט האָט זיך ניט געהערט קיין רוף צו קאַמף. ער איז נאָענט

צו די טרוימער פון דעם מין אָאוען, וואָס האָבן זיך געווענדט צו די הערצער פון די שטאַרקע און רייכע, און אין דער ערוואַכונג פון זייער אַנטשלאָפענעם געוויסן האָבן זיי געזען די ריכטונג פון די שוואַכע און די אָרעמע. פונדעסטוועגן האָט זיין נאָמען אַרומגערינגלט מיט אַ געוויסן צויבער די ערשטע טריט פון דער צייטונג, וועלכער עס איז באַשערט געווען צו שפּילן אַזאַ אָנגעזעענע ראָלע אין דער ענגלישער פּראָגרעסיווער פּרעסע. דיקענס האָט פאַר זיך, אַלס הומאַניסט, ניט געשטעלט קיין באַשטימטע פּראָגראַם. אָבער דער פּראָספּעקט, וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט, האָט ביי גאָר זיין אומבאַשטימטקייט, דייטלעך עדות געזאָגט, אויף וועמעס זייט איז די סימפּאַטיע פון זיין אויטאָר, וועמען האָט ער בדעה צו דינען, און וועמעס אינטערעסן צו פאַרטיידיקן. „די צייטונג וועט זיין פריי פון יעדער פּערזענלעכער השפּעה און פּאַרטייאישער פּניות, זי וועט פאַרטיידיקן אַלע ערלעכע און פאַרשטענדיקע מיטלען, וואָס קאָנען העלפן אויפצושטעלן דעם יושר, אונטערשטיצן די געזעצלעכע רעכט, אַנטוויקלען דאָס גליק און דעם וואוילשטאַנד פון דער געזעלשאַפט".

פאָרסטער האָט קיין טעות ניט געהאַט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז דיקענס וועט האָבן צופיל טירחה מיט דער צייטונג. ווירקלעך, דיקענס האָט זיך אינגיכן אָפּגעזאָגט אָנטייל צו נעמען אין דעם שווערן עסק. אָבער זיין נאָמען איז נאָך אַ לאַנגע צייט ניט אַראָפּ פון די שפּאַלטן פון דער צייטונג, און אים געהערט דער גרויסער פאַרדינסט אין דער געשיכטע פון דער ענגלישער פּרעסע, וועלכע איז רייכער געוואָרן מיט אַזאַ השפּעה־רייכן אָרגאַן.

דיקענס איז אַ זון פון דער רוישיקער און רייכער רעזידענץ, דער זון פון צענטער, וואו עס ווערן פאַבריצירט מאָדעס און אידעען. דאָס קאָכיקע לעבן פון דער רעזידענץ האָט אים גענערט און געשטיצט. און אויך אין דעם זינען איז דיקענס אַ שריפטשטעלער פון אַ נייעם טיפּ. באַיראָן אַנטלויפט פון מענטשן און פאַרהאַסט זיי. דיקענס פילט קראַפט און דרייסטקייט נאָר אין דער געדיכטעניש פון לעבן. די פאַנטאַזיע פונם אויטאָר פון מאַנפרעד באַקומט שטאַרקע פליגלען נאָר אויף די שפּיצן פון די אַלפּישע בערג, אָדער אויף דעם שפּיגל פון אָקעאַן. דיקענס דאַרף האָבן דעם גערויש פון דער גאַס, די באַוועגלעכע מאַסע. פאַרלאָזן די צייטונג, איז ער ווידער אַוועק רייזן, און פון לאָזאַן איז ער מודיע פאָרסטערן, אַז ער קאָן ניט שרייבן שנעל: „דאָס איז פאַר מיר געוואָרן כמעט אוממעגלעך. איך מיין, אַז די הויפּט־סיבה דערפון איז דאָס, וואָס איך האָב אַרום זיך ניט קיין גאַס און קיין דורכגייער. איך קאָן אויך ניט אויסדערציילן, ווי נייטיק פאַר מיר איז די גאַס און דער המון. מיר

דאַכט זיך, אַז זיי גיבן מיין מאַרך נערונג, אָן וועלכער איך קאָן ניט אויסקו־מען. איך קאָן אין אַ משך פון אַ וואָך אָדער צוויי שרייבן זייער פיל ערגעץ אין אַן איינזאַם אָרט, און דערנאָך איין טאָג, פאַרבראַכט אין לאָנדאָן, שטעלט מיר ווידער אויף מיינע קרעפטן. אָבער שרייבן טאָג־אַיין טאָג־אויס אין דערדאָזיקער צויבער־לאַמטערן איז פיינלעך און ערמידלעך". אין אַ צווייטן בריוו שרייבט ער: "דאָס, וואָס מיר פעלט די גאַס, טוט מיר כסדר אויף אַ משונהדיקן אופן פייניקן. דאָס איז אַ מאַרך־ערשיינונג. ווען אַרום מיר וואָלטן געווען גאַסן, וואָלט איך איבער זיי בייטאָג ניט שפּאַצירט. אָבער ביי דער נאַכט פעלן זיי מיר. איך קאָן ניט פּטור ווערן פון מיינע געשפּענסטער, ווען איך פאַרליר זיי ניט אין המון". ניטאָ קיין שטאַרקערע ראיה אויף דער מאַכט, וואָס דער סאָציאַלער אינסטינקט האָט איבער דעם מענטשן פון היינטיקער צייט, איידער דידאָזיקע ווערטער. אָט דער דאָרשט נאָך דער מאַסע, אָט דער געפיל פון גאַס — דאָס איז ניט קיין קאַפּריז פון דיקענסן. דאָס איז די אינטעלעקטועלע קרענק פון דעם XIX יאָרהונדערט. מיר וועלן זיך מיט איר אָפּט באַגעגענען ביים באַטראַכטן די ליטעראַטור פון דערדאָזיקער עפּאָכע. אַזעלכע פאַרשיידנאַרטיקע שריפטשטעלער ווי באַלזאַק און באָדלער זיינען קינדער פון דער גאַס. דידאָזיקע נייע ערשיינונג, וועלכע איז אומבאַוואוסט דעם פריערדיקן יאָרהונדערט, וועלכע איז אַ לעבעדיקע ראיה אויף דער מפּלה פון דעם אינדיווידואַליזם און פון די איבערערדישע פאַנטאַ־זיעס, אַ סימפּטאָם פון דעם נצחון פונם רעאַליזם און פון סאָציאַלן יסוד, איז דער בעסטער באַווייז, אַז די באַראָנישע פאַראַכטונג צו דער געזעלשאַפט און צו דער קולטור האָט אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון דעם אָרגאַנישן בונד צווישן דער פערזענלעכקייט מיט דער אַרומיקער סביבה, אַז די אַטמאָספער, וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן דורך די לעבנסבאַדינגונגען אין די גרויסע שטעט, איז געוואָרן נויטווענדיק פאַר דער פיין אַנטוויקלטער פער־זענלעכקייט.

ביזן סוף לעבן איז דיקענס געבליבן אַן אומדערמידלעכער רייזנדער. ער איז געווען אין איטאַליע, אין פאַריז קורץ פאַר דער רעוואָלוציע און באַלד נאָך איר, און אַלעמאָל אין זיינע בריוו שטעלט ער זיך אַרויס אַלס ניכטערער רעאַליסט, וואָס קוקט זיך אומעטום אויפמערקזאַם צו צו דעם גאַנג פון די געשעענישן. אין יענער צייט, ווען די בירגערלעכע מאָנאַרכיע האָט אויסגעלעבט אירע לעצטע טעג, האָט פאַריז אויף אים געמאַכט אַ שווערן איינ־דרוק, מחמת דעם פּאָליטישן אינדיפערענטיזם מצד דער געזעלשאַפט. ער איז

אויסער זיך, וואָס סקאַנדאַלן און אינטימע פּרטים אויסן לעבן פון דעמי־מאָנד אינטערעסירן די פּראָנצויזישע פּרעסע מער, איידער פראַגן, וועלכע זיינען נוגע פּאָליטיק און מסחר. ער פילט פּאָראויס, אַז די קאַטאַסטראָפע איז נאָענט. ווען ער האָט באַזוכט פּאַריז בשעת דער קרימער קאַמפּאַניע, אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דער רעוואָלוציע, האָט אים געוואונדערט די גלייכגילטיקייט פון דער פּאַריזער געזעלשאַפט צו די געשעענישן אויפן מלחמה־פּלאַץ. די ידיעה וועגן דעם פראַנצויזישן נצחון, וואָס מע האָט אין טעאַטער אָנגעזאָגט בשעתן ספּעקטאַקל, האָט קיין איינדרוק ניט געמאַכט. „עטלעכע בערזע־לייט האָבן אַרויסגענומען זייערע נאָטיץ־ביכלעך, עפּעס פאַרשריבן און זיינען שנעל אַרויס". דער גייסט פון פאַרדינסט, דער דאָרשט נאָך געלט, די מטורפדיקע קאָנקורענץ, אַלדי גליקן, וואָס האָבן דער מענטשהייט געשענקט דעם באַגולטן בירגערטום — דאָס אַלץ האָט אין דיקענסן געהאַט אַ פיינעם קריטיקער און אַן אָנרחמנותדיקן באַשולדיקער. ער האָט באַמערקט, אַז די משוגענע ספּעקולאַציע האָט פאַרכאַפּט סיי מיוחסים, סיי דעם המון. „פאַרבלענדט פון עטלעכע שנעל געמאַכטע קאָלאָסאַלע פאַרמעגנס, האָבן זיך די קליינע מענטשלעך געלאָזן אויף ריזיקאַלישע אונטערנעמונגען, זיי שטעלן אין קאָן די פּרוכט פון לאַנגיאָריקע אָפּשפּאָרונגען, רואינירן זיך און גייען פאַרלאָרן. דער טומל, די פייערונגען, די פריילעכע געשריען פון די, וואָס האָבן אויסגעשפּילט אויף דער בערזע, פאַרטויבן דעם געוויין און דעם גסיסה־כאָרכל פון די זעלבסטמערדער. פון טאָג צו טאָג פאַרשפּרייט די ספּעקולאַציע אַלץ מער איר מאַכט, וואַקסט, ווערט אַן אומגעהייער, וואָס איז גרייט אַלץ צו פאַרשלינגען".

דיקענס איז געשטאָרבן דעם 9 יוני 1870 יאָר, ניט דערגרייכט ביז 60־יאָריקן עלטער. זיין לעצטער ווילן איז געווען, מען זאָל אים באַהאַלטן אָן טומל, און אויף זיין קבר זאָל ניט זיין קיין מצבה. זיין ווילן איז דערפילט געוואָרן. צו דער דעמבענער טרומנע, אין וועלכער עס איז געלעגן דעם פּאָעטס קערפּער, איז געווען אַ מעשן טאָוועלע מיט דער באַשיידענער אויפשריפט: „טשאַרלז דיקענס. געבוירן דעם 7 פעברואַר 1812־טן יאָר, געשטאָרבן דעם 9 יוני 1870־טן יאָר".

דיקענסעס פּערזענלעכקייט און די פאָדערונגען, וואָס די עפּאָכע האָט אַרויסגעשטעלט צו דער ליטעראַטור, האָבן באַשטימט דעם כאַראַקטער פון זיין שאַפן. דיקענס איז פריער פאַר אַלץ אַ געפּילפּולער שריפטשטעלער. ער איז דער זינגער פון צער, דער זינגער פון פיין. ער איז אויפגערודערט פון דער אומגערעכטיקייט, ער שטעלט זיך אַלס ציל אומעטום צו זוכן אירע שפּורן

און ער וויילט אויס די סאַמע האַרצרייסנדיקע בילדער. זיין באַשטימונג איז — רייסן אונזער האַרץ. ער לאָזט אונז ניט באַרואיקן זיך, כּל זמן עס ווערן ניט פאַרשוואונדן די סיבות פון זיין אומצופרידנהייט, ד. ה. ער לאָזט אונז קיינמאָל ניט באַרואיקן זיך. פאַרגלייכנדיק דיקענסן מיט באַלזאַקן און מיט זשאָרזש זאַנדן, מאַכט טען די באַמערקונג, אַז דיביידע פראַנצויזישע שריפטשטעלער דערציילן אויך וועגן ליידן, אָבער זיי זוכן זיי ניט, זיי באַגעגענען זיי, און באַגעגענענדיק, מאָלן זיי זיי. אָבער דיקענס שטילט קיינמאָל ניט אונזער מיטלייד. ער וויילט אויס סוזשעטן, אין וועלכע די מיטלייד ווייזט זיך אַרויס אַליין, און דערביי אין אַ גרעסערער מאָס, איידער ערגעץ וואו אַנדערש צווייטנס, דיקענס איז אַ סאַטיריקער. זיין געלעכטער איז אויך אַזוי האַרט, ווי זיינע טרערן. דערדאָזיקער געלעכטער פאַרשאַפט אויך אַזעלכע וואונדן ביי אונז אין האַרצן, ווי זיינע יללות. זיין ערפינדערישקייט, ווען ער שילדערט די מענטשלעכע גָלות, איז אַזוי אומערשעפלעך, ווי ביים שילדערן דאָס מענטשלעכע אומגליק. מיט דער ראַפינירטער אכזריות פון אַן ערפאַרענעם תּליון טראַכט ער צו פאַרשיידענע עינויים. ער ווענדט זיי אָן לאַנגזאַם, ביסלעכווייז, קלייבנדיק נחת פון זיין קרבנס פיינען. אָט איז, למשל, מיסטער מאָרדסאָן — אַ טרוקענער פּאָזיטיווער מענטש, וועלכער איז ניט פעאיק צו פאַרשטיין די עמפּינדלעכע נאַטור פון דעם אומגליקלעכן יינגל, וועלכן די נאַטור האָט איבערגעגעבן אין זיינע הענט. דער אָרעמער דוד ליידט פון דערדאָזיקער זיגלאָזער דערציאונג־סיסטעם, וועלכע דער מיסטער מאָרדסאָן מיט זיין שוועסטער האָבן אויסגעטראַכט. דערדאָזיקער אומעטיקער פאַקט איז געשילדערט אויף צענדליקער זייטן. דאָס בילד פון דער לעקציע — ס'דאָזיקע שרעקלעכע אין זיין איינפאַכקייט בילד, מאַכט ציטערן דעם צושויער. יעדער פּרט זיינער, וואָס וואָלט אין לעבן אַדורך אומבאַמערקט, באַקומט אַ טראַגישן זיגען, ווערט באַשיינט מיט אַ בייזער ליכטיקייט; די האָר שטעלן זיך קאַפּויר, קוקנדיק אויף אָט־דאָס טאָג־טעגלעכע אָבער שרעקלעכע בילד. יעדעס וואָרט פון מיסטער מאָרדסאָן, יעדער זשעסט פון מיס מאָרדסאָן פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ טויטנדיקע קעלט. טראָפּן נאָך טראָפּן גיסט זיך אַריין דער טויטנדיקער גיפט אין דעם קינדס נשמה. יעדער באַוועגונג פון דער פּאָר מאָרדסאָן עפנט אָפּ אַ תּהום פון מענטשלעכער אכזרות און האַרצלאָזיקייט. אויב הומאָר איז אַ געלעכטער, וואָס די וועלט זעט, דורך טרערן, וואָס די וועלט זעט ניט, זיינען ביי דיקענסן דידאָזיקע טרערן צונויפגעמישט מיט בלוט. אָבער דאָס אַלץ טוט ער, כּדי צום סוף צו באַווייזן די שיינקייט פון ליבע, צאַרטקייט, מיטלייד און חרטה. זייער אָפּט

ענדיקן זיינע רשעים מיט סאַנטימענטאַלע טרערן. צו אָפט וואַקסט ביי אים די צו זיסע טוגנד אומערוואַרט אַרויס פון דער זינד. אויב דיקענס שטעלט די זינד אַרויס אין איר גאָרער נאַקעטקייט, אויב ער פאַרגעסט אַלץ און דערגייט ביז ציניזם, אויב ער שמייסט עפנטלעך איבער דעם אַנטבלויזטן קערפּער, באַווייזט פאַר אַלעמען די סאַמע אייטערדיקע און שטינקענדיקע מכות, — איז עס אַלץ כדי צו ענדיקן מיט סאַנטימענטאַלער און רירנדיקער פּשרה, ניט אַלעמאָל נאַטירלעכער, אָבער אַזעלכער, וועלכע כאַראַקטעריזירט גוט דעם טוגנדלעכן אָפּטימיסט.

ער איז ניט קיין רעוואָלוציאָנער. זיין סאַטירע איז ניט דער דינער פונם רעוואָלוציע-שופר, ניט קיין רוף צו מרידה און קאַמף. זיינע באַליידיקטע און געדריקטע זיינען גרעסטן-טייל שטילע, ניט פּראָטעסטירנדיקע ליידער. ער איז אַ לעבנס-באַשרייבער, אַ וואָרהאַפטיקער און אַ מענטשלעכער, און אין דער שילדערונג פון פיין לייגט ער אַריין פונקט אַזויפיל צאַרטע פילעוודיקייט, וויפל האַרצרייסנדיקע בולטקייט אין דער צייכענונג פון זינד. געגליכן צו פיל גרויסע סאַטיריקער, האָט ער ניט געהאַט קיין באַשטימטע, פּאָזיטיווע פּראָגראַם. אויב ער האָט זיך געשטעלט עפּעס אַן אויפגאַבע, איז עס געווען אויסצובעסערן דאָס מענטשלעכע האַרץ. ער האָט, דאַכט זיך, געגלויבט, אַז ווען ער וועט אַנטפלעקן די פינסטערע זייטן פון דעם מענטשנס נשמה, וועט ער מאַכן אויפציטערן די שלעכטע, און לאָזן די רעגירונג פאַרטראַכטן זיך. געגליכן צו פיל גרויסע שריפטשטעלער, איז ער געווען שטאַרק ניט דערמיט, אין וואָס ער האָט איינגעזעזען זיין קראַפט. ער האָט אין די הענט פון די רעפאָרמאַטאָרס געגבן אַ רייכן מאַטעריאַל, ער האָט זיי געגעבן אַ זאַמלונג פון וויכטיקע דאָקומענטן צו באַשטימען די סיבות פון דער סאָציאַלער אומאָרדענונג. ער האָט אָפט אָנגעצונדן אַ פלאַם פון שנאה און קאַמפּס-היץ אין די הערצער פון די געדריקטע, ווען ער אַליין האָט עס גאָרניט געהאַט בדעה. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע פאָרשטייער פון דער רעאַליסטישער פּאָעזיע, וועלכע האָט אויסגעפירט, אפשר, די גרעסטע קולטור-מיסיע פון אונזער צייט, האָט באַלויכטן מיט העלער ליכטיקייט די פּסיכאָלאָגיע פון דעם מענטשן פון היינטיקער צייט און דערמיט געהאָלפן ריכטיק צו פאַרשטיין די פאַרוויקלט געוואָרענע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען.

V.

די פאַבריק־שטאָט ביי דיקענסן. — דער ראָמאַן „שווערע צייטן". — די שילדערונג פון דעם קאַפּיטאַליסט, — באָנדערבי, זיין באַציאונג צו די סאָציאַלע פראַגן, זיין חתונה האָבן. — די שילדערונג פון די אַרבעטער אין די „שווערע צייטן". — סטעפען. — „דאָמבי און זון". — דער שטאָלץ פון אַן ענגלישן נעגאָציאַנט. — פעקסניף. — ווי שילדערט דיקענס די צביעות. — קינדער אין דיקענסעס ווערק. — אַליס מאַרוואוד, לואיזע אין טאָם, דוד קאָפּערפילד. — דיקענסעס סענטימענטאַליטעט, זיסקייט און צופרידנקייט.

די פראַגן, וועלכע דיקענס באַרירט, און די טיפן, וועלכע ער פירט אַרויס, פאַרוואונדערן מיט זייער פאַרשיידנאַרטיקייט. אין זיינע ראָמאַנען איז פאַראייביקט די עפּאָכע פון דער אכזריותדיקער קאָנקורענץ, פון פּראָזאַאישע פּראַקטישע שטרעבונגען, זיינען פאַראייביקט די שטאָלצע און קאַלטע פיגורן פון אירע פאַוואָריטן און די טרויעריקע געשטאַלטן פון אירע קרבנות. אין דידאָזיקע ראָמאַנען האָט זיך אין דעם גאַנצן פאַרנעם פונאַנדערגעוויקלט דאָס קאָמפּליצירטע לעבן סון דער אינדוסטריע־עפּאָכע. אַריבער די צייט פון פאַנטאַסטישע טרוימען, פאַרשוואונדן פון דער ליטעראַטור די באַיראָנישע אָרסאַרן און די אָדאַליסקעס פון מזרח. קרעמער און פאַבריקאַנטן האָבן פאַרנומען דאָס אָרט פון די נעפּלהאַפטע ראָמאַנטישע העלדן. דער רויך פון די פאַבריק־קוימענס האָט פאַרדעקט די דורכזיכטיקע וואָלקנס. דער טומל פון ד׳ גרויסע שטעט האָט זיך אַריינגעריסן אין דער ליטעראַטור און צעשטערט די דערהויבענע רו פון די שווייצער־בערג, אויף וועלכע מאַנפרעד האָט געטראַכט זיינע טרייסטלאָזע מחשבות.

אין איינעם פון זיינע טיפּישסטע ראָמאַנען, שווערע צייטן, טראָגט אונז דיקענס אַריבער אינם צענטער פון דעם קאָכיקן פאַבריק־לעבן. מיר זיינען אין אַ שטאָט, אַ פולער מיט מאַשינעס און הויכע קוימענס, פון וועלכע עס ציען זיך רויכן, אַ שוואַרצער אַ שמוציקער קאַנאַל. אַ טייך — אַן אָפּגעפאַרבטער אויף רויט, מחמת זיין וואַסער איז צעמישט מיט שטינקענדיקער פאַרב. געביידעס מיט אַ מאַסע פענסטער, פון וועלכע גאַנצענע טעג הערט זיך אַן אומדערטרעגלעכער טומל, אַ געריוש און די מאָנאָטאָנע באַוועגונג פון דער גרויסער דאַמפּמאַשין. גאַסן — ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעכע איינע אויף דער צווייטער, און מענטשן, וואָס לעבן אויף זיי — ניט ווייניקער געראָטן איינער אין דעם אַנדערן, גייען אַלע מאָל אַרויס אין איינער און דערזעלבער שעה, לחלוטין גלייך שלעפּנדיק די פיס איבער די טראָטואַרן, און אַלע פאַר=

נומען מיט איינער און דערזעלביקער אַרבעט.—אַזאַ איז דער טיפּישער אויסזען פון דער פאַבריק-שטאָט, וואָס דער אינדוסטריעלער יאָרהונדערט האָט געבוירן. דאָס מאַשין-לעבן האָט אָפּגעטויט די פאַרשיידנאַרטיקייט און די פּאָעזיע פון דעם מענטשנס קיום. די שטורעמדיקע כוואַליעס פון לעבנס-אָקעאַן האָט עס פאַרוואַנדלט אין אַן אומבאַוועגלעכן אויבערפלאַך; די בונטע און העלע פאַרבן האָט זי פאַרשאָטנט מיט גראָען איינאַרטיקן קאָליר. אין דער שטאָט קאָקטאָאון האָט אַלץ געטראָגן דעם שטעמפּל פון אומגעוויינלעכער פּראַקטישקייט. די אותיות אויף די שילדן האָבן זיך מיט גאָרניט אונטערשיידט איינע פון די אַנדערע. „די טורמע האָט מערקווירדיק דערמאָנט דעם שפּיטאָל, דער שפּיטאָל—די טורמע. דער שטאָט-מאַגיסטראַט האָט באַזונדער זיי ביידן דערמאָנט. פאַקטן, פאַקטן און פאַקטן. אומעטום האָבן געקיניגט די פאַקטן, סיי אין דער אויסערלעכער איינאָרדענונג פון דער שטאָט, סיי אין איר אינערלעכן לעבן. אַלץ, וואָס עס האָט ניט געהאַט קיין ממשותדיקע פאָרמען, וואָס מען האָט ניט געקאָנט קריגן בחצי חינם אויפן מאַרק און איז געוואָרן פאַרקויפט פאַר אַ יקרות — דאָס אַלץ איז ענערגיש אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער גרינדלעכער און שטרענג פּראַקטישער שטאָט קאָקטאָון". פרי פלעגט זיך אָנהייבן דאָס לעבן אין דערדאָזיקער שטאָט. אין זיינע „צויבער-שלעסער" האָבן זיך אָנגעצונדן פייערן אַ סך פריער, איידער די שוואַכע שיין פון באַגינען האָט געקענט באַלייכטן די לאַנגע עקן רויך, וועלכע האָבן זיך אָן אַ סוף געצויגן איבער שטאָט. עס האָט זיך געלאָזט הערן דער שווערער גערויש פון די אייזערנע בלאָקן, און אַלע טשוהונענע אומגעהייערס, אויסגעפּוצטע און אונטערגעשמירטע, האָבן פון ס'ניי אָנגעהויבן זייער שווערע איינאַרטיקע אַרבעט". מענטשן זיינען אין דערדאָזיקער שטאָט באַטראַכט געוואָרן נאָר ווי אַרבעטס-קראַפט, און די האַרמאָניע צווישן דערדאָזיקער קראַפט מיט דער צאָל קרעפטן פון דער דאַמפּמאַשין איז געווען אויסגערעכנט מיט פולקומער פּינקטלעכקייט.

אַזאַ איז דער אויסערלעכער אויסזען פון דער שטאָט. וועלכע-זשע זיינען געווען די מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן לעבן פון דידאָזיקע מאַשינעס, וואָס זיינען געוואָרן פאַרוואַנדלט אין לעבעדיקע אומגעהייערס, און פון די-דאָזיקע אַרבעטער, וואָס זיינען געוואָרן פאַרוואַנדלט אין מאַשינעס? די לייטער פון דעמדאָזיקן קאָלאָסאַלן באַוועגלעכן מעכאַניזם האָבן געמוזט האָבן אַן אייזערנעם ווילן און אַ פעסטן מאַטעמאַטישן מוח. מענטשלעכע ליידנשאַפטן, דערהויבענע געפילן און נידעריקע אינסטינקטן, גוטס און שלעכטס, ליבע און האַס, דאָרשט נאָך גליק און רירנדיקע זעלבסטאָפּפערונג — דאָס אַלץ ווערט

איבערגעמאָלן אין דעם פּראַקטישן מוח פון אונטערנעמער, ווערט איבערגעזועצט אויף דער טרוקענער און קלאָרער שפּראַך פון ציפער און אויסגעטוישט אויף איין מטבע, וועלכע איז די מאָס פון אַלע מענטשלעכע פעאיקייטן — נעמלעך, אויף דער פּראָדוצירנדיקער אַרבעטסקראַפט. דער עבר פון מיסטער באָנדערבי איז באַפּאַרבט מיט טונקעלע און בייזע קאָלירן. דאָס איז געווען אַ ביטערער קאַמף. באָנדערבי האָט ליב געהאַט מגזם צו זיין זיינע אומגליקן. ער האָט ליב געהאַט דערציילן, אַז ער איז כלומרשט געבוירן געוואָרן אין אַ גראָבן, און פון דער פּריסטער קינדהייט האָט ער די טעג פאַרבראַכט אין דעם גראָבן, און די נעכט — אין אַ חזיר־שטאַל. ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער האָט קיינמאָל ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון אַ שול. ער איז אויסגעוואַקסן צווישן אָפּ־געריסענע. לאָנדאָן האָט ער אויסשטודירט אונטער דער לייטונג פון אַ שיכורן קאַליקע, אַ פּראָפעסיאָנעלן גנב און אַ היימלאָזן, וואָס קען זיך שוין ניט אויס־בעסערן. צי האָט אַזוי אַ מענטש מיט הונדערט יאָר צוריק געקאָנט טרוימען וועגן מאַכט, עשירות און גליק? דער XIX י. ה. האָט פאַר אַזעלכע מענטשן אָפּגעעפנט אַ ברייטן וועג. באָנדערבי האָט געמאַכט אַ לעבן. ער איז געגאַנגען פון מדרגה צו מדרגה. פון אַ שנאָרער איז ער געוואָרן אַ הויף־שומר, נאָכדעם, אַ פערמער, אַ שרייבער, אַן אַדוואָקאַט, אַ פּאַרוואַלטער, לסוף אַ ווירט. אין ראָמאַן איז ער שוין אַ סוחר, אַ מאַנופאַקטוריסט, אַ באַנקיר, אַן עושר. ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער האָט זיך אויסגעלערנט לייענען פון די שילדן און דער־קענען די צייט לויט דעם זונזייגער אויפן גלאָקטורעם. ער איז דורכגעגאַנגען אַ שטרענגע לעבנשול, און האָט זיך אין איר פאַרהאַרטעוועט אויף גאָר דאָס לעבן „אויב איר דאַרפט מענטשן מיט אַזוינע נערוון און מיט פעסטע פויסטן — בין איך גרייט אייך צו דינען!" פלעגט מיסטער באָנדערבי זאָגן באַרימעריש.

באָנדערביס וועלטאָנשויאונג איז איינפאַך און קלאָר, ווי איינפאַך עס. איז די גייסטיקע וועלט פון דער חיה, וועלכע איז דורכגעדרונגען מיט איין שטרעבונג — כאַפּן און דערשלינגען דאָס רויב. איבעריקנס, באָנדערבי איז גאווהדיק און באַרימעריש און דערמיט שטייט ער העכער פאַר דער נאַטירלע־כער פּסיכאָלאָגיע פון אַ בעל־חי. פאַר זיין השפעה און עשירות האָט ער צו דאַנקען נאָר זיך. און ער האָט וועגן דעם ליב צו דערמאָנען. ער איז שטאָלץ דערמיט, וואָס מיסטריס ספּאַרזיט, אַ דאַמע פון גרויס יחוס, איז גע־נויט אָנצופירן מיט זיין ווירטשאַפט. דערדאָזיקער שפּראָץ פון וואוילגעבוי־רענע דורות איז דער שענסטער פּוץ פון זיין טריומפמאַרש, פּונקט ווי די געפאַלענע מזרח־דעספּאָטן, וועלכע זיינען געגאַנגען הינטער דעם זיג־רייטוואָגן פון



טשאַרלז דיקענס

דעם רוימישן אימפעראַטאָר, האָבן בולטער פאַר אַלץ אויסגעדריקט זיין נצחון. דער אויפגעקומענער קבצן האָט ליב צו רימען מיסטריס ספאַרזיטס עבר, כּדי דערמיט צו פאַרגרעסערן זיין אייגענעם כּבוד. ער איז די פאַרקערפּערונג פון דעם קאַפּיטאַליזם, פון דעם מיט גאָלד באַשאָטענעם בירגערטום, וואָס האָט אָנגעהויבן האַלטן פון זיך. דער גורל פון מיסטריס ספאַרזיט — דאָס איז די מפּלה פון די יחוס־פּריווילעגיעס פאַר דער טריאומפירנדיקער מאַכט פון געלט.

אויף אַלע מענטשלעכע באַציאונגען קוקט מיסטער באָנדערבי זייער איינפאַך. ער האָט ליב דעם רויך פון די פאַבריק־קוימענס און רופט אים אָן די סאַמע געזונטע זאַך אויף דער וועלט, מחמת דערדאָזיקער רויך איז דער וואַל פון זיין וואוילשטאַנד. די ליבע צו דער מענטשהייט האַלט ער פאַר אַ נאַרישע פאַנטאַזיע, און צוליב איר „האָט ער ניט בדעה צו ענדערן די דאַמפקעסלען פון זיין פאַבריק". די מאַסע לעבעדיקע מענטשן, וואָס אַרבעטן ביי אים, צעטיילט ער אויף צוויי גרופּעס. איינע האָט ער פיינט און האַלט זיי פאַר שונאים. דאָס זיינען די, וואָס שטרעבן, לויט זיין מיינונג, צו פאָרן אין קאַראָטן, טרוימען „וועגן זופּ פון ווילדפרעט און שילדקרעט" און „פילן אַ באַדערפעניש אין באַגולדטע לעפל". דער צווייטער גרופּע סימפּאַטיזירט ער, צו איר געהערן די אַרבעטער, וואָס וואַגן גיט צו טראַכטן וועגן דידאָזיקע וואוילטאָגן, וועלכע מיסטער באָנדערבי האַלט פאַר זיין און פאַר זיין גלייכנס פּריווילעגיע. די גאַנצע מענטשהייט טיילט מיסטער באָנדערבי אויף רייכע און אויף אָרעמע. די ערשטע איז אַלץ ערלויבט, די צווייטע — גאָר ניש. די אַדמיניסטראַציע, די וויסנשאַפט, די געזעצגעבונג — אַלץ דאַרף דינען דעם קאַפּיטאַל. די אָרעמע מוזן זיך אָן באַקלאָגן אונטערוואַרפן דעם דרוק פון די אומשטענדן. דער אַרבעטער, וועלכער בעט זיך ביי באָנדערבין, ער זאָל אים העלפן גטן זיך מיט זיין פרוי די שיכּורטע, באַקומט פון אים אזאַ ענטפער: „פריער דאַרפן מיר זיך ווענדן צו אַ מענטשן, וואָס ווייס די געזעצן, צו אַן אַדוואָקאַט, נאָכדעם אין ציוויל־געריכט, נאָכדעם אין לאָרדן־הויז, און אומעטום מיט בקשות, נאָכדעם באַקומען אַ ערלויבניש פון פּאַרלאַמענט אַ צווייטן מאָל חתונה צו האָבן, אויב נאָר אונזער עסק וועט זיך אַרויסווייזן פאַר אַ גערעכטן. אויף דעם אַלעמען דאַרף מען האָבן אַ פולע געלט: פון טויזנט ביז אָנדערהאַלבן טויזנט פונט שטערלינג, און אפשר דאָפּלט". ווען סטעפן שרייבט אים אָן אויפגעבראַכטער, אַז דאָס איז רויבעריי, ניט קיין געזעצגעבונג, גיט אים באָנדערבי רואיק צו פאַרשטיין: „רעדט ניט קיין נאַרישקייטן וועגן זאַכן, וועלכע איר קענט ניט פאַרשטיין, און זאָגט ניט אויף

דער געזעצגעבונג פון אַ גאַנצער מלוכה, אַז דאָס איז רויבעריי, אַז ניט קאָנס איר, חלילה, זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן געריכט. דאָס איז ניט פאַר אונזער שכל צו פאַרשטיין". די מלוכה־אָרדענונג איז אין באָנדערבים אויגן — די סאַנקציאָנירונג פון דער עקספּלואַטאַציע. אייגע דאַרפן האָבן דאָס גוטס פון לעבן, אַנדערע—טראָגן אירע לאַסטן. דער זינען פון דער געזעלשאַפטלעכער איינאָרדענונג איז צו שטיצן דעמדאָזיקן גייעם מין שקלאַפעריי. דער געריכט — דאָס איז די שמירה פון געוואַלט, דאָס געצייג אין די הענט פון די רייכע צו דערשטיקן יעדן פּראָטעסט מצד די ליידנדיקע.

אַזאַ איז מיסטער באָנדערבים סאָציאַלע און פּאָליטישע פילאָזאָפיע. די סאָציאַלע אָרדענונג, וואָס איז פאַר באָנדערבי אַן אידעאַל, לאָזט אַ ברייטע רחבות פאַר דער גייציקייט און ערע־ליבע פון שלעכטע עגאָאיסטישע לייט. און באָנדערבי ווייס עס. ער איז ניט נאָר דער טיפּישער פאָרשטייער, נאָר אויך דער אידעאָלאָג פון זיין קלאַס. ער פאַרשטייט, אַז אין דער נייער לעבנסאָרדענונג, צו וועלכער עס שטרעבט דער ענערגישער אונטערנעמער־קאַפּיטאַליסט, קאָן ניט זיין קיין אָרט פאַר געפיל און פאַר גייסטיקע שטרע־בונגען. ער פאַרשטייט, אַז זיין קראַפט איז אין טרוקענעם פּראַקטישן וויסן. ער איז אַ גראָבער מאַטעריאַליסט. „איך בין דזשאָסיאַ באָנדערבי פון קאָקטאָון. מיר זיינען באַקאַנט אַלע ציגל אין שטאָט, מיר זיינען באַוואוסט אַלע שטאָ־טיקע פאַבריקן, אַלע קוימענס, מיר איז באַקאַנט אפילו דער רויך פון די קוימענס, איך קען אַלע אַרבעטער — דאָס זיינען אַלץ זאַכן ממשותדיקע, רעאַלישע. אָבער ווען עמיצער וועט מיר אָנהייבן צו טענהן וועגן געפיל, וועגן דמיון, אָדער וועגן פאַנטאַזיע, וועל איך ענטפערן, אַז דאָס איז אַלץ אַ ליגן, און ניט מיך וועט מען דערמיט אַריינגנאַרן. אונטער דידאָזיקע הויכע ווערטער מיינט מען געוויינלעך זופּ פון שילדקרעט, בראָטן פון ווילדפרעט, באַגילדטע לעפל און זעקס פערד געשפּאַנט".

און באָנדערבי לעבט פּונקט לויט זיין פילאָזאָפיע.

זיין חתונה איז אַ קאָמערציעלער עסק, אַ פּשוטער מאַטעמאַטישער רע־כענונג. לעאָפּאַרדי און די אידעאַליסטן פון אָנהייב יאָרהונדערט האָבן פאַר־שאָלטן די סטאַטיסטיק און די פּאָליטישע עקאָנאָמיע. גראַדגרינד, באָנדער־בים שווער, אָנערקענט דווקא דידאָזיקע וויסנשאַפטן. מיסטער באָנדערבי איז אַלט פופציק, די כלה זיינע, לואיזע — צוואַנציק יאָר, אָבער די סטאַטיסטיק פון חתונות אין ענגלאַנד באַווייזט, אַז דאָס רוב חתונות קומען פאַר צווישן

פערזאָנען פון זייער פאַרשיידענע עלטער. ווי ווייט עס פאַרשפרייט זיך די קראַפט פון דעמדאָזיקן געזעץ, באַווייזט „דער מערקווירדיקער פאַקט, אַז צווישן די געבירטיקע פון די ענגלישע קאָלאָניעס אין אינדיע דערנאָך אין אַ באַדייטנדיקן טייל פון כינע און צווישן די קאַלמיקן — ברענגען די פינקט־לעכסטע סטאַטיסטישע ידיעות צו דיזעלבע אויספירן". „פאַפאַ, איך האָב אָפט געטראַכט, אַז אונזער לעבן איז צו קורץ" — זאָגט לואיזע. „בלי ספק, מיין פריינד, — ענטפערט איר גראַנדגרינד, — פונדעסטוועגן באַווייזט די סטאַ־טיסטיק, אַז די מיטעלע לענג פון מענטשנס לעבן האָט זיך פאַר דער לעצ־טער צייט אויפגעהויבן. די רעכענונגען פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטן, וועל־כע אַסעקורירן לעבן און הכנסות, אחוץ אַנדערע גענויע צאָל־מאַטעריאַלן, שטעלן אויך פעסט דעמזעלביקן פאַקט". דידאָזיקע מענטשן גלויבן נאָר פאַקטן, ציפער, נאָר פינקטלעכע אַריטמעטישע חשבונות. מענטשן זיינען אין זייערע אויגן — אייגנאַרטיקע איינצל־צאָלן, פון וועלכע מען קאָן אויך אַזוי־לייכט צונויפשטעלן פאַרשיידענע צאָל־קאָמבינאַציעס, ווי פון געוויינלעכע איינצלען. אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס פאַר דער חתונה, האָט מיסטער באָנדערבי אויף קיין מינוט ניט פאַרנאַכלעסיקט זיינע באַשעפטיקונגען. זיין ליבע האָט זיך אויסגעדריקט אין מתנות — טייערע בראָנזעלעטן און אַנדערע זאַכן. מען האָט גענייט קליידער, באַשטעלט טייערע זאַכן. אין חתונה־קאָנטראַקט האָט מען אַריינגעטראָגן לאַנגע זיילן פאַקטן, וועלכע האָבן באַשטימט די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון דעם פאָר־פאָלק. „די צייט, קעגן דער פאַרזיכערונג פון די פאָעטן, איז געגאַנגען ניט גיכער ניט לענגער, ווי אַלע מאָל". אַלס ענדע־פונקט פון דעם וואָיאַזש איז געוויילט געוואָרן ליאָן. „מיסטער באָנדערבי האָט באַשטימט אויסצונוצן די חתונה־וואָיאַזש, כדי מיט די אייגענע אויגן איבערצייגן זיך, אין וואָס פאַר אַ לאַגע דאָרט געפינען זיך די אַרבעטער, און צי שטרעבן זיי ניט אַזוי ווי דאָ צו האָבן באַגולדטע לעפל".

ס'איז מקוים געוואָרן לעאָפּאַרדיס טרויעריקע נביאות. חרוב געוואָרן די אידעאַלן, פאַרלאָרן געוואָרן די פּאָעזיע, אָנגעשטאַנען אַ צייט פון הענד־לער, וועלכע האָבן די בעסטע מענטשלעכע געפילן פאַרוואַנדלט אין אַן אַרטיקל פון מסחר.

לעאָפּאַרדי, דער זינגער פון אַנטטוישונג, פון אָפּזאָגן זיך פון אַלע ערד־אינטערעסן, און דיקענס דער רעאַליסט, דער לעבנסבאַשרייבער, וועלכער איז בלוטיק פאַרבונדן מיט דער ערד און מיטן לעבן, זיינען זיך צונויפגעקו־

מען אויף דער קריטיק פון דער אינדוסטריע-אָרדענונג, אויף דער פאַראַכטונג צו אירע מאַטעריאַליסטישע שטרעבונגען. אָבער דער איטאַליענישער פּאָעט האָט ניט געפונען קיין אויסגאַנג. ער האָט פאַרפלוכט זיין צייט און געזונגען טרויעריקע הימנען צו דעם עבר. דער ענגלישער ראָמאַניסט האָט ליידנשאַפטלעך געזוכט אַן אויסגאַנג און האָט געגלויבט אין אַ ליכטיקער צוקונפט. דער נצחון פון דעם אומרעכט, וואָס האָט די זינגער פונם וועלט-שמערץ געטריבן פון לעבן, האָט דיקענסן געטריבן אויף קאַמף קעגן דעם אומרעכט. זיין געווער איז ניט נאָר די סאַטירע, נאָר אויך דער מיטלייד. ער פלאַמט ניט נאָר מיט האַס און פאַראַכטונג, — ער צערייסט די הערצער מיט בילדער פון פּיין און צרות. אין די שווערע צייטן האָבן מיר פאַר זיך ניט בלויז דעם טריאומפירנדיקן באָנדערבי, נאָר אויך דעם ליידנדיקן סטעפען. ער איז דער פאָרשטייער פון דעם קלאַס, וועלכן דיקענס שילדערט מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט. ביזן קבר מאַטערן זיי זיך צוליב דעם שטיקל ברויט. לעבן אין שרעקלעכע באַדינגונגען: די צופיל אָנגעשטרענגטע אַרבעט אויף די פאַבריקן גיט זיי ניט קיין אַנדער אויסגאַנג, אויסער דעם טויט. אין זייער סביבה איז פאַרבליבן דער אַלטרואיזם, וואָס איז פאַרלאָרן ביי די אויפגעקומענע אונטערנעמער. די אַלגעמיינע שלעכטע לאַגע האָט זיי אויסגעלערנט פעסט צו האַלטן זיך איינער פאַרן צווייטן און מיט אמתן רחמנות העלפן איינער דעם צווייטן אין נויט און בשעת אַ קראַנקהייט. מען איז געוויינט צו באַציען זיך, צו זיי ווי „צו מאַשינען אָן ליידנשאַפטן, אָן געלוסטן, אָן עריבערונגען און אָן צוגעבונדנקייט, אָן האַרץ און אָן האָפענונג". אַפילו די עמפּינדלעכע און מיטליידנדיקע לואיזע האָט וועגן זיי געוואוסט ווייניקער, איידער וועגן די אינזעקטן. ביי איר איז געשאַפן געוואָרן וועגן זיי אַ טונקעלע פאָרשטעלונג, ווי „וועגן משונה ברואים, וואָס שטענדיק טוען זיי עפּעס און שטענדיק צאָלן זיי עפּעס; וועגן ברואים, וואָס מוזן זיך שטענדיק צופּאַסן צו די געזעצן פון נאָכפרעג און פאָרשלאָג; וועגן ברואים, וואָס ליידן שרעקלעכע נויט, ווען ברויט איז טייער, און עסן זיך איבער, ווען ברויט איז ביליג; וועגן ברואים, וואָס מערן זיך אויף אַזוי פיל און אַזוי פיל פּראָצענט, גיבן אַזוי פיל און אַזוי פיל פּראָצענט פאַרברעכנס, און אַזוי פיל און אַזוי פיל פּראָלעטאַריאַט; וועגן ברואים, אַדאַנק וועלכע מען מאַכט גראַנדיעזע פאַרמעגנס, וועלכע הייבן זיך אַ מאָל אויף ווי אַ ים, מאַכן אָן גרויסע צרות און פאַרוויסטונגען (גרעסטן טייל זיך אַליין) און נאָכדעם באַרואיקן זיי זיך ווידער".

אין דידאָזיקע מענטשן לעבט ניט נאָר מיטגעפיל און רחמנות, וועלכע זיינען באַנדערבין און גראַנדגרינדן ניט באַקאַנט, — אין זיי לעבט אויפריכטיקער געפיל, פאָעזיע און פאַנטאַזיע. סאַר אַ טיפער אונטערשייד עס איז צווישן דער רירנדיקער ליבע פון סטעפען מיט רחל פון איין זייט, און צווישן דעם געשעפטלעכן שידעך פון באַנדערבי — פון דער צווייטער זייט. וויפל צאַרטע פשוטקייט עס ליגט אין דעם זעגענען זיך צווישן סטעפען און רחל, ווען דער אומגליקלעכער אַרבעטער, פאַרטריבן דורך די חברים און אָפּגעזאָגט דורכן באַלעבאָס, פאַרלאָזט קאָקטאָון! „ווי קורץ עס האָט ניט געדויערט דאָס זעגענען זיך ביי דידאָזיקע צווי פשוטע מענטשן, איז עס דאָך זיי טיף אַריינגעדרונגען אין דער נשמה. „אָ, — שרייט אויס דער אויטאָר, — איר געלערנטע פּאָליטיקאָ־עקאָנאָמיקער, וואָס גריבלען זיך אין פאַקטן, עלעגאַנטע אַטעאיסטן, איר, הויכע פריידיקער פון אַזוי פיל נישטיקע און אויסגעדראָשענע אמונה־תורות, — באַמיט זיך צו אַנטוויקלען אין די נשמות פון אייערע קלענערע ברידער, כל זמן עס איז נאָך ניט שפּעט, די באַלעבנדיקע שפּראָצן פון פאַנטאַזיע, וועלכע זאָלן קענען באַפּוצן זייער גרויאינקן אַרבעטס־לעבן״.

שטראָפן די זינד — דאָס איז דאָס ערשטע געוווער אין דיקענסעס הענט. רירן די הערצער מיט האַרצרייסנדיקע סצענעס פון אומגליק — דאָס איז זיין צווייטע געווער. סטעפען האָט פון קינדהייט אָן ניט געזען קיין איינציקן שטראַל אין חשק פון זיין לעבן. דער בעל־הבית האָט אים אָפּגעזאָגט דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געוואָלט ליַיגן און פאַרשווארצן זיינע חברים. די חברים האָבן אים פאַרטריבן פון זייער סביבה דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געוואָלט צושטיין צום שטרייק, וואָס ער האָט ניט געגליובט אין זיין צוועקמעסיקייט. דער יונגער זשוליק, גראַדגרינדס זון, האָט באַגנבעט אַ באַנק, כדי צו דעקן זיינע הוצאות אויף צו הוליען, און באַשולדיקט אין דער גנבה ווערט סטעפען. סטעפען האָט ליב רחלען, אָבער ער איז פאַרבונדן דורך חופה מיט אַ שיכורטע אַ ווייב, און גט איז אַ צו טייערער ביסן פאַר אָרימעלייט. דער אומגליקלעכער צופאַל מאַכט אַן עק צו זיין פּיינלעכן לעבן. ער איז אַריינגעפאַלן אין דער שאַכטע, וועלכע האָט שוין געפּטרט אַ פולע הונדערטער מענטשן. די אַרבעטער האָבן שוין ניט איינמאָל געשיקט צו דער רעגירונג לאַנגע מעמאָראַנדומס, אין וועלכע זיי האָבן אין גאָטס נאָמען געבעטן, מען זאָל פאַרהיטן זייער לעבן פון אַזאַ ריזיקע. וויפל מענטשן זיינען אין דערדאָזיקער שאַכטע אומגעקומען, בשעת אין איר האָבן געאַרבעט אַ פולע מענטשן! אָבער אויך נאָך דעם אַ פאַרלאָזונג, האָט זי אַלץ נאָך צוגענומען קרבנות אָן

אויפהער. אַרויסגענומען פון דער שאַכטע, וואו ער האָט עטלעכע טעג פאַר־בראַכט אין שרעקלעכע פּיינען, דעקט סטעפען אויף פאַר רחלען, וועלכע שטייט פאַר אים אַ ווייַנענדיקע, דאָס בילד פון זיין טרויעריקן לעבן. זיינע אויגן קוקן אויף אַ העלן שטערן. „ער האָט מיר געלויכטן גלייך אין האַרצן, — זאָגט ער, — און איך האָב, קוקנדיק אויף אים, געטראַכט וועגן דיר, רחל, און פון מיין נשמה האָט זיך אַראָפּגעקייקלט ביסלעכווייז דער שווערער שטיין. איך האָב שלעכט געקענט מענטשן, איבעריקנס, זיי האָבן מיך אויך ניט גע־קענט. „אַראָפּגעפאַלן אין דער שאַכטע, בין איך אויף זיי געווען שרעקלעך בייז (ד. ה. אויף די, וואָס זיינען געווען שולדיק דערין, וואָס מ׳האָט סטעפּע־נען חושד געווען אין דער גנבה) און האָב באַשלאָסן, ווען עס וועט זיך מאַכן אַ פאַסיקער צופאַל, באַגיין זיך מיט זיי פונקט אַזוי אומגערעכטיק; אָבער נאָכרעם האָב איך חרטה געהאַט. וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מענטשן צו צאָלן מיט שלעכטס פאַר שלעכטס? מיר דאַרפן דן זיין לכף זכות אונזערע נאָענטע; טראַכטנדיק וועגן דעם אין די מאָמענטן פון שרעקלעכע ליידן, קוקנדיק אויפן גלאַנצנדיקן שטערנדל, וואָס האָט צו מיר געשיינט פון דעם הימל הויך, האָב איך מיך אויסגעלערנט קלערער צו קוקן אויף זאַכן, און האָב אין מיין תפילה פאַרן טויט געבעטן צו גאָט, ער זאָל מענטשן אויס־לערנען בעסער צו פאַרשטיין איינע די אַנדערע, איידער איך, אָרעמער און פינסטערער שלימזלניק!

אין דעמדאָזיקן בילד ווייזט זיך בעסער פאַר אַלץ אַרויס דיקענסעס שטאַנדפּונקט. ער פירט אַרויס צוויי טיפּן אַרבעטער: סלעקברידזש, וועלכער פּראָפּאַגאַנדירט די אידעע פון קאַמף קעגן די אונטערנעמער, דער אָרגאַניזאַ־טאָר פונם שטרייקן, און סטעפען—דער סאַנטימענטאַלער טרוימער, וועלכער גלויבט אין דער מענטשלעכער נאַטור, וועלכער ווענדעט זיך צום רחמנות און צום יושר פון די באַלעבאַטים. „איך, — זאָגט סטעפען, — בין דער איינציקער אַרבעטער אויף מיסטער באָנדערביס פאַבריק, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צוצושטיין צום שטרייק. גלויבט מיר, איך טו עס אויס טיפער איבערצייגונג, מחמת איך גלויב ניט, אַז דערדאָזיקער מיטל וועט קאָנען עמיצן רעטן, און איך האַלט, אַז ער איז אַפילו שולדיק פאַר אונז אַלעמען". דיקענסעס סימ־פּאַטיע איז באַשיינפערלעך אויף סטעפענס זייט, ניט אויף סלעקברידזשס, וועלכער טרעט אַרויס מיט אַ הייסע באַשולדיקונגס־רעדע קעגן סטעפענען און רופט אים אָן פחדן און בוגד. דיקענס גייט נאָך ניט דער געשיכטע: דער אָרגאַניזירטער קאַמף פון די אַרבעטער קעגן די אונטערנעמער, דערדאָזיקער

וועג, וואָס די לאָגיק פון דער לאַגע האָט אַליין אָנגעוויזן, האָט ניט געפונען קיין צוטרויען ביי דעם גרויסן הומאַניסט.

דיקענס איז ניט נאָר אַ שריפטשטעלער פון זיין עפּאָכע, נאָר אַ שריפט-שטעלער אַ ספּעציעל ענגלישער. זיינע מיליאָנערן, אונטערנעמער און קאָמערסאַנטן באַזיצן אַלע נאַציאָנאַלע שטריכן. אויב אין די שווערע צייטן איז אין דער פּערזאָן פון באָנדערבי און גראַדגרינד פאַרקערפּערט דער עגאָאיזם און דער טרוקענער פּראַקטיציזם, שטייט אין דאָמביס פּערזאָן, אין דעם ראָמאַן דאָמבי און זון, פאַר אונז אין גאַנצן וואוקס זיינעם דער מיליאָנער-קאָמערסאַנט, וועלכער איז דורכגעדרונגען מיט דער ספּעציפישער גאווה, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס דער סוחר פון דער גרויסער האַנדלס-נאַציע. „איר זעט אַ כאַראַקטער, — זאָגט טען בנוגע דאָמבי, — וואָס האָט געקענט געבוירן ווערן נאָר אין דעם לאַנד, וואָס האָט פאַרשפּרייט זיין מסחר איבער דער גאַנצער וועלט, אין אַ לאַנד, וואו די קאָמערסאַנטן זיינען מאָנאַרכן, וואו אַ קאָמפּאַניע פון סוחרים האָט עקספּלואַטירט אַ קאָנטינענט, געפירט מלחמות, חרוב געמאַכט קיניגרייכן און געגרינדעט אַ אימפּעריע פון הונדערט מיליאָן מענטשן". די פאָרשטייער פון קאַפּיטאַל זיינען ביי דיקענסן מעכטיקע מענטשן. די מאַכט זייערע האָבן זיי געקראָגן ניט לייכט. נאָר אונטערן איינפלוס פון דער אַלמעכטיקער ליידנשאַפט האָבן זיי בעקענט אַזוי פאַרעקשנט שטרעבן צו זייער ציל, מנצח זיין אַלע מניעות. דעריבער איז יעדער פון זיי אַ פאַרקערפּערונג פון עפּעס אַ פּאַרציגלעכער ליידנשאַפט. דאָמבי איז די פאַרקערפּערונג פון גאווה. דאָס איז אַ פיגור אויסגעהאַקט פון שטיין. קיינע אומגליקן וועלן דעמדאָזיקן מענטשן ניט בייטן מודה צו זיין זיך, אַז ער איז באַזיגט. קיין מוסקל אויף זיין געזיכט וועט ניט קיין ציטער טאָן, קיין באַוועגונג וועט ניט אַרויסגעבן זיין אינערלעכע צערודערטקייט. אַ קאַלטער און אַ בעל-גאווה, שטענדיק מיט איין אויסדרוק פון געזיכט, וויל ער צו זיך אונטערטעניקן דעם גורל גופא, און ער סטאַרעט זיך איגנאָרירן אים, ווען ער באַקומט פון אים די שטאַרקע קלעפּ.

אין קיין שום זאַך אַנטפּלעקט זיך ניט דאָמביס משוגענע גאווה מיט אַזאַ קראַפט, ווי אין זיינע באַציאונגען צו זיין פרוי. זיין חתונה איז אַ טיפּישער מוסטער פון חתונה אין דערדאָזיקער סביבה. אַפילו דידאָזיקע אינטימע מאָמענטן פון זיין לעבן האָט דער גרויסער בורזשואַ פאַרוואַנדלט אין אַן אויסשטעלונג פון זיין מעכטיקייט. די באַזונדערע שקלאַפישע הכנעה, וואָס קיניגט אַרום געלט, איז דאָ אויסגעמאָלט מיט פולקומער וואָרהאַפטיקייט. פון מויל

צו מויל גיט מען איבער אַלס אַן אמתן פאַקט, אַז איבערבויען די הויז אַז מעבלירן די צימערן האָט דעם חתן אָפּגעקאָסט — אַ שפּילכל צו זאָגן! — פינף טויזנט פונט, און אַז די כּלה האָט ניט קיין גראָשן ביי דער זעל. די שפּע פון גראַטולירונגען און ווינטשעונישן צוליב דער חתונה זיינען פול מיט יראת הכּבוד פאַר זיין עשירות. קיינער וואַגט אַפילו ניט צו זאָגן אויף אים אַז ער איז אַ גליקלעכער. מיסטער דאָמבי איז צופיל גרויס, אַז דער בונד מיט וואָס עס איז פאַר אַ פרוי זאָל קענען נאָך גרעסער מאַכן זיין גליק. אַזאַ השערה וואָלט פאַר מיסטער דאָמבי געווען אַ דערנידערונג. די, וואָס גיבן אים מזל־טוב, דאַרפן מקנא זיין ניט אים, נאָר זיין פרוי. דער אויסדערוויילטער פון זיין האַרצן איז ווירקלעך באַשערט געווען אַ גרויסער כּבוד. זי איז אַרומגערינגלט מיט אַלץ, וואָס עס גיט נאָר אויף דער וועלט גרויסאַרטיקס און טייערס. מיסטער דאָמבי קאָן פאַרשאַפן גליק אַרום זיך. ער קאָן אָפּשיטן מיט גאָלד, ווען ער וויל. ער איז אַליין דער שעפער פון זיין גליק, און וויל קיינעם ניט זיין שולדיק קיין דאַנק.

אָבער אין דער פּערזאָן פון זיין צווייטער ווייב האָט זיך דאָמבי אָנגעשטויסן פונקט אויף אַזאַ פעסטן און שטאָלצן גייסט, אַ וועלכער עס איז געווען אין אים אַליין פאַרבאָרגן. בנוגע צו דער ערשטער ווייב האָט ער זיך געפירט, ווי אַן אומבאַגרעניצטער טיראַן. ער איז פאַר איר געווען אַ מאָנאַרך. ער האָט אויסגענוצט יעדן מאָמענט, כּדי אונטערצושטרייכן זיין אומדערגרייכבאַרע גרויסקייט, און זי איז דאָס גאַנצע לעבן פאַרבליבן זיינע אַן אונטערטעניקע שקלאַפין, האָט זיך אונטערגעגעבן זיינע קאַפּריזן און איז געווען אַ שפּילצייג פון זיין אייגנליבע. ברעכן דעם ווילן פון מיס עדיט איז געווען ניט אַזוי לייכט. אייגער אַליין ביי זיך אין קאַבינעט, איז ער אין גרימצאָרן פון דעם געדאַנק, אַז זיין ווייב פאָרט אַרום איבער דער גאַנצער שטאָט, און איר אַרט ניט, וואָס ער איז דערפון ניט צופרידן. זיין קאַלטע שטאָלצע גלייכגילטיקייט האָט זיך „אַריינגעשטאָכן ווי אַ שאַרפער שווערד אין זיין ערגייציק האַרץ. און ער האָט באַשלאָסן אויפצוּוועקן אין איר דעם באַוואוסטזיין פון איר חוב", ער מעלדעט איר זיין שטאַנדפונקט אויף זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען: „אייער גורל איז פאַרבונדן מיט מיין לאַגע און מיט מיין רעפּוטאַציע. איך האַלט פאַר איבעריק צו ריידן וועגן דעם, סאַר אַ כּבוד דערדאָזיקער בונד איז פאַר אייך אין די אויגן פון דער געזעלשאַפט. איך בין געוויינט צו זען אַרום זיך פולקומע אונטערטעניקייט, און איך וועל ניט פאַרליידן קיין דערווידערזיין מצד דער פּערזאָן, צו וועלכער דאָס איז שייך מער, איידער צו וועמען

אנדערש". ווען עדיט לייגט אים פאָר אַ קאָמפּראָמיס, וואָס וואָלט כאָטש טיילווייז געקאָנט פאַרריכטן דעם טעות און ערטרעגליך מאַכן זייער אומ־גליקלעך לעבן פון מאַן און ווייב, וויל מיסטער דאָמבי, פאַרבלענדט פון זיין גאווה, אפילו ניט הערן די שטים פון פאַרשטאַנד. „איך קאָן מיט אייך ניט שליסן קיינע אָפּמאַכן, ניט אויסריידן קיינע תנאים. אַלץ און אַלע מאָל וועט זיין אָפּהענגיק פון מיין אייגענער מיינונג. איך האָב אייך געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט". דאָמבי האָט אַ טעות געהאַט אין חשבון. עדיט אַנטלויפט פון אים, אַנטלויפט מיט זיין אָנגעשטעלטן, וועלכן ער האָט בעגעבן דעם אויפטראָג השגחה צו געבן אויף איר, אַנטלויפט מיט דעם, ווער ס'איז געווען זיין אונטער־טעניקער משרת, ווער ס'האָט זיין ווילן געלייענט פון זיינע אויגן און דער־פילט זיין פאַרלאַנג, איידער ער האָט אים נאָך באַוויזן אַרויסצוזאָגן. עס האָט אים געטראָפן אין סאַמע פילבאַרן אָרט. זיין אייגנליבע האָט באַקומען אַ טויט־קלאַפּ. עס טוט אים גריילעך ווי. אָבער די וועלט דאַרף ניט זעען זיינע ליידן, און אויף דעם שטיינערנעם געזיכט פון דעמדאָזיקן מענטשן פאַרבלייבט זיין רוהיקער אויסדרוק. ער פאַרבאָט די אַרומיקע צו דערמאָנען וועגן דער אַנטלאָפענער. און דער פאַלשער מיטגעפיל, וואָס איז גרייט אַרויסצורייסן זיך פון מויל ביי זיינע גוטע פריינד, שטאַרבט אָפּ אונטער דעם קאַלטן בליק פון דעם שטאָלצן גבור. ס'איז ניט שווער צו פאַרשטיין, סאַר אַ גהינום עס ברענט אין דער נשמה ביי דעמדאָזיקן מענטשן, סאַר אַ ניט מענטשלעכע ליידן עס זיינען פאַרבאָרגן אונטער דערדאָזיקער אויסערלעכער גאווה. ער איז איבערצייגט, אַז די גאַנצע וועלט איז פאַרנומען מיט איין זאַך — באַקוקן מיסטער דאָמביס אַלע באַוועגונגען און אַלע מעשים. און דאָך געלינגט אים ניט צו פאַרבאָרגן די שפּורן פון דעם אינערלעכן שטורעם. עס גיבן אים אַרויס די איינגעפאַלענע אויגן, די אַראָפּגעהאַנגענע באַקן, דער טריבער פאַר־טראַכטער אויסזען. „אַן אומדורכדרינגלעכער, ווי אַלע מאָל, האָט ער זיך פונדעסטוועגן געענדערט. אַ ניט צוטריטלעכער און אַ שטאָלצער ווי אַלע מאָל, איז ער פונדעסטוועגן אַ היפּש ביסל אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. אַ ניט, וואָלטן לייטן ניט געווען דידאָזיקע שפּורן. דער געדאַנק וועגן לייטן — דאָס איז דער בייזער דעמאָן פון זיין נשמה. דער באַוואוסטזיין, אַז וועגן זיין דערני־דערונג רעדט מען ביי לייטן, דריקט אים.

דערדאָזיקער מענטש האָט אַ גאַנץ לעבן ניט געוואוסט פון רחמנות צו קיינעם, און ער ווייס, אַז ער דאַרף אויך ניט וואַרטן אויף קיין מיטלייד פון קיינעם. זיין באַפעלקערטע קיניגרייך, אַלע זיינע אָנגעשטעלטע, די בוכהאַל־

טאָרן, וואָס דינען אין זייער קאַנטאָר, וואָס דערנערן זיך פון זיינע אונטערנעמונגען, האָבן אים פיינט. וואָס נעענטער עמיצער איז צו זיין חסד, אַלץ נעענטער איז ער צו זיין חוצפא. זיין קיניגרייך — דאָס איז אַן אמתע אָריענטאַלישע דעספּאָטיע, מיט אינטריגעס, מיט רכילותן, מיט פּאַוואָריטיזם און מיט מסירות. דאָ פּלאַטערט מען פאַר אַ מוטיק וואָרט. אַ ברודער האָט מורא אָפּנהאַרציק צו זיין מיט אַ ברודער. יעדער באַהאַלט פאַר זיך זיינע געדאַנקען. און דער הערשער פון דערדאָזיקער מלוכה פאַלט ניט אַנטקעגן די אַזיאַטישע זעלבסטהערשער אין זיין פאַרבלענדעניש. די מאַכט פון געלט אין אונזער צייט ווירקט ניט וויניקער שלעכט אויף דעם, וואָס באַזיצט זי, איידער די קראַפט פון דער ממשלה ווירקט אויף די סאַטראַפּן. די וועלט האָט זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די נייע ערד-געטער, און די דאָזיקע געטער האָבן, גרינדנדיק זייער באַדייטונג אויף נייע יסודות, איבערגעלאָזן פון דעם עבר די אויסערלעכע סימנים פון מאַכט; איבערגענומען די אַלטע מעטאָדן אונטערצוהאַלטן די מאַכט, אַריינגעטראָגן מאָראַלישע פוילעניש אין דער וועלט, וואָס איז זיי אונטערטעניק, דערנידעריקט די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט און געטויט די מענטשלעכע ווערדע, ניט ערגער פאַר די געקרוינטע הערשער.

ענגלאַנד איז ניט נאָר דאָס לאַנד פון גרויסע קאָמערסאַנטן, דאָ איז ניט נאָר באַשאַפן געוואָרן אַ באַזונדער גינציקער באָדן פאַר זייער אומבאַגרעניצטער הערשאַפט, ענגלאַנד איז די קלאַסישע לאַנד פון הנופה, פוריזם און אויסערלעכער אָנשטענדיקייט. די בעסערע שריפטשטעלער האָבן ניט איינמאָל פאַרקערפּערט דעמדאָזיקן נאַציאָנאַלן חסרון אין קינסטלערישע געשטאַלטן פולע מיט קאָמיזם. שעקספּיר האָט אויסגעלאַכט די אָנגעבלאָזענע מיאוסקייט פון פאַלשן פוריזם אין דער פּערזאָן פון מאַלוואָליאָ. באַיראָן האָט אַ גאַנץ לעבן געקעמפט קעגן דער גאווה פון זיינע לאַנדסלייט. די פאַלשע בייזקייט פון די לאָנדאָנער צבועקעס האָט אויף אייביק פאַרטריבן דעם אומאָפּהענגיקן און שטאָלצן פּאָעט פון ענגלאַנד. נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק האָט די פּאָעטישע וועלט באַוויינט דעם טויט פון דעם „אוממאָראַלישן" אָסקאַר וואיילד, וועלכנס ווערק עס קלינגען ווי אַ צויבער-קרעכץ איבער דער גאָרער וועלט, נאָר דאָס פאַלשע פּאָטערלאַנד דערמאָנט ניט זיין נאָמען. דיקענס האָט באַשאַפן אַ מערקווירדיקן טיפּ פון אַן ענגלישן טאַרטיוף.

מיסטער פּעקסינף אין ראָמאַן מאַרטין טשעזליוואיט איז ניט נאָר אַ חונף אַ צבועק אין דעם געוויינלעכן אַלמענטשלעכן זינען פון דעם

וואָרט. ער איז אַ ספּעציעל ענגלישער צבועק. ער איז אַ זון פון דעם לאַנד, וואו די טיפע אַכטונג צו דער טראַדיציאָנעלער מאָראַל און צו דער רעליגיע איז געוואָרן אַ רגילות, אַריין אין בלוט און פלייש. די ענגלענדער זיינען די קאָנסערוואַטיווסטע צווישן די פעלקער. אַ מנהג, וואָס עקזיסטירט פון לאַנג, ווערט דאָ אַ הייליקייט; אויפהייבן די האַנט אויף דעם קלענסטן פּרט זיינעם איז אַזוי גוט, ווי אויפהייבן די האַנט אויף דער נאַציאָנאַלער אומבאַרירלעכקייט. רייד וועגן טוגנד און פרומקייט וועלן דאָ קיינמאָל ניט קלינגען צו זיס, קיינמאָל וועט דאָ די אָנשטענדיקייט ניט דערעסן. די ענגלישע פרומקייט איז אַ מין אָפּגערעדטע זאַך, ניט קיין ארויסבאַווייז פון אינערלעכן געפיל. די היגע טאַרטיופן זאָגן מאָראַלישע סענטענציעס אין מאָמענטן פון אוממאָראַלישע מעשים, געגליכן דערצו, ווי וועלטלעכע מענטשן דריקן זיך פריינדלעך די הענט, ווען זיי קענען איינע די אַנדערע ניט ליידן. דער ענגלישער צבועק לייגט על־פּי געוויינהייט, ניט טראַכטנדיק וועגן זיין ליגן, געגליכן דערצו, ווי אַן ערצויגענער מענטש הייבט אויף ביי דער באַגעגעניש מיט אַ באַקאַנטן די הוט גאַנץ מעכאַניש.

פּעקסניפס פיגור, זיינע זשעסטן, אַלעמאָל פריינדלעכע און ווייכע, זיין שטים, וואָס גנבעט זיך אַריין אין האַרצן, זיינע רייד, פולע מיט עניוות און פרומקייט, — דאָס אַלץ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מערקווירדיק האַרמאָנישע און פאַרענדיקטע גאַנצע זאַך. אַפילו זיין האַלז גופא איז געווען אַ מאָראַלישע. איר האָט דעם גרעסטן טייל פון דער האַלז געקאָנט זען: עס האָט געקלעקט נאָר אַ בליק צו טאָן העכער איבער דעם שמאָלן ווייסן האַלזטוך — איז זי שוין פאַר אייערע אויגן, אַ ריינע, צווישן צוויי טאָרטשענדיקע שפּיצן פונם קעלנערל. גלייך ווי זי וואָלט אייך געטאָן זאָגן אין מיסטער פּעקסניפס נאָמען: „דאָ איז ניטאָ קיין רמאות, לעדיס און דזשענטלמענס! מיט פריידלעכער רואיקייט בין איך דורכגעדרונגען”. דאָס זעלבע זאָגן אויך זיינע מיט גרויקייט באַהויכטע האָר, וואָס זיינען אָנגעשטעלט אויפן שטערן, און לאָזן זיך עטוואָס אַראָפּ ביי דער איינאַרטיקער באַוועגונג פון די שווערע ברעמען. און זיין גלאַט, נאָר ניט פול געזיכט, און זיינע צאַרטע מאַנירן, אַפילו זיין סורדוט, די לאַגע פון אַן אַלמן, זיין לאַרנעט, וואָס וויגט זיך אויפן שנירל — מיט איין וואָרט אַלץ שרייט: „זעט! אָט איז דער טוגנדלעכער מיסטער פּעקסניף!”

שטענדיק איז פּעקסניפס מויל פול מיט טוגנדלעכע געדאַנקען. די שענדלעכסטע געפילן, די אומדערבאַרעמדיקסטע דערשיינונגען פון זיין עגאָאיזם איז ער

געווײנט אָנצוקלײדן אין אַזאַ פרומע וואָרט-פאָרם, אַז עס דוכט זיך אַמאָל, כלומרשט פאַר אונז שטייט ניט קיין באַוואוסטזיניקער צבועק, נאָר אַ פרעכער ציניקער, וואָס לאַכט אויס פון אונזערע הייליקסטע געפילן. אין דער קאַרעטע, אין אַ טריבן פראָסטיקן טאָג, האָט ער ליב צו טראַכטן וועגן דעם, אַז אַנדערע איז ניט אַזוי גוט ווי אים. „דאָס איז אַן עכט נאַטירלעכע און אויסגעצייכנטע אָרדענונג, מחמת זי באַגרעניצט זיך ניט מיט קאַרעטעס, נאָר זי פאַרשפרייט זיך נאָך אויף אַ פולע סאָציאַלע געביטן. ווען יעדער וואָלט געווען זאַט און ניט געפרוירן, וואָלטן מיר ניט געהאַט דעם פאַרגעניגן צו באַוואונדערן די פעסטקייט, מיט וועלכער אַ געוויסער קלאַס מענטשן טראָגט אַריבער קעלט און הונגער; ווען מיר וואָלטן געפאָרן ניט בעסער פאַר אַנדערע, טאָ וואָס-זשע וואָלט געוואָרן מיט דעם געפיל פון דאַנקבאַרקייט, מיט דעם איינעם פון די הייליקסטע געפילן פון אונזער נאַטור?" דידאָזיקע וואונדערלעכע סענטענץ האָט מיסטער פעקסניף געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן, דראָענדיק מיטן פויסט אַן אָרעמאַן, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ פאַרלאַנג צו בעטן ביי אים אַ נדבה. אין יעדן אַנדער לאַנד וואָלט אַזאַ מין סצענע געהאַט אַ פנים ווי אוטרירט. און ענגלאַנד איז זי פולקום מעגלעך. אין דעם לאַנד, וואו קריטיקער שרייבן גאַנצע דיסערטאַציעס וועגן נבוכדנצרס טוגנדלעכקייט, לויגט, — ווי טען זאָגט גאַנץ גערעכטיק, — צו זיין אויסערלעך מאָראַליש. דאָס איז אַזאַ מטבע, וועלכע מען מוז האָבן. די, וואָס האָבן ניט קיין אמתע, פאַבריצירן זיך אַ פאַלשע. און וואָס טייערער עס שאַצט זי די ענגלישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג, אַלץ מער פאַלסיפיצירט מען זי. די פילאָזאָפיע פון די עקספלואַטאַטאָרס, די אייגנאַרטיקע פסיכאָלאָגיע פון די באַדריקער, וואָלט ביי דיקענסן אין פעקסניפן ניט באַקומען קיין אַלזייטיקע באַלייכטונג. די אַרגומענטאַציע פון דעמדאָזיקן קלאַס וואָלט געהאַט אַ וויכטיקן בלויז, ווען פעקסניפס געדאַנקען וואָלטן ניט פאַרבליבן פאַר די קינפטיקע דורות. מאַכן די עקספלואַטאַציע פאַר אַ גרויסן מאָראַלישן יסוד, ערקלערן די עקאָנאָמישע שרייענדיקע אומרעכט פאַר אַ מעכטיקן דערציאונגס-מיטל און אַ סטימול פון אונזערע בעסערע געפילן, פאַרגיסן טרערן פון גערירטקייט איבער דער שיינקייט פון פיין — דאָס איז די אָריגינעלסטע פילאָזאָפיע, צו וועלכער דער עגאָאיזם פון זאַטע מענטשן האָט זיך געקענט דעררייכן. די שטרעבונג צו עשירות האָט באַשאַפן ענערגישע שטאַרקע מענטשן ווי באָנדערבי; טרוקענע פראַקטיקער, ווי גראַדגרינד; בעל-גאַוואהדיקע דעספאָטן, ווי דאָמבי. אָבער פעקסניף איז אָריגינעלער פאַר זיי אַלעמען. צווישן די גייציקע קרובים, וועלכע זייען זיך צונויפגעפלויגן, ווי שפאַרבערס, צו דעם גע-

לעגער פונם קראַנקן מיליאָנער, טיילט זיך פעקסניפס פיגור אויס באַזונדער בולט. ער דאַרשט נאָך גאָלד לשם שמים, אין זיינע רויבערישע אינסטינקטן זעט ער שיר ניט קיין אַנטפּלעקונג פון גאָטס ווילן. פעקסניפס דיאַלעקטישע ערפינדערישקייט ברענגט אין פאַרוואונדערונג. ער פירט אַרויס אַ מוסר השכל פון אַזעלכע פאַקטן, וואָס אַ ווייניקער טיפער באַאָבאַכטער וואָלט אויף זיי קיין אַכטונג ניט געגעבן. אָן אויפהער גיסן זיך פון זיין מויל מאָראַלישע סענטענציעס. פון אַיער ווערט אָפּגעלערנט דער פאָלגנדיקער מוסר: דערשלינגענדיק ז״, איז פעקסניף משיג, אַז יעדער תענוג איז ווי אַ פאַרגענגלעכער שאָטן. „דער פליך דערמאָנט אונז, אַז מיר זיינען מער ניט ווי (ווערים, האָט ער געוואָלט זאָגן, ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז ווערים האָבן ניט קיין האָר אויפן קאָפּ) בלוט און פלייש״. אַפילו דער פּראָצעס פון פאַרדייען רופט אַרויס אויף זיינע אויגן טרערן פון אויפגערירטקייט. אים איז אָנגענעם צו וויסן, אַז „וואָוילטועונדיק זיך מיט זיין באַשיידענעם עסן, ברענגט ער אין באַוועגונג דעם שענסטן פון אַלע מעכאַניזמען, וואָס מיר ווייסן״. אים דאַכט זיך, אַז איבערלעבנדיק דעמדאָזיקן פּראָצעס, „דערפילט ער אַ געזעלשאַפטלעכן חוב״. די געוויינהייט צו באַגלייטן יעדן טריט מיט אַ מוסר, האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ מעכאַנישן אַפּאַראַט, פון וועלכן עס פליען ביי יעדער באַוועגונג אַרויס מעכאַנישע סענטענציעס. די סאַמע געוויינלעכע אורטיילן זאָגט ער מיט אַזאַ טאָן, אַז יעדן מאָל דאַכט זיך, כלומרשט ער האָט אַנטדעקט נייע אמתן, כלומרשט אין זיינע שאַבלאָנע ווערטער „איז פאַרהאַן אַ קלוגער געבאָט, וואָס איז נאָך ביז איצט דער מענטשהייט ניט באַוואוסט געווען, און וואָס האָט פאַר אים אָפּגעפענט אַ קוואַל פון טרייסט״. ווען ער זאָל זאָגן, „דאָס זאָגוואָרט מוז שטימען מיטן זאַכוואָרט אין צאָל און פערזאָן, מיינע ליבע פריינד״, אָדער: „$8\times8=64$, נשמה מיינע״,—וועלן מיר אויך דעמאָלט אים דאַרפן טיף דאַנקבאַר זיין פאַר זיין מענטשנליבע און זיין חכמה.

מיסטער פעקסניף צבועטשעט שטענדיק. ער פאַרלאָזט ניט זיין געפילכולן, זיסן טאָן אַפילו דאַן, ווען ער האָט אַן עסק מיט אַ מענטש, וואָס זעט אים אויף דורך-און-דורך, וועלכן ער קאָן ניט אָפּנאַרן. זיינע אונטערהאַנדלונגען מיט דשזאָנסן, וועלכער שדכנט זיך צו זיין טאָכטער, שטעלן מיט זיך אין תוך אַריין פאַר אַ גאָר געוויינלעכן האַנדל. דשזאָנס וויל באַקומען וואָס מער, פעקסניף—געבן וואָס ווייניקער. סיי דער מוכר סיי דער קונה קאָבען ביידע זייער גוט איינער דעם אַנדערן. מען וואָלט זיך געקאָנט באַגיין אָן איבעריקע ווערטער. אָבער פעקסניף בלייבט זיך געטריי. די געהאָרכזאַמע

טרערן גלאַנצן שוין אין זיינע אויגן. ער רעדט וועגן „זיין טייערער טשערי, זיין שטיצע, זיין אוצר". ער פאַרגעסט ניט אַרויסצוזאָגן אַ טיפּזיניקע באַמער־קונג וועגן דעם „שווערן קאַמף", וועלכער עס איז ליידער „אַ נאַטירלעכע זאַך". ער ווייס, אַז ער מוז זיך מיט איר אַמאָל שיידן און איבערגעבן צו דעם מאַן. און דידאָזיקע אַלע באַנאַלע סענטענצן רעדט פּעקסניף אַרויס מיט גרויסע אמתן, לייגט אין זיי אַריין עפּעס באַדייטנדיקס און וויכטיקס. ער לייגט פאַר אַלעמען: פאַר פריינד, פאַר שונאים, פאַר די אייגענע טעכטער. ער האָט געמאַכט די טוגנד פאַר דער בייגזאַמסטער פאָרם, וועלכע ליגט ווי אויסגע־גאָסן אויף יעדער שענדלעכקייט. די צווייטע טאָכטער וויל אים פאַרלאָזן, און פּעקסניף, וועלכער קאָן קוים באַהאַלטן זיין פרייד, וואָס ער קאָן זיך באַפרייען פון דער שווערער לאַסט, גיסט שוין טייכן געפּילפּולע רייד, גייט אַריין אין דער ראָלע פון אַ מענטשן, וועלכער איז גרייט אויף קרבנות, דערמאָנט די ערשטע טאָכטער, ס'דאָזיקע „פייגעלע", וואָס האָט אים פאַרלאָזן צוליב דער ברוסט פון אַ פרעמדן", טרויערט וועגן דעם צווייטן פייגעלע, וואָס פליט פון אים אַוועק און צום סוף מאָלט ער, אַז ער וועט זיך ניט אַנטזאָגן פון זיין פּרינציפּ—מקריב זיין פאַר די קינדער זיין גליק.

און מיט דידאָזיקע טאַלאַנטן, מיט דערדאָזיקער וואונדערלעכער ערפינ־דערישקייט באַנוצט זיך פּעקסניף צו דעמזעלבן ציל, וואָס איז געווען דער וועגווייזנדיקער שטערן פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. רייך ווערן, באַקומען מיליאָנען — פאַר דאָס איז כדאי צו מיען זיך. דאָס וואָס די באַנדערבים, דאָמביס און גראַדגרינדס האָבן דערגרייכט אַ דאַנק דער נויט, דער קאָלאָסאַלער ענערגיע, די ניט מענטשלעכע אָנשטרענגונגען,—דערצו האָט פּעק־סניף אויסגעקליבן אַ מער אָריגינעלן וועג. מיט מערקווירדיקער געדולד שפּרייט ער אויס זיינע נעצן אַרום זיין קרוב דעם מיליאָנער, דעם אַלטן טשעזליואיט. ער שפּירט נאָך יעדן טריט זיינעם, ער סטאַרעט זיך אָן אַ שיעור אַרויסצו־טרייבן פון זיין האַרצן די געפערלעכע קאָנקורענטן. ער לערנט זיינע טעכ־טער לייגן, ער זעט פאַראויס דעם אַלטנס אַלע פאַרלאַנגען, געפינט מיט וואָס צו פאַרענטפערן זיינע קאַפּריזן.

פּעקסניף ווייזט זיך פאַר אונז ניט נאָר אין זיינע מעשים און רעדעס. דיקענס ערקלערט אים אַליין, און זעלטן וואו דעם אויטאָרס בייזער סאַרקאַזם ווייזט זיך אַרויס אַזוי שאַרף, ווי אין דידאָזיקע ערקלערונגען. ער האַלט פאַר בייטיק אויסצוטייטשן דעמדאָזיקן אייגנאַרטיקן מענטשן, אין וועלכן די פאַלש־קייט איז געוואָרן כמעט ווי אַן אויפריכטיקע, וואָס גלויבט כמעט אין דעם

הימלס שוך, ווען ער רופט צום הימל. דיקענס שטעלט אַ „פילאָזאָפישע פראַגע". צי האָט מיסטער פעקסניף געהאַט אַ יסוד צו זאָגן, אַז די אייבערשטע השגחה האָט אים געשיצט אין זיינע אונטערנעמונגען, אָדער ער האָט ניט געהאַט. „ער איז זיין גאַנץ לעבן געגאַנגען מיט שמאָלע אַרומיקע וועגן, מיט אַ שטעקן אין איין האַנט, און מיט אַ האַקן אין דער צווייטער, זאַמלענדיק אין זיין קויש אַריין ווערטפולע רעשטן. ווען מען זאָל נעמען אין דער חזקה, אַז עס איז פאַרהאַן אַ „השגחה פּרטית" אין דעם פאַלן פון אַ וואָראָבייטשיק, דעמאָלט דאַרף זיין (אפשר האָט מיסטער פעקסניף טאַקע אַזוי געהאַלטן) אַ השגחה פּרטית אויך אין דעם פאַלן פון דעם שטיין, פון דעם שטעקן, אָדער פון יעדער זאַך, וואָס מ׳האָט געוואָרפן אויף דעם וואָראָבייטשיק. טויטנדיק דעם וואָראָבייטשיק מיטן קלאַפּ פון שטעקן אָדער האַקן, האָט זיך מיסטער פעקסניף געקענט רעכענען פאַר אַ ספּעציעל באַשטימטן צו זאַמלען וואָראָבייטשיקעס אין זיין זאַק, און צו הערשן איבער אַלע פייגל וואָס אים וועט געלינגען צו באַקומען. בכן, האָט מיסטער פעקסניף געהאַט אַ יסוד צו זאָגן דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, און מען האָט עס אים געקאָנט ערלויבן צו זאָגן, און געזאָגט האָט ער עס ניט האַלטנדיק פון זיך, ניט מיט גאווה, ניט באַרימענדיק זיך, נאָר אין גייסט פון הויכן גלויבן און גרויסער חכמה, פאַר וועלכע ער פאַרדינט מען זאָל אים לויבן".

ווי עגאָאיסטיש עס זאָלן ניט זיין די שטרעבונגען פון דער אָדער יענער געזעלשאַפטלעכער גרופּע, וועט זי דאָך שטענדיק באַוויזן צו געפינען אין אירע שטרעבונגען אַ גרויסע מיסיע: צו נעמען זיך גאָט פאַר אַ שותף. זי פילט די באַדערפעניש קלאָר צו מאַכן אירע באַציאונגען צו די אייביקע יסודות פון רעליגיע און מאָראַל. אין נאָמען פון דידאָזיקע יסודות האָבן געברענט די פייערן פון דער אינקוויזיציע און זיינען געטאָן געוואָרן גבורות פון גוטס און באַרעמהאַרציקייט. די ראַמען פון אַלגעמיינע פּרינציפּן לאָזן זיך צעציען, און דער ערפינדערישער שכל קאָן אין זיי לייכט אַריינלייגן סאַמע קעגנזעצלעכע שטרעבונגען. פעקסניף האָט אין זיי אַריינגעלייגט דאָס, וואָס האָט געשיינט, אַז ס׳איז אַמשווערסטן אין זיי אַריינצולייגן, — דאָס, אויף וואָס עס האַלט זיך דער וואוילשטאַנד און די מאַכט פון דעם קאַפּיטאַליסט — דאָס רעכט פון עקספּלואַטאַציע.

צווישן די צאָלרייכע העלדן, וואָס דיקענס האָט פאַראייביקט, בילדן קינדער אַ גאַנץ באַזונדערע גרופּע. זיינע ראָמאַנען — דאָס איז אַ גאַנצע גאַלעריע פון קינדערשע טיפּן. דאָס איז ניט קיין צופעליקייט. אונז איז שוין

אויסגעקומען אָנווייזן, אַז דיקענס גרעניצט מיט אָאוענען און זיינע אָנשויאונגען אויף דער אויסבילדונג פונם מענטשנס כאַראַקטער. דער כאַראַקטער ווערט געשאַפן דורך דער אַרומיקער סביבה, דורך די באַדינגונגען פון דער ערציאונג, און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם פאַרברעכן פון אַ באַזונדער פּערזאָן פאַלט אויף דער געזעלשאַפט. אָט פאַרוואָס דיקענס האָט אַזוי ליב צו דערציילן די געשיכטע פון זיינע העלדן פון דער פריסטער קינדהייט אָן. ער נעמט ניט קיין פאַרטיקע מענטשן, ניט קיין פאַרענדיקטע כאַראַקטערן: ער דעקט אויף דעם פּראָצעס גופא פון זייער אויסבילדן זיך, ער אַנטפּלעקט די אָנצאָליקע פעדים, וועלכע פאַראייניקן די פּערזענלעכקייט מיט דער סביבה. אָט פאַרוואָס קינדער זיינען זיינע געליבטע העלדן. די שלעכטע ווירקונג פון דער סביבה אויף די ריינע צאַרטע קינדערשע נשמות — דאָס איז איינע פון די געוויינלעכע טעמעס אין זיינע ראָמאַנען. ער דעקט אויף די אומענדלעכע פאָלגן, וועלכע זיינען אָפט אַ רעזולטאַט פון איין ניט פאָרזיכטיקן וואָרט, פון אַ שלעכטן ביישפּיל. ניט פיל שריפטשטעלער האָבן אין זייערע ראָמאַנען איבערגעלאָזן אַזאַ רייכן מאַטעריאַל פאַר פּעדאַגאָגישע אויספירן, און דיקענסעס באַדייטונג אַלס פּעדאַגאָג האָט ניט זעלטן געדינט אַלע געגנשטאַנד פון ספּעציעלער פאָרשונג.

אין דעם ראָמאַן ד אָ מ ב י א ו ן ז ו ן ווערט דערציילט אַ פּשוטע און רירנדיקע געשיכטע פון אַ מיידעלע — אַזאַ געוויינלעכע געשיכטע, אַז זי קאָן דינען אַלס סטערעאָטיפּ פון צענדליקער ענלעכע געשיכטעס.

אַליסע מאַרוווד איז געבוירן אין אָרימקייט, אויפגעהאָדעוועט אין אָרימקייט, און אויסגעוואַקסן אין אָרימקייט. מ'האָט איר גאָרנישט געלערנט, צו גאָרנישט בעגרייט, און קיינער האָט וועגן איר ניט געזאָרגט. מען האָט זי געזידלט, געשלאָגן ווי אַ הונט, געפּייניקט מיט הונגער, געלאָזט פרירן אויף קעלט — אָט אין וואָס עס איז באַשטאַנען די זאָרג וועגן איר. אַזוי האָט זי געלעבט אין דער היים, אַזוי האָט זי זיך געשלעפּט איבער די גאַסן מיט אַ קאָמפּאַניע אַנדערע היימלאָזע אָרימעלייט. אָבער די מיידל איז געוואַקסן, געוואַקסן און שיין געוואָרן, פון טאָג צו טאָג שענער. אַלץ ערגער פאַר איר אַליין. בעסער וואָלט געווען, ווען מען דערשלאָגט זי אויף טויט. וואָס מער אַליסאַ מאַרוווד איז אויסגעוואַקסן, אַלץ שענער האָט זי צוגעזאָגט צו ווערן. שפּעטער האָט מען איר אָנגעהויבן צו לערנען, און מען האָט איר אויסגעלערנט אַלדאָס שלעכטס. מען האָט זי אָנגעהויבן צו פּלעגן, השגחה געבן אויף איר, און פאַר אַ קורצער צייט האָט מען זי אויסדרעסירט אויפן פיינסטן אופן. מיט דער מיידעלע איז

פאַרגעקומען דיזעלבע געשיכטע, וואָס חזרט זיך איבער שוין צוואַנציק טויזנט יאָר. זי איז געבוירן געוואָרן אויף צרות און איז פאַרלאָרן געגאַנגען. געווען אַ פאַרברעכערין, וואָס האָט געהייסן אַליסאַ מאַרוואוד, נאָך אַ מיידעלע, אָבער אַ פאַרוואָרפענע, אַ פאַרשטויסענע. האָט מען זי געבראַכט אין געריכט און מען האָט זי געמשפּט, און פאַרמשפּט. די שטרענגע דזשענטלמענס האָבן גערעדט אויפן געריכט. דער פאָרזיצער האָט זייער פיין און קלוג גערעדט וועגן אירע חובות, וועגן דעם, אַז זי האָט געטראָטן מיט די פיס די געטלעכע מתּנות, וואָס די נאַטור האָט איר געשענקט, און וועגן דעם, אַז גוטע מידות ווערן שטענדיק און אומעטום באַלוינט, און די זינדיקייט — באַשטראָפט. דער פרומער דזשענטלמען האָט כּלומרשט ניט געוואוסט, אַז דערזעלביקער געזעץ, וואָס האָט באַצייטנס ניט אָנגענומען קיין זיכערע מיטלען צו ראַטעווען דעם אומשולדיקן נפש, האָט איצט פאַרמשפּט דעם אומגליקלעכן קרבן אויף אומאויסמיידלעכן אונטערגאַנג. כּלומרשט ער האָט ניט געוואוסט, דער שופט צדק, אַז זיינע פּוסטקליגנדיקע שיינע ווערטער האָבן ניט געראַטעוועט און וועלן ניט ראַטעווען קיין איינציקן קרבן, וואָס איז צוליב הונגער אַריינגעצויגן געוואָרן אין אָפּגרונט פון אויסגעלאַסנקייט. אַליסאַ מאַרוואוד האָט מען פאַרמשפּט צו פאַרשיקן, און מען האָט זי פאַרשיקט אויפן צווייטן עק וועלט. זי האָט, לויט דער באַשטימונג פון געריכט, געדאַרפט אויסלערנען זיך צו דערפילן אירע חובות אין אַזאַ אָרט און אין אַזאַ געזעלשאַפט, וואו מען ווייס ניט פון קיינע חובות און וואו עס איז טויזנט מאָל מער זינד און אויסגעלאַסנקייט, איידער אין איר פאָטערלאַנד. און אַליסאַ מאַרוואוד האָט זיך אומגעקערט אַ פרוי, אַזאַ פרוי, אַוועלכע זי האָט געמוזט זיין נאָך דידאַזיקע אַלע לעקציעס. עס וועט קומען אַ צייט, — און, פאַרשטייט זיך, אינגיכן, — ווען מען וועט זי ווידער ברענגען פאַרן געריכט, און זי וועט ווידער הערן דעם פרומען רעדנער, וועלכער וועט נאָך מיט גרעסערער היץ און מיט מער פייערלעכקייט ריידן וועגן מידות טובות און מעשים רעים, און וועגן דעם געזעץ, וואָס באַצאָלט לויטן פאַרדינסט. דעמאָלט וועט מער ניט זיין קיין אַליסאַ מאַרוואוד, אָבער מיט איר חרפּה און טויט וועלן די פרומע דזשענטלמענס ניט פאַרלירן זייער אַרבעט: פרישע המונים פאַרברעכער און פאַרברעכערינס, ייִנגלעך און מיידלעך, אויסגעהאָדעוועטע פון דער אָרימקייט, אויסגעכאָוועטע פון דער אויסגעלאַסנקייט, וועלן זיך גלייך שטעלן פאַר די ליכטיקע אויגן, און די דזשענטלמענס, וואָס פלוידערן שוין וועגן די פראַכטן פון דער טוגענד און וועגן די שרעקן פון דער זינד, וועלן האָבן גוטע פּרנסה.

אַזוי ווערן געשאַפן פאַרברעכער. דידאָזיקע קורצינקע ערציילונג איז פול מיט גרויסע הומאַנישע געדאַנקען. דער געזעץ דאַרף פאָרויסזען, ניט דערלאָזן צו פאַרברעכנס, אָבער ניט שטראָפן פאַר זיי. די געזעלשאַפט, און ניט דער פאַרברעכער, איז שולדיק אין דעם פאַרברעכן. די אָרימקייט און די אומוויסנהייט — דאָס איז דער באָדן, אויף וועלכן עס וואַקסט די זינדיקייט, און ניט קעגן איר, נאָר קעגן אירע סיבות דאַרף מען קעמפן.

דיקענסעס ראָמאַנען זיינען פול מיט באַשרייבונגען פון פענסיאָנען, פּריוואַטן און אַלערליי ערציאונגס־אַנשטאַלטן. מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן ניקאָלי ניקלבי, דערדאָזיקער בייזער סאַטירע אויף די יאָרקשירער שולן. אין שווערע צייטן ווערן געשילדערט די טרויעריקע פאָלגן פון דער צופיל רעאַליסטישער, טרוקענער פּראַקטישער סיסטעם פון ערציאונג. מיסטער גראַדגרינדס שול — דאָס איז אַזעלכע, וואו מען לערנט נאָר פאַקטן, וואו מען מאַכט פאַר די קינדער קלאָר זייער גרויסע באַדייטונג, וואו אַלץ ווערט אויסגעוואָרצלט, אַלץ — אויסער די פאַקטן. אין דערדאָזיקער שול לערנען זיך די קינדער אויס צו זען אין אַ פערד „אַ חיה, אַ פירפיסיקע, אַ גראָזעסנדיקע, וואָס האָט 40 ציין, פון וועלכע פיר און צוואַנציק זיינען באַקציינער, 4 אויגציינער און צוועלף שניידציינער; אַ חיה, וואָס אין פרילינג בייט זי די האָר, און אין די בלאָטיקע געגנטן בייט זי אַפילו די קלויען". און אַז. וו. אין דערדאָזיקער שול דערוויסט מען זיך, אַז אין לעבן דאַרף מען זיך האַלטן נאָר אָן פאַקטן, אַז קיין דמיון דאַרף מען ניט, אַז מען מוז זיך אַרומרינגלען נאָר מיט אַזעלכע זאַכן, וואָס זאָלן ניט סותר זיין דעם רעאַלן לעבן. „אויב דו ביזט אין דער ווירקלעכקייט קיינמאָל ניט געגאַנגען איבער בלומען, זאָלסטו איבער זיי ניט טרעטן אויך דאַן, ווען זיי זיינען אויסגעמאָלט אויף טעפּעכער. אויב דו האָסט קיינמאָל ניט געזען, אַז מאַטיליעס און פייגעלעך מעבר לים זאָלן זיצן אויף געשיר, דאָס הייסט אויף טעפּעלעך, טעלער און שיסלען, זאָלסטו זיי קינסטלעך ניט מאָלן אויף דיינע טעפּעלעך, טעלער און שיסלען; לסוף, אויב דו האָסט קיינמאָל ניט געזען, אַז פערד זאָלן שפּאַצירן איבער די ווענט פון צימערן, זאָלסטו ניט קויפן אַזעלכע טאַפּעטן, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעמאָלט פירפיסיקע חיות. הכלל — דו זאָלסט אויסקלייבן טאַפּעטן, אויף וועלכע עס זיינען אויסגעמאָלט געאָמעטרישע פיגורן, וואָס מיט זייער הילף קאָן מען עפּעס דערווייזן אָדער דערקלערן. אָט אין וואָס עס באַשטייט דאָס לעצטע וואָרט פון דער וויסנשאַפט. אָט דאָס איז אַ פאַקט, אָט דאָס איז אַ געשמאַק!" דידאָזיקע קליינינקע גראַדגרינדס האָבן זיך קיינמאָל ניט פאַר־

קוקט אויף דער לבנה, און פון איר האָט אויף זיי קיינמאָל ניט געקוקט קיין מענטשלעכע צורה. קיינער פון זיי האָט ניט געוואוסט דאָס נאַרישע לידעלע: „ווינק זשע, ווינק זשע, שטערנדל". זיי האָבן קיין שום וואונדערבאַרס אין די שטערן ניט געזען. דערפאַר האָט יעדער פון זיי געקאָנט איבערציילן אַלע שטערן פון דער גרויסער בעריכע ניט ערגער פאַר דעם פּראָפעסאָר, און זיי האָבן אַלע געוואוסט, וואָס איז אַזוינס די לבנה, איידער זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אָנרופן זיביים נאָמען.

אָט אין וואָס פאַר אַן אַטמאָספער עס איז אויסגעוואַקסן גאַרדגרינדס טאָכטער לואיזע. אין איר איז אומגעקומען דער מיטפילנדיקער, איידל-שפּירנדיקער און קלוגער נפש, ווי די נאַטור האָט זי באַשאַפן. זי האָט חתונה געהאַט מיט מיסטער באָנדערבי, מחמת די פראַגן, צי האָט זי אים ליב, צי האָט ער זי ליב, זיינען פאַר איר פאָטער געווען איבעריקע; מחמת אַרויסווייזן וואָסערע ס'איז סאַנטימענטאַלע ראָמאַנטישע געפילן מצד מיסטער באָנדערבי, וואָלט לויט גאַרדגרינדס מיינונג, געהייסן אומאַכטונג צו לואיזעס געזונטן שכל הישר. איר האָט לסוף אויך ניט אָפּגעשטעלט דאָס, וואָס מיסטער באָנדערבי איז געווען דרייסהאַלבן מאָל עלטער פאַר איר. די סטאַטיסטיק פון ענגלאַנד און אויעלס האָט שוין לאַנג דערוויזן, אַז דאָס רוב חתונות ווערן געשלאָסן צווישן פערזאָנען פון ניט גלייכער עלטער, דערביי זיינען די מאַנסביל שטענדיק די עלטערע.

אַ גאַנץ לעבן איז זי געגאַנגען נאָך דער סיסטעם פון פאַקטן, און די רעזולטאַטן זיינען געווען שרעקלעכע. זי האָט זיך פאַרליבט דאַמאָלסט, ווען ביי איר איז געווען נאָך דער חתונה. זי האָט זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין און איז געקומען צום פאָטער מיט טענות: „פאַרוואָס האָט איר מיר געגעבן לעבן און צוזאַמען דערמיט ביי מיר אַוועקגענומען דאָס, וואָס איז דאָס גליק און די פרייד פון מענטשנס לעבן? איך האָב דען געהאַט פריידן? איך האָב דען געהאַט אַ קינדהייט? וואָס האָט איר געטאָן מיט מיין נשמה, אין וועלכער איר האָט דערשטיקט אַלץ, וואָס באַפּוצט באמת דאָס לעבן? איר האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַן אמתן מדבר... ווען איר וואָלט וויסן וויפל ניט קיין אַרויסגעזאָגטע שטרעבונגען, ליבשאַפט, פאַרלאַנגען, וואָס האָבן געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן אין קראַפט, איז געווען אין מיין נשמה, — שטרעבונגען, וואָס מען קאָן זיי ניט אויסרעכענען, ניט מאַטעמאַטיש אויסלייגן!... צי דען וואָלט איר מיר דעמאָלט חתונה געמאַכט מיט דעם מענטשן, וועלכן איך האָב איצט אַזוי פיינט? יאָ, פאָטער, ווען איך וואָלט געבוירן ווערן אַ בלינדע און אַ טויבע און וואָלט

זיך טאַפּנדיק נאָר דורכגעמאַכט אַ וועג אין לעבן; ווען איך וואָלט נאָר דורך דעם חוש המישוש זיך באַקאַנט געמאַכט מיט דער אויסערלעכער וועלט און בעלעבט מיט דער פּאַנטאַזיע בלויז,—גלויבט מיר, אַז איך וואָלט דאַן געווען אַ מיליאָן מאָל גליקלעכער, קליגער, מענטשלעכער, אומשולדיקער אין אַלע היגזיכטן, איידער איצט״. דידאָזיקע רעדע האָט גאַרדגרינדן אויפגעטרייסלט. ער האָט פאַרשטאַנען זיין טעות פון צוויפיל יאָרן. אין אַ משך פון עטלעכע שעה האָט ער לואיזעס כאַראַקטער ערלערנט בעסער, איידער פאַר אַלע פריערדיקע יאָרן. אָבער די פעלערן פון דערציאונג קאָן מען ניט פאַרבאָטן, דער אומגליקלעכער פרויס לעבן איז אויף אייביק צעבראָכן, און גאַרדגרינדן בלייבט נאָר אויסצוניצן די לעקציע פון דעם עבר פאַר דער דערציאונג פון דער יינגערער טאָכטער.

נאָך ערגערע רעזולטאַן האָט דיזעלביקע דערציאונגס־סיסטעם געגעבן בנוגע צו גאַרדגרינדס זון, טאָם. ער האָט אויפגעבראָכן דעם געלט־קאַסטן אין באַנק און אַרויסגעגנבעט דאָס געלט. דערוואוסט זיך וועגן דעם, איז דער אומגליקלעכער פאָטער אַריינגעפאַלן אין יאוש. טאָם זאָגט דעמאָלט דידאָזיקע טשיקאַווע טיראַדע: „וואָס נעמסטו זיך צום הארצן? פון דער מאַסע מענטשן, וואָס לעבן אויף דער ערד, באַקומט זיך דאָך שטענדיק אַ געוויסער פּראָצענט זשוליקעס און גנבים. דו אליין האָסט מיר ניט איין מאָל געזאָגט, אַז דאָס איז אַ געזעץ פון דער נאַטור. ווי האָב איך דען געקענט ביישטיין דעם נסיון? געווען אַ צייט, ווען דו האָסט אַנדערע געטרייסט, נו, איצט טרייסט זיך אַליין״.

אַזוי אַרום זיינען דיקענסעס ראָמאַנען סוף־כל־סוף פּאַרט אַן אַפּאָלאָגיע פון דעם מענטשנס גוטער נאַטור. ניט געקוקט אויף גאָר דער אכזריות פון זיין סאַטירע, איז עס אַ פריידיקט וועגן מאָראַלישער פאַרפולקומונג פון דעם מענטשן. מיר האָבן געזען, אַז דיקענס גלויבט ווייניק אין דער באַדייטונג פון סאָציאַלע רעפאָרמען און באַזונדערס אין דער באַדייטונג פון קאַמף איינוואָרצלען ריכטיקע פאָרשטעלונגען וועגן גערעכטיקייט, אויסמאָלן אין צו־ציענדיקע פאַרבן דעם צושטאַנד פון דער נשמה פון אַ מענטשן מיט אַ ריינעם געוויסן און באַווייזן די שרעק פון זינד — אָט דאָס איז זיין גרונט־אויפגאַבע.

דיקענס איז געווען דער לעבנס־באַשרייבער פון דער ענגלישער געזעלשאַפט פון XIX יאָרהונדערט, און דערביי אַ סאַטיריקער. ווי מיר האָבן געזען — אַ סאַטיריקער אַ בייזער און אַן אומרחמנותדיקער. אָבער ער איז צוזאַמען דערמיט געווען אַ מאָראַליסט פון אַ באַזונדערן, אַ ריין ענגלישן שניט. ביי די־קענסן ווערט כמעט שטענדיק די זינד באַשטראָפט און די טוגנד זיגט. זייבע

פאַרברעכערישע העלדן קומען כמעט שטענדיק צו דעם באַוואוסטזיין פון זייער פאַרבּרעכערישקייט. סצענעס פון חרטה און סאַנטימענטאַלע בילדער פון שלום צווישן שונאים לייגן אָפּט אויף זייגע ראָמאַנען אַרויף אַ שטעמפּל פון עפּעס אַ זיסקייט. זיין דוד קאָפּערפילד בלייבט אַן עמפּינדלעכער, נאַאיווער און רייגער יונג, ניט געקוקט אויף זיין דערציאונג, וואָס האָט געדאַרפט קאַליע מאַכן יעדע נאַטור. דער גאווהדיקער דאָמבי שליסט אין סוף פון ראָמאַן שלום מיט זיין טאָכטער, וועלכע ער האָט דאָס גאַנצע לעבן באַליידיקט און גערדיקט. דאָס בילד פון דעם שלום רופט אַרויס עפּעס אַ טעם פון איבערגעטריבענער גערירטקייט אין דעם לעזער. טען האָט שאַרפזיניק און ריכטיק געזאָגט וועגן דעמדאָזיקן סוף: דאָמבי ווערט אַ גוטער פאָטער, אָבער ער מאַכט קאַליע אַ גוטן ראָמאַן. די טראַגישע געשיכטע פון דער פאַרלאָרענער מענטשלעכער נשמה, אין לואיזעס פּערזאָן ווערט אויך ווייכער דורך איר אומאָרמען זיך מיט איר אכזרישן טרוקענעם פאָטער, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן ניט פאַרשטאַנען זיין טאָכטער, נאָר ער ווערט עפּעס זעעדיקער צום סוף לעבן, גיסט חרטה-טרערן און רעדט געפּילפּולע ווערטער דאַן, ווען דאָס לעבן פון דער יונגער פרוי איז אויף אייביק צעבראָכן. מיסטריס דאָמבי, וועלכע איז פון שטאָלצן מאַן אַנטלאָפן מיט זיין אָנגעשטעלטן, ווייזט זיך אַרויס אַן אומשולדיקע. זי האָט נאָר אימיטירט אַדיולטער, כדי נוקם צו זיין זיך אין איר פייניקער. אפשר איז גערעכט דער קריטיקער דרוזשינין, וועלכער פאַרזיכערט, אַז די עשירות און דער וואוילשטאַנד, וואָס דיקענס האָט ערוואָרבן לפּי-ערך גאַנץ פרי, האָבן אין אים אויסגעאַרבעט אַ סאַנטימענטאַלן אָפּטימיסטישן בליק אויפן לעבן. דיקענסעס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן טראַגיש, אָבער זיין סוף איז געווען אַ גוטער דיקענס האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן די אומגליקלעכע. אָבער אין דידאָזיקע געדאַנקען איז מיט דער צייט אַלץ מער און מער אַריינגעקומען די פילעוודיקע צעפרידנקייט, וועלכע איז ניט זעלטן דער גורל פון גוטע גליקלעכע און זאַטע מענטשן.

.VI

טעקערײ. — די סיבות פֿון זײַן פּעסימיזם. — „דער ירידפֿון גאווה“. — רעבעקע שאַרפּס כאַראַקטער. — די באַזונדערהייטן פֿון טעקערייס סאַטירע. — סנאָביזם. — די אַריסטאָקראַטיע אין טעקערייס שילדערונג. — „די ניוקאָמס“. — טיפּן פֿון אַריסטאָקראַטן אין דעמדאָזיקן ראָמאַן. — לעדי קיו. — בערנעס ניוקאָם. — לאָרד פֿאַריגטאָש. — די פּאָזיטיווע העלדן פֿון ראָמאַן: פּאָלקאָווניק ניוקאָם און זײַן זון. — דעם אויטאָרס גרונט־טענדענץ.

דיקענסעס בן־דור ווילי‏אַם טעקערײַ (1811—1863) איז געווען אומגליקלעכער פֿאַר דעם אויטאָר פֿון דאָמבי. ער האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן לעבן; גרויע האָר האָבן זײַן קאָפּ פֿריער באַדעקט; פֿרי איז זײַן ענערגיע אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ער איז אויך געווען אַ סאַטיריקער, אָבער אין זײַן סאַטירע איז מער שנאה, אין זײַנע אָנשויאונגען אויפֿן לעבן איז ניטאָ יענע האַרצנסגעררירטקייט און יענע פּשוטע פֿילעוודיקייט, מיט וועלכע דיקענס צייכנט זיך אויס. טעקערײַ איז אײַנפּאַכער און טריבער פֿאַר זײַן געריםטן קאָנקורענט.

ער איז געבאָרן אין קאַלקוטע, וואו זײַן פֿאָטער האָט געדינט. לויט די רייד פֿון זײַן שול־חבר דזשאָרדזש וועגעבלס, האָט זיך טעקערײַ אין שול ניט אויסגעצייכנט מיט זײַנע פּעולות. ער האָט ניט ליב געהאַט דעם שול־דירעקטאָר ראָסעל, אָבער די חברים האָבן זיך צו אים גוט באַצויגן. ליטעראַרישע פֿעאיקייטן האָבן זיך אין אים פֿרי אַרויסגעוויזן. די חברים האָבן אונטערגענומען אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל, האָט טעקערײַ פֿאַר אים אָנגעשריבן לידער, אָבער פֿון דעם אויפֿטו איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. בכלל האָט טעקערײַ אין שול ליב געהאַט צו שרייבן לידער, און לויט וועגעבלסעס רייד, זײַנען עס געווען גרעסטנטייל פּאַראָדיעס. ער האָט פֿרי אַרויסגעוויזן סאַטירישע נטיות. ער האָט אין שול ליב געהאַט אונטערצושטרייכן די לעכערלעכע זײַטן און די שוואַכקייטן פֿון די חברים, און אים פֿלעגט געלינגען שאַרפֿזיניק און פֿײַן אָפּצומאַכן פֿון זיי. אין 1829 יאָר איז ער אַרײַנגעטראָטן אין קעמברידזשער אוניווערזיטעט. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער זיך אָן התלהבות באַצויגן צו דעם לערנען אין אוניווערזיטעט, לפּחות בײַ אונדז זײַנען ניטאָ קיינע ידיעות וועגן זײַנע באַשעפֿטיקונגען אין אוניווערזיטעט. ס'איז אָבער קיין ספֿק ניטאָ, אַז פֿאַר דער קורצער צײַט, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט אין אוניווערזיטעט, האָט זיך אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע קאַריערע. אין 1829 יאָר האָט אין קעמברידזש אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַ קליין זשורנאַל The Snob. טעקערײַ האָט בלי ספֿק מיטגעאַרבעט אין דעמדאָזיקן זשורנאַל. דידאָזיקע אויסגאַבע האָט ניט לאַנג

געדויערט, פונקט אַזוי ווי אַ צווייטער זשורנאַל, וואָס איז נאָך אים אַרויסגעגאַנגען, און וואָס אין אים האָט טעקערײַ אויך מיטגעאַרבעט.

ווי יעדער אמתער ענגלענדער, האָט טעקערײַ ניט געקענט שטענדיק בלײַבן זיצן אין דער היים. געענדיקט די אוניווערזיטעט איז ער אַוועקגעפאָרן, אויפן קאָנטינענט. ער האָט באַזוכט ווײַמאַר, וואו ער האָט זיך באַקאַנט מיט געטען, און וואו עס זײַנען פאַרבליבן אַלבאָמען מיט טעקערייס קאַריקאַטורישע געמעלן. דאַן איז ער אַוועקגעפאָרן קיין רוים צו שטודירן מאַלערײַ, און פון דאָרט—קיין פאַריז, וואו ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט מאַלערײַ,— קאָפּירט די בילדער פון לוווּר. טעקערײַ האָט געפילט אַ גרויסע נטיה צום מאָלן, און אייניקע זײַנע אַרבעטן צייכענען זיך אויס מיט טאַלאַנט. אייניקע זײַנע ביאָגראַפן מיינען אַפילו, אַז אויף דעמדאָזיקן געביט וואָלט ער גיכער געוואָרן באַרימט, איידער אויף דעם געביט פון ליטעראַטור. אין 1832 יאָר האָט אים אַ שיין געטאָן דער מזל. ער האָט דערגרייכט מינדיקייט און באַקומען דעם פאָטערס גרויס פאַרמעגן. זײַנען אָבער אַריבער עטלעכע יאָר, און פון גאָר דעם גרויסן פאַרמעגן איז קיין שפור ניט געבליבן. מען פאַרזיכערט, אַז טעקערײַ האָט געשפּילט אין קאָרטן, און אַז אַ טייל פון זײַן פאַרמעגן איז פאַרלאָרן געגאַנגען אין דעם אינדישן באַנק, אין וועלכן ער האָט זײַן געלט געהאַלטן. ס'איז אָבער געוויס, אַז די הויפּט־סיבה פון זײַן פאַראָרעמטקייט זײַנען געווען די פאַרלעגערישע אונטערנעמונגען. ער קויפט אָפּ די צייטונג «The National Standard», ער איז דערויף מקריב ניט בלויז זײַן געלט, נאָר אויך זײַנע קרעפטן. אָבער די אומדערפאַרנקייט אין פאַרלעגערײַ שטערט אים פעסט אַוועקצושטעלן די צייטונג, און דער עסק גייט פאַרלאָרן, נאָך דעם ווי ער האָט עקסיסטירט אַ קורצע צייט, אײַנגעשלונגען אַ מאַסע געלט און געבראַכט דעם שריפטשטעלער אין פאַרצווייפלונג. פונדעסטוועגן הייבט ער אָן אַ נײַע צייטונג, וועלכע האָט דעמזעלביקן מזל, און דער אומפּראַקטישער אונטערנעמער איז פולקום רואינירט. דידאָזיקע אומהצלחה האָט שלעכט געווירקט אויף אים. איר האָט טעקערײַ וואַרשײַנלעך צו דאַנקען פאַר זײַן פעסימיסטישע וועלטאָנשויאונג, פאַר זײַן אַנטטוישונג אין מענטשן. ער טראָגט פון זײַנע פאַרלעגערישע פרוּוון אַרויס דעם באַשלוס, אַז „מען מוז אָפּטאָן אַ רײַ נאַרישקייטן, כדי צו ווערן אַ קלוגער מענטש". צווישן די שלימזלות, באַמערקט מיט רעכט טראָלאָפּ, זײַנען די סאַמע אומגליקלעכע ניט יענע, וואָס האָבן קיין הצלחה ניט פון אָנהייב אָן; ביטערער איז די, וואָס דער מזל האָט זיי, ווי טעקערײַ, לכתחילה געשפּילט און נאָכדעם פאַרלאָזן.

דעם געדאַנק וועגן פאַרלעגעריי מוז ער אָוועקוואַרפן, און ער גיט זיך אָפּ דער ליטעראַרישער טעטיקייט. אָבער אויך דאָ איז ער נאָר אַ שפּילצייג אין די הענט פון גורל. די בעסטע ווערק זיינע, וואָס האָבן אים שפּעטער פאַרשאַפט אַ גרויסן רום, ווערן אין די זשורנאַלן ניט אָנגענומען, און אָפּגעדרוקטע, גייען זיי אַדורך אומבאַמערקט פון דעם עולם און באַגעגענען אַ קאַלטע אָדער אַ פייַנטלעכע אויפנאַם מצד דער קריטיק. איינע פון זיינע שענסטע ווערק—די געשיכטע פון שמואל טיטמאַרש און דער גרויסער האָגאַרט דיאַמאָנדאַ—איז אַמאָל אַדורך אומבאַמערקט, און היינט איז עס באַקאַנט יעדן ענגלענדער. טעקערײ האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון פּולקומער רואיקייט. ער האָט געלעבט אין שטענדיקער אומרואיקייט וועגן מאָרגנדיקן טאָג. אים האָבן כסדר געפּייניקט ספקות. אים האָט זיך אָפּט געדאַכט, אַז די ליטעראַרישע קאַריערע איז ניט פאַר אים. ער האָט געצווייפלט, צי דער עולם וועט אָנערקענען זיין טאַלאַנט, ער האָט געצווייפלט אין זיין פעאיקייט צו ציען אַ נוצן פון זיין טאַלאַנט, ער האָט ניט געגלויבט אין זיינע פיזישע קרעפטן, אין זיין מזל און אין זיין גליק.

אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אין דערדאָזיקער הינזיכט איז טעקערײ דער אמתער היפּוך פון דיקענסן, וועלכער איז געווען מיט אַ יאָר יינגער פון אים. צום סוף פון די דרייסיקער יאָרן, ווען טעקערײ האָט נאָך געהערט צו דער ליטעראַרישער באָהעמע, אין דעם זין, וואָס ער איז קיינמאָל ניט געווען זיכער, אַז ער וועט געפינען אַ פאַסיקן מאַרק, וואו אויסצובּרענגען זיין סחורה,— דעמאָלט איז שוין דיקענס געשטאַנען אויף דעם העכסטן שטאַפּל פון זיין רום. זיין פּיקוויקער קלוב איז זיך שוין פונאַנדערגעגאַנגען איבער גאַנץ ענגלאַנד, עס זיינען שוין געווען אָפּגעדרוקט אָליווער טוויסט און ניקאָלאַי ניקלבי. דאָס גאַנצע לייענענדיקע ענגלאַנד האָט גערעדט וועגן דעם יונגן שריפטשטעלער. און אין דערזעלביקער צייט האָט טעקערײ געשריבן אַנאָנימע אַרטיקלען אין פאַרשיידענע זשורנאַלן צוליב דעם שטיקל ברויט. דיקענס איז געווען זיכער אין זיך, זיינע צילן זיינען אים שטענדיק קלאָר געווען, ער האָט זיך זעלטן געוואַקלט. די פייַנטלעכע קריטיק האָט אים ניט געקענט רירן פון זיין שטעל, אונטערברעכן זיין ענערגיע און ברענגען אין פאַרצווייפלונג. טעקערײ, פאַרקערט, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אומפעסטקייט און מיט אומזיכערקייט אין זיינע מעגלעכקייטן. ער האָט זיך געוואָרפן פון איין וועג צום צווייטן, אַמאָל פלעגט ער זיך איבערגעבן דער פאַרלעגעריי, אַמאָל דער מאָלעריי, אַמאָל דער ליטעראַטור. זיינע ווערק זיינען פול מיט פאַטאָס און מיט

טעקערײ

הומאָר, ליבע און רחמים, אין זיי ווערט שטענדיק דורכגעפירט די אידעע פון אמת און יושר, אין זיי איז פאַרהאַן אַ פולע מוטיקע איידלקייט און ווייבלעכע באַשיידנהייט. פונדעסטוועגן פעלט אָפּט עפּעס אין זיי. אויף זיי ליגט דער שטעמפּל פון אומבאַשטימטקייט, וועלכע באַווייזט, אַז דער אויטאָר האָט ניט זיכער געפירט די פעדער, ווען ער האָט זיי געשריבן. עס דאַכט זיך, ווי ער וואָלט אַמאָל געטראַכט אויפהייבן זיך אין דער הייך, און ער דערציילט מיט אַ צעבראָכענעם האַרצן, אַז זיין שוואונג צו ווייטע לענדער איז אים געווען איבער די כוחות.

דער מזל האָט אים ניט געשפּילט בנוגע דעם משפּחה-לעבן. אין 1837 יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט איזאַבעלע דער טאָכטער פון דעם פּאָלקאָווניק שאָ. דאָס איז געווען אַן אומגליקלעכע חתונה. די ווייב איז אַראָפּ פון זינען. טעקערעי האָט לאַנג געקעמפט קעגן דעם נייעם קלאַפּ, וואָס ער האָט באַקומען. ער האָט ניט געוואָלט גלויבן, אַז די געליבטע פרוי האָט באמת פאַרלאָרן דעם זינען, און אָנגעשטרענגט אַלע קרעפטן אומצוקערן זיך דאָס גליק. אָבער די אָנשטרענגונגען האָבן צו גאָרניט געבראַכט. פון די דריי טעכטער, וואָס ער האָט געהאַט מיט דער ווייב, איז איינע פרי געשטאָרבן, איינע, פרוי ריטשי, איז באַוואוסט געוואָרן אַלס ראָמאַניסטין.

אַפילו דאָס פּאָפּולערסטע פון טעקערייס ווערק Vanity Fair האָט אים ניט געגעבן אַזעלכע באַפרידיקונג און גליק, וועלכע ער האָט געקאָנט וואַרטן. דער פּרווו אין אַ זשורנאַל אָפּצודרוקן דעם ראָמאַן, וואָס האָט אים געמאַכט אַ נאָמען, איז אים ניט געלונגען. טעקערעי האָט זיך געמוזט ווענדן צו פאַרלע-גער, און דאָס ווערק איז אַרויס העפטנווייז. די לעצטע העפט איז אַרויס אין 1848 יאָר, אָבער איידער דער סוף איז נאָך ערשינען, האָט שוין דער ראָמאַן אויף זיך געווענדט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, און די העפטן פלעגט מען צעכאַפּן. דער איינפלוסרייכער ליטעראַרישער אָרגאַן „די עדינבורגער איבער-זיכט" האָט דאָס נייע ווערק באַגריסט מיט אַן אַרטיקל פול מיט רום. די טירן פון די שענסטע הייזער האָבן זיך געעפנט פאַר טעקערייען, עס הייבט זיך אָן די פאַרגעטערונג פון דעם באַליבטן שריפטשטעלער, וואָס הזרט זיך אַזוי אָפּט איבער אין ענגלאַנד. פון דאַן אָן וואַקסט דעם ראָמאַניסטס נאָמען שנעל ניט אין ענגלאַנד בלויז, נאָר אויך אין אויסלאַנד. בשעת טעקערעי פאָרט קיין אַמעריקע, מאַכט מען אים דאָרט אַנטציקטע קבלת-פּנימס. ווען דער ראָמאַן Vanity Fair איז ערשינען, איז דעם אויטאָר געווען סך-הכל זיבן און דרייסיק יאָר. עס האָט געשיינט, אַז פאַר אים האָט זיך אָפּגעעפנט דער וועג צו גליק

און רום. אָבער די פריערדיקע אומגליקן האָבן אים שטאַרק צעטרייסלט. טעקעריי איז שוין ניט פעאיק געווען פאַרגעסן און בארואיקן זיך. דער אומרואיקער צושטאַנד פון דער נשמה האָט אים שוין ניט אָפּגעלאָזן. די זאָרגן וועגן דער משפחה, די מורא פאַר דער מאַטעריעלער לאַגע, די אומזיכערקייט אין זיך און אין דער פעסטקייט פון די געזעלשאַפטלעכע סימפּאַטיעס — דאָס אַלץ האָט זיך צו טיף אַריינגעוואָרצלט אין טעקערייס נשמה, אַז ער זאָל זיך קענען רואיק איבערגעבן דער ליטעראַרישער אַרבעט. אויך נאָך דעם גלענצנדן ערפאָלג פון Vanity Fair האָט ער ניט געגלויבט, אַז זיין גורל איז אַ געזיכערטער. ער איז זיך משתדל וועגן אַן אָרט אין פאָסט־דעפּאַרטאַמענט. איינער פון זיינע אַיינפלוסרייכע באַקאַנטע זאָגט אים צו איינצואָרדענען. אָבער ווידער האָט ער קיין מזל ניט: ער באַקומט די שטעלע ניט.

דער לעצטער צענדליק יאָר פון זיין לעבן איז געווען אַ שורה דורכאויס פון הצלחה. אין 1851 יאָר לייענט ער אין לאָנדאָן זיינע באַרימטע לעקציעס וועגן די ענגלישע סאַטיריקער און הומאָריסטן. דידאָזיקע לעקציעס זאַמלען צענויף אַ מאַסע צוהערער, און האָבן אַ געוואַלדיקן ערפאָלג. אויף איבעראַיאָר טראָגט ער אַריבער זיינע לעזונגען קיין אַמעריקע, וואו מען באַגעגנט אים מיט ניט ווייניקער אַנטציקונג, איידער דיקענסן. דער זשורנאַל, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דריי יאָר פאַרן טויט, טראָגט אים אַריין גרויסע סומעס געלט. דער ערשטער נומער פון דעם זשורנאַל איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מער, איידער אין 100,000 עקזעמפּלאַרן. אָבער דער שפּעטיקער ערפאָלג האָט ניט געקאָנט קאָמפּענסירן די אומהצלחה פון דעם עבר. זיינע גראָע האָר און דער עלטערער אויסזען האָבן באַוויזן, סאַר אַ פולע דערדאָזיקער מענטש האָט איבערגעלעבט. ער איז געשטאָרבן אין 1863, צוויי און פופציק יאָר אַלט.

Vanity Fair איז דער פּאָפּולערסטער פון טעקערייס ראָמאַנען. אַמעליע סעדלי און בעקי שאַרפּ זיינען געווען חברטעס פון פּאַנסיאָן. איינע איז געווען אַ רייכע, די צווייטע אַן אָרימע. שוין אין פּאַנסיאָן האָט איינע באַקומען געלאַשטשעט, די אַנדערע — געזידלט און פאַראַכט. די געשיכטע פון די צוויי מיידלעך—דאָס איז די הויפּט־טעמע פון דעם ראָמאַן. אַמעליע איז טוגענדלעך, בעקי — אַ כלי פול מיט אַלערליי זינד. געקומען פון פּאַנסיאָן אין געסט צו אַמעליען, געווינט זי דעם צוטרוי פון אַלע שטוביקע, הייבט אָן קענען אַמעליעס ברודער דזשאָזעף אַן אָנגרייף, וואָס רופט אַרויס עקל־געפיל. אָבער איר געלינגט ניט חתונה צו האָבן מיט דזשאָזעפן, און מיר זעען זי נאָכדעם אין דער הויז פון דעם באַראָנעט פיט קראָולי אַלס גוווערנאַנטין. באַלד דערפילט

זי זיך דאָ אויך, ווי ביי זיך אין דער היים, ווייל זי פֿאַרנעמט אַן אָרט אין צענטער פֿון די משפּחה־אינטריגעס. פּיט קראָולי האָט אַ שוועסטער, וועלכע באַזיצט אַ קאָלאָסאַלן פֿאַרמעגן, און אַ ברודער — דער פּאַסטאָר ביוט. מיס קראָוליס פֿאַרמעגן רופֿט אַרויס חשק בייביידע משפּחות. סיי סער פּיט, סיי מיסטריס ביוט קראָולי, דעם פּאַסטאָרס ווייב, טרוימען ביידע וועגן דער רייכער ירושה. אָבער מיס קראָולי האָט אַ פּנים ליבער מער פֿאַר אַלע קרובים דעם באַראָנעטס ייִנגערן זון, סער ראַודאָן, אַן אָפֿיציר, וואָס זיינע חובֿות האָט זי שוין ניט איינמאָל באַצאָלט, ווען דער יונגערמאַן האָט זיך נאָך געלערנט אין שול, און ווען ער האָט געהוליעט אויף דער דינסט אין פּאָלק. פֿאַר אַ קורצער צייט געווינט בעקי אַלעמענס סימפּאַטיע. ביי אַלעמען, אָנגעהויבן פֿון דער רייכער מיס קראָולי ביז דעם פּאַסטאָרס ווייב, האָט בעקי שאַרף גע־קראָגן צוטרוי. נאָך דעם טויט פֿון זיין ווייב, לייגט איר דער באַראָנעט פֿאָר זיין האַנט, נאָר זי האָט שטילערהייט חתונה געהאַט מיט זיין זון ראַודאָן. זי האָט אָבער אַ טעות געהאַט אין אירע חשבונות: נאָך דעמדאָזיקן ניט גלייכן שידוך האָט די רייכע מומע אָנגעהויבן שלעכט צו באַציִען זיך צו איר פּלי־מעניק, און צוזאַמען דערמיט איז פֿאַרלאָרן געוואָרן די האָפֿענונג אויף דער ירושה. ווייטער זעען מיר בעקי צוזאַמען מיטן מאַן אין בעלגיע, וואוהין ראַודאָן איז מיט זיין פּאָלק אַוועק קעגן נאַפּאָלעאָנען. זי באַצויבערט אַלעמען, אַגבֿ אויך דעם אַלטן גענעראַל, זי נעמט ביי אַלעמען מתּנות, רעכנט קאַלטבלוטיק אויס, וואָס וועט איר בלייבן אין פֿאַל, ווען עס וועט שטאַרבן איר מאַן, וואָס האָט זי שטאַרק ליב. אויף דעם פֿאַל פֿון אַזאַ „אומגליק" סטאַרעט זי זיך פֿאַרזיכערן די סימפּאַטיע פֿון דזשאָזעף סעדלי, וועלכער איז אויך אין בריסעל. בעקי אין פּאַריז. דאָ גלאַנצט זי אין דער העכערער גע־זעלשאַפֿט. פֿון דאַנען פֿאַלט זי ווידער אַריין קיין לאָנדאָן, און דאָ הייבט זי אָן שפּילן אַ ראָמאַן מיט דעם אַלטן מאַרקיז סטיין. דער אויפֿגערייצטער ראַודאָן וואַרפֿט זי אַוועק, און דער סוף פֿון איר לעבן איז זייער אַ טרויעריקער: זי פֿאַלט אַלץ נידעריקער און נידעריקער.

אַן אַנדער מזל האָט געהאַט אַמעליע. איר פֿאָטער ווערט פּלוצלונג רואינירט מחמת דער ירידה פֿון ווערט־פּאַפּירן. דאָס אומגליק האָט באַזונדער שווער געטראָפֿן אַמעליען, ווייל זי איז פֿאַרקנסט מיט דעם יונגן פֿאַרשוין, דעם אָפֿיציר דזשאָרדזש אָסבאָרן. די יונגעלייט האָבן ליב איינע די אַנדערע, אָבער דער פֿאָטער דזשאָרדזשס, אַ רייכער באַנקיר, וויל אַפֿילו ניט הערן וועגן דעם שידוך נאָכדעם, ווי סעדלי איז אָרים געוואָרן. די יונגעלייט האָבן

חתונה קעגן דעם ווילן פון אָסבאָרנס פאָטער, און זיי קומען קיין בריסעל, וואו אַמעליעס מאַן באַטייליקט זיך אויך אין דעם מאַרש קעגן נאַפּאָלעאָנען. אָסבאָרן קומט אום אין שלאַכט, און אַמעליע היט הייליק זיין זכרון, און נעמט ניט אָן דעם פאָרשלאָג פון וויליאַם דאָבין, וואָס איז אין איר שטאַרק פאַרליבט. נאָר בעקי באַווייזט אַמעליען אַ ליבע־בריוול, וואָס דער פאַרשטאָרבענער אָסבאָרן האָט צו איר געשריבן, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט אין בריסעל, איידער מען איז אַרויס אויף דער מלחמה. אַמעליע האַלט זיך נאָכדעם פאַר אַ פרייע און האָט חתונה מיט דאָבינען.

Vanity Fair איז ניט בלויז דאָס פּאָפּולערסטע, נאָר אויך דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פון טעקערייס ווערק. אין דעם ראָמאַן האָבן זיך פאַראייניקט די הויפּט־אייגנשאַפטן פון זיין שאַפן און די גרונדשטריכן פון זיין וועלטאַנשויאונג. ערגעץ האָט זיך טעקערייס נעגאַטיווער בליק אויף דער מענטשלעכער נאַטור ניט אַרויסגעוויזן אַזוי בולט, ווי אין דער שילדערונג פון בעקי שאַרפּ. ווען דידאַקטיזיקע אוואַנטוריסטין וואָלט געהאַט אַ בלוטיקן שונא, וואָס וואָלט נאָכגעשפּירט יעדן בליק אירן, וואָלט דערדאָזיקער בייזער מענטש ניט געקאָנט בייסן זיין קרבן מיט גרעסערן צאָרן, איידער דער אויטאָר פון ראָמאַן. יעדעס וואָרט אירס באַגלייט ער מיט בייזע פּרושים, מיט אַ געהיימען תענוג כאַפּט ער אויף יעדן פאַלשן טאָן אין איר שטים, פירט אַרויס, ווי בוימל אויפן וואַסער, יעדן ליגן אירן. פאַר אונז שטייט ניט קיין דערציילער, נאָר אַ פּראָקוראָר. זיין ערציילונג איז ניט קיין קינסטלערישע שילדערונג, נאָר אַ באַשולדיקונגס־אַקט. מיט וואָס פאַר אַ דינער בייזקייט ער דעקט אויף יעדן טריט פון איר אַטאַקע אויף דזשאָזעפן! בעקי מאַכט זיך, אַז זי איז כלומרשט די פאַרקעפּערטע אומשולדיקייט. זי קומט אַריין אין סעדליס הויז, באַוואָפנט מיט אַלע בייטיקע ידיעות, אָבער אין דעם שמועס מיט אַמעליען מאַכט זי דעם אָנשטעל, כלומרשט זי ווייס ניט, אַז דזשאָזעף איז נאָך אַ בחור. מיט אויסערלעכער גוטמוטיקייט, אין וועלכער עס איז באַהאַלטן אַזויפיל בייזער סאַרקאַזם, קאָמענטירט טעקעריי דעמדאָזיקן פאַקט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „ס'איז זייער מעגלעך געווען, אַז אַמעליע האָט נאָך וועגן דעם גערעדט אין פּאַנסיאָן, אָבער רעבעקע האָט צוליב איר צעשטרייטקייט גאָר פאַרגעסן" און אַז. וו. אַדער: אַ מחנה פלענער און כוונות איז אַנטשטאַנען ביי דער אומשולדיקער מיידל אין קאָפּ, און דאָס אַלץ איז געקומען צו איין סך־הכל, וואָס אויף אַ פשוטן, קלאָרן לשון קאָן מען אים פאָרמולירן אויף אַזאַ אופן: „אויב מיסטער דזשאָזעף איז אַן אומבאַווייבטער, און ער איז רייך, ווי

אַ אינדישער נאַבאָב, טאָ פאַרוואָס־זשע זאָל איך ניט ווערן זיין פרוי?" דער־זען דזשאָזעפן דאָס ערשטע מאָל, האָט רעבעקע אַ שעפּטשע געטאָן אַמעליען: "סאַר אַ שיינינקער". און טעקערײ האָט צו אירע ווערטער תּיכּף צוגעגעבן בייזע ערקלערונגען: "איר ערשטער מאַנעווער האָט אַנטפּלעקט אַ מייסטער־האַפטן קענען נעמען זיך פאַרן עסק. ווען זי האָט געזאָגט אויף מיסטער סעדלי, אַז ער איז אַ שיינינקער מאַנסביל, האָט זי געוואוסט, אַז אַמעליע וועט עס איבערדערציילן דער מוטער, וועלכע וועט פון איר זייט וועגן דעם געבן אַ רמז מיסטער דזשאָזעפן, און וועט יעדנפאַלס זיין צופרידן, וואָס איר זון האָט באַקומען אַזאַ קאָמפּלימענט. זאָגט עפּעס אַ האָטענטאָטין, אַז איר זון איז שיין, ווי אַ מלאך, וועט זי אייך גלויבן, און וועט צעגיין, ווי אַ חלבֿ־ליכטל, פון גרויס נחת. די מוטערלעכע אייגנליבע האָט ניט קיין גרעניץ, און רעבעקאַ האָט עס אינסטינקטיוו פאַרשטאַנען". דזשאָזעף האָט בעקין דערלאַנגט אַ בוקעט. זי נעמט אים צו מיט אַן אויסרוף: "אָ, הימלשע, געטלעכע בלומען!" און אַ בייזער שמייכל באַווייזט זיך אויף דעם אויטאָרס געזיכט, אַן אומדערבאַרעמ־דיקער חשד איז שוין אַנטשטאַנען אין זיין רעיון: "ס'קען זיין, מיס רעבעקאַ האָט פריער אַ בליק געטאָן אין בוקעט אַריין און האָט צווישן די געטלעכע בלומען געזוכט אַ ליבע־בריוועלע. אָבער מיר וואַגן עס ניט צו באַהויפּטן אויף געוויס".

דער סאַרקאַזם דערגרייכט די העכסטע קראַפט, ווען דער אויטאָר נעמט פאַרטיידיקן די פּערזאָן, וואָס אירע מיאוסע אייגנשאַפטן וויל ער אַנט־פּלעקן, ווען פון אַ קטיגור ווערט ער אַ סניגור. אַזאַ מאַנעווער ערלויבט צו אַנטוויקלען די גאַנצע אַרגומענטאַציע פון די זינדיקע מענטשן. ס'האָט אַפּנים, ווי ער גייט אַריין אין דער ראָלע פון דעם פאַרברעכער, אידענטירט זיך מיט אים, אַנטוויקלט זיין וועלטאָנשויאונג, בכּיוון ניט באַמערקנדיק, אַז יעדער נייער טעם צו דן זיין לכּף זכות ווערט אַ שרעקלעכער נייער טעם לכּף חובֿה. דעם דערציילערס אויסערלעכע גוטמוטיקייט באַהאַלט די דינע יעזואיטישע שלעכטס. אַזוי האָט יאַגאָ, גוטמוטיק פאַרטיידיקנדיק דעזדעמאָנען פאַר אָטעלאָ, געזייט אין דער נשמה פון דעם אומגליקלעכן מורין שרעקלעכע חשדים. עס גיט ניט קיין מער איבערצייגנדיקע באַשולדיקונג, איידער די פאַרטיידיקונג מיט אַ הינטערשטעליקער אַרגומענטאַציע. און אַזאַ מין פאַרטיידיקונג — דאָס איז טעקערייס געליבסטער מעטאָד. אַרויסטרעטנדיק אַלס אַדוואָקאַט, סטאַרענ־דיק זיך אָפּצוקלייבן אַלץ, וואָס רעדט לטובֿת דעם באַשולדיקטן, און געבנדיק יעדע רגע צו פאַרשטיין, אַז דידאָזיקע באַמיאונגען זיינען אומזיסטע, — ניצט

טעקעריי אויס די סאַמע אכזורישע מיטלען. דער שונא סטאַרעט זיך צו דערווייזן די שולד און אַפילו אין פאַל, ווען דאָס געלינגט אים, האָבן זײַנע באַווייזן ניט קיין אַבסאָלוטע קראַפט, וואָרעם ער איז דער באַשולדיקער; מיר פילן, אַז ער האָט צונויפגעזאַמלט אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך געווען, קעגן דעם באַשולדיקטן. אָבער ווען דער גוטער פרײַנד האָט קיין קראַפט ניט צו פאַרטיידיקן דעם באַשולדיקטן, מאַכט עס אַ גרײַלעכן אײַנדרוק, באַזונדערס, ווען דערדאָזיקער גוטער פרײַנד קלײַבט קונציק צונויף די פונקטן פון פאַרטיידיקונג און גראָבט אַליין אומבאַמערקטערהייט אונטער זײַער באַדײַטונג. און פונקט אַזאַ ראָלע שפּילט טעקעריי. אַן אַנדערש מאָל אימיטירט ער אַזוי דעם מיטגעפיל צו בעקין, אַז עס דאַכט זיך, כּלומרשט ער וויל זי נעבעך אויפריכטיק פאַרענטפערן. דערפאַר אָבער, ווען דעם אויטאָרס געהיימער פּלאַן אַנטפּלעקט זיך, באַקומט זיך אַן אײַנדרוק, וועלכן מען קען ניט גובר זײַן.

„אויב מיס רעבעקאַ שאַרפּ האָט בײַ זיך אין האַרצן באַשלאָסן אָפּצוהאַלטן אַ נצחון איבער דעם ערשטן לאַנגאָטש, וועגן וועלכן זי ווייס נאָך לעת־עתה מער ניט ווי דאָס, אַז ער איז אַ מאַנסביל און אַ רײַכער, ווי אַ אינדישער נאַבאָב, מײַן איך לחלוטין ניט, מײַנע גנעדיקע דאַמען, אַז איר, אָדער איך, האָבן מיר דאָס אמתע רעכט צו באַשולדיקן דאָס יונגע מיידל. אַלעמען און יעדערן איז זײַער גוט באַוואוסט, אַז פאַנגען חתנים, לויט דעם אײַנגעפירטן מנהג, איז דער זכות פון מאַמינקעס און מומינקעס, וואָס אָפּטמאָל לעבן זיי נאָר צוליב דעם אויף דער וועלט. אָבער דערמאָנט זיך, אַז די פרײַלין שאַרפּ, אַ שטאַמלאָזע און אַ היימלאָזע, איז אין דער הינזיכט אַ שפּילצייג אין די הענט פון גורל, און דעריבער האָט זי אַליין געמוזט ברעכן זיך דעם קאָפּ וועגן אַ חתן... איר זײַט ברוגז, גנעדיקע דאַמען, איר זײַט אומצופרידן. אָבער זאָגט מיר אין נאָמען פון אַללאַ, צו וואָס זוכן יונגע לײַט מיט אַזאַ אומדערמידלעכן פלײַס באַקאַנטשאַפט און גייען צווישן מענטשן, אויב זיי האָבן ניט קיין כוונות וועגן חתונה האָבן? צו וואָס פאָרן רעגולער אַלע זומער גרופּעס מומינקעס, מאַמינקעס, קוזינעס, באַגלייט פון גאַנצע פאָלקן טעכטער און פּלימעניצעס, אין די בעדער אין אַלע עקן פון אונטער דער לבנה־וועלט? פאַרוואָס טאַנצן זיי אַכט חדשים כסדר, פאַלנדיק פון די פיס, יעדע נאַכט ביז פינף אַ זייגער אין דער פרי?

„פאַר וואָס־זשע זאָלן מיר באַשולדיקן רעבעקאַ שאַרפּ? אַמעליע איז נאָך געווען אין פּאַנסיאָן. אָבער די זאָרגעוודיקע מאַמעלע האָט שוין פאַר איר צוגעגרייט לפּחות אַ טוץ לאָטעריי־צעטלעך אויף שידוכים. זי, פאַרשטייט

איר מיך, האָט געדאַרפט איינאָרדענען איר טאָכטער, בשעת אין דער גאַנצער וועלט האָט קיינער ניט געקאָנט טראַכטן וועגן איינאָרדענען רעבעקען, פאַר וועלכער אַ חתן איז, באמת, פיל נייטיקער, איידער פאַר מיס סעדלי. ערשטנס, האָט זי ניט קיין באַשיצער, און צווייטנס האָט מיס רעבעקאַ אַן עמפינדלעך האַרץ און גאָר אַ פלאַמענדיקן דמיון. זי האָט געלייענט די אַראַבישע נעכט און די סאַנטימענטאַלע ראָמאַנען אין דעם נייסטן געשמאַק. אָט אויף דעמדאָזיקן סמך האָט מיס רעבעקאַ שאַרפּ, אָנקליידנדיק זיך צו מיטאָג און אויספרעגנדיק אַמעליען וועגן פאַרשיידענע זאַכן בנוגע איר ברודערל, אויסגעבויט אין איר פאַנטאַזיע אויף דער אייגענער ריזיקע אַ פרעכטיקן לופטשלאָס מיט מירמלשטיינערנע ווענט און מיט אַן אונטערטעניגסטן מאַן אין הינטערגרונט. זי האָט נאָך ניט געזען דעם אינטערעסאַנטן ברודערל, און דעריבער האָט זיך זיין פיגור זייער ניט קלאָר געצייכנט אין דעמדאָזיקן בילד. דער גייסטיקער בליק אירער האָט שוין געבלאָנדזשעט אין אומבאַוואוסטע לענדער, מעבר לים. אויף אירע אַקסלען זייבען שוין געווען קאָסטבאַרע קאַשעמירענע געוואַנטן, אויפן קאָפּ אַ רייכער טורבאַן, און אָט אַ פאַרפוצטע, ווי אַ פּאַווע, פאָרט זי אויף אַ העלפאַנד אונטער די קלאַנגען פון טרומייטן און צימבלען אין הויף פון גרויסן מאָגאָל אַליין. צויבערלעכע געזאַנגען! נאָר די יוגנט אַליין האָט די פּריווילעגיע צו טראָגן אייך אין איר נשמה. און וויפל פרעכטיקע באַשעפענישן אויסער רעבעקאַ שאַרפּ שלעפערן זיך איין מיט אַזעלכע רעגנבויגנדיקע טרוימען".

דעמדאָזיקן טאָן פון בייזפריידיקן נצחון נעמט טעקערײ פון ס'ניי יעדעס מאָל, ווי נאָר ער הייבט אָן ריידן וועגן בעקי. מיט אומאויסדריקלעכן פאַרגעניגן, מיט בייזער פרייד זאָגט דער אויטאָר אָן יעדעס מאָל, ווען עס פּלאַצט רעבעקע שאַרפּס עפּעס אַ פּלאַן. בשעת דער פריילעכער רייזע צום וואָקזאַל, ווען דזשאָזעף, שיכורלעך פונם פּאָנש, ווייזט אַרויס זיינע געפילן צו בעקין אָפן פאַר אַלעמען אין די אויגן, האָט שוין טעקערײ פאָראויס הנאה פון דער אַנטטוישונג, וואָס ערוואַרט זי. ער באַשרייבט געגנוי בעקיס טרוימען. ביי איר איז ניטאָ קיין ספק, אַז מאָרגן וועט איר דזשאָזעף פאָרלייגן חתונה צו האָבן מיט אים. ער האָט הנאה פון אַמעליס פרייד און פון אירע טרוימען וועגן אַ קלייד צו בעקיס חתונה, און וועגן מתנות פאַר דער כלה. ער צעגיסט זיך מיט אַ מעפיסטאָפעלישן געלעכטער און שרייט אויס: „אָ, אומשולדיקע נפשות! ווי ווייניק פאַרשטייט איר דעם צויבער-עפעקט פון גלעזער פּאָנש מיט לימאָנאַד, קאָניאַק און מוסקאַט-ניס. וואָס באַטייט אַראַק-פּאָנש אין

מאָגן אין פאַרגלייך מיט דער שמאַכטונג, וואָס מען פילט נאָך אים אויף מאָרגן? איך באַהויפּט, ווי אַ מבין, וואָס פאַרשטייט פּולקום דעם תּוך פון דער זאַך, אַז עס גיט ניט אויף דער וועלט קיין פיינלעכערער קאָפּ־ווייטאָג, איידער יענער, וואָס קומט אוממיטלבאַר נאָך פּונש אויפן וואָקזאַל".

טעקערײ איז אומדערמידלעך אין שמייסן די זינדיקייט. מיט באַזונדער חשק שטעלט ער אַרויס צום שאַנדסלופּ די פאַרשטייער פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע. זייער פאַרשווענדערישקייט, גאווה, קאַסטן־שטאָלץ, וואָס ברענגט זיי דערצו, זיי זאָלן שעצן העכער פאַר אַלץ זייערע הערבן און טיט־לען און מיט פאַראַכטונג קוקן אויף אַנדערע מענטשן, דעם שטאָלץ, וועלכן טעקערײ האָט געשטעמפּלט מיטן נאָמען סנאָביזם — דאָס אַלץ ווערט פון אים שטרענג אויפגעדעקט. אין ענגלאַנד האָט די אַריסטאָקראַטיע כּלל ניט די ראָלע געשפּילט, וואָס די אַריסטאָקראַטיע אין פראַנקרייך. בשעת אין פראַנקרייך איז זי מיט איין קלאַפּ בטל געוואָרן, איז זי אין ענגלאַנד געבליבן בײַ איר עשירות און בײַ איר אײַנפלוס אין איין שורה מיט דער רײַכער בורזשואַזיע. קאָנסערוואַטיווע בטבע, אַכטן די ענגלענדער אַלץ, וואָס איז גע־הייליקט פון דער טראַדיציע. אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט בויגן זיך פאַר דער אַריסטאָקראַטיע. בײַ די העכערע קלאַסן דריקט זיך דער סנאָביזם אויס אין דער פאַראַכטלעכער באַציאונג צו די נידעריקערע. סנאָבן פון דער רײַכער בורזשואַזיע פילן אַ יראת הכּבוד פאַר די מיוחסים די אַדעליקע, סטאַ־רען זיך נאָכמאַכן זיי אין די מידות און די געשמאַקן. דאָס זײַנען אמתע „מעשטשאַניעס אינם אַדל", וואָס שטאָלצירן מיט זייער רײַכקייט קעגן דעם אָרעמאַן, און אין דער נשמה טיף בלײַבט בײַ זיי אַ אינסטינקטיווע קנעכטישע מורא פאַר אַלע, וואָס טראָגן דעם טיטל לאָרד. אַפילו אין די אָרעמע מאַסן איז אַרײַנגעדרונגען דער סנאָביזם. דאָרט האָט זיך אויך אויסגעפלאָכטן אַ נעסט דאָס בויגן זיך פאַר טיטלען און די קנעכטישע מורא פאַר רײַכע. טעקערײ איז אומדערמידלעך אין אויפווײַזן דעם סנאָביזם. ער האָט אַ גאַנץ בוך אָנגעזו שריבן וועגן סנאָבן. אין זײַנע אויגן איז סנאָביזם די העכסטע פאָרם פון דער מענטשלעכער נידעריקייט. דער סנאָביזם איז דער עקסטרעמסטער היפּוך פון דעם פּרינציפּ, וואָס איז געוואָרן דער לײַטנדיקער יסוד פון דער עפּאָכע, — פון דעם גלײַכהייטס־פּרינציפּ. דער קיום פון אַדל־קלאַס, פון זיין ספּעציעלער קולטור, דער קיום פון טיטלען און מדרגות מאַכט צו נישט אין דעם מענטשן די גוטע נאַטירלעכע געפילן און פאַרבײַט זיי אויף פאַלשע גע־פילן, אויף ניט ריכטיקע שטרעבונגען. אין Vanity Fair זײַנען אַרויסגעפירט

פאָרשטייער פון דער אַריסטאָקראַטיע. מיט אַ באַזונדער בולטקייט איז אויס־געמאָלט דער מאַרקיז סטיין, רעבעקעס געליבטער, אַן אויסגעלאַסענער, אַן איבערגעזעטיקטער אַריסטאָקראַט, וועלכער זוכט פּיקאַנטע איינדרוקן, אַ דעס־פּאָט און אַ עגאָאיסט ביי זיך אין דער היים. די באַשרייבונג פון דעם באַ־רימטן באַל, וואָס די הערצאָגין וועלינגטאָן האָט געגעבן אין בריסל קורץ פאַר דעם וואַטערלאָאָער שלאַכט, איז אַ באַווייז, וואָס פאַר אַ פאַראַכטונג טעקערײ האָט געפילט צו דער אַריסטאָקראַטיע און צו דער פאַלשקייט, וואָס האָט אַדורכגעדרונגען דאָס גאַנצע לעבן פון די העכערע קלאַסן. די דאַמען האָבן זיך מער אינטערעסירט מיט דעם גורל פון דעם באַל, איידער מיט דעם גורל פון דער פאָרשטייענדיקער היסטאָרישער שלאַכט. די אינטריגעס און די בעט־טערייען וועגן באַקומען אַ בילעט האָבן געטראָגן אַ שטורעמדיקן ענערגישן כאַ־ראַקטער, וועלכער איז אייגנשאַפטלעך נאָר פאַר די ענגלישע לעדיס, וואָס ווילן אין אַ געוויסן פאַל פאַר יעדן פּרייז אַדורכשמוגלען זיך אין דער געזעל־שאַפט פון די גרויסע לייט פון זייער באַרימטן פאָטערלאַנד. די, וואָס זיינען געבליבן אָן בילעטן, האָבן מקנא געווען די גליקלעכע, וואָס האָבן זיי באַקומען דורך דערנידערונגען און פּראָטעקציעס. אויף דעמדאָזיקן באַל האָט זיך אַרויסגעוויזן די גאַנצע פּוסטקייט, די גאַנצע אײטלקייט פון דער פּוסט־גאווה־דיקער געזעלשאַפט. דאָ האָבן אַלע געהויבן דעם קאָפּ לויט זייער ראַנג. „לעדי באַריקריס האָט מיט קיין קוק ניט באַערט די מיסטריס אָסבאָרן, אַזוי ווי זי וואָלט זי קיינמאָל אין לעבן ניט געזען”. בעקי, איצט רעבעקאַ קראָולײ, האָט געמאַכט אַ פּוראָר אויף דעמדאָזיקן באַל. איר גלענצנדער טואַלעט, וואָס האָט אַנטשפּראָכן אַלע פאָדערונגען פון דער לעצטער אײראָפּעאישער מאָדע, די גרויסוועלטיקע מאַנירן, די שיינע פראַנצויזישע שפּראַך, לסוף דער קלאַנג, וואָס עמיצער האָט אַרויסגעלאָזן, אַז דער קאַפּיטאַן ראַודאָן קראָולײ האָט זיין ווייב אַרויסגעגנבעט פון עפּעס אַ שלאָס, און אַז זי איז אַ קרובה מיט דער משפחה מאָנמאָראַנסי, — דאָס אַלץ האָט געמאַכט די ערפינדערישע אַוואַנטו־ריסטין פאַר דעם אָביעקט פון אַלגעמיינער אויפמערקזאַמקייט צווישן די פאַר־שוינען, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט, כדי „אַרויסצושטעלן זייערע פיזישע און מאָראַלישע מעלות אויף דעם פייערלעכן מאַרק פון די לעבנסזאָרגן”. זי באַגעגנט דאָ אַמעליען, פאַרדרייט דעם קאָפּ איר מאַן דזשאָרדזש אָסבאָרן. דערפילן די מאָס פון דער אַזוי אויך טרויעריקער אַמעליעס ליידן — איז פאַר בעקי געווען אַ קלייניקייט. זי האָט זיך צו איר געווענדט מיט יענע חברשע עצות, וואָס פאַלן אויף אַ פרוי, ווי שטעך פון אַ מעסער. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן,

אַז אויף אַמעליען זיצט דאָס קלייד „ווי אַ זאַק", אַז „די פּריזור קליידט איר ניט", אַז ס'איז לסוף אומפאַרשטענדלעך, „פאַר וואָס איז זי אַזוי שלעכט געשולט". ווייטער האָט זי איר חברטע געגומען פאַרזיכערן, אַז דער באַל איז צויבערלעך שיין, אַז דאָ האָט זיך פאַרזאַמלט דער גאַנצער לאָנדאָנער יחוס, און אַז אין דעם זאַל זיינען דאָ זייער ווייניק נישטיקע מענטשן, וואָס זיינען ניט באַוואוסט אין דער העכערער געזעלשאַפט. בעקי איז געווען טאַלאַנטפול, און די חכמה פון דעם גרויסוועלטיקן פּלוידערן האָט זי זיך שנעל אויסגעלערנט אַזוי בשלימות, אַז עס האָט זיך געדאַכט: „זי איז געבוירן און אויסגעוואַקסן אין דער גלענצנדער משפּחה פון עפּעס אַ לאָרד בומבומבום".

טעקערייי איז ניט נאָר קיין סאַטיריקער. ער איז אַ מאָראַליסט. זיין ראָמאַן איז פול מיט מוסר און מיט מאָראַלישע סענטענציעס. די סאַטירע גופא זיינע האָט דעם ציל פון אַ מוסר־השכל. פון יעדן זייטל פון ראָמאַן טראָגן מיר אַרויס אַ מאָראַלישע לעקציע, אָדער אַ כּלל, ווי צו פירן זיך. ער געהערט צו די טענדענציעזסטע שריפטשטעלער אין דער וועלט. גאַנצע סצענעס ברענגט ער נאָר אַלס אילוסטראַציע פון דעם אָדער יענעם געדאַנק. ער פּריידיקט און פּריידיקט דערביי פאַר אַ ספּעציעל ענגלישער אוידיטאָריע. דאָס זיינען ניט קיין פּראָוואַנצויזן גאַוהדיקע, מעורבים עם הבריות און דעליקאַטע, וועלכע מ'דאַרף שוינען, און וועלכע מ'דאַרף חנפענען. „אין ענגלאַנד, — זאָגט ער, — האָט דער טעמפּעראַמענט, אַ סך אַ גרעבערער, אַ געבוירענער פון אַ סך אַ שווערוואָגיקערער און שטאַרקערער שפּייז, אָפּגענומען ביי די איינדרוקן זייער שנעלע באַוועגלעכקייט, און דער געדאַנק, אַ ווייניקער לייכטער און שנעלער, האָט צוזאַמען מיט דער לעבעדיקייט פאַרלאָרן אויך די פריילעכקייט. ווען איר שפּאַסט מיט ענגלענדער, געדענקט, אַז איר רעדט מיט מענטשן אויפמערקזאַמע, קאָנצענטרירטע, וואָס האָבן אַ נטיה צו פעסטע און טיפע אויפפאַסונגען, מיט מענטשן, וואָס זיינען ניט פעאיק אויף ענדערבאַרע און פלוצלונגע גייסטיקע באַוועגונגען... דידאָזיקע מענטשן קענען זיך איינהאַלטן, און זייער געלעכטער איז אויך אַזאַ קאָנוואולסיווע באַוועגונג, וואָס מען קען זי ניט גובר זיין, ווי זייער חשובקייט. רירט ניט אָן לייכט, לייגט זיך אָן פעסט; ניט גליטשט זיך, נאָר רייסט זיך אַריין טיף; ניט שפּילט, נאָר שלאָגט; רעכנט אויס, אַז איר דאַרפט ווילד אויפרעגן ווילדע ליידנשאַפט, און אַז עס זיינען נייטיק שטאַרקע אויפטרייסלונגען, כּדי אַוועקצולאָזן אין גאַנג דידאָזיקע נערוון. אויסער דעם זיינען עס פּראַקטישע מוחות. זיי באַנוגענען זיך ניט מיט דריי־

סטע אימפּראָוויזאַציעס, ניט מיט ריזיקאַלישע אָנווייזונגען. זיי פאָדערן באַגרינדעטע באַווייזן און פולע ערקלערונגען".

טעקערייס שאַפונג — דאָס איז די אָפּלייקענונג גופא פון דעם פּרינציפּ „קונסט צוליב קונסט". ער באַהאַלט ניט פון דעם לעזער, אַז ער גיט צו אַ גרויסע באַדייטונג דעם דידאַקטישן עלעמענט אין ראָמאַן. ער בעט דעם „פריינדלעכן לעזער" ערלויבן אים ניט בלויז באַקאַנט צו מאַכן אים מיט די העלדן, נאָר „לויט עס וועלן זיך אַנטוויקלען די כאַראַקטאָרן, פון צייט צו צייט אַראָפּצוגיין פון דער סצענע און ריידן וועגן זיי; ליב האָבן יענע, וואָס וועלן זיך אַרויסווייזן פאַר גוטע און גוטמוטיקע, און פריינדלעך דריקן זיי די האַנט; אָפּנהאַרציק לאַכן צוזאַמען מיטן לעזער פון די נאַראָנים; די שלעכטע און די האַרטהערציקע — פאַרמשפּטן אין די שאַרפסטע אויסדרוקן". טעקערײ האָט כסדר מורא, מען זאָל ניט מיינען, אַז ער איז סאָלידאַר מיט די נעגאַטיווע העלדן. ער האָט מורא, אַז „דעם חוזק פון מיס שאַרפּ איבער די פרומע איבונגען" זאָל מען ניט אַוועקשטעלן אויף זיין חשבון, און דידאָזיקע מורא נויט אים כסדר צו זאָגן מוסר, שטאַרק אונטערצושטרייכן און איבערצוחזרן צו עטלעכע מאָל זיין מוסר. די גאַנצע געשיכטע פון בעקי שאַרפּ איז סוף־כל־סוף נאָר אַ אילוסטראַציע צום פאָלגנדיקן מוסר השכל: „פאַנגט ניט קיין חתנים, אינטריגירט ניט, זייט גוטע און נאַטירלעכע, יאָגט זיך ניט נאָך די שאָטנס פון דעם פאַרנאַרעריש ן גליק, זייט ניט קיין בעל־גאווהס". ווען טעקערײ שילדערט, ווי אַלע אין שטוב דרייען זיך אַרום דער רייכער מיס קראָולײ, ווי מיט איר אָנקומען הייבט אָן צו בליען „דער קיניגלעכער הויף", ווי אַלץ נעמט אויף אַ חודש אָן אַ יום־טובדיקן אויסזען, מען סטאַרעט זיך ניט צו קריגן, מען נעמט אַרויס די בעסטע קליידער פון דער שאַפע און די בעסטע פּראָדוקטן פון קעלער, ווי די גאַנצע משפּחה סטאַרעט זיך אַרומרינגלען די רייכע זקנה מיט אויפמערקזאַמקייט און צאַרטקייט,—דאַן טרעט דעם אויטאָרס דידאַקטישער ציל אַרויס אָפן. מיט זיין עקשנות און באַשטענדיקייט דערגרייכט טעקערײ לסוף דערצו, אַז מיר נעמען סוף־כל־סוף אַדורך מיטן געדאַנק די פּראַכט פון מעשים־טובים און די שענדלעכקייט פון מעשים־רעים. איבערקערנדיק דאָס לעצטע בלאַט, ציינן מיר זיך איבער אין דעם אמת, אַז דאָס שלעכטס וועט פריער אָדער שפּעטער באַשטראָפט ווערן, און דאָס גוטס—באַלוינט ווערן. מיר גלויבן דעם אויטאָר, אַז צווישן מאַנסביל געהערט דזאָרדזש צו אַזעלכע שוואַכע, און דאָבין צו אַזעלכע איידעלע העלדן, וועלכע מיר באַגעגענען זעלטן אין דער ליטעראַטור; אַז צווישן פרויען איז אַמעליע זעלטן וואָרהאַפטיק, און

בעקי אומגעוויינלעך מיאוס. אויסער דעם צייגן מיר זיך איבער, אַז די לעק־ציעס, וואָס מען האָט אונז כּמעט אויף יעדער זייט געגעבן, זיינען אויסגע־צייכנט.

טעקעריי איז פונדעסטוועגן ניט געווען קיין פּעסימיסט און קיין מיזאַנ־טראָפּ. ער האָט געקענט זען די ליכטיקע זייטן פון לעבן. ער האָט געקענט לאָזן זיך אַהינרייסן דורך יוגנט־שטרעבונגען, דורך ריינעם אַנטציקן פון דער ערשטער ליבע. ער איז דערגאַנגען ביז הויכן לירישן פּאַטאָס, שילדערנדיק איידעלע שטרעבונגען, גבורות פון זעלבסאָפּפערונג און ליבע. די דאָזיקע ליכ־טיקע שטימונג באַגעגנט זיך אָפטער אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק, צווישן וועלכע עס איז כאַראַקטעריסטישער דער ראָמאַן די ניוקאָמס. אין דערדאָ־זיקער לאַנגער משפּחה־כראָניק, וועלכע שילדערט דעם גורל פון עטלעכע דורות, הערשט אַ פרידלעכער טאָן. ער שרייבט דעם ראָמאַן דאַן, ווען דער מזל זיינער האָט זיך געהויבן, און דער אייז־פּאַנצער, וואָס האָט איינגעשמידט זיין אויסגעליטן האַרץ, האָט אָנגעהויבן צערונען ווערן.

אין די ניוקאָמס וויקלט זיך פאַר אונז פונאַנדער אַ בילד פון לעבן פון פאַרשיידענע, איבערהויפּט אַריסטאָקראַטישע און רייכע בורזשואַזע שיכטן פון דער ענגלישער געזעלשאַפט. דאָ פאַרבלייבט טעקעריי אויך פריער פאַר אַלץ אַ סאַטיריקער. אַ ריי טיפן פון דער בעל־גאַוההשער אַריסטאָקראַטיע גייט אַדורך פאַרביי אונזערע אויגן. דער גורל פאַרשליידערט די ברידער ניוקאָם איבער פאַרשיידענע וועגן. נאָך ניט קיין סך יאָרן זיינען אַריבער פון דער צייט, זינט די דאָזיקע מענטשן זיינען געוואַקסן אונטער איין דאַך, און שטאַנדן־ווענטלעך האָבן שוין באַוויזן אויסצוואַקסן צווישן זיי און צערייסן די קייטן פון קרובהשאַפט. איינער פון זיי איז אַ באַראָנעט מיט אַריסטאָקראַטישע פּרע־טענזיעס, וואָס דרייט זיך אַרום אין אַ געוויילטער געזעלשאַפט. דער אַנדערער אַ ספּעציאַליסט אין באַנק־אָפּעראַציעס, דער דריטער — אַן ערלעכער פּאָלקאָווניק וועלכער דינט אין אינדיע. דער באַראָנעט בריאַן קוקט פון אויבן אַראָפּ אויף זיינע ברידער, אין וועלכע עס פעלט דאָס וואָס הייסט Comme il fout, און דער געשעפטמאַכער האָבסאָן שמייכלט פון בריאַנס גרויסוועלטיקע פּרע־טענזיעס. אין דעם ווייטערדיקן דור ווערט דער תהום צווישן די ניוקאָמס נאָך טיפער. ווערנעס, דעם באַראָנעט ניוקאָמס זון, און קלייוו, דעם פּאָלקאָווניק ניוקאָמס זון, זיינען, צוויי קעגנזעצלעכע פּאָלן.

טעקעריי האָט אויסגענוצט דעמדאָזיקן סוזשעט, כּדי צו באַווייזן די שלעכטע ווירקונג פון דער אַריסטאָקראַטישער און דער קאַפּיטאַליסטישער

סביבה. מיטגלידער פון איין משפחה באַקומען, אָפּהענגיק דערפון, אויף וואָס פאַר אַ שטאַפּל פון געזעלשאַפטלעכן לייטער דער גורל האָט זיי אַוועקגעשטעלט, אַזעלכע פאַרשיידענע אייגנשאַפטן און געוווינהייטן, אַז אַפילו דאָס שאַרפסטע אויג וואָלט אין זיי ניט דערקענט קיין נאָענטע קרובים. עטעל, דעם באַראָנעט בריאַנס טאָכטער, איז די צענטראַלע פיגור, אַרום וועלכער עס קאָנצענטרירט זיך דער משפחה־קאַמף. עטעל איז אַ צוויבערלעכער ווזן, אַ ביסל קאַליע פון דער גרויסאַרטיקער סביבה, אַ ביסל אַ גאַוההדיקע און אַ קאָקעטישע מיידל, ביי וועלכער עס איז פונדעסטוועגן געבליבן די פעאיקייט צו ליבן ריין און אוממיטל־באַר לויט דעם באַגער פון האַרצן, אָן די עקלהאַפטע חשבונות, מיט וועלכע עס ווערט באַגלייט יעדער טריט אין איר געזעלשאַפט. קלייוו איז פאַר־ליבט אין עטעלן, און זי האָט אים אויך ליב, אָבער צווישן זיי שטייט ווי־אַ וואַנט עטעלס באָבע, די גאַוההדיקע און ערגייציקע גרעפין קיו, וועלכע טרוימט וועגן אַן אויסטערלישן שידוך פון איר יורשטע. דער לעדי קיוס רייכ־טימער זיינען מנצח די געפילן פון די יונגעלייט. זיי האָבן קיין חתונה ניט געהאַט, און ערשט שפּעטער, ווען זיי האָבן שוין ביידע פאַרלאָרן די אוממיטל־באַרע פרישקייט פון די געפילן, ווען דאָס לעבן האָט שוין צעבראָכן די יונגע־לייט, געלינגט זיי צו פאַראייניקן זיך. די ראַנגען און די געקינצלטע צוימען וואָס מענטשן האָבן באַשאַפן — פון איין זייט, און די נאַטירלעכע איידעלע שטרעבונגען — פון דער צווייטער — זיינען די קעמפנדיקע יסודות אין דעמדאָ־זיקן ראָמאַן. מיר האָבן פאַר זיך אַזוי ווי צוויי גרופּעס פיגורן. אין איינער שלעכטע מענטשן, וואָס האַלטן זיך גרויס מיט זייערע טיטלען, וועלכע האָבן דאָס עכטע איידלס פאַרביטן אויף אויסערלעכס, דעם אמתן גלאַנץ אויף אַ פאַלשן. אין דער צווייטער — דער פאָלקאָווניק ניוקאָם און זיין זון קלייוו מיט זיינע חברים־קינסטלער, וועלכע פּראָטעסטירן קעגן דער געקינצלטער לעבנסאָרדענונג אין נאָמען פון דער איינפאַכקייט און דער נאַטירלעכקייט.

די גרעפין קיו — דאָס איז די כאַראַקטעריסטישסטע פאָרשטייערין פון דער ערשטער גרופּע. דאָס איז אַן איינזאַמע שטאָלצע און קאַלטע פרוי, אַ דעספּאָטישע און אַן עקשנטע, וועלכע איז פאַרגליווערט געוואָרן אין אירע קאַסטן־פאָראורטיילן. איר מאַן און איר זון זיינען געשטאָרבן, און דידאָזיקע ביידע אָבֿדות האָט זי אַריבערגעטראָגן אָן טרערן. וויינען איז ניט געלעגן אין לעדי קיוס כאַראַקטער. די קינדער לעבן באַזונדער, מחמת קיינער איז ניט אימשטאַנד איר אונטערצוגעבן זיך. אירע געליבטסטע פלענער גיבן זיך איר עפּעס ניט איין. זי פאַרט אַריבער פון איין שטאָט אין דער צווייטער, פון

איין שלאָס אין דעם צווייטן, טראָגט זיך פון אַ באַל אויף אַ ראַאוט, פון אַ ראַאוט אויף אַ באַל, שטענדיק אַן אומצופרידענע, שטענדיק אַן אומרואיקע און שטענדיק און אומעטום אַן איינזאַמע. זי פאַרשטייט, אַז ביי איר אָנקומען וועלן זיך מענטשן פונאַנדערלויפן; אַז מען נעמט זי אויף גיכער אויס מורא איידער צוליב דעם פאַרגעניגן צו זען זי; ניט אַזוי מען ווינטשט זי, ווי מען דולדט זי; און עס קען זייער געמאָלט זיין, אַז איר איז אַפילו אָנגענעם די מורא, וואָס זי וואַרפט אַרום, און זי וויל בעסער, אויסברעכנדיקן אַ דורכגאַנג, אַריינרייסן זיך מיט געוואַלד, איידער אַריינגיין דורך דער גאַסטפריינדלעך געעפנטער טיר. וואו זי זאָל ניט זיין און וואו זי זאָל זיך ניט באַווייזן, שטרעבט זי אומעטום צו שפּילן די ערשטע ראָלע און קאָמאַנדירן: זי טרעט אונטער די פיס די מענטשן, וואָס חנפענען זי, זי איזדיעקעוועט זיך איבער דער געזעלשאַפט מיט דעם בייזפריידיקן באַוואוסטזיין, אַז די דאָזיקע געזעלשאַפט, וואָס האָט זי פאַרבאָרגענערהייט פיינד, ווייזט איר אַרויס פריינדלעכקייט, מיט דער בייזער פאַראַכטונג צו איר פחדנות און מיט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו געוועלטיקן אין איר און צו הערשן איבער איר. זיין אַ שטאָלצע, אַן אַלטע, אַן איינזאַמע און ניט האָבן קיין פריינד—דאָס איז איר גורל אויף דער וועלט.

אירע גייסטיקע אינטערעסן ענדיקן זיך מיט רכילות. זי האָט אַ קליין אינטימס קרייזל, אין וועלכן עס זיינען שטענדיק באַוואוסט אַלע „איידעלע אינטריגעס״ און אַלע גרויסוועלטיקע סקאַנדאַלן, אַלע געהיימע פּרטים פון לעבן סיי ביים לאָנדאָנער, סיי ביים פּאַריזער באָמאָנד. אין דעמדאָזיקן קרייזל ווייס מען גוט, ווער פון די הויכגעשטעלטע פּערזאָנען ביים ווינער אָדער נעאַפּאָליטאַנער הויף עס איז פאַרליבט און אין וועמען. דאָס גליק פון איר אייניקל פאַרשטייט זי אויף איר שטייגער. דאָס נאַטירלעכע גליק, וואָס איז געבויט אויף אויפריכטיקער ליבע, אידענטירט זיך אין די אויגן פון דער אַלטער גרעפין מיט פּוסטער פאַנטאַזיע, מיט קינדערישע קאַפּריזן. אירע דאגות וועגן דער אייניקל ענדיקן זיך מיט אויסזוכן פאַר איר אַ חתן, וועלכער זאָל קענען קאָנקורירן מיט דער פאַמיליע קיו אין עשירות און יחוס. זי, די אַלטע גרויסוועלטיקע רכילותניצע, קען גוט דאָס לעבן פון לאָרד פאַרינטאָש, וועלכן זי וויל געבן איר אייניקל פאַר אַ מאַן. דער וואוילגעבאָרענער לאָרד צייכנט זיך ניט אויס מיט פּוריטאַנישע אָנשויאונגען. אָבער לעדי קיו האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן קיין צאָרן און קיין אומצופרידנהייט בנוגע די לייכטזיניקע אויפפירונג אין די צווייפלהאַפטע ליבע־אינטריגעס פון דעמדאָזיקן מיוחס. דער הויכער טיטל און די טויזנטער פונטן יערלעכע הכנסה האָבן אין די אויגן פון דער

גרעפֿין פֿאַרדעקט אַלע חסרונות פֿון כאַראַקטער, אַלע מאָראַלישע פֿעלערן. זי איז אים מוחל זיינע שלעכטע מעשים, זיין עגאָאיזם, זיין אויסגעלאַסן לעבן און פֿאַרטראַכט זיך אַפֿילו ניט, ווען זי וויל אים אָנטרויען איר טייערער עטעלס גליק. לויט טעקערייס ווערטער דערמאָנט זי אַ רויב־פֿויגל: אויב זי האָט געשפּירט ליבשאַפֿט צו אירע פֿייגעלעך, איז זי אַרומגעפֿלויגן הין און הער מיט דער האָפֿענונג, ערגעץ וואו צו כאַפּן פֿאַר זיי אַ זאַפֿטיק שטיקל פֿלייש.

דאָס גאַנצע לעבן אירס איז געווען ליגן, יענער ליגן, וואָס איז פֿאַר איר דורך דער רגילות געוואָרן פֿאַרוואַנדלט אין אמת. זי האָט אַריינגעטראָגן פֿאַלשקייט אין דער אַרומיקער וועלט, אויף וויפֿל זי האָט נאָר געהאַט אַ ווירקונג אויף איר. זי האָט פֿאַר אַלעמען געלייגט, האָט פֿאַר זיך אַליין געלייגט, און אַלץ אַרום איר האָט געלייגט. און איר סוף איז געווען דערזועלביקער ליגן, מיט וועלכן גאָר איר לעבן איז געווען אַרומגעפֿלאָנטערט. די באַדייטונג פֿון דעמדאָזיקן סוף איז אויסגעצייכנט אויסגעדריקט אין דעם נעקראָלאָג, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין Times. מען האָט אין איר אָפּגעשאַצט די פֿאָרשטייערין פֿון פּרינציפּ, די טרעגערין פֿון דער טראַדיציע. אין דעם נעקראָלאָג איז קיין וואָרט ניט געווען דערמאָנט, וועגן וועלכער ס'איז פּאָזיטיווער טעטיקייט דער גרעפֿינס, וועגן דעם נוצן, וואָס זי האָט געבראַכט דער געזעלשאַפֿט. „דידאָזיקע טרויעריקע געשעעניש, — איז געשטאַנען אין נעקראָלאָג, — וועט פֿאַר פֿיל אַדעליקע פֿאַמיליעס זיין אַ סיבה פֿון טיפֿן צער, און די געזעלשאַפֿט וועט מוזן באַוויינען דעם טויט פֿון דער לעדי, וועלכע האָט זי העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט באַשיינט און וועלכע האָט, מעג מען זאָגן, ערוואָרבן אַ גרויסן רום איבער גאַנץ אייראָפּע מיט אירע מערקווירדיק ניכטערע און פּראַקטישע אָנשויאונגען אויפֿן לעבן, מיט איר וואונדערלעכן זכרון און גלענצנדן שכל."

לעדי קיו איז אַ שעדלעכער נפֿש. אָבער אין דערזעלבער צייט איז עס ניט קיין שעפֿערישע נאַטור, אַפֿילו ניט קיין אַקטיווע. זי איז לויט אינערציע די פֿעסטונג פֿון דעם שלעכטס, קעגן וועלכן טעקעריי טרעט אַזוי אומדערבאַרעמפּיק אַרויס, די פֿעסטונג פֿון דער מענטשלעכער ניט־גלייכקייט, די פֿאַרקערפּערונג פֿון קאַסטן־אָפּגעשלאָסנקייט. איר אייניקל בערנעס ניוקאָם, דעם באַראָנעט בריאַנס זון, איז אַ פּחדן און אַ גאַרנישט, אַן אָנגעבלאָזענער חוצפּאַדיקער פּוסטער מענטש. אָבער ער באַנוגנט זיך ניט, ווי לעדי קיו, דערמיט, וואָס ער לעבט פֿון די הכנסות, וואָס עס טראָגט אים אַריין דער קאַפּיטאַל, וועלכן ער האָט געירשנט פֿון די עלטערן. ער שטרעבט נאָך צו מאַכן אַ פּאָליטישע קאַריערע, און צו פֿאַרגרעסערן זיינע רייכטימער. אין אים איז פֿאַראייניקט די

גאווה פון דער אַריסטאָקראַטיע מיט דעם געשעפט־גייסט פון דער רייכער בורזשואַזיע. אין די יונגע יאָרן האָט ער פאַרפירט אַן אָרעמע מיידל. ער האָט זיך איבער איר איזדיעקעוועט, און נאָכדעם האָט ער זי אַרויסגעטריבן פון שטוב מיט דעם אויסרייד, אַז זי איז אים כּלומרשט ניט געטריי געווען. ער האָט איר קיין גראָשן געלט ניט געגעבן. זי איז געקומען צו דעם גאַניק פון זיין פּאַלאַץ און זיך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּ מיט אירע צוויי קליינע קינדער. אָבער ניט דער געשריי פון די קינדער, ניט די טרערן פון דער אָרעמער מוטער, ניט דער הונגער און די קעלט, וואָס זיי האָבן געליטן, און נאָר די מורא, אַז עס זאָל ניט באַוואוסט ווערן זיין חרפּה פאַרן געריכט, האָבן אים געצווּנגען צו באַשטימען דער אומגליקלעכער אַ חודשדיקע פּענסיע צום לעבן. אין זיינע באַציאונגען צו פרויען איז ער אַ מנוול, אין זיינע באַציאונגען צו מאַנסביל — אַ פּחדן. ווען דער פּאָלקאָווניק ניוקאָם באַליידיקט אים עפנטלעך, דרייט ער זיך אַרויס מיט פאַרשיידענע אויסריידן פון אַ דועל. און אַז קלייווויל פאַרבייטן דעם פאָטער, איז, אָנשטאָט צו דערפילן דעם חוב פון אַן אדעליקן און אָנצונעמען דעם אַרויסרוף, סטראַשעט ער, אַז ער וועט זיך ווענדן צו דער פּאָליציי נאָך הילף. אַלס פּאָליטישער טוער ווייזט ער אַרויס ניט ווייניק ענערגיע און ערפינדערישקייט. ער טרעט אַרויס אַלס קאַנדידאַט אין פּאַרלאַמענט, און אין זיינע אַגיטאַציע־רעדעס רופט ער אָן די שטאָט ניוקאָם „דאָס וויגבעטעלע פון זיינע עלטערן, די היים פון זיין שטאַם", הגם ער איז גאָר געבוירן ערגעץ אַנדערש. ער מאַכט רייכע מאָלצייטן סיי פאַר די שטאָט־איינוואוינער, סיי פאַר די דיענטרי, און קען זיך דורכקומען מיט די ביידע פיינדלעכע קלאַסן. סיי דער קאָנסערוואַטיווער אָרגאַן, סיי דער אָרגאַן פון דער אָפּאָזיציע נעמען אויף זיינע רעדעס מיט שבחים. ער גיט גרויסע נדבות אויף דעם דענקמאָל, וואָס די ניוקאָמער שטעלן, אויף דעם שפּיטאָל, אויף דעם לייענזאַל פאַר דאָס פאָלק און אַז. וו. מיט איין וואָרט, ער האָט געצאָלט גרויסע סומען פאַר דאָס רעכט צו זיצן אין פּאַרלאַמענט. ער איז ניט קיין פּאָליטיקער מיט אַ באַשטימטער ברייטער וועלט־אָנשויאונג. דאָס איז פּשוט אַ געשעפט־מענטש, וואָס האָט זיך געקאָנט צופּאַסן צו די אומשטענדן, וואָס גייט מער אָדער ווייניקער קונציק לויט דער ליניע פון דעם קלענערן ווידערשטאַנד. אין זיין משפּחה איז בערנעס אַן אומרחמנותדיקער דעספּאָט: ער שלאָגט די ווייב, איזדיעקעוועט זיך איבער איר און דערפירט זי דערצו, אַז זי אַנטלויפט פון אים.

בערנעס געהערט צו די סאַמע אָפּשטויסנדיקע טיפּן פון דער העכערער געזעלשאַפט, וואָס טעקערי האָט אַרויסגעפירט. אין אים זיינען פאַראייניקט

די ערגסטע שטריכן פון דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע און פון דער גרויסער בורזשואַזיע — פון די צוויי קלאַסן, וועלכע זיינען גלייך פאַרהאַסט פון דעם אויטאָר. דער לאָרד פאַרניטאַש איז אַ ריינבלוטיקער אַריסטאָקראַט, און די געשטאַלט פון דעמדאָזיקן זעלבסטצופרידענעם פאַט דערפילט דאָס בילד פון די מידות אין דער הויכער געזעלשאַפט. זיין עשירות און זיין יחוס האָבן אים פון קינדהייט אָן צוגעוווינט צו זען אַרום זיך חניפות און אומערלעכקייט. זינט ער געדענקט זיך, חנפעט מען אים תמיד. אין דער פריוואַטער שול האָט אים געלאַשצעט און מכבד געווען מיט באַשערייען דעם לערערס ווייב, אין קאָלעדזש האָבן די חברים און דער ערציער זיך צו אים אונטערגעלעקט; שפּעטער אין די קלובן האָבן געערטע זקנים אים אָפּגעטראָטן דעם וועג. און דאָס האָבן געטאָן ניט קיין טעלערלעקער־אָרעמעלייט, נאָר דזשענטלמענס־מענטשן מיט פאַרנעם און מיט וואָג — אַזוי טיף איז אין דער ענגלישער געזעלשאַפט אַריינגעדרונגען דאָס קנעכטישע בויגן זיך פאַרן טיטל און פאַר געלט. לאָרד פאַרינטאַש איז אַזוי געוויינט, מען זאָל קריכן פאַר אים, אַז ער האָט אויסגעמיידט און ניט ליב געהאַט אומאָפּהענגיקע מענטשן, וועלכע האָבן ניט איבערגעטראָגן זיין חוצפּהדיקן באַגיין זיך מיט לייטן. וואָס נוגע פרויען, האָט דער לאָרד פאַרינטאַש ניט געצווייפלט, אַז יעדע איינציקע וועט האַלטן פאַר דאָס גרעסטע גליק חתונה צו האָבן מיט אים. אַ שאָטלענדער מאַרקיז אָן ענגלישער גראַף, אַ באַזיצער פון אַ פאַרמעגן, וואָס טראָגט אַריין 15 טויזנט פונט יערלעכע הכנסה, — דאָס אַלץ קלעקט שוין פולקום, אַז די „נישטיקע נפשות" זאָלן בענקען, אָכצען און רייסן זיך צו אים אין די אָרעמס. ער האָט גנעדיק געענטפערט אויף די שמייכלען פון די פרויען, און צו זייערע חנדלעך האָט ער זיך באַצויגן ווי צו עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף אַזוי זיין. אין אַ פרייע צייט פלעגט ער מיט ישוב הדעת מאַכן אַ פאַראַד די לאָנדאָנער שיינהייטן, „געגליכן דערצו, ווי דער קאַליף פלעגט אין זיין צייט מאַכן אַ רעוויזיע פון די בלאַסע שיינהייטן אין זיין האַרעם".

אַזוי פיל שענדלעכע קנעכטשאַפט, ליגן, פאַלשקייט, פאַראַכטונג צו דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט און נאַרישע זעלבסטפאַרגעסערונג האָט די אַריסטאָקראַטיע געבראַכט אין לעבן.

די ניוקאָמס, ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, זיינען דורכגעדרונגען מיט ליכטיקע שטימונגען. דעם אויטאָרס סאַטירישע באַציאונג צום דעם אדל שטערט אונז ניט צו באַמערקן, אַז שלום און גלויבן אין מענטשן הייבט אָן אַריינצודרינגען אין זיין נשמה. אין אָנפאַנג ניוקאָמס זאָגט ער אַרויס בנוגע דער מענטש־

לעכער נאַטור אַ סך רואיקערע און ווייכערע געדאַנקען, איידער אין Vanity Fair. „ניט אַלע אָרעמעלייט אָן יוצא מן הכלל, — זאָגט ער, — זיינען גוטע און ערלעכע מענטשן. איך האָב געקענט אַ פולע ליבנדיקע, הויכמוטיקע און מיטפילנדיקע צווישן די מענטשן, וועלכע זיינען רייך מיט אַלע גוטסערייען פון דער ערד. מען קאָן געפינען היפש גרויסע ערדבאַזיצער, וואָס דריקן ניט זייערע אָרעמע אַרענדאַטאָרס, היפש עכט רעליגיעזע צווישן די קלעריקאַלן, היפש ליבעראַלן אַפילו צווישן די וויגעס, און זייער פיל אויפריכטיקע דעמאָקראַטן צווישן די ראַדיקאַלן". דער אויטאָר שטעלט זיך אַלס ציל אָנצושרייבן אַן ערציילונג, אין וועלכער עס וועלן אַמאָל מנצח זיין רמאָאים און אויסוואָרפן, אָבער אויך ערלעכע לייט באַקומען דאָס, וואָס זיי פאַרדינען. טעקערײ שטייט אַלזאָ אויף דעם מאָראַלישן שטאַנדפונקט, ווי דיקענס. ער שרייבט זיינע ראָמאַנען ניט כדי צו וועקן צום סאָציאַלן קאַמף, ניט כדי צו דערוויזן די אומגערעכטיקייט פון פּריווילעגיעס און פון עקאָנאָמישער אומגלייכהייט. ער שרייבט פאַר דער מאָראַלישער אויסבעסערונג פון דער מענטשהייט. זיינע פּאָזיטיווע העלדן זיינען ניט קיין קעמפער קעגן דער אומגערעכטיקייט. זיי צעטרייסלען ניט די יסודות פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. זיי ווערן אַרויסגעשטעלט קעגן די נעגאַטיווע העלדן אַלס אידעאַל פון מאָראַלישער שלימות, צו וועלכער אַלע מוזן שטרעבן.

דער פּאָלקאָווניק ניוקאָם און זיין זון קלייוו זיינען די אויסדריקער פון טעקערייס פּאָזיטיווע אָנשויאונגען. אין דעם פאַקט אַליין, וואָס עס עקסיסטירט אַן אַדלשטאַנד אַלס אַן אָפּגעזונדערטע ירושה־קאַסטע, געפינט דער פּאָלקאָווניק קיין חסרון ניט. עס איז אָנגענעם צו שפּירן זיך אַלס אַן אָפּשטאַם פון אַן אַלטער געערטער משפחה. אָבער אויב ווער פון אונז האָט ניט געהאַט דאָס גליק צו זיין אַ יורש פון אַן גוטן ערלעכן נאָמען, איז אָבער לפּחות יעדער פון אונז פריי אַזאַ נאָמען צו לאָזן נאָך זיך. אַלזאָ איז די רעטונג פון דער געזעלשאַפט ניט אין דעם חורבן פון די שטאַנדגרעניצן, נאָר אין דעם ערלעכן לעבן. לויט דעמדאָזיקן מאָראַלישן שטאַנדפונקט, לויט דעמדאָזיקן באַוואוסטזיין פון חוב פירט זיך דער פּאָלקאָווניק אין אַלע זיינע מעשים און אָנשויאונגען. ער באַליידיקט זיך, וואָס זיין ברודער, מיט וועלכן ער האָט זיך ניט געזען אַזויפיל יאָרן, לאַדט אים ניט איין אַפילו אויפן פאַראַדנעם מיטאָג, און ער טראַכט מיט עגמת נפש וועגן דעם, אַז ער וואָלט זיין ברודער ניט אָפּגעלאָזן, ווען יענער וואָלט צו אים געקומען צו פאָרן קיין אינדיע — וואו דער פּאָלקאָווניק דינט. ער טרעט אַרויס קעגן די אַרי־

סטאָקראַטישע פּאַראורטיילן, לויט וועלכע די פּראָפעסיע פון אַ מאַלער, וואָס זיין זון האָט זיך אויסגעוויילט, רעכנט זיך פאַר אַ ניט פּאַסיקע פאַר אַ דזשענטלמען. לויט זיין מיינונג פאַרדינט יעדע פּראָפעסיע אַכטונג, כל-זמן איר פאַרשטייער בלייבט אַן ערלעכער מאַן. ער איז אַ קעגנער פון דועלן, ווען זיי זיינען אַרויסגערופן דורך דער פאַלשער פאַרשטעלונג וועגן ערע, ווען דער יסוד צו זיי איז אַ צוויי-דריי היציקע ווערטער, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן שכורערהייט. צוליב אַ פוסטער קריג דאַרף מען ניט פאַרוואַנדלען קיין גליקלעכע פרויען אין טרייסטלאָזע אַלמנות, קינדער — אין יתומים. „די עכטע ערע באַשטייט אין דעם מוטיקן אָנערקענען פון דער אייגענער גערעכטיקייט, און די עכטע מוטיקייט באַשטייט אין דעם מוטיקן קאַמף קעגן נסיון". ער איז אַ אידעאַלער פאָטער. ער גיט דאָס גאַנצע געלט אַוועק דעם זון, ער שפּירט נאָך יעדן טריט זיינעם, אָבער ער דריקט אים ניט. און ווען זיינע אָנשויאונגען קומען אין צוזאַמענשטויס מיט די אָנשויאונגען פון דעם יונגן דור, געפינט ער אין זיך מוטיקייט צו אָנערקענען זיך פאַר אומגערעכט, און דער יוגנטס געשמאַקן און שטרעבונגען — פאַר געזעצלעכע.

קלייוו האָט איבערגענומען דידאָזיקע איידלקייט און די מוטיקע ערלעכקייט פון זיין פאָטער. זיין ליבע צו עטעל איז אַ ריינע. זי איז פריי פון ליגן, זי דריקט זיך אויס אין נאַטירלעכע שטרעבונגען, און באַהאַלט זיך ניט הינטער אַ געדיכטער שיכט פון געקינצלטע שמייכלען, פאַלשע פראַזעס און דינע חשבונות, ווי דעם לאָרד פאַרינטאַשס ליבע. „קלייוו האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי טיף קאַליע עס זיינען די אַרומיקע מענטשן, ווי ער האָט אויך ניט פאַרשטאַנען דעם אמתן טעם פון זייער שמוציקער פאַרברעכערישקייט. אים איז ליב געווען גאָטס וועלט, און קיין זאַך אין דערדאָזיקער וועלט האָט נאָך פאַר אים ניט פאַרלאָרן דעם צויבערלעכן חן פון נייקייט.

אָט דאָס זיינען די גרונט-טענדענצן פון די טעקערייאישע ראָמאַנען. אַרויסשטעלן איינע קעגן דער אַנדערער די טוגנד און די זינדיקייט, צ׳נטפּלעקן די שלעכטע פאָלגן פון די שלעכטע מידות און די שיינקייט פון די גוטע — דאָס איז זיין עיקרשטע אויפגאַבע.

אין דער פּערזאָן פון דיקענס און טעקעריי האָט דער ענגלישער רעאַליסטישער און סאָציאַלער ראָמאַן געפונען זיינע גרעסטע פאַרשטייער. אַרויסגעטראָטן אַלס באַשולדיקער פון די רייכע פּריווילעגירטע קלאַסן און אַלס אַפּאָלאָגעטן פון די אָרימע, איז סיי דער, סיי יענער ניט צוגעשטאַנען צו

דער ריכטונג, וואָס האָט געהאַלטן, אַז רעטן די געזעלשאַפט קען נאָר די ענ־
דערונג פון די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען, און ניט דאָס ווענדן זיך צום
האַרצן און צו דער גוטער טבע פון דעם מענטשן. אַוועקגעשטעלט די פּראַגע
ריכטיק, האָבן ביידע ראָמאַניסטן געטרוימט צו לייזן זי דורך געפיל און
דרשות, — יענע מיטלען, וואָס האָבן שוין דערוויזן, אַז זיי טויגן ניט צו
לייזן דעם אומדערבאַרמלעכן קאַמף צווישן דעם עקספּלואַטאַטאָר און דעם
אַרבעטער.

דריטע אָפּטיילונג.

דער אָנהייב פון דער סאָציאַלער און דער רעאַלער ליטעראַטור אין פראַנקרייך. ס.-סימאָן. פוריע. זש.-זאַנד. באַלזאַק.

VII.

די פריידיקער פון דער באנייאונג פון דער מענטשהייט. — לאמענע. — סען-סימאָן. — וויסנשאפט און אויטאָריטעט אין סען-סימאָנס לערע. — דער אָנהייב פון דער וויסנשאפטלעכער סאָציאָלאָגיע. — דער אידעאל פון געזעלשאפטלעכער אָרדענונג. — ליידיקגייער און ארבעטנדיקע. — סען-סימאָנס באציאונג צו דער אינדוסטריע און צו די ארבעטער. — די סענסימאָניסטן. — „די באשרייבונג פון סען-סימאָנס דאָקטרין. — פוריעס לערע. — די אָרגאניזאציע פון דער פאלאנגע.

די שריפטשטעלער פון דער רעאַקציע האָבן זייערע בליקן געווענדט אויף צוריק. די רעאַקציע האָט ניט געוואָלט זען, האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין די אינדוסטריעלע איבערקערעניש און די וויסנשאַפטלעכע באַוועגונג, וואָס זיינען פאָרגעקומען פאַר אירע אויגן. זי ווענדט זיך צו אַלטע מעטאָדן, טרוימט וועגן צוריק-אויפשטעלן די טעאָקראַטישע אָרדענונג. אָבער מיר האָבן שוין געזען, אַז אַפילו די שריפטשטעלער פון דער רעאַקציע האָבן ניט געקענט בלייבן קאָנזעקווענט ביזן סוף. מען האָט די אויפקלערונגס-עפּאָכע ניט געקענט אויסמעקן פון דער געשיכטע און מיט דעם קריטישן גייסט איז די לערע פון די רעאַקציאָנערן דורכגעדרונגען.

אָבער אין איין שורה מיט זשאָזעף דע מעסטער און מיט באָנאַלד באַווייזן זיך שריפטשטעלער, וואָס זיינען וואַכזאַמער צו די אויפגאַבן און צו די שטרעבונגען פון דער צייט. די ערפאָלגן פון דער אינדוסטריע און דער וואוקס פון די וויסנשאַפטלעכע קענטעניש — אַזעלכע זיינען די אומאָפּפרעגלעכע פאַקטן, אויף וועלכע זיי סטאַרען זיך שטיצן אין זייערע טרוימען וועגן

אַ אידעאַלער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וועגן אַלגעמיינעם גליק און יושר־געגליכן דערצו, ווי די רעאַקציאָנערן האָבן זיך ניט גאָר געקענט באַפרייען פון דעם קריטישן גייסט און פון די נייע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, אַזוי האָבן די ערשטע אידעאָלאָגן פון די געדריקטע קלאַסן ניט געקענט אַראָפּוואַרפן פון זיך די אַלטע טעאָלאָגישע קייטן. אין זייערע לערעס האָבן זיך נאָך פאַנטאַזיע און וויסנשאַפט, רעליגיע און פּאָליטיק קאַפּריזיק צונויפגעפלאָכטן. דידאַקטיקע לערעס סטאַרען זיך געפינען אַ פּשרה פאַר די נייע אינטערעסן, וואָס די אינדוסטריעלע איבערקערעניש האָט געשאַפן, און פאַר דעם נייעם געדאַנקען־בוי, וואָס דער ערפאָלג פון דער נאַטורוויסנשאַפט האָט געבוירן, מיט די אַלטע טעאָקראַטישע פאָרשטעלונגען. אין קאַטויליציזם און אין די סכאָלאַסטישע טעאָריעס זוכן די פריידיקער פון באַנייאונג שטיצע פאַר זייערע אָנשויאונגען. לאַמענע קעמפט פאַר דעם אויטאָריטעט פון דער קאַטוילישער קירך; ער ערקלערט דעמדאָזיקן אויטאָריטעט אַלס איינציקן קוואַל פון אַבסאָלוטן אמת; ער פאָדערט לגמרי אָפּטיילן די קירך פון דער מלוכה, שטעלט פעסט דעם פּרינציפּ פון דער אָרעמקייט פון דער קירך, און טרעט אַזוי אַרום אַרויס קעגן דער לאַגע, וואָס אין זיין צייט האָט פאַרנומען די קירך, וועלכע האָט זיך ניט געוואָלט אָפּהאַלטן פון מישן זיך אין פּאָליטישן לעבן פון די פעלקער און אָפּזאָגן זיך פון דער מאַטעריעלער שטיצע מצד דער מלוכה. און אַפילו שפּעטער, ווען לאַמענע האָט דערפילט, אַז מען קאָן אונטער דער עגידע פון דער קאַטוילישער קירך ניט אַרויסשטעלן קיין דעמאָקראַטישע אידעאַלן, ווען ער האָט געמאַכט אַן עק מיטן פּויפּסטנטום און איז אַרויסגעטראָטן אַלס קעמפער פון די פאָלקסאינטערעסן, איז ער ביזן סוף פאַרבליבן אויפן באָדן פון מיסטיציזם און פאַנטאַזיע. אָבער דער שווערפּונקט האָט געענדערט זיין אָרט. די לאַגע פון די אָרעמע מאַסן איז געוואָרן דער הויפּטבעגנשטאַנד פון דעם אינטערעס. די קירך האָט אויפגעהערט צו זיין דער אָפּגאָט, צו וועלכן אַלץ דאַרף געבראַכט ווערן פאַר אַ קרבן; פאַרקערט, די אַלטע פאָרשטעלונגען וועגן דער קירך, וועגן איר אַבסאָלוטער מאַכט האָט מען זיך געסטאַרעט צוצופּאַסן צו די אינטערעסן פון די אָרעמע פאָלקסמאַסן.

אויב אין די מעטאָדן און די מיטלען האָט נאָך געהערשט אַ מיש־מאַש פון אַלט מיט ניי, איז דער ציל אָבער אַלץ קלערער געוואָרן. אין באַגינען פון XIX יאָרהונדערט טרעט אין איין שורה מיט די שריפטשטעלער פון דער רעאַקציע אַרויס אַ דענקער, וואָס זיין נאָמען קיניגט איבער די סאָציאַלע לערעס פון XIX י. ה. סען סימאָן (1760—1825) ערקלערט אַלס לעצטע אויפ־

גאַבע פון דער געזעלשאַפטלעכער איינאָרדענונג די ערלייכטערונג פון גורל פאַר „דעם סאַמע אָרימען און סאַמע צאָלרייכן קלאַס פון דער געזעלשאַפט". דער געדריקטער מאַטעריעלער און גייסטיקער צושטאַנד פון די מאַסן און די מיטלען, דעם עקאָנאָמישן און גייסטיקן צושטאַנד אויפצוהייבן — דאָס איז די גרונטפראַגע, וועלכע עס האָט זיך געמיט צו לייזן דער XIX יאָרהונדערט. די רעליגיע און די וויסנשאַפט קעמפן צווישן זיך לכתחילה פאַר דאָס רעכט צו שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון דערדאָזיקער באַוועגונג. סען-סימאָן סטאַרעט זיך באַשאַפן אַזאַ געזעלשאַפטלעכע סיסטעם, וועלכע פירט צו דער פאַרווירקלעכונג פון דערדאָזיקער אויפגאַבע, און אין וועלכער די קירך מיט דער וויסנשאַפט גייען האַנט ביי האַנט און געפינען פאַר זיך די פּאַסיקע אָנווענדונג.

לאָמיר אַפריער באַטראַכטן סען-סימאָנס באַציאונג צו איינעם פון די דאָזיקע פאַקטאָרן — צו דער וויסנשאַפט.

די אמתע קאָנסטיטוציע קאָן ניט זיין ערפונדן, נאָר זי דאַרף זיין אַנטדעקט. דער אמתער געזעצגעבער איז ניט דער קיניג, ניט די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונגען. אַלס אַזאַ געזעצגעבער דאַרף גערעכנט ווערן דער פילאָזאָף, וועלכער פאָרשט אויס די באַוועגונג פון דער ציוויליזאַציע און רעזומירט זיינע באַאָבאַכטונגען אין געזעלשאַפטלעכן געזעץ, וואָס ווערט דער אָנפירנדיקער פרינציפּ פון דער געזעצגעבונג. גענוג כבוד פאַר די אַלעקסאַנדער מוקדונס! לעבן זאָלן די אַרכימעדן! — זאָגט סען-סימאָן. דערדאָזיקער געדאַנק פאַלט פולקום צונויף מיט דעם וויסנשאַפטלעכן גייסט פון דער נייער צייט. נאָר די באַאָבאַכטונג און די ערפאַרונג קאָנען דינען אַלס זיכערע וועגפירער ביים בויען מלוכה-סיסטעמען און אַ סאָציאַלע אָרדענונג. סען-סימאָן גייט נאָך ווייטער. די נאַטורוויסנשאַפטן דאַרפן, לויט זיין מיינונג, געלייגט ווערן אין יסוד פון דער גאַנצער מענטשלעכער טעטיקייט. דער סך-הכל פון מענטשנס פסיכישן לעבן באַשטייט אין כעמישע פאַראייניקונגען און רעאַקציעס פון די אָרגאַנישע עלעמענטן, פון וועלכע עס באַשטייט זיין קערפּער. אין די סאַמע וויכטיקע פראַגן פון דער פּאָליטיק דאַרפן די באַשלוסן אַרויסגעפירט ווערן דירעקט פון די מאַטעריאַלן, וואָס עס גיבן די נאַטורוויסנשאַפטן. ווען די פיזיאָלאָגן און די פילאָזאָפן וואָלטן באַשטיין דרייסט צו פאַראייניקן זייערע אָנשטרענגונגען, וואָלטן זיי אַלע פּאָליטישע פראַגן געבראַכט צו טעמים פון היגיענע. אַזוי שרייבט סען-סימאָן אַלס שטרענגער פּאָזיטיוויסט און מאַטעריאַליסט. ער גלויבט נאָר די פאַקטן און די פאַראַלגעמיינערונגען, וואָס פליסן

אוממיטלבאַר פון די פאַקטן אַרויס. ער גיט איבער די לייטונג פון דעם לעבן און פון דער געזעלשאַפט אין די הענט פון די כעמיקער און נאַטור־פאָרשער.

אזא איז דער ערשטער פרינציפ פון זיין לערע. מ׳דאַרף זיך אָבער פאַרטיפערן אין דערדאָזיקער לערע, כדי מיר זאָלן זיך איבערצייגן, אַז סען־סימאָן האַלט זיך ניט אַלעמאָל אַזוי שטרענג פאַר דעם עקספּערימענטאַלן מעטאָד. קעמפנדיק פאַר וויסנשאַפטלעכער אויספאָרשונג, איז ער פונדעסטוועגן אומצופרידן מיט דער לאַנגזאַמער, גריבלענדיקער אַרבעט; ער ווערט אומגעדולדיק, ווען דאָס אָנזאַמלען פאַקטן ווערט ניט באַגלייט מיט שנעלע ברייטע פאַראַלגעמיינערונגען. ער באַגריסט דעריבער די דייטשע פילאָזאָפיע דערפאַר, וואָס זי פּראָטעסטירט קעגן „דער מאַניע אָנצופילן די ספּיזשאַרניע מיט ווילד־פרעט, און קיינמאָל זיך ניט זעצן צום טיש". שוין צייט אויפצוהערן דעם קריכעדיקן ניט דרייסטן מעטאָד פון אַפּאָסטעריאָרי, און גיין מיטן וועג פון דעם באמת קיניגלעכן שאַפן פון אַפּריאָרישן מעטאָד. בכן שטעלט סען־סימאָן אַרויס אין איין ריי מיט דעם שטרענג וויסנשאַפטלעכן, אַ צווייטן פרינציפּ, וועלכער שיידט זיך ניט פיל אונטער פון דעם פּרינציפּ, אויף וועלכן עס זיינען געבויט געוואָרן די טעאָריעס פון די רעאַקציאָנערן. אויב עס זיינען נייטיק אויך אַפּריאָרישע טעאָריעס, אויב ניט אַלע אויספירן פאָדערן פאָראויס אויס־צופאָרשן די פאַקטן, — דעמאָלט מוז אויף דער סצענע פון ס׳ניי אַרויס־טרעטן די ערפינדונג. דעמאָלט באַקומט די רעליגיע צוריק אירע רעכט, דעמאָלט מוז מען ווידער אָנערקענען דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, דאַרף מען גלויבן אויפן וואָרט, ניט פאָדערנדיק קיינע באַווייזן.

פון דערדאָזיקער סתירה ראַטעוועט זיך סען־סימאָן אַרויס אויף אַזאַ אופן: אויטאָריטעט איז נייטיק פאַר די אומגעבילדעטע קלאַסן, פאַר וועלכע די בעלערנטע שאַפן אַ רעליגיע. אַזוי אַרום איז די רעליגיע—די אַלע צוזאַמענגע־נומענע אָנווענדונגען פון דער אַלגעמיינער וויסנשאַפט, וואָס מיט זייער הילף פירן די אויפגעקלערטע אָן מיט די אומוויסנדיקע. אין מיטלאַלטער איז די וויסנשאַפט געווען אַ דינסט ביי דער טעאָלאָגיע, זייערע ביידנס אויספירן האָבן ניט געטאָרט סותר זיין איינע די אַנדערע. זיי האָבן שטענדיק גע־מוזט שטימען. דידאָזיקע האַרמאָניע שטעלט סען־סימאָן ווידער אויף מיט דעם אונטערשייד, וואָס די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן אירע עלעמענטן האָבן זיך וועזנטלעך געענדערט. אין מיטלאַלטער האָט דער פּויפּסט געהאַט דעם אַבסאָלוטן אמת אַדאַנק דער אַנטפּלעקונג. דעריבער האָט די וויסנשאַפט ניט

סען=סימאָן

געשפּילט קיין זעלבשטענדיקע ראָלע לגבי די פאָרשריפטן פון דער קירך; זי האָט נאָר פאַרטיידיקט און אַרגומענטירט די אמתן, וואָס די קירך האָט געזאָגט. ביי סען-סימאָנען ווערט, פאַרקערט, די רעליגיע גופא איינגעשטעלט מיט דער הילף פון דער וויסנשאַפט. „רעליגיע,—זאָגט ער,—ווערט אַלט, פונקט אַזוי ווי אַנדערע אַנשטאַלטן, און אויך פונקט אַזוי ווי זיי, מוז די רעליגיע נאָך אַ געוויסן פעריאָד אומפאַרמיידלעך פון ס'ניי געבוירן ווערן". אין הסכם דערמיט קוקט סען-סימאָן אויך אויף דער גייסטלעכשאַפט. אויב די גלחים האָבן מער ניט צו מאַכן קיינע אַנטדעקונגען אין דער וויסנשאַפטלעכער ריכטונג, וואָס דער גרינדער פון דער רעליגיע האָט געגעבן, ווערט די רעליגיע דאַן אַ טיראַנישע רופט זי דאַן אַרויס פאַראַכטונג, און אירע כהנים פאַרלירן דאַן די עשירות און די השפעה, וואָס זיי האָבן פריער ערוואָרבן. די גייסטיקע מאַכט דאַרף געהערן צום פויפּסט און צו דער גייסטלעכשאַפט, אָבער זיי דאַרפן זיין געוויילט פון געלערנטע נאַטוראַליסטן. אַ נאַטורפאָרשער און אַ פילאָזאָף אויף דעם פויפּסטלעכן טראָן—אָט דאָס איז סען-סימאָנס רעליגיעזער אידעאַל.

ביי סען-סימאָנען איז שווער צו געפינען אַ האַרמאָנישע סיסטעם, אַ באַשטימטע סאָציאַלע און פּאָליטישע וועלט-אָנשויאונג. ער האָט איבערגעלאָזן דער מענטשהייט געניאַלע פראַגמענטן, אָפטמאָל ברעקלעך געדאַנקען, און ניט קיין וויסנשאַפטלעך-קאָנטראָלירטע טעאָריע. ער פאַרלאָזט אָפט אומגעדולדיק דעם באָדן פון פאַקטן, הייבט זיך אויף אין דעם געביט פון פאַנטאַזיעס און בויט לופט-שלעסער, אָבער דאָס מאַכט ניט קלענער זיין באַדייטונג. ווי פאַרפלאָנטערט עס זאָלן ניט זיין באַזונדערע טיילן פון זיין לערע, וויפל עס זאָל אויף זיי ניטווירקן דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, אָבער מען זעט דאָך, אַז אין דער דאָזיקער לערע מאָלט זיך שוין אויס דער בנין פון דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאָלאָגיע מיט אַ וואונדערלעכער קלאָרקייט. קיינע אָפּווייכונגען אָן אַ זייט קאָנען ניט פאַרטונקלען סען-סימאָנס גרונט-אידעען, וועלכע טרעטן אַרויס מיט וואונדערלעכער העלקייט. און די דאָזיקע אידעען באַשטייען אין דער באַהויפּטונג, אַז דער פּראָצעס פון געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג גייט לויט פעסטע געזעצן, אונטערן דרוק פון אומפעלערהאַפט-ציִלנדיקע נאַטירלעכע פאַקטאָרן; אַז נאָר די איבערגעלעבטע ערפאַרונג, די פאָרשונג פון דער געשיכטע ערלויבן אונז צו באַשטימען די דאָזיקע געזעצן; אַז די פריערדיקע מעטאָדן פון דער היסטאָרישער וויסנשאַפט מוז מען אָפּוואַרפן. ביז איצט האָט מען געשריבן נאָר די ביאָגראַפיע פון דער מאַכט, דאָס הייסט, די געשיכטע פון די פּאָליטישע ענדערונגען אין פערזאָנען,—בשעת די מלוכה-קאָנסטיטוציעס זיינען נאָר פאַר-

מען, איסערלעכקייט, אייבערפלעכלעכע ערשיינונגען פון היסטאָרישן לעבן; דער תוך פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג איז אין דער פאַרטיילונג פון אייגנטום, אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער ווירטשאַפט, אין דער צעטיילונג פון די קלאַסן, סען־סימאָן האָט געגעבן אַ מעכטיקן שטופ פאָראויס אַלע וויסנשאַפטן, וואָס האָבן אַ וואָסערע עס איז שייכות צו דער איספאָרשונג פון דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט.

נאָר דער גרויסער שטופ, וואָס סען־סימאָן האָט געגעבן דער וויסנשאַפט־לעכער סאָציאָלאָגיע, ווערט ניט גלייך קלאָר מחמת דער פראַגמענטאַרישער מאַניער פון זיין שרייבן, מחמת דעם פרינציפ פון אויטאָריטעט אין דער אידעע וועגן דער געטלעכער אָפשטאַמונג פון דער געזעלשאַפט, וואָס דער אויטאָר איז פון זיי ניט פריי. געגליכן דערצו, האָט דער אידעאַל גופא פון דער גע־זעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס סען־סימאָן האָט אָנגעצייכנט, ארויסגערופן אַ פולע מיספאַרשטייעניש. אין דער צייט, ווען איינע האָבן אים געהאַלטן פאַר דעם נביא פון סאָציאַליזם, פאַר דעם פריינד פון די אַרבעטער, האָבן אין אים אַנדערע איינגעזען דעם אַפּאָלאָגעט פון די קאַפּיטאַליסטנס רעכט.

סיי די, סיי יענע קאָנען אין סען־סימאָנס ווערק געפינען אַ פולע טעמים לטובת זייערע מיינונגען, אָבער צווישן די אַלע סתירות פון דער סענסימאָני־שער לערע וועגן דער אידעאַלער געזעלשאַפט קאָן מען פאָרט באַמערקן די הערשנדיקע אידעען, ווען מען זאָל נעמען אין אַכט די געזעלשאַפטלעכע באַ־דינגונגען, ביי וועלכע סען־סימאָן האָט געשריבן.

אין דער נייער ווירטשאַפטלעכער און געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, וואָס סען־סימאָן פּראָיעקטירט, דאַרף די הערשנדיקע ראָלע געהערן צו די אַרבעטער. די ליידיקגייער דאַרפן פאַרלירן יעדע באַדייטונג. אַרבעט וועט זיין די גרעסטע טוגנד אין דער קינפטיקער געזעלשאַפט. אַלע געזעלשאַפטלעכע פּריווילעגיעס דאַרפן בטל ווערן. דער אַרבעט און די פעאיקייטן דאַרף געגעבן ווערן פולע רחבות צו אַנטוויקלען זיך. די מלוכה דאַרף פריער פאַר אַלץ פאַרזיכערן דעם גורל פון די פּראָלעטאַריער, דערביי דאַרף פאַר די אַרבעטספעאיקע גאַראַנ־טירט זיין אַרבעט, פאַר די אומפעאיקע—מיטלען צום לעבן. פאַרן טויט האָט סען־סימאָן געזאָגט זיינע תלמידים, אַז גאָר זיין לעבן קאָן רעזומירט זיין מיט דעם איין געדאַנק: פאַרזיכערן פאַר אַלע מענטשן אויף וויפל מעגלעך מער די אַנטוויקלונג פון זייערע פעאיקייטן. דערביי האָט ער אָנגעוויזן דעם מיטל, דורך וועלכן די פאַרווירקלעכונג פון דער אויפגאַבע קאָן דערגרייכט ווערן — אָרגאַניזירן אַ באַזונדער פּאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס. אַזעלכע זיינען סען־סי־

מאַנס געדאַנקען, אויף וועלכע עס האָבן זיך געשטיצט די אָנהענגער זיינע, וועלכע האָבן מיט רעכט אין זייער אויטאָר איינגעזען אַ פריינד פונם אַרבעטער-קלאַס, אַ פאַרטיידיקער פון דער אַרבעט און אַ שונא פון דער עקספּלואַטאַציע.

אָבער מען קאָן געפינען ביי דעם אויטאָר פון נייעם קריסטנטום אַנדערע געדאַנקען, וועלכע זיינען דער אמתער היפוך פון די געבראַכטע. די מאַכט אין דער קינפטיקע אידעאַלער געזעלשאַפט, זאָגט סען-סימאָן, דאַרף געהערן צו די אינדוסטריעלער און באַנקירן. זיי דאַרפן פון זייערע סאַלאָנען פאַרטרייבן די ליבעראַלע פּראַזיאָרן און פלוידערזעק, פאַראייניקן זיך מיט די סוחרים און די פאַבריקאַנטן און ווערן די האַרן. סען-סימאָן זאָגט אַפילו אונטער די אַרבעטער, מיט וועלכע רייד זיי דאַרפן זיך ווענדן צו די אונטערנעמער: „איר זייט רייך, און מיר זיינען אָרעם, איר אַרבעט מיטן קאָפּ, מיר — מיט די הענט, פון דעמדאָזיקן עיקרדיקן אונטערשייד איז געדרונגען, אַז מיר דאַרפן אייך זיין אונטערגעגעבן".

פדי צו דערקלערן דידאָזיקע סתירה, דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז אין סען-סימאָנס צייט איז נאָך אין פראַנקרייך ניט געווען דער אַנטאַגאָניזם צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט שפּעטער. די ליידיקגייער אין יענער צייט זיינען געווען ניט די פאַבריקאַנטן און די אונטערנעמער, און אין יסוד פון טיילן די געזעלשאַפט אויף ליידיקגייער און אַרבעטער ליגט סען-סימאָן אַן אַנדער גרופּירונג. אויב פראַנקרייך וועט פאַרלירן ביז 3000 בעסטע פיזיקער, כעמיקער, מאַטעמאַטיקער, פּאָעטן, מאַלער, מעכאַניקער, אינזשעניערן, אַרכיטעקטאָרן, באַנקירן, סוחרים, ערדאַרבעטער, באַוול-פאַבריקאַנטן, בויער, און אַז. וו., וועט די נאַציע פאַרלירן דאָס בעסטע פון דער געזעלשאַפט, וועט זי פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קערפּער אָן אַ נשמה. אויב אָבער פאַרהיטנדיק די מענטשן פון טאַלאַנט, וועט פראַנקרייך פאַרלירן 10,000 ערדבאַזיצער, וועלכע לעבן אויפן פּריצישן שטייגער, און טויזנטער קאַרדינאַלן, מאַרשאַלן, הויפליים, און אַלע אַנדערע באַאַמטע, וועט עס פאַרן לאַנד קיין שאָדן ניט זיין. פונדאַנען איז קלאָר, אַז פאַר ליידיקגייער רעכנט סען-סימאָן איבערהויפּט דעם קלאַס רייכע ערדבאַזיצער און אויך די מענטשן, וואָס פירן דעם פאַרעלטערטן מלוכה-מעכאַניזם, און פאַר אַרבעטער האַלט ער אַלעמען, וואָס העלפן דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריעלער אָרדענונג. פונדאַנען איז קלאָר, אַז סען-סימאָן, דער עדות פון די ערשטע טריט פון אינדוסטריאַליזם, גלויבט אין די גרויסע גוטסערייען, וואָס די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע דאַרף ברענגען דער גאַנצער מענטשהייט. ער ווייס נאָך ניט, — אָדער ער פילט אַמאָל ניט קלאָר—

אַז דאָס דאָזיקע גוטס וועט אָנקומען צו די אונטערנעמער, און ליגן ווי אַ שווערע משא אויף די אַרבעטער. אָט פאַרוואָס ער טיילט ניט אָפּ די אונטערנעמערס אינטערעסן פון די אַרבעטערס אינטערעסן, און ווען ער רעדט וועגן די אינדוסטריעלער, האָט ער אין זינען ביידע קלאַסן אינאיינעם. ריידנדיק וועגן אָפּגעבן די מאַכט צו די אונטערנעמער, מיינט ער ניט פאַרהייליקן די מאַכט פון די וואָס עקספּלואַטירן די אַרבעט, ווי מען האָט אין דער שפּעטערדיקער צייט אָפט פאַרשטאַנען זיין לערע, — ער וויל איבערגעבן די מאַכט אין די הענט פון דעם אינדוסטריעלן קלאַס בכלל, אינגאַנצן גענומען; און די אונטערנעמער, די באַנקירן, די ערפינדער און געלערנטע ווערן אַרויסגעפירט בראש, אַלס נאַטירלעכע אָנפירער און אויסדריקער פון די אינטערעסן, וואָס דער דאָזיקער קלאַס האָט אַלס מער טאַלאַנטפולע מיטגלידער פון דער אַלגעמיינער אומטיילבאַרער גרופע, און ניט אַלס אַזעלכע, וואָס עקספּלואַטירן די נידעריקערע שיכטן פון דער דאָזיקער גרופע. אויב ער זאָגט צו די אַרבעטער: זייט אונטערגעגעבן צו די אונטערנעמער, ווייל זיי זיינען רייך און געבילדעט, און איר זייט אָרעם און אומוויסנדיק, וויל ער דערמיט זאָגן: איר האָט אַלגעמיינע מיט זיי אינטערעסן און אויפגאַבן, אָבער אַלע קענען דאָך ניט זיין קיין מנהיגים, דעריבער לאָזט איבער די אָנפירונג ביי די, וואָס זיינען מער פעאיק צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אויפגאַבן. אויב ער רופט אָן די אויפקלערער ליבעראַלע פלוידערער, און די דעמאָקראַטיע און די פרייהייט — פוסטע דיבורים, איז עס דערפאַר ווייל די פראַגן וועגן דער מלוכה־אָרדענונג ווייזן אים אויס שוין פאַרעלטערטע, אָפּגעלעבטע; די לערע וועגן דעם פאָלקס־איבערהערשאַפט, וואָס די באַגייסטערער פון דער רעוואָלוציע האָבן געשאַפן, איז נאָך זיין מיינונג געווען וויכטיק אַלס עקסטרעם, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן קעגן אַ צווייטער עקסטרעם, קעגן דער אידעע פון דער געטלעכער מאַכט. אָבער איצט דאַרפן די פּאָליטישע פּראָבלעמען אָפּטרעטן אָן אַ זייט פאַר די סאָציאַלע און פאַר די ווירטשאַפטלעכע. אָט פאַרוואָס די שמועסן וועגן דעמאָקראַטיע און פרייהייט זיינען, בעת דער אַנטשטייאונג פון די נייע אויפגאַבן, ווען מען דאַרף לייזן די פראַגע וועגן פונאַנדערטיילן די ראָלע און די חובות אין דער נייער אינדוסטריעלער געזעלשאַפט, לחלוטין ניט פּרוכטבאַר און איבעריק. דער אינדוסטריעלער קלאַס אינגאַנצן גענומען דאַרף דעם לעבן געבן די ריכטונג. אָבער וואָס שייך צו פונאַנדערטיילן די ראָלעס און דאָס גוטס אין דעם קלאַס גופא, פאַרנעמט זיך סען־סימאָן מיט דער פראַגע ווייניק. ער האָט נאָך דאָ ניט פאַראויסגעזען קיין שפּאַלטונג. ער ווייס נאָך

כמעט לחלוטין גאָרניט, וואָס רופן מיר אָן אַרבעטער־פראַגע אין דעם היינטיקן זין פון וואָרט. ער מיינט, אַז די באַציאונגען צווישן די אַרבעטער און די אונ־טערנעמער וועלן זיך אַליין אויסבילדן אין אַ גליקלעכער פּאַטריאַרכאַלער סיסטעם, אַז אַליין פון זיך וועלן זיך אַרויסרוקן איינגעבוירענע געניעס פון דער אינדוס־טריע, פינאַנסן־סעניאָרן; באַגייסטערט דורך די אַרטיסטן און געפירט דורך די געלערנטע, און אונטער זייער פּאַטראָנאַט, לויט זייערע גינציקע און קלוגע באַשלוסן, וועט זיך אָרגאַניזירן די גאַנצע אַרבעטנדיקע מענטשהייט. סען־סימאָנס סיסטעם איז געבויט אויף דעם פעלערהאַפטן פּרינציפּ, אַז די אינטערעסן פון די אונטערנעמער, וואָס זייער ציל איז — פאַרגרעסערן די עשירות, פאַלן צונויף מיט די אינטערעסן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, וואָס איר גליק וואַקסט צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון דער עשירות. סען־סימאָן האָט געמיינט, אַז צו־זאַמען מיט דער אַנטוויקלונג און דער פּאַרפעקטיקונג פון דעמדאָזיקן נייעם אינדוסטריעלן פעאָדאַליזם, וועט מען קאָנען איינשטעלן אויך אַ נייע רע־ליגיע, לויט וועלכער די גאַנצע געזעלשאַפט וועט זיך מוזן אויפפירן.

אַזוי אַרום איז סען־סימאָן סיי אין דער וויסנשאַפט, סיי אין זיין סאָ־ציאַלן פּראָיעקט ניט פרעמד פון די פריערדיקע אויטאָריטאַרישע פאָרשטעלונ־גען. נאָר די גייסטיקע רעליגיע דיקטירן ביי אים די אויספירן פון דער וויסנ־שאַפט, און די סאָציאַלע רעליגיע — די געזעצן פון דער נאַטירלעכער געזעל־שאַפטלעכער אַנטוויקלונג.

די גרויסע אונטערנעמער האָבן זיך ניט איינמאָל געשטיצט אויף סען־סימאָנען, כדי צו באַשטעטיקן זייערע פּרעטענזיעס. מען האָט סען־סימאָנען, וועלכער איז אויף שטענדיק פרעמד געבליבן צו די אינטערעסן פון דעם ספּעציעלן אַרבעטערקלאַס, און אָפטמאָל גרייט געווען איינצוזען אין דעם „הייליקן" בונד די פאַרווירקלעכונג פון זיין סיסטעם, צוגערעכנט צו די רע־אַקציאָנערן. אמת איז טאַקע, אַז אַ פולע תּלמידים זיינע פון די, וואָס האָבן גע־פּריידיקט אַלגעמיינע באַנייאונג, זיינען לסוף געוואָרן אונטערנעמער, פאַרנומען גוטע שטעלעס, געשטעלט זיך אין דער שפּיץ פון גרויסע באַנק־אונטערנעמונגען און קאָלאָסאַלע עסקים, און דערמיט אָנשוילעך באַוויזן, וואוהין די סענסימאָ־ניסטישע דאָקטרין פאַרפירט ביי אַ געוויסער גראַדליניקער אויסטייטשונג. אָבער ס'איז אַ ספק, צי קען מען דעם געניאַלן אוטאָפּיסט מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער איינגנוציקער און פּראַקטישער טעטיקייט פון זיינע תּלמידים. דער בעסטער באַווייז, אַז סען סימאָנס לערע האָט געגעבן ניט בלויז אַזעלכע רע־זולטאַטן, איז דאָס, וואָס די תּלמידים, וועלכע זיינען טיפער אַריינגעדרונגען אין

דעם זינען פון זיינע ברעקלעכווייז געוואָרפענע געדאַנקען, האָבן פיר יאָר נאָך
זיין טויט אַרויסגעלאָזן דאָס בוך סען=סימאָנס דאָקטרין, וועלכן רודאָלף
זינגער האָט אָנגערופן „דאָס גרונט=בוך פון דעם הײַנטיקן סאָציאַליזם”, און
וועלכן גיט צו זייער לערערס אידעאַלן אַ באַדייטנדיקע באַשטימטקייט. די צייט
האָט שוין באַוויזן צו געבן די אוטאָפּיסטן איינקע באַלערבאַרע לעקציעס. זיי
האָבן איצט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז הגם די אינדוסטריע מאַכט טאַקע
גרעסער די אַלגעמיינע עשירות, אָבער ווייט ניט אַלעמען איז גוט דערפון.
די מחברים פון דעם בוך סען=סימאָנס דאָקטרין ווייזן טאַקע אָן אויף
דעמדאָזיקן פאַקט. די דאַמפמאַשין פאַרגרעסערט דאָס עשירות, אָבער דערפון
איז די אַרבעטער, וואָס ווערן דורך דער מאַשינע אַרויסגעשטופּט און בלייבן
אָן ברויט, ניט לייכטער. אפשר וועלן טאַקע די מאַשינען שפּעטער ברענגען
צו אַ ווייטערדיקן וואוקס פון דער אינדוסטריע און געבן מער אַרבעט פאַר די
וואָס נייטיקן זיך, למשל: די דרוקערייען גיבן אַרבעט אַ גרעסערער צאָל אַרבעטער,
איידער וויפל עס האָבן זיך פריער פאַרנומען מיט איבערשרייבן, אָבער ביז=
וואַנען דאָס געדויערט, וועלן מיליאָנען אַרבעטסלאָזע אין דער איבערגאַנגס=
צייט שטאַרבן פון הונגער. פונדעסטוועגן בלייבן די סען=סימאָניסטן פאָרט
פאַרטיידיקער פון דער אינדוסטריעלער אָרדענונג. די עקספּלואַטאַציע, וואָס
איין קלאַס עקספּלואַטירט דעם צווייטן, איז שטענדיק געלעגן אין יסוד פון דער
געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, און הגם די עקספּלואַטאַציע איז אויך הייַנט ניט
בטל געוואָרן, דאָך איז זי שוואַכער געוואָרן. די פאַנשטשינע איז אין פאַרגלייך
מיט דער שקלאַפעריי אַ טריט פאָראויס. די איצטיקע לאַגע פון דעם לוין=אַרבעטער
איז אַ נייער טריט פאָראויס אין דעם ענין פון אָפּשוואַכן די עקספּלואַטאַציע.
דער ווייטערדיקער און לעצטער טריט דאַרף באַשטיין אין דער רעאָרגאַניזאַציע
פון אייגנטום=רעכט. אין דער הייַנטיקער ווירטשאַפט באַשטייט דאָס אייגנטום=
רעכט בעצם נאָר אינם רעכט צו באַקומען פּראָצענט, אָדער רענטע, ד. ה.
הכנסה, וואָס איז ניט געגרינדעט אויף אַרבעט. כּדי מבטל צו מאַכן דידאָזיקע
פאָרמען, דאַרף מען די מלוכה מאַכן פאַרן יורש פון יעדן פּריוואַטן פאַרמעגן.
ווען דאָס ירושה=רעכט וועט בטל ווערן און יעדער פּריוואַטער פאַרמעגן וועט
אַריבערגיין צו דער מלוכה, דעמאָלט וועט בטל ווערן די מעגלעכקייט צו באַ=
קומען הכנסה, וואָס איז ניט געגרינדעט אויף אַרבעט. אַזוי אַרום דאַרף די
מלוכה אויף זיך נעמען די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די פּראָדוקטיווע קרעפטן.
זי דאַרף פונאַנדערטיילן די פּראָדוקציאָנס=מיטלען. אַלס אויבערפּרינציפּ פון
דער פאַרטיילונג דאַרף דינען די באַוואוסטע סען=סימאָניסטישע פאָרמל: „פון

יעדן — לויט זיינע פעאיקייטן, יעדער פעאיקייט — לויט אירע מעשים". אזוי אַרום פאַרבלייבט די אומגלייכהייט, די מער פעאיקע באַקומען מער, און בלייבן די אָנפירער פון דער פּראָדוקציע; אָבער דאָס אַריינמישן זיך מצד דער מלוכה איז אַ זיכערע גאַראַנטיע פאַר די אַרבעטער, אַז זייערע באַדערפענישן וועלן גענומען ווערן אין אַכט ביי דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע.

ניט געקוקט אויף אייניקע מעטאָדן און אידעען, וואָס סען־סימאָן האָט איבערגענומען ביי די שריפטשטעלער פון דער רעאַקציע, האָט ער דאָך גע־שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַלער באַוועגונג אין פראַנקרייך, און אַפילו אין אַנדערע לענדער.

כמעט גלייכצייטיק מיט סען־סימאָנען טרעט אַרויס אַן אַנדער גרויסער טרוימער, פוריע (1772—1837), אויך אַזאַ ענטוזיאַסט, אויך אַזאַ אויפריכטיקער אין זיינע כוונות, און נאָך מער אַ נאַאיווער און אַ רירנדער אין זיינע טרוימען. פוריע גייט אַרויס פונם געדאַנק, אַז פאַר דעם מענטשנס גליק איז פריער פאַר אַלץ נייטיק עשירות. אָרעמקייט און נויט זיינען דער קוואַל פון פיזישע ליידן און פון מאָראַלישע דערנידערונגען. די מאַטעריעלע אומאָפּהענגיקייט, פאַר־קערט, איז דער גרונט פון יעדער אַנדער פרייהייט. און דאָ איז די היינטיקע געזעלשאַפט אַזוי אָרגאַניזירט, אַז לא די, וואָס זי שאַפט ניט אַלע מעגלעכע רייכטימער, וועלכע וואָלטן געווען אימשטאַנד צו פאַרזיכערן דאָס אַלגעמיינע גליק, לא די וואָס זי פאַרשווענדט אומזיסט די פּראָדוקטיווע קרעפטן, פּטרט זי און צעשטערט נאָך אַ באַדייטנדן טייל זייערן. צו דידאָזיקע קרעפטן, וועל־כע טראָגן גאָרנישט אַריין אין דער אַלגעמיינער סומע עשירות, געהערן, למשל, מענטשן ליידיקגייער, וואָס טוען גאָרנישט, ווי לאַקייען, מענטשן וואָס זיצן אין געפענקעניש, אַלס מענטשן וואָס זיינען געצווונגען צו זיין ליידיקגייער, לסוף, אַלע וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפן פון דער היינטיקער געזעלשאַפט און קעמפן קעגן איר: אַפּעריסטן, קאָרטנשפּילער, גנבים און אָרעמעלייט, וואָס כּדי צו קעמפן קעגן זיי דאַרף מען אויסהאַלטן אַ פּאָליציי און אַן אַדמיניסטראַציע — אויך ניט קיין פּראָדוקטיווע אַנשטאַלטן; אַהער געהערן אויך די אַרבעטער פון דער „נעגאַ־טיווער פּראָדוקציע", ד. ה. יענע מינים פּראָדוקציע, וואָס דינען ניט צו באַ־פרידיקן דעם מענטשנס נאַטירלעכע באַדערפענישן, נאָר זיי זיינען אַרויסגע־רופן דורך דער אומפּאָלקומענהייט פון דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע; צו דעם מין פּראָדוקציע געהערט, למשל, בויען פאַרקאַנעס אַרום גאָרטן כּדי צו פאַר־היטן אים פאַר גנבים.

מען דאַרף באַשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל באַזייטיקן דידאָזיקע קאָלאָסאַלע פּרוכטלאָזע פאַרשווענדונג פון מענטשלעכער אַרבעטס-קראַפט. דאָס הויפּט-שלעכטס פון דער הייַנטיקער אָרגאַניזאַציע — איז דער אינסטיטוט פון לוין-אַרבעט. אַרבעטנדיק אויס נויט, פאַר לוין, פאַר אַ פרעמדן עסק, פילט דער אַרבעטער עקל צו דער אַרבעט, און ס'איז קיין וואונדער ניט, אַז די פּראָדוקטיווקייט אירע איז אַ קליינע: אויסער דעם איז אין דער הייַנטיקער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע ניטאָ קיין אייַנהייט. יעדער טראַכט נאָר וועגן זיך און שטרעבט נאָר צו רואינירן זיין קאָנקורענט. פּוריע לייגט פאָר אַ נייע אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט באַזייטיקן די אַלע נעגאַטיווע ערשיינונגען. אין יסוד פון דערדאָזיקער אָרדענונג דאַרף געלייגט ווערן אַ מוסטערהאַפט אָרגאַניזירטע געמיינדע. פּריוואַט אייגנטום איז אין איר ניט בטל, אָבער דער אייגנטימער איז מחויב אָפּצוגעבן זיין אייגנטום דער געמיינדע, כדי צוזאַמען עס צו עקספּלואַטירן. די הכנסה, וואָס ער וועט דערביי באַקומען אויף דעם חשבון פון דעם חלק, וואָס ער האָט אַרייַנגעטראָגן, וועט זיין פיל גרעסער, איידער די הכנסה, וואָס ער וועט באַקומען, ווען ער וועט פּריוואַט עקספּלואַטירן דעמדאָזיקן חלק. דעריבער וועט דער אייגנטימער, צולייגנדיק זיין טייל צום אַלגעמיינעם פאַרמעגן, נאָר דערפון פאַרדינען. די צווייטע באַזונדערהייט פון פּוריעס קאָמונע באַשטייט אין דעם, וואָס אין איר איז ניטאָ קיין לוין-אַרבעט. יעדער אַרבעט אין דער אַלגעמיינער פּראָדוקציע, און פון דעם אויסגעאַרבעטן פּראָדוקט באַקומט ער דעם חלק, וואָס אַנטשפּרעכט זיין אָנטייל אַדאַנק דעם וועט אין דער קאָמונע ניט זיין קיין אַרבעטער, וועלכע זייַנען ניט פאַראינטערעסירט אין די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט. ווייטער: די גאַנצע אַרבעט אין דער פאַלאַנגע — אַזוי רופט פּוריע אָן דידאָזיקע געמיינדע — דאַרף אויסגעפירט ווערן אונטער דער לייטונג פון איין מאַכט. דידאָזיקע מאַכט פירט אָן מיט דער עקספּלואַטאַציע פון דער ערד און מיט די פאַרשיידענע צווייַגן פון דער אינדוסטריע, וואָרעם ערדאַרבעט און אינדוסטריע זייַנען אין דער פאַלאַנגע פאַראייניקט צוזאַמען. דידאָזיקע מאַכט וועט קאָסטן ביליג: זי דאַרף ניט קיין תפיסות, ניט קיין פּאָליציי, מחמת קיין טעם צו רויבערייען, גוואַלדטאַטן און ד. ג. וועלן ניט זיין, וויבאַלד די פאַלאַנגע גיט אַלע אירע מיטגלידער ניט נאָר דאָס נייטיקע, נאָר אַפילו פולן קאָמפאָרט, וויבאַלד עס וועט ניט זיין קיין אָרעמקייט, און יעדער וועט קענען באַקומען אַלץ וואָס ער דאַרף. די אַלגעמיינע קיך וועט אויף צען מאָל קלענער מאַכן די צוזאַמענגענומענע הוצאות פון דער מאַסע קליינע קיכן. די מאַשינען און די

פוריע

פאַרבעסערטע מיטלען פון דער פּראָדוקציע, וועלן לייכט איינגעפירט ווערן, מחמת עס וועט פאַרשווינדן די הויפּט־מניעה שנעל זיי איינצופירן, דהיינו — די פאַרקלענערונג פון דעם אַרבעטס־לוין און צוליב דעם—די שנאה מצד די אַר־בעטער צו מאַשינעס. די פּאַלאַנגע דריקט פונדעסטוועגן ניט די אינדיווידו־אַליטעט. ענדיקנדיק זיין אַרבעט, קאָן יעדערער די איבעריקע צייט פאַרברענ־גען, ווי ער וויל; ער קאָן אפילו ניט באַנוצן זיך מיט דער אַלגעמיינער קיך, הגם דער פּשוטער חשבון וועט אים טרייבן בעסער צו באַנוצן זיך מיט דער אַלגעמיינער. אַדאַנק דעם פאַראייניקן אין איינע הענט סיי די פּראָדוקציע און סיי דעם געברויך, וועט דער רייכטום פון אַלע מיטגלידער פון דער פּאַלאַנגע אויף אַ פולע מאָל איבערשטייגן די געוויינלעכע הכנסה ביי היינטיקער אָרדע־נונג. דער גאַנצער פּראָדוקט וועט זיך טיילן אויף 3 ניט קיין גלייכע טיילן: $^{5}/_{12}$ געהערן דער אַרבעט, $^{4}/_{12}$ די קאַפּיטאַליסטן, $^{3}/_{12}$ באַלוינונג פאַרן טאַ־לאַנט, און דערביי וועלן, לויט פוריעס חשבון, אַלע נאָר אויסשפּילן: די טאַ־לאַנטן וועלן באַלוינט ווערן אַ סך רייכער איידער איצט. דעם קאַפּיטאַליסטס הכנסה וועט אויף דריי־פיר מאָל גרעסער ווערן, און די אַרבעטס־לוין וועט אויף זעקס־אַכט מאָל גרעסער ווערן. די פּאַלאַנגע האָט אַן אַלגעמיינעם קאָ־לאָסאַלן פּאַלאַץ, וואו עס געפינט זיך דער אַלגעמיינער טעמפּל און דער טעַ־אַטער. יעדער קלייבט אויס און מעבלירט זיך אַ דירה לויט זיין געשמאַק. (די צאָל משפחות אין דער פּאַלאַנגע באַשטימט פוריע לערך פירהונדערט). דערדאָזיקער פּאַלאַץ רופט זיך פּאַלאַנסטער. די פולע לופט, די שיינע אַרכי־טעקטור, די טראָפּישע צמחים אינעווייניק און די פּרעכטיקע סעדער פון דרויסן, די רחבות און די אַלגעמיינע צופרידנהייט מאַכן דאָס לעבן פאַר די וואָס וואוינען אין פּאַלאַנסטער פאַר אַ ליכטיקן גן־עדן. ליידן און צאָרן זיינען אומבאַוואוסט ביי די איינוואוינער פון דעמדאָזיקן נייען גן־עדן. די גרינדונג פון איין פּאַלאַנגע וועט תיכף אַרויסרופן נאָכמאַכונג. די גאַנצע וועלט וועט זיך פאַרדעקן מיט דידאָזיקע ווינקעלעך. צרות און בייז וועלן פאַרשווינדן, גאָטס קיניגרייך וועט פאַרווירקלעכט ווערן.

אַזעלכע זיינען געווען די טרוימען פון די אוטאָפּיסטן. אין זיי זיינען צוזאַמענגעמישט וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג מיט פאַנטאַזיע אינאיינעם. די פּרואוון פון איניקע קאַפּיטאַליסטן צו גרינדן פּאַלאַנגעס לויט פוריעס גייסט האָבן זיך אין דער פּראַקטיק כמעט קיינמאָל ניט איינגעגעבן, אָדער האָבן זיך איינגעגעבן אין אַ פאַרשמעלערטער פאָרם. אָבער די באַדייטונג פון די אוטאָפּיסטן אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן געדאַנק ווערט דערפון

ניט קלענער. הגם ניט געלייזט, אָבער זיי האָבן ארויסגעשטעלט אויפן ערשטן אָרט די זייער וויכטיקע פראַגע וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע, וועגן דעם קאַמף מיט דער אָרעמקייט. און זייערע אידעען זיינען ניט געבליבן אָן אַ רושם. שוין בשעת דער רעוואָלוציע פון 1848 יאָר האָט דער המון געפאָדערט, מען זאָל אָנערקענען דעם פּרינציפּ פון רעכט אויף אַרבעט, און די רעגירונג האָט געמוזט איינאָרדענען נאַציאָנאַלע ווארשטאַטן, כדי צו געבן אַרבעט דער גאַנצער פּאַריזער אַרבעטער-באַפעלקערונג.

דער גורל פון דעם אָרעמסטן און צאָלרייכסטן קלאַס פון דער געזעל-שאַפט איז געוואָרן די גרונטפּראָבלעם פון XIX יאָרהונדערט.

VIII.

די פרויענפראַגע בשעת דער רעוואָלוציע. — אָלימפּיע דע גוזש. — קאָנדאָרסע. — אַנפאַנטען. — זשאָרז זאַנדס ערציאונג און די גרונדשטריכן פון איר כאַראַקטער. — איר גטן זיך מיטן מאַן און די באַדייטונג פון דעמדאָזיקן פאַקט. — פרויען-טיפּן אין זשאָרז זאַנדס ראָמאַנען. — אינדיאַנאַ, וואַלענטינאַ, לעליאַ. — מאָטיוון פון וועלט-שמערץ. — מאַנסבילשע טיפּן. — דעלמאַרי. — זשאַק.

די ראָל פון די סען-סימאָניסטן איז געווען אַ גרויסע ניט בלויז אין דער עקאָנאָמישער געשיכטע, נאָר אויך אין דער געשיכטע פון דער פרויען-באַוועגונג.

בשעת דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך בולט אַנט-פּלעקט די אומצופרידנהייט פון דער פרוי. אויב די רעוואָלוציע איז געווען אַ רעזולטאַט פון טיפן ווידערשפּרוך צווישן אידעאַל און דער ווירקלעכקייט, צווישן דער רייף-געוואָרענער באַדערפעניש אין רעכט אויף אַרבעט, אויף בילדונג, אויף גלייכהייט פאַרן געזעץ — פון איין זייט, און צווישן דער טרויעריקער רעכטלאָזיקייט און באַדריקונג פון די מאַסן — פון דער צווייטער זייט, — האָט דעמדאָזיקן ווידערשפּרוך קיינער ניט געפילט אַזוי טיף, ווי די פרוי. אין דערדאָזיקער צייט, ווען אַלע געדריקטע גרופּעס פון דער געזעל-שאַפט האָבן אַרויסגעשטעלט גלענצנדע טעאָרעטיקער און פאַרטיידיקער פון זייער רעכט, האָבן די פרויען ביי זיך אויך געפונען הייסע אַדוואָקאַטן, פאַנאַ-טישע העלדינס און מאַרטירערינס, וועלכע האָבן געקענט לייגן זייערע קעפּ אונטערן האַק, פעסט אויסהאַלטן די אימות פון דער ערשטער אַטאַקע. די

רעוואָלוציע האָט אויפגעוועקט אַלעמען, ווער ס׳האָט געליטן פון דער אומגלייכהייט און פון דער עקספּלואַטאַציע, זי האָט אויך אויפגעוועקט די פרוי. אירע ערשטע טריט, פּונקט ווי די ערשטע באַפרייאונגס־טריט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, זיינען פול מיט טעותים, זי שטעלט ברייטע אידעאַלן, זי פאָרשט ניט אויס לאַנגזאַם און גענוי די וועגן, וואָס פירן צו די אידעאַלן; זי גלויבט, אַז מען קאָן די געשיכטע מיט איין קלאַפּ אַ קירעווע טאָן לויט די פאָדערונגען פון שכל. די פרוי טוט אין דער פרויענפראַגע דאָס זעלבע, וואָס די פילאָזאָפן פון דער אויפקלערונגס־עפּאָכע האָבן געטאָן אין פּאָליטישע, רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן. זי מערקט אָן כמעט אַלע אויפגאַבן, שטעלט אַרויס אַלע פראַגן. דער ניינצנטער יאָרהונדערט האָט כמעט ניט אַרויסצושטעלן קיין נייע פּראָבלעמען פון דער פרויענפראַגע, — אים בלייבט נאָר צו באַאַרבעטן און פאַרווירקלעכן די אידעאַלן, וואָס זיינען אָנערקענט געוואָרן פון פריערדיקן יאָרהונדערט.

די ענטוזיאַסטן פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָבן געקעמפט פאַר דאָס רעכט פונם מענטשן, האָבן פון אָנהייב לחלוטין פאַרגעסן וועגן דער פרוי. די מאַנסבילן זיינען געווען ניט קנאַפּ פאַרוואונדערט, ווען צוזאַמען מיט אַלערליי אַנדערע פּעטיציעס האָבן ביים אויפרופן די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג ערשיינט אויך די פאָדערונגען פון די פרויען וועגן רעכט אויף בילדונג. ווי שטימט עס, דאָס וואָס מען האָט אָפּגעזאָגט די פרויען אין דידאָזיקע פאָדערונגען צוזאַמען מיט די הויכע ווערטער לכבוד דער גלייכהייט און פרייהייט? אפילו דער קלוגער טאַליראַן האָט אַנטקעגן דעמדאָזיקן געזעצלעכן פאַרלאַנג געקאָנט אַרויסשטעלן נאָר ווייניק איבערצייגנדיקע פּילפּולים. דער ציל פון אַלע מלוכישע תקנות, זאָגט ער אין זיין באַריכט, דאַרף זיין דער רוב פון די מענטשן. די אָפּווייכונג פון די נאַטירלעכע געזעצן איז אַ קוואַל פון אומגליק. די נאַטור האָט באַשטימט די פרוי צו לעבן אין דער משפחה, צווישן די קינדער. דעריבער וואָלט די ערציאונג, וואָס גרייט צו די פרוי ממלא צו זיין מלוכה־חובות, געווען אַן אומגליק פאַר ביידע געשלעכטן. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט זיך איבערצייגט אין דידאָזיקע רייד, און די פראַגע וועגן פרויענבילדונג האָט ניט באַקומען די געהעריקע אַנטוויקלונג.

אויך אַזאַ קליינעם ערפאָלג האָט געהאַט די פּעטיציע פון די פּאַרי־שטייערינס פונם נידעריקערן קלאַס. די פרוי פון דער בורזשואַזער סביבה האָט געפאָדערט גייסטיקע שפּייז, די פרויען פון אַרבעטער־קלאַס האָבן געבעטן, מען זאָל שטילן ניט זייער אַלעגאָרישן, נאָר זייער ווירקלעכן פיזישן הונגער.

די פרויען־דעפּוטאַציע פון די אַרבעטערינס איז געקומען אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אַ קלאָגעדיקע, אַן אָנגעשראָקענע. זיי האָבן ניט געפאָדערט, נאָר געבעטן: „זיי זיינען געקומען, ווי קינדער צו אַ פאָטער". זיי האָבן זיך געקלאָגט אויף זייער נויט, געבעטן הילף, אָבער זיי האָבן ניט געהאַט קיין פּראָגראַם, זיי האָבן אַליין ניט געוואוסט ווי צו העלפן אין דער נויט. אויב דידאָזיקע פּעטיציעס האָבן ניט געהאַט קיין פּראַקטישע רעזולטאַטן, איז דאָך זייער טעאָרעטישע באַדייטונג געווען אַ גרויסע. ווײַבאַלד די פרויענבאַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זי שוין ניט געקאָנט אָפּשטעלן זיך. בראָשורן, וועלכע האָבן געשילדערט די שווערע לאַגע פון דער פרוי, פרויענגעזעלשאַפטן, וואָס האָבן זיך געגרינדעט אין פאַרשיידענע שטעט, פרויען, וואָס זיינען אַריינגעטראָטן אין די מאַנסבילשע פּאָליטישע קלובן — דאָס אַלץ האָט פאָרויסגעזאָגט דעם אָנהייב פון דעם קינפטיקן אָרגאַניזירטן קאַמף מצד די פרויען פאַר זייערע מענטשלעכע רעכט.

אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער פרויענפראַגע האָט געמאַכט אָלימפּיע דע גוזש. נאָכדעם ווי ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די דעקלאַראַציע פון מענטשלעכער רעכט, האָט זי פּובליקירט אַ מאַניפעסט, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ קלאָרע פּראָגראַם פון דער פרויענבאַוועגונג, וואָס האָט עד היום ניט פאַרלאָרן איר באַדייטונג. „די פרוי איז געבוירן אַ פרייע, און לויט איר רעכט איז זי גלייך צו דעם מאַנסביל", — איז געשטאַנען אין דעמדאָזיקן מאַניפעסט. — ביידע געשלעכטער האָבן דאָס רעכט צו פאָדערן ביי דעם געזעצגעבערישן אָרגאַן, אַז מ'זאָל פאַרהיטן זייערע אומערפרעמדלעכע מענטשלעכע רעכט. די נאַציע באַשטייט פון מאַנסביל און פון פרויען. די געזעצגעבונג דאַרף זיין דער אויסדרוק פון ביידע. — אָט פאַרוואָס די בירגערינס דאַרפן גלייך ווי די בירגער נעמען אָנטייל אין דער אַרבעט פון דער געזעצגעבונג. די געזעצגעבונג דאַרף זיין גלייך פאַר אַלעמען. פרויען דאַרפן גלייך מיט די מאַנסבילן האָבן אַ צוטריט צו געזעלשאַפטלעכע אַמטן און פּראָפעסיעס. דער פרוי איז ניט פאַרבאָטן אַרויפצוגיין אויפן עשאַפאָט; דאַרף זי אויך האָבן דאָס רעכט אַרויפצוגיין אויף דער טריבונע. די פרוי האָט רעכט גלייך ווי דער מאַנסביל צו קאָנטראָלירן, וואו טוען זיך אַהין די מלוכה־געלטער, מחמת זי העלפט אויך מיט אָנצוקלייבן די אַלגעמיינע עשירות. ווײַבאַלד די פרוי האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין שאַפן די קאָנסטיטוציע, איז אַזאַ קאָנסטיטוציע ניט קיין ווירקלעכע, וואָרעם זי איז ניט קיין רעזולטאַט פון אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער אַרבעט. פאַראייניקט אייך, פרויען! — שרייבט אָלימפּיע

דע גוזש צום סוף, — שטעלט אַרויס קעגן דער ברוטאַלער קראַפט די קראַפט פון שׂכל און יושר! און איר וועט זען, אַז די מאַנסבילן וועלן באַלד אויפהערן צו ליגן צו אײַערע פיס אַלס פאַרחלשטע פאַרערער, און וועלן שטאָלץ זײַן, וואָס זיי גייען האַנט בײַ האַנט מיט אײַך און טיילן מיט אײַך. די אייביקע רעכט פון דער מענטשהייט!

אָלימפּיע דע גוזש איז ניט נאָר אַ פייערדיקע פאַרטיידיקערין פון די רעכט פון איר געשלעכט. זי האָט ניט מורא געהאַט אויפצוהויבן איר שטים אויך בנוגע אַלגעמיינע פראַגן. צווישן די טייכן בלוט אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, אונטער די געשרייען פון דער פאַרווילדעטער פון בייזקייט און הונגער אָרעמקייט, האָט אָלימפּיע דע גוזש דערמאָנט דער צעמישטער מענטשהייט וועגן מיטלייד און רחמנות. די ליידנשאַפטלעכע קעמפערין פאַר פרייהייט האָט זיך אָפּגעקערט פון די אַכזריותן, וואָס זײַנען דערלאָזן געוואָרן אין נאָמען פון דער פרייהייט. „אַפילו ווען איר פאַרגיסט בלוט פון שולדיקע, פאַרשוועכט איר די רעוואָלוציע!" האָט זי אויסגעשריען. איר, וואָס זי איז געשטאַנען פאַר אַ רעפּובליק, האָבן אויפגעבראַכט די מיטלען, מיט וועלכע מען האָט געפירט דעם פּראָצעס קעגן קיניג. קיינעם ניט, נאָר איר געהערן די נבואה־ווערטער! „איב איר האַקט אנשטער מיט אומרחמנותדיקער האַנט דעם בוים פון מאָנאַרכיע, טאָ היט זיך, איר זאָלט אַליין אונטער אים ניט באַגראָבן ווערן". לודוויק דעם XVI און מאַריע אַנטואַנעטס טויט האָבן זי אַרויסגעבראַכט פון זיך. „בלוט פאַרדאַרבט דעם שׂכל און דאָס האַרץ, — האָט זי געזאָגט, — איין דעספּאָטישע פאָרם פון רעגירן וועט נאָר פאַרביטן ווערן אויף אַ צווייטער". „אויך דײַן טראָן וועט אַמאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ עשאַפאָט!" האָט זי זיך געווענדט מיט אַ בייזער נביאות צו ראָבעספּיערן. אונטער איר איינפלוס זײַנען די פרויענגעזעלשאַפטן ניט איין מאָל אַרויסגעטראָטן צו פאַרטיידיקן די קרבנות פון דער גילאָטינע. אָבער אין דער דאָזיקער בלוטיקער עפּאָכע איז ניט געווען די פּאַסיקע צייט איבערצוקוקן די מענטשלעכע באַציאונגען מצד דעם שטאַנדפּונקט פון די פרויען. די צייט צו פּראָפּאַגאַנדירן אידעאַלן פון יושר און רחמנות איז געווען ניט קיין פּאַסיקע, און דעם 3־טן נאָוועמבער 1793 האָט זיך אָלימפּיע דע גוזשס קאָפּ אַראָפּגעקייקלט אויפן עשאַפאָט. מאַנסבילן האָבן ניט געקענט אָפּשאַצן די כוונות, מיט וועלכע די פרוי איז אַרויסגעטראָטן דאָס ערשטע מאָל פון איר אַרײַנמישן זיך אין די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען און יעדעס מאָל ווען די פרוי איז אַרויסגעטראָטן מיט שתדלנות פאַר עמיצן אַ פאַרוועגן אָדער צו אומשולדיק פאַרמשפּטן, האָט מען איר פאַרטיידיקונג ער־

קלערט ניט אַנדערש, ווי דורך אַ ליבע־בונד צווישן דעם אומגליקלעכן און זיין שתדלנטע.

אָבער די פּרויען האָבן שוין אויך דעמאָלט געהאַט פּאַרטיידיקער צווישן מאַנסביל. דעם באַרימטן פילאָזאָף קאָנדאָרסע געהערט דער כבוד פון דער ערשטער ברייטער באַגרינדונג פון פרויענרעכט. קאָנדאָרסע האָט גלענצנד צע־קלאַפּט אַלע טעמים פון די, וואָס זיינען קעגן גלייכבאַרעכטיקונג פון די פרויען; אגב, שטערט עס ניט די קעגנער פון פרויענרעכט צו באַנוצן זיך מיט די־ועלביקע טעמים אפילו עד היום.

לויט קאָנדאָרסעס מיינונג האָט די רעוואָלוציע, אויסשליסנדיק אַ העלפט נאַציע פון אָנטייל אין דער געזעצגעבונג, אכוריש צעטראָטן דעם פון איר אליין אַרויסגעשטעלטן גלייכהייטס־פּרינציפּ. מען פאַרזיכערט, אַז דער פרויס אָרגאַניזם, איר שוואַכהייט, אירע קראַנקייטן ערלויבן איר ניט אויסצונוצן די בירגער־רעכט. אָבער צי דען זיינען מאַנסביל פריי פון מחלות? פונדעסטוועגן קומט קיינעם ניט אויפן זינען דערפאַר אָפּצונעמען ביי זיי די בירגערדעכט. די שונאים פון דער פרוי פאַרזיכערן, אַז זי האָט קיין גרויסע זאַכן ניט אויפ־געטאָן אויף דעם געביט פון וויסנשאַפטן, האָט ניט באַוויזן קיין געניאַליטעט. אָבער צי דען איז מעגלעך צו מאַכן די בירגער־רעכט אָפּהענגיק פון טאַלאַנטן? ביי אַזאַ קריטעריע וואָלט מען זיך אויך שטענדיק געדאַרפט אָפּזאָגן פון יעדער פרייער קאָנסטיטוציע און שטאַרק באַגרעניצן אויך די צאָל פון די פולבאַ־רעכטיקטע מאַנסביל. מען פאַרזיכערט ווייטער, אַז די חובות צו דער שטוב, וואָס ליגן אויף דער פרוי, ערלויבן איר ניט צו פאַרנעמען זיך מיט מלוכה־ענינים. אָבער צי דען זיינען די מאַנסביל פריי פון פּריוואַטע חובות און זאָרגן? אַזעלכע טעמים ווערן געבראַכט שטענדיק, ווען מען וויל פאַרענטפערן דרוק און אומגערעכטיקייט. אין דעם נאָמען פון דערדאָזיקער אומגערעכטיקייט עק־סיסטירט די שקלאַפעריי פון די נעגערס, אין איר נאָמען האָט מען אָנגעפילט די באַסטיליע און אָנגעווענדט פייניקונג.

די עפּאָכע פון דער רעוואָלוציע האָט שטאַרק אַ שטופּ געטאָן פאָרויס די פרויענבאַוועגונג. אין משך פון XIX י. ה. האָט די פרוי טעטיק פאַר־ווירקלעכט די אידעאַלן, וואָס זיינען אַוועקגעשטעלט געוועזן אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע. צום סוף פון יאָרהונדערט האָט זי זיך דערשלאָגן צו אַן אויסבעסערונג פון איר לאַגע אין פאַרשיידענע ספערעס פון משפחה־לעבן, פון גייסטיקן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן.

דער געביט פון געפיל האָט פריער פאַר אַנדערע אויף זיך געווענדט די אויפמערקזאַמקייט פון דער דענקענדיקער פרוי אין XIX יאָרהונדערט. די סען-סימאָניסטן האָבן געגעבן אַ ביסל אַ משונהדיקע טעאָריע פון די באַציאונגען צווישן די געשלעכטער. איינער פון סען-סימאָנס נאָכפאָלגער אַנפאַנטען (1796—1864), וועלכער האָט פראָקלאַמירט זיך און באַזאַרן אַלס „פאָרשטייער" פון סימאָנס לערע, איז אַרויסגעטראָטן אַלס הייסער פריידיקער פון דער אַזויגערופענער לערע וועגן רעאַביליטאַציע פון לײַב. דער קריסטנטום איז לויט אַנפאַנטענס מיינונג געווען אַ צופיל ספּיריטואַליסטישע רעליגיע. האַלטנדיק דעם קערפּערלעכן טייל פון דעם מענטשנס נאַטור פאַר עפּעס זינדיקס, האָט דער קריסטנטום ניט געקענט אַרומנעמען דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן לעבנסשטייגער פון דעם מענטשן. פון דער נייער רעליגיע, וואָס אַנפאַנטען האָט פּראָקלאַמירט, איז באַזייטיקט געוואָרן דאָס אויפפּאַסן קערפּער און גייסט אַלס צוויי פיינדלעכע יסודות. ווען די לערע וועגן רעכט פון לײַב האָט נאָכדעם געבראַכט אַנפאַנטענען דערצו, ער זאָל טיילן די מענטשן אויף באַשטענדיקע און ניט באַשטענדיקע, און אָנערקענען, אַז די לעצטע האָבן רעכט צו בייטן די ווייבער, אָדער די מאַנען, ווען זיי ווילן,—דעמאָלט איז באַזאַר זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט אַנפאַנטענען, ווייל ער האָט געפונען, אַז דידאָזיקע לערע איז אוממאָראַליש, און אַנפאַנטען איז געבליבן דער איינציקער שעף פון דער סעקטע. דער ליידיקער שטול, וואָס איז געשטאַנען לעבן אַנפאַנטענס שטול אויף די פאַרזאַמלונגען און די צערעמאָניעס פון דער „סען-סימאָניסטישער משפּחה", וועלכע האָבן געהאַט אַ טעאַטראַלן כאַראַקטער,—האָט געזאָלט עדות זאָגן, אַז אַ געזעלשאַפטלעכער אינדיווידואום איז ניט איין מענטש, נאָר אַ פּאָר, ד. ה. אַ מאַנסביל און אַ פרוי, אַז די ברודערשאַפט פון דער נייער רעליגיע האָט נאָך ניט קיין פולע פאָרשטייערשאַפט, כל זמן לעבן דעם אויבערפּריסטער איז ניטאָ קיין אויבערפּריסטערין. די סען-סימאָניסטישע ברודערשאַפט האָט געפּטרט אַ היפּשן טייל פון אירע מיטלען, וואָס האָבן איין צייט דערגרייכט ביז צו אַ גרויסער ציפער, כדי אויפצוזוכן אַ חברטע פאַר אַנפאַנטענען.

פון די שריפטשטעלערינס איז קיינעם ניט אַזוי געלונגען אַריינצוקוקן טיף אין דער פרויס האַרצנסלעבן, ווי זשאָרזש זאַנדן (1804—1876). זי האָט געהאַט אַ בערוועאישע וואַכזאַמע נאַטור. סיי די שרעקלעכע געוויטערן פון סאָציאַלן קאַמף, סיי די פראַכט פון דעם פּאַטריאַרכאַלן דאָרף האָבן זי פאַרכאַפּט מיט לײַב און לעבן. רוסאָ און סען-סימאָן זיינען איר גלייך נאָענט געווען. אין איר האָבן צוזאַמענגעלעבט אַ קאָמפּמענטש-ענציקלאָפּעדיסט און אַ טרוימערישער

ראָמאַנטיקער. זי איז ניט געווען קיין פּאָעטעסע פון דער רעאַקציע, אַ שטייגער ווי שאַטאָבריאַן. אָבער דער רעליגיעזער עקסטאַז האָט זי אָפטמאָל באַהערשט מעכטיקער, איידער דעם אויטאָר פון ר ע נ ע. זי האָט ניט געהערט צו דער אויפקלערונגס־עפּאָכע, אָבער איר מוח האָט געהאַט אַ נטיה צו סכעמאַטישע קאָמבינאַציעס ניט ווייניקער, איידער וואָלטערס מוח. מען קאָן זי ניט אַוועקשטעלן אין דער ריי פון די ראָמאַנטיקער, אָבער מיט דער עשירות פון איר פאַנטאַזיע, מיט דעם סוביעקטיוון כאַראַקטער פון איר שאַפונג, מיט איר נטיה צו קוקן אויף דער רעאַלער וועלט דורך דער פּריזמע פון איר „איך", האָט זי געקענט קאָנקורירן מיט נאָוואַליסן. עס איז שווער צו זאָגן אויף איר, אַז זי איז די פאָרגייערין פון רעאַליזם, אָבער אין אירע ראָמאַנען זייגען פאַראַן בילדער און פיגורן, וואָס זאָלאַ וואָלט איר געקאָנט מקנא זיין. זי איז ניט געווען קיין פּאָליטיקער און קיין פּאַרטיי־מענטש, זי האָט אָבער געקענט אַזוי הייס ריידן וועגן די רעכט פון מענטשן, אַזוי אויפריכטיק שטורמען די באַדריקער, אַז די אָפּקלאַנגען פון דער רעוואָלוציע האָבן אין איר אַיינגעזען זייערע אַ פאַרבינדעטע. מען קאָן אויף איר ניט זאָגן, אַז זי איז אַ סאָציאַליסטין, און אַפילו אַ פאָרגייערין פונם סאָציאַליזם אין דעם הייגטיקן זין פון דעם וואָרט, אָבער הינטער איר שמערץ וועגן די אומגליקלעכע, הינטער אירע איידעלע טרוימען וועגן אַ יושרדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג איז באַהאַלטן ניט ווייניקער אויפריכטיקייט, ניט ווייניקערליידנשאַפטלעכע שטרעבונג אויסצוראָטן די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט, איידער הינטער דער שווערער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט פון מאַרקסן אָדער הינטער דער הייסער רעדע פון בעבעלן. לסוף, קאָן מען זי שטעלן נאָענט צו די טרעגער פונם וועלט־שמערץ. מיד פון קאַמף, פלעגט זי אָפטמאָל אַריינפאַלן אין אומעט, זיך אָפּגעבן אין דער מאַכט פון גרעסטן יאוש. און דעמאָלט האָבן זיך אין אירע ווערק געהערט פינסטערע פעסימיסטישע קלאַנגען, און זי האָט וועגן וועלט און לעבן גערעדט אויף לעאָפּאַרדיס לשון. אַלץ, מיט וואָס די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט האָט געלעבט נאָך דער אַנטוישונג אין דער רעוואָלוציע — די ניט אויסגערעכנטע, געאײַלטע פּרוּוון אָנצוכאַפּן זיך פאַר עפּעס אַ סיסטעם פון דער פאַרגאַנגענהייט, די גריבלדיקע וויסנשאַפטלעכע און סאָציאַלע אַרבעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, די שטרעבונג דורכצופירן אין לעבן די אידעען פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט, — דאָס אַלץ האָט געפונען אויסדרוק אין זשאָרזש זאַנדס ראָמאַנען. געגליכן צו הײַנען, איז זי דער לעצטער ראָמאַנטיקער און די ערשטע ריעאַליסטין. זי האָט זיך, ווי הײַנע, אָפּגעזאָגט פון אירע פאַנטאַזיעס צוליב די

אינטערעסן פונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז אַרויס אויף דער היסטאָרישער סצענע. ווי אין היינט, האָבן אין איר ביזן סוף ניט געקענט אָפּשטאַרבן די ראָמאַנטישע געשמאַקן און סימפּאַטיעס, און זיי האָבן זיך פון צייט צו צייט אַדורכגעריסן און געשטערט איר צו ווערן אַן אָנהענגערין פון אַ באַשטימטער סאָציאַלער דאָקטרין. אויב אין איר איז געווען עפּעס אומענדלעכס און קאָנזעקווענטס, איז עס דער אינסטינקטיווער ליבשאַפט-געפיל צו אַלץ, וואָס איז געיאָגט און געדריקט. זי איזווירקלעך ביזן סוף לעבן פאַרבליבן אַ פריינד פון די אַלע, וואָס דער גורל האָט זיי פאַרשליידערט אויף די נידעריקערע שטאַפּלען פון דעם געזעלשאַפטלעכן לייטער. זי האָט אָבער ניט געהאַט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן די געהעריקע מיטלען זיי צו דינען. אַמאָל האָט זי זיך געוויזן אין דער ראָלע פון אַ שתדלן פאַר זיי, אַמאָל אין דער ראָלע פון אַ טרייסטערין, אַמאָל אין דער ראָלע פון אַ קעמפערין, אַלעמאָל אַן אויפריכטיקע, און ווי יעדער הייסער און אויפריכטיקער מענטש, אַ קנאַפּ אויסגערעכנטע און ניט קיין געניג לאַנגזאַמע. און אויב מען דאַרף געפינען אַ טיפישן שריפטשטעלער פון דערדאָזיקער איבערגאַנגס-עפּאָכע, באַווייזן דעם בהדרגהדיקן אָנוואוקס פון די סאָציאַלע אידעאַלן, אויפדעקן דעם כאַראַקטער פון די וואַקלענישן און פון די פיינלעכע ספקות, וועלכע זיינען געווען, איידער עס איז קלאָר און באַשטימט געשטעלט געוואָרן די סאָציאַלע פראַגע, קען מען אוודאי ניט אָנווייזן קיין בעסערן מוסטער פאַר זשאָרזש זאַנד.

איר לעבן איז געווען אַזאַ, אַז די סותרדיקע שטרעבונגען פון דער עפּאָכע האָבן זיך אין דער וועלט, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט, אָפּגעשפּיגלט באַזונדער בולט.

אירע ערשטע קינדערשע איינדרוקן זיינען ענג פאַרבונדן מיט דעם קלאַסן-אַנטאַגאָניזם פון אָנהייב יאָרהונדערט. איר פאָטער האָט התונה געהאַט קעגן דעם ווילן פון זיין מוטער, און די שטאָלצע באָבע האָט דאָס גאַנצע לעבן ניט געקאָנט איינגאַנצן שלום מאַכן מיט דער שנור. אַז מאָריס דיופּען, אַ לעבנסלוסטיקער און אַן ערלעכער אָפיציר, איז אומגעקומען בשעת אַ שפּאַציר, אַראָפּגעשליידערט פון אַ פערד, האָבן זיךביידע פרויען אָנגעהויבן קריגן פאַר דער קליינער אוראָרע — די קינפּטיקע זשאָרזש-זאַנד. איר מוטער האָט געוווינט אין פאַריז, די באָבע אין דאָרף, אוראָרע האָט געוואוינט ביי דער באָבען, אָבער די מוטער פלעגט אָפט קומען אין דאָרף, און די באָבע קיין פאַריז. עס האָט זיך אָנגעהויבן יענער שטילער משפחה-קאַמף, וואָס לאָזט קינדער פרי אָנהייבן צו פאַרטראַכטן זיך, וואָס פאַרגיט זייער שוואַכן מות

אומרואיקע אַרבעט. די באָבע און איר געזעלשאַפט האָבן געהאַלטן פאַר די ראָיאַליסטישע טראַדיציעס און געוווינהייטן. די מוטער איז געווען אַ דעמאָקראַטין. פון דער באָבעס קרייז, וואו אַריסטאָקראַטן פון פאַר-דער רעוואָלוציע-צייט, גלחים און פאָרשטייער פון אַלטן רעזשים פלעגן אַרויסזאָגן זייערע אָרטאָדאָקסאַלע און לעגיטימיסטישע אָנשויאונגען, פלעגט די מיידל אַריינפאַלן אין איר מאַמעס באַשיידענער דירה, וואו מען האָט מיט צאָרן גערעדט וועגן דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע, מען האָט פאַרמשפט די צביעות פון די גלחים און אויסגעשפעט די צעלאָזנקייט און די לעכערלעכע מאַנירן פון די מאַרקיזינס און גרעפינס. אויראָרעס מוטער, וועלכער עס האָט געפעלט דער געפיל פון טאַקט, האָט זיך ניט געשטערט אָפּצולאַכן פון די לעצטע שטאַמען פון דעם אַמאָל גלענצנדן פראַנצויזישן אַדל. צווישן אירע דעמאָקראַטישע פריינד האָט זיך באַזונדער בולט אַרויסגעוויזן די ניט נייטיקייט פונם עטיקעט, פון די שטרענגע מאַנירן און פאַראיידלטע געשמאַקן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן ביי דעם גוססדיקן פעאָדאַליזם. די באָבע האָט ניט פאַרהוילן איר עקלגעפיל צו דעם המון, וואָס הייבט דעם קאָפּ. און אין זשאָרזש זאַנדס שאַפונגען ווערט די אַפּאָלאָגיע פון המון איבערגעריסן מיט בילדער פון דער אָפּגעלעבטער, אָבער פּאָעטישער אָרדענונג, מיט בילדער, וואו דורך אַ ראָמאַנטישן שלייער לעבט ווידער אויף די פיינע העראָאישע פאַרגאַנגענהייט.

זשאָרזש זאַנד האָט צו דאַנקען פאַריז פאַר דער באַקאַנטשאַפט מיט די ליבעראַלע שטימונגען פון דער עפּאָכע, און דער דאָרף האָט איר אויסגעלערנט ליבן די נאַטור און די פאַטריאַרכאַלע לעבנס-אָרדענונג. דאָ האָט זי געקליבן בלומען, געהאָלפן די פאַסטעכער פיטערן די שאָף, און אין די לאַנגע ווינטעראָוונטן האָט זי געהערט שרעקלעכע מעשיות וועגן שדים, אויפנעמענדיק די פּאָעטישע בילדער פון דער פאָלקס-פאַנטאַזיע, אָנזאַפנדיק זיך מיט דער ריינקייט און פרישקייט פון אוראַלטע געפילן און געדאַנקען. עס האָבן זי אויך ניט אויסגעמיידט די רעליגיעזע וואַקלענישן פון דער עפּאָכע. איר באָבע, אַן אַלטע ראָיאַליסטין, איז אין פראַגן פון אמונה געווען אַ פריידנקענדיקע וואָלטעריאַנערין, און אַפילו פאַרן טויט האָט זי ניט נאָכגעגעבן די פאָדערונגען פון דער קאַטוילישער קירך. אָבער די צייט האָט צוריק אויפגעשטעלט די אַכטונג צו די יסודות פון דער אַלטער אָרדענונג, און מען האָט אויראָרען לויטן מנהג גענויט, ווען איר איז געוואָרן 13 יאָר, גיין צו קאָנפירמאַציע. אַזוי האָט די פאַרפלאָנטערטע אין סתירות אַלטע באָבע-לעגיטימיסטין באַשלאָסן אַ פשרה צו מאַכן צווישן איר אומגלויבן מיט אירע סימפּאַטיעס צו דער אַלטער אָרדענונג.

ביז דעמדאָזיקן ערשטן מאָל אויפנעמען דעם הייליקן אָוונטמאָל האָט די קליינע אוויראָרע פון דער באָבען געהערט נאָר וואָלטעראַנישע פרושים אויף די עוואַנגעלישע וואונדער. נאָך דעם האָט שוין די באָבע מערניט געטראַכט וועגן דער אייניקלס רעליגיעזער דערציאונג.

דער אינסטיטוט ביים קלויסטער פון די ע נ ג ל ע נ ד ע ר י נ ס, וואוהין אוראָרע איז אַריינגעפאַלן פון דער באָבעס הויז, האָט אויף דער קינפטיקער שריפטשטעלערין געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. דאָ האָט מען פיל געטראַכט, גאָט געבעטן און געלעבט; מען האָט זיך ווייניק געקריגט און פיינט געהאַט. דאָ האָט זי געלערנט וועגן דעם לעבן פון די הייליקע און באַוואונדערט די קראַפט פון זייער אמונה. ביי דער באָבען אין הויז האָט זי אפשר געלאַכט צוזאַמען מיט די פריידענקענדיקע פראַנטן, וועלכע האָבן איבערגעחזרט וואָלטערס שפּאַסן וועגן די הייליקע. איצט, אונטער די סופיטן פון דעם טונקעלן קלויסטער, אונטערן פייערלעכן קלאַנג פון די גלעקער, האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן נייע געדאַנקען. די „תשובה" פון דעראָזיקער „בעזהרפּהטניצע", ווי זי האָט אויסגעזען אין דער באָבעס אויגן,—איז איינע פון די סאַמע טשיקאַווע זייטן אין יענער עפּאָכע, וואָס האָט פאַרפלאָנטערט אַלע אירע באַציאונגען. אַ מוטער אַ דעמאָקראַטין און אַ באָבע אַ האַלבע ראָיאַליסטין אַ האַלבע וואָלטעריאַנערין, און לסוף אַן עקזאַלטירטע מיידל, וואָס פאַרברענגט שעהנווייז אין עקסטאַטישע תפילות, וואָס איז זיך יעדן זונטאָג מתוודה, וואָס טראָגט אויפן האַלז אַ שטעכעדיקע פיליגראַנען-קייטל, פון וועלכן זי באַקומט בלוטיקע וואונדן. דער גלח פּרימאָר, מיט וועלכן די יונגע מיידל איז באַקאַנט געוואָרן אין קלויסטער, שטעלט מיט זיך פאָר אויך אַזאַ כאַראַקטעריסטישע ערשיינונג פון דער עפּאָכע, ווי די ראָיאַליסטין-וואָלטעריאַנערין. ווען ער האָט באַמערקט, אַז די תפילות און די סגופים שאַדן דער מיידל, האָט ער איר פאַרבאָטן איר רעליגיעזן פלייס און געהייסן שטיפן און שפילן זיך מיט די חברטעס. זיין קלוגער טאַקטיק האָט אויראָרע אין אַ באַדייטנדיקער מאָס צו דאַנקען דערפאַר, וואָס זי איז ניט אינגאַנצן אַוועק פון וועלטלעכן לעבן. אַ גלח, וואָס איז קעגן אַסקעטיזם, וואָס לייקנט אָפּ די אומבאַדירלעכע דאָגמע, אַז אויסער דער קירך איז ניטאָ קיין רעטונג — דעראָזיקער משונהדיקער גלח דערפילט די בונטע גאַלעריי פיגורן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די ערשטע יוגנט פון דער קינפטיקער שריפטשטעלערין.

זי האָט חתונה געהאַט דערפאַר, וואָס פריער-שפּעטער דאַרף דאָך יעדע מיידל חתונה האָבן. זי האָט אויסגעוויילט דעם הער דידעוואַן ניט דערפאַר.

וואָס זי איז אין אים געווען פאַרליבט, אָדער ער — אין איר. ער האָט זי ניט געהאַלטן „ניט פאַר קיין שיינהייט, ניט פאַר קיין שיינינקע", נאָר דערפאַר וואָס זי האָט „אַ קלוגן און אַ גוטן אויסזען", און ווען עמיצער האָט אין שפּאַס געזאָגט, אַז זי וועט זיין ווייב זיין, האָט ער דערפילט, אַז „ווען דאָס וואָלט געשען, וואָלט ער געווען גליקלעך". ער האָט איר קיינמאָל ניט גערעדט וועגן ליידנשאַפטלעכער ליבע, נאָר איבערהויפּט וועגן חברשאַפט און אַכטונג. ער איז אויך געווען ניט רייך, און דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן גיכער דערפאַר, וואָס עס זיינען ניט געווען קיין טעמים קעגן אים, איידער דערפאַר, וואָס ער האָט אַנטשפּראָכן וועלכע ניט איז אויסרעכענונגען לטובת דער פאַראייניקונג פון דידאָזיקע צוויי מענטשן, וואָס האָבן איינער פאַרן צווייטן קנאַפּ געפּאַסט. זי איז געשטאַנען העכער פאַר אים אין דער גייסטיקער הינזיכט. דער שידוך, וואָס האָט דער יונגער אומדערפאַרענער מיידל געשיינט אַלס אַ ניט וויכטיקער טריט, האָט זיך אין דער ווירקלעכקייט אַרויסגעוויזן פאַר אַ שרעקלעכן און אַ באַדייטנדיקן. מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויף די סיבות פון איר מחלוקת מיטן מאַן. מיר וועלן נאָר אָנווייזן, אַז די געשיכטע פון איר לעבן מיטן מאַן, דאָס איז די געשיכטע פון איר ערוואַכונג, דער ליידנשאַפטלעכער קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון איר פּערזענלעכקייט. דאָס איז געווען די ערשטע פּראָבע פון אירע קרעפטן. זי האָט ניט מורא געהאַט אַרויסצוטראָגן איר משפחה-מחלוקת פאַר דער עפנטלעכקייט. פון דעמדאָזיקן פּרווו האָט זי אַרויסגעטראָגן די ערשטע קלאָרע און באַשטימטע אידעע: „איך וויל ניט, מען זאָל מיך איבערטראָגן ווי אַ לאַסט; איך וויל, מען זאָל מיך ליבן און פאַרלאַנגען ווי אַ פרייע פריינדין, וועלכע וועט מיט אים לעבן נאָר דאַן, ווען ער וועט עס פאַרדינען", — האָט אויראָרע געשריבן צו דיודעוואַנען אין 1830 יאָר, נאָכדעם ווי זי האָט זיך איבערצייגט, אַז דער מאַן האָט צו איר ניט קיין צוטרויען און קיין אַכטונג. די פרייהייט פון דער פּערזאָן איז געוואָרן איר אידעאַל. באַגרענעצטע מענטשן זעען איין אין פּערזענלעכן גליק נאָר דעם איינזאַם שטייענדיקן צופאַל. מענטשן געניאַלע, וואָס באַזיצן אַ ברייטן פאַראַלגעמיינערנדיקן שכל און אַ וואַכזאַם האַרץ, קאָנען אין דער פּריוואַטער אומגערעכטיקייט באַמערקן די אָפּשפּיגלונג פון דער אַלגעמיינער סאָציאַלער אומאָרדענונג. די חתונה, וואָס האָט זיך פריער אויראָרען געדאַכט, אַז דאָס איז אַ טריט, וואָס איז נייטיק פאַר יעדער מיידל, האָט איר איצט אָנגעהויבן אַרויסווייזן ווי אַ פאַרקערפּערונג פון אייביקער אומגערעכטיקייט, ווי קייטן, וואָס שמידן איין די פרייע אַנטוויקלונג פון דער אינדיווידואַליטעט. און די קאָנ-

פליקטן פון דער אַרט זייגען די ערשטע, אין וועלכע זי האָט זיך געסטאַרעט אויפצודעקן די וואונדן פון דער הערשנדיקער אָרדענונג, — דאָס זיינען געווען די ערשטע סוּושעטן, וועלכע זי האָט אויסגענוצט, כּדי צו פאַרטיידיקן די רעכט פון די שוואַכע, כּדי צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ די אַלטע פאָראורטיילן. מען דאַרף, פאַרשטייט זיך, ניט רעכענען, אַז זשאָרזש זאַנד איז תּיכּף אַרויסגעטראָטן אין דער ראָליע פון אַ פּריידיקערין, אָדער אַ רעפאָרמאַטאָרין, אָדער אַז אירע ערשטע ראָמאַנען זיינען געווען אַ פאַראַלגעמיינערטער פּראָטעסט קעגן דער אומגערעכטיקייט, פון וועלכע זי האָט אַליין געליטן, אָבער פונדעסטוועגן איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אינדיאַנע און וואַלענטינע זיינען אַרויס אין 1833, לעליע אין 1834 יאָר, און זשאַק אין 1835 יאָר. אַזוי אַרום זיינען דידאָזיקע ערשטע ווערק, וואָס זיינען דורכגעדרונגען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס מיט דער אַלגעמיינער שטימונג, אַרויס אוממיטלבאַר פאַר דער ענדגילטיקער לייזונג פון אירע סכסוכים מיטן מאַן, וועלכע האָבן זיך פאַרענדיקט אין 1836 יאָר, לויט דעם פּסק-דין פון געריכט, מיט גט. דידאָזיקע ראָמאַנען זיינען געשריבן געוואָרן אין די טעג פון שווערער אָנשטרענגונג, ווען די באַליידיקטע פרוי האָט באַזונדער שווער געפילט די נעגאַטיווע זייטן פון דעם חתונה-בונד. זשאָרזש זאַנד איז זייער אַ סוביעקטיווע שריפטשטעלערין, און אַזעלכע שריפטשטעלער טראַכטן פריער און מער פאַר אַלץ וועגן אַנטפּלעקן זייער אינערלעכע וועלט. זיי גייט ניט אָן, אויב דידאָזיקע אַנטפּלעקונג וועט ברענגען אַפילו צום חורבן פון אַ וועלט, וואָס ליגט אויסער זייער „איך”. זיי מוזן פריער פאַר אַלץ און פאַר יעדן פּרייז פונאַנדערקלייבן זיך אין די מאַסע אינערלעכע סתּירות, וואָס רייסן זיי.

זשאָרזש זאַנד אין די ערשטע ראָמאַנען איז איבערהויפּט אַ ליריקערין. אָבער איר ליריק, — אפשר בשוגג פון איר זייט, האָט צייטנווייז געקלונגען ניט בלויז ווי אַ טרויער-ליד, מיט מלחמה געשריי און מיט רעוואָלוציע-רוף. ליבע איז די הויפּט-אַקס אין דידאָזיקע ערשטע ראָמאַנען. זשאָרזש זאַנד האָט געגלויבט, אַז ליבע קומט פון גאָט. זי איז נאָכגעגאַנגען נאָך דעם דעמאָלט פאַרשפּרייטן מנהג ביי די פראַנצויזישע פּאָעטן אַריינצוטראָגן עפּעס מיסטישס אין די סאַמע הייסע אַרויסווייזונגען פון ליידנשאַפט. אָבער קיין פּאָעט, — זאָגט קאַראָ אין זיין עטיוד, — קיין ראָמאַניסט האָט ניט אַזוי אָפנהאַרציק מיסגעברויכט מיט גאָטס אָנטייל אין ליבע-ענינים, — אַפילו אַזוי ריינהאַרציק, ווי זשאָרזש זאַנד”. און ווירקלעך, זשאָרזש זאַנד האָט אין דעם געפיל פון ליבע געזען, אַן אַרויסווייזונג פון דער העכערער קראַפט, וואָס איז אומצעברעכלעך,

וואָס לאָזט זיך קיין השפעה ניט אונטערגעבן. „דער גוואַלדיקער יתרון פון דעמדאָזיקן געפיל איבער אַלע אַנדערע און זיין געטלעכער מהות, — זאָגט זי, — ווערן דערוויזן דורך דעם, וואָס ער ווערט געבוירן ניט פון אַ מענטשן, און וואָס דער מענטש קאָן איבער אים ניט שאַפן לויט זיין ווילן; דורך דעם וואָס דער מענטש קאָן לויט זיין ווילן אים קיינעם ניט שענקען, אָדער ביי וועמען אָפּנעמען; דורך דעם, וואָס דעם מענטשנס האַרץ באַקומט אים פון הימל אַלס אַ מתנה, מיט וועלכן עס ווערט באַשענקט דער ווען, וואָס איז פון אַלע אַנדערע אויסדערוויילט דורך דער געטלעכער השגחה. און אויב אַ מעכטיקער גייסט האָט אויפגענומען דעמדאָזיקן געשענק, וועלן אומזיסט אַלע מענטשלעכע אויסרעכענונגען אַרויסשטעלן זיך אים צו פאַרניכטן, — ער וועט לעבן אַליין פון זיך מיט דער קראַפט פון דער אייגענער מעכטיקייט. אַלע מיטהעלפער, וועלכע ווערן אים געגעבן, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, וואָס ער ציט אַליין צו — פריינדשאַפט, צוטרויען, סימפּאַטיע, אַפילו אַכטונג, — זיינען נאָר אונטערטעניקע פאַרבינדעטע; די ליבע אַליין האָט זיי באַשאַפן, זי קאָמאַנדירט איבער זיי, זי לעבט זיי איבער".

ניט קיין וואונדער נאָך דעם, וואָס אירע ערשטע ראָמאַנען זיינען געווען ניט בלויז אַן אַפּאָלאָגיע פון דעמדאָזיקן געפיל, נאָר אויך אַ דייטלעכע באַאַרבעטונג פון זיין פּסיכאָלאָגיע, אַ בילד פון טראַגישע קאָליזיעס, וועלכע אַנטשטייען ביים צוזאַמענשטויס פון שטאַרקער ליידנשאַפט מיט אויסערלעכע מניעות. לסוף — אַ גאַלעריי פּאָרטרעטן, אין וועלכע עס זיינען פאַרקערפּערט די טרעגער פון דער ראָמאַנטיסטנס הייליקע אידעאַלן, אָדער די באַלערבאַרע ביישפּילן פון עגאָאיזם און אכזריות מצד דעם מאַנסביל, אָדער די רירנדיקע איבערגעבנקייט מצד דער פרוי.

דער סוזשעט פון אינדיאַנע איז ניט קיין קאָמפּליצירטער. די אומגליקלעכע פרוי, אויסגעפייניקט דורך איר אכזרישן מאַן, דעם פּאָלקאָווניק דעלמאַר, וואָס פאַרשטייט זי ניט, אַנטלויפט צו איר שטאַרק געליבטן ראַימאָן. אָבער איר געליבטער ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ מענטשן, וואָס מען רופט געוויינלעך „אַן אָנשטענדיקער": ער שטעלט העכער פאַר אַלץ די מיינונג פון דער געזעלשאַפט און פון זיין קאַריערע, און איבערגעזעטיקט זיך מיט דער ליבע צו אינדיאַנען, וואַרפט ער זי אַוועק צוליב אַ גוטן שידוך. די אָרעמע פרוי, וועלכע האָט איבערגעליטן אַזויפיל דערנידערונג און ליידן, וויל מאַכן אַ סוף צו איר לעבן, אָבער איינער, סער ראַלף, וואָס איז שטאַרק פאַרליבט אין אינדיאַנען אַ משך פון פיל יאָרן, דערשיינט אין דער רגע פון איר יאוש, און

דער ראָמאַן ענדיקט זיך דערמיט, וואָס אינדיאַנע מיט ראַלפן פאַראייניקן זיך אויף גאָר זייער לעבן.

דערדאָזיקער איינפאַכער סוזשעט פון זשאָרזש זאַנדס ערשטן גרויסן ראָמאַן, האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצופירן די הויפּט־טיפּן, וועלכע חזרן זיך מיט פאַרשיידענע וואַריאַציעס איבער פיל מאָל אין אירע שפּעטערדיקע ראָמאַנען. די העלדין גופא, איר גורל, די געשיכטע פון אירע באַציאונגען צו איר מאַן און צום געליבטן — דאָס איז אַלץ אַ טרויעריקע דערציילונג וועגן די שווערע פּיינען און שענדלעכע דערנידערונגען, וואָס עס האָבן געמוזט איבערלעבן די פּיאָנערינס פון די נייע שטרעבונגען, וואָס האָבן ניט געהאַט גרייט דאָס טראַדיציאָנעלע פרויען־געווער—ליגן און פאַלשקייט. דאָס איז געווען אַ ריינע, אַן איידעלע נשמה. דער גרעסטער פאַרברעכן איז ביי איר געווען—רמאות, און אין דעריין איז איר טראַגישער שולד. אַ באַהאַלטענע ביטערקייט הערט זיך אין דעם אויטאָרס רייד, ווען ער דערקלערט די סיבות פון דעם כסדר אָנוואַקסנדיקן משפחה־קריג. די יאָרהונדערטן פון דעם מאַנסבילס הערשאַפט האָבן קאַליע געמאַכט זיין כאַראַקטער, אים איינגעוויינט ליב צו האָבן ליגן מער פאַר אויפריכטיקייט, איינגעוויינט צו זעלבסטפאַרגעטערונג, און די פרוי האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַ נישטיקן מיטל פון באַפרידיקן זיינע אומנאַטירלעכע אינסטינקטן. „עס איז קיין זאַך ניט לייכטער געווען, ווי דערוויכן זיין הארץ און איינעמען זיין כאַראַקטער, ווען מען זאָל נאָר וועלן אַראָפּלאָזן זיך צו זיין גראַד און אַריינלאָזן זיך אין דער ספערע פון געדאַנקען, וואָס זיינען פאַר אים צוטריטלעך... ער וואָלט וועלן איבערציי‌גן, און ער האָט געקענט מערניט ווי באַפוילן, אים האָט זיך געוואָלט קיניגן, און אויסגעקומען איז אים געוועלטיקן". אָבער אינדיאַנע איז געווען אַ שלעכטער אָביעקט פאַר אַזאַ מין זעלבסט־תענוג מצד דעם מאַנסביל. זי איז געווען שטאָלץ און טרוקן אין איר אונטערגעגעבנקייט, זי איז אַלעמאָל געווען שווייגנדיק־געהאָרכזאַם, אָבער דאָס איז געווען שווייגעדיקייט און געהאָרכזאַמקייט פון אַ קנעכט, וואָס האָט די שנאה געמאַכט פאַר זיין ווערדע, און דאָס אומגליק—פאַר זיין פאַרדינסט. איר עניוות איז געווען יענע גרויסקייט פון אַ קיניג, וואָס איז בעסער גרייט אויף תפיסה און קייטן, איידער אָפּזאָגן זיך פון זיין טראָן און גדולה". אַזאַ איז דער ערשטער שטריך פון דערדאָזיקער נייער פרוי, וועלכע זשאָרזש זאַנד האָט אַרויסגעפירט. דידאָזיקע פרוי פּראָטעסטירט אין נאָמען פון מענטשלעכער ווערדע; זי האָט שוין פאַרשטאַנען דעם דערנידערנדיקן כאַראַקטער פון די טראַדיציאָנעלע באַציאונגען צו איר מצד דעם מאַנסביל. זי ווייס זיך

ניט ארויפלאָזן דערצו, אַז זי זאָל באַקומען די הערשאַפט מיט דער הילף פון אַמאָליקע פרויען־מיטלען. „אַ געוויינלעכע פרוי וואָלט געהערשט איבער דעם־דאָזיקן געוויינלעכן מענטשן, זי וואָלט גערעדט מיט זײַנע ווערטער און גע־טראַכט אויפן אייגענעם שטייגער, זי וואָלט זיך פאַרשטעלט, כּלומרשט זי אַכט זײַנע פּאָראורטיילן, און שטילינקערהייט וואָלט זי זיי געטראָטן אונטער די פיס; זי וואָלט אים געלאַשטשעט און אין דערזעלבער צייט—געגנאַרט.

אינדיאַנע האָט זיך אַבטזאַגט פון אַזאַ מין צופּאַסן זיך צום מאַן. איר דערצאָרנט דידאָזיקע ראָלע פון אַ שפּילצייג ביי דעם מאַנסביל אין די הענט; זי וויל ניט זיין קיין דינסט ביי די קאַפּריזן פון אַן אַנדער וועזן. אָבער אינ־דיאַנעס אידעאַלן שטימען ניט מיט דער קראַפט און מיט דער גרייס פון דעם־דאָזיקן פּראָטעסט. די איינזייטיקייט פון איר נאַטור, די באַגרעניצטקייט פון דער ספערע, אין וועלכער עס וויקלט זיך פונאַנדער איר איבערלעך לעבן—דאָס איז דער צווייטער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דערדאָזיקער העלדין. זי זוכט פרייהייט נאָך אין דעם געביט פון געפיל, און עס וואָלט געווען אַ טעות, איינצוזען די סיבה פון איר ליידן אין דעם, וואָס זי האָט ניט קיין טעטיקייט. זי האָט ליב ריימאָנען, און וויל אים ליבן אָפן. אַ שטאַרקע און אַ שטאָלצע בנוגע דעם מאַן, ווייזט זי אַרויס וואונדערלעכע ווייכקייט, אַלצפאַר־צייענדיקע ווייכקייט און צאַרטע נאָכגעביקייט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן איר געליבטן. פּראָטעסטירנדיק מיט קאַלטער עקשנות קעגן די קייטן פון חתונה, באַווייזט זי זיך פאַר פולקום אַ פרוי מיט אַלע אירע אַלטע שוואַכקייטן, מיט איר גאַנצער הילפלאָזיקייט קעגן דעם געפיל פון ליבע. באַליידיקט פון ריימאָן, קערט זי זיך אום צום מאַן, אָבער זי קאָן ריימאָנען ניט פאַרגעסן, און ווען דערדאָזיקער אויסגעלאַסענער מענטש ווענדט זיך צו איר מיט גוטע בריוו, צינדט זיך דער ליבע־געפיל מיט נייער קראַפט אָן אין איר האַרצן. „זי האָט געהאַט די טרויעריקע געוויינהייט אַלע אָוונט צו פירן אַ טאָג־בוך, וואו זי האָט אויסגעדערציילט אַלע אירע צרות פון טאָג. דערדאָזיקער טאָג־בוך איז געשריבן געוואָרן פאַר ריימאָנען. און הגם זי האָט ניט גערעכנט אָפּצושיקן עס צו אים, פונדעסטוועגן האָט זי געשמועסט מיט אים אַמאָל ליידנ־שאַפטלעך, אַמאָל מיט פאַרביטערטקייט וועגן די אומגליקן פון איר לעבן און וועגן די געפילן, וועלכע זי האָט אין זיך ניט געקענט דערשטיקן".

אינדיאַנע איז די טיפּישע העלדין פון זשאָרזש זאַנדס ראָמאַנען. אירע פּרעטענזיעס זיינען אַ היכטיקער מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער פרויען־באַוועגונג. ערוואַכט צוזאַמען מיט דער גאַנצער געזעלשאַפט פון לאַנגן שלאָף,

זש. = זאַנד

האָט אויך די פרוי, אין דער עפּאָכע, ווען עס זיינען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אַלע אויטאָריטעטן, ווען עס האָבן זיך געוואַקלט אַלע יסודות, אויף וועלכע די געזעלשאַפט האָט זיך געהאַלטן הונדערטער יאָרן, געפילט די שטרעבונג צו באַפרייען איר פּערזענלעכקייט. אָבער די געשיכטע האָט די פרוי לאַנג דערצויגן אין איין ריכטונג, אין משך פון יאָרהונדערטן האָט מען פאַר איר אויסגעצאַמט איין ספערע פון טעטיקייט, און עס איז קיין וואונדער, וואָס, ווען די באַפרייאונגס-אידעען זיינען אַריינגעדרונגען אין איר באַוואוסטזיין, האָט זי ניט גלייך געקענט שטרעבן צו עמאַנסיפּאַציע און גלייכבאַרעכטיקונג אין דער ספערע פון עקאָנאָמישער, גייסטיקער אָדער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט: זי האָט געדאַרשט נאָך פרייהייט פריער פאַר אַלץ אין יענעם געביט, וואָס האָט, אַדאַנק די היסטאָרישע באַדינגונגען, געשפילט די ערשטע ראָל אין איר לעבן, — אין דעם געביט פון געפיל.

דאָס רוב העלדינס, וואָס זיינען אַרויסגעפירט אין זשאָרזש זאַנדס ערשטע ראָמאַנען, שטעלן מיט זיך פאָר בייע וואַריאַציעס פון דעמזעלבן טיפּ. דאָס זיינען קרבנות און מאַרטירערינס פון פרייער ליבע, ווי עס זיינען געווען קדושים און העלדן פון רעליגיעזע און וויסנשאַפטלעכע איבערצייגונגען. וואַלענטינע, די העלדין פון אַ צווייטן ראָמאַן, האָט חתונה לויט איר מוטערס פאַרלאַנג מיט דע-לאַנשאַק, און פאַרליבט זיך אייגיכן אין בענעדיקטן, וואָס שטאַמט פון המון. דאָ איז אויסגעמאָלט מיט וואונדערלעכער קראַפט דער גאַנצער גרויל פון דער פרויס לאַגע, וואָס האָט ניט ליב דעם מאַן און מוז אים דאָך אין דערזעלבער צייט ליבן; דער גאַנצער אַבסורד פון דער טראַדיציאָנעלער מאָראַל, וואָס נויט דעם פרייען געפיל אויסצווייזן זיך לויט די פאָרשריפטן פון דער געזעלשאַפט. פאַר וואַלענטינען אין די אויגן קומט אום לואיזע, אַ געפאַלענע מיידל, וואָס די אייגענע קרובים האָבן זי פאַרשאָלטן. וואַלענטינע זעט אין איר טרויעריקן גורל די גאַנצע קראַפט פון די מענטשלעכע פאָראורטיילן; זי זעט אויף לואיזעס ביישפּיל, ווי אומברחמנותדיק די געזעלשאַפט שטראָפט פאַר עובר זיין אויף דער אָנגענומענער מאָראַל, און וואָס פאַר אַ גורל עס ערוואַרט זי אַליין אין פאַל, אויב זי וועט וועלן צערייסן די קייטן, וואָס די געזעלשאַפט האָט אויף איר אָנגעטאָן, וועט פאָדערן פרייהייט פאַר איר הארצן און וועט דרייסט אַוועק האַנט ביי האַנט מיט בענעדיקטן. וואַלענטינע און בענעדיקט גייען פאַרלאָרן, און ווידער שטייט פאַר דעם לעזער פון ראָמאַן אויף מיט גאָר זיין גרייליכער קראַפט דער געדאַנק, אויף וויפל די עקסיסטירנדיקע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג טויג ניט;

ווידער הערט זיך אין דער העלדינס ליידן אַמאָל דער האָפענונגסלאָזער טרויער פון געדריקטן מענטשן, אַמאָל דער שרעקעדיקער געשריי פון דעם רעוואָלוציע־שופר, וואָס רופט צום קאַמף קעגן די באַדריקער.

אָבער ערגעץ באַקומט די געשטאַלט פון דער ליבנדיקער פרוי ניט אַזאַ אָריגינעלע באַלייכטונג, ווי אין דעם ראָמאַן לעליע. מיר האָבן פאַר זיך צוויי העלדינס, לעליע און פולכעריע. איינע איז די פאַרקערפערונג פון דער העכערער ספּיריטואַליסטישער ליבע, די צווייטע — פון מאַטעריעלער, גשמיותדיקער. לעליע ליבט דעם פּאָעט סטעניאָ, איז פון אים געליבט, אָבער זי זוכט ניט צו זיין נאָענט מיט אים און האַלט הייליק די ריינקייט פון דער־דאָזיקער ליבע. פולכעריע פאַרקערט איז די פריסטערין פון תענוגים. זי פאַר־שטייט ניט איר שוועסטערס געהויבענעם פּלאַטאָנישן געפיל; זי זעט, אַז דער סך הכל פון אים זיינען ליידן סיי פאַר לעליען, סיי פאַר די אַרומיקע. און פולכעריע נעמט זיך צעשטערן לעליעס אילוזיעס. אַדאַנק דער גלייכקייט פון ביידע שוועסטערס שטימען, נעמט סטעניאַ אין דער פינסטער אָן פולכעריען פאַר לעליען. די לעצטע איז דאָ דערביי זייער שמועס. ביידע שוועסטער ריידן מיט סטעניען, און ער מיינט, אַז ער רעדט מיט לעליען אַליין. ער פאַרשטייט ניט, אַז, ניט קוקנדיק אויף דער גלייכקייט פון די שטימען, געפינען זיך פאַר אים צוויי גאַנץ ניט ענלעכע נפשות, צוויי פאַלן פון דער מענטשלעכער נאַטור. ער פאַרשטייט ניט, אַז לעליעס ספּיריטואַליסטישע רייד, און פולכעריעס מאַטעריאַליסטיש־ליידנשאַפטלעכע ווערטער קאָנען ניט אַרויסקומען פון איין האַרצן. ער מיינט, אַז ער האָט לסוף איינגענומען לעליעס האַרץ און ער ווערט פולכעריעס געליבטער.

די געשיכטע פון דער פרויס ערשטע באַפרייאונגס־טריט איז פול מיט וואַקלענישן און קאָמפּליצירטע פעריפּעטיעס, געגליכן צו דער באַפרייאונגס־באַוועגונג אין אָנהייב יאָרהונדערט בכלל. אויב אין באַיראָנס פּאָעזיע באַגע־גענען מיר אין איין שורה מיט אומבאַשטימטע אָבער הייסע פּראָטעסטן, אין איין שורה מיטן רופן צום קאַמף, אויך פעריאָדן פון פינסטערן יאוש, — זעען מיר פונקט אַזאַ טויש פון די שטימונגען אויך ביי די פּראָטעסטירנדיקע העלדינס פון זשאָרזש זאַנדס ראָמאַנען. אויב אין אינדיאַנע און וואַלענטינע וועגט איבער דער מאָטיוו פון פּראָטעסט, דינט לעליע אַלס אויסדרוק פון האָפענונגסלאָזן יאוש, אין וועלכן די פרוי איז אַריינגעפאַלן ביי די ערשטע טריט פון איר שווערן וועג. עס איז פאָרגעשטאַנען צופיל אַרבעט; דער שונא איז געווען צו שטאַרק, די מענער צופיל קאַליע פון דער יאָרהונדערטער־

הערשאַפט, אַז די פרוי זאָל קאָנען אויסרעכענען אויף נצחון. אַ באַליידיקטע אין אירע בעסטע געפילן, אַן איבערצייגטע דורך דער אייגענער ערפאַרונג אין דער אוממעגלעכקייט פון קאַמף, אין דער פרוכטלאָזיקייט פון די בעסטע שטרעבונגען, אין דער זינלאָזער אַכזריות פון דער נאַטור און פון לעבן, — שטאַרבט לעליע אָן פשרות מיט דער וועלטבאַשאַפונג. זשאָרזש זאַנד לייגט אַריין אין מויל פון איר העלדין אויפן טויטנבעט פאָלגנדיקע ווערטער, וואָס זיינען ווי אַרויסגענומען פון מאַנפרעדס מאָנאָלאָגן, אָדער פון לעאָפאַרדיס דיאַלאָגן: „יאוש און ליידן הערשן אומעטום אַרום, אַלע פאָרעס פון אַלץ, וואָס עקסיסטירט, לאָזן אַרויס טרויעריקע יללות! די כוואַליעס שלאָגן זיך מיט קרעכצן אָן ברעג, און דער ווינט קלאָגט און וויינט אין וואַלד. דידאָזיקע אַלעביימער, וואָס בייגן זיך אָן און הייבן זיך אויף נאָר, כדי ווידער אַראָפּצולאָזן זיי אונטער די קלעפּ פון שטורעמווינט, — טראָגן איבער שרעקלעכע ליידן. עס עקסיסטירט איינאייניציקער אומגליקלעכער, גרעניצלאָזער, שרעקלעכער, די גאָרע וועלט אומפאַסנדיקער וועזן, און די וועלט, וואָס איז אונז באַוואוסט, קאָן אים ניט איינהאַלטן אין זיך. ער איז דאָ אין אַלץ, און זיין שטים פילט אָן דעם וועלט־חלל מיט זיין אייביקער יללה. דאָס איז אַ געפּאַנגענער אין דעם גרעניצלאָזן חלל, וואָס רירט זיך און פאַלט, שלאָגט זיך מיטן קאָפּ און מיט די אַקסלען אָן די גרעניצן, וואָס עס שטעלן הימל און ערד. אָבער ער האָט ניט קיין מאַכט איבערצוטרעטן איבער זיי, און אַלץ דריקט אים, מאַטערט, מורשט, שילט און האַסט. ווער איז ער, און פון וואַנען איז ער געקומען?... איינע רופן אים פראָמעטיי, אַנדערע — שטן, איך אָבער רוף אים ליידנשאַפטלעכע לוסט, — איך, סיבילע, טרייסטלאָזע סיבילע, איך, דער גייסט פון די פאַרגאַנגענע צייטן! איך, די צעבראָכענע לירע, דער שטומער אינסטרומענט, וואָס זייגע קלאַנגען קאָן דער דור פון היינטיקער צייט ניט פאַרשטיין, אָבער וואָס אין זיין שויס איז באַהאַלטן אַ הימלשע האַרמאָניע; איך, די פריסטערין פון טויט, וועלכע פילט, אַז זי איז אַמאָל געווען אַ פּיפּיע און האָט שוין דעמאָלט געוויינט, האָט שוין דעמאָלט גערעדט, אָבער זי געדענקט שוין ניט דאָס רפואה־וואָרט... אָ, אמת, אמת! כדי זיך צו געפינען, האָב איך מיך אַראָפּגעלאָזט אין תהומות, אין וועלכע עס קאָן ניט אַריינבליקן אָן שרעק און קאָפּפאַרדרייעניש דער מוטיקסטער פון מאַנסביל... נאָר — אָ, אמת! דו האָסט זיך צו מיר ניט געוויזן! צען טויזנט יאָר זוך איך דיך אומזיסט. צען טויזנט יאָר הער איך אויף אַלע מיינע פראַגן איין ענטפער, — איך הער, ווי דער פאַרצווייפלטער יאָמער פון דעם מאַכטלאָזן לוסט קלינגט

איבער דערדאָזיקער פאַרפלוכטער ערד... צען טויזנט יאָר האָב איך גערופן אין דער ענדלאָזיקייט: „אמת! אמת!" און די גאַנצע צייט האָט מיר אָפּגעקלונגען אַן ענטפער: „אומעט! אומעט!" אומגליקלעכע סיבילע, שטומע פּיפּיע, צעשמעטער זיך דעם שטערן אָן די ווילן פון דיין היל, צעמיש דיין בלוט, וואָס דעמפּט אויס משוגעת, מיט דעם קאַלטן שוים פון ים!"

ווען די פּאָעטן פון דעם וועלט־שמערץ האָבן געזונגען זייערע טרויעריקע לידער וועגן דעם, וואָס עס איז ניטאָ קיין ציל אין דער וועלטבאַשאַפונג, וועגן דער אכזריות פון דער נאַטור און וועגן דער באַגרעניצטקייט פון די מענטשלעכע קרעפטן, האָבן זיי כמעט פאַרגעסן וועגן איין קרבן פון דער וועלטישער אָרדענונג — וועגן דער פרוי. די גראַנדיעזע פּרעטענזיעס פון פאַרשטאַנד, וואָס זייַנען געקומען בירושה פון די ענציקלאָפּעדיסטן, האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט זיין באַגרעניצטקייט, ווי נאָר ער האָט געוואָלט פאַרווירקלעכן דידאָזיקע פּרעטענזיעס, און די פּעסימיסטישע פּאָעזיע האָט אויפגעדעקט די גאַנצע טיפקייט פון די ליידן, וואָס עס ליידן אַלע לעבעדיקע. זי האָט אָבער פאַרגעסן, אַז די אויפקלערונגס־עפּאָכע האָט אָנגעצונדן דעם פלאַם פון פרייהייט אויך אין דער נשמה ביי דעם סאַמען וואַכזאַמען וועזן — ביי דער פרוי. און דער אייגנאַרטיקער שמערץ פון דערדאָזיקער ליידערין, וואָס זי האָט אויך אין אָנהייב יאָרהונדערטס דערפילט דעם תהום, וואָס טיילט אָפּ דעם אידעאַל פון דער ווירקלעכקייט, האָט כמעט זיך ניט געהערט אין די בענקענדיקע לידער פון די פּעסימיסטן. זשאָרזש זאַנד האָט דעמדאָזיקן בלויז דערפילט. זי האָט זיך הייס איינגעשטעלט פאַר די רעכט פון הארצן און פון געפיל, וועלכע שפּילן אין דער פרויס לעבן די הויפּטראָלע, האָט צו דער פרוי צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט און געגניט צו נעמען אירע אינטערעסן אין אַכט בשעתן איבערבויען די געזעלשאַפט.

אין איבסענס דראַמע נ אָ ר אַ גייט די העלדין אַוועק פון דער משפחה, מחמת ביי דעם ערשטן זעלבשטענדיקן טריט שטייסט זי זיך אָן אויף לאַנגאָנעדיקע אָנשויאונגען און זי איבערצייגט זיך, אַז דידאָזיקע אָנשויאונגען שטימען ניט מיט איר אייגענער וועלט־אָנשויאונג. זי האָט באַשלאָסן באַקענען זיך מיטן לעבן און זען, ווער איז גערעכט — זי, צי די געזעלשאַפט. זי האָט געוואָלט פון איר ווייבלעכן שטאַנדפּונקט איבערקוקן די לעבנסאָרדענונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די מאַנסבילן, וועלכע האָבן געטראַכט נאָר וועגן זיך, בשעת זיי האָבן זי איינגעשטעלט. איבסענס העלדין האָט געהאַט אַ לאַנגע קייט פון עלטערן, און אינדיאַנע איז די ערשטע פון דער משפחה.

אויב אין זשאַרזש זאַנדס פּרויענטיפּן איז פאַרקערפּערט דער פּראָטעסט קעגן די אַלטע פאָראורטיילן, אויב זיי סימבאָליזירן מיט זיך די האָפענונגען אויף אַ בעסערער צוקונפט, — זיינען די מאַנסביל פון די ערשטע ראָמאַנען אַ באַשיינפּערלעכע אילוסטראַציע דערצו, ווי אומבאַטירלעך עס זיינען געוואָרן אונזערע באַגריפן וועגן יושר, ערע, וועגן אמתן לעבן. אין דער פּערזאָן פון דעלמאַר, אינדיאַנעס מאַן, האָט זשאַרזש זאַנד אַרויסגעפירט אַ מענטשן, וועלכער שטעלט פאַר דעם גרעסטן היפוך פון אירע פרויען-טיפּן. זשאַרזש זאַנד האָט אויסגענוצט דעלמאַרן ניט נאָר כדי אונטערצושטרייכן אין אים די ספּעציפישע ברוטאַלע שטריכן פון דעם מאַנסביל, נאָר אויך כדי צו ערקלערן, פונוואַנען שטאַמט די הערשנדיקע וועלטאַנשויאונג, וואָס די פרויען האָבן אין איר אויס-אַרבעטונג קיין אָנטייל ניט גענומען. זי נוצט אויס דידאָזיקע פיגור, כדי צו מאַכן אַ גענעראַל-רעוויזיע פון די הערשנדיקע אָנשויאונגען, כדי איבערצושאַצן אַלע ווערטן. זי קוקט אויף אים, ווי אַ פרוי, און דידאָזיקע איינזייטיקע באַלייכ-טונג וואַרפט אויף דעלמאַרן אַ ביסל אַ פאַנטאַסטישע, אָבער אַ העלע, אין די אויגן שניידנדיקע ליכט. הינטער יעדן שטריכעלע פון זיין כאַראַקטער פילט זיך דער אויטאָר, וואָס שרייט, דוכט זיך, צו די מאַנסביל: „זעט, וואָס איר האָט געטאָן מיטן לעבן; איר האָט ביי אונז, פרויען, ניט געפרעגט, איר האָט עס באַשאַפן לויט אייער געשמאַק; די בעסטע סטרונעס פון דער פרויען-נשמה האָבן ניט געקלונגען, בעת די געזעלשאַפט איז געשאַפן געוואָרן, און דעריבער זיינען אַזוי אַבסורדיש אַרויס סיי אונזער לעבן, סיי אונזער מאָראַל״.

דעלמאַר איז פריער פאַר אַלץ אַן „אָנשטענדיקער מאַן״. דערדאָזיקער באַגריף האָט באַשטימטע סימנים, ער האָט אַפילו פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן. ער לאָזט זיך פון קיינעם ניט באַליידיקן, ער קאָן גוט פעכטן, מען האָט פאַר אים מורא, און ס׳איז אַ ספק, צי עמיצער וואָלט זיך ערלויבט צו שפּאַסן פון הער דעלמאַר. אַ צווייטער פּאָזיטיווער שטריך אין דעלמאַרן — דאָס איז זיין טיכ-טיקייט: ער קאָן אויסגעצייכנט פירן זיינע געשעפטן. ער איז אומבאַדינגט ער-לעך, ער לייט קיינמאָל ניט קיין געלט, מחמת ער האָט מורא, טאָמער וועט ער ניט קענען אומקערן דעם חוב. ער באַציט זיך מיט אַכטונג צו אַ פרעמדן טיי-סטער, און וועט גיכער שטאַרבן, איידער נעמען אַ שייט האָלץ פון קיניגלעכן וואַלד; דריטנס, איז ער פאַרטרוילעך, ער גלויבט שטענדיק אַ שבועה, אַפילו אַ פאַלשע. לסוף, האָט ער אַן אייזערן ווילן, ער מעג שטאָלצירן מיט זיין ביל-דונג. מיט איין וואָרט, ער האָט אַלע מעלות, ווען די פרוי מיט איר וואַכזאַמן האַרצן קומט אים אָפּשאַצן.

דעלמאַרס אַלע פּאָזיטיווע מעלות צערינען, ווי אַ רויך, און הינטער דער אויסערלעכער אָנשטענדיקייט ווייזט זיך אַרויס די נאַטור פון גראָבן אומרחמנותדיקן עגאָאיזם. ער שטעלט הויך דעם געפיל פון ערע, אָבער דערדאָזיקער געפיל האָט אים געמאַכט פאַר אַ ברעטיער, וואָס רופט אַרויס אַדאַנק זיין פויסט מערער מורא איידער אַכטונג. ער איז ניט שאַרפזיניק, פאַרשטייט ניט קיין שפּאַס, און קען אויף אים ניט ענטפערן, ווי מען באַדאַרף, דעריבער איז וואַרפן אַ מורא — דער איינציקער מיטל, מיט וועלכן ער קאָן נייטן צו שוויגן. ער איז טיכטיק, אָבער דידאָזיקע טיכטיקייט אין אים איז עגאָאיזם: ער טראַכט נאָר וועגן דעם ערפאָלג פון זיינע עסקים, און ער אינטערעסירט זיך כּלל ניט, ווי אַזוי וועט זיך דערדאָזיקער ערפאָלג אָפּרופן אויף אַנדערע; „זיין גאַנצער געוויסן באַשטייט אין געזעץ, זיין מאָראַל — איז זיין רעכט". ער נעמט קיין הלוואה קיינמאָל ניט, אָבער ער ניט אויך קיינעם קיין הלוואה ניט. ער וועט ניט נעמען קיין שייט האָלץ פון קיניגלעכן וואַלד, דערפאַר אָבער „וועט ער ניט געטראַכטערהייט שיסן יענעם, ווער עס וועט אַ צווייגעלע אויפהויבן אין זיין וואַלד. ער געטרויט אויף אַ שבועה, ער האָט אָבער ניט די פעאיקייט צו פאַרשטיין אַן ערלעכן אויפברויז פון געפיל, און וועט קיינמאָל ניט געטרויען קיין אויפריכטיקן צווזאָג.

ער האָט געהאַט אַן אייזערנעם ווילן, ער איז אָבער מאַכטלאָז געווען קעגן איינדיאַנעס פּאַסיוון ווידערשטאַנד, קעגן איר שוויגעדיקער אונטערגעגעבנקייט. „ער וואָלט וועלן, זי זאָל אים ליבן, ווייל ער האָט זיך גרויס געהאַלטן מיט זיין בילדונג, און האָט זיך געהאַלטן העכער פאַר איר. ער וואָלט אויסגעוואַקסן אין די אייגענע אויגן, ווען זי וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן צו אָנערקענען זיינע אידעען און איבערצייגונגען. ווען ער פלעגט איינדערפרי אַריין צו איר אין צימער מאַכן איר אַ פאָרוואורף, האָט ער זי אָפטמאָל געפונען אַ שלאָפּעדיקע, און ניט געוואַגט זי אויפצוועקן. ער פלעגט אויף איר קוקן שוויגעדיק. ער האָט זיך געשראָקן, זעענדיק די איידלקייט אירע, די בלאַסקייט פון אירע באַקן. ער האָט זיך געשראָקן, זעענדיק די מעלאַנכאָלישע רואיקייט, און די הכנעה פון צרות, וועלכע האָבן זיך אויסגעדריקט אין איר אומבאַוועגלעכן שטומען געזיכט. ער האָט אין אירע שטריכן געזען טויזנטער טעמים צו מאַכן איר פאָרוואורפן, צו נאָגן זי, צו זיין אין כּעס און צו באַאומרואיקן זיך. ער האָט זיך געשעמט, וואָס אַזאַ שוואַכער ווען האָט געהאַט אַזאַ ווירקונג אויף זיינעם, דעם אייזערנעם מענטשנס, לעבן... אַ פרוי, כּמעט אַ קינד, האָט אים געמאַכט פאַר אַן אומגליקלעכן. זי האָט אים געגנוויט צו פאַרטיפן זיך אין זיך אַליין,

אַנאַליזירן זײַנע פֿאַרלאַנגען, ענדערן פֿילע פֿון זיי, פֿילע אָפּוואַרפֿן, און דאָס אַלץ קיינמאָל ניט אַראָפּלאָזנדיק זיך דערצו, אַז זי זאָל אים זאָגן: „איר זייט ניט גערעכט, איך בעט אײַך טאָן אַזוי און אַזוי"... זי האָט אים קיינמאָל וועגן גאָרנישט ניט געבעטן. זי האָט זיך קיינמאָל ניט אַראָפּגעלאָזן דערצו, אַז זי זאָל ווערן זײַנע אַ פֿרײַנדין, אָדער זי זאָל זיך אָנערקענען פֿאַר זײַנעם אַ חבר. די-דאָזיקע פֿרוי, וועלכע ער וואָלט געקענט צעקוועטשן, ווען ער וואָלט געוואָלט, איז דאָ געווען פֿאַר אים, אַ ברעכעוודיקע, אפשר פֿאַר זײַנע אויגן טרוימענדיק וועגן עמיצן אַן אַנדערן, און ניט מורא האָבנדיק פֿאַר אים אַפֿילו אין שלאָף. ער וואָלט זי וועלן דערשטיקן, שלעפּן פֿאַר די האָר, טרעטן מיט די פֿיס, כּדי צו נייטן זי בעטן רחמים... און זי איז געווען אַזאַ קלײנינקע, אַ שײנינקע, אַ ווײַסינקע, אַז ער האָט אָנגעהויבן רחמנות צו האָבן אויף איר, ווי אַ קינד האָט רחמנות אויף אַ פֿייגעלע, וואָס ער האָט געוואָלט טויטן. און ער, דער-דאָזיקער אײַזערנער מענטש, האָט געוויינט, ווי אַ פֿרוי, און פֿלעגט אַוועק, כּדי ניט צו געבן איר די מעגלעכקייט צו פֿרייען זיך מיט זײַנע טרערן."

אין דעמדאָזיקן בילד איז, ווי אין אַ פֿאָקוס, קאָנצענטרירט דער זינען פֿון דער אייביקער שנאה צווישן ביידע געשלעכטער, דאָ זײַנען צוזאַמענגעקליבן די גרונטשטריכן, וועלכע שטערן זיי איינע די אַנדערע צו פֿאַרשטיין. וויפֿל אינערלעכע פֿאַראַכטונג צו דער פֿרוי איז פֿאַראַן אין דעלמאַרס יעדער גייסטיקער באַוועגונג! ער דאַרף פֿון איר נאָר איין זאַך — זי זאָל ענדלעך אָנערקענען, אַז ער איז העכער פֿאַר איר. ער פֿאָדערט פֿון דער פֿרוי נאָר זעלבסט-ערנידערונג. ער איז איר גרייט אַלץ מוחל צו זײַן, נאָר ניט דעם פֿאַרלאַנג צו זײַן אַ זעלבשטענדיקער מענטש; אַ מענטש, בײַ וועלכן עס זײַנען מעגלעך אייגענע געדאַנקען, אייגענע אינטערעסן, אַזעלכע, וואָס האָבן צו אים קיין שייכות ניט. און וויפֿל אַכזריות און דעספּאָטיזם איז אין דערזעלבער צייט באַהאַלטן אין זײַן נאַטור? הונדערטער דורות האָבן זיך געמיט אויסצואַרבעטן דידאָזיקע טיראַנישע אינסטינקטן פֿון דעם מאַנסביל. זײַן פּירפּיסיקער אורפֿאָטער, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין מענטשלעך געשטאַלט, ערוואַכט אין אים אין דער רגע, ווען ער דערוויסט זיך פֿון אינדיאַנעס טאָגבוך וועגן אירע געפֿילן צו ריימאָנען: „ניט זייענדיק אימשטאַנד אויסצוליידן אַ וואָרט, האָט ער זיך געכאַפּט פֿאַר די האָר, געוואָרפֿן אויף דער ערד און אַ זעץ געטאָן מיטן קנאַפּל אין שטערן".

עס איז קנאַפּ אַוועקצושטעלן אַ פֿראַגע, עס איז קנאַפּ אָנצומערקן די עקזיסטירנדיקע אומגערעכטיקייט: מען דאַרף אָנווייזן אַן אויסגאַנג פֿון דערלאַגע. אַן ענטפֿער אויף דערדאָזיקער אויפֿגאַבע איז געווען ז ש אַ ק. דערדאָזיקער ראָ-

מאַן האָט תיכּף אַרויסגערופֿן אַ שאַרפֿע פּאָלעמיק. אין *זשאַק* ווערט די פֿראַגע בעלייזט קאַטעגאָריש, און עס בלייבט שוין קיין ספֿק ניט בנוגע דער ראָמאַניסטינס איבערצייגונגען: אויב נאָך *אינדיאַנע* און *וואַלענטינע* האָט זיך נאָך זשאָרזש זאַנד געקאָנט פֿאַרטיידיקן קעגן דער באַשולדיקונג, אַז זי אָנערקענט כּלומרשט ניט קיין חתונה, האָט שוין נאָך זשאַקן קיינע ספֿקות וועגן דעם ניט געקענט זיין. זשאַק איז דער אידעאַל פֿון אַ מאַנסביל, פֿון דעם צוקונפֿטיקן מאַנסביל, וואָס איז נאָך אין דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפֿט ניט געווען, אָבער וועלכער האָט שוין זיך אויסגעטרוימט אין דער ראָמאַניסטינס דמיון, און אפֿשר האָט ער זיך שוין ווירקלעך אָנגעהויבן ווייזן אין יענער ראָמאַנטישער און סענטימענטאַלער צייט.

די טעמע איז דיזעלבע, וואָס אין *אינדיאַנע*: דער צוזאַמענשטויס פֿונם פֿרייען געפֿיל מיט דעם חוב פֿון נשואים. אָבער וואָס פֿאַר אַ אונטערשייד עס איז אין די באַציאונגען פֿון די ווירקנדיקע פּערזאָנען צו דעם קאָנפֿליקט! דעלמאַר איז אַ גראָבער עגאָאיסט. זשאַק — די פֿאַרקערפּערונג פֿון זעלבסטפֿאַרערונג. זיין דאָרשט צו ברענגען אַ קרבן גייט אַריבער די גרעניצן פֿון דער רעאַליסטישקייט, אָדער, לפּחות, די גרעניצן פֿון געוויינלעכן, טיפּישן. אָבער לאָמיר ניט טשעפּען די אַלטע מחלוקת: צי האָט די ראָמאַניסטין געשאַפֿן אַ רעאַלע צי אַ געקינצלטע פֿיגור. אפֿשר באַגעגענען זיך אין לעבן זעלטן אַזעלכע מענטשן; צי דען אָבער האָט דער ראָמאַניסט ניט קיין רעכט צו נעמען זעלטענע עקזעמפּלאַרן, אויסשליסלעכע נאַטורן, איבערהויפּט, ווען ער זעט אין זיי דעם מוסטער, וועלכן מ'דאַרף אַוועקשטעלן פֿאַר די מענטשן אַלס מוסר. „איך קען אייך ניט פֿאַרזיכערן, — זאָגט זשאַק פֿאַר דער חתונה צו דער כּלה, — אַז מיין ליבע וועט אייך מאַכן אויף אייביק גליקלעך. דאָס ווייס איך ניט. איך קאָן אייך נאָר זאָגן, אַז די דאָזיקע ליבע איז אַן אויפֿריכטיקע און אַ טיפֿע... די געזעלשאַפֿט וועט אייך דיקטירן די שבועה־פֿאָרמל. איר וועט זיך שווערן צו זיין מיר געטריי און אונטערטעניק, ד. ה. קיינמאָל קיין אַנדערן ניט ליבן, און אַלעמאָל און אַלץ מיר פֿאָלגן. די ערשטע שבועה איז אַן אַבסורד, די צווייטע אַ נידעריקייט. איר קאָנט ניט זיין קיין ערבֿ פֿאַר אייער האַרץ, אַפֿילו דאַן, ווען איך וואָלט געווען דער פֿולקומסטער צווישן אַלע שטערבלעכע. איר דאַרפֿט מיר ניט צוזאָגן קיין אונטערטעניקייט, מחמת דאָס וואָלט פֿאַר אונדז געווען אַ קעגנזייטיקע דערנידערונג. מיר וועלן רואיק אַרויסריידן די ווערטער, וואָס דער גלח און דער נאָטאַריוס וועלן אונדז הייסן, מחמת דאָס איז אַ נויטווענדיקער תּנאַי, מיר זאָלן זיך קענען לעגאַל פֿאַראייניקן. אָבער צו דער דאָזיקער שבועה

וועל איך צוגעבן אַ צווייטע, וועלכע מענטשן האַלטן פאַר ניט בייטיק, אָבער אָן וועלכער איר טאָרט מיר ניט שענקען אייער האַנט. איך שווער אייך צו אַכטן, און אויב איך קאָן ניט ערב זיין פאַר אייביקער ליבע, זאָג איך אייך צו זי־כערע פריינדשאַפט."

און זשאַק האָט זיין וואָרט געהאַלטן: ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז די ווייב האָט ליב אַן אַנדערן, האָט ער איר ניט געשטערט, און צום סוף געזוכט מיטלען, ווי אַזוי צו מאַכן איר פריי די הענט. ער באַשליסט אינ־גאַנצן ניט ווערן, און באַטראַכט דערביי אַזאַ מיטל פון זעלבסטמאָרד, אַז דער טויט זאָל אויסזען, ווי אַ צופעליקער. די קינדער, וועלכע האָבן געקאָנט די־נען אַלס אַ שטער צו אַזאַ מין לייזן די פראַגע, ווערן קראַנק און שטאַרבן. "דאָס איז אַלץ זייער גוט, — שרייט קאַראָ אויס בנוגע דעם, — אָבער די ווירקלעכקייט גיט זיך דאָך ניט אונטער אונזער ווילן, ווי דער ראָמאַן. און אויב די קינדער וועלן דווקא וועלן לעבן? און אויב זשאַק וועט ניט וועלן שטאַרבן? מען מוז מסכים זיין, אַז עס וואָלט געווען צו אַכזריש אַרויסצושטעלן זשאַקן אַלס אַ מוסטער פאַר אַלע מאַנען, וואָס די ווייבער האָבן זיי אויפגע־הערט צו ליבן". אין דידאַקטיקע ווערטער איז אַ פולע אמת. באַמיענדיק זיך צו געפינען אַ פשרה צווישן איר אידעאַל מיט דער עקסיסטירנדיקער לעבנס־אָרדענונג, האָט זשאָרזש זאַנד געמוזט פאַרפלאָנטערן זיך ביים לייזן דידאַקטיקע פראַגע, וואָס קאָן ניט געלייזט ווערן. אָבער דאָס פאַרמינערט ניט דעם ווערט פון אירע אידעאַלן און פון דער קינסטלערישער באַדייטונג פון אירע ערשטע ראָמאַנען. דאָס איז ניט נאָר אַ קולטור־היסטאָרישער דענקמאָל. אויב אין אונזער צייט דאַרף די געבילדעטע געזעלשאַפט ניט דערווייזן, אַז די פרוי האָט רעכט צו ליבן, אָנפרעגנדיק זיך נאָר ביי איר האַרצן, האָט זיך נאָך דער־דאָזיקער געדאַנק ווייט ניט ערוואָרבן קיין געהעריקן אָרט אין דעם באַ־וואוסטזיין פון די מאַסן. דידאַקטיקע אידעע האָט אין די פריע ראָמאַנען פון זשאָרזש זאַנד געפונען אַזאַ גלענצנדע באַשטעטיקונג, אַזאַ אַלוייטיקע דערקלע־רונג, אַז זיי בלייבן דער בעסטער לערער איך אין אונזער צייט פאַר די אַלע, וואָס זיינען נאָך מיט דעמדאָזיקן באַוואוסטזיין ניט דורכגעדרונגען.

אָבער אין זשאָרזש זאַנדס ערשטע ראָמאַנען איז פאַרהאַן נאָך עפּעס מער וויכטיקס, איידער די אַפּאָלאָגיע פון די פרויענגעפילן. הינטער דער פראַגע וועגן דער פרוי הערט זיך אין זיי די שטרעבונג צום אַלגעמיינעם אמת, יענער מיטגעפיל צו אַלע דערנידעריקטע און באַליידיקטע, וואָס וועט ברענגען צום פאַרברייטערן דעם בליק פון דער שריפטשטעלערין אין דעם וויטערדיקן פּע־ריאָד פון איר לעבן.

IX.

דער צווייטער פעריאָד פון זשאָרזש זאַנדס ליטעראַרישער טעטיקייט. — „ה' אַנטואַנס עבירה”. — דער פאָטער קאַרדאַנע. — די הויפּטשטריכן פונם קאַפּיטאַליסט און זיינע אידעאַלן. — דער זון קאַרדאַנע און זיינע אידעאַלן פון געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. — פאָרשטייער פון דער אַריסטאָקראַטיע ביי זשאָרזש זאַנד. — אַנטואַן. — פאָרשטייער פון פוירעטום. — זשאַן. — זש. זאַנדס איבערגאַנג צו שילדערן דאָרפישע אידיליעס אין דעם לעצטן פעריאָד פון איר ליטעראַרישער טעטיקייט.

אין אָנהייב פון די 40=קער יאָרן איז שוין זשאָרזש זאַנד געווען אַ באַרימטע שריפטשטעלערין; מען האָט זיך שוין צו איר וואָרט צוגעהערט, אירע ראָמאַנען האָט מען געלייענט, און אין דידאָזיקע יאָרן פון נייע ליידנשאַפטלעכע זוכענישן האָבן די פריידיקער פון אַ ניי לעבן זיך באַמיט צו באַקומען זי אויף זייער זייט. דער שטראָם פון סאָציאַלע אידעען פאַרכאַפּט די באַגייסטערטע שריפטשטעלערין. זי האָט זיך איבערגעגעבן צו די נייע אידעען מיט דערזועלביקער היציקער אייליקייט, מיט דעמזועלבן גרעניצלאָזן גלויבן, מיט וועלכע עס האָט זיך אויסגעצייכנט יעדער טריט אירער. אַרום איר האָבן זיך גרופּירט סיי אויפריכטיקע טרוימער, סיי נאַאיווע נביאים פון אַלגעמיינער באַנייאונג, סיי ערנסטע פאָרשער, סיי שאַרלאַטאַנעס=עקספּלואַטאַטאָרס. אין אירע שאַפונגען פון די 40 יאָרן איז ניט שווער צו באַגעגענען אויך אָפּקלאַנגען פון סען=סימאָניזם, אויך לאַמענעס משונהדיקן קאַטוילויציזם, אויך פיער לערוס נעפּלהאַפטע טרוימען. אין 18 יאָרהונדערט ברעכן זיך די פילאָזאָפן די קעפּ, ווי ריכטיק צו פאַרטיילן די מאַכט, זיי שאַפן מלוכה=סיסטעמען. איצט זיינען די געלערנטע און די אוטאָפּיסטן פאַרנומען מיט דער פראַגע וועגן גערעכטיק צו פאַרטיילן די רייכטימער און לעבנסגענוסן. אין אירע ראָמאַנען פון די 40=קער יאָרן וואָלטן מיר אומזיסט געזוכט אַ באַשטימטע סאָציאַלע טעאָריע. אַפילו סען=סימאָנס תלמידים האָבן זיך נאָך ניט געקענט פונאַנדערקלייבן אין די עקסיסטירנדיקע באַציאונגען. אָבער אין די ראָמאַנען פון דעם פעריאָד האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די פיבערדיקע זוכענישן פון אַ ניי לעבן, דערדאָזיקער געמיש פון מיסטישן גלויבן און פון וויסנשאַפטלעכן שטרעבן פונאַנדערקלייבן זיך אין פאַקטן. אין זיי זיינען פאַראייביקט די נייע שטרעבונגען פון דעם אויפגעקומענעם בירגערטום, די פאָדערונג פון דעם אַרבעטער ביים ערשטן ערשיינען זיינעם אויף דער געשיכטלעכער סצענע און די גרונטשטריכן פון דער יחוס=אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט דערלעבט אירע לעצטע יאָרן.

די ראָמאַנען פון דעמדאָזיקן פעריאָד פון זשאָרזש זאַנדס טעטיקייט זיי־נען אויסערסט איינאַרטיק. דאָס האַרץ־לעבן, וואָס זשאָרזש זאַנד האָט ניט קיין גלייכן אין זיין שילדערן, טרעט אָפּ אָן אַ זייט. די ליבע־אינטריגע פאַר־שווינדט אין דעם שטראָם פון רעדעס, גאַנצע דיסערטאַציעס אויף די טעמען וועגן די רעכט פון דעם אַרבעטער, וועגן דער עקספּלואַטאַציע פון דער אַר־בעט. דידאָזיקע רעדעס, אין וועלכע פּאַטאָס און דעקלאַמאַציע איז אָפטער מער, איידער לאָגיק און ריכטיקער פאַרשטאַנד פאַר סאָציאַלע דערשיינונגען מאַטערן ביי גאָר דעם אויסאָרס אויפריכטיקייט אין דעם לעזער מיט זייער איינאַרטיקייט, דערמיט וואָס אין זיי פעלן קאָנזעקווענט אַנטוויקלטע הנחות. אויסער דעם ליידן נאָך דידאָזיקע ראָמאַנען פון גראָבער טענדענציעזקייט. דער אויטאָר אידעאַליזירט דעם פּויער און דעם אַרבעטער און שילדערט מיט צו געדיכטע פאַרבן די טונקעלע זייטן פון די עקספּלואַטאַטאָרן קאַפּיטאַליסטן. אָבער ביי אַלע זיינע גרויסע חסרונות בלייבט פאַר דידאָזיקע ראָמאַנען איבער אויף שטענדיק אַ גרויסע ערנסטע קולטור־היסטאָרישע באַדייטונג. זיי וועלן אויף אייביק בלייבן אַ העל בילד פון דער איבערגאַנגס־עפּאָכע. אין זיי זיינען צום ערשטן מאָל רעווידירט געוואָרן די קאַמף־קרעפטן פון ביידע הויפּטקלאַסן פון דער עפּאָכע—פון די קאַפּיטאַליסטן און פון דעם פּראָלעטאַריאַט. אין די־דאָזיקע ראָמאַנען איז באַלויכטן די פּסיכאָלאָגיע פון ביידע הויפּטגרופּן און פון די גרופּן, וואָס גרעניצן מיט זיי.

איינער פון די מער כאַראַקטעריסטישע, אויב ניט דער כאַראַקטעריס־טישסטער ראָמאַן פון דעמדאָזיקן פעריאָד איז—„ד ע ר ר ח ט א פ ו ן ה ע ר ן אַ נ־ ט ו אַ ן". אפשר איז די פּובליק, וועלכע לייענט נאָך עד היום א י נ ד י אַ נ ע, גע־רעכט, וואָס זי האָט פאַרגעסן אָן דעמדאָזיקן סאָציאַליסטישן ראָמאַן. אין אים איז כמעט קיין אינטריגע ניטאָ. ער איז פול מיט דרשות, און ער האָט ניט יענעם פּאָעטישן קאָלאָריט, וועלכן עס האָבן ל ע ל י ע און א י נ ד י אַ נ ע. אין אונזער צייט קאָן ער ניט דינען אַלס אינטערעסאַנטער לייענמאַטעריאַל, אָבער אין אים איז אַרויסגעפירט אַ טיפּ פון איינעם פון יענע יונגע טרוימער, מיט וועלכע עס האָט געשוויבלט און געגריבלט אין דער פראַנצויזישער אינטע־ליגענץ ערב דער פעברואַר־רעוואָלוציע. דער פאָטער־קאַרדאָנע — אַ רייכער אונטערנעמער, און דער זון־ק אַ ר ד אָ נ ע — אַ פריינד פון די אַרבעטער, וועל־כער טרוימט וועגן באַנייען די געזעלשאַפט, שטייען איינער קעגן דעם אַנדערן פּנים אל פּנים, און אין זייערע ענדלאָזע דיסקוסיעס שפּיגלט זיך אָפּ דער אַנ־טאַגאָניזם צווישן זיגנדיקן קאַפּיטאַל מיט די אידעאָלאָגן פונם פּראָלעטאַריאַט.

דער פּאָטער קאַרדאָנע ווייס זיין קראַפט. זיינע אידעאַלן זיינען קלאָר און באַשטימט, אין זיינע דיספּוטן מיטן זון פילט ער שטענדיק אונטער זיך אַ פעסטערן באָדן, איידער זיין קעגנער. ער קעמפט קעגן די סטיכיעס, ער טרייבט אַריין וואַסער-שטראָמען אין די ברעגן, טויזנטער הענט נעמען זיך באַוועגן, ווי נאָר ער דערלאַנגט אַ צייכן מיטן האַנט זיין הויפּטשטריך איז פּראַקטיציזם. דאָס לעבן, די רעאַלע ווירקלעכקייט—דאָס איז זיין אויסגאַנגספּונקט. ער פאַראַכט די טרוימען און די אוטאָפּיעס. „עמיל, עמיל! — שרייט ער אויס, וועלנדיק מאַכן דעם זון פאַר זיינעם אַן אָנהענגער, — מיר איז גוט באַוואוסט, אַז ביי די יונגעלייט איז איצט אין דער מאָדע צו מאַכן אַן אָנשטעל פון געזעצגעבער, בויען פילאָזאָפישע טעאָריעס וועגן אַלץ, שאַפן אָנשטאַלטן, וואָס זיי וועלן זיי איבערלעבן, אויסטראַכטן רעליגיעס, געזעלשאַפטן, אַ נייע מאָראַל. דער דמיון גיט זיך איבער אין דער מאַכט פון חלומות. די חלומות זיינען אומשעדלעך, ווען זיי דויערן ניט לאַנג. אָבער מען דאַרף זיי איבערלאָזן אויף דער שול-באַנק... איך וויל, דו זאָלסט זיך אַריינלאָזן אין רעאַלן, פּאָזיטיוון לעבן. אָנשטאָט צו קריטיקירן די געזעצן, וועלכע רעגירן איבער אונזער לעבן, דרינג בעסער אַריין אין זייער זינען און קען זיי אָנווענדן. לאָז דעם פּראָטעסט, און געפין פאַר זיך בעסער אַ נוצלעכע און פּאַסיקע באַשעפטיקונג. וואַרף אַוועק די דעקלאַמאַציע און די פּאָעטישע דיפיראַמבן צום הימל און צו מענטשן. מיר זיינען נישטיקע באַשעפענישן פון דער רגע, און האָבן ניט קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיט פראַגן וועגן גורל פון דער מענטשהייט פאַר און נאָך דער קורצער צייט, וואָס מיר פאַרברענגען אויף דער ערד. אומדערמידלעכע מי—דערצו זיינען מיר באַשטימט. מיר דאַרפן אָפּגעבן אַ דין וחשבון וועגן אונזער טעטיקייט פאַר דעם פריערדיקן דור, וואָס האָט אונז דערצויגן און פאַר דעם קומענדיקן, וואָס מיר האָבן געבוירן. אָט פאַרוואָס פאַר מיר זיינען הייליק די משפחה-קייטן, הייליק די ירושה-רעכט קעגן אייערע, קאָמוניסטישע טעאָריעס, וועלכע איך האָב קיינמאָל ניט געקענט פאַרשטיין, ווייל זיי זיינען ניט רייף, און מע דאַרף הונדערטער יאָרן, ביז די מענטשהייט וועט דערלאָזן, זיי זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן.

אַזאַ איז די איינפאַכע פילאָזאָפיע, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט עגאָאיזם, וואָס מאַכט חוזק פון אַלטרואיסטישע שטרעבונגען. דער פּאָטער קאַרדאָנע דערלאָזט ניט קיין ברייטע פלענער, ער לאַכט אָפּ פון אַבסטראַקטן געדאַנק. דער באַגרעניצטער קרייז פון פערזענלעכע אינטערעסן, דאָס אייביקע צופּאַסן זיך צום לעבן און דאָס אָנערקענען, אַז דאָס עקזיסטירנדיקע טאָר ניט

פון אָרט געריררט ווערן, — אַזעלכע זיינען די עלעמענטן, פון וועלכע עס באַשטייט די פילאָזאָפיע פון שטילשטאַנד, וועלכע פאַרמשפּטן דעם מענטשנס שעפערישע פעאיקייטן אויף פולקומע טאַטלאָזיקייט, וועלכע זיינען מבטל די אידעע פון פראָגרעס, וועלכע נעמען ביי דעם מענטשן אַוועק זיין העכערן ציל—דאָס רעכט אָנטייל צו נעמען אין פאַרפולקומען דעם מענטשן.

ער ווייס איין קראַפט, מיט איר צו דערגרייכן דער בורזשואַזיעס פראַזאַישע און פּראַקטישע אידעאַלן — די קראַפט פון געלט. ווי טענדענציעז זשאָרזש זאַנדס ראָמאַנען זאָלן ניט זיין, שטערט עס איר ניט אַריינצוטראָגן קינסטלערישן אמת אין דער שילדערונג פון אירע העלדן, אויסמאָלן זיי מיט אַזעלכע בולטע שטריכן, אַז ביי דעם לעזער אין זכרון בלייבן אויף אייביק איבער ניט בלויז די כאַראַקטער-שטריכן, נאָר אויך דער פּראָצעס, ווי אַזוי זייער כאַראַקטער איז געבילדעט געוואָרן. אין דעם פאָטער קאַרדאָנעס פּערזאָן האָבן מיר פאַר זיך ניט נאָר אַ טרוקענעם מענטשן מיט אַן אייזערנעם ווילן מיט איין געדאַנק וועגן אָנלעבן: אין זיין געשיכטע וויקלט זיך פונאַנדער אַ בילד פון יענע נסיונות, וואָס מיט זיי האָט ער באַצאָלט פאַר זיינע עשירות. „וויפל האָסטו איבערגעציילט?" — פרעגט ער ביי עמילן. „אַן ערך אַכציק טויזנט פראַנק". „אַן ערך? וואָס איז דאָס פאַר אַ וואָרט. איך קאָן אויפן קאָפּ צונויפרעכענען גיכער, איידער דו וועסט באַווייזן אָפּצושניצן דיין בלייפעדער. פונקט איינאונאַכציק טויזנט פינפהונדערט". דידאַקטישע קורצע סצענע צווישן פאָטער און זון איז מער ווערט, איידער אַ לאַנגע דרשה. „ציפער, נאָר ציפער!" אַזוי באַשטימט דער זון קאַרדאָנע דעם גייסטיקן אינהאַלט פון זיין פאָטער.

ציפער, נאָר ציפער! יאָ, ווען עמילס פאָטער וואָלט אין זיך דערשטיקט אַלע געפילן צוליב עשירות, וואָלט עמיל גערעכט געווען. אָבער ביי דעמדאָזיקן אין זיך אַליין איינגעגלויבטן אונטערנעמער אין דער נשמה קלינגען אויך מענטשלעכע סטרונעס. ער האָט ליב זיין זון. און די חלומות זיינען ביי דעם קאַפּיטאַליסט אַ ווייטאָגדיק אָרט. פאַר אים זיינען הייליק די משפּחהקייטן, גוי ער אַליין דריקט זיך אויס; נאָר, אָפּוואַרפנדיק די אַלטרואיסטישע שטרעבונגען אַלס באַוועגונגס-מאָטיוון צו טאַט, האָט ער איבערגעשניטן דעם שטאַרקן פאָדים, וואָס פאַראייניקט מענטשלעכע הערצער. אויף מאַטעריעלן וואוילשטאַנד אַליין קאָן מען קיין משפּחה-גליק ניט בויען. משפּחה איז ניט קיין אינדוסטריעלע אַסאָציאַציע, און ווי איבערצייגנדיק עס זאָלן ניט זיין דעם פאָטער קאַרדאָנעס טעמים, פאַרוואָס זיינע און עמילס אינטערעסן זיינען

דיזעלבע, קאָנען זיי דאָך אים ניט ערווערבן קיין ליבע מצד דעם זון. זיי ריידן ביידע אויף באַזונדערע שפּראַכן. צוליב עשירות אָפּגעזאָגט זיך פון העכערע שטרעבונגען, האָט זיך די גרויסע בורזשואַזיע אָפּגעזאָגט דערפון, וואָס קאָן אַריינטראָגן אין דער משפּחה פּאָעזיע, דינען אַלס יסוד פון אמתער סאָלידאַריטעט צווישן אירע מיטגלידער. אויפריכטיקער געפיל, הויכע שטרעבונגען און אַרבעט לשם פּרינציפּ — איז ניט מעגלעך אין אַזאַ משפּחה. פּערזענלעכע טובת־הנאה, כּסדר פאַרגרעסערן די עשירות — דאָס איז דער ציל פון אַזאַ משפּחה. אין זיין זון האָט קאַרדאָנע פריער פאַר אַלץ געשעצט זיין יורש און נאָכפאָלגער, וועלכער וועט „נאָך מיר פאַרגרעסערן די רייכטימער, וועלכע ער וועט באַקומען און פאַרברייטערן די אונטערנעמונגען, וועלכע ער וועט ירשענען".

דער מענטש, וואָס האָט זיך פאַר אַן אָפּגאָט געמאַכט דעם עגל־הזהב, דאַרף זיך אָפּזאָגן פון פּערזענלכן לעבן. „די רייכקייט לייגט אויף דעם מענטשן אַרויף שווערע חובות", — זאָגט קאַרדאָנע, און ער איז גערעכט. ער איז ניט קיין ליידיקגייער, אַ קאַפּיטאַליסט, וואָס טוט זיך אָן וואוילטאָג אַדאַנק דעם יתרון, וואָס זיין עשירות גיט אים. ער באַנוצט זיך בעצם אַפילו ניט דערמיט, וואָס ער וואָלט געקענט קויפן פאַר זיין געלט. זיין מוח איז שטענדיק פאַרנומען מיט דאגות. ער איז ניט דער געוועלטיקער, נאָר דער קנעכט פון זיין געלט. יעדע רגע באַאומרואיקט מען אים. די קאָנקורענץ — דאָס איז די נייע פאָרם פון מלחמה פון אַלע קעגן אַלעמען, האָבן געזאָגט די סענסימאָניסטן, און דער פאָטער קאַרדאָנע איז אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע צו דעמדאָזיקן געדאַנק. ער איז פריינדלעך צו דער גאַנצער מענטשהייט, מחמת זיין אויפגאַבע איז אָפּנעמען וואָס מער ביי דער מענטשהייט; און דאָס גאַנצע מענטשהייט איז פייערלעך צו אים, מחמת יעדער הצלחה זיינע, יעדע באַפרידיקונג איז אַ היזק פאַר די אַרומיקע. ער איז אין צושטאַנד פון אייביקן קאַמף. וואַרעמקייט און היימישקייט זיינען אין זיין לעבן אוממעגלעך. „אומעט און אייז־קאַלטקייט האָט זיך געפילט ביים מיטאָג. צוואַנציק מאָל האָט מען דעם מיטאָג איבערגעריסן. קאַרדאָנע איז אַרויסגעשפּרונגען פון טיש און געגאַנגען אָפּגעבן באַפעלן. היות ווי פרוי קאַרדאָנע האָט געפילט אַ גרעניצלאָזע אַכטונג צו איר מאַן, פלעגט מען די געריכטן יעדעס מאָל אַוועקטראָגן דערוואַרעמען, און צוריקברענגען זיי צוגעברענטע; זיי האָבן אים אויסגעוויזן זייער ניט געשמאַקע".

אַזאַ איז קאַרדאָנע אין זיין משפּחה־קרייז. אָבער קאַרדאָנע איז ניט בלויז דער מענטש פון אָנלעבן עשירות. ער גיט זיך אָפּ אַ רעכענונג אין זיין ראָלע. ער האָט זיין אייגענע פילאָזאָפיע, זיין אַרט אויפנעמען סאָציאַלע באַציאונגען. ער איז אויף זיין שטייגער אויך אַ טרעגער פון אַ אידעע, און ער אַרבעט אויף זיין שטייגער לטובת דער פאַרפולקומונג פון לעבן. ער גלויבט נאַאיוו, אַז זיין באַרייכערונג פאַלט צונויף מיטן אַלגעמיינעם נוצן, אַז ער פאַרשפּרייט די גוטס פון דער אינדוסטריע איבערן גאַנצן לאַנד. די גרויסע אינדוסטריע גיט די אַרבעטער פאַר איין טאָג מער באַשעפטיקונג, איידער די פעלדאַרבעט און די קליינע אינדוסטריע גיבן פאַר אַ גאַנצן חודש. און צי דען רופן די אַלץ־פאַרשלינגנדיקע אַרבעט און די רעטערישע מידיקייט ניט אַרויס יענע טוגנד, וועלכע איז דאָס איינציקע גליק פאַר דעם אָרימאַן? אַ גוטער אַרבעטער האָט ליב די משפּחה, אַכט אייגנטום, גיט זיך אונטער די געזעצן, איז שפּאָרזאַם. מען דאַרף אים דערשטיקן מיט אַרבעט, וועט ער ניט טרוימען וועגן אַראָפּוואַרפן די געזעלשאַפט, וועט ער באַצוימען זיין אויפפירונג מיט כּללים, ערווערבן אייגנטום פאַר דער משפּחה, זיך פאַר־פאַרזיכערן, אויף דער עלטער ניט דאַרפן קיין שטיצע, ווייל ער האָט זיך אַליין באַזאָרגט אויף דער צוקונפט.

אַזעלכע זיינען די אויפגאַבן פון דער גרויסער אינדוסטריע בנוגע דער מענטשהייט. זי דאַרף איינשטעלן אָרדענונג און אַריינטראָגן רואיקייט אין די מוחות. אָבער דידאָזיקע רואיקייט — דאָס איז שטילקייט פון בית־עלמין. לעבנסלאָזע אויטאָמאַטן, גייסטלאָזע מאַשינעס אָנשטאָט מענטשן — אָט דאָס איז דער אידעאַל פון דעם גרויסן אינדוסטריעלער. דאָס פאָלקסגליק איז אין אַרבעט, — אין אַרבעט, וואָס שלינגט איין אַלע כּוחות, לאָזט קיין אָרט ניט פאַר דענקען, פאַר שעפערישער טעטיקייט. „מיין אידעאַל, — זאָגט דער פאָטער קאַרדאָנע, — איז גאָרניט אַזוי ווייט פון דער סען־סימאָניסטישער דאָקטרין „יעדן לויט זיינע פעאיקייטן". „איך וויל, אַז אַלע זאָלן באַלוינט ווערן, ווי זיי פאַרדינען. איך האָב אַליין פיינט מענטשן ליידיקגייער, און האָב דעריבער ניט האָלט קיין מעטאַפיזיקער און פּאָעטן". אָבער צו היינטיקער צייט האָט נאָך די אינדוסטריע, לויט קאַרדאָנעס מיינונג, ניט דערגרייכט צו אַזאַ צושטאַנד, אַז מען זאָל קענען טראַכטן וועגן אַ מאָראַלישער סיסטעם פון פאַרטיילן דאָס גוטס, דעריבער דאַרף מען זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס איז מעגלעך. ווער עס קען אַרבעטן מיטן קאָפּ, ניט מיט די הענט, יענער דאַרף רעגירן איבער אַנדערע. די עשירות איז פאַר קאַרדאָנע הייליק: זי מוז

וואקסן, דאָס איז ניט בלויז דאָס רעכט, נאָר אויך דער חוב פונם קאַפּיטאַ־ליסט. כסדר פאַרגרעסערן דעם פאַרמעגן — דאָס איז קאַרדאַנעס רעליגיע און פילאָזאָפיע. נאָר דאַן, ווען ער קאָנצענטרירט אין זיין האַנט רייכטום, קאָן ער אַרום זיך פאַרשפּרייטן דאָס גוטס, וועגן וועלכן ער רעדט. דאָס איז אַ נייע פאָרמע פון אויפגעקלערטן דעספּאָטיזם, אַ נייער מיטל בעל כרחה דער וועלט טובות צו טאָן. קאַרדאָנע דאַרף לכתחילה אָפּטויטן דעם מענטשנס פרייען ווילן, פאַרוואַנדלען אים אין אַ קנעכט, ערשט דעמאָלט וועט דער מענטש זיין גליקלעך, מחמת נאָר אַזאַ פאַרטעמפּטקייט קען אים העלפן אַ פשרה צו מאַכן מיט דעם קלאָגעדיקן קיום, וואָס ער קען באַקומען אַלס לוין פאַר זיין מי.

אַזאַ גליק האָט די גרויסע בורזשואַזיע צוגעזאָגט דער וועלט אין באַגינען פון איר ממשלה. אַזוי האָבן די עקספּלואַטאַטאָרס אויסגעטייטשט דעם גרויסן אוטאָפּיסטס ווערטער. סען־סימאָן האָט אין זייערע הענט איבערגעגעבן דאָס גליק פון די מאַסן, אָבער זיי האָבן ניט באַרעכטיקט זיין צוטרויען, און זיי האָבן די מאַסן פאַרוואַנדלט אין אַ נייעם מין קנעכט.

ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס דער יונגער דור האָט ניט געקענט איינגיין אויף אַזאַ פּערספּעקטיוו. דאַן, ווען די בורזשואַזיע האָט זיך געשטעלט אויף אַ נייעם וועג צו איינעמען די וועלט, ווען זי האָט אויסגעאַרבעט די יסודות פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג און געזוכט אַ פאַרענטפערונג פאַר די נייע פאָרמען פון עקספּלואַטאַציע, — האָבן די מענטשן, וואָס אין זייערע הערצער איז נאָך פאַרבליבן דער דאָרשט נאָך דעם אַלגעמיינעם גליק, צוגע־גרייט דעם קינפטיקן שונא פאַר די נייע עראָבערער.

עמיל קאַרדאָנע—דאָס איז אַ טיפּ פון אַזאַ מין אַנטציקטן טרוימער. אים זיינען דעם פאָטערס פּלענער פרעמד און אומפאַרשטענדלעך. אים כאַפּט ניט אָן קיין פּלאַטערניש, צוזעענדיק די גראַנדיעזע בנינים, די שרעקלעכע סטיכיעס, וואָס ווערן באַגרעניצט דורך דעם מענטשנס הענט. שטיין און אייזן, דידאַזיקע מעכטיקע בעלי ברית פון דעם מענטשן אין זיין קאַמף מיט דער נאַטור, ציען ניט צו זיין אויפמערקזאַמקייט. ביכער און טרוימען וועגן אַ בעסערער צוקונפט ווענדן אים אָפּ פון דער ניט שיינער ווירקלעכקייט, מיט וועלכער ניט זיין האַרץ, ניט זיין מוח קאָנען ניט שלום מאַכן. זיין פאָטער פאַרשטייט ער שלעכט, נאָר ער איז אַ פריינד פון דעם אַרבעטער זשאַק, און יעדעס וואָרט, יעדן וואונק פון דעמדאָזיקן פויער־פילאָזאָף רופן זיך אין נשמה אָפּ מיט מיטגעפיל.

עמיל איז שטאַרק אין קריטיק, אָבער ער איז שוואַך אין זיינע פּאָזיטיווע אידעאַלן. ער דעקט אויף אָן רחמנות דעם עגאָאיזם, וואָס פירט אָן דעם פּאַטערס אַקציעס און טעאָריעס, ער קאָן אָבער אַנטקעגן זיינע באַשטימטע בליקן אויף די אויפגאַבן און אויף דעם ציל פון לעבן ניט אַרויסשטעלן פונקט אַזאַ אין אַלע פּרטים באַאַרבעטע פּראָגראַם. דער קלאַס, וואָס לטובת זיינע אינטערעסן דאַרף דינען עמילס דערהויבענע פריידיקט, דער פּראָלעטאַריאַט, האָט זיך נאָך ניט פאָרמירט אין קיין באַשטימטער גרופּע מיט אַ באַשטימטער פּראָגראַם, זיינע אידעאָלאָגן זיינען נאָך ניט אַרויס פון דעם געביט פון נעפּלדיקע טרוימערייען.

עמיל פּראָטעסטירט קעגן דעם פּאַטערס אָנשויאונגען סיי אַלס סאָציאַליסט, סיי אַלס הומאַניסט, סיי אַלס מענטש, וואָס האָט זיך נאָך ניט צעשיידט מיט די רעליגיעזע אידעאַלן פון רחמנות און מיטגעפיל. אין זיינע דיספּוטן מיטן פאָטער ניצט ער אויס אַלץ, וואָס די געשיכטע האָט ביז איצט אָנגעזאַמלט. ער לייקנט אָפּ די גענאַדן פון דער אינדוסטריעלער אָרדענונג, וועלכע פאַרמשפּט די מאַסן אויף אייביקע צייטן צו אַרבעטן לטובת דעם קלאַס, וואָס איז אויף שטענדיק באַפרייט פון אַרבעט. דער וועג, וואָס איז אָנגעצייכנט פאַר מענטשן דורך דעם פּאָטער קאַרדאָנע, איז ניט דער וועג פון דער מענטשהייט. אויף אים איז ניטאָ ניט קיין ליבע, ניט קיין רחמנות, ניט קיין צאַרטער געפיל. דער מענטש איז כלל ניט געשאַפן, כדי צו לערנען זיך בלויז געדולדיקייט און מאַכן עראָבערונגען בלויז אין דער מאַטעריעלער ספערע; די עראָבערונגען פונם שכל אויף דעם געביט פון אידעען, די צאַרטע פריידן פון האַרצן וועלן אויף שטענדיק בלייבן אַלס די איידלסטע און אָנגענעמסטע באַדערפענישן פון אַ נאָרמאַלן מענטשן. „איר וואַרפט לגמרי אָפּ די געבאָטן און די חסדים פון גאָט! — זאָגט עמיל צום פּאָטער. — איר לאָזט פאַר די קנעכט פון אַרבעט ניט איבער קיין צייט אָפּצורוען און צו ערקענען זיך". מענטשן, וועלכע זיינען ערצויגן געוואָרן אין דערדאָזיקער אַטמאָספערע פון פאַרגעטערן רווחים, וועלן ניט זיין קיין פולקומע מענטשן, נאָר פון זיי וועלן ווערן גראָבע מאַשינעס. דער פּאָטער קאַרדאָנע זאָגט, אַז זיין ענד-ציל איז די פאַרווירקלעכונג פונם סען-סימאָניסטישן פּרינציפּ: יעדן לויט זיינע פעאיקייטן. דער זון קאַרדאָנע טרעט אַרויס קעגן דערדאָזיקער פאָרמל. אויב מען וועט אין איר ניט אַריינטראָגן קיין דערגענצונג: „יעדן לויט זיינע באַדערפענישן", וועט דידאָזיקע פאָרמל זיין אַ נייער שטיצפונקט פאַר אומגערעכטיקייט. זי פאַרקערפּערט די רעכט פון די מענטשן, וועלכע זיינען שטאַרקער אין גייסטיקן זין און האָבן אַ שטאַרקערן ווילן. זי באַשאַפט אַ נייע פאָרם

פון אַריסטאָקראַטיע און פּריווילעגיעס — פון איין זייט, און אַ נייעם מין שקלאַפעריי — פון דער צווייטער זייט.

מען קאָן ניט זאָגן, אַז דידאָזיקע קריטיק האָט ניט קיין קראַפט. עמיל האָט אויפגעדעקט די עגאָאיסטישע אינסטינקטן, אויף וועלכע עס האָט זיך געבויט די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם פון דער פּראָדוקציע. ער האָט פאָראויסגעזען די טרויעריקע צוקונפט, וואָס ערוואַרט די געזעלשאַפט צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער גרויסער אינדוסטריע. נאָר, ווי עס טרעפט אָפט אין אַן איבערגאַנגס-עפּאָכע, זיינען די פאָטערס אין זייערע פּראַקטישע שטרעבונגען שטאַרקער פאַר די קינדער. דער פאָטער קאַרדאָנע ווייס גוט דעם וועג, וועלכער פירט צו דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע אידעאַלן. ביי אים איז אַלץ באַטראַכט, אַלץ פאָראויסגעזען. פאַר אים איז די געשיכטע, פאַר אים איז די לאָגיק פון די געשעענישן. דאָס לעבן האָט געשאַפן אַזעלכע אומשטענדן, אַז ער איז אַרויפגעשוואומען אויף דער אייבערפלאַך. ער פירט נאָך זיך נאָך די געזעלשאַפט. אַלע שטראָמען פון אונזער עפּאָכע זיינען געריכטעט צו דער אינדוסטריע, זאָגט ער, — און ער איז גערעכט; זיין ממשלה שטייט אָן. בשעת ער לייגט עמילן פאָר באַשטימט צו ערקלערן זיינע אידעאַלן, גייט דער יונגער קאַרדאָנע ניט ווייטער פאַר נעפּלדיקע טרוימען וועגן אַ אידעאַלער געזעלשאַפט; פאַר אַלגעמיינע פראַזן וועגן יושר און ברידערלעכקייט ביי מענטשן. דער אַלטער קאַרדאָנע—לאַ די וואָס ער ווייס זיין ציל, ווייס ער נאָך, אַז פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זיין ציל וועט אויסקומען צו קעמפן, דעריבער רעכנט ער אויס זיינע כוחות און צווייפלט ניט אין זיין נצחון. דער יונגער קאַרדאָנע האָט נאָך ניט געשאַפן קיין איינגעאָרדנטע אַרמיי פון זיינע באַטירלעכע פאַרבינדעטע. ער בעט, ניט ער פאָדערט. ווען די איידלסטע באַוועגונגען פון דער נשמה דערמאָנט ער יענעם מענטשן, וואָס האָט איידלקייט אויסגעשלאָסן פון געזעלשאַפטלעכן לעבנס-געברויך אַלס אַן אַלטן, אַלעמען דערעסענעם פאָראורטייל. פאַר דעם מענטשן, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן דעם גייסטיקן יסוד און האָט געלייגט די מאַטעריעלע שטרעבונגען אין יסוד פון דער נייער לעבנסאָרדענונג, איז ער זיך סומך אויף די גרעסטע עראָבערונגען פון מענטשנס גייסט. דער פאָטער קאַרדאָנע שטעלט העכער פאַר אַלץ דאָס רעכט פון דער קראַפט. מיט אַזאַ מענטשן קאָן מען ריידן, סומך-זייענדיק זיך אויף זיין אייגענעם געווער, און ניט אויף אַלטרואיסטישע באַוועגונגען פון דער נשמה. שפּעטער וועלן זיך די אידעאָלאָגן פון דעם פּראָלעטאַריאַט שטעלן אויף דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט, אָבער אין אָנהייב פון קאַמף שוועבן זיי נאָך אין דער פאַנטאַזיע. סען-סימאָן

האָט אַ גאַנץ לעבן מיט עקל גערעדט וועגן אָרגאַניזירן פּאָליטישן קאַמף, און איז כמעט ביזן סוף געבליבן אַן אוטאָפּיסט. אין דער הינזיכט איז דער זון קאַרדאַנע פולקום דורכגעדרונגען מיט זיין גייסט. ער גלויבט, אַז מען קען מיט איבערצייגונגען רירן די האַרטע הערצער פון דעם קאַפּיטאַליסט. ער זאָל זיך אַליין נעמען חרוב מאַכן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. אָט פאַר וואָס דעם זון-קאַרדאַנעס פּאָזיטיווע שטרעבונגען זיינען אַזוי אומבאַשטימט. ער וויל פאָרן שטודירן די דאָרפּווירטשאַפט ערגעץ אויף אַ מוסטער-פערמע. ער וויל ווערן אַ פּויער, אַרבעטן „מיטן גייסט און קערפּער", זיין אין „אומאויפהערלעכן באַריר מיט מענטשן און מיט דער נאַטור". ער וואָלט זיך אָנגעהויבן לער-נען, ער וואָלט אפשר מיט דער צייט מאַכן גרויסע אַנטדעקונגען, און אין איין שיינעם פרימאָרגן, ערגעץ אין „אַ פּוסטן וויסטן לאַנד", וואָס איז דורך אים באַאַרבעט, וואָלט ער געגרינדעט אַ קאָלאָניע פון פרייע מענטשן, „וועלכע לעבן ווי ברידער, און וועלכע ליבן אים ווי אַ ברודער". אין דידאָזיקע ווער-טער איז ניט שווער צו פאַרנעמען אַמאָל סען-סימאָנס שטים, אַמאָל פוריעס פּראָיעקטן וועגן דער אידעאַלישער פאַלאַנגע. ווי פוריע, טרוימט דער זון קאַרדאַנע וועגן פאַראייניקן פעלדאַרבעט מיט אינדוסטריע. געגליכן צו אים, רעדט ער וועגן דעם, אַז די אַרבעט פון אַ פאַרהאַסטער זאַך קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ תענוג, אַז דערפאַר איז נייטיק אַלעמענס אָנטייל אין די פּראָ-דוקטן פון דער אַרבעט,—און ער לאַדט איין דעם פאָטער, ער זאָל זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון אַ געמיינדע אין פוריעס גייסט.

ווי דידאָזיקע געזעלשאַפט, אַזוי זיינען אויך פאַנטאַסטיש די וועגן, וועלכע פירן צו איר. עמיל זוכט הילף ביי יענע מענטשן, וועלכע זיינען מחמת דער עקסיסטירנדיקער לאַגע פיינדלעך צו אַזאַ אָרדענונג. „פאָטער, פאָטער,—ווענדט ער זיך צו דעם אַלטן קאַרדאַנע,—אָנשטאָט צו קעמפן צוזאַמען מיט די שטאַר-קע קעגן די שוואַכע, לאָמיר האַנט ביי האַנט קעמפן צוזאַמען מיט די שוואַכע קעגן די שטאַרקע. לאָמיר ניט טראַכטן וועגן אייגענעם גליק, וועגן פערזענ-לעכער עשירות. זייט-זשע מסכים דערויף, וויבאַלד מסכים דערויף בין אויך איך, וואָס פאַר מיר אַרבעט איר היינט. וויבאַלד אַז מיר אַליין קאָנען ניט שאַפן די געזעלשאַפט, אין וועלכער עס זאָלן הערשן די אַלגעמיינע סאָלידאַ-ריטעט, טאָ לאָמיר אַרבעטן פאַר דער צוקונפט, אָפּגעבן זיך די שוואַכע און די אומפּעאיקע פון אונזער צייט... זאָל יעדער אַרבעטער, וואָס שלעפּט שטיי-נער, האָבן דיזעלבע מאַטעריעלע געניסן, וואָס אייער געני ברענגט אייך. זאָל ער אויך אַזוי, ווי איר, וואוינען אין אַ שיינע הויז, אָטעמען מיט ריינער לופט,

נערן זיך מיט געזונטער שפייז, רוען נאָך דער אַרבעט, דערציען זיינע קינ־דער; זאָל אונזער באַלוינונג באַשטיין ניט אין לוקסוס, מיט וועלכע איך און איר זיינען אַרומגערינגלט, נאָר אין דעם פאַרגעניגן גליקלעך צו מאַכן מענטשן. אָט אַזאַ ערגייץ איז מיר פאַרשטענדלעך, אַזאַ ערגייץ פרעסט מיך. נאָר דאַן, מיין גוטער פאָטער, וועלן די אַרומיקע בענטשן אונזערע עסקים".

צווישן די אוטאָפיסטן־טרוימער איז זשאָרזש־זאַנד מער פאַר אַלץ נע־ענטער צו פוריע. איר ליבשאַפט צום דאָרף און צו דער נאַטור, וואָס זי האָט נאָך קינדווייז באַקומען, און וואָס האָט זי צום סוף לעבן באַוועגט דערצו, אַז זי זאָל מאָלן פאַטריאַרכאַלע אידיליעס, האָט פאַר איר באַזונדער סימפּאַטיש געמאַכט אַלערליי טרוימען וועגן דעם רואיקן גליקלעכן לעבן פון אַ קליינער געמיינדע.

אויב היינט ווערט אונז דעם יונגן קאַרדאָנעס פרעדיקט שיינען ווי אַ נאַ־איווע און אַ טריוויאַלע, אויב די די אידעע וועגן פאַרבעסערן דעם גורל פון פראָלעטאַריאַט האָט באַוויזן פאַר דער צייט צו באַקומען קלערערע און רע־אַלערע פאָרמען, — דאַרף מען אָבער ניט פאַרגעסן, אַז אין די 30־יקער און 40־יקער פון פאָריקן יאָרהונדערט זיינען אוטאָפּיע און פאַנטאַזיע געווען כמעט די איינציקע רעטונג ביי די אידעאָלאָגן פון דעם אַרבעטער־קלאַס. קעגן די פעסטע פאָדערונגען פון דעם אונטערנעמער האָט מען אַרויסגעשטעלט אומ־באַשטימטע טרוימען. דידאָזיקע טרוימען האָבן אַוועקגעטראָגן די טרוימער ניט ווילנדיק אין דעם וויטן עבר; דער שווערער רעזשים, וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן באַשאַפן, האָט גענויט מיט ליבשאַפט צו ווענדן זיך צו דער אַמאָליקער אַריסטאָקראַטיע. דער פעאָדאַלער אַדל־קלאַס איז אידעאַליזירט געווען. די באַ־ציאונגען צווישן די פעאָדאַלן און די פויערים האָבן זיך פאָרגעשטעלט פאַר די אוטאָפּיסטן ווי אַ פּאַטריאַרכאַלע גליקלעכע אידיליע.

אָפּט, גייענדיק ווייטער פאַר די ראָיאַליסטן אויף דעם געביט פון פּאָלי־טישער רעאַקציע, האָט די בורזשואַזיע איר עגאָאיסטישע פּאָליטיק ניט גע־קענט אַפילו צופוצן מיט יענעם אויסערלעכן גלאַנץ, מיט יענע שיינע ריטע־רישע טראַדיציעס, וואָס האָבן די אַלטע מיוחסדיקע אַריסטאָקראַטיע אַרומגע־רינגלט מיט אַ געוויסן פּאָעטישן אָרעאָל. הינטער דעם פּריווילעגירטן אַדל פון פאָריקן יאָרהונדערט זיינען געשטאַנען העראָאישע מסורות, זכות־אבות, וועל־כע האָבן דערהויבן פראַנקרייך. די אַלטע טראַדיציעס האָבן אין אַ געוויסער מאָס די פּריווילעגיעס פון דעם אַדל געהייליקט אין דעם באַוואוסטזיין פון די מאַסן. די נייע אַריסטאָקראַטן זיינען אַרויס פון מיטן דער מאַסע. ווי עס טרעפט

אָפּט מיט אויפגעקומענע פּלעבעער, האָבן זיי געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די, וועלכע האָבן ניט געקענט דערגרייכן צו די אייבערשטע טרעפּ פונם געזעלשאַפטלעכן לייטער. זייער מאַכט און זייער עשירות איז זיי ניט לייכט אָנגעקומען, און זיי האָבן געוואָלט, אַז די אַרומיקע זאָלן זייער מאַכט פילן. זייער גאווה איז ווייניק ענלעך געווען אויף דעם שטאָלץ פון דעם אַדל. די אַמאָליקע אַריסטאָקראַטן זיינען געווען אַן אָפּשטאַמונג פון הערן און מאָנאַרכן, וואָס זייערע געירשנטע יתרונות האָבן זיך געוואָרצלט אין אַלטרואיסטישע גבורות, וועלכע זיינען געטאָן געוואָרן צום נוצן אָדער צום רום פון אַלעמען. דידאָזיקע יתרונות זיינען אָנערקענט געוואָרן פון אַ ריי דורות, ביזוואַנען די נייע לעבנסאָרדענונג האָט דעם קיום פונם דאָזיקן קלאַס געמאַכט פאַר אומנוצלעך. אָט פאַרוואָס די גאווה פון דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע, כל-זמן אירע בעסערע טראַדיציעס זיינען ניט פאַרגעסן געוואָרן, האָט אויסגעוויזן געזעצלעך און האָט אין איר יסוד געהאַט ווירקלעכע פּערזענלעכע מעלות. דער איינציקער יסוד פון דער בורזשואַזיעס גאווה איז געווען — געלט, קאַפּיטאַל, וואָס האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט צו עקספּלואַטירן די פרעמדע מי. דער ענערגישער און עקשנותדיקער פּלעבעי, וועלכער האָט פאַרקנעכטיקט זיין שכן לטובת די אייגענע מאַטעריעלע נוצן, האָט געמוזט אַרויסרופן מער שנאה, איידער דער אַריסטאָקראַט פון XVII יאָרהונדערט. אין די פּרעטענזיעס פון דער נייער אַריסטאָקראַטיע איז ניט געווען קיין העלדנשאַפט און קיין פּאָעזיע.

זשאָרזש זאַנד, וועלכע איז דערצויגן געוואָרן ביי דער אַריסטאָקראַטישער באָבען, האָט זיך אַ גאַנץ לעבן ניט געקענט באַפרייען פון די רגילותן, וואָס זי האָט איבערגענומען ביי דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט. די פעאָדאַלע מסורות און די שיריים פון דעם אַדלס עבר זיינען פאַר דער ראָמאַניסטין שטענדיק פול געבליבן מיט עפּעס אַ באַזונדער פּראַכט. אַלטע האַלב-חרובע פּאַלאַצן וואַקסן אין איר שילדערונג אויס אין מעכטיקע אומשטערבלעכע שלעסער, און דידאָזיקע חורבות — דער לעבעדיקער זכר וועגן דעם העלדישן עבר — באַהאַלטן אין זיך מער אומצעברעכלעכע קראַפט און פעסטקייט, איידער די שנעל אויפגעשטעלטע פּאַלאַצן פון די קאַפּיטאַליסטן. זשאָרזש זאַנד האָט ליב דורכצופירן פּאַראַלעלן צווישן די ערשטע און די צווייטע, און אירע באַשרייבונגען זיינען עדות דערויף, אַז אירע סימפּאַטיעס געהערן ניט דעם פּראָזאַאישן אינדוסטריעלן יאָרהונדערט. די אידעאַליזאַציע פונם פעאָדאַליזם, וואָס די שריפטשטעלער פון דער רעאַקציע האָבן אַריינגעפירט אין דער מאָדע, האָט נאָך געהערשט אויך אין די ווערק ביי די ערשטע קעגנער פון דער

בורזשואַזיע. ניט געפֿונען נאָך קיין נייע קלאָרע וועגן, האָט זי ליב געהאַט קעגן די נייע פּראַקטישע שטרעבונגען אַרויסצושטעלן די בעסטע מסורות פֿון דעם עבר. צוזאַמען מיט די פֿאָרשטייער פֿון דער גרויסער אינדוסטריע און מיט די טרוימער אוטאָפּיסטן האָט זשאָרזש זאַנד אַרויסגעפֿירט טיפּן פֿון אַריסטאָקראַטן. אויב ביידע קאַרדאָנעס זיינען פֿאָרשטייער פֿון דעם הווה און פֿון דעם ניט דייטלעכן עתיד, איז דער רואינירטער אַריסטאָקראַט אַנטואַן מיט זיין שיינער טאָכטער זשילבערטע לעבעדיקע באַווייזן פֿון דעם פּאָעטישן עבר. זיין האַלב חרובער שלאָס איז פֿול מיט אַלטערטימלעכער גרויסקייט, און „עמיל, דער זון פֿונם קלוגן און זיגערישן קלאַס, איז, אַריינקומענדיק אין שלאָס, געווען פֿאַרוואונדערט פֿון דערדאָזיקער גרויסקייט, וועלכע איז פֿאַרבליבן אין דער פֿאַרלאָזענער פּעאָדאַלער וואוינונג; ער, דער זון פֿון דער מעכטיקער און רייכער קאַסטע, האָט געפֿילט אַ פֿאַרלעגנהייט פֿון יראת הכבוד, אַריינטרעטנדיק אין שלאָס, וואו דאָס שטאָלצירן מיטן נאָמען האָט געקענט קאָנקורירן מיט די רעאַלע פּריווילעגיעס פֿון זיין לאַגע״. די נאַטור גופֿא, וואָס די אינדוסטריעלע עפּאָכע האָט זי איינגענומען און באַצוימט מיט אירע ערפֿינדונגען, האָט ניט קיין שליטה איבער דידאָזיקע אַלטע חורבות. „די פֿאַרפּלייצונג, וועלכע האָט אָפּגעשווענקט אַלע באַפֿעסטיקונגען פֿון קאַרדאָנעס נייער הויז, האָט נאָר אָפּגעפּרישט דעם שטאָלצן מאָנומענט, וואָס שאַטאָבריען האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט. זיינע אַלטע פּוסטע ווענט האָבן זיך אויסגעלאַכט פֿון יאָרהונדערטן און פֿון שטורעמווינטן, און דאָס דערהויבענע אָרט, אויף וועלכן זיי זיינען געשטאַנען, האָט געשיינט, איז געווען באַשטימט דערצו, זיי זאָלן הערשן איבער די שפּינוועבישע בנינים פֿון די נייע דורות״.

ניט בלויז דער אויסערלעכער אויסזען פֿון שלאָס, נאָר אויך זיינע איינוואוינער זיינען באַצייכנט מיט דעמדאָזיקן מאָראַלישן יתרון. אַנטואַנס געשיכטע — דאָס איז די געשיכטע פֿון אַ פֿולע פֿאַראָרעמטע פּריצים, וואָס אַפֿילו דער מיליאַרד פֿראַנק, וואָס ווילעל האָט זיי צעטיילט אַלס באַלוינונג פֿאַר זייער אייגנטום, וואָס זיי האָבן פֿאַרלאָרן נאָך דער רעוואָלוציע, האָט זיי ניט געקענט צוריקקערן זייער אַמאָליקן כּבוד. אָבער וויפֿל ווערדע און מאָראַלישע מוטיקייט איז אין אַנטואַנען געבליבן אַפֿילו ביי זיין ירידה! ער איז דורכגעדרונגען מיטן נייעם דעמאָקראַטישן גייסט, אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פֿון קיין שום גוטן פּרינציפּ פֿון זיין קאַסטע. ער איז אַריסטאָקראַט אין אַלץ, אַפֿילו אין זיין דעמאָקראַטישקייט. ער איז דער לעבעדיקער היפּוך פֿון קאַרדאָנע. דער לעצטער האָט דערגרייכט זיינע עשירות, אָפּזאָגנדיק זיך פֿון

יעדער אַבסטראַקטן פּרינציפּ; דעם לעצטנס פּאַראַרעמקייט שטאַמט דווקא פון זיין געטרייקייט צום פּרינציפּ. „איר ווייסט, מסתּמא, די געשיכטע, — זאָגט זשילבערטע צו עמילן, — מיין זיידע האָט אָנגעמאַכט אַ פולע ערן־חובות, בשעת מיין פאָטער איז געווען אַ מינדעריעריקער; ער איז געשטאָרבן, און זיי ניט באַצאָלט. די קרעדיטאָרן האָבן ניט געהאַט קיין באַווייז, וואָס זאָל האָבן אַ יו־רידישן ווערט. אָבער מיין פאָטער האָט צווישן דעם זיידנס פּאַפּירן געפונען איינס, וואָס האָט אים איבערצייגט, אַז זייערע פּרעטענזיעס זיינען גערעכטע. ער האָט דאָס פּאַפּיר געקענט מבער זיין. קיינער האָט וועגן זיין עקסיסטענץ ניט געוואוסט. אָבער ער האָט פאַרקויפט דעם גאַנצע ירושה־פאַרמעגן, כּדי צו באַצאָלן דעם הייליקן חוב. מיין פאָטער האָט מען דערציגן אין אַזאַ גייסט, וועלכער לאָזט מיר דענקען, אַז ער האָט בלויז דערפילט זיין חוב. אָבער פיל רייכע מענטשן האָבן אַנדערש געאורטיילט, און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז אַנטו־אַן דע־שאַטאָברען איז רואינירט מחמת זיין אייגענעם פעלער". „חוב און פע־לער" — דידאַקטיקע צוויי דעפיניציעס פון איינעם און דעמזעלבן טאַט דריקן בע־סער פאַר אַלץ אויס דעם אונטערשייד צווישן אַנטואַנס וועלט־אָנשויאונג און קאַרדאַנעס אָנשויאונגען.

קאַרדאַנע איז אַ דעספּאָט אין זיין משפּחה; אַנטואַנס באַציאונגען צו דער טאָכטער זיינען באַוואָרעמט מיט ליבע און באַגייסטערט מיט קעגנזייטיקן פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן. קאַרדאַנע האָט אַלץ אונטערטעניק געמאַכט צו זיינע שטרעבונגען, אַפילו אויף זיין זון קוקט ער פריער פאַר אַלץ מצד דעם שטאַנדפּונקט פון דעם ערפאָלג פון זיין אונטערנעמונג. אין דערזעלבער צייט איז געגוג, אַז „די נאַכט זאָל זיין אַ וואָלקנדיקע, און אַז דער וואַנדערער זאָל אויסזוייזן ווי אַ קריסט", כּדי אַנטואַן דע־שאַטאָבריען זאָל אים האַרציק אויפנעמען. ווען עמיל פאַלט צופעליק בשעת אַ שלעכט וועטער אַריין אין שלאָס, באַגעגנט אים אַנטואַן מיט אַזעלכע ווערטער: „כּדי צו דער־פילן דעם חוב פון הכנסת אורחים, איז מיר ניט נייטיק צו וויסן אייער נאָ־מען און אייער כאַראַקטער. איר וואַנדערט, איר זייט אין דעם קאַנט אַ פרעמ־דער, וואָס דאָס שלעכטע וועטער האָט אים געטראָפן ביי דעם טויער פון מיין הויז — דאָס איז אייער שטאַנד און אייער רעכט. אייער אויסזען געפעלט מיר, און איך בין איבערצייגט, אַז פאַר מיין צוטרויען וועל איך באַשאַפן זיין דערמיט, וואָס איך האָב אַ טובה געטאָן אַ פיינעם מענטשן". ביי קאַרדאַנע צום טיש הערשט אַ קעלט פון געשעפטלעכקייט און די אומרואיקייט פון פיבערלע־כער טעטיקייט. פרידן און ליבשאַפט גיבן צו אַ באַזונדער צויבער די מיטאָגן

בײַ אַנטואַנען. זײַן ריטערישע פֿרײַנדלעכקייט און דער גרויסוועלטיקער טאַקט, זײַן פֿעאיקייט פֿריער פֿאַר אַלץ צו זען אין יעדן מענטשן — אַ מענטשן, ניט אַ גוטע אָדער שלעכטע מאַשין, — דאָס אַלץ שאַפֿט אין אַנטואַנס הויז אַן אַטמאָספֿער, וואָס איז דער שאַרפֿער היפּוך פֿון דער ציפֿער־אַטמאָספֿער און פֿון דער טרוקענער געשעפֿטלעכקייט אין קאַרדאָנעס הויז.

אויב שילדערנדיק די פֿאָרשטייער פֿון דער אַריסטאָקראַטיע, ווײַזט זשאָרזש זאַנד אַרויס אַ נטיה צו אידעאַליזירונג, זײַנען אירע אַרבעטער און פּויערים אמתע ריטער אָן מורא און אָן פֿאָרוואורף. זשאַן — איז אַ פֿילאָזאָף אין פּויערשע קליידער. אין זשאַנס פּערזאָן האָבן מיר פֿאַר זיך פֿון דעם ערשטן ערשײַנען זײַנעם אָן ניט אַ לעבעדיקן מענטשן, אַן אָרעמאַן, וואָס זוכט קודם כּל מיטלען צום לעבן, נאָר אַ שטאָלצן פֿאָרשטייער פֿון פֿאָלק, זײַן אידעאָלאָג; אַ מענטש, וואָס איז באַשאָנקען מיט אַ שעפֿערישער אַרטיסטישער נאַטור. נאָר אַזאַ אומגעווײנלעכער, און אפֿשר קיינמאָל ניט געוועזענער פּויער, האָט דעם אויטאָר געמאַכט מעגלעך קלערער אונטערצושטרײַכן זײַנע אידעען, באַווײַזן באַזונדער בולט, ווי שווער דאָס פֿאָלק האָט געזאָלט פֿילן יענס „גליק", וואָס די אינדוסטריעלע אָרדענונג האָט פֿאַר אים אָנגעגרייט. „איר זייט אַ רײַכער, און איך בין אַן אָרעמער. אָבער דאָס איז ניט קיין טעם, אַז איך זאָל דינען דעם ערשטן בעסטן", — זאָגט זשאַן צו עמילן, וועלכער האָט זיך מיט אים באַגעגנט לעבן שלאָס בשעתן געוויטער און האָט אים געבעטן אונטערפֿירן פֿאַר אַ שיינע באַלוינונג.

פּונקט ווי אין אַנטואַנס געשיכטע האָט דער אויטאָר געוואָלט אויסמאָלן די לאַגע פֿונם אדל, אַזוי איז זשאַנס גורל אַ לעבעדיק בילד פֿון די טרויעריקע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען די פּויערים און די אַרבעטער. אָבער זשאַנס אומגליקן זײַנען ניט אַזוי אַ רעזולטאַט פֿון זײַן נידעריקער לאַגע, ווי דער פּועל־יוצא פֿון זײַן גראָדקייט און שטאָלצקייט. ער האָט געוואָלט העלפֿן זײַן שטאָלצן פֿרײַנד, און האָט אים געשיקט דרײַ בוטל ווײַן, וועלכע ער האָט באַקומען אַלס קאָנטראַבאַנד, און האָט פֿאַר זיי קיין אָפּצאָל ניט אַרײַנגעטראָגן. ער קאָן ניט לייגן און דערנידעריקן זיך. ער גלויבט, אַז וועגן רייַנע באַוועגונגען פֿון האַרצן דאַרף מען מעלדן אָפֿן, און מען האָט אים פֿאַרמשפּט צו באַצאָלן שטראָף פֿינף הונדערט פֿראַנק. ער קאָן אַזאַ סומע ניט באַצאָלן, האָט מען זײַן באַשיידן פֿאַרמעגן פֿאַרקויפֿט, און ער איז געוואָרן אַ קבצן. ער ליידט הונגער, און דערשיסט אין וואַלד אַ האָז. דאָס איז פֿאַר באָטן; פֿאַרמשפּט מען אים אויף תּפֿיסה. אים געלינגט אָבער אַרויסצורײַסן

זיך פון די זשאַנדאַרמס הענט, און ער געפינט זיך אַ מקום מקלט אין אַנטואַנס שלאָס. דער פּאַראַמעטער פּריץ און דער אַנטלאָפענער פון דער פּאָליציי פּויער ווערן אומגעשיידטע פריינד. דאָס איז זשאַקס געשיכטע.

דער גורל לאָזט דעמדאָזיקן מענטשן צונויפטרעפן זיך צוזאַמען מיט קאַר־דאָנע, און זייער צוזאַמענשטויס איז אפשר דאָס סאַמע טשיקאַווע און באַלער־נאַרע אָרט אין דעם ראָמאַן. קאַרדאָנעס שמועס מיט זשאַקן דעקן אויף דעם אויטאָרס גרונד־טענדענץ. צופרידן פון זשאַנס שכל און ענערגיע, געוואוינט צו שעצן אַ מענטשן מצד דעם שטאַנדפּונקט פון זיינע אונטערנעמונגען, רעכנט שוין קאַרדאָנע אויס ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט זשאַנען, סאַר אַ גרויסע נוצן עס וואָלט פון דעמדאָזיקן מענטשן געקאָנט אַרויסקומען, ווען ער זאָל אים מאַכן פאַר אַן אָנפירער איבער דער אַרבעט אין זיין אונטערנעמונג. די באַדינגונגען, וואָס קאַרדאָנע לייגט פאָר, זיינען זייער גוטע פאַר דעם אָרעמען פּויער, אָבער זשאַן וויל ניט. „איך וועל פאַר דיר אויסמעלן פרייהייט און באַ־צאָלן דאָס שטראָף־געלט... דו וועסט דערפאַר אַרבעטן אין מיין אונטערנעמונג, דו וועסט זי אָנפירן". „אַרבעטן אין אייער אונטערנעמונג, וועלכע וועט זיין אַ קבר פאַר אַזויפיל מענטשן.—אָבער ביזוואַנען איך וועל אָפּאַרבעטן מיין חוב, ווער וועט מיך אויסהאַלטן?"—„איך. איך וועל דיר פאַרגרעסערן דעם געהאַלט אויף אַ דריטל".—„אַ דריטל איז מיר קנאַפּ. איך מוז מיך אויסקליידן, איך האָב גאָרניסט". „רעכט, איך וועל דיר טאָפּלען דעם געהאַלט". — „איך וועל דאַרפן אַרבעטן אַלע טאָג פון יאָר?" — „אויסער זונטאָגן". — „דאָס ווייס איך. אָבער איך וועל האָבן צוויי, אָדער כאָטש איין טאָג אין וואָך, ווען איך זאָל מיר קענען איבערגעבן מיין פאַנטאַזיע? מיין הויז איז פאַרקויפט, איך וויל מיר אויס־בויען אַ ניי הייזל לויט מיין געשמאַק, לויט מיין אידעע, אָט צו וואָס איך דאַרף האָבן איין פרייען טאָג אין וואָך". — „דערויף בין איך בשום אופן ניט מסכים. דו וועסט ניט האָבן דיין אייגן הויז, דו וועסט ניט האָבן דיינע איי־גענע געצייג, דו וועסט שלאָפן ביי מיר, עסן ביי מיר, דו וועסט זיך באַנוצן באַר מיט מיינע געצייג. דו"... — גענוג, איך האָב פאַרשטאַנען, איך וועל זיין אייער אייגנטום, אייער קנעכט; איך דאַנק, מיין הער, איך האָב דאָ ניט מער וואָס צו טאָן".

דער געדאַנק פון דעמדאָזיקן דיאַלאָג איז פאַרשטענדלעך. קאַרדאָנע קאָן מסכים זיין אויף אַלע באַדינגונגען, ער קאָן דערגיין אין זיינע הנחות אַזוי ווייט, אַז ער זאָל טאָפּלען דעם געהאַלט לגבי די עקסיסטירנדיקע פרייזן. אָבער לאָזן דעם אַרבעטער אויסנוצן כאָטש אַ קליינעם טייל פון זיין מי צו זיין איי־

געגעם נוצן, דערלויבן אים צו באַזיצן אייגענעם געצייג, דאָס הייסט ביי קאַרדאָנע צעטרייסלען די יסודות גופא פון דער עקסיסטירנדיקער אָרדענונג, רויִנירן ביזן גרונט די אָרדענונג, וואָס די גרויסע בורזשואַזיע האָט מיט אַזוי פיל זאָרג באַשאַפן. די קריטיקער, וועלכע ווייזן אָן אויף דעם שטאָלצן גאַנג פון די זשאָרזש־זאַנדישע פויערים און אַרבעטער, קאָנען זיך סומך זיין אויף דעם מסורפדיקן זשאַן. מסתמא וואָלט זיך קיין אַרבעטער פון זיין צייט ניט אָפּגעזאָגט פון אַזעלכע גוטע באַדינגונגען מצד קאַרדאָנע, און אפשר וואָלט קיינעם פון דידאָזיקע מענטשן אויפן זינען ניט געקומען מאָטיווירן זיין אָפּזאָג אויף אַזאַ משונהדיקן אופן. אָבער דאָס רויבט ביי זשאָרזש־זאַנדס ראָמאַן ניט אַוועק זיין וויכטיקע קולטור־היסטאָרישע באַדייטונג. די וואַכזאַמע שריפטשטעלערין האָט אָנגערירט דאָס סאַמע ווייטאָגדיקע אָרט אין דער קאַפּיטאַליסטישער פאָרם פון פּראָדוצירן, זי האָט עס באַמערקט דאַן, ווען די מכות פון דער גרויסער אינדוסטריע האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן אויפצועפענען. די וויכטיקסטע מכה פון דערדאָזיקער אָרדענונג באַשטייט ניט אין דעם, וואָס אײַנע אַרבעטן, און די אַנדערע פאַרברענגען די צייט אין פוסטע־פּאַס, אַפילו אויך ניט אין דעם, וואָס די מאַטעריעלע רייכטימער ווערן פאַרטיילט ניט גלייך. די שרעק פון דער לאַגע באַשטייט אין דעם, וואָס עס גייט פאַרלאָרן אַ לעבעדיקע נשמה, וואָס דער פרייער נפש ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אויטאָמאַט, און ביי דעם מענטשן ווערט אָפּגערויבט זיין העכסטע מתנה—זיין רעכט צו שאַפן. די־דאָזיקע זייט האָט אַפּנים באַזונדער טיף געדאַרפט אָנרירן דער שריפטשטעלערין, וועלכע האָט איר ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט דער אַפּאָלאָגיע פון רעכט פאַר דעם פרויענהאַרץ און ביזן סוף לעבן האָט זי ניט אויפגעהערט צו פאָדערן קודם־כל—רחבות פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פערזענלעכקייט. אויב זשאָרזש זאַנד איז געווען אַ שלעכטע פריידיקערין פון דער סאָציאַליסטישער אידעע, אויב זי האָט נאַאיוו דערנענטערט אַנטואַנען מיט זשאַנען, אויב אין איר מוח האָט זיך געמאָלט דער שיינער אידילישער בונד צווישן דער אַלטער אַריסטאָקראַטיע מיט דעם פּיערטום, — דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז אין יענער צייט זיינען די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די געזעלשאַפטלעכע גרופּן ניט געווען גענוג קלאָר באַשטימט, און אַפילו די דענקער, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ דירעקטע אויפגאַבע צו באַזייטיקן די פאָרקומענדיקע געשעענישן, האָבן, ווי מיר האָבן עס געזען אויף דעם ביישפּיל פון די סען־סימאָניסטן, אויך ניט געקענט באַשאַפן קיין באַשטימטע טעאָריעס.

די קריטיקער, וועלכע האָבן, ווי קאַראַ, אויסגעמעקט פון דער ליטעראַ־
טור די ירושה, וואָס עס איז געבליבן פון דער ראָמאַניסטין, דעם פעלער
פון הער אַנטואַן און די איבעריקע סאָציאַליסטישע ראָמאַנען, פאַרגעסן,
אַז אין דידאָזיקע ראָמאַנען זיינען פאַראייביקט אַלע טיפּן פון דער איבערגאַנגס־
עפּאָכע: סיי די פאַרשטייער פון דער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע, סיי די קאַ־
פּיטאַליסטן אונטערנעמער, סיי די אוטאָפּיסטן, סיי די פויערים, סיי די אַרבע־
טער; אַז די אומבאַשטימטקייט גופא פון דידאָזיקע העלדנס שטרעבונגען איז
כאַראַקטעריסטיש פאַר דערדאָזיקער עפּאָכע, ווען די נייע געזעלשאַפטלעכע
גרופּן האָבן זיך ערשט פאָרמירט.

זשאָרזש־זאַנד האָט זיך צום סוף פון איר לעבן אַליין אָפּגעזאָגט פון
דער ראָלע פון אַ פריידיקערין. די רעוואָלוציע פון 48 יאָר האָט געמאַכט
אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דער שריפטשטעלערין, די געדענקווירדיקע יולי־
טעג האָבן זי אויפגעטרייסלט. געגליכן צו רוסאָ און באַיראָנען, פילט זי די
באַדערפעניש אַוועקצוגיין פון קאַמף און געוויטערן און זוכט רעטונג אויף
דעם שויס פון דער נאַטור. זי וויל געבן רו איר דמיון, אומקערנדיק זיך מיטן
געזיכט „צום אידעאַל פון רו, אומשולדיקייט און טרוימען".

העכער הונדערט יאָר טיילן אונז אָפּ פון דעם מאָמענט, ווען אויראָרע
דיופּען האָט צום ערשטן מאָל דערזען די וועלט, און העכער אַ האַלבן
יאָרהונדערט פון דעם פּעריאָד, ווען איר ליטעראַרישער רום האָט געהאַלטן
אין רעכטן ברען. ניט אַלע פראַגן, וואָס האָבן אויפגערעגט דער שריפטשטע־
לערין, זיינען אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג. עס האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט
דער פרויס קאַמף פאַר אירע רעכט, עס האָט נאָך ניט אויפגעהערט יענע
פאָרם פון עקספּלואַטאַציע, וואָס די באַרימטע ראָמאַניסטין האָט אירע מכות
אויפגעדעקט. זי האָט דידאָזיקע פראַגן באַלויכטן, ווי זי האָט געקענט. פון
סאָציאַלער פריידיקט איז זי אַריבער צו וואונדערלעכע בילדער פון דאָרפס־אידי־
ליע. פון אַ קעמפער האָט זי זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּעסימיסט, פון אַ ראָמאַנ־
טיקער — אין אַ וויסנשאַפטלעכן פאָרשער. אָבער אַלע אירע פאַרשיידנאַרטיקע
שטימונגען זיינען דורכגעדרונגען מיט איין אַלגעמיינעם געפיל — מיט הייסער
ליבע צו אַלעמען, פאַר וועלכן עס האָט קיין אָרט ניט געקלעקט ביים לעבנס־
מאָלצייט. זי האָט געזוכט אומגליקלעכע אונטער יעדן קלייד און אין אַלע גע־
זעלשאַפטלעכע גרופּן, און אין איר פּערזאָן האָבן זייערע ליידן געפונען אַ קונ־
ציקן מאָלער. זי איז ניט צוגעשטאַנען פולקום צו קיינע פון די סאָציאַלע
טעאָריעס, וועלכע האָבן זיך שנעל געביטן איינע נאָך די אַנדערע אין דעם

משך פון איר כמעט האַלבהונדערטיאָריקער טעטיקייט. אָבער זייער גרונטציל— שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אויף יסודות פון גערעכטיקייט —האָט אין איר געפונען אַ הייסע און אַ באַגייסטערטע קעמפערין, און איר נאָמען וועט אויף אייביק זיין פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון קאַמף פאַר דער באַפריי־אונג פון דער מענטשהייט.

X.

די רעאַליסטישע ריכטונג אין דער ליטעראַטור. — אָגיוסט קאָנט און די פּאָזי־טיווע ריכטונג אין דער פילאָזאָפיע. — די הויפּטשטריכן פונם רעאַליזם. — די ראָלע פונם שריפטשטעלער. — אָנשטאָט געפיל און פאַנטאַזיע — וויסנשאַפטלעכער אַנאַליז. — דעטאַלישקייט און פאַקטישע פּינקטלעכקייט. — די פאָרם. — דער טיפּ פון אַ נייעם שריפטשטעלער. — באַלזאַק. — די גרונדשטריכן פון זיין כאַראַקטער און די באַזונדערהייטן פון זיין ליטעראַרישן שאַפן.

„איר זוכט אָפּ דעם מענטשן אַזעלכן, וועלכער באַווייזט זיך פאַר אייער בליק; און איך פיל אין זיך דעם באַרוף צו שילדערן אים אַ זעלכן, אַ וועלכן איך וואָלט אים וועלן זען". אַזוי האָט זשאָרזש־זאַנד באַשטימט דעם אונטער־שייד צווישן זיך מיט איר באַרימטן בן־דור באַלזאַק. און דידאָזיקע ווערטער כאַראַקטעריזירן בעסער פאַר אַלץ די נייע ליטעראַרישע ריכטונג, וואָס איז געקומען פאַרנעמען דאָס אָרט פונם ראָמאַנטיזם.

וואָס איז אַזוינס דער רעאַליזם? דאָס איז פריער פאַר אַלץ די פּאָעזיע פון פאַקטן, די פּאָעזיע, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו יאָגן נאָך אַ אידעאַל און האָט באַאָפּגעאַכט די ווירקלעכקייט. דער נצחון פון רעאַליזם איבער דעם ראָמאַנטיזם איז באַדונגען דורך דעם נצחון פון דער וויסנשאַפט איבער דער פאַנטאַזיע. דער רעאַליזם אין דער ליטעראַטור איז געווען אַ צייכן פון אַן אַלגעמיינער איבערקערעניש, וועלכע איז פאָרגעקומען אין די מוחות פון דער אייראָפּעאישער געזעלשאַפט. אין דער פילאָזאָפיע אַנטשפּרעכט דעם רעאַליזם די אַנטשטייאונג פון דער פּאָזיטיווער שול. מיר ווייסן שוין, אַז אין דער מיטל־אַלטער האָט געהערשט די טעאָלאָגישע פאָרמען פון דענקען, וועלכע האָט געהאַלטן, אַז דער וועלטאַל ווערט רעגירט דורך דער העכערער קראַפט, וואָס באַזיצט לעבן און באַוואוסטזיין, — דורך דער קראַפט, וואָס האָט באַשאַפן דעם וועלטאַל און שאַפט אַלע ערשיינונגען. די טעאָלאָגישע פאָרם פון דענקען האַלט ניט פון עפּעס אומענדערלעכע געזעצן פון השתלשלות הסיבות, וואָס

פירן אַן מיט די ערשיינונגען; אַלץ הענגט אָפּ פון דעם ווילן פון דעם אויבערשטן וועזן. נאָך דעם טעאָלאָגישן פעריאָד קומט דער מעטאַפיזישער. די געזעלשאַפט הערט אויף צו ערקלערן די ערשיינונגען מיט דעם ווילן פון דעם וועזן, וואָס שטייט אויסער דער וועלט. די מעטאַפיזישע פאָרם פון דענקען האַלט, אַז אין יעדער זאַך לעבט אַ באַזונדער קראַפט, וואָס באַזעלט זי, אַז די נאַטור האָט שטרעבונגען און נטיות; און טאַקע דידאָזיקע פאָרם פון דענקען דערלאָזט ערקלערונגען, אַ שטייגער ווי, אַז די נאַטור האָט מורא פאַר פוסטקייט, און אַ דאַנק דעם הייבט זיך אויף דאָס וואַסער אין פּלומפּ; אַז די נאַטור מאַכט ניט קיין שפּרונגען, און אַז. וו.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין דער קורס פון פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע פון אָגיוסט קאָנט, און דידאָזיקע יאָרן דאַרף מען רעכענען פאַר דער עפּאָכע, ווען עס אַנטשטייט דער פּאָזיטיוויזם. ווי יעדע לערע, איז אויך דער פּאָזיטיוויזם אַנטשטאַנען ניט פאַר אַ מאָל: קאָנט האָט געהאַט פאָרגייער. בעקאָן האָט שוין אַרויסגעזאָגט די אידעען, וואָס זיינען געלייגט אין יסוד פון דער פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע. נאָר ערשט קאָנט (1887—1798) האָט דער ערשטער באַאַרבעט די נייע לערע מיט דער געהעריקער פולקייט, און דעריבער האָט ער פאַרדינט צו טראָגן דעם ערן-טיטל „פאָטער פון דער פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע". דער מהות פון דערדאָזיקער פילאָזאָפיע באַשטייט אין פאָלגנדיקן: פאַר אונז איז ניט צוטריטלעך און אומבאַוואוסט דער מהות פון דער טבע פון די ערשיינונגען. מיר וועלן קיינמאָל ניט וויסן די ראשיתדיקע טעטיקע אָדער אחריתדיקע סיבות פון די ערשיינונגען. מיר ערקענען נאָר די ערשיינונגען גופא, די פענאָמענס, און אויך אונזער וויסן וועגן די פענאָמענס איז ניט אַבסאָלוט, נאָר רעלאַטיוו. מיר קאָנען ניט—ניט דעם מהות פון קיין איינציקן פאַקט, ניט אַפילו דעםווירקלעכן אופן פון זיין אַנטשטיין, נאָר מיר קאָנען די באַציאונגען, וועלכע עס עקסיסטירן צווישן די ערשיינונגען. דידאָזיקע באַציאונגען זיינען שטענדיקע, ד. ה. שטענדיק דיזעלביקע ביי איינע און די-זעלבע אומשטענדן. די שטענדיקע ענלעכקייטן, וועלכע בינדן די ערשיינונגען צונויף צווישנאַנאַנד, און די שטענדיקע קאָנזעקווענץ, וואָס פאַראייביקט זיי אַלס פאַרבייגייענדיקע און נאָכפאָלגנדיקע, הייסן די געזעצן פון דידאָזיקע ערשיינונגען. דידאָזיקע געזעצן — דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס מיר קאָנען ערקענען בנוגע די ערשיינונגען. דער פּאָזיטיוויזם האָט אַזוי אַרום ערקלערט אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף דער טעאָלאָגיע און דער מעטאַפיזיק, באַצייכענענדיק אַלס פרוכטלאָזע זייערע אָנשטרענגונגען צו געפינען די סיבות פון ערשיינונגען

און זייער מהות. דער פּאָזיטיוויזם זאָגט זיך אָפּ משיג צו זיין אַ וועלכן ניט איז העכערן ווילן, וואָס זאָל רעגירן איבער דער וועלט, אַלץ איינס ווי ער זאָגט זיך אָפּ צו אָנערקענען די געהיימע קרעפטן, וואָס לעבן אין די זאַכן גופא. ער נעמט אויף די ערשיינונגען, וועלכע מ׳זעט, אַלס עקזיסטירנדיקע פאַקטן. און מיט דער הילף פון ערפאַרונג און באַאָבאַכטונג שטעלט ער פעסט די באַציאונגען, וואָס עקסיסטירן צווישן זיי. קאָנט האַלט אַזאַ וויסנשאַפטלעכן מעטאָד פאַר דעם פּרוכטבאַרסטן, מחמת ער גיט אין דעם מענטשנס הענט אַ שטאַרק געווער, אויסצובעסערן דאָס לעבן און די סאָציאַלע באַדינגונגען. „יעדע פּאָראויסזען די ערשיינונגען און יעדע מאַכט איבער זיי, הענגט אָפּ גאָר פון זייער קאָנזעקווענטקייט, און ניט פון די באַגריפן, וואָס מיר קאָנען זיך שאַפן וועגן זייער אינערלעכער נאַטור. מיר זעען פּאָראויס אַ פאַקט אָדער עפּעס אַן ערשיינונג דורך אַנדערע פאַקטן, וואָס זיינען סימנים אויף אים, מחמת די ערפאַרונג האָט אונז באַוויזן, אַז זיי גייען שטענדיק פּאָראויס פאַר יענעם פאַקט. אַזוי אַרום איז יעטווידער פּאָראויסזען און יעטווידע אַקציע מעגלעך געווען נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפל דעם מענטשן איז געלונגען צו דערקענען די קאָנזעקווענטקייט פון די ערשיינונגען. סיי דער פּאָראויסזען, סיי דערדאָזיקער וויסן, — די קראַפט, וואָס האָט זיך באַקומען דורך דער ער-פאַרונג,—קאָנען נישט ערוואָרבן ווערן אויף קיין אַנדער אופן.

אַזויווי די פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פרוכטלאָזע שטרעבונגען אין ניט צוטריטלעכע פאַר דעם מענטשנס פאַרשטאַנד ספערן, אַזוי האָט זיך אויך די רעאַליסטישע ליטעראַטור אָפּגעזאָגט פון ניט קלאָרע זוכונ-גען; זי האָט זיך פאַרנומען מיט שילדערן די ערשיינונגען, אָפּט מיט פאָטאָ-גראַפישער פינקטלעכקייט; זי האָט גענומען דעם מענטשן און דאָס לעבן אַזעלכע, ווי זיי זיינען, און האָט זיך באַמיט אָפּצוזאָגן זיך פון יעטווידער אידעאַליזירונג, פון שילדערן דאָס, וואָס עקסיסטירט ניט, פון דער פאַנטאַסטי-שער וועלט, פון דער טרוימענוועלט, וואוהין די ראָמאַנטיקער, אומצופרידענע פון דער ווירקלעכקייט, האָבן זיך פאַרטראָגן אין זייערע טרוימען.

דער רעאַליזם איז געווען פונקט אַזאַ רעוואָלוציע בנוגע צום ראָמאַנטיזם, ווי דער לעצטער איז געווען אין זיין צייט בנוגע צום קלאַסיציזם. פריער פאַר אַלץ האָט די וויסנשאַפטלעכע ריכטונג אין דער ליטעראַטור געווירקט אויף דער באַציאונג פון דעם שריפטשטעלער צו די ערשיינונגען, וועלכע ער שילדערט. דער געשמאַק פון דער הויף-געזעלשאַפט, די געזעצן, וואָס די אַקאַדעמיע האָט אַרויסגעגעבן, זיינען געווען די העכסטע מאָס פאַרן שריפט-

שטעלער. דער ראָמאַנטיקער האָט אויפגעהויבן דעם שריפטשטעלערס פּערזענ־לעכקייט אויף אַן אומגעהערטער הויך. זיין פאַנטאַזיע און זיין קאַפּריז האָט ער געשטעלט העכער פאַר דעם געשמאַק פון עולם און פאַר די כּללים פון די עסטעטן; זיין אילוזיע — העכער פאַר דער נאַטירלעכער וועלט. דער שריפטשטעלער רעאַליסט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלערליי ראַציאָנאַליסטישע בנינים, פּונקט ווי פון זיינע פּערזענלעכע פּניות און געשמאַקן. ער גייט צו צו דערווירקלעכקייט, ווייט פון בוך־פאָראורטיילונגען און פריי פון ענדער־לעכע שטימונגען; ער גייט צו צו דער ווירקלעכקייט אָביעקטיוו און גלייכ־גילטיק; געגליכן צום זאָאָלאָג אָדער באָטאַניקער, פאָרשט ער מיט גלייכער אויפמערקזאַמקייט אַלע ערשיינונגען. פאַר דעם נאַטורפאָרשער זיינען גלייך טייער סיי די בוימער ריזן פון ששת ימי בראשית, מיט דער רייכער באַבלע־טערונג, סיי די קלעפּיקע וואַסער־פלאַנצן, סיי די געהויבענע קיניגן פון די חיות, סיי די קוים באַמערקבאַרע אינזעקטן; אַזוי זיינען אויך פאַר דעם שריפטשטעלער רעאַליסט גלייך סיי די הויפן פון די קיניגן, סיי די כאַלופּעס פון די קבצנים, סיי די דערהויבענע גייסטיקע באַוועגונגען, סיי די נידעריקע געפילן. דער העלד און דער נבל, די גבורות פון אַלטרואיזם און די קליינ־לעכע טאָגטעגלעכע זאָרגן — דאָס איז אַלץ פון גלייכער ווערט, גלייך נייטיקע דאָקומענטן. געגליכן צו קאָרנעלן און צו ראַסינען, דערשטיקט אויך דער שריפטשטעלער רעאַליסט זיינע אינערלעכע אויפברויזן, אָבער דאָס מאָל לשם דער פּינקטלעכקייט און דער וואָרהאַפטיקייט פון דער שילדערונג.

צוזאַמען מיט דער ענדערונג פונם בליק אויף דער ראָלע פונם שריפט־שטעלער, האָבן שוין געמוזט פאַלן אויך די הויפּטבאַוועגער פון דער ראָמאַנ־טישער שאַפונג: דער געפיל און די פאַנטאַזיע. אומצופרידן מיט דעם מוח־כאַראַקטער פון דער פריערדיקער ליטעראַטור, האָבן די ראָמאַנטיקער צוריקגעקערט דעם געפיל און דעם דמיון זייערע רעכט. אָבער דער רעאַליזם האָט דידאָזיקע עלעמענטן אָפּגעוואָרפן ווי אַ מניעה, וועלכע שטערט דער אָביעקטיווער שילדערונג פון דער ווירקלעכקייט. דער רעאַליזם האָט אויפן אָרט פון פאַנטאַזיע און דמיון אַוועקגעשטעלט דעם וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז. די רעאַליסטישע ליטעראַטור זאַמלט ביט נאָר קיין פאַקטן: זי באַמיט זיך צו געפינען די באַציאונגען צווישן זיי, פעסטצושטעלן די געזעצן פון דידאָזיקע באַציאונגען. די ליטעראַטור ווערט אַ פאַרבינדעטע פון דער וויסנשאַפט. אַזוי אַרום, פאַרשפּרייט דער רעאַליזם, געגליכן צו דער פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע, זיין פאָראויסזען נאָר אַזוי ווייט, אויף וויפל די באַאָבאַכטונגען איבער די ערשיי־

גונגען פון לעבן און איבער דעם מענטשנס פּסיכאָלאָגיע ערלויבן אַריבערצוגיין פון פּרטים צו אַלגעמיינע געזעצן. מער גיט ווי אין דידאָזיקע גרעניצן ווייזט זיך אַרויס דעם שריפטשטעלערס פּערזענלעכקייט; זיינע פּאָליטישע און סאָציאַלע אָנשויאונגען באַקומען זיך אַלס אַן אויספיר פון די פאַקטן. דאַנטע האָט אויפגענומען דעם אידעאַל וועגן אַן אַלוועלטלעכער הייליקער אימפּעריע פון דער טראַדיציע, און אין הסכם מיט דעמדאָזיקן אידעאַל האָט ער נאָכדעם פאַרמשפּט מענטשן אויף טויט, אָדער באַשאָנקען מיט גן=עדן=גליק. דער שריפטשטעלער רעאַליסט שטודירט פריער אויס דעם גן=עדן און דעם גהינום פון לעבן, און ערשט דערנאָך בויט ער זיינע אויספירן, באַשאַפט ער זיינע פּאָליטישע און סאָציאַלע אידעאַלן. קיין וואונדער ניט, וואָס ער איז פאָרזיכטיקער פאַר זיינע פאָרגייער. ער טרוימט ניט פאַר איין קלאַפּ איבערצובאַשאַפן די וועלט און מתקן צו זיין מלכות שמים אויף דער ערד. ער באַנוגנט זיך אָפט מיט אָנווייזן אויף דער באַנטער סיבה פון עפּעס אַ דערשיינונג. רואיק זאַמלענדיק פאַקטן, באַגרעניצט ער אָפט זיין אַריינמישן זיך אין לעבן מיט דער פאָדערונג פון טיילווייזע רעפאָרמען. באַלזאַק פאַרשרייבט עטלעכע זייטן, כּדי צו באַשרייבן וואָס איז אַזוינס אַ אָנקאָל=חשבון און באַווייזן גאָר די שרעק פון דער באַנק=אָפּעראַציע, וועלכע רופט זיך מיט דעמדאָזיקן נאָמען און פאַרפלאָנטערט אין אַ נעץ דעם אומגליקלעכן בעל=חוב. דער שריפטשטעלער רעאַליסט קאָן זיין אַ פּאַרטיי=מאַן, אָבער נאָר אין אַזאַ זינען, אין וועלכן מ'קאָן זיין אָן אָנהענגער פון דער אָדער יענער וויסנשאַפטלעכער שול. דער שריפטשטעלער רעאַליסט, וואָס פּאַסט אין זיינע ווערק צו די לעבנספאַקטן צו באַוואוסטע אויספירן, צעשטערט די געזעצן פון רעאַליזם פּונקט אין אַזאַ מאָס, ווי דער געלערטער טרעט אָפּ פון די עכט=וויסנשאַפטלעכע פאָדערונגען, צעשניידנדיק די פאַקטן לטובת דער אָדער יענער טעאָריע.

דער דריטער שטריך פונם רעאַליזם — דאָס איז די דעטאַלקייט פון דער שילדערונג און די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די געביטן, וואָס די ליטעראַטור רירט אָן. איבערגענומען די עכט=וויסנשאַפטלעכע אָביעקטיוויטעט און פאָרזיכטיקייט, שטרעבט דער שריפטשטעלער=רעאַליסט צונויפצוזאַמלען וואָס מער דאָקומענטן און צו באַשרייבן זיי וואָס פולער. קיינמאָל האָט די געשיכטע ניט געוואוסט פון אַזעלכע פרוכטבאַרע שריפטשטעלער, ווי אין דער צייט, ווען דער רעאַליזם האָט געבליט. צענדליקער, הונדערטער בענדער — דאָס איז אָפטמאָל געווען די ירושה, וואָס אַ שריפטשטעלער האָט געלאָזן. באַלזאַקס אָדער זאָלאַס ווערק בילדן אַ גאַנצע ביבליאָטעק. קיינמאָל האָט די ליטעראַטור ניט באַ=

שרייבן אַזעלכע פּרטים, ווי אין דער עפּאָכע, די פּרטים פון דער קליידונג, די קליינע רגילותן פון די העלדן, די באַשרייבונגען פון די בנינים, גאַסן — דאָס אַלץ צייכנט זיך אויס מיט אַזאַ וואונדערלעכער פּינקטלעכקייט, אַז פאַרן דמיון איז ניט שווער אויפצושטעלן זיי אין אַלע זייערע דעטאַלן.

די נייע ריכטונג און די נייע אויפגאַבן, וואָס די ליטעראַטור האָט זיך געשטעלט, האָבן זיך ניט געקענט ניט אָפּשפּיגלען אויף איר אויסערלעכער פאָרם. פאַרברייטערט דעם געביט פון ליטעראַטור ביז אומגעווייִנלעכע גרעניצן, געמאַכט פאַר איר אייגנס אַלע ערשיינונגען פון דער זעבאַרער וועלט, — האָט זיך דער רעאַליזם געשטעלט אין פיינדלעכע באַציאונגען צו אַלע ליטעראַרישע פאָרמען, וואָס לייגן אַרויף אַ דרוק אויפן שריפטשטעלער. די פערזנפאָרמע פאַרלירט אַלץ מער און מער איר באַדייטונג, און דער ראָמאַן, דער פרייסטער מין ליטעראַרישע שאַפונג, ווערט די געליבטסטע פאָרם פון די שריפטשטעלער-רעאַליסטן. אין די ראַמען פונם ראָמאַן גייען לייכט אַריין סיי דעטאַלע באַשרייבונגען, סיי וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען, סיי לירישע השתפכות-הנפש. דער ראָמאַן ווערט אָפט פאַרוואַנדלט אין אַ וויסנשאַפטלעכע דיסערטאַציע, און דידאַקטיקע דיסערטאַציע — אין אַ אינטערעסאַנטן ראָמאַן. די דערנענטערונג צווישן וויסנשאַפט און ליטעראַטור האָט זיך קיינמאָל ניט געפילט אַזוי שטאַרק, ווי אין דעם נייעם ראָמאַן, וועלכער האָט טאַקע באַקומען דעם נאָמען עקספּערימענטאַלער.

די רעאַליסטישע ריכטונג אין דער ליטעראַטור האָט פולקום אַנטשפּראָכן די וויסנשאַפטלעכע און מאַטעריאַליסטישע פאָדערונגען פון דעם פּראָזאאישן יאָרהונדערט. זי האָט געבוירן אויך אַ נייעם טיפּ שריפטשטעלער, באַשאַפן אַ נייע אַטמאָספערע און נייע באַדינגונגען פון ליטעראַרישער טעטיקייט. זי האָט אַראָפּגעפירט דעם שריפטשטעלער פון הימל אויף דער ערד. „דער שטעמפּל פון סוד" איז אַראָפּ פון זיין געזיכט. ער האָט זיך אָפּגעטונקט איבערן קאָפּ אין דער געדיכטעניש פון לעבן און קאַמף. זיין שאַפונג הייבט מען אָן קאָטירן אויף דער בערזע, ווי אַלערליי אַנדערע ווערטן. די ליטעראַרישע פּראָפעסיע הערט אויף צו זיין עפּעס אָפּגעזונדערטס, אַ קנין פון אויסדערווײלטע נאַטורן. צו דער ליטעראַטור האָבן זיך אַלאָז געטאָן אַלע, ווער ס'האָט נאָר געזוכט כבוד און עשירות. באַרוף, באַגייסטערונג, זעאונגס-קראַפט — דאָס אַלץ, וואָס האָט דעם שריפטשטעלער געמאַכט נאָענט צום נביא, געפינט די געהעריקע אָפּשאַצונג אַלץ אין אַ מער און מער ענגן קרייז; ענערגיע, אַרבעטליבע, סקרופּולעזע לעבנספאָרשונג און וויסנשאַפטלעכע קענטענישן באַקומען

אַלץ מער באַדייטונג אין דער ליטעראַרישער קאַריערע פון דעם שריפטשטע=
לער. די פאַרברייטערונג פון דער ספערע, וואָס די ליטעראַטור האָט פאַרכאַפּט,
פאָדערט אַ פאַרגרעסערטע צאָל ליטעראַרישע אַרבעטער, און אויף דעם ליטע=
ראַרישן פעלד הייבט זיך אָן אַ קאָנקורענץ פון שכל און פון טאַלאַנט. עס הייבט
זיך אָן אַ קאַמף לויט אַלע מעטאָדן פון דער אינדוסטריעלער קאָנקורענץ. דער
הסרון פון טאַלאַנט קאָמפּענסירט זיך מיט עקשנות, מיט דער פעאיקייט מבטל
צו מאַכן דעם קאָנקורענט, מיט אינטריגעס. דאָס געלט — וואָס איז געוואָרן
די לעצטע מאָס פאַר אַלע ווערטן, וואָס האָט ניוועלירט אַלץ, פון וואָס עס
שטעלט זיך אויף דאָס לעבן פונם אינדוסטריעלן יאָרהונדערט, איז געוואָרן
אַ מעכטיקע באַוועגונגס=קראַפט אין דער ליטעראַרישער קאַריערע. דער שריפט=
שטעלער, וואָס אין זיין לעבן זיינען כבוד און אָרעמקייט אָפט געגאַנגען צוזאַ=
מען, הייבט אָן אָפּצוטרעטן דאָס וואָרט פאַר אַ נייעם טיפּ שריפטשטעלער, וועל=
כער רעכנט איבער די מדרגה פון זיין באַרימטהייט אויף געלט-צייכנס. די לי=
טעראַטור איז געוואָרן אַ מיטל פון הכנסה, דער פּאָעט, וועלכער לעבט אין די
וואָלקנס, וואָס גיט זיך אָפּ דער רייכער באַגייסטערונג אָן אַ שום צומיש פון
ערדישע געדאַנקען, — דערדאָזיקער פּאָעט ווערט אַ זעלטנהייט. אַזאַ טיפּ פאַר=
בלייבט נאָר צווישן רייכע לייט, וועלכע זיינען פולקום אומאָפּהענגיק אין מאַ=
טעריעלן זין, צווישן מענטשן, וועלכע זיינען נאָך פעאיק ביי די נסיונות פונם
הווה צו טראַכטן וועגן אייביקן, וועגן אָנערקענונג מצד די קומענדיקע דורות.
אָבער דאָס איז אַ זעלטענער טיפּ. דער שריפטשטעלער פון דער נייער צייט
לעבט אויפן גאַס, און אַפילו די גרעסטע טאַלאַנטן, די שעפער פון די געני=
אַלסטע ווערק, אַפילו די שטאָלצע אויסדערוויילטע, וואָס קוקן פון דער הייך
פון זייער גייסטיקער דערהויבנקייט איבער אַלעמען אויף דעם הבל פונם כבוד
און פאַראַכטן דעם משפט פונם המון, — אַפילו זיי סמען אָפּ זייער ריינע
באַגייסטערונג מיט די שטיקנדיקע אויסדעמפונגען פון דער גאַס. דער המון,
וואָס קויפט דעם שריפטשטעלערס ווערק, דער אייגפלוסרייכער מוכר=ספרים,
וואס איז פאַראינטערעסירט אין פאַרקויפן דידאָזיקע ווערק, דער פעליעטאָניסט
פון דער גרויסער פּאָפּולערער צייטונג, דערדאָזיקער קנעכט און קיניג פון דער
גאַס, וואָס איז גלייכצייטיק אַ חונף, אַ משרת, אַ טאַלאַנטפולער אויסדריקער און
אַן אומבאַגרענעצטער געזעצגעבער פון אירע געשמאַקן — אָט מיט וואָס פאַר
אַ עלעמענטן עס קומט אויס דעם שריפטשטעלער פון דער נייער צייט צו רע=
כענען זיך. אַפילו אַזאַ פּאָעט, ווי באָדלער, דערדאָזיקער בולטסטער פאָר=
שטייער פון דער ריינער קונסט, איז פאַרסמט מיט דעם אָטעם פון דער גאַס.

ניט די אָנערקענונג מצד אויסדערוויילטע, ניט די שבחים מצד וויקטאָר הוגאָ האָבן דעם פּאָעט ניט געקאָנט קאָמפּענסירן די בייזע קריטיק מצד די ספּערן, וואו עס פלעגן אַרויסגעגעבן ווערן דיפּלאָמען אויף רום און טאַלאַנט. און מערקווירדיקער פאַר אַלץ, וואָס דידאָזיקע קריטיק שאַדט ניט נאָר דער קעשענע, זי דריקט ניט נאָר דערמיט, וואָס זי נעמט אָפּ פּרנסה און הרגעט אַוועק די ליטעראַרישע קאַריערע — זי דערלאַנגט נאָך קלעפּ דעם פּאָעטישן זעלבסטגעפיל. דער פּאָעט, וועלכער ווערט באַגעגנט מיט אָנפאַלן מצד דער קריטיק און מיט אומצופרידנהייט מצד דעם המון, הייבט אָן אין תוך אַריין צו צווייפלען אין זיין באַרוף. ער טרויערט ניט נאָר וועגן דעם, וואָס ער האָט ניט די באַקוועמלעכקייט, וועלכע דער ערפאָלג און די אָנערקענונג פון דעם המון גיבן, — ער הערט אויף צו גלויבן אין זיך און אין דער גערעכטיקייט פון זיין זאַך. עס קלעקט אויסצוהערן באָדלערס הויכע קלאָגרייד בנוגע די אָנפאַלן אויף זיין „בלומען פון שלעכטס", מיר זאָלן זיך איבערצייגן, אַז ניט די באַליידיקטע אייגנליבע, ניט דער באַוואוסטזיין פון מאַטעריעלן היזק זיינען די הויפּטמאָטיוון פון דעמדאָזיקן קלאָגן זיך. אין זיי הערט זיך דער ספק פונם היינטיקן מענטשן, וואָס איז מיט שטאַרקע קייטן פאַרבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם לעבן, וואָס קען זיך אַפילו ביי דער זעלבסטאָפּשאַצונג ניט באַפרייען פון די איינגעשטעלטע קריטעריס, פון די אָנערקענטע טריבונאַלן.

די ערשטע העלפט פון XIX י. ה. ווייס ניט קיין בולטערן טיפּ פון אַזאַ מין שריפטשטעלער איידער אָנאָרע באַלזאַק, וועלכן מען רופט גערעכטיק אָן דער פאָטער פונם היינטיקן רעאַליזם און נאַטוראַליזם. זיין לעבן — דאָס איז די פאַרקערפּערונג פון די באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען דער אייראָפּעאישער און איבערהויפּט דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער פון XIX יאָרהונדערט.

ער איז געבוירן אין טור דעם 16=טן מאַי 1799 יאָר. זיינע געירשנטע נטיות, זיין קינדהייט און דאָס שפּעטערדיקע לעבן — דאָס אַלץ האָט געהאָלפן צו מאַכן אים פאַר אַן עכט קינד פון דעם מאַטעריאַליסטישן יאָרהונדערט, פאַר אַ טיפּישן פאָרשטייער פונם פּרינציפּ פון קאַמף פאַר דעם קיום, וואָס פאַרטיילט אויסגערעכנט זיינע קרעפטן, כדי צו דערגרייכן די העכסטע פּראָדוקטיוויטעט פאַר אַ קורצן טערמין. באַלזאַקס פאָטער, אַ מעכטיקע געזונטע נאַטור, האָט אין זיך צוזאַמען געהאַט אַ רוימער, אַ גאַליער און אַ גערמאַנער, באַזיצנדיק די עיקרשטע אייגנשאַפטן פון די אַלע דריי ראַסן: וואָגיקייט, געדולד און פיזישע קראַפט. ער איז געווען אַ מאַטעריאַליסט לויט זיין אינסטינקט. זיין ליבסטע

אידעע איז געווען די פיזישע אויסבעסערונג פון דעם מענטשלעכן מין. ער איז געווען ברוגז, וואָס מען באַגרעניצט ניט דאָס רעכט חתונה צו האָבן, וואָס די יונגע פּאָר, וועלכע גייט חתונה האָבן און איז באַשטימט פאָרטצוזעצן דעם מין ווערט ניט אונטערגעוואָרפן קיינע אונטערזוכונג. און עס האָבן חתונה ראַכיטיקער, שווינדזיכטיקע, אידיאָטן. ניט בלויז די פיזיאָלאָגיע, נאָר אַפילו די סאָציאָלאָגיע דאַרף מיטהעלפן דער אויסבעסערונג פון דעם מענטשלעכן מין. דער פאָטער באַלזאַק האָט פיל געטראַכט איבער די פּראָבלעמען פון סאָציאָלאָגיע, זייענדיק אין דערדאָזיקער הינזיכט פּוריעס און סען־סימאָנס אַ פאָרגייער. ער האָט געמיינט איבערצושניידן די מענטשהייט דורך די אויספירן פון דער נאַטורוויסנשאַפט. ער האָט ניט אָנערקענט קיין מיטלייד און קיין ליבע; זיין אידעאַל איז געווען פיזישע געזונטהייט, און לויט זיין מיינונג האָט מען געדאַרפט אַלדאָס שוואַכס און שעדלעכס מבער זיין. זיין פילזייטיקייט איז וואונדערהאַפט. די מעמואַרן, וואָס זיינען נאָך אים פאַרבליבן, באַהאַנדלען סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע געגנשטאַנדן: וועגן פאַרפירטע מיידלעך, וועגן מיטלען צו קעמפן קעגן גזלה און רציחה, וועגן משוגעת און אַז. וו. אויף זיך זעלבסט האָט ער געקוקט פריער פאַר אַלץ ווי אויף אַ מאַטעריאַל, וועלכער נייטיקט זיך אין פיזישער פלעגע. ער האָט אויף אַלערליי אופנים אונטערגעהאַלטן דעם גלייכגעוויכט פון זיינע לעבנס־קרעפטן, שטרענג אָפּגעהיט די כללים, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר היגיעניש. און ווירקלעך, אין משך פון גאָר זיין לעבן האָט ער זיך ניט געווענדט צו קיין דאָקטאָר, קיין סו ניט באַצאָלט קיין אַפּטייקער און געלעבט ביז ניינציק יאָר.

אויב דעם ניכטערן און ברוטאַלן פאָטערס מעכטיקע פיגור האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אינם זון מיט אירע אויסערגעוויינלעכע שטריכן, אויב דעם פאָטער האָט אָנאָרע צו דאַנקען פאַר זיין אינטערעס צו פיזיאָלאָגיע, פאַר זיין ריין פיזישער אויפמערקזאַמקייט צום מענטשן, — קאָן מען דאָך מיט דעמדאָזיקן איינפלוס ניט ערקלערן אַ צווייטע זייט פון באַלזאַקס נאַטור, דהיינו זיין נטיה צו מיסטיציזם, זיין טרוימערישקייט, וואָס דערגייט ביז קרענקלעכקייט. דידאָזיקע שטריכן ערקלערן זיך מיט דער מוטערס השפּעה. אַ רעליגיעזע פרוי, שטענדיק אַ פאַרזונקענע אין מיסטישע מחשבות, האָט מאַדאַם באַלזאַק צונויפגעשטעלט אַ ביבליאָטעק פון די ווערק פון ש. מאַרטען, סוועדענבאָרג, בעם, און איר זון אָנאָרע, וואָס האָט געהאַט אַן אומגעוויינלעכע תאווה צום לייענען, האָט דאָרשטיק געשלונגען דידאָזיקע ביכער. אָנאָרעס פאָטער איז געווען אַ סאַנגוויניק, די מוטער — אַ נערוועזע פרוי; דער זון האָט געהאַט אַ נערוועאיש־

סאַנגווינישן טעמפּעראַמענט. דער פֿאָטער איז געווען אַן אייוואַוינער פון לאַנגעדאָק, די מוטער — אַ פּאַריזערין. און אויב נאָך דעם פֿאָטער איז באַלזאַק געווען אַ דרום־מענטש, זיינען צו אים אַדאַנק דער מוטער איבערגעגאַנגען די שטריכן, וועלכע זיינען אייגנשאַפטלעך פֿאַר די איינוואוינער פון דער וועלט־רעזידענץ, דעם צענטער פון קולטור, לוקסוס, וויסנשאַפט און קונסט.

באַלזאַקס ביאָגראַפיע איז אַן איינפאַכע. דאָס איז די ביאָגראַפיע פון מיליאָנען באַגאַבטע ערגייציקע מענטשן, וואָס קומען קיין פּאַריז, שווימען אָפּט אַרויף אויף דער אויבערפלאַך פון לעבנס־ים, אָבער זיי גייען גרעסטנ־טייל פֿאַרלאָרן אין דעם קאַמף קעגן זיינע שטורעמדיקע כוואַליעס. די ערשטע בילדונג האָט ער באַקומען אין פֿאַרשיידענע שולן. אין טורער קאָלעגיע האָט ער שוין געטרוימט וועגן רום, ניט וויסנדיק נאָך אויף וואָסער וועג וועט ער עס דערגרייכן. אין 1814 יאָר באַקומט זיין פֿאָטער אַ שטעלע אין פּאַריז. די משפּחה פּאָרט אַהין אַרויס, און דאָ ענדיקט אָנאָרע די קאָלעגיע. דער פֿאָטער פֿאַרלאַנגט, דער זון זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט יורידישער טעטיקייט. אָבער אָנאָרע באַשליסט פעסט אָפּצוגעבן זיך דער ליטעראַטור. אינגיכן פּאָרט די משפּחה אַרויס פון פּאַריז, באַלזאַק בלייבט אַליין, כמעט אָן שטיצע, מיט זיינע חלומות. אויף אַ שאַלקע אין אַן אָרעם קליין צימערל בויט דער ערגייציקער קאַריעריסט פּלענער איינצונעמען די גרויסע רעזידענץ. ער קריכט אַרום איבער דעם בית־עלמין לאַשעז און טראַכט וועגן גודל פון די גרויסע מענטשן. ער גיט זיך איבער דער ליטעראַטור, ווייל אים שיינט, אַז דאָס איז דער קירצסטער וועג צום רום. ער זעט איר אַלץ וואַקסנדיקע באַדייטונג און אין די בריוו צו דער שוועסטער דערמאָנט ער אָפּט, אַז, בשעת די פּאָליטישע קריזיסן, וועט די ראָלע פון די שריפטשטעלער זיין אַ גרויסע, און די ליטע־ראַרישע באַרימטהייט וועט פֿאַר אים עפענען אַ וועג צו גרויסן פּאָליטישן איינפלוס. אָבער וואָס מער עס צעוואַקסן זיך זיינע טרוימען, אַלץ מער וואַקסט אויך דער תהום, וועלכער טיילט אָפּ דעם טרוים פון דער ווירקלעכקייט. רום און עשירות און פֿאַנטאַזיע, נויט און חובות אין דער ווירקלעכקייט. די תאווה גיך רייך צו ווערן ווערט ביי אים אַ ריין פיזישע.

אין דערדאָזיקער צייט פֿאָרמירן זיך די גרונטשטריכן פון זיין כאַראַק־טער, וועלכע מאַכן אים פֿאַר דעם טיפּישן פֿאָרשטייער פון XIX יאָרהונדערט. ער איז באַמאַרשעס יורש, ער איז אַ פּראָזשעקטאָר און אַ געשעפטסמאַן. דאָ טרוימט ער צו געפינען זילבער אין די סאַרדינישע גרובן, וואָס די רוימער האָבן באַאַרבעט, און ער וויל פֿאָרן קיין סאַרדיניע; דאָ מאַכט ער עקספּע־

רימענטן מיט אַ מאַטעריאַל צו פֿאַבריצירן פּאַפּיר; דאָ פֿאַלט אים איין אַ אידעע וועגן ביליקע אויסגאַבן, און ער לאָזט דער ערשטער אַרויס מאָליערס און לאַפֿאָנטענס ווערק אין איין באַנד; דאָ מאַכט ער אַ דרוקערײַ און אַ שריפֿטגיסערײַ. אָבער די צײַטן האָבן זיך געביטן. באָמאַרשעס לעגענדאַרע קאַריערע איז איצט געווען ניט אַזאַ גרינגע זאַך, ווי אין פֿאָריקן יאָרהונדערט. דאָס לעבן איז געוואָרן קאָמפּליצירטער, קאָנקורענטן מערער. באַלזאַק פֿאַרלירט דאָס געלט און פֿאַלט אַרײַן אין גרויסע חובֿות. בויען פֿאַרשיידענע פּלענער—דאָס איז באַלזאַקס ערשטער שטריך, און ער וועט זיך אַרויסווײַזן אין זײַנע ווערק. לעאָפּאַרדי איז מאַכטלאָז און קאָן ניט קעמפֿן קעגן לעבן. בײַראָן לעבט אויף די הכנסות פֿון זײַנע ירושה־גיטער, קיינער פֿון זיי איז ניט פֿעאיק צו געשעפֿטמאַכערײַ, קריגן געלט; באַלזאַק איז פֿריער פֿאַר אַלץ אַ געשעפֿטסמאַן.

דער צווייטער שטריך באַלזאַקס — דאָס איז דער בעל־מלאכישער כאַראַקטער פֿון זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט און זײַן קאָלאָסאַלע אַרבעטספֿעיִקייט. ער איז ניט קיין אַריסטאָקראַט, וואָס קען קיין האַנט אין קאַלטע וואַסער ניט אַרײַנטאָן, נאָר אַן אַרבעטער. זײַן אַרבעט איז גלײַכצײַטיק אי זײַן מאָראַלישע באַפֿרידיקונג, אי זײַן מיטל צום לעבן. ער פֿלעגט עסן מיטאָג זעקס דעם זייגער פֿאַרנאַכט, און אײַנגיכן נאָכדעם לייגן זיך שלאָפֿן. נאָך האַלבע נאַכט פֿלעגט ער אויפֿשטיין און גלײַך זעצן זיך צום שרײַבטיש. ביז אינדערפֿרי פֿלעגט זײַן פֿעדער לײַכט און שנעל גליטשן זיך איבערן פּאַפּיר. גאַנץ פֿרי פֿלעגט ער זיך באָדן אין אַ וואַנע, אין וועלכער ער פֿלעגט פֿאַרברענגען בײַ אַ האַלבע שעה, פֿאַרזונקען אין די געדאַנקען, נאָכדעם פֿלעגט ער טרינקען קאַווע אָן צוקער און ווידער זעצן זיך צו דער אַרבעט, פֿון וועלכער ער פֿלעגט זיך ניט אָפּרײַסן ביז נאָך האַלבן טאָג. דאַן פֿלעגט ער אָנבײַסן. זײַן פֿרישטיק איז באַשטאַנען פֿון שיטערע אייער און ווידער שוואַרצע קאַווע אָן צוקער. נאָך פֿרישטיק ווידער אַרבעט, אומאויפֿהערלעכע ביז זעקס דעם זייגער. אין אַזאַ אָנגעשטרענגטער אַרבעט, וועלכע פֿלעגט בײַ אים אָפּנעמען 16—17 שעה אין מעת־לעת, האָט באַלזאַק פֿאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פֿון זײַן לעבן. קיין וואונדער ניט, וואָס זײַן אַרבעט האָט אויף זיך ניט געטראָגן די שפּורן פֿון יענער אוממיטלבאַרער באַגײַסטערונג, מיט וועלכער עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די ווערק פֿון זײַנע צײַט־חבֿרים, ווי למשל הוגאָ, אָדער טעאָפֿיל גאָטיע. דאָס, וואָס אַנדערע האָט זיך געגעבן לײַכט, האָט אים געקאָסט גרויסע מי. ער פֿלעגט זײַנע ראָמאַנען קאָרעגירן צו עטלעכע מאָל דאָס איז געווען, לויט בראַנדעסעס אויסדרוק, „אַ מעכטיקער, מיט ריזיקער

קראַפט אַרבעטנדיקער בויער. און דער גראָבער מיטן האַמער שלאָגנדיקער צוקלאַפּ האָט געגויט זיין בנין דערגרייכן סוף כל סוף דיזעלבע הייך, צו וועלכער די צוויי לירישע גענים פון זיין צייט, וויקטאָר הוגאָ און זשאָרזש זאַנד, האָבן זיך אויפגעהויבן אויף זייערע פליגלען".

באַלזאַק איז געווען אַן אַרבעטער; די נויט האָט אים ניט צורו געלאָזט אַ גאַנץ לעבן. דער געדאַנק וועגן געלט, וועגן חובות, וועגן אונטערהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט אין זיין ביודזשעט איז דורכגעגאַנגען, ווי אַ רויטער פאָדים, דורך אַלע זיינע מעשים. פונדאַנען שטאַמט יענע וויכטיקע ראָלע, וואָס אין אַלע זיינע ווערק שפּילט דער ביודזשעט פון זיינע העלדן. ביים ערשיינען פון פון אַ נייעם העלד אין ראָמאַן, איז באַלזאַק כמעט שטענדיק מודיע וועגן זיינע הכנסות, אָדער וועגן זיין פאַרדינסט. מיר ווייסן אַלע מאָל, וויפל פראַנק עס איז פאַרהאַן אין טאַש ביי דעם העלד; אויב דער העלד איז אַריין אין רעסטאָ- ראַן מיטאָג עסן, וועט באַלזאַק ניט פאַרגעסן מודיע צו זיין, וויפל האָט ער באַצאָלט לויטן חשבון, ער וועט ניט פאַרגעסן דערמאָנען וועגן דער סומע, וואָס דער העלד האָט געהאַט פאַר מיטאָג און מיט וויפל ער איז אַוועק נאָך מיטאָג. מיר ווייסן כמעט אַלע מאָל, פון וואָס שטעלן זיך צונויף דעם העלדס הוצאות, וויפל צאָלט ער דירה-געלט, וויפל קאָסט אים קליידונג, וואָס פאַר אַ טייל פון זיין ביודזשעט גייט ביי אים אַוועק אויף טיש און אַזוי ווייטער. יעדע איבעריקע הוצאה דעם העלדס, יעדער מאָל פאַרשפּילן אין קאָרטן רופן שוין אין אונז אַרויס אומרואיקייט. מיר פילן פיזיש דייטלעך זיין געענגטע לאַגע. מיר הייבן זיך אָן ברעכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי זאָל ער זיך אַרויסדרייען, פונקט ווי מיר אַליין וואָלטן אַריינגעפאַלן אין אַזאַ לאַגע. מיר בויען פּלענער און שאַפן פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס, דערמאָנען זיך אָן דעם העלדס אַלע באַקאַנטע, וואָס וואָלטן אים געקאָנט געבן אַ הלוואה, רעכענען אויס אַלע מיט- לען, וואָס דער העלד וואָלט געקאָנט אָננעמען, מיר זיינען גרייט אים מזהיר צו זיין, ווען ער כאַפּט אויף אַ קאָמבינאַציע, וועלכע שיינט אונז צו זיין ניט קיין גוטע, און אָנווייזן אים אַן אַנדער אויסגאַנג, וועלכער איז פון אונזער שטאַנדפּונקט אַ באַקוועמער. באַלזאַק און זיין שאַפונג — דאָס איז די פאַרקער- פּערונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע. דאָס געלט קיניגט איבער זיינע ראָמאַנען; דערמאָנט וועגן זיין מאַכט, בשעת די גרויסוועלטיקע שיינהייט מאַכט איר טואַלעט און טרומט וועגן איר געליבטן; דער קלאַנג פונם געלט און דאָס שאָרכן פון די באַנק-בילעטן הערט זיך אין דעם הייסן אַרטיקל פון דער צייטונג; אָן דער אומצעברעכלעכער מאַכט פונם געלט צעשיטן זיך די ערגיי-

ציקע טרוימען פונם באַגאַבטן יונגגמאַן; דאָס געלט איז די פּינקטלעכסטע און עכסטע מאָס פון פאָטער-ליבע; דער קלאַנג פון געלט דערציילט העכער פאַר אַלץ וועגן דעם עגאָאיזם פון די קינדער, וועלכע שאַנעווען ניט דעם וואוילשטאַנד פון די עלטערן. געלט — דאָס איז אַן אומטײַלבאַרער עלעמענט, אַן אָרגאַנישער טייל פון היינטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי זויערשטאָף איז אַן אומבאַדינגטער תּנאי פון אונזער פיזישן קיום. קיינער האָט ניט משיג געווען די שרעקלעכע באַדייטונג פון געלט אַזוי טיף ווי באַלזאַק.

באַלזאַקס פערטער שטריך — דאָס איז זיין נידעריקער בליק אויף דער מענטשלעכער נאַטור. עגאָאיזם—דאָס איז דער עיקר באַוועג-קראַפט אין דער געזעלשאַפט, וואָס באַלזאַק שילדערט. ער זעט נאָר די טונקעלע זייטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, פון דער פרייער קאָנקורענץ, וואָס האָט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פאַרוואַנדלט אין אַ דורכאויסיקן קאַמף פאַרן קיום. ביי באַלזאַקן וועט מען זעלטן באַגעגענען אַ ליטעראַטאָר אָדער אַ געלערנטן, וואָס זאָלן זיין באַגייסטערט מיט העכערע אידעאַלן, דורכגעדרונגען מיט ריינער ליבע צו דער פּאָעזיע אָדער צו דער וויסנשאַפט. די גייציקייט נאָך געלט, אָדער דער געדאַנק וועגן לעבנספאַרגעניגנס נייטן די סאַמע באַגאַבטע שריפטשטעלער פאַרקויפן זייער פעדער צו דעם ערשטן בעסטן. אויב באַלזאַק שילדערט ליבע, איז אין דערדאָזיקער ליבע גאָרנישט ניטאָ, אויסער פיזישער ליידנשאַפט. אַפילו אין אַזאַ ריירנדיקער ליבע, ווי קאַראָליס ליבע צו לוסיענען אין די פאַרלאָרענע טרוימערייען, שפּילט די גשמיות די הויפּטראָלע. קאַראָלי האָט אַלץ מקריב געווען צוליב לוסיענען. אַ צעלאָזענע אַקטריסע, זאָגט זי זיך צוליב אים אָפּ פון די טובות מצד קאַמילזאָ, דעם עשיר, וואָס האַלט זי אויס. זי האָט צאַרט אָפּגעהיט זיין רו. מיט העלדנשאַפט ניט פון אַ פרוי טראָגט זי איבער נויט און חרפּה און שטאַרבט אין שרעקלעכע מאָראַלישע פּיינען. אָבער דאָס ענדערט ניט דעם גרונט-מאָטיוו פון איר ליבע. זי פאַרליבט זיך אין לוסיענען פון ערשטן בליק אָן; זי ליבט אים, לויט איר אייגענעם אויסדרוק, „ניט פאַר זיין שכל, נאָר פאַר זיין שיינקייט". פאַרברענט פון ליידנשאַפט, שלעפּט זי כמעט מיט גוואַלד, מיט אָפנהאַרציקן ציניזם, פאַר אַלעמען אין די אויגן, דעם שיכורן לוסיענען אַוועק אויפן ערשטן יחוד, און די פּאָעזיע פון די ערשטע לאַסקעס ווערט פאַרטונקלט דורך בילדער פון פרעסעריי און שיכרות. באַלזאַק פירט אַמאָל אַרויס אויך אידעאַלע העלדן. ביי אים באַגעגענען זיך ערלעכע געלערנטע, ווי דניאל ד׳אַרטעז, אידעאַלע ליבע ווי די ליבע פון הוה צו דודן אין דעמזעלביקן ראָמאַן פאַרלוירענע

טרוימערייען, רירנדיקע פאָטערליבע, ווי די ליבע פון גאָריאָ אין Le père Goriot, אָבער דידאָזיקע איידעלע מאָמענטן ווערן דערטרונקען אין ים פון עגאָאיזם און ליגן, וואָס הערשן אין דער געזעלשאַפט. דערביי גיבן זיך די אידעאַלע העלדן באַלזאַקן ניט איין. ד׳אַרטעזוס קרייז, די שטרעבונגען און די כאַראַקטאָרן פון זיינע באַזונדערע מיטגלידער גיבן זיך באַלזאַקן ניט איין, זיי גיסן זיך צונויף אין אַן אַלגעמיינעם טיפ, אין דער צייט ווען שריפטשטעלער שאַנטאַזשיסטן בילדן ביי אים אַ קייט פון בולט געצייכנטע פיגורן, קלאָרע אינדיווידואַליטעטן, וועלכע מען קאָן ניט צוזאַמענמישן, וואָס יעדער פון זיי, אַפילו די וואָס פאַרנעמען ערטער פון דער צווייטער מדרגה, פאַרבלייבן אין זכרון.

דערדאָזיקער נידעריקער קוק אויף דעם מענטשנס נאַטור, דאָס דערקענען, אַז די מאַטעריעלע, עגאָאיסטישע נטיות שפילן די ערשטע ראָלע בעת מענטשן טוען עפעס, האָט זיך אָפגעשפיגלט אויך אין באַלזאַקס פאָליטישע און סאָציאַלע אָנשויאונגען.

די עפאָכע פון ברייטע פאָליטישע פרינציפן הייבט אָן אָפצוטרעטן דאָס אָרט פאַר דער אידעע פון אַ פראַקטישער מלוכה. באַלזאַק איז דאָס ערשטע קינד פון דער בורזשואַזער מאָנאַרכיע, די מאָנאַרכיע פון קרעמער און פאַבריקאַנטן. די סאָציאַלע און רעליגיעזע באַפרייאונגס-אידעען פון דער עפאָכע האָבן באַלזאַקן ניט פאַרצעפעט. ער האָט בכלל קיינמאָל ערנסט ניט געטראַכט וועגן פאָליטישע פראַגן, ער האָט זיך קיינמאָל ניט געפרווט באַשאַפן קיין סיסטעם פון אַ סאָציאַלער אָרדענונג, ווי סען-סימאָן, און אַפילו ניט זשאָרזש-זאַנד, וועלכע האָט זיך געוואָרפן פון איין טעאָריע צו דער צווייטער. ער איז פריער פאַר אַלץ אַ פראַקטיקער. זיינע ווערק זיינען איבערפולט מיט האַרבע און שאַרפזיניקע אָנפאַלן אויף באַזונדערע אינסטיטוציעס, אויף די חסרונות פון דער געזעצגעבונג, פון געריכט, פון דער אַדמיניסטראַציע. אָבער ער קאָן זיך ניט דערהויבן צונויפצונעמען אַלע באַזונדערע אָנשויאונגען זיינע אין אַן אַלגעמיינעם מלוכה-אידעאַל. ער זעט די מיסברויכן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער וואַלסיסטעם, אים דערצאָרענען די פאָדערונגען און די אויפרעגונג פון דעם פראָסטן המון, אָבער ער איז ניט פעאיק צו באַזיניקן די סאָציאַלע און פאָליטישע עוואָלוציע, וואָס קומט פאָר פאַר זיינע אויגן. ער פאַרטראַכט זיך ניט, ווי די פאָרטגעשריטענע מענטשן פון זיין צייט, ווי אַזוי צו באַזייטיקן די באַזונדערע חסרונות פון דער דעמאָקראַטישער אָרדענונג אין גייסט פון פראָגרעס. ער פאַרשטייט ניט, אַז אין דער געשיכטע איז ניט מעגלעך קיין

צוריקקער צום אַלטן, צום אָפּגעלעבטן, אַז אויב די נייע דעמאָקראַטישע אָר-
דענונג איז ניט קיין פולקומע, זיינען דאָך רעפאָרמען מעגלעך נאָר אין גייסט
פון ווייטערער אַנטוויקלונג פון דער דעמאָקראַטישער אידעע. געגליכן צו פילע
מענטשן פון זיין צייט, ווענדט ער זיינע בליקן צום עבר, און זוכט רעטונג
אין קלעריקאַליזם און אַבסאָלוטיזם. באַלזאַק איז אַ שלעכטער היסטאָריקער.
אים איז שווער צו זען, אַז די פעלערן, וואָס מחמת זיי איז ער ניט צו-
פרידן מיט פראַנקרייך פון זיין צייט, האָבן נאָך אין אַ פיל גרעסערער מאָס
געהערשט אין אַמאָליקער פראַנקרייך. דערביי נאָך האָט דער געדאַנק וועגן
דער נויטווענדיקייט פון אויטאָריטעט, וועגן דער אומבאַגרעניצטער הערשאַפט
פון דער קירך און פון דער קיניגלעכער מאַכט, פולקום האַרמאָנירט מיט זיינע
פאָרשטעלונגען וועגן די נידעריקע אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער טבע,
וועגן דעם עגאָאיזם און וועגן דעם קאַמף פון די ליידנשאַפטן אַלס די איינ-
ציקע יסודות פון לעבן. נאָר אַ שטאַרקער צוים קאָן איינהאַלטן דעם מענטשנס
שלעכטע נאַטור; נאָר די מורא פאַרן גהינום און פאַר דער פאָליציי קאָן
נויטן דעם מענטשן צו באַצוימען זיינע ליידנשאַפטן. באַלזאַק איז געוון אַ קלע-
ריקאַל און אַ מאָנאַרכיסט, אָבער ניט אין געשמאַק פון באָנאַלד אָדער דע
מעסטער, וועלכע האָבן געקענט דורכפירן זייערע אידעאַלן דורך אַלע זייטן פון
לעבן. באַלזאַק האָט ניט שטענדיק געפילט די פאַרבינדונג צווישן זיינע אַלגע-
מיינע פאָליטישע פאָרשטעלונגען און די בליקן לגבי פרטים. באָנאַלד טרעט
שאַרף אַרויס קעגן גט, פאַרשטייענדיק, אַז די אָנערקענונג פון דערדאָזיקער
דערשיינונג, וועלכע האָט פון ערשטן בליק אַ באַדייטונג פון דער צווייטער
מדרגה, בילדעט אַ דורכבראָך אין זיין סיסטעם. און באַלזאַק קאָן זיך ניט איינ-
האַלטן אַרויסצוזאָגן אַ ביטערע פראַזע בנוגע די רייכע, וועלכע פאַרשלינגען
די פאַרדינסטן פון די אַרבעטער, פאַרגעסנדיק, אַז דערדאָזיקער פרט, ביי
אַ שטרענג לאָגישער אַנטוויקלונג פון די געדאַנקען, קאָן זיך צוזאַמענשטויסן
מיט זיינע אַנטידעמאָקראַטישע טענדענצן, מיט זיין מיטגעפיל צו פריי-
ווילעגיעס. ביי באַלזאַקן זיינען ניטאָ קיין קלאָרע פּאָזיטיווע סאָציאַ-
לע, אָדער פאָליטישע אידעאַלן. אָבער ער איז איינער פון די גרעסטע סאַטי-
ריקער פון דער געזעלשאַפט פאַר דער צייט פון דער רעוואָלוציע און
דער בורזשואַזער מאָנאַרכיע. אויפדעקנדיק די וואונדן פון דער אַריסטאָקראַ-
טיע און פון דער בורזשואַזיע וואָס אין יענער צייט, האָט ער, אַליין עס ניט
פאַרשטייענדיק, געגעבן אַ טייערן מאַטעריאַל אין די הענט לגמרי ניט פון
יענע דענקער, וואָס זיינען בעגאַנגען נאָך דער שיטה פון באָנאַלד און דע

מעסטער. ער האָט אָפּגעשפּילט פּונקט אַזאַ ראָלע, וועלכע עס קומט אָפּט אויס צו שפּילן די מוכיחים: זיי שטעלן אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט דאָס בייז, אָבער זיי האָבן ניט דעם כּבוד צו אַנטדעקן מיטלען קעגן דעמדאָזיקן בייז. מיט זיין דורכדרינגענדיקן אויג האָט ער פאָראויסגעזען דעם עתיד און האָט אים פאַר־אויסגעזאָגט מיט וואונדערלעכער פּינקטלעכקייט. נאָך דעם זיג פון דער בור־זשואַזיע, וואָס איר הערשאַפט הייבט זיך אָן צוזאַמען מיט דער רעאַלער יו־ליער רעוואָלוציע, וועלן אויפשטיין די פאָלקסמאַסן, און די פויערים וועלן זיגן איבער דער בורזשואַזיע. אָבער דערדאָזיקער קלאָרער און ריכטיקער בליק אויף די געשעענישן וואָס קומען פאַר האָבן באַלזאַקן ניט באַוואויגן, ער זאָל באַכפּרעגן דעם גאַנג פון דער געשיכטע. זיין אידעאַל איז פאַרבליבן אומבאַ־גרעניצטע מאַכט, אויטאָריטעט, וואָס קאָן באַגרעניצן די פּערזענלעכע ערגייץ, פּערזענלעכע פּניות און פאָלקס־אומרוען אין נאָמען פון דעם אייביקן פּרינציפּ פון געטלעכער אָרדענונג און אַלגעמיינעם גליק.

מיר האָבן קלאָר געמאַכט באַלזאַקס באַציאונגען צו דער היינטיקער גע־זעלשאַפט, אָנגעמערקט די שטריכן פון זיין שאַפונג, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, פון דער אַנטוויקלונג פון דעם געלט־פאַרקער און דער פרייער קאָנקורענץ. מען מוז ווייטער אָנווייזן, ווי האָט אויף באַלזאַקן געווירקט דער צווייטער פאַקטאָר—די ערפאָלגן פון דער נאַטורוויסנשאַפט און פון אַנדערע וויסנשאַפטן.

באַלזאַק איז געווען סען־אילערס תּלמיד, און האָט אין זיינע ווערק אַריבערגעטראָגן די פּינקטלעכע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן. ער האָט געשילדערט זיינע העלדן ניט ווי אַ פּאָעט, וואָס כאַפּט זייערע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, נאָר ווי אַ פיזיאָלאָג, און אַנאַטאָם, אַ נאַטוראַליסט, וואָס לאָזט ניט דורך קיין איינציקן סימן. דער ערשטער שטריך, וואָס שטעלט אים נאָענט צו אַן עכטן געלערנטן—דאָס איז די אומגעוויינלעכע מתּנה פון באַאָבאַכטונג. די באַאָבאַכ־טונג איז, לויט זיינע ווערטער, פאַר אים געוואָרן אינטואיציע. דידאָזיקע אינ־טואיציע האָט אים פעאיק געמאַכט צו לעבן מיט דעם לעבן פון דעם אינדי־ווידואום, וועלכער האָט אים אינטערעסירט. „ווען איך האָב איינמאָל,—דערציילט ער,—צווישן עלף און צוועלף דעם זייגער באַגעגנט אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון דער קאָמעדיע, בין איך נאָך זיי אַוועק איבער די בולוואַרן מיט באַזונדער חשק. לכתחילה האָבן זיי גערעדט וועגן דער פּיעסע, וואָס זיי האָבן געזען, נאָר ביסלעכווייז זיינען זיי אַריבער צו זייערע ענינים. מאַן און ווייב האָבן גערעדט וועגן אַ הוצאה, וואָס שטייט פאַר מאָרגן, זיי האָבן אַרומ־

גערעדט דעם ענין מיט אַלע פּרטים. דאָ האָבן זיך געהערט קלאָגן, וואָס אויף קאַרטאָפל איז אַ יקרות, און וואָס דער ווינטער געדויערט אַזוי לאַנג, און וואָס ערד איז אַזוי טייער געוואָרן. עס האָט זיך ענערגיש גערעדט, וואָס מען איז אַזוי פיל שולדיק דעם בעקער. דידאָזיקע שמועסן האָבן פאַרכאַפּט, אָנגעשטעקט מיט זיך, יעדערנס נאַטור האָט זיך ביסלעכווייז אַנטפּלעקט אין אויסדריקלעכע ווערטער. הערנדיק זיי, האָב איך מיך צונויפגעגאָסן אין איינעם מיט זייער לעבן, איך האָב פיזיש קלאָר געשפּירט, ווי זייערע שמאַטעס האָבן פאַרדעקט מיין רוקן, ווי מיינע פיס זיינען געשוכט אין זייערע לעכערדיקע שיך; זייערע פאַרלאַנגען, זייערע נייטן,—דאָס אַלץ האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין מיין נשמה, און מיין נשמה האָט זיך פון איר זייט צונויפגעגאָסן מיט זייער נשמה. דאָס איז געווען אַ חלום פון אַ וואָכעדיקן מענטשן. צוזאַמען מיט זיי בין איך ברוגז געווען אויף דעם משגיח פון וואַרשטאַט, וועלכער טיראַניזירט זיי, און אויף די שלעכטע מענטשן, וואָס טרייבן זיי אַרויס, ניט באַצאָלט וואָס זיי קומט. פאַרלאָזן די אייגענע געוויינהייטן, ווערן ניט אַליין, פאַרשיכורט ווערן מיט דער קראַפט פון דעם אייגענעם דמיון און פרייוויליק פון דערדאָזיקער שפּיל— דאָס איז פאַר מיר געווען אַ תענוג".

אַ צווייטע עכט וויסנשאַפטלעכע באַזונדערהייט פון באַלזאַקס שאַפונג — דאָס איז די אומגעוויינלעכע קאָנסעקווענטקייט, די אַנטשפּרעכונג צווישן אַלע טיילן, צווישן אַלע פּרטים פון דער געשילדערטער ערשיינונג. מען מוז זאָגן, אַז ער האָט אין דער ליטעראַטור אַריבערגעטראָגן קיוויעס געזעץ וועגן דער האַרמאָניע צווישן די גלידער. פאַר קיוויע האָט געקלעקט איין ביין, איין צאָן, כּדי אויפצושטעלן דעם גאַנצן אָרגאַניזם: אַ באַשטימטער אָרגאַן קאָן געהערן נאָר צו אַ באַשטימטן מין. דער בעל-חי, וואָס באַנוצט באַשטימטע מיטלען צו קריגן שפּייז, מוז האָבן אַן אַנטשפּרעכנדיקן בוי פון די קינביינער צו רייסן זיין רויב, אַנטשפּרעכנדיקע באַוועגונגס-גלידער צו כאַפּן דעם רויב, אַנטשפּרעכנדיקע מוסקלען צו האַלטן דעם רויב, און אַז. וו. דעמדאָזיקן מעטאָד האָט באַלזאַק אַריינגעטראָגן אין דער ספערע פון פּסיכאָלאָגיע. די סביבה, די געוויינהייטן, די באַזונדערהייטן פון דער שפּראַך, די קלייניקייטן פון דער קליידונג,— אַלץ, אַפילו זשעסטן, בליקן, באַוועגונגען געפינען זיך ביי אים אין שטרענגער האַרמאָניע. פאַר באַלזאַקן איז געווען איין שטיק מעבל, אָדער עפּעס, וואָס געהערט צו דער קליידונג, כּדי אויפצושטעלן אַלע אייגנשאַפטן פון זייער באַזיצער. אין דערדאָזיקער היגזיכט דערגרייכט ער ביז אומגלויבלעכס. אין יעדן ראָמאַן געדענקט ער ביז קלייניקייטן, ווי עס זיינען צעטיילט די צימערן, וואו

עס לעבן און ווירקן זיינע העלדין; ער געדענקט וויפל יעדע זאַך קאָסט. ער ווייס אַלע טואַלעטן פון דער העלדן. ער וועט איר קיינמאָל ניט לאָזן אָנטאָן אַ קלייד, וואָס זיין דמיון האָט זי פריער ניט אַריינגעהאַנגען אין איר קליידער־אַלמער. דער קלענסטער דיסאָנאַנס אינם לעבן און אין די מעשים פון זיינע העלדן וועט אים פאַרוואונדערן, ווי אַ גוטע פּאַרוואונ־דערט, ווען זי וואָלט זיך אין בופעט דערזען אַ וואַזע, וועלכע זי האָט ניט געקויפט. עס איז פאַרהאַן אָן אַ שיעור אַנעקדאָטן וועגן דערדאָזיקער באַלזאַקס פעאיקייט. אָפט רעדט ער וועגן זיינע העלדן: „דערדאָזיקער צייכנט זיך אויס מיט אַרבעטספעאיקייט און געוויסנהאַפטיקייט, איך בין זיכער, אַז ער וועט זיין גליקלעך און רייך". אָדער: „פון דעמדאָזיקן קאָן מען קיין גוטס ניט ערוואַרטן, ווייל ער איז אַ באַוואוסטער טויגעניכטס". ער פלעגט אַרומגיין גאַנצע טעג אַ פאַרזאָרגטער, ווי אַ גוטע מאַמע, וועז מען האָט געדאַרפט אויפזוכן עפּעס אַ פּאַסיקן חתן פאַר עפּעס אַ יונגער העלדין; און איינמאָל איז ער אויסגעלאָפן אַלע פאַריזער גאַסן, לייענענדיק אַלע שילדן און זוכנדיק פאַר איינעם פון זיינע העלדן אַ נאָמען, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן זיין כאַראַקטער. באַזונדער כאַראַק־טעריסטיש איז, וואָס עס דערציילט זשול־זאַנד, וועלכער האָט מיט באַלזאַקן גערעדט וועגן זיין קראַנקער שוועסטער. דער ראָמאַניסט האָט דעם טרויעריקן ברודער אויסגעדריקט מיטגעפיל און נאָכדעם צוגעגעבן: „נאָר לאָמיר זיך אומ־קערן צו דער ווירקלעכקייט און לאָמיר ריידן וועגן איזשען־גראַנדע".

באַלזאַקס וויסנשאַפטלעכער מאַניר ווייזט זיך נאָך אַרויס אין דער שפע ידיעות, וואָס ער גיט אין זיינע ראָמאַנען און אין דער געוויינהייט צו שיל־דערן די געשיכטע און פון וואַנען עס שטאַמט יעדע ערשיינונג. ווען ער באַ־שרייבט די עקספּערימענטן פון איינעם אַ העלד זיינעם, וועלכער וויל געפינען אַ מיטל, ווי אויסצואַרבעטן ביליק פּאַפּיר, גיט ער איבער מיט דער פּינקטלעכ־קייט פון אַן אמתן געלערנטן פּאַפּיר־פאַבריקאַנט די געשיכטע פון די פאַבריק־פּראָבן, ווייזט אַרויס גרויסע ידיעות אין דער פּאַפּיר־פאַבריקאַציע. מען קאָן ביי אים באַקומען די גענויסטע ידיעות וועגן באַנק־אָפּעראַציעס, וועגן אַנטיקוואַר־ענינים, וועגן אַרכיטעקטור. מיר געפינען אין זיינע ראָמאַ־נען אויסגעטייטשט־פּונקטן פון די געזעצן, אַפילו אָנווייזונגען וועגן מיליטער־ענינים און ערקלערונגען פון מאָדעס און אַז. וו., און אַז. וו.

לסוף איז באַלזאַק אַן אמתער געלערנטער לויט זיין סיסטעמאַטישקייט. ער באַפרידיקט זיך ניט מיט דער באַאָבאַכטונג, מיט דער ריכטיקער פּאַרטיי־לונג פון די טיילן, מיט דער שפע פאַקטן; ווי אַן עכטער געלערנטער שטרעבט

ער צו פֿאַראַלגעמיינונגען. ער זוכט געזעצן. באַקומען „די גרעסטע זאַמלונג דאָקומענטן וועגן דער מענטשלעכער נאַטור", — ווי טען האָט זיך וועגן אים אויסגעדריקט, — האָט באַלזאַק געשטרעבט צו פֿאַרוואַנדלען דעמדאָזיקן מאַטעריאַל אין אַ פֿאַרענדיקטן בנין. אין 1836 יאָר איז ער איינמאָל אַריינגעפֿאַלן צו זיין שוועסטער אין צימער און מיט דעם פֿריידיקן קול, מיט וועלכן ער האָט שטענדיק גערעדט, וועגן זיינע נייע, אָפֿט פֿאַנטאַסטישע פּראָיעקטן, האָט ער געמאָלדן, אַז ער „גרייט זיך צו ווערן אַ געני". באַלזאַק האָט פּראָיעקטירט פֿאַראייניקן אין איין גאַנצס אַלע זיינע שוין ערשינענע און צוקינפֿטיקע ראָמאַנען. אַזוי איז אַנטשטאַנען זיין Comédie humaine, דער איינציקער אין זיין מין ליטעראַרישער דענקמאָל. די הקדמה צו דער מענטשלעכער קאָמעדיע באַווייזט קלאָר, אויף וויפֿל דער גייסט פֿון וויסנשאַפֿטלעכער סיסטעמאַטיזירונג האָט דעמאָלט געהערשט אין די מוחות. קיוויעס און סענט אילערס מחלוקת האָבן צו זיך צוגעשמידט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון גאָר דער געבילדעטער וועלט. דידאָזיקע מחלוקת איז אין סך־הכל באַשטאַנען אין דעם, וואָס קיוויע האָט אין דער קיניגרייך פֿון די בעלי־חיים אָנערקענט עטלעכע טיפּן, וואָס יעדער פֿון זיי איז איינער מיט דעם צווייטן ניט געבונדען, אין דער צייט ווען, לויט סענט אילערס לערע, ווייזט זיך ביי אַלע בעלי־חיים קלאָר אַרויס די איינהייטלעכקייט פֿון דעם אָרגאַנישן בוי; אַלע פֿאַרשיידנאַרטיקע מינים בעלי־חיים זיינען נאָר וואַריאַציעס פֿון אַן אַלגעמיינעם טיפּ, וועלכע באַקומען זיך אָפּהענגיק פֿון די באַדינגונגען פֿון דער סביבה. ביי דעמאָלטיקן צושטאַנד פֿון דער וויסנשאַפֿט איז דער אמת, וואָס סענט אילער האָט אַנטדעקט, געווען דער לעצטער גבול, וואָס די נאַטורוויסנשאַפֿט האָט דערגרייכט. דאָס איז גיכער געווען אַ פֿאָרגעפֿיל פֿון די צוקונפֿטיקע ערפֿאָלגן פֿון דער וויסנשאַפֿט, איידער אַ פּינקטלעך באַגרינדעטער אמת. ערשט אין 1859 יאָר, שוין נאָך באַלזאַקס טויט, איז אַרויס דאַרווינס באַרימט בוך „די אָפּשטאַמונג פֿון די מינים", וואָס האָט געשאַפֿן אַן עפּאָכע אין דער וויסנשאַפֿט. דערדאָזיקער אמת האָט געהאַט ניט נאָר קיין ספּעציעלע נאַטורוויסנשאַפֿטלעכע באַדייטונג; ער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג בכלל אויף דעם מענטשנס געדאַנק, אים געהערט אַ קולטורעלע ראָלע: ער האָט אָנשטאָט דער אידעע פֿון באַשאַפֿן אַרויסגעשטעלט די אידעע פֿון עוואָלוציע. יעדער בלויז אין אונזער וויסן פֿלעגט מען פֿריער דערפֿילן מיט דעם געדאַנק, אַז עס מישט זיך יעדעס מאָל אַריין אַ העכערע איבערנאַטירלעכע קראַפֿט. איצט הייבט אָן הערשן די נייע אידעע וועגן דער אומאיבערגעריסנקייט, דער געדאַנק וועגן כסדרדיקע אומבאַמערקטע טראַנספּאָר־

מאַציעס, אַדאַנק וועלכע פון אינדיפערענטן אומבאַשטימטן, פרימיטיוון צושטאַנד גייען אַלע זאַכן אַדורך פאַרשיידענע סטאַדיעס, וואָס בילדן די קאָסמישע, די געאָלאָגישע, נאָכדעם די ביאָלאָגישע עוואָלוציע, און זיי פאַרענדיקן זיך דערמיט, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דעם געגנשטאַנד פון באַלזאַקס פאָרשונג, דהיינו: די סאָציאָלאָגישע עוואָלוציע.

אין דער הקדמה צו דער מענטשלעכער קאָמעדיע איז באַלזאַק מודיע, אַז איידער נאָך קיוויעס און סענט-אילערס מחלוקת האָט ער דעמזעלביקן געזעץ אַנטדעקט בנוגע דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. די געזעלשאַפטלעכע פאַרשיידנאַרטיקייטן ווערן באַשאַפן אָפּהענגיק פון די תנאים פון ערציאונג, פון משפחה, און אַז. וו., פונקט אַזוי ווי די פאַרשיידנאַרטיקייטן פון די בעלי-חיים—אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען פון זייער סביבה. אַ זעלנער, אַ באַאַמטער, אַן אַרבעטער, אַ לײדיקגייער, אַ פּאָליטיקער — דאָס זיינען אויך אַזעלכע אַרטן פון דעם מין מענטש, ווי אַ קו, אַן אייזל, אַ ראָב און אַז. וו. — וואַריאַציעס פון דעם אַלגעמיינעם בעל-חיימשן טיפּ. זיין מענטשלעכע קאָמעדיע האָט געזאָלט דינען אַלס ערקלערונג צו דערדאָזיקער אידעע. ער האָט געענדערט די נעמען פון די ווירקנדיקע פּערזאָנען אין די שוין אָנגעשריבענע ראָמאַנען, אַזוי אַז איינע און דיזעלבע העלדן ערשיינען אין אַ גאַנצע ריי ווערק. ער האָט באַשאַפן אַ גראַנדיעזע מלוכה. גאַנץ פראַנקרייך פון זיין צייט ווייזט זיך פאָר אונזערע אויגן אין דערדאָזיקער ריזיקער אַרבעט, מיט פאַרשיידענע פּראָווינציעלע שטעט, מיט פּאַריז, און מיטן דאָרף, מיט דער פּרעפעקטור און מיט די געריכטן, מיט די תפיסות און די משפחות. דאָס איז אין דערזעלביקער צייט אי אַ עטנאָגראַפישער טראַקטאַט, אי אַ סטאַטיסטישע אויספאָרשונג, אי אַ לעבנסשטייגער-בילד, אי די פּאָליטישע געשיכטע פון דער עפּאָכע. „דאַנטע,—זאָגט בראַנדעס,—האָט אין דער געטלעכער קאָמעדיע פאַראייניקט אין איין פּאָקוס די וועלט-אָנשויאונג און די לעבנס-ערפאַרונג פון דעם מיטלאַלטער; זיין ערגייציקער קאָנקורענט האָט געהאַט די כוונה צו געבן מיט דער הילף פון אַ צוויי-דריי טויזנט לעבעדיקע געשטאַלטן, וואָס יעדער פון זיי שטעלט פאָר הונדערט אַנדערע, די פולע פּסיכאָלאָגיע פון פראַנקרייכס אַלע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, און אַזוי אַרום, אומדירעקט, אויך פון זיין גאַנצער עפּאָכע.

אונז בלייבט איבער צו זאָגן וועגן נאָך איין שטריך פון באַלזאַקן, דעמדאָזיקן אפשר כאַראַקטעריסטישן אויסדריקער פון דעם מאַטעריאַליסטישן און וויסנשאַפטלעכן גייסט פון זיין צייט. ער איז אַ קינד פון פּאַריז, ער איז אַ זון

פון דערדאָזיקער ריזנשטאָט, וועלכע איז אין משך פון צוויי יאָרהונדערט געווען די געזעצגעבערין פון מאָדעס, וואָס האָט אין זייגע ווענט צונויפגעזאַמלט אַלע העכסטע שאַפונגען פון קונסט און וויסנשאַפט, וואָס האָט אין זיך קאָנצענטרירט אַלע נסיונות פון לוקסוס און תענוג, וואָס האָט אויסגעאַרבעט אַ רוישיקן נאַכט־לעבן פון דער גאַס. ערגעץ איז ניטאָ אַזאַ רחבות פאַר ערגייציקע, ערגעץ איז ניטאָ אַזאַ קאָנטראַסט פון רייכער פאַרשווענדערישקייט און פון יאָמערדיקער נויט, ערגעץ איז ניט מעגלעך, אַז עס זאָלן זיך אַזוי צויבערטרוימען פאַרווירקלעכן אויפן וואָר, אָרעמע זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין רייכע, פון קלאָגעדיקע כאַלופעס זאָל מען זיך אַריבערקלייבן אין גרויסאַרטיקע שלעסער. ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס צוזאַמען מיט מאַטעריאַליסטישע בליקן און עגאָאיסטישע אינסטינקטן אַנטוויקלט פאַריז אַ נטיה צו טרוימען און אילוזיעס, וועלכע דערגייען ביז האַלוצינאַציעס. די באַדערפעניש אין לוקסוס און אין גלאַנץ ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קראַנקהייט. דער אָרעמער מענטש, נאָר מיט אומגעזעטיקטע פאַרלאַנגען, איז גרייט אויף אַלץ, כדי צו פאַרגעסן זיך זיין וואָכעדיקער אומגעבונג און גראָאינקן לעבן: „גיט אין אָוונט אַ קוק אויף פאַריז, — זאָגט טען, — עס צינדט זיך אָן די גאַז, די בולוואַרן ווערן פול, אין די טעאַטערן שוויבלט און גריבלט פון פובליק, דער עולם זוכט פאַרגעניגן, ער לאָזט זיך אומעטום, וואו דער געשמאַק, דער געהער, די ראיה פילן פאָראויס פאַרגעניגן, ראַפינירטן פאַרגעניגן, געקינצלטן,— יענע אומגעזונטע קיך, וועלכע רעגט אויף, נאָר זי נערט ניט, וואָס דער חשבון און די צעלאָזנקייט האָבן באַשאַפן פאַר דער איבערגעזעטיקטקייט און אויסגעלאַסנקייט. אַלע פאַרגעניגנס, אַפילו גייסטיקע, האָבן אין זיך עפּעס גוזמאדיקס און בייסנדיקס; דער פאַרטעמפטער געשמאַק זוכט נייע אויפרעגונגען". אָן מיטלען צו באַפרידיקן דעמדאָזיקן כסדר וואַקסנדיקן דאָרשט נאָך תענוגים, זוכט דער מענטש צו פאַרגעסן זיך אין געקינצלטע אויפרעגונגען. פונדאַנען נעמט זיך יענע פּאָעזיע פון פאַרשיכורטקייט, וועלכע אַנטשטייט אין די גרויסע צענטערס, און געפינט אירע הויפּט־פאָרשטייער אין פאַריז אין דער פּערזאָן פון קרענקלעכע געניס ווי אַ מין באָדלער, דעם באַגאַבטסטן, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, זינגער פון דעמדאָזיקן אומגעזונטן דאָרשט, פון דערדאָזיקער פיינלעכער אומצופרידנהייט.

באַלזאַק איז ניט נאָר דער אורפאָטער פון דעם נאַטוראַליזם און פון דעם נאַטורוויסנשאַפטלעכן ראָמאַן, — ער איז אין אַ געוויסער מאָס אויך דער אָנזאָגער פון דער קרענקלעכער פּאָעזיע פון די גרויסע שטעט. זיין מעכטיקע

אָנאָרע דע=באַל

נאַטור האָט ניט אַלע מאָל געקאָנט אויסהאַלטן דעם קאַמף מיטן ריז=פאַריז. ער איז ניט איינמאָל מאַכטלאָז געפאַלן אין דעמדאָזיקן פיבערהאַפטן געלאַף פון די באַגאַבטע קאָנקורענטן, וואָס זיינען געפלויגן נאָך רום און רייכקייט; און דעמאָלט האָט ער געזוכט רעטונג אין אומגעזונטע אילוזיעס און אויפרעגנדיקע מיטלען. אַפילו אין זיינע געלט=פּראָיעקטן פלעגט ער אָפטמאָל פאַרלירן די גרעניץ, וואָס טיילט אָפּ די ווירקלעכקייט פון דער פאַנטאַזיע. באַלזאַקס ביאָגראַפיע איז פול מיט ערציילונגען וועגן דידאָזיקע שנעלע איבערגאַנגען פון גוזמאדיקע האָפענונגען צו יאוש און פאַרקערט. איינמאָל אין אַ שווערער צייט איז ער דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט זיך קלאָר אויסגעמאָלט אַ בילד, ווי צו אים קומט אַ מיליאָנער און זאָגט: „אייער פעדער איז ווערט מיינע מיליאָנען; איר דאַרפט געלט, מיין טייסטער איז אין אייער רשות". אין דמיון באַפרייט ער זיך פון זיינע חובות, זיין ליטעראַרישער רום וואַקסט. אָט איז ער אויסדערוויילט אין דער אַקאַדעמיע, נאָכדעם ווערט ער פירער פון פראַנקרייך, אַ מיניסטער, און דעם נאָמען פון דעם פּזרן דעם מיליאָנער פאַרשרייבן די קינפטיקע דאַנקבאַרע דורות מיט אומשטערבלעכע אותיות אין דער געשיכטע.

גלייכן צו באָדלערן האָט באַלזאַק געזוכט רעטונג אין אויפרעגנדיקע מיטלען, ער האָט אַפילו פּרובירט די ווירקונג פון האַשיש. ער האָט אַליין באַשריבן זיין צושטאַנד בשעת דעם פּרווו אין אַ בריוו. „איך האָב ניט איבערגעלעבט די וואונדערלעכע דערשיינונגען, וועגן וועלכע מען האָט מיר דערציילט. מיין מוח, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז אַזאַ געזונטער, אַז עס האָט זיך געפאָדערט, לויט מען האָט מיר געזאָגט, אַ פאַרגרעסערטע דאָזע. איך האָב געהערט הימלשע שטימען, וואונדערלעכע בילדער, איך האָב געזען גאָלדערנע צירונג, און די בילדער פון סאַלאָן אין פעיערישן גלאַנץ. אָבער היינט אינדערפרי, אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, שלאָף איך נאָך אַלץ און פיל, אַז איך האָב ניט קיין כוח און קיין ווילן". באַלזאַק האָט דעם פּרווו מער ניט איבערגעחזרט און זיך ניט פאַרשיכורט מיט אָפּיום און מיט האַשיש, ווי באָדלער האָט געטאָן. וואָס=זשע האָט אין באַלזאַקן אונטערגעהאַלטן די באַשטענדיקע אויפגערעגטקייט און די קינסטלעכע לעבעדיקייט, וועלכע זיינען אים נייטיק געווען ביי זיין ריזיקער אַרבעט? דערדאָזיקער מיטל איז געווען קאַווע. דעמדאָזיקן געטראַנק האָט ער ליב געקראָגן, און צו אים איז ער געווען אויסערגעוויינלעך אויפמערקזאַם. ער פלעגט אים אַליין צוגרייטן מיט גרויס זאָרגעוודיקייט. אַלע פּרטים פון קאָכן אים זיינען געווען גוט דורכגעטראַכט. מיט פּעדאַנטישער

שטרענגקייט האָט ער זיך באַצויגן צו דער וואָג און צו דער טעמפּעראַטור, און צו דער צייט, וויפל עס זאָל זידן. די קאַווע האָט ער געגרייט אויף פאַרשיידענע אופנים, און יעדער אופן האָט געהאַט זיין באַזונדער באַשטימונג. איין מין קאַווע האָט ער געטרונקען ניכטערערהייט, אַ צווייטן מין — נאָך מיטאָג און אַז. וו. ציטערנדיק איבער יעדער רגע פון זיין צייט, האָט ער דאָך קיינעם ניט אָנגעטרויט איינקויפן קאַווע, און פלעגט נאָך אים שטענדיק אַליין גיין אין מאַגאַזין. עמיצער האָט וועגן אים געזאָגט: ער האָט געלעבט מיט 50,000 טויזנט קריגעלעך קאַווע, און איז געשטאָרבן פון 50,000 קריגעלעך קאַווע.

דידאַזיקע קינסטלעכע אויפגערעגטקייט, דידאָזיקע פעאיקייט צו קרענקלעכע אילוזיעס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף באַלזאַקס ווערק. אין איין שורה מיטן געלערנטן האָבן אין אים געלעבט אַ מיסטיקער און אַ קראַנקער טרוימער; אין איין ריי מיטן נאַטוראַליסט — אַ ראָמאַנטיקער. רעאַלע בילדער פלעגן זיך ביי אים אָפט צוזאַמענפלעכטן מיט מיסטישע אימות. איינער פון די טיפּישסטע ראָמאַנען פון דעמדאָזיקן מין איז די שאַגרען־פעל. דאָס איז אַ בולטער בילד פון פּאַריזער לעבן און פון דער געשיכטע פון יענע יונגעלייט, וואָס וואַרפן זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן אין קעסל־גרוב פון דעם פּאַריזער לעבן. ניט געקענט ביישטיין קעגן זיינע נסיונות, אויסגעפּייניקטע פון אָרעמקייט און ניט דערגרייכטע פאַרלאַנגען, באַשליסט זיך דער העלד אויף דעם לעצטן מיטל — זעלבסטמאָרד. אָבער צופעליק קריגט ער אַ שטיקל פעל, וואָס האָט אַ וואונדערלעכע אייגנשאַפט: גאָרנישט, ניט פייער, ניט אייזן קאָן עס ניט פאַרניכטן, און ווער עס באַזיצט עס, יענער קאָן אַלע זיינע פאַרלאַנגען דערפילן. אָבער יעדעס מאָל, ווען דאָס וואונדערלעכע שטיקל פעל פירט אויס זיינע אַ פאָדערונג, ווערט עס אַלץ קלענער, און ווען עס וועט אינגאַנצן ניט ווערן, וועט זיך אויך ענדיקן איר באַזיצערס לעבן. דאָס איז אַ סימבאָלישע פאָרשטעלונג פון דעם געדאַנק, אַז תענוגים און גליק לאָזן זיך ניט נעמען אומבאַשטראָפט; דאָס באַפרידיקן פון די פאַרלאַנגען פאַרברענען דאָס לעבן, און דער טויט היט יעדן, ווער עס רייסט אָן מאָס בלומען פון גליק.

אַ דאַנק זיין שווערער מי, האָט באַלזאַק אויסגעצאָלט די חובות, אָבער רייך ווערן איז אים קיינמאָל ניט געלונגען. די ליטעראַרישע באַרימטהייט, וועלכע איז אים געלונגען צו דערגרייכן, האָט אים ניט אינגאַנצן באַפרייט פון מאַטעריעלע זאָרגן. דער סוף פון זיין לעבן איז באַצייכנט מיט אַ משונהדיקער געשעעניש, וועלכע האַרמאָנירט מיט גאָר זיין משונהדיקן לעבן. אין 1850 יאָר, עטלעכע חדשים פאַרן טויט, האָט ער חתונה געהאַט. דידאָזיקע משונהדיקע

חתונה איז פאָרגעקומען אין בערדיטשעוו. באַלזאַק איז אַלט געווען 50 יאָר, די כלה אַ ביסל ייִנגער. דידאָזיקע פאַרשפּעטיקטע חתונה איז געווען דער סוף פון אַ לאַנגיאָריקן און אַ ביסל אַן אומגעוויינלעכן ראָמאַן. באַלזאַק איז אַלט געווען אַ יאָר 30, ווען ער האָט באַקומען אַן אַנאָנים בריוו פון אַ פּוילישער אַריס־טאָקראַטין, אַ געבוירענע גרעפין זשעוואוסקאַ. זיי האָבן זיך דורכגעשריבן מיט בריוו אַ לאַנגע צייט. דידאָזיקע בריוו זייַנען אַרויס באַזונדער צום יאָרהונדערט פון באַלזאַקס געבורט. נאָכן ערשטן מאָל זען זיך האָט באַלזאַק דערפילט, אַז ער איז „שיכור פון ליבע". אין אָנהייב פון די 40 יאָרן איז די אַריסטאָקראַטין געוואָרן אַן אלמנה, אָבער חתונה האָט זי נאָך ניט געקענט האָבן און ערשט פאַרן טויט איז אים געלונגען אַרייַנצובריינגען צו זיך אין שטוב די, וועלכע ער האָט פון וויַיטן געליבט זעכצן יאָר נאָכאַנאַנד.

.XI

די העלדן פון דער „מענטשלעכער קאָמעדיע". — „דער פאָטער גאָריאָ". — ראַסטיניאַק.—די מידות פון דער פּאַריזער אַריסטאָקראַטיע. — וואָטרען.—אַ טיפּ פון אַ parvenu אין XIX י. ה.— „פאַרלוירענע טרוימערייען". — די ליטעראַרישע מידות. — לוסיען ווידוי. — לוסיען און זיין קאַריערע.— „עזשעניע גראַנדע"—די וועלט פון געלט. — דער קאַרגער.—פּרויענטיפּן ביי באַלזאַקן. — די „דרייסיקיעריקע פרוי".

עס איז קיין מעגלעכקייט ניטאָ צו כאַראַקטעריזירן ניט נאָר אַלע, אָבער אַפילו די הויפּטהעלדן פון דער מ ע נ ט ש ל ע כ ע ר ק אָ מ ע ד י ע. נאָר גענוג וועט זיין אָפּצושטעלן זיך אויף אייניקע פון זיי, כדי צו באַווייַזן, ווי קלאָר באַלזאַק האָט געקענט באַלייכטן דעם מענטשן פון זיין צייט.

ראַסטיניאַק איז דער טיפּישסטער פון דידאָזיקע העלדן. באַלזאַק איז גע־בוירן אין דעמזעלבן יאָר, ווען באָמאַרשע איז געשטאָרבן. „דער קיניג איז גע־שטאָרבן, זאָל לעבן דער קיניג!" דער גייסט פון אַוואַנטוריזם, דער דאָרשט נאָך אויסערגעוויינלעכע געשעענישן און רום, וואָס האָט אין דער מיטלאַלטער געפונען אַן אויסגאַנג אין רויבערישע אָנפאַלן און אין ריטערישע קאַמפן, האָט געפונען אַן אַנדער אויסגאַנג אין דער צייט פון וואויל־איינגעאָרדנטע שטעט און אָרגאַניזירטע מלוכות. ערגייציקע און אַוואַנטוריסטן שטרעבן איצט צו פרידלעכע פאַרכאַפּונגען אונטער דער פאָן פון געזעצן און דריקנדיקע מנהגים. באָמאַרשעס געשיכטע—דאָס איז די געשיכטע פון אַ פרידלעכן עראָ־

בערער אין XVIII י. ה.; ראַסטיניאַק איז דער עראָבערער פון XIX י. ה. זיין
געשיכטע — דאָס איז אַ געשיכטע פון אַנטציקונגען, געקויפטע פאַר דערנידע=
רונגען, אַ געשיכטע פון מאַטריעלע נצחונות, פאַר וועלכע עס איז געווען באַ=
צאָלט מיט שווערע קאָמפּראָמיסן. דאָס איז אַ עפּאָפּעע פון פאַלשן גליק און
מאָראַלישן פאַלן, אַ נייע פאָרם פון דער אַלטער לעגענדע וועגן פאַוסטן, וועל=
כער האָט די נשמה פאַרקויפט פאַר דאָס ערדישע גליק.

ראַסטיניאַק, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַלטער פאַראָרעמטער פאַמיליע,
איז געקומען קיין פאַריז לערנען יוריספּרודענץ. אין די מעבלירטע צימערן
ביי דער פרוי וואָקע האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַן אַנטלאָפענעם קאַטאָר=
זשניק וואָטרען און מיט אַן אַלטן מטורף גאָריאָ. זיין יחוס עפנט פאַר אים
אָפּ די טירן פון דער וויקאָנטעסע דע באָסעאַנס סאַלאָן, וואו עס קלייבט זיך
צונויף די סמעטענע פון דער פאַריזער געזעלשאַפט, און ראַסטיניאַק ווערט
דער צענטער, אין וועלכן עס קומען זיך צונויף די פעדים, וואָס פאַראייניקן
די גרויסאַרטיקע פּאַלאַצן פון סען=זשערמענער פאָרשטאָט מיט די מעבלירטע
צימערן אויף דער גאַס פון דער הייליקער זשענעוויעווע. דער אַלטער גאָריאָ
האָט צוויי טעכטער. ער האָט זיי מ שוגע ליב. געגעבן זיי צו אַכטהונדערט
טויזנט נדן. התונה געמאַכט מיט אַריסטאָקראַטן. איינע איז געוואָרן גראַפין
רעסטאָ, די צווייטע—באַראָנעסע ניוסינגען. זיך האָט ער איבערגעלאָזן ווייניק.
אָבער די אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען פאַרבאָרגן אונטער דעם אויסערלעכן
פריילעכן גלאַנץ אַ פולע אומזעבאַרע טראַגעדיעס. די קאַראָטן פון דער גראַפין
רעסטאָ און פון דער באַראָנעסע ניוסינגען האָבן זיך ניט איינמאָל אָפּגעשטעלט
לעבן די טירן פון פרוי וואָקעס מעבלירטע צימערן, און די גלענצנדע טעכטער
פון דעם אַלטן גרויען גאָריאָ בעטן מיט טרערן און יללות אויס ביים טאַטן
דאָס לעצטע פון זיין אָפּגעשפּאָרט ביסל געלט, כדי פונאַנדערצופּלאָנטערן
די אינטריגעלעך, וועגן וועלכע די מאַנען זייערע דאַרפן ניט וויסן. און מיט
טרערן פון אַנטציקונג און פרייד האָט דער אַלטער אָפּגעגעבן אַלץ, וואָס ער
האָט געהאַט. אַלץ העכער און העכער האָט ער זיך אַריבערגעקליבן אין דער
מאַדאַם וואָקעס צימערן, אויסקלייבנדיק אַלץ אַ ביליקערן עטאַזש, אַלץ אָרעמער
איז געוואָרן די מעבל אין זיין וואוינונג, אַלץ קלאָגעדיקער זיין קליידונג. און
די טעכטער האָבן געצאָלט מיט יענעם שרעקלעכן עגאָאיזם, מיט יענעם באַ=
איוון, אומרחמנותדיקן ניט פאַרשטיין מענטשלעכן צער, וועלכע זיינען מעגלעך
נאָר אין דער העכערער פאַריזער געזעלשאַפט. גאָריאָ איז געשטאָרבן אַן אָרע=
מאַן, און צוויי סטודענטן האָבן אים געדאַרפט מקבר זיין אויף זייער חשבון.

פאַרן טויט האָט ער גערופן די טעכטער, ער האָט געשריען, ווי אַ משוגענער; ער האָט זיי אַמאָל געשאָלטן, אַמאָל צאַרט געבעטן, זיי זאָלן אים מוחל זיין. ער האָט ליידנשאַפטלעך געדריקט צום האַרצן דעם מעדאַליאָן מיט זייערע האָר. אָבער זיי זיינען ניט געקומען—זיי זיינען געווען פאַרנומען מיט זייערע עסקים: בשעת זיין שרעקלעכע גסיסה איז די באַראָנעסין ניוסינגען אַוועקגעפאָרן אויף אַ באַל, און ווען ראַסטיניאַק האָט איר הייס געבעטן פאָרן צו איר פאָטער, ווען ער האָט איר דערציילט, אַז איר שוועסטער, די גרעפין רעסטאָ, האָט פאַר זיין טויט אויסגעבעטן ביי גאָריאָן דאָס רעשט געלט זיינס, כדי צו באַצאָלן פאַר אַ קלייד אויסגענייט מיט גאָלד, דעמאָלט האָט דעלפינע ניוסינגען אַרויסגעלאָזן אַ טרער און גאָר. „איך וועל ווערן אַ מיאוסע", — האָט זי געטאָן אַ טראַכט — אַ שרעקלעך געדאַנק פאַרן באַל, און די טרערן אירע זיינען גלייך אויסגעטריקנט געוואָרן.

ראַסטיניאַק איז דער רינג, וואָס פאַרבינדט די גאַס פון דער הייליקער זשענעוויעוו, וואו עס עקזיסטירט נאָך אויפריכטיקער געפיל, מיט סען-זשערמען, וואו די האַרצלאָזיקייט און דער עגאָאיזם איז צוגעדעקט מיט גאָלד און מיט זייד. פאַריז—דערדאָזיקער ים פון נסיונות, און דער יונגער סטודענט מיט דער ריינער נשמה — ס'איז ניט שווער צו טרעפן, ווער פון די דאָזיקע צוויי הפכים עס וועט גובר זיין. ערגעץ ווייזט זיך אַזוי העל ניט אַרויס די מעכטיקייט פון נסיון, די צוציאונגס-קראַפט פון דער גרויסער רעזידענץ, וואָס מאַכט קאַליע אַלץ, וואָס פאַלט אַריין אין דער ספערע פון איר שעדלעכער ווירקונג, ווי אין ראָמאַן דער פאָטער גאָריאָ.

אַלץ שלעפט ראַסטיניאַקן אין תהום. פון אומעטום האָט ער אײַנע און דיזעלביקע רייד, וועלכע צעברעכן די אילוזיעס פון זיין יוגנט. די מעשים פון די אַרומיקע האַרמאָנירן מיט דידאָזיקע רייד. אַ שרעקעדיקער גייט ער דאָס ערשטע מאָל אַריין אין טיר פון דער גרעפין וועסטאָס הויז. די פאַראַכטלעכע בליקן מצד דער דינערשאַפט, וועלכע האָט געזען, ווי ער איז צו פוס אַריבער דעם הויף, און ניט געהערט קיין קלאַפּן פון רעדער ביי דעם טויער, וועקן אין אים כעס, און ער טראָגט אַריבער דידאָזיקע בליקן מיט דעם קאַלטן צאָרן פון אַ מענטשן, וועלכער האָט באַשלאָסן צו זיגן אום יעדער פרייז. קומענדיק צו דער וויקאָנטעסע באָסעאַן, האָט ער דאָרט דערוויסט איר געליבטן מאַרקיז ד'אַזשודאַ, און דער אונטערשייד צווישן זיין אָנצוג און די טייערע קליידער פון דעם וועלטלעכן לייב איז געווען אַזוי גרויס, אַז ראַסטיניאַק האָט עס ניט געקענט ניט פילן. „צי דען—האָט ער פאַר זיך אַ טראַכט געטאָן,—מוז מען אַנדערש ניט

ווי האָבן ווילדע פערד, ליווריייעס און בערג גאָלד; כדי צו פאַרדינען אַ בליק פון אַ פאַריזערין?״ דער דעמאָן פון לוקסוס האָט אים אַרייַנגעלאָזן סם אין סאַמע האַרצן, דער פיבער פון רייך ווערן, דער דאָרשט נאָך גאָלד האָט זיך צעגאָסן איבער אַלע זיינע אָדערן. ביי אים איז טרוקן געוואָרן אין האַלז.

דערנידערונג — דאָס איז געווען דער ערשטער אַייַנדרוק פון דער גרויסער וועלט. די געפּלאָגטע אייגנליבע האָט פריער פאַר אַלץ געלאָזט אין אים פאַרשלעפּערן די בעסערע געפילן, וואָס האָבן אין אים ביז דאַן געלעבט. די ווערטער פון דער וויקאָנטעסע באָסעאָן, וועלכע ער האָט דערוויסט אין גרויסן צער (איר געליבטער, מאַרקיז ד׳אַזשודאַ, האָט זיך געקליבן זי פאַרלאָזן און חתונה האָבן מיט דער מאַדמואַזעל ראָשפיד), און וועלכע האָט דעריבער פון זיך אויף אַ רגע אַראָפּגעוואָרפן די מאַסקע פון איר קיניגלעכער מאַיעסטעטישקייט, — דידאָזיקע ווערטער פון דער שטאָלצער סאַלאָנען-הערשערין, וועלכע האָבן געקלונגען כמעט מיט ביטערן ווידוי, זיינען פאַר ראַסטיניאַקן געווען דער ערשטער מוסר, די ערשטע לעקציע אין דערדאָזיקער וועלטלעכער שול, וועלכע פירט צו ערפאָלג און רייכקייט: וואָס מער קאַלטבלוטיק איר וועט אויסרעכענען, אַלץ ווייטער וועט איר גיין. זייט אומרחמנותדיק — וועט מען פאַר אייך מורא האָבן. קוקט אויף פרויען און אויף מאַנסביל ניט אַנדערש ווי אויף פּאָסט-פערד, וועלכע איר קענט לאָזן טרייבן אויף יעדער סטאַנציע. אָבער אויב ביי אייך איז פאַרהאַן אַן אויפריכטיקער געפיל, — באַהאַלט אים וואָס ווייטער, ווי אַן אוצר, קיינער זאָל וועגן אים קיין אַנונג ניט האָבן. אויב ניט — זייט איר פאַרלאָרן. פון אייך וועט ווערן ניט קיין תליון, נאָר אַ קרבן. אין פּאַריז איז ערפאָלג — אַלץ. דאָס איז דער שליסל צום מאַכט. אויב פרויען וועלן באַשליסן, אַז איר זייט אַ קלוגער מענטש, אַ באַגאַבטער, וועלן עס מאַנסביל גלויבן, סיידן איר אַליין וועט זיי איבערצייגן, אַז עס איז ניט אַזוי. איר קאָנט זיך ווינטשן, וואָס איר ווילט, איר האָט אַ צוטריט אומעטום. דאַן וועט איר זיך דערוויסן, וואָס איז אַזוינס די געזעלשאַפט: אַן עדה פון רמאים און פון אָפּגענאַרטע״. און דיזעלביקע געדאַנקען האָט אים ווי אַ שטן געשעפּטשעט דער קאַטאָרזשניק וואָטרען, וועלכער האָט פּאָראויסגעזען דעם ערפאָלג פון דעם פיינעם סטודענט און געטראַכט אים אויסצונוצן צוליב אייגענע צילן. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ געפילן עס האָבן געשטורעמט אין די טיפסטע באַהעלטענישן פון ראַסטיניאַקס נשמה. ער האָט אים מזהיר געווען אין מאָמענטן פון אָפּהענטיקייט און מפּלות, און האָט אים אונטערגעזאָגט געדאַנקען, וועלכע ער האָט אַליין ניט געקענט אַרויסטרייבן פון האַרצן.

ער מאָלט פאַר אים כסדר טרויעריקע בילדער פון ערלעכן, אָבער גרויען וועג, און די צוויבערלעכע פערספעקטיוון פון אומעטיקער אָבער שנעלער קאַריערע. ער לייענט אין ראַסטיניאַקס האַרצן, ווי אין אַן אָפענעם בוך. ער זאָגט אים אונטער טעמים קעגן זיין אינערלעכע שטים. גיט אים אַ לאָגיש געווער קעגן די טענות פון געוויסן. ער איז שטענדיק לעבן אים מיט זיין טייטער. ער קלייבט אויס שווערע מאָמענטן און מיט צינישער בייזפרייד קוקט ער אויף דעם סטודענטס מאָראַלישער ירידה, ווען יענער איז ניט אימשטאַנד צו קעמפן און נעמט די הלוואות, וואָס דער פאַרהאַסטער שטן לייגט אים פאָר. ער טרעט באַשיידן אָפ אָן אַ זייט אין די מאָמענטן פון ראַסטיניאַקס מאָראַלישער שטייגונג, און נאָר דער בייזער, שפּאָטישער געלעכטער פון זיינע אויגן זאָגן עדות, אַז ער קאָן געדולדיק וואַרטן אויף דער רגע פון נצחון און אַז זיין קרבן וועט ניט אויסמיידן די קונציק אויסגעשפּרייטע נעץ. „ווערן אַ מענטש-אָט דאָס איז די אויפגאַבע, וועלכע עס מיען זיך צו לייזן פופציק טויזנט יונגעלייט — אַלע אין אייער לאַגע,—זאָגט ער צו ראַסטיניאַקן. — און איר זייט אַן איינצל אין דערדאָזיקער סומע. גיט אַ טראַכט, סאַר אַ אָנשטרענגונגען עס וועלן פון אייך געפאָדערט ווערן, סאַר אַ שווערער קאַמף אייך שטייט פאָר! איר וועט איינע די אַנדערע אויפפרעסן ווי שפּינען!... ניטאָ קיין פּרינציפּן, עס זיינען נאָר פאַרהאַן געשעענישן; אויך קיין געזעצן זיינען ניטאָ, עס זיינען נאָר פאַרהאַן אומשטענדן, און אַ קלוגער מענטש פּאַסט זיך צו זיי צו, כדי שפּעטער אויפן אייגענעם שטייגער מיט זיי צו האַנדלען... זינד האָט איצט די מאַכט, און טאַלאַנטן זיינען זעלטן. ערלעכקייט טויג אויף גאָרנישט. מ'דאַרף זיך אַריינשניידן אין דעמדאָזיקן עולם ווי אַ באָמבע, אָדער אַריינגנבענען זיך אין אים, ווי אַ מכה... דער געזעץ באַשטראָפט מיט צוויי וואָכן תּפיסה דעם פּראַנט, וואָס האָט פאַר איין נאַכט אָפּגענומען ביי אַ קינד אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן, און מיט קאַטאָרגע—דעם אָרעמאַן, וואָס האָט געגנבעט אַן אַסיגנאַציע פון טויזנט פראַנק. אָט זייגען אייערע געזעצן! פאַראַכט זשע די מענטשן, און זוכט אָפּ די שלייפן, דורך וועלכע מען קאָן אַרויסקריכן פון דער נעץ פון די געזעצן. דער גאַנצער סוד פון די גרויסע פאַרמעגנס, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען אָן אַ באַשיינפערלעכער סיבה, איז בפירוש פאַרבאָרגן אין עפּעס אַ פאַרברעכן—אַ פאַרגעסענעם, ווייל ער איז ריין אָפּגעאַרבעט געוואָרן".

„וואַרף אַוועק דעם געוויסן!" — וועגן דעם ריידן אים אויך די קנאה־בליקן פון די וועלטלעכע פראַנטן, ווען ער איז שוין באַלד דער באַראָנעסע ניוסינגענס אַ געליבטער, אויך די שיינע צאַצקעלעך פון דער פראַכטפולער

דירה, וואָס די באַראָנעסע האָט פאַר אים איינגעאָרדנט, ווען ער איז שוין ווירקלעך געוואָרן איר געליבטער; אויך די שפּיל־הויז, וואו אים איז דאָס ערשטע מאָל אָוועק מיט הצלחה; אויך די טויזנטער אַנדערע נעצן, וואָס זיינען אין פּאַריז אויסגעשטעלט, כדי צו פאַנגען יונגע מוחות און הערצער.

און ער הייבט אָן פּאָלגן דערדאָזיקער שטים. ער נעמט צו דאָס לעצט געלט ביי דער צאַרט־ליבנדיקער מוטער און ביי די שוועסטער. לכתחילה ברענט ס'דאָזיקע געלט די הענט, אָבער ווען אין טואַילרי הייבט מען אָן פון אים אַנטציקט צו ווערן, פאַרגעסט ער, אַז ער האָט באַגזלט נאָענטע מענטשן, און פאַר זייערע בלוטיקע גראָשנס האָט ער זיך געקויפט דעם אָנצוג. „איבער זיין קאָפּ שוועבט אַדורך דער דעמאָן, וועלכן עס איז אַזוי לייכט אָנצונעמען פאַר אַ מלאך, דער שטן מיט בונטע פליגלען, וואָס פאַרשפּרייט רובינען, וואָס שיסט מיט גאָלדענע פיילן איבער די פראָנטאָנען פון די פּאַלאַצן, וועלכער טוט פּרוּוען אָן אין פּורפּור און דעקט טרויגנען איין אין רייכקייט. הגם זיי זיינען לכתחילה געווען אַזעלכע איינפאַכע. ער האָט דערהערט דעם גאָט פון דעם פּוסטקליגנענדיקן אייטל, די פליטערגאָלד, וועלכע מיר האַלטן פאַר אַ סימבאָל פון מעכטיקייט". כסדר הייבט ער זיך אויף, און ער פאַלט. מיר זעען, ווי עס אַנטוויקלט זיך דער טיפּ פון אַ סטודענט, וועלכער איז איצט געוואָרן דער אַלאייראָפּעאישער טיפּ. ווי נאָר ער באַקומט געלט אין טאַש, אַזוי ווערט אין אים אויפגעבויט „אַ פאַנטאַסטישע קאָלאָנע, אויף וועלכער ער שפּאַרט זיך אָן. ער ווערט מער פאַרגלויבט אין זיך. זיין בליק ווערט אַ גלייכער און אַ דרייסטער. נאָך „נעכטן וואָלט ער, „אָן ענוו און אַ שרעקע־דיקער, איבערגעטראָגן פון אַ זייטיקן קלעפּ, היינט איז ער גרייט צו שלאָגן אַפילו דעם ערשטן מיניסטער". ער האָט שוין פאַרגעסן, וואָס טייטש דאָס וואָרט נויט. „אים געהערט גאַנץ פּאַריז!" מיר זעען, ווי ראַסטיניאַק באַ־קומט די רגילותן, וואָס ווערן קולטיווירט דורך די לעבנס־באַדינגונגען פון דער גרויסער שטאָט, און וואָס זיינען עד היום אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר יונגעלייט פונם דאָזיקן מין. „צי רייך, צי אָרעם זיינען זיי, האָבן זיי קיינ־מאָל ניט קיין געלט אויף דאָס נייטיקע, און שטענדיק אַ פולע—אויף קאַפּריזן. פאַרשווענדעריש אויף אַלץ, וואָס מען באַקומט אויף באָרג, זייגען זיי קאַרג אויף אַלץ, פאַר וואָס מען דאַרף תיכף צאָלן. דער סטודענט היט די הוט מער, איידער דעם פראַק: דער שניידער גיט אויף באָרג; דער קירזשנער איז אָבער, מחמת זיין סחורה איז פון קליינעם ווערט, דער ערגסטער מענטש, מיט וועלכן מען קאָן זיך ניט צונויפרײדן". מיר זעען, ווי ראַסטיניאַק

אָטעמט ביסלעכווייז אַריין די אַטמאָספער פון ליגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די באַראָנעסע ניוסינגען איז פעאיק אַוועקצופאָרן אויפן באַל, אַפילו אַריבערטרעטנדיק איבער דעם פאָטערס טויטן קערפּער. ער באַשליסט זיך אָבער ניט איר דאָס צו זאָגן, און איז אַוועקגעפאָרן מיט איר צוזאַמען. די וועלטלעכע ערציאונג האָט שוין געגעבן פרוכט, ער לעבט שוין עגאָאיסטיש. „זי וועט מיר קיינמאָל ניט מוחל זיין, אויב איך וועל איר דערוויינען, אַז איך בין אין דעמדאָזיקן פאַל געווען גערעכט", — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

באַלזאַק האָט אויסגעמאָלט אַן ערשיטערנדיק בילד פון דעמדאָזיקן נייעם אַוואַנטוריסטס קאַריערע. אין דעם פאָריקן יאָרהונדערט האָט באָמאַרשע שפּילנ-דיק געקאָנט מאַכן זיין לעגענדאַרע קאַריערע. אין XIX י. ה. איז די צאָל פון די, וואָס זוכן רום און רייכקייט, גרויס געוואָרן, דער קאַמף — קאָמפּלי-צירט און באַקומען אַ טראַגישע אָפּשטעמפּלונג; און באַלזאַק איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז „דער אָרעמער סטודענט איז אין זיין קאַמף מיט פּאַריז (און מיט יעדער רעזידענץ — וועלן מיר פון זיך צוגעבן) איינער פון די סאַמע דראַמאַטישע סוזשעטן פון דער היינטיקער ציוויליזאַציע".

דער פּאָטער גאָריאָ איז אַ בילד פון דער גרויסער וועלט, אַ שיל-דערונג פון אירע מכות, שעדלעכער אַטמאָספער, וואָס פאַרדאַרבט יעדן ריי-נעם געפיל, יעדע איידעלע באַוועגונג פון דער נשמה. אין די פאַרלאָ-רענע טרוימערייען האָבן מיר פאַר זיך די וועלט פון זשורנאַליסטן און פּאָעטן. אין דער אַריסטאָקראַטישער וועלט ווערט פאַרדאָרבן דאָס איידעלע האַרץ, די זשורנאַלן-אַטמאָספער טויט אָפּ דעם געדאַנק, קאַליעטשעט דעם שכל. דידאָזיקע סביבה פאַרבאָרגט אין זיך נאָך מער צוציאונגס-קראַפט. דער תהום, אין וועלכן זי פאַרשלעפּט, איז נאָך טיפער. דאָרט האַנדלט מען מיט געפילן, דאָ — מיט דער פעדער.

דער העלד פון די פאַרלוירענע טרוימערייען לוסיען איז אַ טאַלאַנט און אַ פאַרשוין. ער איז אויך, ווי ראַסטיניאַק, געקומען פון דער פּראָווינץ זוכן גליק אין פּאַריז. זיין קאַריערע האָט זיך אויך אָנגעהויבן פון דערנידערונג. די פּראָווינציעלע אַריסטאָקראַטין, וועלכע האָט אים געבראַכט אין דער הויפּט-שטאָט, האָט אים אַוועקגעוואָרפן נאָך זיין ערשטן ניטגעלונגענעם דעביוט אין דער העכערער געזעלשאַפט און פאַרליבט זיך אין אַן עלטערן שיקאַזן פראַנט. לוסיען פאַלט אַריין אין קרייזל צו אַרטעזן, וואו שטילינקערהייט, באַשיידן אַרבעט דער עכט וויסנשאַפטלעכער געדאַנק. לכתחילה איז לוסיען אויסער זיך פון אַרטעזן און פון זיינע פריינד, אָבער אינגיכן שטעלט זיך פאַר אים

דיזעלביקע דילעמע, וואָס פאַר ראַסטיניאַקן: דער לאַנגזאַמער וועג פון ערלעכער גייסטיקער אַרבעט, אָדער דער שנעלער ערפאָלג פון אַ גאַסן-פעליעטאָניסט. דאָרט אָרעמקייט, שווערע פּראַצע און גייסטיקער פאַרגעניגן; דאָ — מעכטיקער איינפלוס און קראַפט, מעגלעכקייט נוקם צו זיין זיך אין די שונאים, רייכקייט און ביליקע פּאָפּולאַריטעט. לוסיען לאָזט זיך איבער דעם צווייטן וועג. זיין רוישיקער ערפאָלג און זיין שנעלער פאַלן איז אַ פּועל-יוצא פון זיין באַגאַבטקייט און פון דעם, וואָס אים פעלט אויסגעהאַלטנקייט. ער גייט פאַרלאָרן דערפאַר, וואָס, ניט געקוקט אויף זיין זיכערן טאַלאַנט, איז ער סוף-כל-סוף פּשוט אַן עפּיקורייער, אַ פוילער און אַ גייציקער נאָך פאַרגעניגנס. דאָס איז ניט קיין שריפטשטעלער אין דער גרויסער באַדייטונג פון דעם וואָרט, ניט קיין כהן פון אַ אידעע, וועלכער האָט אַ גאַנצע וועלטאָנשויאונג, און וועלכער שטרעבט צו שטופּן די געזעלשאַפט אויף דעם וועג, וואָס אים שיינט צו זיין דער אמתער. ער געהערט צו יענע שריפטשטעלער, וועגן וועלכע מען זאָגט געוויינלעך „ער האָט אַ פּעדער". ער פּרוּווט זיך אויס אין אַלע אַרטן ליטעראַטור, אָפּהענגיק דערפון, וואָס איז נייטיק, און כמעט שטענדיק מיט ערפאָלג. ער קאָן ניט פאַרטראַכטערהייט, לויט אַ באַשטעלונג, אָנשרייבן אַ שאַרפע טעאַטראַלע רעצענזיע; קיינער קאָן זיך מיט אים ניט אויסגלייכן אין דער קונסט „אָפּצורעכענען" זיך מיט אַ קעגנער. ער שרייבט נישקשהדיקע סאָנעטן, באַשאַפט אַ גלענצנדן היסטאָרישן ראָמאַן, איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט לאַנג און געוויסנהאַפט. אין אַ מינוט פון נויט לאָזט ער זיך אַראָפּ אַזוי נידעריק, אַז ער שרייבט, לויט אַ באַשטעלונג פון אַ מוכר ספרים, קופּלעטן פאַר מאָדישע ניגונים, און די דאָזיקע קופּלעטן וואָלטן געקענט מאַכן אַ שם אַ פּראָפעסיאָנעלן קופּלעטיסט. ער קאָן לסוף אָנשרייבן צוויי גלייך הייסע אָבער לגמרי קעגנזעצלעכע לויטן געדאַנק, אַרטיקלען, וואָס אין איינעם פון זיי הערט זיך „איידעלער" צאָרן, בנוגע דעמזעלביקן ענין, וואָס אין צווייטן ווערן לכבוד אים געזונגען שירים ותשבחות. לוסיען האָט אויסגעטרונקען דעם בעכער פון תענוגים און דעם סם פון דערנידערונגען אין פּאַריז, און האָט זיך צפנים אומגעקערט אַ געשענדטער, אַ פאַרפאָלגטער פון זיינע שונאים, פאַרלאָרן דעם איינציקן וועזן, וואָס האָט אים אויפריכטיק ליב געהאַט — די אַקטריסע קאָראַלי, אויף וועלכע זיינע שונאים האָבן צַריבערגעטראָגן זייער האַס

לוסיענס קאַריערע דערמאָנט אין אַ פולע הינזיכטן ראַסטיניאַקס. די שטאָלצע וויקאָנטעסע האָט אויף אַרגע אַנטפּלעקט איר נשמה פאַר'ן סטודענט.

לוסיענס לערער, ביי די ערשטע טריט זיינע, איז דער טיפּישער פאָרשטייער פון דער זשורנאַליסטנבאָהעמע, סטעפאַן לוסטאָ. ער האָט אים דערציילט וועגן זיינע איידעלע שטרעבונגען און וועגן זיין טרויעריקער אַנטטוישונג. „אָרעם קינד מיינס! איך בין אויך, ווי איר, געקומען אַהער מיט אַ האַרץ פול מיט טרוימערייען, באַוועגט דורך ליבע צו דער קונסט, געצויגן דורך גוואַלדיקע שטרעבונגען צו רום". אָבער זיינע טרוימערייען זיינען באַלד צעשלאָגן געוואָרן אָן דער בייזער ווירקלעכקייט, און ער פירט לוסיענען אַריין אין דעם הינטערקוליסן-לעבן פון דער ליטעראַרישער וועלט. קיינער, אויסער די יודעי חן, ווייס ניט די וואונדערלעכע אָדיסעע, וואָס מיט איר הילף ווערט דערגרייכט דאָס, וואָס רופט זיך ערפאָלג, מאָדע, נאָמען, באַוואוסטהייט, באַרימטהייט, חן ביים עולם. כדי צו ווערן אַ דראַמאַטורג, דאַרף מען ניט קיין טאַלאַנט, און אַפילו קיין פּראָטעקציע. „אויב איר האָט די מעגלעכקייט צו נייטן מען זאָל ריידן, אַז דער jeune premier איז אַ יאַדישליווער, אַז די ערשטע אַקטריסע האָט ערגעץ אַ פּיסטולע, אַז ביי דער סובּרעטין איז אַזאַ ריח פון מויל, אַז פליגן פאַלן פון אים, וועט מען אייער פּיעסע אַפילו מאָרגן אויפשטעלן". ער לעבט פון שאַנטאַזש. די בוכהענדלער שיקן צו עטלעכע עקזעמפּלאַרן פון אַ בוך צום רעצענזירן, די טעאַטערן צו עטלעכע עקזעמפּלאַרן אויף אַ ספּעקטאַקל. מיט דידאָזיקע ביכער און בילעטן טיילן זיך דער פאַרלעגער מיטן רעצענזענט און פאַרקויפן זיי. ווי גוט דאָס בוך זאָל זיין, ווי אויסגעצייכנט די פּיעסע זאָל זיין, וועט מען זיי אָן דעמדאָזיקן אָפּצאָל אויסלאַכן אָן רחמנות. די אַרטיסטן צאָלן פאַר די שבחים, אָבער מערער געשיקטע צאָלן פאַר קריטיק: מער פאַר אַלץ האָבן זיי מורא פאַר שווייגן. פאַר דער קריטיק, וועלכע איז אָנגעשריבן אַזוי, אַז מען זאָל קענען איר אַרויסטרעטן מיט אַן ענטפער, צאָלט מען טייערער, איידער פאַר אַ טרוקן שבח, וואָס אויף מאָרגן קאָן מען אָן אים פאַרגעסן. „אַלס אַ געדונגענער רוצח פון אידעען און רעפּוטאַציעס, — אינדוסטריעלע, סצענישע און ליטעראַרישע, פאַרדין איך פופציק עקיו אַ חודש, — זאָגט לוסטאָ, — איך קאָן פאַרקויפן אַ ראָמאַן פאַר פינף הונדערט פראַנק און מען הייבט שוין פאַר מיר אָן מורא צו האָבן". און ער עפנט פאַר לוסיענען אָפּ די פּערספּעקטיוון, וועלכע ערוואַרטן אים. רעפּוטאַציעס ווערן באַשאַפן דורך בוכהענדלער און פעליעטאָניסטן. וואונדערלעכע שאַפונגען פון אמתער פּאָעזיע ווערן צעטראָטן אין קויט אונטער די פיס פון קאָנקורענטן בעלי-מקנאים, און צי וועט ביי דעם אויטאָר קלעקן געדולד צו וואַרטן, ביז זיין ווערק וועט זיך אויפהויבן, מען וועט אים אָפּשאַצן

און וועט ווידער אויפלעבן פאַר דער אייביקייט. „איר וועט שרייבן, — זאָגט לוסטאָ צו לוסיענען, — אָנשטאָט צו אַרבעטן, איר וועט זינגען אָנשטאָט צו שלאָגן זיך, איר וועט ליבן, האַסן, לעבן אין אייערע ביכער, אָבער אָפּהיטנדיק אייערע אוצרות צוליב דעם סטיל, אייער גאָלד און פּורפּור צוליב די געשטאַלטן, וואָס איר שאַפט, וועט איר גיין אין אָפּגעריסענער איבער פּאַריזער גאַסן, אַ גליקלעכער דערמיט, וואָס קאָנקורירנדיק מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט איר געשאַפן אַ נפש, וואָס איז גלייך צו אַדאָלפן, צו קאַרינען, צו קלאַריסען, צו רענען, אָדער צו מאַנאָנען. איר וועט זיך קאַליע מאַכן דאָס לעבן און דעם מאָגן, כּדי צו שענקען לעבן דעמדאָזיקן נפש — אָבער וואָסזשע וועט איר זען? — אַז ער וועט זיין באַגוולט, פאַרראַטן, פאַרקויפט, פאַרוואָרפן אין ים פון פאַרגעסונג דורך די זשורנאַליסטן, באַגראָבן דורך אייערע בעסטע פריינד".

באַלזאַק האָט ניט בלויז אויסגעמאָלט דאָס בילד פון זשורנאַליסטן־וועלט, איר מאָראַלישע צעפוילקייט און די וועגן, אויף וועלכע עס ווערט געשאַפן די ליטעראַרישע קאַריערע. אין די פ אַ ר ל ו י ר ע נ ע ט ר ו י מ ע ר י י ע ן האָט ער באַשריבן דעם צוזאַמענשטויס פון דער ניט פאַרדאָרבענער נשמה מיט דידאָזיקע פאַרדאַרבנדיקע באַדינגונגען פון דער ליטעראַרישער טעטיקייט, געגליכן דערצו, ווי אין פ אָ ט ע ר ג אָ ר י אָ איז געשילדערט דער צוזאַמענשטויס פון ריינעם האַרצן מיט דער שעדלעכער ווירקונג פון די אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען. דער פּראָצעס פון הדרגהדיקן פאַלן, דער זיג פון די נידעריקע אינסטינקטן און די פאַרשלעפּערונג פון די גוטע — דאָס איז איינע פון באַלזאַקס געליבטסטע פּסיכאָלאָגישע טעמעס. איינגייענדיק אויפן ערשטן גרויסן קאָמפּראָמיס, פאַרלאָזנדיק אַרטעזס קרייזל צוליב דער גאַסנפּרעסע, נאַרט לוסיען זיך אַליין; ער שליידערט זיך אַריין אין קעסלגרוב מיט געהויבענע צילן; ער וועט דערווייזן, אַז מען קאָן בלייבן אַ ריינער אין קויט און פאַרהיטן די געהויבענע מחשבות צווישן נידעריקע אינטערעסן און שטרעבונגען; ער וועט אַריינטראָגן ליכטיקייט אין דערדאָזיקער פינסטערניש — די געוויינלעכע טרייסט געבעך פון שוואַכע נשמות. מיר זעען לוסיענען אין דעם מאָמענט, ווען ער פאַרוואַנדלט דאָס ערשטע מאָל דאָס געדרוקטע וואָרט אין אַ געצייג פון פערזענלעכער נקמה. דער פּאַסקוויל אויף זיין שונא שאַטלע פול מיט גיפט און מיט נידעריקע רמזים, ברענגט אים געהיימען פאַרגעניגן. מיר זעען, ווי לוסיענס האַנט פירט די פעדער, און זיין קאָפּ איז אין דערזעלבער צייט פאַרנומען מיטן געדאַנק וועגן האָנאָראַר, וואָס ער וועט באַ-

קומען פֿאַר זײַן פֿאַרקױפֿלעכער פּעדער. מיר זעען, װי דערדאָזיקער באַגאַבטער קאָפּ מאַטערט זיך צו שאַפֿן קופּלעטן, װי די נױט דריקט אים צונױף אַלץ פֿעסטער אין אירע קלעמען, װי די גאװה ברענגט אים לסוף צו דער נידעריקסטער ירידה: ער װערט אַ רענעגאַט, פֿון אַ שרעקלעכן שונא דער רעגירונגס, פֿון אַ שונא, פֿאַר װעלכן מיניסטאָרן האָבן מורא געהאַט, אין װעלכן מען האָט געקענט אין קיניגלעכן הױף, װערט ער אַ חונף און אַ הײסער פֿאַרטײדיקער פֿון דער הערשנדיקער פּאַרטײ. און װידער טרוימט ער צו שטעלן זיך העכער פֿאַר די געװײנלעכע באַדינגונגען. ער מײנט, אַז מען קאָן אױך אין דעם צװײטן לאַגער בלײַבן געטרײַ כאָטש צו אײניקע פֿריערדיקע אָנשױאונגען. די װירקלעכקײט ברענגט אים באַלד אַנטטױשונג. פּאָליטישע פּאַרטײען װײסן ניט פֿון קײן טאָלעראַנץ. מען נױט אים קאַטעגאָריש אָפּצוזאָגן זיך פֿונם עבר, לחלוטין פֿאַרברענען אַלץ, פֿאַרװאָס ער האָט זיך געהאַט געקניט, קניען זיך פֿאַר דעם, װאָס ער האָט געהאַט פֿאַרברענט. ער צײגט זיך באַשײנפּערלעך איבער, װי שװער עס איז אײַנצוזיצן אױף צװײ שטולן. לכתחילה טאַנצט מען אַרום אים, מען חנפֿעט אים, מען פֿאַרשלעפּערט זײַן געװיסן מיט שבחים און מיט גוטע הבטחות. די אַריסטאָקראַטישע פּאַרטײ לאָזט אין געברױך אַלע כּישופֿן פֿון דער װעלטלעכער קונסט, כּדי אַרײַנצוקריגן דעם באַגאַבטן מיטגליד פֿון דער אָפּאָזיציע. אָבער װען ער װערט שױן ניט ביײַטיק, װען ער איז לגמרי קאָמפּראָמעטירט אין די אױגן פֿון זײַנע חברים און צוריקכאַפּן קאָן ער ניט, לאַכט מען פֿון לוסיענען. מען נױט אים אָנשרײַבן אַ בײזן אַרטיקל װעגן אַרטעזס בוך, װאָס איז געשאַפֿן געװאָרן אין אָרעמקײט, בשעת לוסיען האָט געמאַכט זײַן שנעלע קאַריערע; אָבער „פֿאַרצוקן‟ אַרטעזן איז געװען העכער פֿאַר זײַנע קרעפֿטן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. די ראָיאַליסטן זײַנען אין כּעס געװען. מען האָט אים געמאָלדן, אַז אַ געשמדטער האָט ניט קײן אײגענעם הילן. אים איז געבליבן אױסװײלן — אָדער קאַראָלין, אָדער אַרטעזן, און לוסיען האָט זיך באַשלאָסן. „דער אָרימער פּאָעט האָט זיך צוריקגעקערט אַהײם טױט אין דער נשמה. ער האָט זיך געזעצט בײַם קאַמין און איבערגעלײענט ד׳אַרטעזס בוך, אײנס פֿון אַלעם בעסטן אין דער נײַסטער ליטעראַטור. ער האָט פֿאַרגאָסן טרערן איבער די בלעטער. ער האָט זיך לאַנג געװאַקלט, און לסוף אָנגעשריבן אַ שפּאָטישן אַרטיקל, װאָס ער האָט אַזױ גוט געקענט שרײַבן. ער איז זיך באַגאַנגען מיטן בוך, װי קינדער מיט געפֿאַנגענע פֿײגעלעך: זײ פֿליקן בײַ זײ אױס די פֿעדערן און פֿאַרפּײַניקן זײ‟. אָבער װען ער האָט נאָך אַמאָל איבערגעלײענט דאָס בוך, האָט ער ניט אױסגעהאַלטן.

אַלע גוטע געפילן האָבן אין אים ערוואַכט, און האַלבע נאַכט איז ער אַוועק צו דער הויז, וואו אַרטעז האָט געוואוינט, און דערזען אין פענסטער, ווי „עס פלאַטערט דאָס ריין און שרעקעדיק פייערל, אויף וועלכן ער האָט אַזוי אָפט געקוקט מיט געפיל פון פאַרוואונדערונג, וועלכע די עקשנות פון דעמדאָזיקן באמת גרויסן מענטשן האָט פאַרדינט". סאַר אַ בייזער מיסברויכן פון שכל! — האָט ד'אַרטעז אויסגעשריען, ווען לוסיען האָט אים אַ צעשלאָגענער פון צער און חרפה געגעבן איבערלייענען דעם אַרטיקל.

אין אַזעלכע העלע פאַרבן האָט באַלזאַק געשילדערט דאָס מאָראַלישע פאַלן פונם זשורנאַליסט. אין ראַסטיניאַקס און לוסיענס גורל האָט דאָס געלט געהאַט אַ פאַטאַלע באַדייטונג, אָבער ביידע העלדן זיינען ניט געווען קיין קנעכט פונם געלט. פאַר זיי איז עס פונדעסטוועגן געווען נאָר אַ מיטל, ניט קיין ציל, באַלזאַק וואָלט ניט געווען דאָס וואָס ער איז, ווען ער וואָלט ניט געשאַפן דעם טיפּ פון גראַנדע. דער אַלטער גראַנדע — דאָס איז די פאַרקערפּערונג פון קאַרגקייט. יעדע עפּאָכע האָט איר הערשנדיקע מאָס פאַר גליק, און אַרבעט אויס אירע מיטלען צו דערגרייכן עס. יעדע אַרבעט האָט אירע געניס און אַרטיסטן, אירע ספּאָרטסמענס. גראַנדע איז דער געני פון געלט־אָנלעבן. ער איז דער כהן פון קונסט צוליב קונסט. ער האָט ליב געלט צוליב געלט, און פאַרגעסט אָפט וועגן דער קראַפט און וועגן דער מאַכט, וואָס געלט גיט. די וועלט, איבער וועלכע גראַנדע קיניגט, איז די וועלט פון באַנקירן און אונטערנעמער. זיי קלייבן זיך ביי גראַנדע דעם מיליאָנער אין הויז, ווי בלוט־גיריקע וועלף אַרום רויב. דערדאָזיקער רויב איז גראַנדעס טאָכטערס אייזשעני די איינציקע יורשטע פון זיינע מיליאָנען. מאַדאַם גראַנדע און איר טאָכטער פירן אַן אָפּגעזונדערטן אַרט לעבן. די אַלטע דינסט נינעטע, וועלכע איז בלינד איבערגעגעבן איר באַלעבאָס, שפּירט נאָך שטרענג יעדן שטיקל צוקער, וואָס זי גיט אַרויס צו טיי. אָבער פּלוצלונג צעטרייסלט אַן אומגעווייגלעכע געשעעניש דאָס גאַנצע דאָזיקע שטילע לעבן, וואָס איז געריכטעט צו איין ציל — אָנקלייבן מיליאָנען. גראַנדעס ברודער, אַ רייכער פּאַריזער קאָמערסאַנט, האָט באַנקראָטירט און זיך דערשאָסן, באַצייטנס אָפּשיקנדיק דעם איינציקן זון קיין סאָמיור צום ברודער. שאַרלס פיינע מאַנירן, זיין שיינקייט, זיין פּאַריזער אָנצוג מאַכט אין סאָמיור אַ שטאַרקן איינדרוק. אייזשעני פאַרליבט זיך אין אים. שאַרלס צער וועקט זי אויף פון דעם שלאָף, אין וועלכן זי איז פאַרזונקען געווען; זי הייבט ערשט אָן צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם, וואָס איז עס אַזוינס געלט, גיט שאַרלען אָפּ אירע אייגענע געלט, וואָס זי האָט אָנגעקליבן. ער

פּאַרט קיין אינדיע זוכן גליק, און שווערט זיך אייזשענין אין אייביקער ליבע. ווען דער אַלטער דערוויסט זיך וועגן דעם, וואָס זיין טאָכטער האָט אָפּגע-טאָן, קומט ער אַריין אין גרויס צאָרן, עס קומט פּאַר אַ גרייליקע סצענע, דאָס לעבן אין דער הויז ווערט אומדערטרעגלעך, מאַדאַם גראַנדע קאָן ניט צוזען דער טאָכטערס און אירע אייגענע ליידן און שטאַרבט. אינגיכן שטאַרבט אויך גראַנדע אַליין, און אייזשעני ווערט די אייגנטימערין פון צוואַנציק מיליאָן. דערוויל איז שאַרל רייך געוואָרן. אָבער די מי און די געשעפטן האָבן אָפּ-געטויט די יונגע טרוימען פון אַמאָל. ער האָט חתונה מיט עפּעס אַ מאַרקיזע, און אייזשעני, וועלכע האָט יאָרנלאַנג געוואַרט אויף זיין צוריקקומען, האָט חתונה, נאָכדעם ווי זי האָט זיך דערוואוסט וועגן שאַרלען, מיט איינעם קריושאָ, וועלכער האָט שוין לאַנג געשאַרפט די ציין אויף אירע מיליאָנען.

דער אַלטער גראַנדע איז די הויפּט-פיגור פון דעם ראָמאַן. ער איז געניאַל. ער האָט ווייט פונאַנדערגעוואָרפן זיינע נעצן. ער זעט פאָראויס כמעט אָן שום טעות די ירידה און די עליה פון ווערט-פּאַפּירן און פרייזן אויף סחורות. „איך האָב זיי אָפּגענאַרט, — דערציילט ער איינמאָל זיינע שטוב-מענטשן, — אונזער ווייַן איז פאַרקויפט! די האָלענדער זיינען היינט אינדערפרי אַוועקגעפאָרן. איך בין אַוועק שפּאַצירן לעבן זייער טראַקטיר, אַזוי ווי ניט מיך מיינט מען. יענער, וואָס דו קענסט אים, איז צו מיר צוגעגאַנגען. אַלע ווייַנער האָבן זיך אָפּגעהאַלטן, באַהאַלטן זייער ווייַן, ווילן וואַרטן. מיר אַרט גאָרניט, איך שטער ניט. מיין האָלענדער איז געווען אויסער זיך. איך זע אַלץ! מיר דינגען זיך, ווערן מושווה אויף הונדערט עקיו פּאַר אַ פעסל. אַ העלפט אין מזומן. אין דריי חדשים אַרום וועלן די פרייזן פאַלן. — די לעצטע ווערטער זיינען אויסגערעדט געוואָרן אַזוי שטיל און מיט אַזאַ טיפער בייזער איראָניע, אַז ווען די סאָמוירער, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געהאַט צונויפגע-קליבן אויפן מאַרק און געשמועסט וועגן דעם אַלטן גראַנדעס עסק, וואָלטן די ווערטער דערהערן, וואָלטן זיי פאַרצאַפּלט געוואָרן פון אימה, די פּאַנישע אימה וואָלט געוואָרפן די פרייזן אויף פופציק פּראָצענט". „איר ווייסט ווי האַלט איצט גאָלד אין אַנזשער? איך וויל אַ היין שיקן", — זאָגט צו אים דער באַנקיר דע גראַסען. „שיקט ניט, — ענטפערט גראַנדע, — דאָרט איז אָן אייך אויך גענוג. איך בין אייך אַ גוטער פריינד, און איך ראָט אייך קיין בייז ניט". — „אָבער אַ רענדל האַלט דאָך 13 פראַנק 50 סאַנטים". — „אַזוי האָט געהאַלטן, איצט אָבער..." — „פונוואַנען האָבן זיי אַזוי גיך באַקומען גאָלד?" — „איך בין ביידערנאַכט געפאָרן קיין אַנזשער", האָט גראַנדע געזאָגט אַראָפּ-

לאָזנדיק די שטים. דער באַנקיר איז אַ פאַרחלשטער געבליבן פון פאַר־וואונדערונג".

אָבער ער איז געניאַל־ערפינדעריש ניט בלויז, ווען עס האַנדלט זיך אום געלט פאַרדינען, ער האָט ליב קאַמף צוליבן קאַמף גופא. ער, וועלכער האָט קיין פינגער אָן אַ פינגער ניט קיין קלאַפּ געטאָן, כדי אָפּצוּווענדן דעם רע־וואָלוּער פון זיין ברודערס שלייף, הגם ער וואָלט אים געקענט מציל זיין, — ער נעמט זיך ענערגיש איינצואָרדענען דעם ברודערס געשעפטן נאָך זיין זעלבסטמאָרד, ער וויל מציל זיין זיין ערע און פאַרלייכטערן שאַרלס לאַגע. ס׳וואָלט געווען אַ שרעקלעכער טעות הושד זיין דעם קמצן אין גוטע געפילן. ניין, ער האָט פשוט ערשט פאַרענדיקט אַ ציקל פון אייגענע אָפּעראַציעס, האָט זיך אים געוואָלט בייע טעטיקייט. „ס׳האָט ניט געקלעקט קיין שפּייז פאַרן גייסט, ס׳האָט געפעלט באַשעפטיקונג, באַוועגונג". ער האָט געוואָלט רעטן דעם ברודערס ערע און פאַרענדיקן מיט זיינע קרעדיטאָרן, עס זאָל אים קיין גראָשן ניט קאָסטן. ער ווייזט זיך אין דער ראָלע פון אַ ספּאָרטסמען, פון אַן אַזאַרט־שפּילער. אים ווילט זיך אויסלאַכן פון די פּאַריזער, ער, דער פּראָווינציאַל, וועט זיי מאַכן צו נאַרן, וועט זיי צעטרעטן אין בלאָטע, צעקוועטשן: ער, דער אַלטער באָנדער, וועט מאַכן, אַז זיי זאָלן ציטערן. ער פרייט זיך ווי אַ מלחמה־פערד, ווען ער דערהערט דעם רוף פון טרומייט. ער לאָזט אַוועק אַלע ספּרונזשינעס; מענטשן הייבן אָן באַוועגן זיך, ווי ליאַלקעס, לויט זיין ווילן, און זיין גלענצנדער פּלאַן ווערט פאַרווירקלעכט. גראַנדע איז מציל דעם כבוד פון דער רואַיאַנירטער הויז, דער רעטער פון שאַרל, און דערביי — אומזיסט, פון זיינע מיליאָנען איז קיין סו ניט געמינערט!

גראַנדע איז אכזריש, אומרחמנותדיק; מיטלייד און ליבע זיינען אים אומבאַקאַנט. מענטשן פאַראַכט ער טיף, גלויבט ניט אין איידלקייט, און זעט נאָר די נידעריקע באַוועגונגען פון דער נשמה. אים פאַרווילט, וואָס די אָרטיקע גבירים דרייען זיך אַרום אים, און טרוימען התונה צו מאַכן זייערע זינדלעך מיט זיין טאָכטער. ער גרייט פאַר זיי געהיים צו אַ קלאַפּ, און מיט יובעלנדיקער בייזפרייד טראַכט ער וועגן זייער אַנטוישונג. ער זעט מענטשן אויף דורך און דורך, און האָט פאַרגעניגן צוצוזען, ווי זיי ווערן פאַרפּלאָנ־טערט אין נעצן, געגליכן דערצו, ווי די קאַץ האָט הנאה פון דער מויזס אָנשטרענגונגען אַרויסצורייסן זיך פון אירע נעגל. פאַר אים איז ניטאָ קיין אומ־גליקלעכע צופעליקייטן, ער אָנערקענט ניט קיין פעלערן. זיין פאַרמעגן האָט אים טייער געקאָסט, און ער פאַראַכט אויפריכטיק די, וואָס קענען ניט

קעמפן. אים אַרט ניט שאַרלס פאַרצוויפלונג. „באַנקראָט—דאָס איז די בידע־ריקסטע זאַך. דער גזלן אויפן וועג איז ערלעכער פאַרן באַנקראָטשיק: ער ריזיקירט מיטן לעבן, און דער באַנקראָטשיק... מיין ברודער האָט אויף אייביק אַגטערט זיין זון". פאַר אים איז גלייך אַ באַנקראָט, וועלכער איז געמאַכט מיט בייזער כּוונה, מיט דעם באַנקראָט, וואָס איז אַ פּועל־יוצא פון ניט פאַר־אויסגעזעענע שלעכטע אומשטענדן. ער אַכט נאָר דעם ערפאָלג, ער שעצט נאָר וועלף, און פאַראַכט שעפּסן. ער פילט יראת הכּבוד פאַר עקספּלואַטאַטאָרס און פאַראַכטונג צו קרבנות. אָפּנאַרן אַלעמען און יעדערן און נאָכדעם פאַראַכטן די ניט איבערגעשפּיצטע—אין דעם ליגט דעם קמצנס מאַכט און שטאָלץ. „דער קאַרגער פאַרשטייט די עינויים פון דער אָרעמקייט, ער האָט משיג געווען די שעפּס, וואָס ווערט געפירט צו דער שחיטה, די עמבלעם פון דעם, וואָס שטאַרבט פון הונגער. דער קאַרגער פיטערט לכתחילה אויס זיין שעפּס, צערטלט זי אויס, דערנאָך שעכט ער זי, דערנאָך בראָט ער זי, דערנאָך עסט ער זי, לויט אַלע כּללים, געדולדיק, מעטאָדיש. פאַראַכטונג און גאָלד — דאָס איז דער ברויט פונם קאַרגן".

אין גראַנדעס פּערזאָן האָט באַלזאַק אויסגעמאָלט דעם פינסטערן טיפּ פון דער זיגרייכער בורזשואַזיע. אין זיינע אַריסטאָקראַטן און זשורנאַליסטן איז פאַרהאַן לפּחות שיינקייט און פּאָעזיע. זייער קאַמף איז פול מיט ליידנשאַפט און באַוועגונג. גראַנדע איז טרוקן און אייגאַרטיק. די עסקים און די ציפער האָבן פאַרקנעכטיקט אים און זיינע נאָענטע. ער האָט גערעדט ווייניק, ער האָט געהאַט אַ וויכן, פריינדלעכן, גייציקן בליק פון אַ מחבל. אין כּלל האָט זיין פיגור אויסגעדריקט „חשודע שטילקייט, קאַלטע ערלעכקייט, און עגאָאיזם פון אַ קמצן". זיין קליידונג איז שטענדיק געווען דיזעלביקע. אין 1820 יאָר האָט ער זיך אָנגעטאָן ווי אין 1791 יאָר. זיין בגד איז געווען פון דיקן גע־וואַנט, די שיך גראָבע, מיט מעשענע ספּראָנצקעס. קאָנצענטרירט אַלע זיינע קרעפטן אויף פאַרגרעסערן זיין קאַפּיטאַל, האָט ער פאַרלאָרן דעם געשמאַק צו אַלץ, וואָס גיט דעם לעבן צו אַ זינען און אַ אינטערעס. געלט איז פאַר אים געווען ניט קיין מיטל, נאָר אַ ציל. ליבנדיק די מיליאָנען, האָט ער ניט ליב געהאַט דאָס אַלץ, וואָס מען קאָן באַקומען פאַר די מיליאָנען. געפילן פון קרובהשאַפט ערוואַכן אין אים זעלטן. לעבן דעם יאָמערנדיקן שאַרלס צימער, באַטראַכט ער נייע אונטערנעמונגען, און צייכנט אָן אַ פּלאַן פון אַ נייער ספּעקו־לאַציע אויף די ברעגן פון דער צייטונג, וואו עס איז אָפּגעדרוקט די ידיעה וועגן זיין ברודערס זעלבסטמאָרד. דעם פלימעניקס קרעכצן האָבן דאָ צו אים

דערגרייכט. ער האָט אָבער נאָר געהערט און זיך ניט אײַנגעהערט. זיין פרוי איז אַ שטומע שקלאַפין. די טאָכטער ציטערט פאַר אים. די משפחה־דראַמען אין זיין הויז — דאָס זיינען אמתע בורזשואַזע דראַמען. זיי אַנטשטייען צוליב עטלעכע שטיקלעך צוקער, וואָס מען האָט דערלאַנגט צום טיש, צוליב דעם כיבוד, וואָס די ביידע פרויען האָבן איינגעאָרדנט לכבוד שאַרלען. גראַנדע אַליין איז ניט קיין אויסקלייבער, ער עסט וואָס עס מאַכט זיך, שטייענדיק, און אַלע מאָל אין איילעניש.

אָבער אין ערגעץ האָט זיך זיין שרעקלעכע פאַרפירנדיקע קראַפט ניט אַרויסגעוויזן אין איר גאַנצער באַדייטונג און אַזוי קלאָר, ווי אין דער געשיכטע פון זיין טאָכטער. אייזשעני איז אַ ריינע אידעאַלע נשמה. זי האַלט פון געלט נאָר אַזוי פיל, אויף וויפל זיי קענען דינען צו גוטע מעשים. זי האָט זיך דערוואוסט וועגן זייער קראַפט און זיך פאַראינטערעסירט מיט זיי ערשט דעמאָלט, ווען זי האָט געזען, אַז זיי זיינען די סיבה פון שאַרלס יאוש. אין דער נאַכט, ווען גראַנדע איז געהיים אַוועקגעפאָרן קיין אַנזשער צוליב דער ספּעקולאַציע, וועלכע האָט אַזוי פאַרוואונדערט דע־גראַסענען, האָט אויך אייזשעני גראַנדע געציילט איר גאָלד. „ער איז זיינס אַוועקגעפאָרן פאַרקויפן, זי האָט אירס געוואָרפן אין ים פון ליבע און מיטלייד“. ער האָט דידאַזיקע ריינע נשמה געצוווּנגען צו זאָגן ליגן און צו פאַרשטעלן זיך; כל זמן אין איר האָבן געדרעמלט די געפילן און די פאַרלאַנגען, האָט זי ניט געהאַט צוליב וואָס צו לייגן. אָבער שאַרלס אומגליק האָט אין איר אויפגעוועקט די פרוי און דעם מענטשן, און זי האָט זיך געווענדט צום פאָטער, וועלכן זי איז געוויינט געווען צו גלויבן. גראַנדע האָט זי אָפּגעגאָסן מיט אַזאַ קעלט פון עגאָאיזם און חשבון, אַז זי האָט גיכער באַהאַלטן אירע געפילן. „איר האָט הייער טויזנט פעסלעך וויין, פאָטער?“ — „יאָ, טעכטערל“. — „הייסט עס דרייהונדערט טויזנט פראַנק“, — האָט אייזשעני ווייטער גערעדט. — „ריכטיק אַזוי, מאַדמואַזעל גראַנדע“. „הייסט עס, אַז איר קאָנט איצט שאַרלען העלפן, פאָטער?“ גראַנדע, וועלכער האָט לגמרי פאַרגעסן אָן פלימעניק, איז שטאַרק אין כעס געוואָרן, ווען ער האָט אים באַגעגנט פלוצלונג אין דער טאָכטערס האַרצן, קאָפּ, חשבונות. ער האָט אָנגעהויבן שרייען. ביסלעכוויז זיינען אַלע אירע הייליקע און איידעלע גלויבנס געלעגן געלעסטערט דורך איר פאָטער דעם קמצן. אייזשעני האָט זיך ביסלעכוויז געלאָזן אַריינציען אין דער ווירטשאַפט, ער האָט זי געלערנט, און האָט אין איר אַזוי גוט געקענט אַריינזעצן זיינע כללים, אַזוי געשיקט איינפלאַנצן אין איר קאַרגקייט, אַז די קאַרגקייט איז ביי איר געוואָרן אַ רגילות. זי האָט זיך פּולקום געלאָזט

פאַרזינקען אין דעמדאָזיקן לעבן, וואו אַלץ איז געגאַנגען אייגנאַרטיק און אָפּ־געמאָסטן, ווי דער אומרו פון זייגער, און ווען דער אַלטער גראַנדע איז געשטאָרבן, האָט ער דער טאָכטער איבערגעלאָזן מיליאָנען, ער האָט איר אָבער אויף אייביק קאַליע געמאַכט דאָס לעבן. די רייכסטע כּלה פון סאָמיור האָט געוויינט נאָך שאַרלען, נאָך איר ליכטיקער יוגנט, וועלכער די איצט אומנוצלעכע עשירות וואָלט אַמאָל געקענט ברענגען אַזויפיל גליק.

גראַנדע איז איינע פון די סאַמע כאַראַקטעריסטישע פיגורן, וואָס באַלזאַק האָט געשאַפן. דער קמצן איז איינער פון די באַליבטסטע ליטעראַרישע טיפּן פון אַלע צייטן און פון אַלע פעלקער. אָבער קיין עפּאָכע האָט אויף אים נאָך נישט אָפּגעלייגט אַזאַ פינסטערן קאָלאָריט, קיינמאָל האָט ער נישט געהאַט אַזאַ מאַכט, קיינמאָל האָבן די עיקרשטע אייגנשאַפטן פון זיין נאַטור נישט האַרמאָנירט אַזוי מיט די באַדינגונגען פון דער צייט אין אַזאַ מאָס, ווי אין דעם פּעריאָד פון דער בורזשואַזער מאָנאַרכיע. גראַנדע איז די פּאַרקערפּערונג פון עגאָאיזם, וועלכער איז פאַראייניקט מיט אייזערנעם ווילן, פון די אייגנשאַפטן, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אויפן באָדן פון אומרחמנותדיקער קאָנקורענץ. דער ספּיריטואַליזם פון דער מיטלאַלטער האָט געפונען זיין עקסטרעמען אויסדרוק אין די פאַרזעעניש דיקע גבורות פון אַסקעטן, וועלכע האָבן געקענט קאָנצענטרירן אַלע קרעפטן פון זייער נשמה אין איין שוואונג, אין איין ריס צום הימל. די עשירות, דערדאָזיקער אידעאַל פון דער קאַפּיטאַליסטישער צייט, האָט איר פאַנאַטיק געפונען אין דער פּערזאָן פון גראַנדע. אַלע זיינע רייכע קרעפטן, די גאַנצע קרעפטיקע נאַטור זיינע איז קאָנצענטרירט אויף דער שטרעבונג צו עשירות. דערזעענדיק גאָלד, פאַרלירט ער זיין ווילן, און בלייבט אין דער מאַכט פון דערדאָזיקער אומבאַזיגלעכער קראַפט, וועלכע פירט דעמדאָזיקן פעסטן מענטשן אַראָפּ פון וועג און פאַרשליידערט אים, ווי דער ריס פון שטורעם פאַרשליידערט אַ בלעטל פון אַ בוים. די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן מאַכן אַ שרעקלעכן איינדרוק. ליגנדיק אויפן טויטנבעט אָן קראַפט, און כּמעט אויסן זינען, הייסט ער זיך דערלאַנגען גאָלד. און ווען אייזשעני האָט פאַר אים אויסגעשאָטן גילדערנע מטבעות, האָט זיך ווידער לעבן אָנגעצונדן אין דעם זיך לעשנדיקן בליק, אויף די ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל — דאָס גאָלד האָט אים צוריק געגעבן די וואַרעמקייט, וואָס די קאָלדרעס האָבן אים נישט געקענט געבן. ווען דער גלח איז געקומען אים צוגרייטן, זיינען זיינע בליקן לעבעדיק געוואָרן, דערזעענדיק דעם זילבערנעם צלם און דעם בעקן צום

רויכערן. די לעצטע אָנשטרענגונג, וועלכע דער גוסס האָט געמאַכט, איז געווען — אַרויסרייסן דעם צלם פון דעם גלחס האַנט.

באַלזאַק האָט פאַרנומען אַ באַזונדער אָרט אין שילדערן פּרויענטיפּן. דאָ האָט ער אויך אַריינגעטראָגן עפּעס נייס, וויסנשאַפטלעכע סיסטעמאַטיש־קייט, וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז, מיט וועלכע זיין שאַפונג צייכנט זיך אויס. ביז באַלזאַקן האָבן ראָמאַניסטן ליב געהאַט אָוועקצולאָזן זייערע העלדינס ביי דער שוועל פון הייראַטלעבן, זיי פלעגן ווי בכיוון ניט אויפהייבן דעם פאָרהאַנג, הינ־טער וועלכן עס האָט זיך געענדיקט די פּאָעזיע פון דער ליבע־שיכרות, און אָנגעהויבן די פּראָזע פון טאָגטעגלעכערווירקלעכקייט. אמת, פאַר באַלזאַקן האָט די ליטעראַטור אויך אַרויסגעפירט מוטערס און פרויען, אָבער שילדערנ־דיק דעם ליבע־געפיל, האָבן די פּאָעטן בעסער אַרויסגעשטעלט דעם עלטער, ווען די ערשטע שרעקעדיקע אויפבריזן פון האַרצן און די אומקלאָרע טרוימען האָבן די געפילן פון דער יונגער העלדין צוגעגעבן אַ באַזונדער פּראַכט. דער־דאָזיקער פּעריאָד אין לעבן פון דער פרוי — דאָס איז די באַליבסטע טעמע פון די קינסטלער, און דידאָזיקע נשיאת־פּנים מצד די שריפטשטעלער דער־קלערט זיך דורך דעם טראַדיציאָנעלן בליק אויף דער פרוי. אין משך פון יאָר־הונדערטן איז די פרוי געווען אַ צירונג, אַ פּאָעטישער אַקסעסואַר אין לעבן; אין משך פון יאָרהונדערטן האָט זי שטענדיק נאָר געוועקט די געפילן אינם מאַנסביל, וועלכער האָט געדענקט און געטאָן, אין דער צייט ווען זי האָט נאָר פאַרוויילט און פאַרפוצט. איר שוואַכקייט און אומוויסן איז געווען אַ נייטיקער תנאי פון איר אָנציענדיקייט, איר נאַאיווקייט און ניט קענען דאָס לעבן האָט זיך איר פאַררעכנט פאַר יוגנט. אַ פרוי, וואָס האָט באַקומען ערפאַרונג, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַ לעבנס־שול, וואָס האָט אויף דער וועלט געקוקט אָן ראָמאַנ־טישע אילוזיעס און נאַאיווע פאַנטאַזיעס, האָט פאַרלאָרן אַ היפּשן טייל פון איר רייץ. אָט פאַרוואָס די פּאָעטן, וועלכע האָבן אָנגעשריבן טויזנטער שיינע זייטן וועגן דער יונגער ליבע, וועלכע האָבן אויסגעפּאָרשט אַלע באַוועגונגען פון דעם אומפאַרדאָרבענעם האַרצן, וואָס האָבן אויף טויזנטער אופנים באַזונגען דעם צויבער פון דעם ערשטן קוש, האָבן זיך אַזוי ניט גערן אָפּגעשטעלט אויף די געפילן פון אַ מערער רייפער פרוי. דער XIX י. ה., ווען דער אינטערעס צו דער פרוי האָט אָנגעהויבן פאַרלירן דעמדאָזיקן איינזייטיקן כאַראַקטער, ווען אַלע פאַרגעסענע און געדריקטע האָבן געלאָזט הערן וועגן זייערע רעכט און מענטשלעכער ווערדע, — דער XIX י. ה. האָט געדאַרפט פולער באַלייכטן אויך די נשמה פון דער פרוי. בלויז די אַלזייטיקע אויספאָרשונג פון איר פּסיכאָלאָ־

גיע אין אַלע לאַגעס און אין אַלע פּעריאָדן פון איר לעבן האָט געקאָנט געבן דעם בייטיקן מאַטעריאַל פאַר דער ריכטיקער לייזונג פון די פראַגן, וואָס זיינען פאַר־בונדן מיט איר גורל. די פרוי האָט ביי באַלזאַקן ערשיינט אַלס אַ מענטש, וועל־כער האָט, געגליכן צום מאַנסביל, דורכגעמאַכט אַ לאַנגן לעבנס־וועג; און אַלע מאָמענטן פון דעמדאָזיקן וועג, פון דער צאַרטער יוגנט אָן ביז דער אומפריינד־לעכער אַלטקייט, זיינען גלייך וויכטיק און אינטערעסאַנט. די פרוי האָט רעכט צו פאָדערן, אַז מען זאָל זי ליבן און לאַשצען ניט נאָר דעמאָלט, ווען צוליב איר אומדערפאַרנקייט און נאַאיווקייט קאָן זי ווייניקער ווי אַלץ גערעכנט ווערן פאַר אַ פאַרטיקן מענטשן, איר לעבן דאַרף טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ באַזיניקטן קיום אויך אין די שפּעטערדיקע פּעריאָדן. מען דאַרף זיך אָפּזאָגן פון דעם טראַדיציאָנעלן טיילן דער פרויס לעבן אויף צוויי ניט גלייכע פּעריאָדן — אויף דעם קורצן פּעריאָד פון ליבע און פאַרגעטערונג און נאָכדעם אויף לאַנגע יאָרן פון אַלגעמיינער אומאויפמערקזאַמקייט און ציללאָזן קיום אין געזעלשאַפטלעכן זינען.

בשעת זשאָרזש־זאַנד האָט זיך געווענדט צום געפיל, האָט זיך באַלזאַק געווענדט צום שכל. זשאָרזש זאַנד האָט אַריינגעטראָגן אַ רעוואָלוציע אין די מוחות, האָט אי־בערגעדרייט די אַלטע יסודות, אויף וועלכע עס האָט זיך גע־האַלטן די הונדערטיעריקע דערנידערונג פון דער פרוי, איר פּראָטעסט איז גע־ווען אַ געשריי פונם דערצאָרנטן האַרצן, אַ טרויעריק ליד וועגן דער פרויס צער. באַלזאַק איז צו דער פראַגע צוגעגאַנגען מיט דער פּאָרזיכטיקייט פון אַ געלערנטן, ער האָט אויפמערקזאַם אויסגעפאָרשט די סיבות און דעם מקור פון דעם שלעכטס און האָט לאַנגזאַם צונויפגעזאַמלט טייערע קאָנטראָלירטע פאַקטן.

„אַ באַלזאַקישע דאַמע“, אַ פרוי פון „באַלזאַקישן עלטער“ — מיט אַזעלכע אויסדרוקן קומט אָפט אויס צו באַגעגענען זיך היינטיקע צייטן אויך. אין ערגעץ איז דעם שריפטשטעלערס עיקר־שטריך בעסער ניט דעפינירט, איידער אין אַזעלכע קורצע פאָרמלען, אין וועלכע עס ווייזט זיך אַרויס די פאָרשטעלונג וועגן אים מצד די מאַסן, וואָס פאַרגעסן אָפט וועגן דעם שריפטשטעלער גופא, נאָר זיי פאַרבינדן מיט זיין נאָמען אַ געוויסע געזעלשאַפטלעכע ערשיינונג. און ווירקלעך, עס קען זיין, אַז קיין ספּערע קאָן באַלזאַק מיט אַזאַ רעכט ניט אָנ־רופן ספּעציעל זיינע, ווי די פּסיכאָלאָגיע פון דער פרוי. דווקא דאָ האָט ער אַריינגעטראָגן עפּעס נייס, אָדער, לפחות, איבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט דעם שווערפּונקט פון דער אויפמערקזאַמקייט.

אײנער פֿון זײַנע ראָמאַנען רופֿט זיך טאַקע אַזױ: די דרײַסיקיאָריקע פֿרױ. זשולי איז געװען אַ צוױבערלעך קינד. מיר זעען זי דאָס ערשטע מאָל אױף דעם באַרימטן פּאַראַד אין טױלערי אין 1813 יאָר ערב דעם טאָג, „װען נאַפּאָלעאָן איז אַװעק אין דעם פּאַטאַלן מאַרש, אין װעלכן אים איז באַשערט געװען צו פֿאַרלירן בעסיערן און דיוראָקן, געװינען די באַרימטע שלאַכטן בײַ ליוצערן און בױצען, זען די בגידה פֿון עסטרײַך, זאַקסן, בײַערן, פֿון בערנאַדאָט און אױסהאַלטן די שרעקלעכע שלאַכט הינטער לײַפּציג". די באַשרײַבונג פֿון זשוליס אױסערלעכקײט באַװײַזט, אַז באַלזאַק איז ניט געבליבן הינטערשטעליק אַנטקעגן די טראַדיציאָנעלע ראָמאַנען אין שילדערן די יונגע שײנהײט. זשולי האָט געליבט, געליבט, װי אַ קינד, אײנעם פֿון יענע מענטשן, װעלכע האָבן אונטערן אױסערלעכן גלאַנץ און שײנקײט געהאַט אַן אינערלעכע פּוסטקײט, נאָר װעלכע דער אומערפֿאַרענער דמיון רינגלט אַרום מיט אַ באַזונדער אידעאַליסטישן אָרעאָל. בשעתן פּאַראַד האָט זשולי קײנעם ניט געזען, אױסער װיקטאָר ד׳עגלעמאָנען. אַפֿילו נאַפּאָלעאָן אַלײן, דערדאָזיקער אָפּגאָט פֿון פֿראַנקרײַך, צו װעלכן עס זײַנען געװען צוגעשמידט די אױגן פֿון דעם גאַנצן פּילטױזנטיקן המון, איז פֿאַרשװאונדן פֿאַר די אױגן פֿון דערדאָזיקער פֿאַרבלענדטער מײדל צוליב דעם שײנעם פּאָלקאָװניק. בשעת זשולי האָט זיך צוריקגעקערט פֿון פּאַראַד, האָט זיך איר אַלטער פֿאָטער צו איר געװענדט מיט פֿאָלגנדיקע װערטער: „יונגע מײדלעך שאַפֿן זיך אָפֿט אײדעלע געלוסטיקע געשטאַלטן, לחלוטין אידעאַלע פֿערזאָנען און בילדן זיך אײַן פֿאַנטאַסטישע אידעען װעגן מענטשן, געפֿילן און דער װעלט. נאָכדעם גיבן זײ אומשולדיק צו אַ געװיסן כאַראַקטער די מעלות, װעלכע זײ האָבן געטרױמט, און גלײבן אין זײ. אין דעם אױסדערװײלטן מענטשן ליבן זײ דעמדאָזיקן אױסגעפּאַנטאַזירטן נפֿש, אָבער נאָכדעם, װען עס איז שױן ניטאָ קײן צײַט צו באַזײַטיקן דאָס אומגליק, װערט דערדאָזיקער אָפּנאַרערישער שאָטן, װעלכן זײ האָבן צוגעפּוצט, זײער ערשטער אָפּגאָט, פֿאַרװאַנדלט אין אַ העסלעכן סקעלעט. איך װאָלט דיך, זשולי, בעסער װעלן זען אַ פֿאַרליבטע אין אַן אַלטן, אײדער אין דעם פּאָלקאָװניק װיקטאָר. דו װאָלסט מודה געװען, אַז איך בין גערעכט, װען דו װאָלסט געקאָנט זען דײַן לעבן אױף צען יאָר פֿאָראױס. דו ביזט נאָך נעבעך צו פֿיל יונג, צו שװאַך און צו צאַרט איבערצוטראָגן דעם טרױער און דעם צער פֿון נאָך דער חתונה-לעבן". טױזנט טאַטעס האָבן פֿריער פֿאַר דעם פֿאָרזיכטיקן זקן איבערגעחזרט אַזעלכע רײד, טױזנטער טעכטער האָבן פֿריער פֿאַר זשולי מיט ערע צו דעם װאָס רעדט אױסגעהערט און ניט געפֿאָלגט די קלוגע עצות, דיקטירטע פֿון דער ערפֿאַרונג, װי עס האָט אױך זשולי

ניט געפּאָלגט דעם טאַטנס עצות. וויפל ראָמאַניסטן וואָלטן אויף באַלזאַקס אָרט זיך ניט איינגעהאַלטן און געשאַפן אַ פּרעכטיקן ראָמאַן פון זשולי און וויקטאָר. זיי וואָלטן אויסגעמאָלט אַ שיין בילד פון דעם קאַמף צווישן דער געטרויללעכער יוגנט און דער סקעפּטישער עלטער, וואָלטן זיי ביידן אָפּגעגעבן וואָס זיי פאַרדינען, וואָלטן געניויגט דעם לעזערס הארצן אויף דעם צד פון דער פּאָעטישער ליידנשאַפט, און זיין שכל אויף דעם צד פון דעם פּאָרזיכטיקן שכל הישר.

באַלזאַק האָט זיך אויף דידאָזיקע טעמען ניט אָפּגעשטעלט. פאַר אים איז דאָס בילד פונם דאָזיקן פאַראַד נאָר אַן אַריינפיר־עפּיזאָד, וויקטאָרס און זשוליס ליבע—נאָר אַ הקדמה צו דעם עיקר. ער לאָזט געשווינד אַראָפּ דעם פאָרהאַנג איבער די ווירקנדיקע פּערזאָנען און הייבט אים אויף ערשט אין אַ יאָר אַרום. מיר זעען זשולי מיט וויקטאָרן אין וועג. אין דערדאָזיקער אומרואיקער צייט פירט ד׳עגלעמאָן זיין ווייב צו אַן אַלטער מומען, כדי צו פאַרהיטן זי פון אַלערליי סכנות, מחמת ער אַליין פאָרט אַוועק אין אַ שליחות פון דעם קייזער. איין יאָר—און וואָס איז געוואָרן פון פריערדיקן נאַאיוון קינד! „איר געזיכט, אַלץ נאָך אַ צאַרטס, האָט פאַרלאָרן די ראָזע פאַרב, וועלכע האָט אים צוגעגעבן אַזאַ העלן גלאַנץ. שוואַרצע פּאַסמעס האָר, וועלכע האָבן זיך צעשאָטן פון דער נאַכטפייכטקייט, האָבן שאַרפער אויסגעטיילט די מאַטע ווייסקייט פון איר געזיכט, פון וועלכן די לעבעדיקייט איז דוכט זיך נעלם געוואָרן. די אויגן אירע האָבן דאָך אָבער געבלאַנקט מיט איבערנאַטירלעכן פייער. נאָר נידעריקער פאַר די ברעמען אויף אירע מידע באַקן האָבן זיך געזען עפּעס פיאָלעטענע שאָטנס". איר מאַן איז אַנטציקט געוועזן פון דעם וואונדערלעכן אָנזיכט, וואָס האָט זיך געשפרייט פאַר זיי, אָבער זי האָט אַ גלייכגילטיקן בליק געוואָרפן אויף די בילדער פון דער נאַטור, אַריינגערוקט זיך טיף אין דער קאַרעט, און מיט אַ שטים, וועלכע האָט אויף דער פרייער לופט אויסגעוויזן אַזוי שוואַך, האָט זי געזאָגט: „יאָ, דאָס איז הערלעך". דער מאַן וועט דיך אין עטלעכע טעג מאַכן פאַר אַזעלכע, אַ וועלכע איך בין איצט,—אַ ניט שיינע, אַ קראַנקע און אַן אַלטע",—שרייבט זי צו אַ חברטע, וועלכע קלייבט זיך חתונה האָבן.

זשוליס אמתע געשיכטע הייבט באַלזאַק ערשט איצט אָן. ער שילדערט די נישטיקייט פון איר מאַן, די נישטיקייט, וועלכע קיינער זעט ניט, אויסער זיין אויג, מחמת די וועלט זעט וויקטאָרן נאָר פונדערווייטן, שטענדיק אַן איינגעהאַלטענעם, אין אַ גלענצנדין מונדיר, אין הויכן אַמט, און נאָר אין דער היים אַנטפּלעקט זיך גאָר די פוסטקייט פון דעמדאָזיקן מענטשן. דער טאַלאַנטפולער פרויס לעבן איז פול מיט צער און דערנידערונג, איבערהויפּט נאָך שרעקלע־

כער דערפֿאַר, וואָס זי דאַרף פֿאַרבאָרגן, דאָס וואָס איר שכל האָט דערזען, זי דאַרף אונטערהאַלטן די באַדייטונג און דעם כּבֿוד פֿון דעם מענטשן, וועלכן זי אַכט ניט, מחמת זיין לאַגע באַשטימט די לאַגע פֿון דער משפּחה. זי היט היי־ליק דעם סוד פֿון זיין נישטיקייט, היטנדיק דעם כּבֿוד פֿון דעם משפּחה. דער מאַרקיז ד'עגלעמאָן פֿילט אינסטינקטיוו, אַז זי שטייט העכער, און „פֿון דעמ־דאָזיקן אויפֿגעצוואונגענעם ערנגעפֿיל שטאַמט אַרויס יענע מאַכט, וואָס די מאַרקיזע האָט געמוזט איבערנעמען, ניט קוקנדיק אויף אַלע אָנשטרענגונגען צו באַפֿרייען זיך פֿון איר לאַסט; דעם מאַנס בעל־עצה, האָט זי אָנגעהויבן אָנצופֿירן מיט זיינע מעשׂים און מיט זיין פֿאַרמעגן". דידאָזיקע אומנאַטירלעכע לאַגע, ווען די אינערלעכע הערשאַפֿט אין דער משפּחה איז אַריבער צו יענער, וואָס די אייביקע טראַ־דיציע האָט פֿאַר איר באַשטימט אַ ראָלע פֿון אַן אונטערטעניקטער, און דער וואָס איז דער פֿאָרשטייער פֿון דער משפּחה פֿאַרן געזעץ און פֿאַר דער וועלט האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר הינטערשטעליק — דידאָזיקע אומנאַטירלעכע לאַגע איז פֿאַר איר אַ נייער קוואַל פֿון געהיימע דערנידערונגען. זי זעט, אַז די באַ־דייטונג פֿון דער משפּחה האַלט זיך אויף ליגן, אַז דער, וואָס האָט איר געגעבן דידאָזיקע באַדייטונג, איז ניט דאָס, פֿאַרוואָס מענטשן האַלטן אים.

מיר זעען די מאַרקיזע, ווען זי איז אַלט זעקס און צוואַנציק יאָר, — די עלטער, „ווען די נשמה איז נאָך פֿול מיט פּאָעטישע אילוזיעס". די פֿרוי, זאָגט באַלזאַק, און באַזונדער די יונגע פֿרוי, אַ גרויסמוטיקע און אַ שיינע, לייגט אַלע מאָל דאָס גאַנצע לעבן אַריין אין דעם, צו וואָס נאַטור, געפֿיל און די געזעלשאַפֿט שטופּן זי. אויב דאָס דאָזיקע לעבן גיט זיך ניט איין, און אויב די פֿרוי בלייבט לעבן, פֿילט זי די ערגסטע ליידן מחמת דערזעלביקער פּשוטער סיבה, וועלכע מאַכט די ערשטע ליבע פֿאַר דעם וואונדערלעכסטן פֿון אַלע געפֿילן. פֿאַרוואָס האָט ס'דאָזיקע אומגליק קיינמאָל ניט געהאַט ניט זיין פּאָעט און ניט זיין מאַלער? באַלזאַק האָט אָפּגעשילדערט דידאָזיקע געהיימע ליידן, וועלכע מען פֿאַרטרויט קיינמאָל קיינעם ניט און מ'היט זיי מיט ערפֿאָרכט, הגם „זיי פֿאַלן אויף דער נשמה, ווי שניי־לאַווינעס, וועלכע מאַכן אַלץ אין טאָל חרובֿ, איידער זיי שטעלן זיך אָפּ אויף אַן אָרט". באַלזאַק איז גיכער גע־ווען דער אויספֿאָרשער פֿון די אַנטטוישונגען, וועלכע קומען נאָך דער חתונה, איידער דער זינגער פֿון די צאַרטע אַנטציקונגען, וואָס גייען פֿאַר דער חתונה. ער האָט אויפֿגעדעקט די וואונדן פֿון דעם לעבן נאָך דער חתונה, וועלכע פֿאַלט מיט זיין גאַנצער משׂא אויף איין צד. אָבער מען דאַרף ניט רעכענען, אַז באַל־זאַק האָט געהאַט באַשטימטע בליקן אויף דער רעפֿאָרם פֿון הייראַט־בונד, אָדער

אַז ער איז געווען אַ פּרינציפּיעלער קעגנער פון חתונה. אמת, זשולי זאָגט אָפּטמאָל אַזעלכע רעדעס, ילמשל: „די חתונה — דאָס איז אַזאַ אינסטיטוציע, וועלכע ליגט אין יסוד פון היינטיקן לעבן, אָבער אונז, פרויען, לאָזט זי פּילן גאָר די לאַסט אירע; פאַר מאַנספּיל — פרייהייט, און פאַר פרויען — חובות". אָדער: „לויט אונזער מיינונג ליגט אויף די אומגליקלעכע באַשעפענישן, וואָס פאַרקויפן זיך פאַר עטלעכע עקיו צום ערשטן בעסטן, אַ שטעמפּל פון חרפּה. אָבער דידאָזיקע פאַרבייפליענדיקע באַציאונגען קאָנען באַרעכטיקט ווערן דורך דעם הונגער און דער נויט, בשעת די געזעלשאַפט דולדט און שטיצט אַפילו דעם אוממיטלבאַרן בונד, וועלכער איז שרעקלעך אין אַן אַנדער זינען, דעם בונד צווישן אַ ריינער מיידל מיט אַ מאַנספּיל, וועלכן זי האָט געזען נאָר אַ חדשים דריי". אָדער: „איך אָנערקען ניט קיין משפּחה אין דער געזעלשאַפט, וועלכע צעטיילט נאָך דעם טאַטנס אָדער מאַמעס טויט דעם פאַרמעגן, און לאָזט באַכדעם יעדערן גיין אין זיין אייגענעם וועג". אַזעלכע רעדעס, וועלכע דער-מאָנען זשאָרזש זאַנד, קאָנען אויסווייזן ווי געפערלעכע אין די אויגן פון די משגיחים אויף דער מאָראַל און פאַרקערט — ווי מערקווירדיקע אין די אויגן פון יענעם, וואָס קאָן זיך אויפהייבן העכער, כדי צו פאַרשטיין דאָס גאַנצע, קאָן זען דעם צושטאַנד פון אַ נשמה. אָבער באַלזאַק אַליין שטייט ניט צו ניט צו די, ניט צו יענע. ער פאַרבלייבט אין דער ראָלע פון אַן אָביעקטיוון אויספאָר-שער, האַלט זיך אָפּ פון אויספירן, און גלייך ווי ער וואָלט ניט באַמערקט, ס'אַר אַ רעוואָלוציע עס ברענגען די אויספירן, וואָס ווערן געמאַכט דורך דעם רואיקן וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז. אויב באַלזאַק האָט זיך יאָ ערלויבט צו מאַכן אויספירן, איז ער בוטה גיכער צו פריידיקן געדולד, איידער פראָטעסט. ער איז בוטה צו באַהויפּטן, אַז „די געזעלשאַפט עקסיסטירט נאָר מיט דעם תנאי, אַז עס זאָלן ווערן געבראַכט פּערזענלעכע קרבנות, וועלכע דער געזעץ פאָדערט", און אַז „די אומגליקלעכע וואָס האָבן קיין שטיקל ברויט ניט און זיינען מחויב צו אַכטן אייגנטום, האָבן ניט קיין קנאַפערן טעם צו קלאָגן זיך, איידער די פרויען, וועלכע זיינען באַליידיקט אין זייערע פאַרלאַנגען און אין די איידלסטע זייטן פון זייער נאַטור". ער איז בוטה דורך דעם מויל פון גלה צו פריידיקן צוריק-קער צו רעליגיע; אָבער ער שטעלט זיך ניט באַשטימט אויף דעם גלחס צד, ווי ער שטייט ניט צו צו דער מאַרקיזעס אָנשויאונגען. ער ווייזט אָן צווי אויס-גאַנגען, צו וועלכע דאָס אומגליק קאָן פירן, — פאַרביטערטקייט און הכנעה און באַגרעניצט זיך דערמיט, וואָס ער פאַרשט אויס, פונוואַנען דאָס און יענץ שטאַמט און ווי אַזוי דאָס אַנטוויקלט זיך.

די ערשטע אַנטוישונגען באַפרייען נאָך ניט פון די ערשטע אילוזיעס. זשולי פאַרליבט זיך אין אַן ענגלענדער, אָבער דידאָזיקע ליבע בלייבט אַ ריינע. זשולי גיט אַ שבועה אָפּצוהיטן איר ערלעכן נאָמען פאַר דער טאָכטער, און איר געליבטער שטאַרבט כדי צו ראַטעווען איר כבוד. איר צווייטער ראָמאַן איז מערער רעאַל און פּראָזאַאיש. זשולי איז אַלט דרייסיק יאָר. דעמדאָזיקן עלטער האָט באַלזאַק מיט באַזונדער חשק אויסגעפּאָרשט. ערשט איצט אַנטוויקלט זיך די פרויפאָלקום. זי האָט נאָך איר שיינקייט, זי איז שוין אָבער פריי פון אילוזיעס. זי פאַרליבט זיך אין דעם יונגן שאַרל דע-וואַנדענעס. פאַר אַ יונגן מאַן, זאָגט באַלזאַק, איז אַ דרייסיקיאָריקע פרוי פול מיט אומבאַקעמפלעכער פּראַכט, און ס'איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל זיין נאַטירלעכער, פעסטער, און זיכערער פאַר דער טיפער קעגנזייטיקער ליבע צווישן דער מאַרקיזע מיט וואַנדענעסן. באַלזאַק ערקלערט די מעלות פון דעם דרייסיקיאָריקן עלטער אין דער פרויס לעבן. אַ יונג מיידל איז צופיל פול מיט אילוזיעס, צופיל אומדערפאַרן, איר ליבע קאָן ניט באַפרידיקן די אייגנליבע, בשעת די פרוי פאַרשטייט די גאַנצע באַדייטונג פון די קרבנות, וואָס זי ברענגט. איינע ווערט אַריינגעצויגן דורך איר נייגעריקייט, די צווייטע ווערט באַצויגט דורך דעם באַוואוסטזיניקן געפיל. איינע גיט נאָך, די צווייטע—ווייַלט אויס. די פרוי, וואָס באַזיצט לעבנס-דערפאַרונג, גיט אָפּ מער, איידער זיך אַליין, מחמת זי איז באַוואָפנט מיט וויסן און באַצאָלט שטענדיק מיט אייגענעם אומגליק. אין דידאָזיקע יאָרן פאַרלאַנגט די פרוי און פאָדערט, אַז דער יונגערמאַן זאָל זי אַרומרינגלען מיט אַזאַ אַכטונג, אַ וועלכע זי האָט אַליין צוליב אים פאַר אַ קרבן געבראַכט. זי לעבט נאָר פאַר אים, גיט זיך איבער איבער דער זאָרג וועגן זיין צוקונפט, אָרדנט איין זיין לעבן, נייט אים צו דערשלאָגן זיך צו רום. זי גיט זיך אונטער, בעט און באַפעלט, דערנידעריקט זיך און הייבט זיך אויף, און קען טרייסטן אין טויזנטערליי צופעליקייטן, וואו אַ יונגע מיידל וועט נאָר קרעכצן. לסוף, אויסער אַלע מעלות פון איר לאַגע, איז די פרוי צו דרייסיק יאָר אימשטאַנד צו ווערן אַ יונגע מיידל, צו שפּילן אַלע ראָלעס, זיין זינדלאָז, און אַפילו ווערן שענער פון צרות. די פרוי, צו דרייסיק יאָר, באַפרידיקט אַלץ; די יונגע מיידל, קאָן גאָרנישט ניט באַפרידיקן.

מיר זעען ווייטער זשולין, ווען זי איז אַלט 36 יאָר. זי איז אַ מוטער פון אַ משפּחה, עטלעכע קינדער זייַנען אַרום איר. די שטורעמווינטן פון דער יוגנט זייַנען אַריבער, און האָבן אָפּגערייניקט דאָס אָרט פאַר מוטערזאָרג, אָבער אויך אין דעם האָט זי ניט געפונען קיין גליק. דער דרוק פונם עבר

פילט איבער זיך איר הווה. איר עלטערע טאָכטער עלען ווייס ווען איר ראָמאַן מיט וואַנדערעסן, און די מוטער האָט שוין ניט איינמאָל באַגעגנט איר פאַראור־טיילנדיקן בליק. איינמאָל האָבן זיך עלענס אויגן באַגעגנט מיט דער מאַרקיזעס אויגן. „ביידע פרויען האָבן דעמאָלט פאַרשטאַנען איינע די אַנדערע". וואָס נעענטער צו דער עלטער, אַלץ פולער וויקלט זיך פונאַנדער דער פרויס אינערלעכע וועלט. איר געשיכטע פאַרענדיקט זיך מיט אַ שרעקלעכער סצענע, וועלכע דערמאָנט איר אייגענעם ערשטן טריט, ווען זי איז אַריינגעטראָטן אין לעבן. איר טאָכטער ליבט, און ליבט אויך אַזוי אָן זינען און זאָרג, ווי איר מוטער האָט אַליין אַמאָל געליבט. און דער אָפּגרונט, וואָס עפנט זיך פאַר דעם עתיד פון דער טאָכטער, איז אויך אַזוי קלאָר פאַר דער מוטער, ווי אַמאָל איז איר אייגענער גורל קלאָר געווען פאַר איר פאָטער. און אויך אַזוי זייגען פרוכטלאָז אירע באַמיאונגען ניט צו דערלאָזן צו דעם נאַרישן טריט די פריילעכע טאָכטער, וועלכע שטייט אויפן ראַנד פון תהום, וואָס דאַרשט נאָך גליק, וואָס הערט זיך צו נאָר צו דער שטים פון האַרצן. זשוליס טראַגישער סוף איז אַ נאַטירלעכער פועל־יוצא פון גאָר איר לעבן. דאָס ערשטע מאָל איז אין דער ליטעראַטור אַזוי דעטאַל אַרויסגעשטעלט דער פרויס גאַנץ לעבן. דאָס ערשטע מאָל האָט אַן אויטאָר זיך ניט באַגרעניצט דערמיט, וואָס ער האָט אַרויסגעכאַפּט מאָמענטן פון איר לעבן, נאָר ער איז צוגעגאַנגען צו איר לעבן מיט דער אָביעקטיוויטעט פון אַ געלערנטן, מיט דער איינציקער שטרעבונג צו דערקלערן די דערשיינונג וואָס פולער.

פערטע אָפּטיילונג.

דער ראָמאַנטיזם און די רייבע פּאָעזיע אין פראַנק־רייך. דער איבערגאַנג פון ראָמאַנטיזם צו רעאַלער און סאָציאַלער פּאָעזיע אין דייטשלאַנד. הוגאָ. באָדלער. היינע.

XII.

די באַזונדערהייטן פון הוגאָס שאַפן. — זיין פערזענלעכקייט. — זיין באַציאונג צו דער אימפעריע, צו דער רעסטאַווראַציע, צו דער בירגערלעכער מאָנאַרכיע און צו דער רעפובליק. — זיין ליריק. — „אָדעס״. — באַלאַדעס״. — „אָריענטאַלישע מאָטיוון״. — די שפּעטערדיקע זאַמלונגען. — „די לעגענדע פון יאָר־הונדערטן״. — די „קאַטעדראַל־קירך פון פּאַריזער גאָטס־מוטער״. — היסטאָרישער אמת און היסטאָרישע פאַנטאַזיע אין דעמדאָזיקן ראָמאַן. — טיפּן׳ עסמעראַלדאַ, קוואַזימאָדאָ, קלאָד פראָלאָ. — דער ראָמאַנטישער היסטאָריזם.

די באַטראַכטע ווערק פון דיקענס, באַלזאַק, זשאָרזש־זאַנד באַווייזן, אין וואָס פאַר אַ ריכטונג די ליטעראַטור פון XIX י. ה. האָט זיך אַנטוויקלט. אין דער ליטעראַרישער היגזיכט איז עס געווען אַן איבערגאַנג פון ראָמאַנטיזם צו רעאַליזם, אין אידעאישן — אַן איבערגאַנג פון ניט־דייטלעכער שטרעבונגען צום אַבסאָלוט, פון פאַנטאַסטישע טרוימען צו ניכטערער סאָציאַלער אַרבעט, צו קאַמף פאַר די אינטערעסן פון די אומגליכע מאַסן.

אָבער אין דער בונטער רשימה פון די שריפטשטעלער פון XIX י. ה. פאַרנעמט איין שריפטשטעלער, דאָס איז וויקטאָר הוגאָ, אַ באַזונדער אָרט. ער איז געגאַנגען מיט זיין אייגענעם גאַנג. ניט די געשעענישן האָבן אים מיטגעשלעפּט, נאָר ער איז צו זיי צוגעגאַנגען מיט זיין אינערלעכער וועלט, און אין דערדאָזיקער וועלט האָבן זיך די אידעען און די שטימונגען פון

דער צייט קאַפּריזיק איבערגעבראָכן און באַקומען אַ פאַנטאַסטישע באַלויכטונג. אין דער צייט, ווען די מענטשהייט האָט זיך אויסגעניכטערט פון אַלע פּאָעטישע טרוימען, האָט ער אַליין ביזן סוף XIX י. ה. געטראָגן אומבאַשעדיקטע אידעאַלן פון ראָמאַנטיזם און פון ריינער קונסט. וויקטאָר הוגאָ איז געבוירן אין 1802 און געשטאָרבן אין 1885 יאָר. דאָס אינטעלעקטועלע לעבן פון כמעט אַ גאַנצן יאָרהונדערט איז פאַרבונדן מיט זיין נאָמען. ניטאָ קיין שום פּאָליטישע, וויסנשאַפטלעכע, אָדער ליטעראַרישע ריכטונג, וועלכע זאָלן האָבן דאָס רעכט איינגאַנצן אויף דער ליטעראַרישער ירושה, וואָס פון אים איז געבליבן. אין דערזעלביקער צייט איז ניטאָ קיין ריכטונג, וואָס זאָל אין דערדאָזיקער ירושה ניט געפינען קיין מעכטיקע קוואַלן פון לעבן און אַנטוויקלונג. אמת, געוויינלעך האַלט מען אים פאַר דעם אָנפירער פונם ראָמאַנטיזם אין פראַנקרייך. און ער איז ווירקלעך געווען דער געניאַלער טעאָרעטיקער און דער גרעסטער פּאָעט פון דער שול, וואָס האָט געקעמפט קעגן די קלאַסיקער אין אָנהייב פונם יאָרהונדערט. אָבער ער האָט ווייטער געקיניגט אין דער ליטעראַטור אויך דאַן, ווען די מחלוקת צווישן די קלאַסיקער און די ראָמאַנטיקער זיינען אַריבער צו דער געשיכטע. און, ניט אָפּגעזאָגט זיך פון קיינע ראָמאַנטישע מעטאָדן, האָט ער איבערגעלעבט באַלזאַקן, וועלכער איז אָנערקענט פאַר דעם פאָטער פונם רעאַליזם. ער האָט געשריבן אין איין ריי מיט זאָלא, און די גאַנצע לעזער-וועלט האָט מיט יראת הכבוד באַוואונדערט דעמדאָזיקן אייגנאַרטיקן טאַלענט, און ביזן סוף יאָרהונדערט באַגעגנט מיט אַנטציקונג יעדע נייע ווערק זיינס, וועלכע האָט געאָטעמט מיט די ראָמאַנטישע טרוימען פונם אָנהייב יאָרהונדערט, און אין וועלכע עס האָט אין דער אייגענער צייט געשלאָגן דער דופק פון דער צייט.

אין וואָס-זשע איז באַשטאַנען דער סוד פון הוגאָס צויבער? כדי צו ענטפערן אויף דערדאָזיקער פראַגע, דאַרף מען זען, וועלכע זייטן פונם ראָמאַנטיזם זיינען געבליבן אַלס אומגעענדערטע שטריכן פון זיין שאַפונג ביזן סוף פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט.

ביי אים איז ביזן סוף פאַרבליבן די ליבע פון די ראָמאַנטיקער צו אַלץ, וואָס איז אויסשליסלעך און אומגעוויינלעך. אויסער דעם איז ביי אים אין דער נשמה ביזן סוף געבליבן די שטרעבונג צום אייביקן, אַבסאָלוטן. דידאָזיקע שטריכן פון דער ראָמאַנטישער פּאָעזיע האָט הוגאָ געקענט גאַנץ אייגנאַרטיק פאַראייניקן מיט די נייע פאָדערונגען, וואָס עס האָט אַרויסגעשטעלט די דעמאָקראַטישע צייט מיט אירע אויסגלייכונגס-שטרעבונגען, מיט איר הייסן אינ-

טערעס צו דער ווירקלעכקייט, צו די פאַרגענגלעכע געשעענישן פון דער רגע. הוגאָ האָט ליב געהאַט דאָס אומגעוויינלעכע און אויסשליסלעכע, אָבער די סאַמע אומגעוויינלעכע שאַפונגען פון זיין פאַנטאַזיע פאַרלירן ניט די פאַרבינדונג מיט דער ווירקלעכקייט. ער האָט ניט ליב געהאַט צו שילדערן לאַגעס און קאָנפליקטן, וועלכע שטעלן פאָר אַ טאָג-טעגלעכע ערשיינונג און באַגעגענען זיך אויף יעדן טריט. ער האָט אויסגעקליבן זעלטענע צוזאַמענשטויסן און פאַרוואונדערנדיקע קאָמבינאַציעס, אָבער סיי אין די, סיי אין יענע איז באָרנישט ניט געווען אומוואַרשיינלעכס. זיי האָבן זיך געקאָנט באַגעגענען אפשר איינמאָל אין אַ טויזנט יאָר, אָבער געקענט, און דאָס איז גענוג. הוגאָ שטייט שטענדיק אויף דער גרעניץ פון ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע, נאָר ער רייסט קיינמאָל ניט איבער מיט דער פאַנטאַזיע און גייט ניט אַוועק פון אירע גרעניצן. קיינער פון אונז האָט קוואַזימאָדאָן ניט געזען, אָבער קיינער וועט ניט זאָגן, אַז דידאָזיקע פאַרזעעניש איז אַן אויסגעטראַכטע, אַ פאַראייביקטע דורך דעם פאָעטס דמיון. צי דען דערמאָנען אונז די אַוואַנטורעס פון דעם מיוחסדיקן לאָרד, וואָס איז פאַרשליידערט געוואָרן צווישן לייט אויף דער דעק פון דער געזעלשאַפט, און נאָכדעם דערהויבן געוואָרן אויף אַ אומגעהייער הויכער מדרגה, ניט קיין ראָמאַנטישע מעשהלעך? אָבער דער פאָעט, וואָס זיין אומבאַצוימטע פאַנטאַזיע, דאַכט זיך, האָט קיין גרעניצן ניט, באַגלייט זיין צויבער-מעשהלע מיט אַ מאַסע ערטער, וואו ער איז זיך סומך אויף געזעצגעבערישע אַקטן און היסטאָרישע דאָקומענטן. ער שרייבט אַן עכט וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג וועגן די קאָמפראַטשיקאָסן, רויבער פון מיוחסדיקע מיידלעך, און מיר זיינען גרייט צו גלויבן, אַז קיין אויסגעטראַכטע זאַך וועט זיך ניט גלייכן מיט יענע אומגעוויינלעכע לאַגעס, וואָס דאָס לעבן אַליין באַשאַפט אַמאָל, קיין דמיון וועט ניט זיין אימשטאַנד צו קאָנקורירן מיט דער ווירקלעכקייט אין שאַפן קאַפריזע קאָמבינאַציעס און אומגלויבלעכע קאָליזיעס. הוגאָס ראָמאַנטיזם איז געווען בעצם רעאַליזם. זעלטענע קאָנטראַסטן און משונהדיקע פאַראַדאָקסן, וואָס באַגעגענען זיך אין לעבן, באַשיינען עס מיט אמתדיקער הגם שניידנדיקער באַלייכטונג, געגליכן צו דער ליכט פון מאַגני. הוגאָ האָט ליב דידאָזיקע אויסשליסלעכע מאָמענטן. זיי זיינען ביי אים דער פאָעטישער הויפט-מאַטעריאַל, אין זיי עפנט זיך פונאַנדער דער זין פון לעבן. ער איז אַ רעאַליסט בעצם, און אַ ראָמאַנטיקער — לויט די מעטאָדן. ער האָט געקענט צונויפגיסן ביידע ריכטונגען אין אַן אייגנאַרטיקער פאָעזיע, פון וועלכער ער איז גלייכצייטיק געווען אי דער שעפער, אי דער איינציקער פאָרשטייער.

אָבער הוגאָ איז ניט בלויז טריי געבליבן די אידעאַלן פון ראָמאַנטיזם ביים שילדערן די ווירקלעכקייט, — ער האָט די ראָמאַנטישע מעטאָדן איבערגעטראָגן אויך אין לייזן סאָציאַלע פראַגן. ער איז געווען שטאַרק פאַרקאָכט אין די סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען פון דער צייט. אָבער דאָ איז ער אויך ניט געגאַנגען אין דעם וועג, אין וועלכן עס איז געגאַנגען די מערהייט. ער איז ניט צוגעשטאַנען צו קיין באַשטימטער פּאַרטיי. ער האָט אין דער נשמה פאַרהיט די ליבע צום אייביקן. אַלע זיינע פּרוּוון צו גיין אין דעם אַלגעמיינעם וועג, איבערצונעמען וועלכע עס איז פּראָגראַם, זיינען ניט געלונגען. ער איז געווען אַן אומגעלונגענער פּאָליטישער טוער, אַ שלעכטער ראָיאַליסט און אַ שלעכטער רעפּובליקאַנער אין דער געוויינלעכער באַדייטונג פון די ווערטער. אָבער ער איז געווען גרויס, ווען אין ברען פון פּאַרטיי־קאַמף האָט ער דערמאָנט וועגן אייביקע אידעאַלן, ווען אַנטקעגן דעם גרופּן־פאַרשטיין פון דער גערעכטיקייט האָט ער מיט דער עקשנות פון אַ טרוימער אַרויסגעשטעלט דעם באַגריף פון אייביקן אומענדלעכן אמת. הוגאָ וועט אין זיינע ראָמאַנען ניט ספּעציעל שילדערן דעם דרוק, וואָס עס ליידט דער אַרבעטער־קלאַס, אָדער דאָס שלעכטס, וואָס עס ברענגט מיט זיך די אינדוסטריעלע אָרדענונג. ער וועט בכלל אויפדעקן די אימות פון דרוק און בכלל די תהומות פון עגאָאיזם. אים איז אַלץ איינס, צי עס גיסן זיך טרערן פון די געדריקטע אונטער די סופיטן פון דער קאַטעדראַל־קירך פון פּאַריזער גאָטס־מוטער אין XV י. ה., צי אין אַ פינסטערער נאַכט אויף די גאַסן פון היינטיקער פּאַריז. אים איז אַלץ איינס, צי דער עגאָאיזם האָט זיך איינגעהילט אין דאָס העלע קלייד פונם מיטלאַלטערישן ריטער, צי אין דעם פּראָזאַאישן אָנצוג פונם היינטיקן פאַבריקאַנט. די סאָציאַלע שלעכטס פון זיין צייט האָט אים אינטערעסירט אַלס אַן אָפּשפּיגלונג פון דער וועלט־שלעכטס, ניט אַלס אַ פּראַקטישע אויפגאַבע, וועלכע פאָדערט שנעלע לייזונג. אינם מענטשן האָט ער פריער פאַר אַלץ געזוכט אַ מענטשן, ניט קיין פאָרשטייער פון דעם אָדער יענעם קלאַס. דער פּרט, דאָס גרופּישע איז ביי אים פאַרהילט אין שאָטן לגבי דאָס אייביקע און אַלמענטשלעכע. ער וועט שילדערן דעם איינגעשפּאַרטן ראָיאַליסט, אַ גרימיקן, ווי אַ פאַנאַטיקער, אַ פּוסטן און אַ קאַלטן, אַ מירמלנע סטאַטוע. ער וועט ווייזן, ווי אַזוי דערדאָזיקער מענטש האָט אין נאָמען פון דער אידעע פאַרברענט דערפער, געשאָסן פרויען, פאַרגאָסן די ערד מיט טרערן און בלוט. און דערדאָזיקער אייזערנער מענטש, אויף וועלכן עס האָט זיך נאָך געשטיצט די לעצטע האָפענונג פון די ראָ־

יאַליסטן, וועט סוף־כּל־סוף ברענגען פאַר אַ קרבן אי זיך, אי די אידעע, כּדי צו רעטן דריי עופעלעך. ער וועט אַרויספירן דעם פאַנאַטיקער פון דער רעפּובּ־ליקאַנער אידעע, דעם פאַרשטייער פון קאָמיטעט, וואָס אַ ציטער וועט אָנכאַפּן דעם בירגער, און זיינע בלוטן וועלן גליווערן אין די אָדערן, דערמאָנענדיק זיין נאָמען. און ער וועט שילדערן דעם רוגזדיקן רעפּובּליקאַנער, נאָר כּדי צו באַווייזן, ווי אַזוי דערדאָזיקער מענטש, וואָס האָט לשם זיין אידעע פאַר־משפּט אויף טויט דעם איינציקן געליבטן וועזן, איז צו אים ביידערנאַכט גע־קומען אין תּפיסה שמועסן, ניט ווי אַ שטרענגער שופט מיט אַ פאַרברעכער, ניט ווי אַ שרעקלעכער מרגל פון דער רעפּובּליק — מיטן פאַררעטער, נאָר ווי אַ מענטש מיט אַ מענטשן. אַזעלכע מאָמענטן — זיינען הוגאָס געליבטע מאָמענטן. דווקא יענער מאָמענט, ווען לאַנטענאַק איז מציל די דריי קינדערלעך, אָדער דער מאָמענט, ווען סימורדען און האָווען שמועסן אין תּפיסה ערב האָווענס טויט־שטראָף, גיבן דעם אויטאָר די מעגלעכקייט צו באַווייזן זיין וועלט־אָנשוי־אונג. אין דידאָזיקע מינוטן פאַלט פון מענטשן אַראָפּ זייער אויסערלעכער שאָלעכץ, און עס בלייבט נאָר די ריינע מענטשלעכקייט. דאָס זיינען מאָמענטן, ווען דער רעפּובּליקאַנער הערט אויף צו זיין אַ רעפּובּליקאַנער, דער מאָנאַר־כיסט פאַרגעסט די חובות, וואָס זיין פּאָליטישע קרעדאָ לייגט אויף אים אַרויף, ווען דער שופט פאַרגעסט זיין שווערן חוב, און דער פאַרמשפּטער — זיין גורל, ווען אַלע גייען נאָר, וואוהין עס רופט זיי די אינערלעכע שטים, ווען פאַר אונז בלייבט נאָר אַ מענטש, וואָס דערלאַנגט אַ האַנט דעם ברודער־מענטשן; ס׳ווערט פאַרשוואונדן די ניט־גלייכקייט פון די לאַגעס, עס ווערן געבראָכן די ראַמען און פּראָגראַמען, און אַזוי איינפאַך און קלאָר ווערן געלייזט פאַרפּלאָנ־טערטע פּראַגן, אַזוי לייכט ווערן פאַרשאָטן אָפּגרונטן, וואָס טיילן מענטשן פונאַנדער.

הוגאָ איז געבליבן אַ ראָמאַנטיקער ביזן סוף לעבן. ער האָט אָבער דער ראָמאַנטישער פּאָעזיע געגעבן אַ נייע באַשטימונג. די ראָמאַנטיקער זיינען אוועק פון דער ווירקלעכקייט אין אַ וועלט פון צויבערטרוימען. ער האָט איבערגע־לאָזן די טרוימען, אָבער ער האָט זיי גערופן צו דינען דער ווירקלעכקייט. די ראָמאַנטיקער האָבן געשטרעבט צום אַבּסאָלוטן, האָבן אַרויסגעשטעלט רי־זיקע פּאָדערונגען, און אינערלעך פאַראַכט די נישטיקע פריידן און ליידן פון דעם מענטשן. הוגאָ האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דידאָזיקע טיטאַנישע שטרע־בונגען, אָבער ער האָט פאַר זיי געפונען אַן אויסגאַנג צום אָנגעשטרענגטן טראַכטן וועגן דעם גורל פון דער ליידנדיקער מענטשהייט; ער האָט געקאָנט

וויקטאָר הוגאָ

פאַראייניקן דאָס אייביקע מיטן טעגלעכן, דאָס אַבסאָלוטע מיט דעם טיילווייזן. ער איז געווען אַ ראָמאַנטיקער־רעאַליסט, און אַ ראָמאַנטיקער־סאָציאָלאָג. אויב באַלזאַקס ראָמאַנען באַווייזן, ווי אַזוי, אָפּגעזאָגט זיך פון פאַנטאַזיע, האָט די ליטעראַטור איבערגענומען די וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן ביים שילדערן די ווירקלעכקייט, אויב זשאָרזש־זאַנד באַצייכנט אַן איבערגאַנג צום סאָציאַליזם, — באַווייזן וויקטאָר הוגאָס שאַפונגען, אַז די פּאָעטן און די טרוימער האָבן ניט ביליק פאַרקויפט זייער הערשאַפט, ניט לייכט אָפּגעטראָטן דער פּראָזאַאישער צייט דאָס שלאַכטפעלד.

הוגאָס פאָטער איז געווען אַן אָפיציר פון דער רעפּובליקאַנער אַרמיי און האָט אָנטייל גענומען ביים דערשטיקן דעם וואַנדעער אויפשטאַנד, וועלכן הוגאָ האָט פאַראייביקט אין דער פאָרם פון אַ געהויבענער עפּאָפּעע אין ראָמאַן דאָס דריי־און־ניינציקסטע יאָר. הוגאָס מוטער איז געווען אַ טאָכטער פון אַ סאָלידן נאַנטער בורזשואַ, טרעבושע, וואָס האָט געהאַט ערפורכט פאַרן טראָן. ווי אַזוי איז דער זעלבער פון קאָנווענט אַריינגעפאַלן אין דער משפחה פון דעם געטרייען ראָיאַליסט און קאַטויל, איז שווער צו זאָגן. טרעבושעס טאָכטער איז געווען אַ קלוגע און אַן אומאָפּהענגיקע מיידל, און הגם בכלל האָט זי געהאַלטן פון דעם פאָטערס פּאָליטישע און רעליגיעזע אָבשויאונגען, אָבער זי איז צופיל פאַנאַטיש און אומטאָלעראַנט ניט געווען. ווען זשאָזעף באָנאַפּאַרט איז געוואָרן שפּאַנישער קיניג, האָט ער צו זיך אויסגעשריבן הוגאָס פאָטער און אים באַשטימט פאַר אַ גענעראַל פון אַ בריגאַדע. אַזוי אַרום זיינען דעם פּאָעטס ערשטע איינדרוקן פאַרבונדן מיט שפּאַניע, און אין דידאָזיקע איינדרוקן איז געווען פיל גלאַנץ און הייליקייט. די אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע לאַגע פון הוגאָס פאָטער, די פּאַראַדן, די צערעמאָניעס, די אייגנאַרטיקע אַרכיטעקטור פון די שפּאַנישע שטעט — דאָס אַלץ פאַרבלייבט אין קינדס מוח. און ווען מאַדאַם הוגאָ איז געפאָרן מיטן קליינעם וויקטאָר צום מאַן קיין שפּאַניע, האָט אַ גלענצנדע סוויטע באַגלייט איר קאַרעטע. אין וואַליאַדאָליד זיינען די קינדער דאָס ערשטע מאָל געווען אין אַ שפּאַנישן טעאַטער. „סעגאָוויע איז פאַרבליבן אין פּאָעטס דמיון ווי עפּעס אַ צויבערלעכער חלום: דידאָזיקע הייזער, באַדעקטע מיט סקולפּטור־אָרנאַמענטן, מיט נישעס און מיט שפּיציקע טורימלעך, דידאָזיקע פּאַלאַצן פון אַשפּיז און פּאָרפירשטיין מיט דער קאַפּריזער פּראַכט פון דער גאָטישער און אַראַבישער שפּיצן־אַרכיטעקטור, און לסוף דער געהויבענער אַלקאַזאַר, וואָס הייבט זיך אויף העכער פאַר אַלע בנינים אין שטאָט". אין אָנהייב 1812 יאָר האָבן די פראַנצויזישע עסקים אין

שפאַניע אָנגענומען אַ שלעכטע ווענדונג, אַזוי אַז דער גענעראַל הוגאָ האָט גע־
פונען פאַר דאָס גלייכסטע אָפּשיקן די ווייב מיט די קינדער קיין פּאַריז. הוגאָ
קומט אָן אין אַ פּאַנסיאָן. דער קינפּטיקער פּאָעט זעט צו די שטורעמדיקע גע־
שיכטלעכע געשעענישן, און דיראַזיקע געשעענישן שפּיגלען זיך אָפּ אויף דעם
לעבן פון זיין משפּחה. די קלאַנגען, אַז די פאַרבינדעטע דערנענטערן זיך,
האָבן צערודערט די גאַנצע פּאַריזער געזעלשאַפט. מאַדאַם הוגאָ, אַלס אַ ראָ־
יאַליסטין, האָט ניט ליב געהאַט די אימפּעריע און האָט פיינט געהאַט נאַפּאָ־
לעאָנען, אָבער אַלס פרוי און מוטער, האָט זי מורא געהאַט, אַז צוזאַמען מיט
דעם קייזערס מפּלה וועלן אויך זיינע גענעראַלן פאַלן. ווייטער זיינען די גע־
שעענישן געגאַנגען מיט שרעקלעכער שנעלקייט. איינמאָל האָבן זיך מאַדאַם
הוגאָס קינדער אויפגעכאַפּט פון אַ שרעקלעכן דונערן. זיי האָבן זיך גענומען
צוהערן. דאָס איז געווען די קאַנאָנאַדע פון די רוסן און די פּרייסן. דער
קליינער וויקטאָר האָט געזען, ווי פּאַריז האָט זיך אונטערגעגעבן. ער האָט גע־
זען, ווי דאָס חייל פון די פאַרבינדעטע האָבן זיך איינגעקוואַרטירט אין פּאַריז.
דערביי האָט מאַדאַם הוגאָ געדאַרפט אויפהאַלטן פערציק זעלנער. ער האָט גע־
הערט, ווי מען האָט נאַפּאָלעאָנען נאָכדעם צוריק גענומען רופן באָנאַפּאַרט.
זיין מוטער איז פּונקט ווי ייִנגער געוואָרן, בשעת די פּאַרטריבענע דינאַסטיע
האָט זיך צוריקגעקערט קיין פּאַריז. הוגאָס ברידער, אַלס קינדער פון אַ באַ־
וואוסטער ראָיאַליסטין, האָט מען געשיקט מעדאַלן. דער קליינער וויקטאָר האָט
געהערט, ווי די פּראָווינצן האָבן באַשמוצט נאַפּאָלעאָנען, ווי דער המון האָט
באַליידיקט די וואַנדאָמער קאָלאָנע און גערופן טיראַן דעם מענטשן, וועלכן
זיי האָבן ערשט ניט לאַנג צוריק פאַרגעטערט. קוים אַ יאָר איז אַריבער זינט
די פאַרבינדעטע האָבן אַרויפגעזעצט לודוויק XVIII אויפן פראַנצויזישן טראָן,
האָט שוין דער המון ווידער מיט התלהבות באַגעגנט זיין ליבלינג, וועלכער
איז אַנטלאָפן פון עלבע, כדי דאָס לעצטע מאָל אויפצורודערן די פעלקער.
דער גענעראַל הוגאָ איז באַשאָטן געוואָרן מיט חסדים, אָבער זיינע קינדער
זיינען דורך דעם קיין באָנאָפּאַרטיסטן ניט געוואָרן, און וויקטאָרן איז מער
געפעלן געווען די לעבנסאָרדענונג, וועלכע האָט זיך איינגעשטעלט פאַר לוד־
וויק XVIII. די ליבע צו ליטעראַטור האָט זיך ביי הוגאָן אַנטפּלעקט פרי: אַלס
פופצניאָריקער ייִנגל שרייבט ער שוין אַ טראַגעדיע, אין וועלכער ער לויבט
לודוויקס צוריקקער, און אין 1819 גרינדעט ער עפּעס אַ מין זשורנאַל (דער
ליטעראַרישער קאָנסערוואַטאָר). אין הוגאָס ראָיאַליזם איז ניט געווען קיין
שנאה צו דער רעוואָלוציע און צו דער דעמאָקראַטיע, — אין אים איז געווען

נאָר אַ ריינדיקע איבערגעבנקייט צו דער אַלטער דינאַסטיע. הוגאָ האָט געגלויבט, אַז די פּריווילעגיעס פון קיניג און די רעכט פון די בירגער קענען זיך צונויפלעבן צוזאַמען. אויסער דעם האָט ער געגלויבט, אַז מענטשן פון טאַלאַנט, פּאָעטן קאָנען אויפשטעלן די צעפאַלונג פון דער מלוכה מיט דער קראַפט פון זייער פלאַמענדיקן וואָרט. בקיצור, אין זיין אייגנאַרטיקער פּאָליטישער וועלטאָנשויאונג האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אי איבערגעבנקייט צו די דעמאָקראַטישע שטרעבונגען, אי דער קולט פון מאָנאַרכיזם, אי גלויבן אין דער דערהויבנדיקער קראַפט פון דער פּאָעזיע. אָבער ווען עס האָט זיך אָנגעצונדן די יולי־רעוואָלוציע, האָט הוגאָ זיך ניט פאַרטראַכט, גלייך געשטעלט זיך אויף דעם פאָלקס צד און באַזונגען זיין נצחון. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון קיניג, דערפאַר וואָס יענער האָט ניט אָפּגעהיט דאָס רעכט פון פאָלק. אָבער דאָס איז ניט געווען קיין פאַרראַט פון זיין זייט. הוגאָ איז פריער פאַר אַלץ אַ פּאָעט, און ביי פּאָעטן איז פאַרהאַן זייער באַציאונג צו פּאָליטיק. אים איז פרעמד געווען יענע אומטאָלעראַנץ, וועלכע איז מחויב דעם פּאַרטיי־מענטשן צו זען אין דעם פּאָליטישן קעגנער מערניט ווי אַ שונא. פייערנדיק דעם נצחון „פון דער פרייער און געריימטער פראַנקרייך", האָט הוגאָ פונדעסטוועגן געקענט „באַערן מיט אַ טרער פון מיטלייד די טויטע גדולה, וועלכע האָט אויסגעלעבט אירע יאָרן אין גלות, וועלכע איז אָבער געווען געערט דורך די מסורות פון די עלטערן". ער האָט אויסגעדריקט דעם וואונטש, אַז דעם אַראָפּגעוואָרפענעם קיניג „זאָל באַגלייטן ניט קיין צאָרן, ניט קיין שלעכטס, נאָר אַ בענטשנדיקער גערוס מצד דער פאָן פון די קעמפער פאַרן עתיד". ער האָט ניט געוואָלט „אַריינשטעכן מיט אומרחמנותדיקער האַנט אין זייער ליידנדיקער קריין די שטעכיקע דערנער וואָס דער בייזער גורל האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט". ער זאָגט: „אין דעם ליַידער דעם קיניג זע איך נאָר אַ ברודער, פונקט מיט אַזאַ הארץ און אַזאַ נשמה, ווי ביי מיר".

ער איז געווען אַ דראַמאַטיקער בנוגע צו לודוויקן, ער איז געבליבן אַ דראַמאַטיקער אויך בנוגע צו נאַפּאָלעאָנען. ער איז ניט צוגעשטאַנען צו יענער פּאַרטיי, פאַר וועלכער נאַפּאָלעאָן איז געווען די פאָן פון ליבעראַליזם, דער שומר פון די געבאָטן פון דער רעוואָלוציע, דער שונא פון די בורבאָנען. הוגאָען האָט באַגייסטערט דער לעגענדאַרער גורל פון דעם גרויסן פאַרטריבענעם, וואָס צו „די קלאַנגען פון זיינע פיס" האָט זיך די גאַנצע מענטשהייט אומרואיק צוגעהערט. בשעת דער פּאַרלאַמענט האָט ניט געוואָלט באַטראַכטן די פראַגע וועגן אַריבערפירן קיין פראַנקרייך נאַפּאָלעאָנס קערפּער, האָט הוגאָ

אָנגעשריבן אַ צאָרנדיקע אָדע. און ווען דער קערפּער פון דעם גרויסן קייסער איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין פראַנקרייך, האָט ער אים באַגריסט מיט אַ ליד, וואָס איז גלייכצייטיק פול געווען אי מיט פרייד, אי מיט טרויער. ווען מען זאָל צו הוגאָען צוגיין מיט דער געוויינלעכער פּאָליטישער מאָס, וואָלט ניט איינמאָל אויסגעקומען צו באַשולדיקן אים אין „בגידה". פאַר לואי-פיליפּן איז ער אַ פריינד פון דער בורזשואַזער מאָנאַרכיע, אַ פריינד פונם בורזשואַזן קיניג, פון וועלכן ער האָט מיט דריי יאָר פאַר דער פעברואַר-רעוואָלוציע באַקומען דעם טיטל פּער פון פראַנקרייך, און ווען עס איז געוואָרן די רעפּובליק פון 1848 יאָר, ווערט ער אַ רעפּובליקאַנער. אין די שטורעמדיקע טעג, וואָס זיינען אָנגעשטאַנען נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע, האָט זיך געדאַכט, אַז הוגאָס טרוים וועגן אַ קיניגרייך פון פּאָעטן ווערט פאַרווירקלעכט. דער באַרימטער פּאָעט לאַמאַרטין איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער אויספיר-קאָמיסיע, וואָס דער קאָנווענט האָט אויסגעוויילט. אַלעקסאַנדער דיומאַ און אַלפרעד דע ווינִי האָבן אַרויסגעשטעלט זייער קאַנדידאַטור אַלס דעפּוטאַטן צו סיים. הוגאָ אַליין איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. פון די צוויי קאַנדידאַטן אויף פּרעזידענט פון דער רעפּובליק האַלט הוגאָ בעסער פאַר לודוויק נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט. אָבער ווען דער פּלימעניק פונם באַרימטן קייסער ווערט פּרעזידענט, פירט נאָכדעם אויס די איבערקערעניש פון 2 דעצעמבער 1851 יאָר, און ווערט קייסער נאַפּאָלעאָן III, דעמאָלט ערקלערט אים הוגאָ מלחמה. זייער מעגלעך, אַז די סיבה פון הוגאָס שנאה צו נאַפּאָלעאָנען איז געלעגן אין זיינע ליבעראַלע איבערצייגונגען. ס'איז אָבער קיין ספק ניט, אַז ניט קיין קליינע ראָלע אין דערדאָזיקער שנאה האָט געשפּילט דער געפיל פון אַנטטוישונג; דער פּאָעט האָט גערעכנט, אַז זיין פּראָפּאַגאַנדע לטובת נאַפּאָלעאָנען וועט אָפּגעשאַצט זיין, און ער האָט געהאָפט צו באַקומען דעם פּאָסטן פון בילדונגס-מיניסטער. אָבער אין אַלע דידאָזיקע וואַקלענישן בלייבט הוגאָ קודם כל אַ גרויסער הומאַניסט. נאָך די באַוואוסטע יוני-טעג טרעט ער אַרויס אַלס הייסער קעגנער פון רעפּרעסיעס און אַלץ הייסער שתדלן פאַר די אומגליקלעכע קרבנות פון די פּאָליטישע רייטעריין. אין דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג איז ער אויף דער זייט פון דער רעפּובליק, אַ פּאַרטיידיקער פון דער פּרעסע-פרייהייט, אַ פריינד פון די אָרעמעלייט. נאָך דער איבערקערעניש פון 2 דעצעמבער מוז ער אַנטלויפן קיין בעלגיע. ווען עס איז ערשינען זיין „קליינינקער נאַפּאָלעאָן", ווי ער האָט גערופן נאַפּאָלעאָן דעם III, כדי אונטערצושיידן אים פון זיין גרויסן פעטער, האָט די בעלגישע רעגירונג, אויס

מורא פאַר דעם פראַנצויזישן קייסער, געגויט הוגאָען אַרויסצופאָרן. ער באַזעצט זיך אויפן אינזל דזשורסיי. די פּאַטריאַרכאַלע מנהגים, וועלכע הערשן דאָ, לאָזן די איינוואוינער באַציען זיך מיט טיפער אַכטונג צו דעם פּער פון פראַנקרייך. אָבער ווען עס איז ערשינען זיין בוך שטראָף — אַ בייזע סאַטירע אויף דער צווייטער אימפּעריע, האָט די ענגלישע קיניגין וויקטאָריע, לויט דער פאָדערונג פון דעם באַליידיקטן נאַפּאָלעאָן, מסכּים געווען אַרויסצושיקן אים פונעם אינזל. אין סוף 1855 פאָרט דער פּאָעט אַריבער אויפן אינזל הערנסיי. הוגאָס ליטעראַרישער רום וואַקסט. אין גלות באַשאַפט ער הספּכּלותן, די לעגענדע פון די יאָרהונדערטן און דעם באַרימטן ראָמאַן Les Misèrables (אומגליקלעכע). ניט בלויז אין זיין שאַפן, נאָר אין זיין טעטיקייט בלייבט ער אויך אַ הומאַניסט. ער מאַכט דעם אָנהייב איינצואָרדענען וועכנטלעכע מיטאָגן פאַר קינדער, — אַ מנהג, וואָס פאַרשפּרייט זיך אויפן אינזל און גייט אַריבער אין ענגלאַנד. ער טרעט אַרויס אַלס שתדלן פאַר פאַרברעכער פון גאָר דער וועלט. ער שרייבט אָן גרויסאַרטיקע בלעטער וועגן דעם רעכט פון מענטשן אויף לעבן, ער ערקלערט אַן אייביקע מלחמה קעגן טויט-שטראָף. ער שיקט פונאַנדער טעלעגראַמעס און בריוו אין אַלע עקן וועלט מיט געבעטן צו שטאַרקע און מאַכטהאָבנדיקע מענטשן יעדעס מאָל, ווען ער דערוויסט זיך, אַז אַ קאָפּ פון אַ מענטשן דאַרף זיך אַראָפּקייקלען פון עשאַפאָט. אָפט געלינגט אים אַרויסרופן אַ באַוועגונג אין דער געזעלשאַפט. אין 1854 יאָר האָט זיך הוגאָ דערוואוסט, אַז אויפן אינזל הערנסיי איז איינער פאַרמשפּט געוואָרן צו דער תליה, — האָט ער זיך געווענדט מיט אַ פייערדיקן אויפרוף צו די איינוואוינער פון אינזל: „יאָ, — האָט ער געשריבן, — דער פאַרברעכן, וואָס ער איז באַגאַנגען, איז אַ שרעקלעכער, אומערלעך, פאַרעטעריש איז די פרוי געטויט, איר פאַרמעגן צעראַבירט, די הויז פאַרברענט, און אפשר גרופּירן זיך אַרום דערדאָזיקער נידעריקער רציחה אַ פולע אַנדערע פלענער פון רציחה, אַ פולע אַנדערע, נאָך ערגערע פאַרברעכנס. אָבער דווקא זיי פאָדערן אַ גאַנץ לעבן תשובה און חרטה, פאָדערן יענע קלוגע שטראָף, וואָס עס פילט אַ מענטש, וועלכער איז געבראַכט צום באַוואוסטזיין פון גאָר דער טיפקייט פון זיין פאַלן, וועלכער שטיקט זיך אונטער דער לאַסט פון זיין זינד, וועלכער לייזט זי אויס דורך מאָראַלישע פּיינען, און דאָ — נאָר דערפאַר, וואָס עס וועלן אוועקגעשטעלט ווערן סלופּעס מיט אַ ביישטידל, מ׳וועט אויף דעם מענטשנס האַלדז אָנטאָן דעם שלייף, דערפאַר נאָר, וואָס דעם מענטשנס נשמה וועט זיך אַרויסרייסן מיט אַ קללה פונם קערפּער, — וועט שוין אַלץ זיין איינגעאָרדנט

אויפן בעסטן אופן! אַ נאַרישער טעות פונם מענטשלעכן משפּט! אָ, ניין! מיר, מענטשן פון XIX י. ה., מיר, ניי, מעכטיק פאָלק, פאַרשטאַנדיקס, דענקענדיקס, אַרבעטזאַמס, פרייס, — מיר שטעלן פאַר דעם סאַמע בליענדיקן עלטער פון דער מענטשהייט, — די עפּאָכע פון פּראָגרעס, קענטשאַפטן, קונסטן, ברודער־ליבע און גלויבן אין עתיד. טאָ וועק פון אונז, עשאַפאָטן, דידאָזיקע ווילדע קינדער פון דער פינסטערניש, דידאָזיקע געשפּענסטער פונם אָפּגעלעבטן באַר־באַריזם, דידאָזיקע הילצערנע געצייג פונם טויט מיט זייערע דרייווינקלדיקע מעסערס, מיט די שטריק, וואָס הוידען די טויטע קערפּערס פון פאַרפייניקטע מענטשן... צי דען קען פינסטערניש דינען דער ליכטיקייט? אונזערע גע־צייגן זיינען — געדאַנק, מוסר, געדולדיקע ערציאונג, ריינע דאָגמאַטן פון גלויבן, ערליכע פראַצע, אויפקלערונג, רחמנות... הערט מיך, ערלעכע האָרע־פּאַשניקעס פון ים, מוטיקע און גוטמוטיקע פישערבאַפעלקערונג, לאָזט דעמ־דאָזיקן מענטשן ניט שטאַרבן! וואַרפט ניט אַרויף דעם פינסטערן שאָטן פון די תּליה־סלופּעס אויף אייער שיינעם געבענטשטן אינזל, מישט ניט אויף מיט אייערע העלדישע נצחונות איבערן שטורעמדיקן ים דעמדאָזיקן מיאוסן נצחון איבער דעם שוצלאָזן מענטשן. נעמט ניט אויף אייער נשמה די שרעק־לעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַזאַ פאַרמעסטן זיך מצד דעם מענטשנס מאַכט אויף דער געטלעכער מאַכט".

די הערנסייער האָבן זיך משתּדל געווען פאַרן פאַרמשפּטן, אָבער מען האָט זיי ניט געהערט און דעם פאַרמישפּטן האָט מען אויפגעהאַנגען. דע־מאָלט האָט הוגאָ אָנגעשריבן אַ בריף צו לאָרד פּאַלמערסטאָן, דעם ענגלישן פּרעמיער; אין דעם בריוו האָט ער אגב געזאָגט: „זאָל מקוים ווערן אייער ווילן, איר מלוכה־לייט. אָבער דאָס איז שרעקלעך! איך און איר פאַרנעמען מיר ביידע אַ ענדלאָז־קליין אָרט אין דעם גרויסן וועלטאַל; איך בין ניט מער ווי אַן אַרויסגעטריבענער, איר — ניט מער ווי אַ מיניסטער. איך בין אַ טייל פון דער ערד, איר — אַ שטייבעלע. און אַזעלכע נישטיקע אַטאָמען קאָנען ריידן צווישן זיך ניט שעמענדיק זיך און אַרויסזאָגן איינער דעם אַנ־דערן דעם ריכטיקן אמת. אַלזאָ, זאָלט איר וויסן, מיין גוטער הער, וואָס פאַר אַן אויסערלעכער גלאַנץ עס זאָל אַרומרינגלען אייער הייגטיקע פּאָליטישע טעטיקייט, אָבער דערדאָזיקער שלייף, וואָס איז פאַרצויגן אַרום דעם מענטשנס האַלז, דידאָזיקע פּוסטקייט, וואָס עפענט זיך אָפּ אונטער די פיס פון דעם גע־האַנגענעם, דערדאָזיקער חשבון, אַז ביי אים וועט זיך איבערברעכן דער חוט השדרה בשעת ער וועט פאַלן, ט'ידאָזיקע בלאָע געזיכט, דידאָזיקע מיט בלוט

פאַרלאָפענע אויגן, וואָס קריכן פון זייערע לעכער, דידאָזיקע אַרויסגע=
שטעקטע צונג, דערדאָזיקער ברום פון אומדערטרעגלעכן פיין, וואָס ווערט
דערשטיקט פון דעם שלייף, דידאָזיקע ווייטאָגדיקע נשמה, וועלכע שלאָגט זיך
אָן שאַרבן אין אומזיסטיקער אָנשטרענגונג צו באַפרייען זיך, דידאָזיקע קאָנ=
וואולסיוו=צונויפגעדריקטע קני, וועלכע זוכן אַ שטיץ=פונקט, דידאָזיקע פאַר=
בונדענע שטומע הענט, וועלכע בעטן הילף, און נאָכדעם דערדאָזיקער אַנדערער
מענטש (ד. ה. דער תליון), דידאָזיקע באַשעפעניש פון פינסטערניש, וואָס
פאַלט אָן אויף די גסיסה=קאָנוואולסיעס, כאַפט זיך פאַר די פיס פון דעם אומ=
גליקלעכן און הענגט זיך אויף דעם געהאַנגענעם, — דאָס אַלץ, מיין געאַכ=
טער הער, איז שרעקלעך אין אַזאַ מאָס, אַז קיין מענטשלעכע שפּראַך קאָן
עס ניט אויסדריקן... באַרישקייט, — וועט איר זאָגן, — אַ גרויסער ענין,
אויב עס וועט זיין מיט נאָך איין געהאַנגענעם מערער! און דערביי וועלן
מיר תיכף צונויפלייגן די שטריק, צונעמען דעם עשאַפאָט, פאַרגראָבן דעם
טויטן קערפער — און אַ סוף מיט אַן עק. ניין, מיינע הערן, איר האָט
אַ גרויסן טעות. דידאָזיקע אומבאַמערקטע שטריק, דידאָזיקע סלופעס, דער=
דאָזיקער פאַרפייניקטער קערפער, דידאָזיקע שענדלעכע צעשטערונג פון די
אייביקע געזעצן — גאָר דידאָזיקע נישטיקייט איז קאָלאָסאַל. אין איר האַלט
זיך איין אַ סאָציאַלע פראַגע, וועלכע איז אָן אַ שיעור וויכטיקער פאַר אַלע
אייערע דיפּלאָמאַטישע פראַגן; אין איר ליגט עפעס אַזוינס, וואָס איז נאָך
העכער, וואָס שטייגט אַריבער דעם קרייז פון די ערדישע אינטערעסן. די
ווירקלעכע נישטיקייט — דאָס זיינען אייערע האַרמאַטן, אייער פּאָליטיק, אייער
רויך, און ניט דער פאַברעכער, וועלכער ווערט צוליב אייערע „רייפע סברות"
אין עטלעכע רגעס פאַרוואַנדלט אין אַ קרבן פון פאַרברעכן, ניט די נשמה,
וועלכע פליט אָפּ מיט אַ שטיקל תליה=שטריק, — ניין, ניט נישטיק איז עס
אַלץ, נאָר מוראדיק און שרעקלעך!"

קיינמאָל האָט נאָך הוגאָ מיט אַזאַ וואונדערלעכער קראַפט ניט אומגע=
וואָרפן די וועלטלעך, וועלכע טיילן פונאַנדער מענטשן. קיינמאָל האָט ער
נאָך אַזוי טיף אין סאַמע שורש ניט איבערגעשאַצט די עקסיסטירנדיקע באַ=
ציאונגען פונם שטאַנדפונקט פון דער עכטער מענטשלעכקייט. דער תהום,
וועלכער שיידט אָפּ דעם פּשוטן בירגער פון דעם ערשטן מיניסטער, איז אַליין
פון זיך פאַרשוואונדן, ווען אַ מענטש האָט אָנגעהויבן ריידן מיט אַ מענטשן,
און דאָס מענטשנליבנדיקע האַרץ האָט זיך געווענדט מיט אַן אויפרוף צו אַן
אַנדער האַרץ. די פּעטיציעס, וואָס הוגאָ האָט צעשיקט בנוגע די פאַרמשפּטע

אויף גאָר דער וועלט, זיין אייגענע רעדע אין געריכט, בכלל זיין גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע, קעגן טויטשטראָף איז איינע פון די סאַמע ליכטיקע זייטן אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון די הומאַניסטישע אידעען.

אין 1870 יאָר האָט דער קייזער נאַפּאָלעאָן III אָנגעהויבן אַ מלחמה מיט פּרייסן, און אין סעפּטעמבער האָט ער זיך אונטערגעגעבן דעם פּרייסישן חיל מיט דער 80,000־יקער אַרמיי ביי סעדאַן. מיט דער דאָזיקער שענדלעכער גע־שעעניש פאַרענדיקט זיך די צוואַנציקיאָריקע געשיכטע פון דער צווייטער אימ־פּעריע, וועלכע האָט דעם פּאָעט אַרויסגעטריבן פון פראַנקרייך. פראַנקרייך האָט ווידעראַמאָל איבערגעלעבט אַ בירגערקריג, וועלכער האָט זיך געענדיקט מיט דער דריטער רעפּובליק, וועלכע עקסיסטירט עד היום. הוגאָ האָט זיך צו־ריקגעקערט אין זיין געשענדעטס־אויסגעפּייניקט פאָטערלאַנד. אויפן וועג קיין פּאַריז האָט ער געזען די קלאָגעדיקע רעשטן פון דער אַרמיי, וועלכע איז אַנטלאָפן פאַרן פּרייסישן חייל פאַרטעמפּטע, מידע האָבן זיי אַוועקגעטראָגן זייערע דריי־קאָלירנדיקע פענער, און דער זיבעציקיעריקער זקן האָט געוויינט, צוזעענדיק די דערנידערונג פון זיין לאַנד. הוגאָ נעמט זיך ווידער פאַר זיין הומאַנישער טעטיקייט. ער נעמט אַן ענערגישן אָנטייל אין פאַרשיידענע גע־זעלשאַפטן, וועלכע שטעלן זיך דעם ציל צו שאַפן הילף פאַר די פאַרוואונדעטע און פאַר דער אויפלעבונג פון פראַנקרייכס מיליטערישער מאַכט. אין באַלאַ־גערטן פּאַריז ליידט ער אַלערליי נויט גלייך מיט אַנדערע. די הכנסה פון זיינע ווערק און פון די ספּעקטאַקלען, וואו מען שפּילט זיינע פּיעסן, איז ער מנדב לטובת די הונגעריקע, פאַרוואונדיקטע און דער באַוואָפענונג פונם חייל. ער ווערט געוויילט אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אַלס איינער פון די פּאַרי־זער דעפּוטאַטן, און מיר האָבן פאַר זיך ווידער אַן אומגעשיקטן פּאָליטישן טוער, וואָס מאַכט אַ ריי פעלערן, וועלכער קען זיך ניט אַנטזאָגן פון זיין אייגנ־ליבע און פון זיינע סוביעקטיווע געשמאַקן. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן זיינען געווען יאָרן פון זיין הערשאַפט אין דער ליטעראַטור, די צייט פון אַל־וועלטלעכער אָנערקענונג פון זיינע פאַרדינסטן. ער איז געשטאָרבן דעם 23 מאַי 1885 יאָר, און פאַרהאַן מענטשן, וואָס געדענקען נאָך, ווי געהעריק די צי־וויליזירטע וועלט האָט באַקלאָגט דעם לעצטן גרויסן ראָמאַנטיקער, דעם לעצטן „פּאָרשטייער פון דעם העראָאישן דור". אַ האַלבמיליאָניקער עולם איז געגאַנגען צו דער לוויה, וועלכע האָט זיך לאַנגזאַם גערירט אונטער די טרויעריקע קלאַנגען פון לוויה־מאַרש, אונטער האַרמאַטן־שאָסן איבער די פּאַריזער גאַסן, וואָס זיינען געווען פאַרפּוצט מיט טרויער־פענער.

הערשער איבער די מחשבות אין אַ משך פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט, האָט וויקטאָר הוגאָ איבערגעלאָזן אַן אייביקן שפּור אין אַלע פאָרמען פון דער ליטעראַרישער שאַפונג. ער איז געווען אַ מערקווירדיקער ליריקער־דענקער, הגם די פאָרם פון זיינע לידער ליידט אָפט פון געקינצלטקייט, און דער אינ־האַלט איז מיט קנאַפּער טיפקייט. ער איז געווען אַ גרויסער ראָמאַניסט און האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער דראַמאַטישער שאַפונג.

אין 1822 יאָר זיינען ערשינען הוגאָס „אָדעס". דידאַזיקע ערשטע זאַמ־לונג לידער, נאָך ניט פריי פון די קלאַסישע טראַדיציעס, האָט פונדעסטוועגן געהאַט אין זיך נייע מאָטיוון, וועלכע האָבן אינגיכן אַזוי הויך זיך צעקלונ־גען אין דער ראָמאַנטישער ליריק. אין די אָדעס איז געווען פיל קאַלטע מליצה און געקינצלטע רעגלמעסיקייט, געירשנט פון די פּסעוודאָקלאַסיקער, אָבער זיי זיינען דורכגעדרונגען מיט קאַטוילישן מיסטיציזם. קריסטנטום שפּילט פאַרן אויטאָר פון די אָדעס פונקט אַזאַ ראָלע, ווי פאַר שאַטאָבריאַנען. הוגאָ זעט אינם קריסטנטום קודם כל זיין עסטעטישע זייט. ער גיט נייע רירנדיקע סוזשעטן, ער טראָגט דעם געדאַנק אַריבער צו נעראָנס בלוטיקע מאָלצייטן און אין די צירקן פון דער רוימישער אימפּעריע. אָבער אין די אָדעס קאָן מען געפי־נען ניט בלויז מאָטיוון פון ראָמאַנטישן קאַטוילציזם. אין דעם פּאָעטס יוגנט־לעכע ווערק פילט זיך שוין יענער געזעלשאַפטלעכער ברען, יענער באַוואוסט־זיין פון שריפטשטעלערס חוב, וועלכע זיינען ביזן סוף פאַרבליבן אַלס די בעסטע עלעמענטן פון זיין פּאָעזיע. „יעדער שריפטשטעלער, — זאָגט ער אין דער הקדמה צו די אָדעס, דאַרף פריער פאַר אַלץ זאָרגן וועגן ברענגען נוצן". ער געהערט ניט צו די ראָמאַנטיקער, וועלכע זיינען געלאָפן פון טאָג־זאָרגן און האָבן זיך געלאָזט פאַרפליען אין די געביטן פון רייגער פאַנטאַזיע. דער אינטערעס צו די צייטפראַגן ווייזט זיך, אגב, אין די אָדעס אַרויס אין דער פאָרם פון יענעם יוגנטלעכן ענטוזיאַזם, וועלכן הוגאָ האָט אַרויסגעוויזן צום ראָיאַליזם.

אין די ווייטערדיקע זאַמלונגען דעקט זיך די ראָמאַנטישע וועלט־אָנשויאונג אַלץ העלער און פולער אויף. די „באַלאַדעס" דערלאַנגען אַ קלאַפּ דעם קלאַ־סיציזם. אין זיי איז ניטאָ קיין שפּור פון קלאַסישער געמאָסטנקייט און לאָגיש־קייט. דער מוח־כאַראַקטער פון דער פריערדיקער פּאָעזיע טרעט דאָס אָרט אָפּ פאַר דער קיניגרייך פון פאַנטאַזיע. די מיטלאַלטער מיט איר טרוימערישער און רעליגיעזער שטימונג גיט דעם פּאָעט די הויפּט־סוזשעטן. די טראַדיציעס זיינען פאַרלאָזן, אַ נייער פערז, נייע ריימען, אומדערוואַרטע אויסדרוקן,

קאַפּריזע אָריגינעלע געשטאַלטן באַווייזן אין הוגאָן אַ געניאַלן ווירטואָז, אַ גלענצנדן ווערסיפיקאַטאָר, ביי וועלכן דער פערז גייט נאָך דעם שוואונג פון דער פאַנטאַזיע, און ניט דער געדאַנק ציט זיך אויס אין סדום=בעטל פון די פסעוודאָקלאַסישע געזעצן. תיכף נאָך די אָדעס און די באַלאַדעס ערשיינען די אָריענטאַלישע מאָטיוון. מיר ווייסן, ווי די ראָמאַנטיקער האָבן ליב געהאַט דעם מזרח, וואָס האָט זיך פאַר זיי געמאָלט אַלס אַ סודותפולער קאַנט, דערביי נאָך פון אַזאַ צויבערלעכן לעבן, וואָס אין דער אַרומיקער ווירקלעכקייט איז ניט געווען. די אָריענטאַלישע מאָטיוון האָבן דעם פּאָעט ערלויבט ניט נאָר צו פאַרברייטערן די ספערע פון דער פּאָעזיע צוליב די נייע סוושעטן און די בלענדנדיקע העלע בילדער, זיי האָבן ניט נאָר געגעבן די מעגלעכקייט צו באַרייכערן די שפּראַך מיט נייע אומדערוואַרטע פיגורן און פאַרגלייכונגען. זיי זיינען באַשאַפן אויך אונטערן איינפלוס פון דעם הומאַנישן געפיל, וואָס האָט פאַרכאַפּט גאַנץ אייראָפּע, בשעת דעם קאַמף פון די גריכן פאַר זייער באַפרייאונג. דאָס איז געווען יענער געפיל, וואָס האָט בייראָנען פון אַ זשואיר פאַרוואַנדלט אין אַ העלד, וועלכער האָט באַוועגט די פאַריזער דאַמען צו גיין איבער די הייזער קלייבן נדבות לטובת דער אומגליקלעכער עלאַדע, — בקיצור, דער געפיל, וואָס האָט אַרויסגערופן די פילאָעלינישע באַוועגונג, וועלכע האָט געבראַכט צו דער באַפרייאונג פון גריכישן פאָלק. אין די אָריענטאַלישע מאָטיוון איז ניט געווען קיין רעאַלער אָריענט. הוגאָס גריכן זיינען צופיל איידל, און די טערקן צופיל בלוטדאָרשטיק. דידאָזיקע טרוימערישע, רירנדיקע אָדאַליסקעס, דער פלאַטער פון זייערע פעכערס, וואָס איז באַגלייט מיט דעם האַקן פון העק, דידאָזיקע סולטאַנען און פאַשאַס, וועלכע זיינען פון קאָפּ ביז די פיס אָנגעטאָן אין געווער, — דאָס אַלץ איז איצט פאַרגעסן, ווי עס זיינען פאַרגעסן די טרובאַדורן פון די באַלאַדעס. אָבער אין יענער צייט האָבן די אָריענטאַלישע מאָטיוון געהאַט גרויס ערפאָלג אַ דאַנק דער נייקייט פון דער פאָרם, דער בולטקייט פון די בילדער, די אָריגינעלע סוושעטן. דאָס איז געווען אַ ניי קינד פון דעם ראָמאַנטישן גייסט, אַ נייער סימפּטאָם פון זיין אוניווערסאַליזם, פון זיינע שטרעבונגען אַרומצונעמען אַלדאָס עקסיסטירנדיקס — סיי דעם מענטשן, סיי די נאַטור, סיי די געשיכטע. אויב אין די באַלאַדעס און אין די אָריענטאַלישע מאָטיוון האָט זיך אַרויסגעוויזן די ראָמאַנטישע ליבע צום אומקלאָרן, צום דערווייטערטן אין צייט און אין שטח, אַנטפּלעקט הוגאָ אין די שפּעטערדיקע זאַמלונגען דעם צושטאַנד פון זיין נשמה. אין זיי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַן אַנדער שטריך פון די ראָמאַנטיקער — זייער שטרעבונג אויפצודעקן

זייער אינערלעכע וועלט, וועלכע איז אין זייערע אויגן וויכטיקער פאַר דער אויסערלעכער. זייער פאָרשטעלונג וועגן דער ווירקלעכקייט שטעלן זיי העכער פאַר דער ווירקלעכקייט גופא. האַרבסט־בלעטער (1831 י.), לידער פון בין השמשות (1835 י.), אינערלעכע שטימען (1837 י.), און שטראַלן אין שאָטנס (1838 י.) — דידאַקטיקע זאַמלונגען האָבן ערשיינט פאַר די צען־יאָר נאָך דער יולי־רעוואָלוציע. די ערשטע זאַמלונג איז דורכגעדרונגען מיט וואַרימען הומאַנישן געפיל. דאָ איז הוגאָ דער משורר פון דער ריינער מיידל, פון צאַרטע מוטערלעכע געפילן, פון קינדערשער אומשולדיקייט, פון לעבנסאַנטטוישונגען און משפחה־פריידן. לידער פון בין השמשות זיינען פאַרצויגן מיט אַ טרויער־נעפל: ליבע־לידער ווערן איבערגעריסן מיט קלאָגן זיך, ליכטיקע מחשבות — מיט טרויער, האָפענונגען — מיט ספקות. די פּאָליטישע אומאָרדענונגען באַאומרואיקן אים; דאָס פאָלק האָט פאַרלוירן דעם פעסטן גלויבן, דעם העלן בליק אויף זיין וועג, דער פּאָעט איז דעם פאָלקס עכאָ. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס ער איז פול מיט ספקות, וועלכע לאָזן זיך הערן סיי אין די פּאָליטישע, סיי אין די געזעלשאַפטלעכע און סיי אין די רעליגיעזע מחשבות. ער ווייס ניט, וואָס פאַר אַ גוטס די רעוואָלוציע פון 30־טן יאָר וועט ברענגען. ער פילט, אַז די עקסיסטירנדיקע רעגירונגס־פאָרם ווידערשפרעכט די אינטערעסן פון פּראָגרעס, ער ווייס אָבער ניט, מיט וואָס זיי צו פאַרבייטן. לידער פון בין השמשות איז אַ ווערק פון דער איבערגאַנגס־עפּאָכע. די לעצטע צוויי זאַמלונגען זיינען דורכגעדרונגען מיט הומאַנישן געפיל, מיט ליבע צו די ליידנדיקע און אומגליקלעכע. צוזאַמען מיט דעם גביר, וועלכער לעבט צוליבן גאָלד, וועלכער ווייס ניט פון קיין מיטלייד און קיין איידעלע געדאַנקען, געפינען מיר דאָ די געשטאַלט פון אַ יונגער אַרבעטערין, וועלכע האָרעוועט אָן אויפהער, אַן ערלעכע און אַ ליידנדיקע. דער פּאָעט מאַכט פאָרוואורפן דעם ערשטן און טרייסט דער צווייטער: ער ראַט איר היטן איר ריינקייט, זיין מוטיק און פריילעך און פאָלגן דורכאויס נאָר דער שטים פון טוגנד. הוגאָ איז אויסגעוואַקסן צוזאַמען מיט דער עפּאָכע. ער האָט זיך אַלץ טיפער אַריינגעטראַכט, זיינע הומאַנישע אידעען האָבן באַקומען אַ דאַנק דער לעבנס־ערפאַרונג אַלץ באַשטימטערע פאָרמען. די מאָטיוון, וועלכע האָבן געקלונגען אין זיין ליריק פון דעם ערשטן פעריאָד, הערן אין זיין פּאָעזיע ניט אויף ביזן סוף. אין שטראָף דערהויבט זיך הוגאָ צו דער מדרגה פון אַן אימהדיקן סאַטיריקער. הסתכלותן, וועלכע האָבן ערשיינט אין 1856 יאָר, זיינען אַן ערציילונג פון 25 יאָר, וואָס דער פּאָעט האָט איבערגעלעבט; דאָס איז

אַ זאַמלונג פון מחשבות, וואָס זיינען אָנגעטריבן געוואָרן דורך יאָרן פון גלות, אבדות פון דער משפחה, פּאָליטישע אַנטוישונגען, לסוף, די לעגענדע פון אייביקייטן — אַן עפּאָפּעע, אין וועלכער דער פּאָעט טרעט ווידער אַרויס אַלס פאָרשטייער פונם ראָמאַנטישן אוניווערסאַליזם. ער וויל פאַרשרייבן די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט, אויסמיילנדיק די סאַמע בולטע און טיפּישע עפּאָכעס. ער האָט געוואָלט טריט נאָך טריט נאָכקוקן, ווי אַזוי עס האָט זיך געענדערט די פיזיאָנאָמיע פון די פעלקער. אים האָט זיך געוואָלט כאַפּן די כסדרדיקע אָפּשטעמפּלונגען פון דעם מענטשלעכן פּרצוף, אָנהייבנדיק פון חווהן, דער מוטער פון אַלע מענטשן, און ענדיקנדיק מיט דער רעוואָלוציע, דער מוטער פון אַלע פעלקער. אים האָט זיך געוואָלט שילדערן די מענטשהייט כסדר, בהדרגה, און גלייכצייטיק אין אַלע אירע אַרויסווייזונגען: אין געשיכטע, לעגענדע, פילאָזאָפיע, אמונה, וויסנשאַפט. די מענטשהייט, וואָס איר לעבן איז איין גראַנדיעזער שטייגן צו דער ליכטיקייט; ער האָט געוואָלט שילדערן די אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן געשלעכט, זיין שטייגן פון דער פינסטערניש צום אידעאַל, פון ערדישן גהינום צום הימלשן גן-עדן. אין דערדאָזיקער גראַנדיעזער אויפגאַבע איז ניט שווער צו דערקענען די אומענדלעכע פּרעטענזיעס פון דעם ראָמאַנטיקער. ביי איז דאָ נאָר דער פלאַמענדיקער גלויבן אין פּראָגרעס, דער בליק אויף דער געשיכטע, ווי אויף אַ וועג צו דער פאַרווירקלעכונג פונם אידעאַל.

דיזעלביקע באַזונדערהייטן, מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס הוגאָס ליריק, ווייזן זיך אַרויס אויך אין זיינע ראָמאַנען. ער איז אַ ראָמאַנטיקער, מחמת ער פּאָעטיזירט די ווירקלעכקייט, ער האָט ליב געשיכטלעכע סוזשעטן, וועלכע גיבן מער רחבות פאַר אידעאַליזאַציע און פאַנטאַזיע. ער איז אַ רעאַליסט, ווייל ער איז קיינמאָל ניט אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט, שטרעבט אַלע מאָל זי צו באַלייכטן, הגם מיט שאַרפער און פאַנטאַסטישער באַלייכטונג. ער איז אַ סאָציאַלער, און אַפילו אַ טענדענציעזער שריפטשטעלער, וואָרעם ער קעמפט קעגן דער סאָציאַלער אומגלייכהייט, פאַרטיידיקט די אומגליקלעכע, שטורעמט דעם עגאָאיזם פון די עקספּלואַטאַטאָרס, שטעלט פאַר זיך באַשטימטע אַגיטאַציע-צילן. ראָמאַנטיזם און רעאַליזם, ריינע קונסט און אייגן-רייסנדיקע טענדענץ פלעכטן זיך וואונדערלעך צונויף אין זיינע ראָמאַנען.

דער בעסטער פון די פריאיקע ראָמאַנען איז די קאַטעדראַל-קירך פון דער פאַריזער גאָטס-מוטער. ס'דאָזיקע ווערק איז אַ פּראָדוקט פון יענעם ראָמאַנטישן היסטאָריזם, וועלכער האָט אַ שטאַרקן שטויס געטאָן

פאָראויס דאָס וויסנשאַפטלעכע שטודירן די געשיכטע. שאַטאָבריאַנס מאַרטירער און סקאָטס איוואַנהאָ האָבן באַגייסטערט אָגיוסטענען טיערין. די פאַנטאַסטישע ראָמאַנען, אין וועלכע עס איז געווען ווייניק עכטע געשיכטע, האָבן געגעבן אַ שטופּ דעם אויטאָר פון די זאַגעס וועגן די מעראָווינגער און פון די ענגלישע עראָבערונגען. דער אינטערעס צו דער מיטלאַלטערישער פּאָעזיע, וואָס די דייטשע ראָמאַנטיקער האָבן אַרויסגערופן, האָט באַגייסטערט די ברידער גרים, ווען זיי האָבן געשאַפן זייערע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. אַרומכאַפּנדיק די וועלט אין איר הווה און עבר, באַמיענדיק זיך אַריינצודרינגען אין די סודות פון שפּראַך און אין אומבאַוואוסטע לענדער, ניט קענענדיק דערוואַרטן זיך אויף די אויספירן פון דער וויסנשאַפט, — האָבן די ראָמאַנטיקער מקדים געווען די געלערנטע; מיט דער פאַנטאַזיע האָבן זיי פאַרענטפערט אַלע פראַגן, מיטן דמיון האָבן זיי דערפילט די בלויזן פון די וויסנשאַפטלעכע מאַטעריאַלן, און זיי האָבן אויפגיך צונויפגעצעפּעט די שטיקלעך פון מענטשלעכן וויסן, אויפגיך געשאַפן אַ האַרמאָניש בילד פון דער געשיכטע, פון דער נאַטור און פונם מענטשן, — אַ בילד, אין וועלכן וויסנשאַפט און פאַנטאַזיע פלאָנטערן זיך צוזאַמען. דער סקעפּטישער געדאַנק האָט צעשטערט דידאָזיקע האַרמאָנישע באַשעפעניש פון דעם ראָמאַנטיזם, ער האָט אָבער ניט געקענט פאַרניכטן די ליבע צום וויסן, וואָס די ראָמאַנטיקער האָבן אָנגעצונדן, צייכענענדיק גלענצנדע פּערספּעקטיוון פאַר די אויגן פון די געלערנטע. די ראָמאַנטיקער האָבן ווייניק וואָס פעסטס איבערגעלאָזן אין דער וויסנשאַפט, זיי האָבן אָבער באַגייסטערט אויף גרויסע אַרבעטן אין דעם געביט פון געשיכטע, נאַטורוויסנשאַפט, מיטאָלאָגיע, עטנאָגראַפיע און אַז. וו.

פון דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט דאַרף מען קוקן אויף דער קאַטעדראַל-קירך פון פּאַריזער גאָטס-מוטער. אַזוי האָט אויף איר אויך הוגאָ אַליין געקוקט. „דאָס איז, — האָט ער געשריבן, — אַ בילד פון פּאַריז אין XV י. ה., דערצו אַ בילד פון XV יאָרהונדערט, וואָס איז אָפּגעשפּיגלט אויף פּאַריז. ס'דאָזיקע בוך האָט נים קיינע פּרעטענזיעס אויף היסטאָרישער באַדייטונג, הגם מיט אייניקע ידיעות, אָבער אין אַלגעמיינע איבערזיכטן, איז אין דעם געשילדערט דעם צושטאַנד פון די מידות, גלויבנס, געזעצן, קונסטן, לסוף די ציוויליזאַציע פון XV יאָרהונדערט. איבעריקנס, די באַדייטונג פונם בוך ליגט ניט אין דעריין, אויב עס האָט אַ ווערט, איז עס אַלס פּראָדוקט פון דמיון, קאַפּריז און פאַנטאַזיע". די פראַגע וועגן „אָרטיקן קאָלאָריט" אין דער קאַטעדראַל-קירך האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצע פּאָלעמיק. אין דער צייט ווען די גוומאַ-

דיקע פֿאַרערער פֿון הוגאָ זיינען געווען אַנטציקט פֿון דער וואונדערבאַרער פּינקטלעכער ווידעראויפֿשטעלונג פֿון די מידות און אַפֿילו פֿון דער שפּראַך פֿון XV י. ה., האָבן זיינע קעגנער אָנגעוויזן אַ ריי פֿעלערן, פֿילאָלאָגישע און אידעאישע אַנאַכראָניזמען. געדאַנקען און געפֿילן פֿון אונזער עפּאָכע זיינען אַריינגעטאָן געוואָרן אין מיטלאַלטערישע מענטשן און אויסגעדריקט געוואָרן מיט אונזער שפּראַך. ווער איז גערעכט אין דערדאָזיקער מחלוקת, דאָס איז פֿאַר דעם קולטור-היסטאָריקער פֿון XIX יאָרהונדערט אַ פֿראַגע פֿון דער צווייטער מדרגה. ניט די פּינקטלעכקייט פֿון דעם אָדער יענעם אויסדרוק, ניט די געטרייקייט צום מיטלאַלטערישן קאָלאָריט פֿון אַ וואָסער דעטאַל באַשטימט די באַדייטונג פֿון הוגאָס ראָמאַן. אַ געלערנטער קאָן לויט דעמדאָזיקן ראָמאַן ניט שטודירן קיין געשיכטע. אָבער ווער קאָן זאָגן, אין וויפֿל געלערנטע האָט דערדאָזיקער ראָמאַן אויפֿגעוועקט אַ חשק צו היסטאָרישע פֿאָרשונגען, אָנגעצונדן אמתע ליבשאַפֿט צום עבר, אין וויפֿל מענטשן האָט ער אַרויסגערופֿן ערפֿורכטיקע באַוואונדערונג בנוגע צו דער סודותפֿולער גרויסקייט פֿון היסטאָרישן פּראָצעס, ליידנשאַפֿטלעכע שטרעבונג צו געפֿינען די געזעצן, וואָס פֿירן אָן מיטן לעבן פֿון דער מענטשהייט אין גאַנצן גענומען! די קאַטעדראַל-קירך פֿון פּאַריזער גאָטס-מוטער — דאָס איז דער עבר, דורכגעלאָזן דורך דער פֿאַנטאַזיע און דורך די הומאַנישע אידעען פֿון XIX יאָרהונדערט. דער אויטאָר אַליין האָט בעסער פֿאַר אַלץ באַשטימט די עלעמענטן, פֿון וועלכע ס'דאָזיקע ווערק באַשטייט: „אייניקע ידיעות” און אַ פֿולע „קאַפּריז און פֿאַנטאַזיע”. ידיעות איז דאָ פֿאַרהאַן פּונקט אַזויפֿיל, וויפֿל עס איז נייטיק, כדי דער פּלאַץ, וואו עס קומט פֿאָר די אַקציע, זאָל ניט אויסווייזן גאָר אינגאַנצן ווי אַן אויסגעטראַכטע זאַך, און די העלדן — ווי נאַקעטע גייסטער; אָבער פֿאַנטאַזיע און קאַפּריז איז דאָ אַזוי פֿיל, אַז זיי האָבן געהאָלפֿן דעם אויטאָר פֿונאַנדערצועפֿענען זיין ראָמאַנטישע און הומאַנישע נשמה, אַרויסווייזן זיין טיפֿן פֿאַרשטאַנד פֿאַר די עיקר-יסודות פֿון דעם מענטשנס פּסיכאָלאָגיע און זיין הייסן מיטגעפֿיל צו ליידן, וואָס לאָזן גלייכע שפּורן, לייגן אַ גלייכן שטעמפּל אויף דער אויסגעפּייניקטער מענטשהייט אין אַלע צייטן און ביי אַלע פֿעלקער. די דערווייטערטקייט פֿון דער צייט, וועלכער עפּנט אָפּ אַ רחבות פֿאַר דער פֿאַנטאַזיע, האָט דעם פּאָעט פֿאַרלייכטערט זיין אויפֿגאַבע, געהאָלפֿן פֿאַרקערפּערלעכן זיינע אידעאַלן אין אומבאַשטימטע פֿאָרמען, זיי האָבן מחמת דעם פֿאַרלאָרן אַ היפּשן טייל פֿון דער קלאָרקייט, האָבן אָבער אויסגעשפּילט אין דער ברייטקייט און אין דער גרויסקייט.

די באַשרייבונג פון דער קירך גופא איז אַ בולטע פאַרקערפּערונג פון דער אידעע פונם ראָמאַנטישן אַבסאָלוטיזם. דאָס איז ניט נאָר אַ דענקמאָל פון דער בוי־קונסט, דאָס איז אַ לעבעדיקער ריז, וואָס תקופות און דורות באַגע־גענען זיך ביי אים צופוסנס. „דאָס איז אַ סימפּאָניע צונויפגעלייגט פון שטיי־נער, דאָס איז אַ באַשעפעניש פון מענטשן און פון פאָלק, אַן איינהייטלעכע און אַ קאָמפּליצירטע אין דערזעלבער צייט, געגליכן צו אירע שוועסטער — דער אי ל י אַ ד ע און די שפּאַנישע ר אָ מ אַ נ צ ע ר אָ ס. דאָס איז אַ וואונדערלעכער פּראָדוקט פון פאַראייניקטע כּוחות פון אַ גאַנצער תקופה, וואָס אויף יעדן שטיין זיינעם ווייזט זיך אַרויס אין הונדערט פאָרמען דעם אַרבעטערס פאַנטאַזיע, וועלכע איז דיסציפּלינירט דורך דעם קינסטלערס געני. דאָס איז אַ מענטשלע־כע באַשעפעניש, אַ מעכטיקע און אַ פרוכטבאַרע ווי אַ געטלעכע באַשעפעניש, ביי וועלכער זי האָט דוכט זיך איבערגענומען איר צווייאיקן כאַראַקטער — פון פאַרשיידנאַרטיקייט און אייביקייט". אָבער ניט בלויז די עפּאָכע מיט אירע מחשבות, מיט איר קאָלעקטיווער שעפערישער קראַפט האָט זיך אויסגעדריקט אין דעמדאָזיקן דענקמאָל, — די נאַטור און די צייט האָבן אויך זייערע אָנ־שטרענגונגען צוגעלייגט צו דעם מענטשנס מי. די צייט האָט אָפּגעריסן עלף טרעפּ פון דעם לייטער, וואָס איז אַמאָל געגאַנגען אַרום דעם גאַנצן טעמפּל. זיי זיינען פאַרשוואונדן מחמת דעם לאַנגזאַמען אָבער כסדרדיקן — אויפהייבן זיך פון דעם באָדן אויף דעם אינזל, וואו די קירך איז אויסגעבויט. אָבער אויפ־געפרעסן איינע נאָך די אַנדערע די טרעפּ, וועלכע האָט דעם טעמפּל צוגעגעבן גרויסקייט, האָט דיזעלבע צייט אים געגעבן אפשר מער, איידער זי האָט ביי אים צוגענומען, וואָרעם זי טאַקע האָט עס אויסגעפאַרבט דעם גאַנצן פאַסאַד אין יענעם טונקעלן קאָליר פון יאָרהונדערטער, וועלכער גיט אַלטע בנינים צו אַזאַ געהויבענע פּראַכט". הוגאָ ברענגט פיל פאַקטישע, דאָקומענטאַל אויס־געפאָרשטע ידיעות בנוגע די ענדערונגען, וועלכע די אַרכיטעקטור פונם טעמפּל האָט איבערגעלעבט, בנוגע דעם מענטשלעכן וואַנדאַליזם, וואָס האָט פאַרדאָרבן די דענקמעלער פון אַמאָל. אָבער, געוויס, ניט מיט דידאָזיקע וויסנשאַפטלעכע ריכטיקע, צי פאַלשע ידיעות וועקט דער אויטאָר ליבע צו אַזעלכע דענקמעלער, — ניין: די עדה געשטאַלטן און אידעען, וועלכע דעם פּאָעטס פאַנטאַזיע האָט צעזייט אין אַ שיינער אומאָרדענונג אונטער די סופיטן פון דער קירך; דאָס לעבן פון דורות, וואָס דידאָזיקע ווענט האָבן געזען; יענס אייביקס און איינהייטלעכס, וואָס שטייט העכער פאַר די אומגעהייער פאַרשיידנאַרטיקע אינטערעסן, פאַרלאַנגען און שטרעבונגען פון די מיליאָנען

מענטשן און קרעפטן—דאָס איז די צוציאונגס־קראַפט פון דער קירך. „גרויסע בנינים, ווי גרויסע בערג — זיינען שאַפונגען פון יאָרהונדערטן. אָפטמאָל האָט שוין די קונסט באַוויזן אָנצונעמען אַן אַנדער געשטאַלט, און זיי שטייען נאָך ניט פאַרענדיקטע, און דעמאָלט אַנטוויקלען זיי זיך רואיק ווייטער אין דער נייער ריכטונג, וואָס די קונסט האָט אָנגענומען. די נייע קונסט נעמט איבער דעם בנין אין איר רשות. דידאָזיקע כסדרדיקע צונויפפלייצונג פון פאַרשיידענע קונסטן אויף אַ פאַרשיידענער הייך פון איינעם און דעמזעלבן בנין וואָלט גע־קאָנט געבן אַ טשיקאַווען מאַטעריאַל פאַר אַ פולע דיקע ביכער און אָפּט, אַזוי צו זאָגן, פאַר דער נאַטירלעכער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דער מענטש דער קינסטלער, די באַזונדערע פערזאָן ווערט בטל אין דידאָזיקע גרויסע מאַסן, ניט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין נאָמען פון קיין אויטאָר, דער מענטש־לעכער שכל ווערט אין זיי רעזומירט און צונויפגעגאָסן אין איין גאַנצעס. דאָ איז די צייט דער אַרכיטעקט, און דאָס פאָלק—דער מוליער.״

אָט דאָס איז די סביבה, אין וועלכער עס קומען פאָר די געשעענישן. דער קאָלאָסאַלער קופּעל פון דער קירך איז ווי אַ מין סימבאָל פון דער אייביקייט, וועלכע אַנטפּלעקט זיך אין די באַזונדערע ערשיינונגען. מיט דער־זעלביקער שטרעבונג צום אייביקן און אומענדלעכן גייט דער פּאָעט אונטער אויך צו די העלדן, וועלכע קעמפן,ליידן און פרייען זיך צופוסנס ביי דעם אומ־שטערבלעכן ריז.

אין צענטער פון דעם ראָמאַן שטייט עסמעראַלדע, אַ ציגיינערין, אַ פולע מיט חן און נאַאיווער ווילדקייט. דאָס איז אַן אוממיטלבאַרער וועזן, וואָס באַזיצט יענע גאַנצקייט פון דער נאַטור, וועלכע ווערט באַשאַפן אויף דער פולער רחבות, אין געדיכטע וועלדער, אָדער אין ציגיינערישע לאַגערן, ווייט פון דער קולטור און פון דעם גערויש פון די גרויסע שטעט. צוויי מענטשן, וועלכע וואוינען אונטערן קופּעל פון דער קירכע, האָבן זייער גורל פאַרבונדן מיט דעם גורל פון דערדאָזיקער באַצויבערנדיקער מיידל. דאָס לעבן פון די־דאָזיקע צוויי נפשות איז אויף אַ געהיימן אופן פאַרבונדן אויך מיט דעם טעמפּל. דאָס זיינען צוויי איינזאַמע נשמות, לגמרי ניט קיין גלייכע, וואָס דער טעמפּל האָט זיי פאַרביטן מענטשלעכע געזעלשאַפט. דער משונהדיקער מיאוס־קייט קוואַזימאָדאָ האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן קיינע אַנדערע צוימען אויסער די קאָלירטע גלעזער פון די פענסטער, קיין אַנדער שאָטן, אויסער דעם שאָטן פון די שטיינערנע בלעטער, אויף וועלכע עס זיינען געזעסן טאַקע שטיינערנע פייגעלעך, קיינע אַנדערע בערג, אויסער די ריזיקע טורעמס פון

דער קירך, קיין ים, אויסער פּאַריז, וועלכע האָט גערוישט אונטער זיינע פיס. די הייליקע זיינען געווען זיינע פריינד און זיי האָבן אים געבענטשט; די אומגעהייערס זיינען אויך געווען זיינע פריינד, און האָבן אים געהיט. אָפטמאָל, זיצנדיק אויף די ציפּקעס פאַר עפּעס אַ סטאַטוע, פלעגט ער מיט איר שעהנווייז שמועסן. אויב דעמאָלט איז אימיצער אַריין אין קירך, פלעגט ער אַנטלויפן, פּונקט ווי אַ פאַרליבטער, וועלכן מען האָט געכאַפּט זינגענדיק זיין סערענאַדע. די קירך האָט אים פאַרביטן ניט בלויז די געזעלשאַפט, נאָר די גאַנצע וועלט, די גאַנצע נאַטור. אָבער מער פאַר אַלץ האָט ער ליב געהאַט די גלעקער. ער איז געווען דער קלינגער. זיי האָבן אים טויב געמאַכט, אָבער אָפט האָבן מאַמעס ליב דווקא יענע קינדער, וועלכע האָבן זיי פאַרשאַפט אַממערסטן ליידן. די גלעקער האָבן געוועקט זיין נשמה, און אָפטמאָל געלאָזט איר פונאַנדערשפּרייטן אירע פליגל, וואָס די נאַטור האָט זיי נעבעך צונויפגעלייגט אין זייער הייל; זיי האָבן אים אָפטמאָל געמאַכט גליקלעך. ער האָט די גלעקער ליב געהאַט, געלאַשצעט, מיט זיי גערעדט, זיי פאַרשטאַנען. ער האָט זיי אַלעמען גלייך ליב געהאַט אָנהייבנדיק פון דעם קלענסטן און ביז דעם גרעסטן. אין די טעג „פון גרויסן געקלאַנג" האָט זיך קוואַזימאָדאָס איינציק אויג ברייטער אָפּגעעפנט און העלער געגלאַנצט מיט פאָספאָרישן ליכט; דער גלאָקן-טורעם האָט זיך געטרייסלט, אַלע זיינע טיילן האָבן פּונקט ווי געטאַנצט, קוואַזימאָדאָ האָט געזאָטן ווי אין אַ קעסל. אַמאָל פלעגט ער ווערן עפּעס אויסער זיך. זיין איינציקע אויג פלעגט זיך אָנצינדן מיט אַ גהינום-גלאַנץ. ער פלעגט אונטערהיטן דעם גלאָק בשעת ער דערנענטערט זיך צו אים, ווי אַ שפּין טשאַטעוועט נאָך אַ פליג, און האַסטיק זיך אויף אים אַ וואָרף טאָן, איינצעפּען זיך אין אים, און צוזאַמען מיט אים הוידען איבערן תהום, שטאַרק אָנהאַלטנדיק זיך פאַרן אויערל פון דעם בראָנזענעם אומגעהייער, דריקנדיק אים מיט די קני, אונטערטרייבן אים מיט די קנאַפּל, ווי מיט שפּאָרן, און פאַרגרעסערנדיק זיין פלי מיט דער דער משא פון זיין קערפּער. דער טורעם האָט זיך געטרייסלט, קוואַזימאָדאָ פלעגט אָפּט אַרויסלאָזן אַ געשריי און האָט געסקריעט מיט די ציין, די געלע האָר האָבן זיך ביי אים געשטעלט אויפן קאָפּ. זיין ברוסט האָט זיך געהויבן פּונקט ווי אַ בלאָזזאַק, זיין אויג האָט געגלאַנצט, דער אומגעהייערער גלאָק, ווי אַ פאַרמאַטערטער פון געלאַף, האָט פּונקט ווי געהירזשעט אונטער זיין מטורפדיקן רייטער. דאָס איז שוין געווען ניט קיין גלאָק און ניט קיין קלינגער, — דאָס איז געווען עפּעס אַ וויכער, אַ שטורעם, אַ קאָפּפאַרדרייאונג, אַ ריידן פון היץ.

דערדאָזיקער גלאָקן-קלאַנג איז געווען זיין סטיכיע, דאָ האָט געלעבט מיט זיין אייגנאַרטיקן, פאַר קיינעם ניט פאַרשטענדלעכן לעבן יענער, פאַר וועלכן עס איז אין דער מענטשהייט קיין אָרט ניט געווען. זיין מיאוסקייט איז געווען שרעקלעך. אַ פּירקאַנטיקע נאָז; אַ מויל ווי אַ פּאָדקאָווע; אַ קליינטשיקס לינק אויג, כמעט פאַרדעקט מיט דער געלער ברעם, אין דער צייט ווען דאָס רעכטע איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן אונטער אַ גרויסער בראָדעווקע; צעבראָכענע קרומע ציין, וועלכע דערמאָנען די ציין פון אַ פעסטונגס-וואַנט; צוויי גרויסע הויקערס, פון פאָרנט און פון הינטן, מיט אַ גרויסן קאָפּ אויף זיי, פאַרדעקט מיט צעפּודלטע געלע האָר; פיס, וואָס האָבן זיך אָנגערירט איינע אָן די אַנדערע נאָר מיט די קני; ברייטע זיילן; אומגעהייערע הענט. און אין דערזעלבער צייט עפּעס שטאַרקס, מעכטיקס, געשיקטס אין דער גאַנצער פיגורע, פּונקט ווי אַ ניט געשיקט צוזאַמענגעלייגטער ריז. די פיגור פון אַ פּאַרזעניש איז איינע פון די געליבטסטע געשטאַלט ביי דער פּאָעזיע. שעקספּירס ריטשאַרד און הויפטמאַנס קראַמער גיבן אַן אָריגינעלע אויסטייטשונג פון דעם קאַליקנס פּסיכאָלאָגיע. אָבער ס'איז אַ פראַגע, צי האָט ווער זיך געסטאַרעט מיט אַזאַ ליבשאַפט אַריינדרינגען אין דער נשמה פון אַ מענטשן אַ פּאַרזעניש, ווי הוגאָ. אָפּזוכן „אַ ווינקעלע נשמה, וועלכע איז ניט פאַרזונקען אין סטיקס" ביי אַ נפש, וואָס די פיגור גופא זיינע דערמאָנט וועגן גהינם,—אַזאַ אויפגאַבע האָט געזאָלט פאַרכאַפּן דעם אויטאָר, וועלכער האָט אין די סאַמע געוויינלעכע ערשיינונגען געזוכט די שפּורן פון אייביקן געטלעכן יסוד. אין דעם מיאוסן גוף ווערט אויך דער שכל אַטראָפירט. קוואַזימאָדאָ האָט קוים אין זיך געפילט די נשמה; זיין מוח האָט פאָרגעשטעלט עפּעס אַ באַזונדערע וועלט: אַלע געדאַנקען, וואָס זיינען דורך אים דורכגעגאַנגען, זיינען אַרויסגעקומען עפּעס צעבראָכענע און צעבייגטע. דעריבער האָט זיין מחשבה ניט געקאָנט זיין רעגלמעסיק. דערפון זיינען אומפאַרמיידלעך אַרויסגעקומען טויזנטער אָפּטישע טעותן, טויזנטער פאַרקריפּלטע אורטיילן, טויזנטער אַמאָל משוגענע, אַמאָל אידיאָטישע שפּרונגען פון זיין געדאַנק. דער ערשטער רעזולטאַט פון דערדאָזיקער אומגליקלעכער קאָנסטרוקציע פון זיין שכל איז געווען דאָס, וואָס ער האָט ניט געקענט געזונט און גלייך קוקן אויף זאַכן. די אַרומיקע זאַכן האָבן אויף אים כמעט קיין אוממיטלבאַרן איינדרוק ניט געמאַכט. די אויסערלעכע וועלט האָט אים אויסגעוויזן אַ סך מער דערווייטערט, איידער אונז געוויינלעכע מענטשן. דער צווייטער רעזולטאַט פון זיין מיאוסקייט איז געווען דאָס, וואָס זי האָט אים געמאַכט פאַר אַ שלעכטן. און ווירקלעך, ער איז געווען שלעכט, ווייל ער איז געווען אַ ווילדער, און ער איז

געווען ווילד, ווייל ער איז געווען אַ מיאוסקייט. פון זיינע ערשטע טריט אָן אויפן לעבנסוועג האָט ער לכתחילה אינסטינקטיוו געפילט און דערנאָך אויך קלאָר פאַרשטאַנען, אַז אַלע פאַראַכטן אים, שטויסן אים אָפּ, פילן צו אים אַ געפיל פון עקל. ווען ער איז אויסגעוואַקסן, האָט ער אַפילו ניט געזען אַרום זיך גאָרניט אויסער פאַראַכטונג און האַס. און ער האָט זיך באַשלאָסן צו ענטפערן מענטשן מיטן זעלבן געצאָלט; ער האָט גענומען דאָס געווער, מיט וועלכן מען האָט אים פאַרוואונדעט; ער איז געוואָרן אַ שלעכטער.

קוואַזימאָדאָ איז געווען ניט דער איינציקער מיט אַן איינזאַמער נשמה אונטער די סופיטן פון דער ריזיקער קירך. קלאָד פראָלאָ איז קינדווייז געווען אַ פלייסיקער, אומעטיקער און ערנסטער יינגל. ער האָט אויסגעמיטן חברים און ליב געהאַט דאָס לערנען. צו אַכצן יאָר איז ער שוין דורכגעגאַנגען אַלע פיר פאַקולטעטן. צו צוואַנציק יאָר איז ער מיט אַ באַזונדער ערלויבעניש פון דעם פויפּסט געוואָרן גלח און האָט געדינט אין איינעם פון די פליגלען פון דער קירך. צו 36 יאָר איז ער שוין געווען אַרכידיאַקאָן, אַן ערנסטער און אומפריינדלעכער כהן, וועלכער האָט משיג געווען אַלע קענטענישן, וועלכע זיינען צוטריטלעך פאַר מענטשן. צווישן אים און דער קירך איז אויך געווען עפּעס אַ געהיימע פאַרבינדונג. גאַנצענע שעהן פלעגט ער אָפּזיצן קעגן דער פאָליש, באַטראַכטן די שניצעכץ פון די פאַראַדנע אַריינגאַנג־טירן. אַמאָל ווי באַטראַכטנדיק די פיגורעס פון די נאַרישע מיידן, מיט זייערע אויף אַראָפּ פאַרוואָרפענע לעמפּלעך; אַמאָל—ווי אויספאָרשנדיק די פיגורעס פון די קלוגע מיידן, וועלכע האַלטן די לעמפּלעך גלייך פאַר זיך. צוויי אַזוי ווייניק ענלעכע איינער אויף דעם אַנדערן ברואים, ווי קלאָד און קוואַזימאָדאָ, זיינען גלייכצייטיק ביידע געווען פאַרליבט אין דעם בנין פון דער קירך, הגם מיט פאַרשיידענעם מין ליבשאַפט. איינער — ניט קיין גאַנצער מענטש, אַ ווילדער, — האָט דעם בנין ליב געהאַט פאַר זיין שיינקייט, פאַר דער שלאַנקייט, פאַר דער האַרמאָניע צווישן זיינע טיילן; דער צווייטער — אַ געלערנטער מענטש—פאַר זיין אינגערלעכן זינען, פאַר זיינע מיטען, פאַר זיין סימבאָליזם,—בקיצור, פאַר דער רעטעניש, וואָס ער שטעלט שטענדיק פאָר פאַר זיין שכל. דער אַסקעט און דער מיאוסער, דער מענטש, וואָס איז באַוואוסטזיניק אַוועק פון די ערדישע פריידן, און דער מענטש, וועלכן די נאַטור האָט אַרויסגעשטופּט פון לעבן — דאָס זיינען די צוויי העלדן, וועלכע זיינען פאַרליבט אין דעם בנין פון דער קירך. די נאַטור האָט זיך אַכזריש נוקם געווען פאַר דער אָפּווייכונג פון די נאַטירלעכע געזעצן, און ביידע, דער אַסקעט און דער מיאוסקייט, האָבן זיך

פאַרליבט אין עסמעראַלדען. זיי האָבן זי געליבט יעדער אויף זיין שטייגער. אין דעם גלח האָט זי אויפגעוועקט די חיה רעה, אין דעם קלינגער — דעם מענטשן. קוואַזימאָדאָ האָט זיך אויפן מאַרק געקאָרטשעט פון שרעקלעכע ווייטאָגן, אַ צוגעבונדענער צום שאַנד־סלופּ, לויט די געזעצן פון יענער צייט, צעהרגעט, געזידלט, אויסגעשפּעט און באַשפּייט פון דעם בייזן המון. קוואַזימאָדאָ האָט געבעטן, מען זאָל אים געבן צו שטילן דעם דאָרשט. אַ ווילדער אויסברוך פון געלעכטער, און אַ שוואָם אויסגעטונקט אין אַ בלאָטיקע לוזשע, געוואָרפן אים אין געזיכט — דאָס איז געווען דער ענטפער אויף זיין געבעט. אין דערדאָזיקער רגע איז די ציגיינערין שנעל מיט לייכטע טריט אַרויפגעלאָפן אויף דער ברוק און האָט אונטערגעטראָגן אַ קענדל צו דעם אומגליקלעכנס פאַרדאַרטע ליפּן. דעמאָלט האָט זיך אין דעמדאָזיקן אויג, וואָס איז שטענדיק געווען טרוקן און אַנטצונדן, באַוויזן אַ גרויסע טרער, וועלכע האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעקייקלט איבער דעם מיאוסן, פון בייזקייט און פון יאוש געענדערטן געזיכט. דאָס איז אפשר געווען די ערשטע טרער, וואָס דערדאָזיקער קלאָגעדיקער נפש האָט געלאָזט גיסן״. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן קוואַזימאָדאָס ליבע. אַנדערש האָט געליבט קלאָד פראָלאָ. ער האָט צוגעקוקט פון דער פענסטער פון זיין צעל, ווי זי האָט אויף דעם פּלאַץ, וואָס פאַר די פּאַליש, געטאַנצט אַ פּראָוואַנסאַלער סאַראַבאַנדע, און די געפילן, וועלכע ער האָט אין זיין נשמה געלאָשן יאָרנלאַנג, האָבן זיך אויפגעכאַפּט און געגעבן צו וויסן וועגן זיך. גאַנץ פּאַריז האָט זיך געשפּרייט צו זיינע פיס מיט טויזנטער שפּיצן פון אירע בנינים מיט איר האָריזאָנט פון גרינע לאָנקעס, מיט וואָלקנס רויך. אָבער אין דער גאָרער שטאָט האָט ער געזען נאָר איין קליינעם שטח, און דעם גאַנצן המון — נאָר איין געשטאַלט — דער ציגיינערינס.

עסמעראַלדאָ האָט ליב געהאַט דעם לייכטזיניקן קאַפּיטאַן פעב. קלאָד האָט אים מחמת קנאה דערלאַנגט מיט אַ מעסער, אין דעמדאָזיקן פאַרברעכן האָט מען באַשולדיקט די ציגיינערין; מען האָט זי געפּייניקט, און זי האָט זיך מודה געווען אין דעם, אין וואָס זי איז גאָרניט שולדיק געווען, און דידאָזיקע שיינהייט איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. קלאָד איז געווען צווישן אירע פּייניקער און האָט געזען אירע יסורים. ער איז אַריינגעדרונגען צו איר אין תפיסה און האָט איר דערציילט די געשיכטע פון זיין ליבע. אין זיין ווידוי הערט זיך אַמאָל די שטימע פון דער ערוואַכטער חיה, אַמאָל די אימה פון דעם מאָנאַך, וועלכער זעט אין זיין ליידנשאַפט דעם נצחון פון שטן. קוואַזימאָדאָ האָט זי אַרויסגעריסן ביי אירע פּייניקער פון די הענט און באַהאַלטן

אין דער קירך. דער באַוואוסטזיין, אַז זי איז דאָ אונטער איין דאַך מיט זיין ציל, האָט קלאָדן פאַרשאַפט גרייליכע יסורים. ער האָט זיך געקאָרטשעט אויף זיין געלעגער און קאָנוואולסיוו געדריקט די פויסטן. אַנדערש האָט געליבט קוואַזימאָדאָ. ער איז געווען איר גוטער מלאך. אַלע טאָג, ווען זי איז נאָך געשלאָפן, האָט אַ געהיימע האַנט איר געבראַכט עסן און טרינקען. פון אָוונט פלעגט זי הערן מיאוסע לידער, וואָס עס פלעגט זינגען אַ מיאוסע שטימע: דאָס האָט מען איר פאַרוויגט. איינמאָל אין דער פרי האָט זי געפונען בלומען ביי זיך אויפן פענסטער. דאָס האָט אַלץ געטאָן קוואַזימאָדאָ. ער איז געשלאָפן ביי איר טיר, ווי אַ הונט אויף דער וואַך. קלאָד האָט זי אַוועקגעשיקט צו דער טויט-שטראָף. פעב האָט אין דעם טאָג פון דער שטראָף צוזאַמען מיט זיין כלה געקוקט פון באַלקאָן אויף דער אומעטיקער פראָצעסיע. קוואַזימאָדאָ איז אין יענעם טאָג נעלם געוואָרן, און ערשט אין צוויי יאָר אַרום, ווען ס'איז צופעליק אויסגעקומען אָפצועפענען דער געטויטערס קבר, האָט מען איר סקעלעט געפונען אין די אָרעמס פון אַ צווייטן סקעלעט: „זיין חוט השדרה איז געווען אַן אויסגעקרימטער, דער קאָפּ איז געזעסן טיף צווישן זיי לאָפּעטקעס, און איין פוס איז געווען קירצער פאַר דער צווייטער. דער האַלז איז ניט געווען איבערגעבראָכן, אַ סימן, אַז דאָס איז ניט געווען קיין סקעלעט פון אַ געהאַנגענעם. דער מענטש, וואָס דער סקעלעט איז געווען זיינער, איז אַפנים אַליין געקומען אין דעם קעלער און איז דאָ געשטאָרבן. ווען מען האָט אים געוואָלט אָפּטיילן פון דעם סקעלעט, וועלכן ער האָט געהאַלטן אַרומגענומען, האָט ער זיך צעשאָטן אויף פּולווער".

אין דידאַזיקע בילדער איז פאַראַן אַפולע פאַנטאַסטישקייט, אָבער דווקא די דערוויטערטקייט פון צייט האָט דעם פּאָעט ערלויבט צו בלייבן אמתדיק אַפילו אין דער פאַנטאַזיע. אין דער היינטיקער סביבה וואָלט מען ניט געקאָנט געפינען דידאָזיקע וואונדערלעכע קאָליזיעס, דידאָזיקע צויבערלעכע לאַגעס. דער שכל און דער אַנאַליז וואָלטן אין דעם לעזער אָפּגעטויט דעם צוטרוי צו אומדערוואַרטע עפעקטן, ער וואָלט באַמערקט דעם פּאָעטס אָנגעצויגנקייט און צוגעטראַכטקייט. אָבער אויף דעם מרחק פון פיר יאָרהונדערטן ווייזן אַפילו גאָר זעלטענע און אויסשליסלעכע לאַגעס אויס פאַר מעגלעכע און וואַרשיינלעכע. פעב, וועלכע קוקט פון באַלקאָן, ווי מען הענגט עסמעראַלדען; דער ליבע-געשריי, וועלכער רייסט זיך אַרויס ביי דער ציגיינערין, וועלכע האָט זיך איבערגעגעבן דעם לייכטזיניקן עגאָאיסט מיטן גאַנצן האַרצן; עסמעראַלדעס פיינען, און די ליידן פון דעם מאָנאַך, וואָס איז דערביי, און איז

אויסער זיך פון שרעק און באַרוישנדיקער ליידנשאַפט; די גלייכגילטיקייט פון דעם המון און די ליידן פון דעם פּאָעט גרענגואַר; אַ רייע אַנדערע, ניט ווייניקער פאַנטאַסטישע לאַגעס, וועלכע געפינען זיך אויף דער גרעניץ צווישן דער ווירקלעכקייט און קאָשמאַר, — דאָס אַלץ האָט דעם פּאָעט געגעבן די מעגלעכקייט צו באַווייזן אַזעלכע אָפּגרונטן פון האַרצלאָזיקייט און אכזריות, אַזאַ טיפעניש פון מענטשנס צער, אַזעלכע גבורות פון זעלבסטאָפּפערונג און אַלטרואיזם, וועלכע ער וואָלט בשום אופן מיט אַזאַ קראַפט ניט געקענט אָפּשאַטירן אין אַ הייַנטיקער סביבה. אָנגעהויבן פון פולקומען אָפּזאָגן זיך פון לעבן, שוועבנדיק אין אַ וועלט פון לא היה ולאַ נברא, האָבן די ראָמאַנטיקער אין דער געשיכטע געפונען אַן אויסגאַנג פאַר זייערע פּאָעטישע טרוימערייען דעמאָלט, ווען די באַדערפעניש אומצוקערן זיך צוריק צו דער ערד האָט זיך געגעבן צו פילן אין זייערע נשמות. די געשיכטע האָט זיי אין דער היינטיקער גוט געדינט. זי איז ניט ווירקלעכקייט, אָבער אין דערזעלביקער צייט איז זי אויך ניט קיין אויסגעטראַכטע זאַך. זי האָט די ראָמאַנטיקער געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרהיטן זייערע ראָמאַנטישע מעטאָדן, און אין דערזעלביקער צייט טרייסטן זיך מיט דעם געדאַנק, אַז זיי זייַנען אַראָפּ פון הימל אויף דער ערד, אַז זיי האָבן זיך פון אַ ניט־עקסיסטירנדיקער וועלט אַריבערגעטראָגן אין דער עקסיסטירנדיקער. היסטאָרישע סוזשעטן — דאָס זייַנען געווען די ערשטע טריט צום רעאַליזם. זיי זייַנען געווען דער ערשטער סימפּטאָם פון אינטערעס צו דער ווירקלעכקייט, וועלכע האָט ערוואַכט ביי די ראָמאַנטיקער גופא. די קאַטעדראַל־קירך פון דער פּאַריזער גאָטס מוטער — דאָס איז דער גרעסטער דענקמאָל פון דעמדאָזיקן ראָמאַנטישן היסטאָריזם.

.XIII

„אומגליקלעכע“. — די אויפגאַבן, וואָס הוגאָ האָט זיך געשטעלט אין דעמדאָזיקן ראָמאַן. — דער פאַרברעכער זשאַן וואַלזשאַן, די פּראָסטיטוטקע פאַנטינאַ און דער פּאָליצײ־אויפזעער זשאַווער אַלס עלעמענטן פון דער הייַנטיקער סאָציאַלער אָרדענונג. — הוגאָס פּאָזיטיווע אידעאַלן. — מאָנסינאָר בענוועניו און מער מאַרלען. — די דראַמאַטישע פאָרם. — די הקדמה צו „קראָמוועלן“. — „ערנאַני“. — הוגאָס דראַמען.

די קאַטעדראַל־קירך פון פּאַריזער גאָטס מוטער איז אַרויס אין 1831 יאָר, די אומגליקלעכע (Les Misérables) — אין 1862 יאָר. בשעת הוגאָ האָט געשאַפן זיין מיטלאַלטערישע עפּאָפּעע, איז ער געווען אַ דרייסיק־

יאָריקער מאַן, בשעת ער האָט געענדיקט זיין לאַנגע געשיכטע וועגן דעם העלד פון היינטיקער צייט, איז ער שוין געווען אַ זעכציקיאָריקער זקן. אויב אין דעם ערשטן ראָמאַן זיינען מער פאַרהאַן מאָטיוון פונם ראָמאַנטישן אוניווערסאַליזם, האָבן זיך אין הוגאָס שפּעטערדיקע ווערק אָפּגעשפּיגלט די הומאַנישע און סאָציאַלע וואונטשן פון דער עפּאָכע. אין דעם ערשטן ראָמאַן האָבן מיר פאַר זיך אַ שפּאַנענדיקע זייט פון דער געשיכטע, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך, ווי אַ טראָפּן, אָפּ די באַוועגונג פון דעם וועלט־לעבן. אין דעם צווייטן — דאָס זעלבע וועלט־לעבן, וועלכע איז אָפּגעשפּיגלט אין טרערן פון די אומגליקלעכע, וואָס דאָס לעבן האָט זיי אַרויסגעשטופּט פון דעם גבול. אויב די קאַטעדראַל־קירכע איז אַ דענקמאָל פונם ראָמאַנטישן היסטאָריזם, זיינען די אומגליקלעכע — אַ פּאָעטישער פּראָדוקט פון ראָמאַנטישן סאָציאַליזם. „כל זמן, — זאָגט דער אויטאָר אין דער הקדמה, — עס וועט מיט דער קראַפט פון די געזעצן און מנהגים עקזיסטירן די סאָציאַלע קללה, וועלכע באַשאַפט קינסטלעך אַ גהינום אינמיטן דער בליאונג פון דער ציוויליזאַציע, וועלכע פאַרשווערקט די געטלעכע השגחה דורך דער בייזער מענטשלעכער השגחה, כל זמן עס וועלן ניט געלייזט ווערן די דריי פּראָבלעמען פון אונזער צייט: די דערנידערונג פון דעם מענטשן דורך זיין פּראָלעטאַרישן צושטאַנד, דאָס פאַלן פון דער פרוי מחמת הונגער, די אַטראָפיע פון קינדער, כל זמן אין געוויסע לענדער איז מעגלעך סאָציאַלע אַטאָרפיע, מיט איין וואָרט — כל זמן עס איז מעגלעך אָרעמקייט און אומוויסנהייט, זיינען ביכער פון דעם מין ניט אומנוצלעך". די ראָמאַנטישע קריטיק האָט אַליין אין דעמדאָזיקן ראָמאַן געפילט אַן אָפּזאָגן זיך פון די אידעאַלן פון ריינער, ליידנשאַפטלאָזיקער קונסט. אין אַ בריוו צו הוגאָ האָט לאַמאַרטין געמאָלדן, אַז ער איז אַנטציקט פון די שיינקייטן פון דעם ראָמאַן, אָבער ער האָט עגמת־נפש פון זיין טענדענץ. די געזעלשאַפט איז הייליק, מחמת זי איז געטלעך, הגם זי איז ניט פולקום, ווייל זי איז געשאַפן דורך מענטשן. די הייסע און ראַדיקאַלע קריטיק פון דער געזעלשאַפט, וואָס געפינט זיך אין הוגאָס ראָמאַן, האָט, לויט לאַמאַרטינס מיינונג, צעשטערט די הייליקע יסודות. הוגאָ האָט געענטפערט דעם אַנטציקטן פאַרערער פון זיין טאַלאַנט: — אויב דאָס אידעאַלישע איז ראַדיקאַל, בין איך, יאָ — אַ ראַדיקאַל. יאָ, איך בין מודה, איך פאָדער, איך וויל דאָס בעסטע אין אַלץ. דאָס בעסטע איז ניט קיין שונא. עס איז אַ שונא — פונם בייז. יאָ, די געזעלשאַפט, וועלכע דערלאָזט צו אָרעמקייט... יאָ, די מענטשהייט, וועלכע דערלאָזט צו מלחמה, זיינען אַ געזעלשאַפט און אַ מענטשהייט פון אַ נידעריקערער מדרגה... איך וויל, דער אייגנטום זאָל

זיין אַן אַלגעמיינער, און דאָס איז ניט דאָסזעלבע, וואָס מבטל מאַכן אים, איך וויל פאַרניכטן פּאַראַזיטיזם; יעדער וועט זיין אַן אייגנטימער, קיינער וועט ניט זיין קיין באַלעבאָס. דאָס איז מיין סאָציאַלע עקאָנאָמיע. און אויב דער ציל איז וויט איז דאָס ניט קיין טעם, אָפּצוזאָגן זיך פון גיין צו אים. אויף וויפל דעם מענטשן איז ערלויבט צו וועלן, פאַרלאַנג איך חרוב צו מאַכן די פון מענטשן באַשאַפענע פאַטאַלע פּאָראויסבאַשטימונג. איך פאַראורטייל שקלאַפעריי, פאַרפאָלג שנאָרעריי, איך לערן די אומוויסנהייט, פאָרש אויס די קראַנקייט, באַלייכט די נאַכט, פאַרהאַס די נשמה. אַזעלכער בין איך, און אָט פאַרוואָס איך האָב אָנגעשריבן די אומגליקלעכע — אַ בוך, וואָס זיין יסוד איז — ברודערשאַפט, און זיין ציל — פּראָגרעס".

דער העלד פון ראָמאַן איז — זשאַן-וואַלזשאַן. ער איז אַלט געווען 25 יאָר, ווען ביי אים אויף די הענט איז פאַרבליבן אַ שוועסטער מיט אירע זיבן קינדער. ער איז געווען אָנשטאָט אַ פאָטער. זיין יוגנט איז אַדורך אין שווערער און אומדאַנקבאַרער פּראַצע. עס איז איז געווען אַ שווערער ווינטער. זשאַן איז פאַרבליבן אָן אַרבעט, די משפחה — אָן ברויט. זשאַן האָט מיטן פויסט צעבראָכן אַ פענסטער אין אַ בעקעריי, געכאַפּט אַ לאַבן ברויט און אַנטלאָפן. מען האָט אים געמשפּט „פאַר גנבה מיט אַן איינבערעכונג ביידערנאַכט פון אַ באַזעסענער דירה" און פאַרמשפט אויף פינף יאָר קאַטאָרגע. דער האַמער, וואָס האָט פאַרניטעוועט דעם ברעג פון זיין האַלז-קייט, האָט געקלאַפט איבערן קאָפּ פונם יאָמערדיקן פאַרברעכער אין דעמזעלבן טאָג, ווען פּאַריז איז פאַרהילכט געוואָרן פון די פריידנגעשרייען, וואָס עס האָט געשריען דאָס יובלענדיקע פאָלק, פייערנדיק באָנאַפּאַרטס נצחון ביי מאָנטענאָט. מען האָט אים געבראַכט קיין טולאָן צוגעשמידט מיטן האַלז צו אַ וועגל. ער האָט אויפגעהערט צו זיין זשאַן-וואַלזשאַן און איז געוואָרן נומער 24601. וועגן די קרובים האָט ער געהערט נאָר איין מאָל. עמיצער האָט געזען זיין שוועסטער, מיט איר איז געווען איין קינד. וואו זיינען געווען די איבעריקע זעקס? זי האָט עס, מסתמא, אַליין ניט געוואוסט. ער האָט זיך עטלעכע מאָל געפּרווט אַנטלויפן. מען האָט אים געכאַפּט, און יעדער מאָל פאַרגרעסערט דעם טערמין פון שטראָף, ביז ער האָט דערגרייכט ניינצן יאָר. אַרויסגעלאָזן האָט מען אים אין 1815, אַריינגעזעצט אין 1796 דערפאַר, וואָס ער האָט אויסגעבראָכן אַ שויב און געגנבעט אַ ברויט. זשאַן-וואַלזשאַן איז אַריין אין תפיסה יאָמערנדיק און פלאַטערנדיק; אַרויס איז ער פון איר אַן אייזערנער. אַריין איז ער מיט יאוש, אַרויס אַ פינסטערער. וואָס איז אַדורך איבער זיין נשמה? אונטערן שטעקן און קייטן האָט

ער אָנגעהויבן אורטיילן. פריער פאַר אַלץ האָט ער זיך גופא באַשולדיקט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ משוגענע זאַך, אַז הונגער באַרעכטיקט ניט קיין פאַרברעכן, אַז ווען ער וואָלט געבעטן, וואָלט מען אים ניט אָנטזאָגט אין אַ שטיקל ברויט. אָבער נאָכדעם האָט ער זיך געפרעגט: צי איז ער איינער שולדיק אין זיין ביטערן מזל? צי איז, ערשטנס, אַ יושר, אַז ער, אַן אַרבעטס־מענטש, זאָל ניט האָבן קיין אַרבעט? צווייטנס, צי איז ניט צופיל אַכזריש די שטראָף, וואָס ער האָט באַקומען? צי האָט אפשר דער געזעץ מיט זיין שטראָף ניט געבראַכט מער שאָדן, איידער ער דער פאַרברעכער מיט זיין פאַרברעכן? צי ציט אָפּטמאָל ניט צופיל אַריבער די שאָל, אויף וועלכער עס ליגט די אויסלייזונג פאַר דער זינד? צי ווערט די זינד ניט אַ מאָל אָפּגעמעקט דורך דער צו גרויסער שטראָף, און אפשר וואָלט מען געדאַרפט, צוליב דערדאָזיקער ניט גלייכקייט, טאָן פאַרקערט: אויפן אָרט פונם פאַרברעכער אוועקשטעלן דעם געזעץ, אָנערקענען דעם פאַרמשפּטן פאַר אַ קרבן, מיט איין וואָרט, — אָנערקענען, אַז גערעכט איז דווקא דער צד, וועלכער האָט דאָס רעכט צעשטערט? לסוף, צי איז די שטראָף מיט די הוספות פאַר יעדן פּרווו צו אַנטלויפן ניט אַ פאַרמעסטונג אויף דעם לעבן פון שוואַכן, אַ פאַרברעכן מצד דער געזעלשאַפט לגבי דער פּערזענלעכקייט, — אַ פאַרברעכן, וואָס ווערט טאָג איין טאָג אויס באַגאַנגען אין משך פונם 19־טן יאָרהונדערט? געלייזט דידאָזיקע אַלע פראַגן, האָט ער פאַרמשפּט די געזעלשאַפט, באַשולדיקט זי אין זיין אומגליקלעכן מזל און באַשלאָסן מיט איר אָפּצורעכענען זיך ביי דער ערשטער באַגעגעניש. דער אַמאָל אונטערגעגעבענער אַרבעטער איז געוואָרן אַ פאַרברעכער.

אַזוי אַנטוויקלען זיך פאַרברעכער.

פאַנטינע איז געווען איינע פון יענע נפשות, וואָס בליען, אַזוי צו זאָגן, אין האַרצן פון פאָלק. צו צען יאָר האָט פאַנטינע פאַרלאָזן איר געבורטשטאָט און איז אַוועק דינען ביי די אַרומיקע פערמערס. אירע עלטערן האָט זי קיינמאָל ניט געקענט. צו פופצן יאָר איז זי געקומען קיין פאַריז זוכן גליק. פאַנטינע איז געווען זייער אַ שיינע און האָט זיך געסטאַרעט פאַרבלייבן אַ ריינע וואָס לענגער. זי האָט געאַרבעט, כדי צו האָבן פונוואַנען צו לעבן. נאָכדעם האָט זי זיך אויך פאַרליבט כדי צו האָבן, ווי צו לעבן, מחמת אויך דאָס האַרץ פילט הונגער. זי האָט זיך פאַרליבט. פאַר אים איז עס געווען אַ ליבע־אינטריגעלע, פאַר איר — ליידנשאַפט. די גאַסן פון לאַטייַנישן קוואַרטאַל, פול מיט סטודענטן, האָבן געזען דעם אָנהייב פון דעמדאָזיקן חלום. צוויי יאָר איז זי געווען גליק־

לעך. נאָכדעם האָט ער זי אַוועקגעוואָרפן, צווישן אָרגיעס, שפּאַסנדיק און שפּילנדיק, פאַרוואַנדלט די שיידונג גופא אין אַ פריילעכן עפּיזאָד, — ער האָט זי אַוועקגעוואָרפן, מחמת „פאַר דעם פאָטערלאַנד איז נייטיק געווען, אַז ער זאָל ווערן אַ פּרעפעקט, אַ פאָטער פון אַ משפּחה, אַ יועץ אין דער מלוכה". ביי איר איז געבליבן אַ קינד. זי האָט עס אַוועקגעגעבן צו פרעמדע מענטשן, און אַליין צוריקגעקערט זיך אַהיים. זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּרויען־וואַרשטאַט פון אַ גרויסער פאַבריק. זי האָט ערלעך געאַרבעט און אָפּגעשיקט איר גאַנץ פאַרדינסט צו די געוויסנלאָזע פרעמדע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַלטן איר קליינע טאָכטער, און פון חודש צו חודש אַרויסגעשטעלט גרעסערע פאָדערונגען. זי איז געווען אַ שיינע, און האָט געהאַט שונאים צווישן די חברטעס אין וואַרשטאַט. זי האָט ניט געקענט קעמפן קעגן אינטריגעס, און מען האָט איר אָפּגעזאָגט פון פאַבריק. זי האָט פאַרקויפט אירע האָר, אירע וואונדערלעכע בלאָנדע האָר, וואָס האָבן געגרייכט ביז דער טאַליע. „מיין קינד איז שוין ניט קאַלט, — האָט זי געטראַכט, — איך האָב עס אָנגעטאָן אין מיינע האָר". זי האָט אַ טעות געהאַט. די, ביי וועלכע זי האָט איבערגעלאָזן דאָס קינד, האָבן איר געלט אויסגעגעבן אויף זיך. ווען זיי האָבן אָנגעזאָגט וועגן דער מיידעלעס קראַנקהייט און געבעטן 40 פראַנק, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז אַזוי פיל האָט מען איר פאָרגעלייגט פאַר אירע פאָדערשטע צוויי ציינער. אינדערפרי, ווען צו איר איז געקומען איר חברטע, האָט איר פאַנטינע באַוויזן צוויי גלאַנצנדיקע גאָלדענע מטבעות. „וואו האָט איר בעקראָגן דאָס גאָלד? — איך האָב געקראָגן..." — האָט פאַנטינע געענטפערט און אַ שמייכל געטאָן. דאָס ליכט האָט באַלויכטן איר געזיכט. ס'איז געווען אַ שיינער שמייכל; רויטלעכע שפּייעכץ האָט באַנעצט די ווינקלען פון די ליפּן, און אין מויל איז געווען אַ שוואַרצע לאָך. מען האָט זי פון ס'ניי אָפּגענאַרט: איר טאָכטער איז גאָרניט קראַנק געווען. אָבער איינמאָל האָט זי באַקומען אַ בריוו, אין וועלכן מען האָט איר געדראָט, אַז מען וועט אַרויסטרייבן איר טאָכטער אויפן גאַס, אויב זי וועט ניט אַרויסשיקן קיין הונדערט פראַנק. „מירן פאַרקויפן דאָס לעצטע!" — האָט זי געזאָגט.

אַזוי ווערן זונות.

מיט אַ האַלבן הונדערט יאָר, איידער עס זיינען געמאַכט געוואָרן די אויספירן פון דער היינטיקער סטאַטיסטיק, האָט הוגאָ דורך פאַנטינעס רירנדיקן געשטאַלט בעזאָגט דעם פּשוטן אמת, אַז הונגער און אָרעמקייט זיינען די הויפּטקוועלן, פון וועלכע עס אַנטוויקלט זיך די פּראָסטיטוציע. דאָס לעבן און

די סאָציאַלע אָרדענונג האָבן פאַנטינען געזאָגט זייער לעצט וואָרט, ווי זיי האָבן ס'דאָזיקע וואָרט געזאָגט וואַלזשאַנען.

זשאַן־וואַלזשאַן און פאַנטינע, די דאָזיקע צוויי קרבנות פון דער שלעכטער סאָציאַלער אָרדענונג, די קרבנות פון די צוויי ניט געלייזטע סאָציאַלע פּראָבלעמען פון די דריי, וואָס דער אויטאָר האָט אָנגעמערקט,—האָבן זיך באַגעגנט ביי משונהדיקע אומשטענדן. עפּעס פריילעכע יונגעלייט האָט זיך פאַרגעלוסט צו פאַרווײַלן זיך, און זיי האָבן אין גאַס אָנגעלייגט שניי אויפן רוקן דער ערשטער פרוי וואָס איז זיי געקומען אַנטקעגן. די דאָזיקע פרוי איז געווען פאַנטינע. אַן אויסגעפייניקטע און אַ מידע, האָט זי ניט געקענט אַריבערטראָגן די דאָזיקע נייע אומזיסטע באַליידיקונג, וואָס די געזעלשאַפט האָט איר געמאַכט דורך אירע ליבלינגס. זי האָט אַרויסגעלאָזן עפּעס אַ ברום, אַ שפּרונג געטאָן, ווי אַ פאַנטערע, אַ וואָרף געטאָן זיך אויפן פראַנט און איינגעצעפּעט זיך אים מיט די נעגל אין געזיכט. דער פּאָליציי־אויפזעער זשאַווער איז געווען אַ מאַן פון פליכט. ער האָט הייליק געהאַלטן די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וועלכע ער איז געווען באַרופן אָפּצוהיטן. ער איז געווען ערלעך ביז העלדנשאַפט, און טעמפּ ביז אידיאָטיזם. אורטיילן און קריטיקירן וואָלט פאַר אים געווען אַ חלול הקודש. פאַר אים האָבן ניט עקסיסטירט קיין מענטשן, ניט געווען קיין קאָמפּליצירטע אינדיווידואומען מיט רייכער פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער אינערלעכער וועלט. ער האָט געקענט צוויי קאַטעגאָריעס מענטשן: פרידלעכע בירגער, וואָס בילדן די געזעלשאַפט, און אָפּוואורף, וואָס איז פיינדלעך צו דער געזעלשאַפט, וואָס שטערן די אָרדענונג. זיין פּאָליציייִשער שכל, וואָס איז געווען מוסטערהאַפט דיסציפּלינירט, האָט זיך קיין אַנדערע קאַטעגאָריעס ניט געקענט פאָרשטעלן. ער האָט געהאַלטן פאַר זיין הייליקן חוב אָפּצוהיטן די ערשטע, און פירן אַן אומרחמנותדיקע מלחמה מיט די צווייטע. פאַר אים איז דאָס לעבן ניט געווען קיין אייביקע באַוועגונג, און די געזעלשאַפט—קיין לעבעדיקער, זיך אַנטוויקלענדיקער אָרגאַניזם. פאַר אים זיינען עס געווען פאַרגליווערטע פאָרמען, וואָס ביי זיי אויף דער וואַך איז ער געשטאַנען, ווי אַ געטרייער הונט. יעדער פּרוּוו אָנצופאַלן אויף זיי האָט ער געהאַלטן פאַר אַ נבלה. די בורזשואַזע אָרדענונג, וועלכע איז געגרינדעט אויף דריקן דעם פּראָלעטאַריאַט, נייטיקט זיך אין אַ באַזונדער טיפּ משגיחים, קאַלטע און קלאָרע, ווי די שורות פון אַ וועקסל, אין וועלכע עס איז אָפט פאַרבאָרגן אַ ניט אויסדערציילטע טראַגעדיע. די בורזשואַזיע שאַפט די נייע וועלט לויט איר אייגענעם געשטאַלט. זי האָט איבערגעבויט אַלע באַציאונגען, זי האָט

אויך פון די מאַכטס־פאַרשטייער געמאַכט פאַר זיך טרייע משרתים. זשאַוועך איז אַ געשטאַלט, באַשאַפן פון געניאַלן קינסטלער, וואָס פאַרפּיקסירט אומבאַ־וואוסטזיניק די בולסטסטע מענטשן פון זיין עפּאָכע. זשאַוועך איז געווען דער שומר פון דער געזעלשאַפט, — און אין פּאָליציי־ביוראָ האָבן זיך אַלס שול־דיקע אַרויסגעוויזן ניט די כוליגאַנעס, נאָר פאַנטינע. דאָ האָט זי דערזען דעם הער מער אַליין. דאָס איז געווען דער אייגנטימער פון דער פאַבריק, אין וועלכער מען האָט איר פאַרשאַפט אַזוי פיל ליידן. אימה און צאָרן האָבן זי באַהערשט, ווען זי האָט דערזען דעם שולדיקן אין אירע אומגליקן. זי האָט אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים. אירע שטאַמלענדיקע רייד—איז אַ נאַאיוועך, נאָר צוליב דער נאַאיווקייט גופא אַ פיין אויסגעדריקטער פּראָטעסט קעגן דער סאָציאַלער פאַלשקייט. „ער האָט מיך אַרויסגעטריבן צוליב די רכילות פון די אַרבעטערינס. דאָס איז דען ניט שרעקלעך? אַרויסטרייבן אַן אָרעמע פלייסיק־אַרבעטנדיקע מיידל! איך האָב דעמאָלט אָנגעהויבן פאַרדינען צו ווייניק, און דאָס אומגליק איז אויף מיר געקומען. ס'וואָלט ניט שאָדן, אַז די הערן פּאָ־ליציי־באַאַמטע זאָלן איינפירן אַן אויסבעסערונג: זיי וואָלטן געדאַרפט פאַר־באָטן די פאַדראַטשיקעס צו שאָדן אָרעמע מענטשן. איך וועל עס אייך באַלד דערקלערן. זעט איר, איר פאַרדינט צוועלף סו אַ טאָג דורך נייען העמדלעך, פּלוצלונג פאַלט דער פּרייז ביז ניין סו — אָט האָט איר שוין ניט פונוואַנען צו לעבן. נו, ווערט מען, וואָס מען קען. און איך האָב געהאַט אַ קליינינקע קאָזעטע, האָב איך געמוזט ווערן אַ שלעכטע פרוי. איצט פאַרשטייט איר, אַז דערדאָזיקער רוצח, דער מער, איז שולדיק אין אַלץ? אין דערדאָזיקער אָפּ־געריסענער רעדע איז פאַרהאַן די גאַנצע געשיכטע פון דעם פּראָלעטאַריאַט, פון זיינע מאַנסביל, וועלכע זיינען פאַרמשפּט אויף אָרעמקייט און פאַרברעכנס, פון זיינע פרויען, וועלכע זיינען פאַרמשפּט אויף פּראָסטיטוציע, פון זיינע קינדער, וועלכע זיינען פאַרמשפּט אויף שווערע אַרבעט, אָן משפּחה, אָן מאַ־מעס לאַסקע. אַלע דריי פּראָבלעמען זיינען באַלויכטן: דער גורל פון דער קליינער קאָזעטע, וועלכע אַרבעט איבער די קרעפטן ביי פרעמדע מענטשן, דערפילט די געשיכטע פון וואַלזשאַנען און פאַנטינע.

פאַנטינע האָט געהאַט אַ טעות. דער מער איז ניט געווען שולדיק אין איר אומגליק. דער מער איז געווען זשאַן־וואַלזשאַן. ביי דער פאַרפּלאָנטערט־קייט און דער קאָמפּליצירטקייט פון די היינטיקע באַציאונגען זיינען אַזעלכע פאַרוואַנדלונגען געווען מעגלעך. מיר וועלן דעם אויטאָר מוחל זיין דעמדאָזיקן בייעם אומגעווייִנלעכן צופאַל און וועלן זיך באַנוגענען מיט דער דערקלערונג,

אַז בײַ דער דעמאָלט הערשנדיקער קאָנקורענץ, בײַ דער גרויסער באַדײַטונג פון דער ענערגיע און דער ערפינדערישקייט, איז קיינער ניט געבליבן אָן האָפענונג אַרויפצואַרבעטן זיך פון די אונטערשטע מדרגות פון געזעלשאַפטלעכן לייטער אויף אירע שפּיצן און פון דאָרטן אַראָפּוואַרפן אויף זייערע ערטער די פריערדיקע גליקלעכע. לאָמיר שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז הוגאָ קוקט אויפן לעבן און אויף דער נאַטור מיט באַזונדערע אויגן. ער פאַרדרייט ניט די פאַקטן, נאָר ער באַלײַכט זיי מיט אַ באַזונדער שײַן. אין דערדאָזיקער באַלײַכטונג איז ניטאָ קיין איינפאַכקייט און קיין נאַטירלעכקייט, דערפאַר אָבער איז פאַרהאַן בלענדנדיקע העלקייט, און פאַר דערדאָזיקער פאַנטאַסטישער שײַן נעמט דער אמת אָפט אָן אַזעלכע שאַרפע פאָרמען, וואָס ער וואָלט בײַ אַ געוויינלעכער באַלײַכטונג ניט געקענט אָננעמען. די גרויסע שאָטנס, וואָס די געגנשטאַנדן וואַרפן פאַר דער וואַקלדיקער שײַן פון שײַטערהויפן, שטרײַכן אָפטמאָל אונטער כאַראַקטעריסטישע באַזונדערהייטן פון דידאָזיקע קעגנשטאַנדן בולטער, איידער קעגנשטאַנדן גופא. זשאַן-וואַלזשאַנס פאַרוואַנדלונג איז איינע פון דעמדאָזיקן מין צויבערלעכע אָפּשײַנונגען. אין דער געשיכטע פון דערדאָזיקער פאַרוואַנדלונג האָט דער פּאָעט אָפּגעדעקט זײַן פּאָזיטיווע וועלט-אָנשויאונג, ווי זאָל אויסגעבעסערט ווערן דאָס שלעכטס, וואָס הערשט אויף דער ערד? אין פאַנטינעס און וואַלזשאַנס געשיכטע זײַנען אַנטפּלעקט די סיבות און דער מקור פונם שלעכטס. אין זשאַווערס פּערזאָן זײַנען אויסגעמאָלט די, וואָס האַלטן אונטער דאָס שלעכטס. אין דעם מער מאַדלענס פּערזאָן, וואָס זײַן פאַרמעגן און עשירות האָבן אַראָפּגעשווענקט זײַן עבר אַלס קאַטאָרזשניק, האָט הוגאָ אַרויסגעפירט יענע, אויף וועמען ער האָט אַרויפגעלייגט די מיסיע פון געזעלשאַפטלעכער באַנײַאונג, וועלכע עס זײַנען געווען די טרעגער פון די אידעאַלן פון גוטס. די פאַרוואַנדלונג פון וואַלזשאַן אין מער מאַדלען איז נאָר די אויסערלעכע ענדערונג פון זײַן גורל. פיל באַדײַטנדיקער איז געווען די צווייטע, די אינערלעכע פאַרוואַנדלונג. דער בייזער שונא פון דער געזעלשאַפט איז געוואָרן אַ גרויסער פילאַנטראָפּ. דער אומוויסנדיקער אַרבעטער, דער פאַרביטערטער קאַטאָרזשניק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרשטאַנדיקן האַרצנקענער, וועלכער האָט באַגריפן דעם זינען פון דער שלעכטער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, די טיפעניש פון די מענטשלעכע ליידן, די נישטיקייט פון עשירות און פון כבוד. דידאָזיקע ווידערגעבורט פון מענטשנס נשמה איז פאָרגעקומען אַ דאַנק נאָר איין באַגעגעניש, איין גוטן וואָרט. דאָס קענדל וואַסער, וואָס מ'האָט דערלאַנגט קוואַזימאָדאָן, האָט אין דעם איינציקן אויג פונם

פאַרזעעניש אַרויסגערופן די ערשטע טרער; דער גוטער טאַט פון מאָנסיניאָר בענוועניו האָט דעם קאַטאָרזשניק פאַרוואַנדלט אין אַ פילאַנטראָפּ און אַ נוצלעכן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט. ווען זשאַן-וואַלזשאַן איז אַרויס פון תפיסה, האָט ער אַ הונגעריקער און אַ מידער אומזיסט געזוכט נאַכטלעגער. קיינער האָט צו זיך ניט אַריינגעלאָזן דעם געוועזענעם קאַטאָרזשניק אפילו פאַר געלט. ער האָט זיך געלייגט אויף אַ קופּע שטיינער, אַ דערפראָרענער, אַן אויסגעמאַטערטער. עפּעס אַן אַלטע האָט אים אַרויסגעוויזן איר מיטלייד. ער האָט איר דערציילט וועגן זיין ביטערן גורל: ער האָט אומעטום געקלאַפּט, מען האָט אים ערגעץ ניט אויפגענומען. „און אין יענער טיר האָט איר אָנגעקלאַפּט?" — האָט די אַלטע געפרעגט. „ניין". — „טאָ קלאַפּט אָן". דאָס איז געווען די טיר צום מאָנסיניאָר ביענוועניו. זשאַן האָט אָנגעקלאַפּט און ניט אומזיסט.

מאָנסיניאָר ביענוועניו איז אַ מאָדנער עפּיסקאָפּ. פון די 15,000 ליווער יערלעכן געהאַלט, לאָזט ער פאַר זיך איבער נאָר 1000, דאָס איבעריקע צעטיילט ער צווישן די צדקה-חברות או אָרעמעלייט. ער פלעגט נעמען פאַר פּריידיקן, פאַר ווידוי, חתונות און אַז. וו., נאָר גענומען האָט ער ביי רייכע, כדי אַוועקצוגעבן אָרעמע. רייכע און אָרעמע האָבן געקלאַפּט אין זיין טיר: אייניקע זיינען געקומען נעמען, אַנדערע—געבן נדבות. ער איז געוואָרן דער קאַסיר פון אַלע צדקות און פון אַלע נייטן. גרויסע סומעס פלעגן דורכגיין דורך זיינע הענט, אָבער קיין זאַך האָט אים ניט געקאָנט ברענגען דערצו, ער זאָל ענדערן זיין אַרט לעבן און פאַרגרעסערן זיינע הוצאות עטוואָס מער, איידער אויף דאָס סאַמע נייטיקסטע. דער איינציקער לוקסוס, וואָס ער האָט זיך ערלויבט אַלס עפּיסקאָפּ—זיינען געווען זילבערנע לייכטער און זילבערן געפּעס. דער עפּיסקאָפּ האָט ניט געהאַט קיין טבע צו פרעגן ביי די, וואָס זיינען צו אים געקומען, ווי מען רופט זיי. זיין באַגעגעניש מיט וואַלזשאַנען, די ווירקונג, וואָס אויף דעם קאַטאָרזשניק האָט געמאַכט דעם עפּיסקאָפּס ווענדן זיך צו אים בלשון „מיין הער", בכלל דאָס גאַנצע בילד פון דעם פאַרגליווערטן אייז, וואָס הייבט אָן צו שמעלצן אונטער די שטראַלן פון ליבע און און אַכטונג צו דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט,—דאָס איז בלי ספק איינע פון די שענסטע זייטן אין דעם ראָמאַן, ניט געקוקט אויף די געקינצלטקייט פון באַזונדערע סצענעס, אויף דער געוויסער זיסקייט אין דער צייכענונג פון דעם עפּיסקאָפּס כאַראַקטער. אָבער דאָס האַרץ, וואָס איז פאַרביטערט און פאַרזונקען אין שנאה צו דער מענטשהייט, גיט זיך ניט אַזוי לייכט אונטער דער ווירקונג פון גוטס.

וואלזשאַן האָט שלעכט אָפּגעדאַנקט דעם עפּיסקאָפּ. ביידערנאַכט האָט ער זיך אַריינגעשלייכט צו אים אין צימער, צוגעגנבעט זיין זילבער און איז נעלם געוואָרן. ווען די זשאַנדאַרמען האָבן אינדערפרי געבראַכט דעם גנב, און דער עפּיסקאָפּ האָט זיי געמאָלדן, אַז ער אַליין האָט דעם אַרעסטירטן געשענקט דאָס זילבער, האָט זשאַן „אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַזאַ אויסדרוק, וואָס, קיין מענטשלעכע שפּראַך איז ניט אימשטאַנד עס איבערצוגעבן". און אַז די זשאַנדאַרמען זיינען אַוועק, איז מאָנסיניאָר ביענוועניו צוגעגאַנגען צו דעם צע־מישטן קאַטאָרזשניק, און געזאָגט: „זשאַן וואַלזשאַן, ברודער מיינער, פון דער רגע אָן געהערט איר שוין ניט צו דער שלעכטס, נאָר צו דער גוטס. איך האָב ביי אייך געקויפט אייער נשמה. איך רייס זי אַרויס ביי די שוואַרצע געדאַנקען און ביי די מלאכי חבלה, און גיב זי איבער צו גאָט". די געזעל־שאַפט האָט ביינצן יאָר זיך געמיט, כּדי צו מאַכן פון ערלעכן אַרבעטער אַ שלעכטן מענטש, מאָנסיניאָר ביענוועניו האָט פון דעם פאַרברעכער פאַר איין טאָג געמאַכט אַ מענטש. זשאַן וואַלזשאַן איז געשטאָרבן, עס איז גע־בוירען געוואָרן דער מער מאַדלען. די אויפריכטונג פון אַ גאַנצער געגנט, אָפּגעווישטע יתומישע טרערן, טויזנטער מענטשנס גליק, דער פינקטלעכער צופלוס פון שטייערן אין דעם קאַנט, וואו וואַלזשאַן האָט זיך באַזעצט,—דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם עפּיסקאָפּס קלוגן טאַט. ער האָט מקריב געווען זילבערנע כּלים, און—אָפּגעווישט שטרומען טרערן, באַזייטיקט פּיינען און ליידן. אַזאַ איז די ראָמאַנטישע סאָציאָלאָגיע. „אויב אין דער נאַכט פון 17 אויפן 18 יוני 1815 יאָר (דאָס איז די נאַכט פון וואַטערלאָאָער שלאַכט), — זאָגט הוגאָ אין דעמזעלביקן ראָמאַן, — וואָלט ניט געגאַנגען קיין רעגן, וואָלט דער גורל פון אייראָפּע געווען אַן אַנדערער. עטלעכע טראָפּנס וואַסער האָבן געלאָזט נאַפּאָלעאָנען בויגן זיך. די וואָלקנס, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען איבערן הימל ניט אין דער אַנטשפּרעכנדיקער צייט פון יאָר, האָבן געקלעקט חרוב צו מאַכן די וועלט". אַזאַ איז די ראָמאַנטישע סטראַטעגיע. דעם עפּיסקאָפּס זיל־בערנע לייכטער, וועלכע דערהויבן דעם מאַטעריעלן און דעם גייסטיקן צו־שטאַנד פון אַ גאַנצער געגנט, זיינען ניט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש פאַר הוגאָס וועלטאָנשויאונג, איידער די רעגנטראָפּנס, וועלכע באַשטימען דעם גורל פון אייראָפּע. די באַזונדערהייט פון דער ראָמאַנטישער סאָציאָלאָגיע באַשטייט אין דעם, וואָס זי נעמט די פאַנטאַזיע אַלס מיטל צו לייזן סאָציאַלע פּראָב־לעמען. לויט די אַרויסגעשטעלטע אויפגאַבן, דערנענטערט זיך הוגאָ צו דעם היינטיקן סאָציאַליזם; לויט די רעקאָמענדירטע מיטלען איז ער אַ מאָראַליסט

און א פּאָעט. ער וויל מבטל מאַכן דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער דערנידעריקט די מענטשהייט; די פאַרשקלאַפונג פון דער פרוי, וועלכע פירט צו פּראָסטי-טוציע; די ליידן פון די קינדער. אָבער ער געפינט דערפאַר ניט קיין בעסערן מיטל, ווי באַשאַפן די פאַנטאַסטישע פיגור פון א סענטימענטאַלן עפּיסקאָפּ און רעקאָמענדירן נאָכצוטאָן דעמדאָזיקן עפּיסקאָפּ. אין דער צייט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אויסגעבילדעט אין א האַרמאָנישער אַרמיי מיט א קלאָרער טעאָרעטישער און פּראַקטישער פּראָגראַם, האָט דער פאַרעקשנטער ראָמאַנטי-קער ווי פריער הויך געטראָגן זיין פּאָעטישע פאָן, ווייטער גלויבנדיק, אַז בלויז די פּאָעזיע און דער הומאַניזם זיינען באַרופן צו ראַטעווען די מענטשהייט, אָנווענדנדיק ווייטער די אַלטע סגולה צו דער נייער מחלה.

דיזעלבע באַזונדערהייטן, מיט וועלכע עס צייכענען זיך אויס הוגאָס ליריק און זיינע ראָמאַנען, געפינען מיר אויך אין זיין דראַמע. מערקווירדיק, וואָס דווקא דערדאָזיקער מין פּאָעטישער שאַפונג איז געוואָרן דער פּונקט, וואו עס האָט זיך קאָנצענטרירט דעם קאַמף פון דער אַלטער און דער נייער ריכטונגען. דער טעאַטער באַזיצט א באַזונדער שטאַנדהאַפטיקייט און קאָנסער-וואַטיזם לגבי אַנדערע פאָרמען פון קונסט. די אַקטיאָרן, די אויטאָרן, די פּובליק ערשיינען אין טעאַטער אַלע גלייך, אַלס קאָנסערוואַטאָרן און צוזאַמען שטיצן זיי די געהייליקטע פון דער צייט מנהגים און די גערירשנטע פון פריערדיקע דורות רגילותן; אין דער סצענע גופא און אין די דעקאָראַציעס איז שוין פאַרבאָרגן א געהיימע קראַפט, וועלכע שטעלט זיך קעגן איינפירן נייע מעטאָדן. אין טעאַטער איז שווערער צו באַזיגן די טראַדיציע, איידער אין א וואָסער אַנדער ליטעראַרישן זשאַנר, די סצענע איז בסדר באַדינגט. מער ניט ווי די פיליאָריקע עקסיסטענץ זייערע געוויינט צו די פּובליק, זי זאָל זיי אָנ-נעמען. זיי שטערן איר ניט איבערצולעבן די סצעניש אילוזיע. די דראַמאַ-טישע רעפאָרם וויל פאַרבייטן די אַלטע באַדינגענישן אויף נייע. און כדי צו-צופּאַסן זיך צו די לעצטע, מוז מען איבערדערציען די אַרטיסטן און די פּובליק. דער נצחון אויף דער סצענע באַווייזט אַלע מאָל דעם ענדגילטיקן נצחון פון דער נייער ליטעראַרישער ריכטונג: אָט פאַרוואָס דער מאָמענט פון אָנהייב קריג צווישן די ראָמאַנטיקער און די קלאַסיקער רעכנט מען 1827, דאָס יאָר ווען ק ר אָ מ וו ע ל איז דערשינען. אין דערדאָזיקער טראַגעדיע גופא איז קיין מערקווירדיקס ניט געווען. נאָר די הקדמה צו ק ר אָ מ וו ע ל איז גע-וואָרן דער מאַניפעסט פון דער ראָמאַנטישער פּאַרטיי. אין אָנהייב XIX יאָר-הונדערט איז א ביסל פריקרע צו זען א קאַמף צווישן די ראָמאַנטיקער און די

קלאַסיקער. אַנדערטהאַלבן יאָרהונדערט טיילן אָפּ קראָמוועל פון בואַלאָס פּאָעטישער קונסט. און פונדעסטוועגן האָט זיך דער קאַמף אָנגעהויבן, — אַ פּאַרעקשנטער און אַ פאַרביטערטער קאַמף. ניט געקוקט אויף די פּעריפּעטיעס, וואָס די פראַנצויזישע ליטעראַטור האָט איבערגעלעבט אין משך פון XVIII י. ה., האָט זיך דאָך פּאָרט די קלאַסישע טראַדיציע אין איר געהאַלטן און אפילו געקיניגט. וואָלטער איז געווען בואַלאָס און ראַסינס תּלמיד, און אַ פּולע עפּיגאָנער פון דער קלאַסישער שול האָבן פּאַרפּלייצט די פראַנצויזישע סצענע מיט טראַגעדיעס, וואָס זיינען פּאַרפּאַסט געוואָרן לויט אַלע כּללים פון בואַלאָס פּאָעטיק. די בורזשואַזע דראַמע, וועלכע האָט אין דער פּעריאָדן פון דידראָ און מערסיע אַרויסגעשטעלט נייע פּרינציפּן פון קונסט, האָט ניט אַראָפּגעוואָרפן פון טראָן דעם קלאַסיציזם, וועלכער האָט ווייטער עקסיסטירט אין איין ריי מיט דער טרערעוודיקער און סאַנטימענטאַלער דראַמע. די אַלטע פּאָרמען, וועלכע זיינען געווען צו ענג פּאַר דעם נייעם אינהאַלט, האָבן זיך ווייטער געהאַלטן; מען האָט זיי אויסגעמיידט, אָבער מען האָט זיך ניט באַשלאָסן צו מאַכן צו זיי אַ סוף. ביז הוגאָ האָט דורך זיין מאַניפעסט געמאָלדן דעם קלאַסיציזם אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף. דאָס ערשיינען פון קראָמוועל האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצן שטורעם אין דער פּרעסע. „כּדי אָנצופּאַלן אויף ריזן (ד. ה. קאָרנעל און מאָליער) — האָט געשריבן איינער פון די פּאַרטיידיקער פון דער אַלטער ריכטונג, — דאַרף מען באַזיצן אַן אומגעווײנלעכע קראַפט, כּדי אַראָפּצוּוואַרפן פון פּיעדעסטאַל געניס, אָנערקענטע דורך אַ רייע דורות, דאַרף מען קעמפן קעגן זיי, אויב ניט מיט גלייכן געווער, איז לפּחות מיט ריינעם און פיינעם סטיל... און קען דען האָפן אויף ערפאָלג פון זיין אָנפאַל אַזאַ ניט געלונגענער שריפטשטעלער, ווי דער אויטאָר פון דער הקדמה?" דאָס, וואָס האָט ביי די אַלטע געהאַט אַ פּנים ווי צעשטערן די ריינקייט און די פיינקייט, איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָן, אַרום וועלכער עס האָבן זיך געזאַמלט די יונגע שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך געשטעלט צו פאַרטיידיקן די אומאָפּהענגיקייט פון דער דראַמאַטישער ליטעראַטור.

לאָמיר גענויער באַטראַכטן די אידעען, וועלכע ווערן אַרויסגעזאָגט אין דערדאָזיקער באַרימטער הקדמה.

מען זאָגט, אַז דער באַרימטער טראַגיקער פון יענער עפּאָכע טאַלמאַ, אַ זעכציקיאָריקער זקן, האָט זיך איינמאָל באַקלאָגט פאַר הוגאָ אויף דעם גורל פון די אַרטיסטן, וואָס דער אַלטער פאָראורטייל וויל זיי נאָך אַלץ ניט אָנערקענען פאַר מענטשן. „מער ניט ווי די ראָלע, — האָט טאַלמאַ געזאָגט, —

דערהויבט דעם אַרטיסט, אָבער איך האָב נאָך אַפילו קיין רעכטע ראָלע קיינ־מאָל ניט געהאַט. עס איז מיר נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו שפּילן, עס זאָל מיר זיין, אַזוי צו זאָגן, צום האַרצן, די טראַגעדיע... דאָס איז, פאַרשטייט זיך, שיין, איידל, דערהויבן, — אַלץ, וואָס איר ווילט; אָבער צוזאַמען מיט דערדאָזיקער גרויסקייט, וואָלט איך וועלן אַ ביסל מער לעבנס־אמת און פּשטות. איך וואָלט וועלן שילדערן דעם מענטשן ווי ער איז, מיט אַלע פאַרשיידנאַר־טיקע שטריכן פון מענטשלעכן כאַראַקטער, וועלכער זאָל ניט זיין אַבסטראַגירט דורך דעם אייגענעם באַגריף, עפּעס אַ מין טראַגישע פּאָפּקע: זאָל ער זיין אַ קיניג, נאָר אין דערזעלבער צייט אַ מענטש אויך. אָט האָט איר אַ ביישפּיל. שפּילנדיק די ראָלע פון קאַרל VI, האָב איך געמאַכט אַן איינדרוק מיט די ווערטער: „ברויט גיט מיר, ברויט!” פאַרוואָס־זשע? דערפאַר וואָס דאָ האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן ניט דער קיניגלעכער, נאָר דער אַלמענטשלעכער פּיין. דאָ איז דער טראַגיזם פאַראייניקט מיטן אמת, די אידעאַלע גרויסקייט שליסט ניט אויס דעם רעאַלן געפיל פון הונגער, דעם רעאַלן באַוואוסטזיין פון אָרעמ־קייט. יאָ, אמת, נאָר אמת — אָט וואָס איך האָב אַ גאַנץ לעבן געזוכט!” אויף דעמדאָזיקן ווידוי פון דעם אַלטן אַרטיסט, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן פאַרקער־פערט העלדישע געשטאַלטן, פון דער קלאַסישער טראַגעדיע, האָט הוגאָ גע־ענטפערט: „טאַקע דאָסזעלבע, וואָס איר טרוימט צו שפּילן, טרוים איך אָנצו־שרייבן”. און דער פּאָעט האָט דעם טראַגיקער דערציילט דעם פּלאַן פון זיין ערשטער טראַגעדיע: ער האָט אין זיין קראָמוועל געוואָלט פאַרבייטן די טראַגעדיע אויף אַ דראַמע, אַריינפירן אין איר מענטשן, אָנשטאָט „פּערסאָנאַזשן”, לעבנס־אמת אָנשטאָט אָפּגעלעבטע טראַדיציעס; פרייע איבערגאַנגען פון העל־דישן צום טאָגטעגלעכן; פרייען סטיל, וואָס גיסט זיך אויס אין אַלע מעגלעכע פאָרמען — אין אַ עפּישער, לירישער, סאַטירישער, ערנסטער און שפּאַסנדיקער; אַרויסטרייבן די „טיראַדעס” און די פּערזן, וועלכע שטרעבן צו „עפעקט”.

אַזעלכע זיינען געווען די אויפגאַבן, וואָס די ראָמאַנטישע דראַמע האָט זיך געשטעלט. אין דער הקדמה צו קראָמוועל האָט הוגאָ אָנגעוויזן מיטלען צו פאַרווירקלעכן דידאָזיקע אויפגאַבע. די ערשטע פאָדערונג זיינע, דאָס איז אַבסאָלוטע פרייהייט פאַר דער דראַמאַטישער שאַפונג. די פרייהייט דרינגט אַדורך אומעטום, און ס'איז משונה, וואָס זי האָט ניט קיין צוטריט אין דער ספערע, וועלכע איז לויט דער נאַטור אַליין פריי, — אין דער ספערע פון גע־דאַנק. „ניטאָ מער קיין כללים און קיין מוסטערן! אָדער, ריכטיקער, ניטאָ קיינע אַנדערע געזעצן, אויסער די נאַטורגעזעצן, וועלכע הערשן איבער דער

גאַנצער קונסט און ספּעציעלע געזעצן פאַר יעדער ווערק, וועלכע שטאַמען פון די ספּעציעלע באַזונדערהייטן פונם סוזשעט... דעם פּאָעטס יועצים דאַרפן זיין די נאַטור, דער אמת און זיין באַגייסטערונג". פון דעמדאָזיקן גרונדבליק פליסט אויך אַרויס הוגאָס צווייטע פאָדערונג, וועלכע איז דורכאויס קעגן דער פּסעוודאָקלאַסישער טראַדיציע. די קלאַסיקער האָבן ניט דערלאָזן קיין לעכערלעכס און קיין מיאוסעס אין דער טראַגעדיע אויס מורא פאַר דיסהאַרמאָניע, מחמת דער געפאַר צו צעשטערן איר געהויבענעם כאַראַקטער. הוגאָ האָט געפאָדערט פאַראייניקונג פון אַלע עלעמענטן. אין דער דראַמע דאַרף אַלץ פאַרקומען אַזוי ווי אין דער ווירקלעכקייט. דער קערפּער שפּילט אַ געוויסע ראָלע, ווי די נשמה. די מענטשן און די געשעענישן הענגען אָפּ פון ביידן, דערפאַר ערשיינען זיי פאַר אונז אַמאָל שרעקלעכע, אַמאָל קאָמישע, אַמאָל אי דאָס אי יענץ אינאיינעם. "אַזוי קאָן דער שופט זאָגן: "צום טויט־שטראָף — און מיר גייען עסן". קראָמוועל קאָן זאָגן: "דער פּאַרלאַמענט איז ביי מיר אין זאַק, און דער קיניג — אין דער טאַש." צעזאַר וועט מורא האָבן "טאָמער פאַלט ער אַרויס פון טריאומפאַלן רייטוואָגן", און אַזוי ווייטער. אין געניאַלע מענטשן, ווי גרויס זיי זאָלן ניט זיין, לעבט שטענדיק אַ חיה רעה, וועלכע פּאַראָדירט שטענדיק זייער שכל. "פון גרויסן ביזן לעכערלעכן איז נאָר איין טראָט" — האָט נאַפּאָלעאָן געזאָגט. וו. הוגאָ האָט געהאַלטן פאַר מעגלעך אַריינצולייגן מאָנאַרכן און העלדן אין מויל אַזעלכע ווערטער, אַז אַ טרייגלויביקער אָנהענגער פון קלאַסישן סטיל וואָלט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן.

מיטן באַפרייען די טראַגעדיע פון די אָנגענומענע טראַדיציעס אין דער שפּראַך איז ענג פאַרבונדן הוגאָס אַ דריטע פאָדערונג, דהיינו די באַזייטיקונג פון די באַרימטע דריי אייגהייטן. הוגאָ געפינט פאַר נייטיק צו לאָזן נאָר איינע פון זיי, — די איינהייט פון דער אַקציע. די איינהייט פון צייט און אָרט שטערן דעם אויטאָר. צוליב זיי קומט וועגן דאָס רוב געשעענישן דעם צושויער אויס צו הערן ערציילונגען. אַליין קאָן ער זיי ניט זען, מחמת די אַקציע פון דער טראַגעדיע געדויערט נאָר איין טאָג און איז קאָנצענטרירט אויף איין אָרט. און דאָ זיינען גאָר די געשעענישן ניט זעלטן אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע מיט גרויסע מרחקים אָדער אויף גאַנצע יאָרן. "אָנשטאָט סצענעס—ערציילונגען, אָנשטאָט בילדער — באַשרייבונגען. פּערזאָנען, וועלכע זיינען אַוועקגעשטעלט ווי אין דעם אַלטערטימלעכן כאָר, צווישן דער דראַמע און צווישן אונז, קומען דערציילן וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אויפן פּלאַץ, אין טעמפּל, אין פּאַלאַץ. אונז ווילט זיך אַ געשריי טאָן: פירט אונז אויך אַהין! דאָס איז אינטע-

רעסאַנט צו זען! דערויף וואָלטן זיי געוויס געענטפערט: זייער מעגלעך, אַז דאָס איז אינטערעסאַנט, אָבער די מעשה איז, וואָס מיר היטן אָפּ די ווערדע פון דער פראַנצויזישער מעלפּאָמענע". הוגאָ פאָדערט, אַז די אַקציע זאָל זיך אַנטוויקלען פאַר דעם צושויערס אויגן. די קלאַסישע "הערעלדן" האָבן געמוזט אַראָפּ פון דער סצענע. אין אַלטן גריכנלאַנד האָבן די אייניקייטן אַנטשפּראָכן דער איינאָרדענונג פון דער סצענע. איר ברייטער שטח האָט ערלויבט אַרומצונעמען דאָס גאַנצע אָרט פון דער אַקציע, האָט דעם אויטאָר ערלויבט אַריבערצוטראָגן די אַקציע פון איין עק טעאַטער צום צווייטן. די איינריכטונג פון דער היינטיקער סצענע פאָדערט, מען זאָל מבטל מאַכן די באַדריקנדיקע פאָדערונגען. די בעסטע פאָרשטייער פון קלאַסיציזם האָבן אַליין ניט געפילט קיין חשק אָפּצוהיטן די דריי אייניקייטן. קאָרנעל האָט ניט אָן קאַמף מסכים געווען צו אָנערקענען זיי.

אַ וויכטיקע באַדייטונג האָט געהאַט הוגאָס אַ פּערטע פאָדערונג, וועלכע איז ענג פאַרבונדן מיט די פריערדיקע, דהיינו די פאָדערונג בנוגע אָפּהיטן דעם קאָלאָריט פון אָרט און צייט. די קלאַסישע פּאָעטן האָבן באַשאַפן לאָגישע אַבסטראַקציעס אַנשטאָט לעבעדיקע מענטשן. וואָס די סביבה, אין וועלכער זיי האָבן געווירקט, איז געווען אַבסטראַקטער, אַלץ מער האָט זי געפּאַסט פאַר דעם מוח־כאַראַקטער פון דער פּסעוודאָקלאַסישער טראַגעדיע. הוגאָ האַלט פאַר נייטיק, אַז די העלדן זאָלן לעבן אוןווירקן אין אַ קאָנקרעטער סביבה. די ריכטיקע שילדערונג פונם אָרט איז דער ערשטער תנאי פון רעאַליזם. צי דען וואָלט דער פּאָעט געוואַגט צו טויטן ריציאָן ערגעץ אַנדערש ניט ביי מאַריע סטיוּאַרט אין צימער? אָדער שטעכן היינריך IV ניט אויף דער גאַס, וואו ס'איז פול מיט מענטשן, מיט וועגענער און עקיפּאַזשן? די דראַמאַטישע אַקציע מוז כּולקום האַרמאָנירן מיט דער עפּאָכע און מיטן אָרט.

אַזוי אַרום האָט דער ראָמאַנטיזם אויף דער סצענע געלאָזט ווידער אויפלעבן דעם היסטאָרישן גייסט. און דאָ האָט ער אויך פּרובירט שאַפן אַ תחית המתים פאַר די געשטאַלטן פון עבר, אָפּהיטנדיק דעם היסטאָרישן אמת. געבנדיק די נייע פּרינציפּן פון דער דראַמאַטישער קונסט, האָבן די ראָמאַנטיקער געמוזט אַראָפּוואַרפן די אַלטע אָפּגעטער פון דער סצענע, און קרוינען נייע געטער. אַנטקעגן בואַלאָ און ראַסין האָבן זיי אַרויסגעשטעלט שעקספּירן און קאַלדעראָן. באַזונדער איז דער אויטאָר פון האַמלעט געוואָרן אַ שטאַרקע און אַ געטרייע שטיצע פאַר די נייע פּרינציפּן. אין זיינע טראַגעדיעס האָבן זיי געפונען אַ גלענצנדיקע אילוסטראַציע צו זיינע אידעען. די באַוועגלעכקייט פון דער

סצענע, די שנעלע ענדערונגען פון אָרט, די אינטענסיווע און פרייע אַנטוויק־לונג פון דער אַקציע גופא, דאָס אָפּהיטן דעם אָרטיקן קאָלאָריט, דאָס מישן העלדישס מיט לעכערלעכס, שיינס מיט מיאוס, דאָס אונטערגעבן זיך מער־ניט ווי די געזעצן פון דער נאַטור און דעם פסיכאָלאָגישן אמת, — דידאַקטיקע אַלע פאָדערונגען פון דער דראַמאַטישער שאַפונג האָבן געפונען זייער פאַר־ווירקלעכונג אין דער רייכער ליטעראַרישער ירושה פון דעם גרויסן ענגלישן פּאָעט. „שעקספּיר איז דער גאָט פון טעאַטער!" — שרייט הוגאָ אויס. אָנער־קענען שעקספּירן, וועלכן די קלאַסיקער האָבן ניט דערלאָזן אויף דער פראַנ־צויזישער סצענע און אָנגענומען אים אַלס לערער — דאָ איז דער פינפטער וויכטיקער פונקט פון הוגאָס פּראָגראַם.

מיר האָבן אָנגעמערקט יענע פאָדערונגען פון דעם ראָמאַנטישן מאַני־פעסט, וועלכע האָבן געמוזט האָבן אַ גוטע ווירקונג אויף דער ווייטערדיקער ליטעראַטור. דאָס איז גיכער די פּראָגראַם פון דער רעאַליסטישער, איידער פון דער ראָמאַנטישער שול. אויף דער פאָן פון די רעאַליסטן איז אָנגעשריבן דערזועלביקער דעוויז: „געטרייקייט דער נאַטור און דעם לעבן". לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז פון דערזעלביקער הנחה גייט אויך אַרויס בואַלאָ, טעאָרעטיקער פונעם פּסעוודאָקלאַסישן טעאַטער. וואָלט זיך דאָך געדאַכט, אַז די קלאַסיקער ראָמאַנטיקער און רעאַליסטן גייען זיך פונאַנדער נאָר אין פּרטים, אָבער ניט אין גרונט־פּרינציפּ. אין דער אמתן איז אָבער צווישן די פּאָעטישע פּרינציפּן פון דידאַקטיקע שולן פאַרהאַן אַ גרינדלעכער אונטערשייד. בואַלאָ האָט פאַר־זיכערט, אַז קיינער האָט בעסער פאַר די אַלטערטימלעכע שריפטשטעלער ניט געקענט באַאָבאַכטן און שילדערן די נאַטור, דעריבער האָט נאָכמאַכן די נאַ־טור ביי די קלאַסיקער געהייסן איבערנעמען אַריסטוס כללים. ווען מיר וועלן באַ־טראַכטן, וואָס אַזוינס פאַרשטייט הוגאָ אונטער שילדערן די נאַטור, וועלן מיר זיך איבערציינגן, אַז דער ראָמאַנטיזם איז ווייט אויך פון עכטן רעאַליזם. די ווירקלעכקייט אין דער נאַטור און די ווירקלעכקייט אין דער קונסט, זאָגט הוגאָ, זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן. דער אמת אין קונסט איז ניט די אַבסאָ־לוטע געטרייקייט צו דער ווירקלעכקייט. די קונסט קאָן ניט געבן די זאַך גופא. לאָמיר נעמען וועלכע ווערק איר ווילט פון ראָמאַנטישן כאַראַקטער למשל ס יד. פונם ערשטן וואָרט בלייבן מיר געפּלעפּט: ס׳טייטש? סיד רעדט מיט פערזן! צי איז עס נאַטירלעך? נאָך מערער, ער, דער שפּאַניער, רעדט פראַנצויזיש, ווען די נאַטור פאָדערט, ער זאָל ריידן אויף זיין שפּראַך. גייענ־דיק ווייטער אין דעמזעלביקן גייסט, וועלן מיר פאָדערן, אַז אַנשטאָט לאָמפּן

זאָל זיין אַן אמתע זון, אָנשטאָט דעקאָראַטיווע — אמתע ביימער און הייזער. אַלזאָ, איז די ספערע פון קונסט און פון נאַטור אַ פאַרשיידענע. די קונסט גיט צום ערדישן און פּאָזיטיוון צו דאָס אידעאַלע. אין דער דראַמע שפּיגלט זיך אָפּ די נאַטור. אָבער אויב זי וועט זיין אַ געוויינלעכער שפּיגל מיט אַ פלאַטשיקן און גלאַטן פלאַך, וועט די אָפּשפּיגלונג זיין אַ טונקעלע און אָן רעליעפקייט, זי וועט זיין אַ ריכטיקע, אָבער אָן אַ קאָליר. עס איז באַוואוסט, אַז ליכט און פאַרבן פאַרלירן ביי פשוטער אָפּשפּיגלונג. די דראַמע דאַרף זיין אַ קאָנצענטרירטער שפּיגל; זי דאַרף ניט אָפּשוואַכן, נאָר צונויפזאַמלען און צונויפפרעסן די פאַרבן־שטראַלן, פאַרוואַנדלען דאָס שוואַכע ליכט אין אַ שטאַרקס, אין אַ פלאַם. אַלץ, וואָס עקסיסטירט אין דער וועלט, אין דער געשיכטע, אין לעבן און אין מענטשן, דאַרף און מוז אָפּגעשפּיגלט זיין אין טעאַטער, אָבער אונטער דעם צויבערשטעקעלע פון דער קונסט. די קונסט בלעטערט איבער דאָס בוך פון די אייביקייטן, דאָס בוך פון דער נאַטור, פאָרשט אויס די כראָניקעס, פילט אויס די בלויזן, וועלכע די כראָניסטן האָבן דערלאָזן, לאָזט ווידער אויפלעבן די פאַקטן, די מידות און די כאַראַקטערן, מיט דער הילף פונם דמיון פאַרשיט זי אָפּגרונטן, פאַראייניקט אין גרופּעס דאָס וואָס איז אָפּגעזונדערט, טראָגט אַריין האַרמאָניע און דיסהאַרמאָניע און אַז. וו. מיט איין וואָרט, די קונסט האָט כמעט געטלעכע צילן: תחית המתים—ווען זי האָט צו טאָן מיט געשיכטע; שאַפן — ווען זי האָט צו טאָן מיט פּאָעזיע. דער פּאָעט איז, לויט הוגאָס מיינונג, געגליכן צו גאָט, ער דאַרף זיין אומעטום, גלייכצייטיק אין דער גאַנצער יצירה. יעדע פיגור דאַרף געבראַכט ווערן צו דעם וויכטיקסטן, סאַמע כאַראַקטעריסטישן שטריך אירן: אין דער דראַמע דאַרף אָפּגעשפּיגלט ווערן דער גאַנצער אינדיווידועלער מהות פון יעדער געשטאַלט. אַפילו דאָס וואולגאַרע און טריוויאַלע דאַרף אונטערגעשטראָכן זיין. דער פּאָעט דאַרף אויסמיידן אַלץ, וואָס איז טאָג־טעגלעך, וואָכעדיק, באַנאַל, און נעמען נאָר דאָס העלע און כאַראַקטעריסטישע. אַזוי אַרום קומט אויס, אַז אָנהייבנדיק מיט רעאַליזם, ענדיקט הוגאָ מיט אויסשליסלעכן און העלן. ביסלעכווייז באַקומט דער ראָמאַנטיזם מיט זיין שוואַכקייט צו אומגעוויינלעכס, מיט זיין פּאָעטיזירן די ווירקלעכקייט צוריק זיינע רעכט. די פּאָעזיע איז ניט נאָר אין נאָכמאַכן דער נאַטור, — דער פּאָעט בלייבט ביי זיין רעכט צו ווילן, זיין פאַנטאַזיע באַקומט אַ וויכטיקע ראָלע.

דידאָזיקע נשיאות־פּנים צו אומגעוויינלעכס, דערדאָזיקער עקל צו געוויינלעכס ווייזט זיך אַרויס אויך אין הוגאָס באַציאונג צו דער פּערזנפאָרם.

פאַר דעם עכטן רעאַליסט האָט דער פערז אַ באַדייטונג פון דער צווייטער מדרגה. הוגאָ האַלט דעם פערז פאַר אַן אָפּטישע פאָרם פון געדאַנק. דער פערז גיט צו רעליעפקייט די זאַכן, וועלכע וואָלטן אָן אים אויסגעוויזן אומבאַמערקבאַר און וואולגאַר. אָבער איבערהויפּט שפּיגלט זיך אָפּ דער ראָמאַנטישער גייסט אויף הוגאָס לערע וועגן גראָטעסק. אונטער דעמדאָזיקן וואָרט פאַרשטייט מען אַלץ וואָס איז משונה, ני רעגלמעסיק, קאַפּריז. דאָס גראָטעסקע איז די אַלטערטימלעכע שריפטשטעלער אויך געווען באַוואוסט. אָבער דאָרט איז עס אַרויסגעטראָטן שרעקעדיק, אָדער זיך באַהאַלטן. אינם דענקען פון דער הײַנטיקער מענטשהייט שפּילט עס אַ גרויסע ראָלע. עס הערשט אומעטום. עס שאַפט פון איין זייט מיאוסעס און שרעקלעכס, פון דער צווייטער זייט—קאָמישס און פּאַיאַצישס. עס שפּילעט צו צו דער רעליגיע טויזנטער משונהדיקע אָבערגלויבנס, צו דער פּאָעזיע — טויזנטער מאַלערישע פאַנטאַזיעס. דאָס גראָטעסקע האָט עס מיט דער ברייטער האַנט באַזעצט אי די לופט, אי די ערד, אי דאָס פייער, אי דאָס וואַסער מיט מילי-מיליאָסן וועזנס אין די מיטלאַלטערישע פאָלקסלעגענדעס; דאָס גראָטעסקע האָט עס אַרייַנגעטאָן אין גהינום אי עקלהאַפטע ברואים, וועלכע האָבן געוועקט דאַנטעס און מילטאָנס פינסטערע באַגייסטערונג, אי פאַרשיידענע לעכערלעכע פיגורן. ווען דאָס גראָטעסקע לאָזט זיך פון דער אידעאַלישער וועלט אַראָפּ אין דער רעאַלער, גיט עס אָן אַ שיעור פּאַראָדיעס אויף דער מענטשהייט.

דאָס זיינען די גרונטאידעען פון דעם באַרימטן מאַניפעסט, וואָס זיין דערשיינונג איז געווען דער סיגנאַל צו מאָבילעזירן אַלע קרעפטן פון דער ראָמאַנטישער שול. אנטקעגן די אַבסטראַקטע פאָרמלען פון די קלאַסיקער האָבן די ראָמאַנטיקער אַרויסגעשטעלט פאַנטאַסטישע אומגעהייערס. ביי די קלאַסיקער איז געווען צופיל לאָגיק און אָרדענונג, ביי די ראָמאַנטיקער איז קיין אָרדענונג און קיין לאָגיק ניט געווען. אָבער דער ראָמאַנטיזם איז פונדעסטוועגן געווען אַ טריט פאָרויס אין פאַרגלייך מיטן קלאַסיציזם. ער האָט די ליטעראַטור באַפרייט פון קייטן און פון דרוק. די אַנטקריינונג פון די ליטעראַרישע אויטאָריטעטן האָט די ראָמאַנטיקער געמאַכט פאַר די טרעגער פון דער פרייהייט בכלל: זיי זיינען אויך אויפגעשטאַנען קעגן דער באַדריקונג אין דער געזעלשאַפט, און אין דעמדאָזיקן זינען איז הוגאָ גערעכט געווען, ווען ער האָט אין דער הקדמה צו ע ר נ אַ נ י אָנגערופן דעם ראָמאַנטיזם—ליבעראַליזם אין דער ליטעראַטור. הוגאָס דראַמען האָבן געזאָלט דינען אַלס אילוסטראַציע צו זיינע טעאָרעטישע אָנשויאונגען. פון דידאַ-

זיקע אַלע דראַמען האָט ע ר נ אַ נ י אָנגעמאַכט דעם גרעסטן טומל. די הקדמה
צו ק ר אָ מ וו ע ל איז געווען דער ערשטער שלאַכט אויפן טעאַרעטישן באָדן.
ע ר נ אַ נ י האָט געבראַכט צו אַן אַנטשלאָסענעם שלאַכט אין די ווענט פונם
טעאַטער. דער ראָמאַנטיזם איז אַרויסגעטראָטן אין שלאַכט מיט העזה.

מיר זעען פאַר זיך אַ הימלשרייענדיקע צעשטערונג פון אַלע געזעצן פון
דער קלאַסישער לאָגיק און רעגלמעסיקייט. די אַקציע אַנטוויקלט זיך מיט וואונ=
דערלעכער שנעלקייט און אינטענסיוויטעט. אָנשטאָט די אָנגעבלאָזענע קיניגן
פון דער אַלטערטימלעכער וועלט זיינען געקומען די שטורעמדיקע העלדן פון
דער שפּאַנישער געשיכטע. הוגאָ האָט זיך פאַרזען מיט אַלדאָס העלע און בונטע
געווער פון דער ראָמאַנטיק; גיפט, קינזשאַלן, ריטערישע דועלן אין צימער
ביי דער דערשראָקענער שיינהייט, אייפערזיכטיקע אַלטקייט, און ערפינדערישע
יוגנט, קיניגן, רויבער, פאַררעטער, פאַרבאָרגענע טירן, קעלערס און הויכע
טורעמס פון ריטערשלעסער, גבורות פון הייכמוטיקייט און איידלקייט—אָט איז
דעם אויסאָרס אַרסענאַל. ערנאַני — איז אַ שרעקלעכער רויבער. זיינע גיטער
זיינען — דער פינסטערער וואַלד, וואוהין אים קומט אָפּט אויס צו
לויפן פאַר זיינע שונאים. מען האָט אים אין גאַנץ שפּאַניע „געיאָגט ווי אַ ווילדע
חיה אין די וועלדער און אין די ניט צוטריטלעכע פעלזן”. ער האָט געפונען
אַ באַהעלטעניש אין קאַטאַלאָניע. „זי האָט ווי אַ מוטער פאַר מיר אָפּגעעפנט
אירע אָרעמס! צווישן די בערג=איינוואוינער, אָרעמע, נאָר פרייע, בין איך
דאָרט אויסגעוואַקסן, און איצט קלעקט מיר נאָר אַ טרובע צו טאָן אין מיין
טרובע, אַזוי וועלן פינף טויזנט כוואַטן תיכף זיך אָפּרופן אויף מיין דונער=
דיקן רוף”. דערדאָזיקער שרעקלעכער מענטש דרינגט ביידערנאַכט אַריין אין
דאָנאַ סאָלס צימער. זי האָט אים ליב. ער לייגט איר פאָר טיילן מיט אים
זיין אומרואיקן לעבן. עס וועלן זי אַרומרינגלען מענטשן, „וואָס זיינען מער
ענלעך אויף שדים, איידער אויף מענטשן”. זי וועט דאַרפן „שלאָפן אויפן
גראָז, טרינקען פון טייך, און ביידערנאַכט, ווען זי וועט זיך אויפכאַפּן, הערן
דעם פייף פון קוילן. דאָנאַ סאָל איז גרייט אויף אַלץ. נאָר ערנאַני האָט צווי=
קאָנקורענטן: דער אַלטער גראַנד, דער איידעלער דע סילוואַ, און דער קיניג
פון קאַסטיליע גופא דאָן קאַרלאָס. פאַר דעם אַלטן דע סילוואַ איז דאָניאַ סאָל
די איינציקע טרייסט אין לעבן, ער גרייט זיך מיט איר חתונה צו האָבן. דאָן
קאַרלאָס איז אַ יונגער הערשער, אַ מעכטיקער און אַ ליידנשאַפטלעכער, וואָס
קאָן ניט באַצווינגען זיינע פאַרלאַנגען. צווישן דידאָזיקע דריי העלדן הייבט זיך
אָן אַ קאַמף. ביידערנאַכט באַגעגענען זיך פאַר סילוואַס הויז ערנאַני מיט דאָן

קאַרלאָסן. דער רויבער לייגט פאַר דעם קאַסטיליער קיניג שלאָגן זיך, אָבער דאָן קאַרלאָס זאָגט זיך אָפּ פון אַ דועל מיטן רויבער, און רופט בעסער צו הילף זיינע מענטשן. „אַלע אייערע פריינד זיינען שוין לאַנג ביי מיינע פריינד אין די הענט,— ענטפערט ערנאַני,— רופט זיי בעסער ניט צו הילף". אין מאַכט־לאָזן צאָרן זאָגט זיך דער קיניג אָפּ צו שלאָגן זיך מיטן רויבער, און ער לייגט פאַר ערנאַנין, ער זאָל אים טויטן. ערנאַניס פאָטער איז געשטאָרבן אויפן עשאַפאָט, פאַרמשפּט פון דאָן קאַרלאָס פאָטער. ערנאַני האָט פאַרהאַסט זיין שטאַם, זיין אלמנה און זיין זון. „נאָך קינדווייז,— זאָגט ער,— האָב איך געשוואָרן זיך נוקם צו זיין פאַר מיין פאָטערס טויט אָן זיין זון. שוין לאַנג זוך איך דיך, קאַרלאָס, קיניג פון קאַסטיליע. דער האַס צווישן אונזערע ביידנס משפחות איז נאָך ניט פאַרלאָשן!" אָבער ווען דאָן קאַרלאָס וויל פאָרט מיט אים זיך ניט שלאָגן, שטעלט זיך ערנאַני אָפּ. ער קאָן ניט טויטן אַ פאַרטיידיקונגסלאָזן. דער ריטערישער געפיל נעמט די אויבערהאַנט און אָפּגעלאָזן דעם קיניג, גיט ער זיך איבער זיינע גליקלעכע מחשבות ביי דאָנאַ סאָל צופוסן. זי איז צו אים אַרויס זען זיך. ער פאַרגעסט, אַז זיין שונא איז דער קיניג, אַז „אומקערנדיק זיך אין שלאָס, וועט ער צונויפרופן זיינע סבירן און אַלקאַדן, די גרויסע לייט, די הויפּלייט, די תּליונים". אָבער ער געדענקט, אַז ער וועט ניט אויסמיידן דעם עשאַפאָט, און ער זאָגט זיך אָפּ צו נעמען מיט זיך זיין געליבטע. „אין דיין ליבע האָב איך אָנגעשעפּט כּוחות פאַרצולייגן דיר, דו זאָלסט מיט מיר אַנטלויפן, מיט מיר צוזאַמען אין גלות זיין, טיילן מיט מיר מיין וואַלד, מיין שטראָם, מיינע באַרגשפּאַלטן און מיין געלעגער אויפן גרינעם גראָז. אָבער טיילן מיט דיר צוזאַמען די טויט־שטראָף? שרעקלעך! איך בין ניט אימשטאַנד. ביין, מיין מלאך הגואל, איך וועל אַליין אַרויפגיין אויפן עשאַפאָט!" און ער אַנטלויפט אַליין. ווייטער זעען מיר ערנאַנין ביי סילוואַ אין שטוב אַ שעה פאַר סילוואַס חופּה מיט דאָנאַ סאָל. ערנאַני איז געקומען כּלומרשט אַלס דורכ־גייער. זיין באַנדע איז צעזייט, און נאָר ער אַליין, „דער לייב פון מדבר", איז אַנטלאָפן. דער קיניג אַליין האָט זיך נאָך אים געלאָזן נאָכיאָגן. מען האָט זיין קאָפּ אָפּגעשאַצט אין טויזנט רענדלעך. קיינער האָט דעם דורכגייער ניט דערקאָנט. דער מנהג פונם לאַנד זאָגט, אַז „צוזאַמען מיטן דורכגייער קומט גאַסט ברכה אין שטוב אַריין". און דער דאַנקבאַרער סילוואַ נעמט פריינדלעך אויף דעם גאַסט. און אַפילו ווען ער דערוויסט דאָנאַ סילוואַ אין דעם גאַסטס אָרעמס, וויל ער ניט צעשטערן די רעכט פון הכנסת אורחים, און גיט ער־נאַנין ניט אַרויס צו דאָן קאַרלאָסן. פון סילוואַס שלאָס טראָגט אונז דער פאַ־

עס אַריבער קיין אַכען, אין אַ קעלער מיט אַ מאַסע אַרקעס און טרעפּ, וואו עס שטייט קאַרל דעם גרויסנס טרונע. אין דער פייערלעכער נאַכט, ווען די פאַרזאַמלטע קורפירשטן ווילן אַ נייעם קייזער, וואַנדערט דאָן קאַרלאָס איינזאַם אַרום איבערן הייל. אַהער דאַרפן קומען פאַרשווערער, צווישן וועלכע עס זיינען אויך סילוואַ און ערנאַני. דערהערנדיק ווי זיי קומען צו נאָעט, באַהאַלט זיך דאָן קאַרלאָס אין קאַרל דעם גרויסנס אוהל. ער גייט פון דאָרט אַרויס אין דעם מאָמענט, ווען דריי שאָסן זיינען מודיע, אַז ער איז אויסגעוויילט אַלס אימפּעראַטאָר, און די פאַרשווערער גיבן זיך אַ פייערלעכע שבועה צו טויטן אים. עס פאַרזאַמלט זיך די וואַך, און דער נאַר־וואָס אויסגעוויילטער הערשער פון אייראָפּע איז, צו אַלעמענס פאַרוואונדערונג, מוחל זיינע פיינד זייערע זינד קעגן אים, און ער טרעט אָפּ ערנאַנין זיין געליבטע דאָנאַ סאָל. ווען אַלע גייען אַוועק, ווענדט זיך דאָן קאַרלאָס, איצט שוין קאַרל דער V, צום שאָטן פון זיין גערימטן פאָרגייער:

„גרויסער קאַרל! ביזטו צופרידן מיט מיר? טרעט איך ווירקלעך אויף דיין הערשערישן וועג? איז מיר ווירקלעך געלונגען מיט מיין שטאָלצן קאָפּ צו דיין הערשערישקייט דערגרייכן? צי קען איך מיך רופן דיין יורש? צי קען איך, שטעלנדיק מיך פאַרן הייליקן פאָטער, ווי דו אַמאָל, קריינען זיך מיט דער רוימישער קייזערלעכער קרוין? צי האָב איך איבערגלאָזן ביי דערדאָזיקער שוועל דאָס אַלטוואַרג פון קיניגלעכן אייטעל? צי בין איך געוואָרן, ווי דו, שטעלפאַרטרעטער פון גאָט? צי בין איך געוואָרן גרויס און הייליק, ווי דו? קעגן מיין שווערער אויפגאַבע בין איך געשטאַנען מאַכטלאָז און איינזאַם. פראַנציסק דראָט מיר מיט נקמה, אויך ווענעציע, לוטער און דער מזרח! אין נאָמען פון פאָלקס־רעכט און פרייהייט שטייט אויף אַ לעגיאָן פון פאַראַכטע רוצחים. אומעטום אַרום רודערן זיך אויף פעלקער, געפאַרן דראָען פון אַלע זייטן! צו דיר האָב איך גערופן אין מורא און אומרו, אויסגעשפּרייט פאַר דיין קבר. פון וואָס זאָל איך אָנהייבן? אָ, לערן מיך!... דו האָסט געענטפערט: מיין זון, זיי אַ רחום וחנון!...“

די דראַמע ענדיקט זיך מיט ערנאַני און דאָנאַ סאָלס טויט. אין דעם טאָג, ווען דער איידעלער סילוואַ האָט פאַרטיידיקט זיין גאַסט, און דאָן קאַרלאָס האָט אַוועקגעפירט דאָנאַ סאָל, האָבן ערנאַני מיט סילוואַ געשוואָרן פריער נוקם צו זיין זיך אָן דעם אַלגעמיינעם שונא, און נאָכדעם אַליין זיך פונאַנדעררעכענען. דער איידעלער ערנאַני גיט זיין פאַרטיידיקער אַ האָרן, און שווערט אָפּצוגעבן דאָס לעבן, ווען סילוואַ וועט אָנהייבן צו שאַלן אין

האָרן. און דער אַלטער האָט אויסגעקליבן אַ שרעקלעכן מאָמענט, ווען אויסצוניצן זיין רעכט. אַז ערנאַני איז געבליבן אַליין מיט זיין יונגער פרוי נאָך אַ פריילעכן מאַסקאַראַד, האָט זיך פלוצלונג פון דער וויטן דערהערט דאָס שאַלן פון האָרן. „דער טיגער ברומט! ער רופט זיין רויב!" און געטריי זיין ריטערישן וואָרט, נעמט ערנאַני איין סם. דאָנאַ סאָל וויל אים ניט איבערלעבן.

דאָס איז דער אינהאַלט פון דער פּיעסע, וועלכע האָט אַרויסגערופן אַן אומפאַרגלייכלעכן אין דער געשיכטע פונם טעאַטער קאַמף צווישן די פאַרטייִדיקער פונם אַלטן און צווישן דער יוגנט. די ערשטע פאָרשטעלונג אין 1830 יאָר האָט געהאַט אַ גוואַלדיקן ערפאָלג. המונים יונגעלייט אין פאַנטאַסטישע קאָסטיומען, אין צעפּודלטע האָר האָבן, שאָקירנדיק דעם בורזשואַ, גאַנץ פרי זיך פאַרזאַמלט צום טעאַטער, ווען די טירן זיינען נאָך געווען געשלאָסן. די אַקטיאָרן זיינער געווען אומרואיק. מאַדאַם מאַרס, די פּרעמיערין פון דער טרופּע, וועלכע האָט געשפּילט דאָנאַ סאָל, איז געווען נערוויִרט און צעררודערט, און אַז איר ערשטער אַרויסטריט איז באַגעגנט געוואָרן שטיל, האָט די אַרטיסטין, וועלכע איז געוויינט געווען צו אַפּלאָדיסמענטן, גאַנץ שאַרף געזאָגט צו הוגאָ, אַז נעמענדיק אויף זיך אַ זאַ ראָלע, האָט מען געקאָנט ערוואַרטן אַ זאַ ערפאָלג. דאָך האָט דער פּאָעט געזיגט. נאָך דעם פינפטן אַקט האָבן זיך די התלהבותדיקע דעמאָנסטראַציעס פאַרוואַנדלט אין אַ כּסדרדיקן גערויש און דונערייִ איבערן גאַנצן טעאַטער. און צו די פיס פון מאַדאַם מאַרס האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ האָגל פון בלומען. אויף מאָרגן האָבן אַלע צייטונגען געגעבן פייַנדלעכע אַרטיקלען. מען האָט געזאָגט, אַז דער אויטאָר האָט צונויפגעזאַמלט שעצער, פאַרשייטע פּראָזעס, אַז אין טעאַטער איז פאָרגעקומען אַ ווילדע אָרגיע. די אָנפאַלן מצד די גאַזעטן האָבן נאָך מער צערייצט הוגאָס קעגנער און געלאָזט זייערע אָנהענגער צוגרייטן זיך צום קאַמף. אויף דער צווייטער פאָרשטעלונג האָט זיך תּיכּף ביי די ערשטע ווערטער אָנגעהויבן אַ פייפעריי. אין צווייטן אַקט נאָך די ווערטער: „וויפל איז איצט דער זייגער?" — „צוועלף", — האָט אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער געלעכטער איבערן גאַנצן טעאַטער. דער קיניג, וועלכער האָט פאָרגעלייגט אַזאַ באַנאַלע פראַגע און באַקומען אַזאַ פּשוטן ענטפער, האָט פאַר די עכטגלויביקע קלאַסיקער געהאַט אַ פּנים פון אַ חוזק. דאָרט, וואו ראַסינס תלמיד וואָלט זיך צעגאָסן מיט אַן ענטפער, אַ שטייגער, ווי

סעניאָר: ניט לאַנג צוריק ט'אין פּאַלאַץ-זאַל
דער זייגער הערן אונז צוועלף קלעפּ געלאָזט, —

דאָרט האָט זיך הוגאָ באַגרעניצט מיט איין וואָרט: „צוועלף"! נאָך דער דריי־טער פאָרשטעלונג האָט דער טעאַטראַלער מנהג איבערגעלאָזן אין דעם אויטאָרס רשות נאָר אַ קליינע צאָל ערטער. די צייטונגען האָבן בייזפריידיק מודיע גע־ווען, אַז סוף־כל־סוף וועט די אמתע פובליק באַקומען אַ צוטריט אין טעאַטער און וועט זיך נוקם זיין פאַר דער פאַרשוועכטער קונסט. און ווירקלעך, יעדע פאָרשטעלונג האָט אויפגעהויבן אַ שטורעם. די לאָזשעס האָבן ראַהאָטשעט, געפייפט און געשיקעט. אין די סאַלאָנען איז געוואָרן אַ מאָדע: פאָרן אויף ערנאַני לאַכן אַ ביסל. אָבער ביי הוגאָן האָט זיך געבילדעט אַן איבער־געגעבענע וואַך. אַ הונדערט זיינע מצדדים פלעגן יעדעס מאָל אַריינדרינגען אין טעאַטער און האָט זיך איינגעשטעלט פאַר דעם נאָוואַטאָר קעגן דער אָנ־דערטהאַלבן־טויזנטיקער פיינטלעכער אַרמיי. פון פאַריז האָט זיך די מלחמה פאַרשפרייט אויך אויף דער פראָווינץ. אין טולוזע איז איינער אַ יונגערמאַן צוליב ערנאַני אַרויס אויף אַ דועל און געהרגעט געוואָרן.

אין אכט יאָר אַרום נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג פון ערנאַני, האָט די באַוועגונג פון דער פּיעסע באַגעגנט אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן. „ס'איז קיין וואונדער ניט, — האָט געזאָגט איינער, מסתמא פון הוגאָס געוועזענע פאַרפאָלגער, — דער אויטאָר האָט געמאַכט אַ פולע ענדערונגען אין דער דראַמע". — „איר האָט אַ טעות, — האָט אים אַ צווייטער געענטפערט, — ניט די דראַמע, נאָר די פובליק האָט ער געענדערט". די נייע דראַמע האָט ביס־לעכוויז געוואונען די סימפּאַטיע פון דער פובליק. אין 1838 יאָר, ווען עס האָט ערשיינט הוגאָס דראַמע ריו־אַי בלאַס, האָט מען אים שוין ניט בלויז פון פאַרטער, נאָר אַפילו פון די לאָזשעס אַפּלאָדירט. דאָס האָט געהייסן, אַז אַפילו די „עכטע פובליק" האָט אים אָפּגעשאַצט. און אינטערעסאַנט, וואָס ריו־אַי בלאַס איז נאָך מער אַ פאַנטאַסטיש, נאָך מער פאַר דער קלאַסי־שער קונסט באַליידיקנדיק ווערק. אַ לאַקיי, וואָס איז פאַרליבט אין אַ קיני־גין — דאָס איז דער הויפּטהעלד פון דער דראַמע. די העלדין — אַ קיניגין, אַ יונגע פרוי, וועלכע בענקט אין די געגילטע זאַלן, אין וועלכע איר הער־שער האָט זי באַגראָבן. „מיר איז שווערער, איידער דעם פויגל נעבעך אין שטייגל. נאָר דער גרינער פּאַרק, אַ ווימטער, אַ לאַנגווייליקער, און מיט אַ שטיינערנעם פּאַרקאַן אַרומגעצאַמטער, איז פאַר מיר צוטריטלעך... יאָ, דער הימלסופיט איבער אים!" מיר געפינען זיך אין אַ קעסלגרוב פון אינטריגעס, אין אַ געזעלשאַפט, וואו מען קאָן אויפכאַפּן יעדעס אומפאַרזיכטיק אַרויסגע־לאָזן וואָרט, יעדן בליק, וואו אַפילו די שטערן אין די שטיינערנע אַרקאַדעס

זײַנען שלעכטע היטער פון סודות. דורך די הויפּאינטריגעס איז ריואַי בלאַס אַרויסגעטראָגן אויפן סאַמע שפּיץ פון דער מענטשלעכער מאַכט. ער איז אַלמעכטיקער מיניסטער. אָבער יענער, וואָס האָט אים דערהויבן, האָט אים אַליין אַראָפּגעשליידערט אין תהום. דער לאַקײ, וואָס האָט זיך דערנעענטערט צום טראָן, וואָס פאַרגעטערט זײַן קיניגין, גײט פאַרלאָרן, פאַרשילטנדיק זײַן גורל ניט דערפאַר, וואָס ער האָט בײַ אים אָוועקגערויבט זײַן מאַכט און זײַן רום, וועלכע האָבן אים אויף אַ רגע פאַרשאַפט פרייד; אין זײַן נשמה הערשט אַ יאוש מחמת אַן אַנדער סיבה: צוזאַמען מיט זיך שלעפּט ער אַראָפּ אין אָפּגרונט די געליבטע פרוי. און ריואַי בלאַס געפינט אַן אויסגאַנג אין דעם טויט. מיט זײַן טויט ראַטעוועט ער די קיניגין.

אַזעלכע זײַנען הוגאָס דראַמען. דאָס זײַנען יענע געשטאַלטן, אַלטע פאַנטאַסטישע און באַצויבערנדיקע, וועלכע זײַען אײַנגיכן אויף אײביק אַוועק פון אײראָפּע, דערשראָקענע פאַרן רויך פון די פאַבריק־קוימענס און פאַר די שנײַדנדיקע קלאַנגען פון די פאַבריק־סירענעס.

.XIV

די טעאָריע פון קונסט צוליב קונסט. — די גרונטשטריכן פון באָדלערס כאַראַקטער. — די געקינצלטקײט. — די באַציאונג צו פרויען. — רענדיזם. — די באַציאונג צו פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן. — „בלומען פון בייז“. — די מאָטיוון פון זײַן פּאָעזיע. — בילדער פון זינדיקײט. — קרענקלעכע געשטאַלטן. — די לײַדנדיקע מענטשהײט. — מאָמענטן פון פאַלן און פון דערהייטערונג. — עסטעטישע און רעליגיעזע מאָטיוון. — באָדלער און זײַנע נאָכפאָלגער.

וויקטאָר הוגאָ הערשט אין דער צווייטער העלפט פון XIX י. ה. אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, און פון אים הייבט זיך אָן די גאַנצע הײַנטיקע פּאָעזיע. זײַנע תלמידים ווערן, לויט פעליסיעס באַמערקונג, אַליין לערער, ווי אַלעקסאַנדער מוקדונס פעלדהערן זײַנען געוואָרן קייסאָרים, ווען זיי האָבן צווישן זיך צעטיילט זײַן קיניגרײַך. אַלע פּאָעטישע שולן זײַנען אַזוי אָדער אַנדערש אַנטשטאַנען אונטערן שאָטן פון הוגאָס שאַפונג. אַפילו די סימבאָליסטן, דידאַקטיקע פאַנאַטישע געצנדינער פון דער אויסערלעכער פאָרם, האָבן אָנערקענט, אַז ער האָט דער ערשטער פון די פראַנצויזישע פּאָעטן אַרײַנגעדרונגען אין דער נשמה פון וואָרט און, לויט זײַן אײגענעם אויס־

דרוק, געפינען אַ באַהאַלטענעם זינען אין דער פאַראייניקונג פון קלאַנגען. פונדעסטוועגן רעכנט די דעקאַדענטישע שול פאַר איר לערער ניט הוגאָ, נאָר אַן אַנדער פּאָעט. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס הוגאָ האָט ניט געהאַט די נערוועזע איינדריקלעכקייט פון די הייננטיקע פּאָעטן, און זיין פּאָעזיע — די קרענקלעכע עלעמענטן, וואָס עס האָט אַ געוויסע שטרעמונג אין דער נייער פּאָעזיע. ווען די פּאָעזיע פון אומבאַשטימטע שטרעבונגען צום אַבסאָלוטן און אייביקן האָט איבערגעלאָזן דאָס אָרט פאַרן רעאַליזם, פאַר דער אָביעקטיוו-קינסטלערישער שילדערונג פון דערווירקלעכקייט, האָט דער ראָמאַנטיזם פאַר-לאָרן זיין באַדייטונג. דער ראָמאַנטיזם האָט שוין מערניט געקענט זיין קיין אָפּשפּיגלונג פון די שטימונגען און שטרעבונגען פון דער געזעלשאַפט. אָבער די פאָרם לעבט אָפט איבער דעם אינהאַלט. מיר האָבן געזען, אַז די עפּיגאָנער פון קלאַסיציזם, וועלכער האָט שוין לאַנג זיך אַליין איבערגעלעבט, האָבן זיך אַפילו אין אָנהייב XIX י. ה. אַלץ נאָך געהאַלטן פאַר די אָפּגעלעבטע פאָרמען. דאָס זעלבע איז געשען מיטן ראָמאַנטיזם. אין דער צייט פון זיין פאַלן האָבן די פּאָעטן אָנגעהויבן אַלץ מער אַכטונג צו געבן אויף דער געשליפקייט פון דער פאָרם. די סאַמע טאַלאַנטפולע פאָרשטייער פון דעמדאָזיקן קולט פון פאָרם, פון פּרינציפּ „קונסט צוליב קונסט", אָדער „ריינער קונסט", זיינען געווען דער פּאָעט טעאָפיל גאָטיע (1811—1872) און זיין תלמיד טעאָדאָר דע באַנוויל. באַזונדערס איז דער צווייטער געווען דער אמתער פאַנאַטיקער פון קלאַנגען. „ניט די אידעע, ניט די גייסטיקע עמאָציע באַגייסטערן אים, נאָר בלויז די ווערטער. זיי לעבן, ריידן און באַוועגן זיך אין זיין אייגנזייטיקן דמיון. אין יעדן פון זיי דאַכט זיך אים אַן אייגנאַרטיקער גלאַנץ, אָדער קאָלאָריט, ער הערט אַפילו עפּעס אומאָנגרייפלעכע קלאַנגען, ווען די ווערטער באַגעגענען און באַהעפטן זיך. אַן אויסוואַל פון מעלאָדישע און קלינגענדיקע ריטמען — אָט אין וואָס עס באַשטייט זיין גאַנצע קונסט; און דער שטח, וואָס בלייבט צווישן זיי, ווערט אַליין פון זיך אָנגעפילט. און אויב אַפילו דאָ פאָדערט זיך, עפּעס זאָל אומדערוואַרט זיין אַריינגעשטעלט, אויב אַפילו דער געדאַנק גופא ווערט צעשטערט, איז עס דאָך ניט נאָר ערלויבט, נאָר פולקום נאַטירלעך אין דעם געביט, וואו אַלץ איז געגרינדעט אויף דער פאַנטאַזיע, וועלכע דערלאָזט אַלערליי אופנים פון איבערכאַפּן די מאָס און אָפּווייכונגען. לויט באַנווילס מיי-נונג, קאָן אַ ביסעלע אומגעלומפּערטקייט ניט שאַדן דער פּריוואָלער קונסט, וועלכע רופט זיך פּאָעטישע שאַפונג, און ער דריקט כּסדר דידאָזיקע טעאָריע אויס אין דער לייכטער, אינהאַלטסלאָזער פאָרם פון זיינע ווערק, פּראָטעסטירנדיק אויף

אזא אופן קעגן דעם רעאַליזם פון זיין צייט און דערווייטערנדיק זיך פון איר אין אַ ריין־פאַנטאַסטישער וועלט". אָבער ניט באַנווילן, נאָר גאָטיעס אַן אַנ־דער תּלמיד איז באַשערט געווען צו זיין דער פאָטער פון דער ירידה־פּאָעזיע, דער אויסדריקער סיי פון אירע מיסטישע שטרעבונגען, סיי פון איר קרענק־לעכער מאַכטלאָזיקייט. באַדלערס נאָמען איז געוואָרן די פאָן, אַרום וועלכער עס האָבן זיך גרופּירט די עפּיגאָנער פון דער ריינער קונסט.

צווישן די נייע געפילן, וואָס דער XIX י. ה. האָט געבוירן, און וועלכע זיינען אומבאַקאַנט געווען די פריערדיקע דורות, פאַרנעמט אין דער פּסיכאָ־לאָגיע פון היינטיקן מענטשן דער געפיל פון ליבע צום שטאָטיקן לעבן אַן אָנגעוועזן אָרט. דאָס איז ניט קיין רגילות אָדער קיין צופאַל. פאַרגעגרייט דורך די פריעריקע יאָרהונדערטן, איז ער אין דעם XIX י. ה. געוואָרן אַן אומטיילבאַרער עלעמענט פון דער נשמה, איז ער זיך אָרגאַניש צונויפגע־וואַקסן מיטן גאַנצן מהות פון אַ געוויסער גרופּע מענטשן, באַשאַנקענע מיט טאַלאַנטן, ערגייציקייט און ראַפינירטע געשמאַקן. דערדאָזיקער געפיל האָט געשאַפן אַ באַזונדער מין מענטשן; און וואָס רייכער מיט מענטשן עס איז דער שטאָטישער צענטער, אַלץ מער זיינען אין אים מענטשן פון דעם נייען טיפּ, אַלץ באַשטימטער און בולטער שטעמפּלען זיך אויף זיי אָפּ געוויסע כאַ־ראַקטעריסטישע שטריכן. אַ „גרויס־שטאָטיקער", אַ „פּאַריזער" — דידאָזיקע ווערטער, וואָס, דערמאָנענדיק זיי, אַנטשטייט ביי דעם היינטיקן מענטשן אַ גאַנצע ריי פאָרשטעלונגען און באַגריפן, — זיינען אין דעם XIX י. ה. געווען אומבאַוואוסט אין דעם זינען, וואָס זיי האָבן היינט. אמת, אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע זיינען אויך געווען צענטראַלע פּונקטן, וועלכע זיינען געווען געזעצגעבער פון מאָדעס, אידעען און קולטור־געשמאַקן. אין דער צייט פון שעקספּירן האָט אַ גרויס־וועלטיקער לאָנדאָנער געמוזט ריידן איטאַליעניש און באַפרידיקן די פאָדערונגען פון גראַף קאַסטיליאָנעס בוך. אין VXIII י. ה. האָבן זיך די קליינע דייטשע פירשטן און די פּעטערבורגער אַריסטאָקראַטיע געסטאַרעט נאָכמאַכן דעם ווערסאַלער עטיקעט. אָבער ערשט דער דעמאָ־קראַטישער XIX י. ה. האָט געגעבן די גרויסע רחבות פאַרן קאַמף פון ערגיי־ציקייט און טאַלאַנט, די מעגלעכקייט צו שטרעבן צו די העכסטע מדרגות אין דער געזעלשאַפט; און אין די גרויסע פּונקטן האָבן זיך אַלאָז געטאָן אַלע, ווער ס'האָט נאָר געטרוימט וועגן רום און עשירות. ערשט אין XIX י. ה. האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ציען צום צענטער, דאָס קאָכיקע לעבן פון די רעזי־דענצן, וואו עס קלייבן זיך די ערגייציקע, וועלכע קעמפן אָן רחמנות פאַר

דאָס, מיט וואָס דאָס לעבן ציט צו. די פּאָריקע יאָרהונדערטן האָבן ניט גע־וואוסט די קראַנקהייט פון XIX י. ה., וועלכע מען קאָן אָנרופן „בענקשאַפט נאָך דער גאַס". דאָס ליכט פון די עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס פּאַרפּלייצט די גאַס ביידערנאַכט, די קאַפעס און די רעסטאָראַנען, וואו ביידערנאַכט ברויזט דאָס לעבן און עס גיסן זיך רייד פון מענטשן, פּאַרשיכּורטע פון וויין און פון גלאַנץ; פּאַרשיידנאַרטיקע ערטער פון פאַרגעניגנס, אָנהייבנדיק פון די קונסט־טעמפּלען, וועלכע גלאַנצן מיט לעגענדאַרן לוקסוס און ענדיקנדיק מיט די נעסטן פון קרענקלעכע תענוגים — אַזעלכע זיינען די צוציאונגס־מיטלען, קעגן וועלכע עס קאָן אָפט ניט ביישטיין אַפילו אַ שטאַרקער גייסט. לאָמיר זיך דערמאָנען אָן לוסיענען, ראַסטיניאַקן און באַלזאַקס אַנדערע צענדליקער העלדן, וואָס האָבן באַצאָלט מיט זייער מאָראַלישן טויט פאַר די עטלעכע מי־נוט פון אויסגעדאַכטע אַנטציקונגען, פאַר די זיסע מאָמענטן פון פּאַרשיכּורט־קייט. לאָמיר זיך דערמאָנען דיקענסן, וועלכער איז אין לאָזאַנע אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט נאָך דער גרויסער שטאָט. „איך דאַרף די גאַסן!" — דער־דאָזיקער פיינלעכער געשריי קלינגט כּסדר אין דעם שריפטשטעלערס בריף, וואו ער פּאַרזיכערט ערנסט, אַז ער קען ניט שרייבן אין איינזאַמקייט מער איידער איינע־צוויי וואָכן, אַז ער מוז פון צייט צו צייט זיין אין לאָנדאָן, אויפשרויפן זיך, אַז די געשטאַלטן פון זיינע ראָמאַנען „פונקט ווי זיי וואָלטן אָפּגעשטאָרבן, ווען אַרום זיי ווערט אַנטשוויגן דער גערויש פון המון".

די וואונדער פון דער אַרבעט און דער טעכניק, די אומפאַרגלייכלעכע ערפאָלגן פון די וויסנשאַפטן און פון דער קונסט זיינען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אַ פּועל־יוצא פון דערדאָזיקער איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג פון די קרעפטן, פון דערדאָזיקער משוגענער קאָנקורענץ פון שכל און טאַלאַנט. אָבער דיזעלביקע באַדינגונגען האָבן אויך געבוירן אומרחמנותדיקן עגאָאיזם, אומבאַ־צוימטע ערגייץ, ראַפינירטע ליידן און פעלערן. די אידעאַליסטן פון אָנהייב יאָרהונדערט האָבן פאָראויסגעזען די פּיינען און די צרות, מיט וועלכע עס וועט זיין אויסגעשפּרייט דערדאָזיקער נייער גלענצנדיקער וועג פון דער מענטש־הייט. זיי זיינען געלאָפן פון דעמדאָזיקן רוישיקן שטאָט־לעבן, וואָס האָט אין זיין ריזיקער באַוועגונג צעמאָלן דעם גלויבן אין די מיסטישע טרוימען, צע־טראָטן די שוואַכע און די טרוימערישע מענטשן, פאַרניכטן די עניוות און די הכנעה, אָן רחמנות פאַרדאָרבן אַלץ, אויף וואָס עס האָט זיך געהאַלטן די אַלטע אָרדענונג... שאַטאָבריאַן האָט ניט ליב געהאַט פּאַריז, און האָט פאַר־געטערט זיין ווילדע ברעטאָן. לעאָפּאַרדי האָט פאַרשאָלטן דעם יאָרהונדערט

פון „הענדלער און קרעמער" און פון „טאַשן־ענציקלאָפּעדיעס". אַלע דידאַקטיקע אידעאַליסטן האָבן זיך אָנטזאָגט פון דער משוגענער יאָגעניש נאָך עשירות און רום. זייער געני האָט ניט געפונען די געהעריקע אָפּשאַצונג, זיינען זיי אַנטלאָפן פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט, טרויערנדיק אויף דער ירידה פון דער וועלט און פאַרהיטנדיק אין דער נשמה דאָס שטרעבן צום אומבאַוואוסטן און נעפּלהאַפטן אידעאַל. זיי זיינען אַוועק פאַרוואונדיקטע, מחמת די אַרומיקע האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען, מיט באַליידיקטער ערע און שטאָלץ, אָבער איינזאַמע און ניט קיין שלום געמאַכט. זיי האָבן זיך געזוכט אַן אָרט צווישן די אַמעריקאַנער ווילדע, ווי שאַטאָבריאַן, אויף דער ברייט פון ים, ווי טשאַילד־האַראָלד, אויף די שניי־שפּיצן פון די שווייצער־בערג, ווי מאַנפרעד. זיי זיינען געוואָרן רויבער, ווי דער קאָרסאַר, אָדער ביי גאָר דער פאַרשיידנאַרטיקייט זיינען זיי שטענדיק געשטאַנען אויסער דער אָפיציעלער געזעלשאַפט, און זיי־נען אַנטלאָפן פון דער שטאָטישער קולטור. און אויב זיי האָבן פאַרלאָרן דעם פריערדיקן גלויבן, זיינען ביי זיי פאַרבליבן די פריערדיקע געפילן, הגם פאַרלאָרן זייער יסוד. אויב דער מענטש „פילט מערניט קיין באַדערפעניש צו גלויבן, איז ביי אים געבליבן די באַדערפעניש צו פילן, ווי אין דער צייט, ווען ער האָט געגלויבט".

די דענקער האָבן זיך ווי צעטיילט אויף צוויי גרופּן. איינע, ראָמאַנ־טיקער און מיסטיקער, האָבן געלעבט מיט אַלטע פאָרשטעלונגען און זיינען אַוועק פון לעבן. אַנדערע, רעאַליסטן און סאָציאַלע רעפאָרמאַטאָרן, האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דעמדאָזיקן נייען לעבן. זיי האָבן עס אָנגעהויבן פאָרשן, האָבן זיך באַמיט צו באַהערשן דאָס גוטס, וואָס עס האָט געגעבן, און די בעסטע פון זיי האָבן זיך געסטאַרעט באַשטימען זיינע פעלערן און אויסזוכן מיטלען, ווי זיי צו באַזייטיקן. ניט די, ניט יענע זיינען ניט געווען פולקום אויסגעהאַלטן. די מיסטיקער און די טרוימער האָבן זיך ניט איינמאָל גע־לאָזט מיטרייסן פון דער נייערווירקלעכקייט. אין זייער איינזאַמקייט גופא, אין זייער טרויער האָט אָפט אַ היפשע ראָלע געשפּילט די באַליידיקטע איינ־ליבע, די גלייכגילטיקייט, אָדער די קנאַפּע פאַרגעטערונג מצד די מענטשן פון זייער צייט. פון דער צווייטער זייט, זיינען יענע, וואָס האָבן איינגענו־מען אַן אָרט אין די נייע לעבנסבאַדינגונגען, ניט פריי געווען פון מיסטישע שטרעבונגען צו נעפּלהאַפטיקע אידעאַלן, און אַמאָל פלעגט זיך אין ברען פון קאַמף, אין גריבלדיקער אַרבעט, לאַנגזאַמען אַנאַליז, אינמיטן פאַרשיכורנדיקע תענוגים, פאַרבייטראָגן פאַר זייערע אויגן שאָטנס פון פרידלעכן גליק, פון

פריערדיקן טיפן גלויבן, וועלכן דער קריטישער געדאַנק האָט נאָך ניט צעטרייסלט, און בילדער פון טעאָקראַטישער אָרדענונג.

שטעלט זיך פאַר אַ מענטשן, וועלכער האָט אין דערדאָזיקער איבערגאַנגס־עפּאָכע ניט געקענט אַנטשיידן צושטיין צו קיינער פון דידאָזיקע צוויי גרופּן, אין וועלכן עס איז געבליבן אַן אומגעשטילטער דאָרשט נאָך אַן אומבאַוואוסטן געהויבענעם אידעאַל, און אין דערזעלבער צייט האָט ער זיך מיט דער גאַנצער נשמה אָפּגעגעבן דער שיכּרות פון די גרויסע שטעט. שטעלט זיך פאָר אַ אידעאַליסט, וועלכער איז פאַרזונקען אין שמוץ פון זינד און אויסגעלאַסנקייט; אַ מענטשן, וועלכער רייסט זיך צום אידעאַל, און ער האָט אין דערזעלביקער צייט ניט קיין כּוח צו שיידן זיך מיט דעם פאַרדולנדיקן צויבער פונם לעבן,—דעמאָלט וועט איר באַקומען באָדלערס געשטאַלט. מיר האָבן געקענט אַנטוישטע איינזאַמע העלדן, וועלכע זיינען געלאָפן פון דער מענטשהייט. באָדלער—דאָס איז אַן איינזאַמע נשמה אין דער סאַמע געדיכטעניש פון לעבן. באָדלער — דאָס איז מאַנפרעד אין אַ מאָדישן קאָסטיום, טשאַילד־האַראָלד פון פּאַריזער בולוואַר. „דער געפיל פון איינזאַמקייט, פון קינדהייט אָן, — שרייבט ער אין זיין אינטימען טאָגבוך, סיי אין דער משפחה, סיי באַזונדערס צווישן חברים, דער באַוואוסטזיין, אַז דו ביזט פאַרמשפּט אויף אייביקער איינזאַמקייט, און אין דערזעלבער צייט — אַ הייסער דאָרשט נאָך לעבן און תּענוגים"!

דער באַראָנישער שטאָלץ, די איינגעשפּאַרטע איינזאַמקייט פון דעם בריטאַנישן פּאָעט האָבן זיך אין באָדלערס פּאָעזיע צונויפגעגאָסן מיט די פּיינען פון פאַלן, מיט די אַנטציקונגען פון נידעריקע תּענוגים און מיט דער דערנידעריקנדיקער קנעכטשאַפט פון אַ שוואַכער נשמה, וועלכע איז מיט שטאַרקע קייטן צוגעשמידט צו דעם געגנשטאַנד, וואָס זי פאַראַכט. די וואָס האָבן געקענט פאַרשטיין די איידעלע שטרעבונגען, וואָס זיינען געלעגן אין יסוד פון זיין פאַלן גופא, האָבן זיך פאַר באָדלערן געבויגן. די, וואָס האָבן פּשוטער געקוקט אויף דער זאַך, וואָס האָבן זיך ניט אַריינגעטראַכט אין די מאָטיוון פון זיינע מעשׂים, ווער ס'האָט אין אים געזען נאָר אַן אויפגעשרויפטן ציניקער, און אין זיין פּאָעזיע—אָפנהאַרציקע בילדער פון אויסגעלאַסנקייט — יענע האָבן אים פאַרהאַסט און פאַראַכט. זיינע בלומען פון שלעכטס האָט מען באַגעגנט מיט אַ שטורעם פון צאָרן, די רעגירונג האָט זיי פאַרפאָלגט, און די געזעלשאַפט האָט געצאָרנט אויפן פּאָעט, וועלכער האָט אָפּגעדעקט די וואונדן פון דעם הייַנטיקן מענטשן אין גאָר זייער שרעקלעכער ניט באַפּוצטער נאַקעטקייט. אָבער די טיפע פילנדיקע קריטיקער האָבן הינטער די בילדער

פון אויסגעלאַסנקייט און אומנאַטירלעכע זינד דערזען דעם פּאָעטס טרויעריק און ערנסט געזיכט. דער גרעסטער הומאַניסט און מאָראַליסט פון דער צייט (הוגאָ) האָט באַגריסט דעם פּאָעט און זיינע שיינע בלומען, וועלכע „שיינען און פינקלען, ווי שטערן". און דאָס, וואָס איז פאַראורטיילט געוואָרן אין נאָמען פון „יושר" און „מאָראַל" מצד דעם עקסיסטירנדיקן רעזשים, האָט ער אָנגערופן „די בעסטע קריין" פון באָדלער. פלאָבער איז געווען אַנטציקט פון באָדלערס אָריגינאַליטעט; ער באַזיצט די גרעסטע פון אַלע מעלות: „ער איז אויף קיינעם ניט ענלעך". בנוגע באָדלערס אוממאָראַלישקייט האָט דער אויטאָר פון מאַדאַם באָוואַרי געשריבן צום אויטאָר פון בלומען פון שלעכטס: „איר באַזינגט דאָס לייב, ניט ליבנדיק עס, אין אַ טרויעריקער און אַ סימפּאַטישער פאָרמע". דער פיינער שעצער פון קינסטלערישע ווערק און דער קענער פון דער מענטשלעכער נשמה, סען-בעוו, האָט באָדלערן גערעכנט פאַר זיין בעסטן גוטן פריינד, און וועגן זיין בוך אַרויסגעזאָגט אַן אַנטציקטע מיינונג אין אַ בריוו צום פּאָעט. און דער באַוואוסטער אין זיין צייט קריטיקער עדואַרד טיערי האָט זיך וועגן די בלומען פון שלעכטס אַרויסגעזאָגט אין פאָלגנדיקע ווערטער: ער רעדט דורכאויס נאָר אמת. ער האָט זיך ניט געלייגט, ער האָט קיינעם ניט געלייגט. זיינע בלומען פון שלעכטס האָבן אין זיך אַ פאַרדולנדיקן אַראָמאַט. ער האָט איינגעאָטעמט זייער ריח, ער רעדט ניט קיין רכילות אין זיינע זכרונות. ער ליבט זיין פאַרשיכורטקייט, ווען ער דערמאָנט זיך אָן דעם, אָבער זיין פאַרשיכורטקייט איז אַזוי טרויעריק, אַז עס רופט אַרויס אַן אימה. ער ווייס ניט קיין אַנדערע מיטלען צו באַשולדיקן, קיין אַנדערע טענות — ער איז טרויעריק". שטרענגער האָבן זיך צו באָדלערן באַצויגן די שפּעטערדיקע קריטיקער. לעמעטר האָט אין זיין פּאָעזיע געזען אַ פאַראייניקונג פון טיפן מגושמדיקן פילן מיט קריסטלעכן אַסקעטיזם. און ער האָט געמאָלדן, אַז באָדלעריזם איז גוט פאַר זיין צייט, ווען מען דאַרף זיך טרייסטן נאָך וואָלטער, בעראַנזשע און ענלעכע צו זיי מוהות. און פעלוסיע האָט אין זיין באַרימטן בוך אַרויסגעטראָגן דעם פּאָעט אַזאַ פסק-דין: „באָדלער איז דער ערשטער און דער בולטסטער מוסטער פון יענע צעבראָכענע קרענק-לעכע טאַלאַנטן, וואָס זיינען מאַכטלאָז אין שאַפן, נאָר באַגאַבט מיט אַ באַזונ-דער קראַפט פון אַנאַליז, וואָס נאָר די זיך עלטערנדיקע ציוויליזאַציע האָט אַזעלכע געקענט באַשאַפן, געגליכן צו יענעם טרוקענעם איבערגעברענטן באָדן, וועלכער לאָזט פון זיך אַרויסוואַקסן נאָר שאַרפע גיפטיקע גראָזן אָנשטאָט גע-זונטע נאַרהאַפטע פרוכטן". שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די רעאַביליטאַציע

פון באָדלערן, וועלכן מ׳האָט אין זיין צייט געהאַלטן פאַר דעם פּאָעט פון זינד און אויסגעלאַסנקייט. אָבער ניט פילע פון דידאַקטישע שפּעטערדיקע פאַרערער זיינע האָבן זיך באַצויגן אויפן געהעריקן אופן צו זייער אויפגאַבע. אַנשטאָט צוריק אויפצושטעלן דאָס בעסטע און דאָס איידעלע, מיט וועלכע זיין פּאָעזיע האָט געאָטעמט, האָט די אַזוי גערופענע דעקאַדענטישע שול אים ערקלערט אַלס זייער פאָטער. זי האָט אויפגענומען נאָר דאָס פאַרדאָרבענע און קרענקלעכע. ניט האָבנדיק באָדלערס אידעאַליזם, ניט זיין טיפן טרויער וועגן דער פאַלשקייט, וואָס הערשט אויף דער וועלט, און וועגן דעם מענטשנס ליידן, — זיינען די עפּיגאָנער זיינע געפעלן געוואָרן נאָר די בילדער פון דער זינד גופא און זיי האָבן דידאַקטיקע בילדער געמאָלט צוליב זיי גופא. ס׳איז פאַרשוואונדן דער טרויער, וועגן וועלכן פלאָבער און טיערי האָבן גערעדט, און ס׳איז געבליבן דער ציניזם, אַ הוילער, אָן יענער טיפער באַדייטונג, וואָס עס בלייבט אין דער שאַפונג פון יעדן עכט קינסטלערישן, זאָל זיין אַפילו קרענקלעכן טאַלאַנט.

באָדלער איז געבוירן דעם 21 אַפּריל 1821 יאָר. זיין גענעאַלאָגיע איז אַ טרויעריקע. צווישן זיינע עלטערן זיינען געווען משוגעים און אידיאָטן. זיין ביאָגראַפיע איז זייער אַן איינפאַכע לויט די אויסערלעכע געשעענישן פון זיין לעבן, אָבער אַ רייכע מיט אינערלעכן טראַגיזם. זיין פאָטער האָט געהאַט זייער רעוואָלוציאָנערע אָנשויאונגען, איז אָבער אויפן גאַנצן לעבן פאַרבליבן אַן אַריסטאָקראַט און אַן עסטעט לויט זיינע געוווינהייטן, און האָט איבערגעגעבן דעם זון בירושה ליבע צו שיינקייט. דער ערשטער שטאַרקער באַוואוסטזיניקער איינדרוק פון לעבן האָט איבערגעלאָזן אַ פינסטערן שפּור אין דער נשמה פון דעם פּאָעט. זיין פאָטער איז געשטאָרבן, ווען ער איז אַלט געווען צען יאָר, און זיין מוטער האָט באַלד חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן. די נערוונאָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט געירשנט פון די עלטערן, די נטיה צו אַנאַליז און מגוזמדיקע איינדריקלעכקייט האָבן אים געלאָזט זען „אימות״ אין יעדן אומגליק, אין יעדן פּערזענלעכן דורכפאַל. דער יונגער שאַרל איז געוואָרן אויסער זיך, וואָס די מוטער האָט אַזוי גיך פאַרגעסן דעם פאָטער. דער ליאָנער און דער פּאַריזער קאָלעזשן, וואו דער פּאָעט האָט זיך געלערנט, האָבן אים געגעבן ווייניק. און ווען ער איז אַלט געווען 17 יאָר, האָט ער זיך אַריינגעלאָזן אין יענעם כאַאָטישן פּאַריזער לעבן, פון וועלכן ער האָט באַקומען, אפשר, די הויפּט־איינדרוקן, די הויפּט־מאָטיוון פון זיין פּאָעזיע. אים האָט ניט געצויגן צו אַריסטאָקראַטישע ספערן, צו וועלכער זיין שטיפפאָטער האָט געהערט. און

די שכוביקע האָבן זיין שטרעבונג אָפּצוגעבן זיך זיין פּאָעטישן באַרוף באַגעגנט זייער ניט פריינדלעך. דעם באַוואוסטזיין פון זיין איינזאַמקייט און די באַקאַנטשאַפט מיט די פינסטערע פּאַריזער ווינקלען, — אָט וואָס באָדלער האָט אַרויסגעטראָגן פון זיין יוגנט.

אין 1841 יאָר איז באָדלער, לויט דער פאָדערונג פון זייַנע עלטערן, אַוועקגעפאָרן קיין אינדיע. אָבער די האָפענונגען, וואָס די מוטער האָט געלייגט אויף דערדאָזיקער נסיעה, זייַנען ניט מקוים געוואָרן. באָדלער האָט געבענקט נאָך דער היים און איז צוריקגעקומען קיין פּאַריז פון מיטן וועג. אָנשטאָט באַרואיקונג האָט ער מיטגעבראַכט נאָך אַ פּיל רייכערע פאַנטאַזיע און אַפילו די ליידנשאַפט צו מיסטיפיצירן. ער האָט מיט זיך געבראַכט דעם קולט פון דער „שוואַרצער ווענערע" און האָט דערציילט מעשות ניט געשטויגן ניט געפלויגן, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט געזען. דערדאָזיקער צווייטער שטריך — די באַדערפעניש צו מיסטיפיצירן — איז פאַר אַזאַ נאַטור, ווי באָדלער, געווען אַ נאַטירלעכער אויסגאַנג פון זייַנע אידעאַלע שטרעבונגען. יעדע עפּאָכע ווייזט דעם טרוימער אָן באַזונדערע וועגן. אין מיטלאַלטער וואָלט אַזאַ מענטש ווי באָדלער אפשר געוואָרן אַ פאַנאַטיקער-אַסקעט, און וואָלט אין דעם געפונען אַן אויסגאַנג פאַר זיין נשמה, וועלכע דאָרשט נאָך אומבאַוואוסטן, וואָס קען קיין שלום ניט שליסן מיט דער גראָבער ווירקלעכקייט. דעם קרענקלעכן קינד פון דער גרויסער שטאָט, וואו דאָס קאָמפּליצירטע קאָכיקע לעבן האָט באַגראָבן אַלערליי נאַטירלעכע באַציאונגען אונטער אַ קופּע געקינצלטע שיכטונגען, וואו די געקינצלטקייט און די געמאַכטקייט גופא ווערן איינפאַכקייט, און איינפאַכקייט און נאַטירלעכקייט דאַכטן זיך אויס ווי קרימעניש און פאָזירונג, — דעם קראַנקן מענטשן פון דעמדאָזיקן צענטער פון ראַפינירטער קולטור איז געבליבן מערבית, ווי טרייסטן זיך מיט אָריגינעלע אויסטראַכטענישן און פאַנטאַסטישע שטיק, וועלכע האָבן זיך אין זיין איינדריקלעכן מוח צונויפגעגאָסן מיט דער ווירקלעכקייט. „מ'האָט באָדלערן באַשולדיקט אין קרימענישן — זאָגט בנוגע דעם טעאָפיל גאָטיע, — אין דער שטרעבונג צו זיין אָריגינעל אום יעדער פּרייז, אין פאָזירונג. צי זייַנען דען אָבער ניטאָ קיין מענטשן „נאַטירלעך-פאָזירנדיקע"? ביי אַזעלכע מענטשן איז די אמתע אַפעקטאַציע, פאַרקערט, דווקא איינפאַכקייט. זיי קומט אויס לאַנג צו זוכן און צו אַרבעטן איבער זיך, כדי צו זיין איינפאַך. זייער מאַרך איז אַזוי געבויט, אַז די אידעען באַוועגן זיך אין אים ניט לויט גראָדע ליניעס, נאָר לויט ספּיראַלן. די ערשטע קומען ביי זיי די סאַמע דינע קאָמפּליצירטע און אָנגעשטרענגטע געדאַנקען. זיי זעען צלן

אונטער אַ באַזונדער ווינקל, וועלכער ענדערט די פּערספּעקטיוו. אויף זיי ווירקן פריער פאַר אַנדערע די סאַמע משונהדיקע און פאַנטאַסטישע שטריכן פון געשילדערטע דערשיינונגען און זיי קענען אין איין הרף־עין אַנטפּלעקן די געהיימע פעדימער, וועלכע בינדן צונויף דידאָזיקע שטריכן מיט זייער גרונט. באָדלער איז געווען גראָד אַזאַ, און דאָרט וואו די קריטיק זעט איין אָנשטרענגונג, אויסגעמאַטערטע אַרבעט, דאָרט האָבן מיר צו טאָן בעצם מיט פרייען און נאַטירלעכן ארויסווייזן זיך פון זיין אינדיווידואַליטעט". כדי צו פאַרשטיין דעם נאַטירלעכן כאַראַקטער פון דער באָדלערישער אַפעקטאַציע—דאַרף מען געדענקען, אַז זי איז אַ פּראָדוקט פון שטאָט, וואו צעפוילטע קעז ווערט אין געוויסע קרייזן גערעכנט אַלס נאָרמאַלער מאכל, און דער געשמאַק צו געזונטער שפּייז וואָלט אין דיזעלביקע קרייזן פאַררעכנט ווערן ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז קעגן דער מענטשלעכער נאַטור. דער קולט פון דער „שוואַרצער ווענערע" האָט באָדלערן טייער געקאָסט. ער האָט זיך פאַרליבט אין זשאַנאַ דיוואַל, וועלכע האָט קיינע אַנדערע מעלות ניט געהאַט, אויסער דער אָנגעהעריקייט צו דער קאָלירטער ראַסע. זי האָט ניט געהאַט ניט קיין שכל, ניט קיין טאַלאַנט, ניט קיין שיינקייט, ניט קיין האַרץ. אַפילו באַנוויל, אַ פּאָעט און באָדלערס אַ פריינד, וועלכער איז גענייגט געווען צו לויבן אָן אַ שיעור און צעגיסן זיך אין לירישער התלהבות וועגן די חברים פון זיין יוגנט, דערמאָנט וועגן דער „אַנאַלפאַבעטישער שיינהייט" אין עטלעכע איראָנישע פראַזן, און דעם פּאָעטס איבעריקע גוטע פריינד ריידן וועגן איר נאָך וויניקער פריינדלעך. זי האָט געדינט אין אַ קליינעם פּאַריזער טעאַטער און איז באמת געוואָרן דעם פּאָעטס בייזער מלאך. זי האָט אין אַ געוויסער מאָס פאַרדאָרבן זיין לעבן. קיין גענויע ידיעות וועגן איר ווייטערדיקן גורל זיינען ניטאָ. מ'ווייס נאָר, אַז זי האָט אַ פולע געשיכורט, איז געוואָרן פאַראַליזירט און איז עטלעכע יאָר נאָך דעם פּאָעטס טויט געשטאָרבן אין אַ שפּיטאָל אין שרעקלעכער אָרעמקייט. באָדלער האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו זאָרגן פאַר זשאַנען, אַפילו ווען ער האָט אַליין געליטן נויט.

קיין שום ספק ניט, אַז טאַקע דערדאָזיקער פרוי האָט באָדלער געהאַט צו דאַנקען פאַר דעם ניט פיינעם בליק, וואָס ער האָט געהאַט וועגן פרויען בכלל. טיף אין דער נשמה האָט באָדלער פאַראַכט פרויען. „זיי זיינען— זאָגט ער אין זיין ווידוי, איינע פון די פאַרלאָקנדיקע פאָרמען, וואָס דער טייוול נעמט אָן". ער וואונדערט זיך, ווי אַזוי לאָזט מען פרויען אַריין אין קלויסטער.

עס איז געווען נאָך אַ סיבה, וועלכע האָט באָדלערן אָפּגעשטויסן פון פרויען. אין איין אָרט פון זיין ווידוי זאָגט ער: „די פרוי איז דער היפּך פון אַ דענדי. זי מוז אַרויסרופן אַ גרויל. ווען אַ פרוי איז הונגעריק, פאָדערט זי שפּייז; ווען די פרוי איז דאָרשטיק — פאָדערט זי געטראַנק. זי איז נאַטירלעך, און דאָס איז עקלהאַפט. זי איז שטענדיק וואולגאַר, ד. ה. זי איז פונקט דער היפּך פון דעם דענדי". דאָ האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט באָדלערס אַ דריטן זייער טשיקאַווען שטריך, וועלכער האָט אַזוי אינטערעסירט דעם פּאָעטס ביאָגראַפן — דעם דענדיזם. באָדלער איז געווען אַ דזשענטלמען פון קאָפּ ביז די פיס. דער וואולגאַרער פלוידערן פון זיינע פריינדס געליבטע האָבן אים גענויט אַנטלויפן פון זייער געזעלשאַפט. בנוגע די אינטימע זייטן פון זיין לעבן איז ער שטענדיק געווען זייער איינגעהאַלטן אַפילו אין די שמועסן מיט די נאָענטסטע פריינד, און די לעצטע האָבן געקאָנט נאָר איין דיוואַלן אַלס דעם פּאָעטס געליבטע. ער פלעגט בייטן און באַטראַכטן זיינע קאָסטיומען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, און אַפילו ווען די אָרעמקייט האָט אים גענויט צו באַגרענעצן זיינע געוויינהייטן, פלעגט ער דאָך אָנווענדן אַלע מיטלען, כדי גוט אָנצוטאָן זיך. און אין אַלץ איז ער געווען אַ דענדי. ער האָט זיך געפירט אָנשטענדיק, האָט מורא געהאַט אונטערגעבן זיך זיינע ליידנשאַפטן, הגם ער האָט אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט געשענקט דער ליבע. באָדלער האָט זיך איר קיינמאָל ניט אונטערגעגעבן ניט מיטן האַרצן ניט מיטן געדאַנק. קיינמאָל האָט ביי אים די געליבטע ניט געקענט פועלן, ער זאָל פאַר איר מקריב זיין איר קאָנקורענטין די — מוזע.

דערדאָזיקער דענדיזם באָדלערס שטאַמט פון דעמזעלביקן קוואַל, וואָס די פּאָזירונג. אַלס קינד פון דער רעזידענץ האָט ער דאָס נאַטירלעכע ניט ליב געהאַט, און דענדיזם איז דער סימבאָל פון אונטערטעניק מאַכן די נאַטור צו דער קונסט. די פאַנטאַזיע איז העכער פאַר דער ווירקלעכקייט, די אילוזיע העכער — פאַרן אמת. דערדאָזיקער פּרינציפּ פון ראָמאַנטיזם האָט ביי באָדלערן באַקומען אַן אייגנאַרטיקע באַלייכטונג. צוליב וואָס זוכן פאַנטאַסטישס אויסערן לעבן, וויבאַלד אַז דאָס לעבן גופא האָט זיך אין די גרויסע שטעט פאַרוואַנדלט אין פאַנטאַזיע, וויבאַלד אַז אַלע נאַטירלעכע געפילן און אינסטינקטן זיינען אַוועקגעשטעלט אין נייע קאָמפּליצירטע באַדינגונגען און זייער אויסווייזן זיך קומט פאָר אין אַ נייער סביבה, וועלכע דערמאָנט וועגן נאַטירלעכע געפילן פונקט אַזויפיל, וויפל חלום דערמאָנט וואָר. דענדיזם איז אַ שיינע פאַרקערפּערונג פון דערדאָזיקער איבערגעדרייטקייט פון דעם מענטשנס נאַטור, און אַלץ

וואָס טויט די נאַטור און די מיאוסע ווירקלעכקייט, דאָס ציט צו זיך צו באַד־לערס שכל, וועלכער איז אַוועק איבער פאַלשע וועגן, זוכנדיק ליידנשאַפטלעך אומבאַוואוסטע אידעאַלן. אין דער צייט, ווען אַנדערע אוטאָפּיסן און פּריידיקער פון באַנייאונג האָבן געטרוימט וועגן איינאָרדענען די געזעלשאַפט אויף יסודות פון גערעכטיקייט, און האָבן אין ענערגישער סאָציאַלער אַרבעט געפונען די לייזונג פון זייערע אײַדעלע שטרעבונגען, האָט זיך באָדלער טיפער אַראָפּ־געלאָזן אין דעם טשאַד פון געקינצלטע אויפרעגונגען און איבערגעגעבן זיך אין דער מאַכט פון די פאַרדולנדיקע קאָשמאַרן.

פון 1842 ביז 1845 יאָר האָט באָדלער געפירט אַ גליקלעך לעבן. ער האָט דערגרייכט פּוליאַריקייט און באַקומען זיין חלק פון דעם פאָטערס ירושה, אַ קאַפּיטאַל פון 75 טויזנט פראַנק. ער האָט דידאָזיקע יאָרן פאַרבראַכט אין שמועסן מיט גוטע פריינד און אין לייענען ביכער. איינער פון זיינע חברים באַשרייבט זייער געמיינזאַמע שפּאַצירן. זיי פלעגן אַוועק אין שענקלעך, אויסווײַלן ערטער, „וועלכע די בורזשואַזיע פאַראַכט, זיי פאַסן אָבער פאַר פיינע און דערהויבענע שמועסן וועגן קונסט, ליטעראַטור און אַפילו מאָראַל". דעם געשמאַק צום ציינישן האָט אין אים פאַריז אַנטוויקלט. ער פלעגט מיטאָג עסן אין רעסטאָראַנען מיט אָנגעפּאַרבטע פרויען און געכטיקן אין מיאוסע הייזער. ער האָט געזוכט דעם לוקסוס, וואָס רייצט די נערוון, וואָס שטערט צו דענקען. דער וועג פון שיכרות איז אַ וועג אָן אַ גרענעץ. די געפילן פון דעם מענטשן, וועלכער לעבט מיט געקינצלטע אויפרעגונגען, ווערן גיך פאַרטעמפּט און פאָדערן אַלץ נייע און נייע שטאַרקע מיטלען. פּאָעטן קאָנען קיין געלט ניט היטן. און באַלד איז באָדלער געבליבן אָן אָרעמאַן. דידאָזיקע שטאָט האָט מער ניט געגעבן קיין מיטלען זיך צו פאַרגעסן. האַשיש און אָפּיום — דאָס זיינען די לעצטע רעטונגס־מיטלען פאַר דעם מענטשן, וואָס זיין קראַנ־קער דמיון קאָן ניט דערוואַכן אַפילו דורך ווײַן. דעם פּאָעטס פריינד האָבן געפרואווט אָפּלייקענען, אַז ער זאָל כלומרשט האָבן געברויכט אַזעלכע אויפ־רעגנדיקע מיטלען ווי האַשיש און אָפּיום, אָבער דער פּאָעט אַליין איז גע־ווען אָפנהאַרציקער. „איך האָב מיין היסטעריע קולטיווירט מיט פאַרגעניגן און מיט אימה. איצט פיל איך שטענדיק, אַז דער קאָפּ דרייט זיך מיר, און היינט, דעם 23 יאַנואַר 1862 י., האָט מען מיר געמאַכט אַ שטרענגע אזהרה; איבער מיר האָט גלייך ווי אַ פּאָך געטאָן אַ פליגל פון משוגעת". און זיין וואונדער־לעך בוך, וואָס באַזינגט דעם גן־עדן־פאַרגעניגן פון פאַרשיכורטקייט, האָט גע־זאָלט באַשטעטיקן דעם אמת, אַז „זאַכן עקסיסטירן ניט אין דער ווירקלעכקייט,

ש. באָדלער

און די אמתע ווירקלעכקייט עקסיסטירט נאָר אין דער פֿאַנטאַזיע" (Le Paradis artificiels, opium et haschisch). באָדלער זאָגט דאָ, אַז די אויסנעמלעכע גייסט-צושטאַנדן, וואָס די פֿאַרשיכּורטקייט רופֿט אַרויס, שטעלן פֿאָר אַן אמתן גן-עדן לגבי די גראָבקייט פֿון טאָג-טעגלעכן לעבן. די עררעגונג דורך האַשיש און אָפּיום האָט ביי אים געשטאַמט פֿון דעמזעלבן רייסן זיך צום גרעניצלאָזן. דער ערשטער קאַפּיטל פֿון זיין Le poéme du Haschisch רופֿט זיך טאַקע אַזוי: Le gout de l'infini. צו אַזאַ ווילדער פֿאַרדאָרבנקייט איז דערגאַנגען דערדאָזיקער מוח, אין גרונט אַן איידעלער, נאָר אָן דיסציפּלין און פֿעסטקייט, וועלכער איז ניט געווען אימשטאַנד איבערצוקאָכן די גרויסע אידעען און פּראָבלעמען, וואָס די צייט האָט אַרויסגעשטעלט. „דער מענטש איז ניט אַזוי פֿאַרוואָרלאָזט און ניט אַזוי אָן ערלעכע מיטלען צו דערגרייכן דעם הימל,—זאָגט באָדלער,—אַז ער זאָל דאַרפֿן זוכן הילף ביי דער פֿאַרמאַציע און ביי כּישוף. ער האָט ניט קיין נייטיקייט צו קויפֿן פֿאַרשיכּורנדיקע לאַסקעס און ליבע פֿון הוריעס פֿאַר דעם פּרייז פֿון זיין נשמה. און וואָס פֿאַר אַ באַדייטונג האָט דער גן-עדן, פֿאַר וועלכן מען צאָלט מיט דער אייביקער רעטונג!" ווען ניט דידאָזיקע מאָמענטן פֿון דערלויטערונג,—מאָמענטן וועלכע באַווייזן, ווי פֿיינלעך דער פּאָעט האָט געפֿילט די טיפֿקייט פֿון זיין פֿאַלן און די אימה פֿון זיין אויסגעווײַלטן וועג,—וואָלט באָדלערס פּאָעזיע פֿאַרלאָרן דעם בעסטן פֿון זיינע מאָטיוון. און דעם פּאָעטס פּערזענלעכקייט וואָלט פֿאַרלאָרן דאָס רעכט אויף דער אויפֿמערקזאַמקייט מצד די קומענדיקע דורות.

באָדלער איז ניט געווען גלייכגילטיק צו די געשעענישן, וועלכע האָבן געהאַלטן אין אויפֿרודערן די מענטשן פֿון זיין צייט: די רעוואָלוציע פֿון 1848 יאָר האָט אים פֿאַרכאַפּט. מען האָט אים געזען אין המון מיט געווער אין די הענט. אים איז געווען דערווידער די בורזשואַזיע מיט אירע הענדלערישע שטרעבונגען. ער האָט פֿאַראַכט די רעפּובליקאַנער, דיזאָזיקע „פֿאַרביטערטע שונאים פֿון לוקסוס, שיינער קונסט און פּאָעזיע". אים איז ניט פֿרעמד געווען דער טרוים פֿון אַ טעאָקראַטישער מלוכה אין דעם גייסט פֿון זשאָזעף דע מעסטער. ער האָט געטרויערט אויף דער שווערער לאַגע פֿונם אַרבעטער, און די ליידן פֿון דער פּאַריזער אָרעמער באַפֿעלקערונג האָט ער געזען די אָפּשפּיגלונג פֿון דער אַלגעמיינער טראַגעדיע פֿון דער וועלטשאַפֿונג, און אין דערזעלבער צייט האָט ער געקוקט מיט מורא אויף די אוטאָפּיסטן, פּראָגרעסיסטן און אוטיליטאַריסטן, — מיט איין וואָרט אויף אַלעמען, ווער נאָר עס מיינט עפּעס וואָס צו ענדערן אין דער אומענדלעכער אָרדענונג, וועלכע הערשט פֿאַטאַל איבער די

געזעלשאַפטן. ער האָט ניט געטרוימט מבטל צו מאַכן דעם גהינום אָדער די גילאָטינע צוליב דער באַקוועמלעכקייט פאַר די רשעים אָדער די רוצחים. באָדלערס פּאָליטישע און סאָציאַלע אָנשויאונגען האָבן געהאַט דעמזעלבן גורל, וואָס עס האָבן אַלע אומגעדולדיקע קרענקלעך־נערוועאישע נאַטורן, וועלכע ווילן ניט וואַרטן אויף די רעזולטאַטן פונם פּאָליטישן און סאָציאַלן קאַמף, וועלכע קענען די קעמפער ניט מוחל זיין זייער ליידנשאַפט און זייערע עגאָ־איסטישע מעשים. אַזעלכע מענטשן מיט אומגעהייערע גרויסע פאָדערונגען וועלן זיך קיינמאָל ניט קאָנען איינשליסן אין ראַמען פון אַ באַשטימטער פּראָג־ראַם, ניט צושטיין צו קיין פּאַרטיי, און זיך בעסער איבערגעבן צו פּרובטלאָזן טרויער און קראַנקע פאַנטאַזיעס, איידער לאַנגזאַם אַרבעטן און קעמפן, ווי אַ געוויינלעכער טוער. „זיין אַ נוצלעכער מענטש,—זאָגט באָדלער,—האָט מיר אַלעמאָל געשיינט, ווי עפּעס אויפן העכסטן גראַד עקלהאַפטס".

איניקע שורות פון זיין ווידוי ערקלערן זייער שיין, אויף וואָס פאַר אַ וועג עס האָט זיך אַנטוויקלט זיין אַנטוישונג סיי אין די פּאָליטישע טוער, סיי אין גאַנצע באַוועגונגען:

„מיין באַרוישטקייט אין 1848 יאָר. וואָס פאַר אַ מין באַרוישטקייט איז עס געווען? דאָרשט נאָך נקמה, נאַטירלעכע ליבע צו צעשטערונג. אַ ליטע־ראַרישע באַרוישטקייט, ערינערונג וועגן דאָס, וואָס געלייענט.

„15 מאַי. אַלץ דערזעלביקער דאָרשט צו צעשטערונג. אַ געזעצלעכער דאָרשט, אויב נאָר געזעצלעך איז דאָס אַלץ, וואָס איז נאַטירלעך.

„די יונגער אימות. משוגעת פון פאָלק, און משוגעת פון דער בורזשו־אַזיע. נאַטירלעכע ליבע צו פאַרברעכנס.

„דער 1848 יאָר איז געווען אינטערעסאַנט נאָר דערמיט, וואָס דעמאָלט האָט זיך יעדער געבויט אוטאָפּיעס, פּונקט ווי שלעסער אין שפּאַניע.

„דער 1848 יאָר האָט אַנטציקט נאָר מיט דער גרוזמא גופא פונם לעכערלעכן.

„ראָבעספּיערס ווערט איז באַשטאַנען נאָר אין עטלעכע שיינע פראַזן, וואָס ער האָט געזאָגט.

„די רעוואָלוציע באַשטעטיקט דורך קרבנות דעם אָבערגלויבן.

„לויט די רייד פון מיינע צייט־חברים, האָב איך ניט קיין איבערציי־גונגען, אָבער דאָס איז דערפאַר, וואָס איך בין ניט ערגייציק.

„איך האָב ניט קיין גרונט פאַר איבערצייגונגען.

„ערלעכע מענטשן באַזיצן אַ געוויסע פחדנות, אָדער, ריכטיקער, אַ ווייכקייט.

„נאָר רוצחים זיינען איבערצייגטע מענטשן. אין וואָס? אין דעם, אַז זיי דאַרפֿן רויבן. און זיי רויבן".

אין זיינע אויגן איז דער גאַנג פֿון די געשעענישן געווען באַלויכטן מיט עפּעס אַ פֿעיערישער שיין; היסטאָרישע פֿיגורן און ערשיינונגען האָבן אָנגענומען פֿאַנטאַסטישע פֿאָרמען. דאָרט, וואו אַנדערע האָבן געזען אימות, האָט ער געזען „גוזמאדיק לעכערלעכס". אין ראָבעספּיערס טעטיקייט איז זיין אויפֿמערקזאַמקייט געפֿאַלן נאָר אויף עטלעכע שיינע פֿראַזן. איבערצייגונג איז גאָר אַן איינגעשאַפֿט פֿון אַ רויבער, און פּחדנות אַ מעלה פֿון אַן ערלעכן מאַן. ער האָט געדאָרשט נאָך אומגעווייינלעכס און משונהדיקס, ער האָט זיך צוגעווינט צו באַרווישונג, און דיווירקלעכקייט האָט אין זיינע אויגן אָנגעהויבן אויסזען מיאוס און נישטיק. אומעטום, וואו נאָר ער האָט געוועגדט די אויגן, האָט ער געזען דעם גוואַלדיקן קאָנטראַסט צו זיינע טרוימעריין. זיינע מיינונגען וועגן די געשעענישן פֿון זיין צייט זיינען קורצע און אכזריותדיקע. מיט וואָס פֿאַר אַ געהיימן פֿיינלעכן פֿאַרגעניגן האָט ער אויפֿגעכאַפּט דאָס עקלהאַפֿטע אין אַלץ, וואָס ער האָט געזען, און מיט וואָס פֿאַר אַ פֿרייד האָט ער אויפֿגעדעקט די שאַנד פֿון באַטירלעכן. „דער האַנדל איז לויט זיין מהות אַ טייוולשע אַנשטאַלט, — זאָגט ער אין איין אָרט פֿון זיין ווידוי: — דער האַנדל דאָס איז אַ הלוואה, וואָס מיינט: גיב מיר צוריק אָפּ מער, איידער איך האָב דיר געגעבן. דער גייסט פֿון יעדער קאָמערסאַנט איז פֿול מיט זינדיקייט. דער האַנדל איז נאַטירלעך און דעריבער אומערלעך". יעדער דור שטעלט אַרויס זיינע קרבנות, זיינע קראַנקע מיטגלידער, וועלכע קענען זיך ניט געפֿינען קיין אָרט צווישן די געזונטע אַרבעטער, און זיי שטרייכן שאַרפֿער אונטער מיט זייער קרעכצן און קראַנקע קלאָגענישן די קראַפֿט און די אומענדערלעכע מאַכט פֿון דער מענטשהייטס נאָרמאַלע שטרעבונגען אין דער מאַטעריעלער און אין דער גייסטיקער ספֿערן. די פֿראַנצויזישע געזעלשאַפֿט האָט אין דערדאָזיקער צייט באַצאָלט מיט טויזנטער לעבנס פֿאַר איר רעכט אויף פּאָליטישער פֿרייהייט, עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אַנטשלאָסענער קאַמף צווישן די עקספּלואַטאַטאָרס מיט די עקספּלואַטירטע, אָבער באָדלער האָט ניט געזען קיין זינען און קיין טעם אין די גרויסע געשיכטלעכע געשעענישן, וועלכע זיינען פֿאָרגעקומען פֿאַר זיינע אויגן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די וועלט באַוועגט זיך נאָר אַ דאַנק עפּעס אַן אַלגעמיינעם טעות. „נאָר דורך קעגנזייטיקן ניט-פֿאַרשטיין זיך, קאָנען מענטשן דורכקומען צווישן זיך. ווען זיי וואָלטן צום אומגליק אָנגעהויבן פֿאַרשטיין איינער דעם אַנדערן, וואָלט ביי זיי קיין שלום קיינמאָל

ניט געווען. דער קלוגער מענטש, וואָס קומט קיינמאָל מיט קיינעם ניט דורך, דאַרף זיך צופּאַסן דערצו, אַז ער זאָל געפֿינען אַ פֿאַרגעניגן אין שמועסן מיט אידיאָטן און אין לייענען שלעכטע ביכער. ער וועט אין דעם געפֿינען אַ ביטערן תענוג, וועלכער וועט אים רייך באַלוינען פֿאַר זיין מי".

און באַדלער האָט אַוועקגעוואָרפֿן די אידעאישע ליטעראַטור. אַמאָל האָט ער מיט חשק געלייענט דעם פּאָעט פֿון די אַרבעטער פּיער דיופּאָן; איצט איז ער אַלץ מער און מער געוואָרן אַ פֿאַרערער פֿון דער ריינער קונסט. טעאָפּיל גאָטיע און לעקאָנט דע ליל זיינען געוואָרן זיינע געליבטע פּאָעטן. ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט האָט עדגאַר פּאָ אויף אים געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. ער האָט איבערגעלייענט זיינע ווערק אין 1846 — 1847 יאָרן און איבערגעלעבט „אַן אומגעוויינלעכע צערודערטקייט"; פּאָעמען און ערציילונגען, וועגן וועלכע ער האָט שוין לאַנג „ניט קלאָר געטראַכט", האָט עדגאַר פּאָ פֿאַרקערפּערט אין פֿולקומע פֿאָרמען.

די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן זיינען געווען אַ פּיינלעכע גסיסה. פּאַריז, דערדראָזיקער קאָכיקער גהינום, האָט פֿאַרשלונגען איינע פֿון זיינע טייערסטע קרבנות. די גרויסע שטאָט, וואָס האָט דעם פּאָעט געצויגן מיט אירע צויבערלעכע כּישופֿן, האָט אים צום סוף פֿון זיין לעבן מער גאָרנישט איבערגעלאָזן, ווי קראַנקהייט און שווערע נויט. אין אַ בריוו פֿון 18 יאַנואַר 1866 יאָר באַקלאָגט ער זיך, אַז ער האָט ניט קיין געלט אויף צו היילן זיך. „דער דאָקטאָר רעקאָמענדירט מיר וויש, איך האָב אָבער קיין גראָשן ניט!" אָט ווי גאָטיע באַשרייבט באַדלערס אויסערלעכקייט פֿאַר דעמדאָזיקן לעצטן פּעריאָד פֿון זיין לעבן: „ער איז מאָגער און ווי פֿאַרגייסטערט געוואָרן. די אויגן האָבן זיך פֿאַרברייטערט, די נאָז — פֿאַרשאַרפֿט און ווי האַרטער געוואָרן, די ליפּן פֿעסט צוזאַמענגעדריקט, און ס'האָט זיך געדאַכט, ווי זיי וואָלטן פֿאַרבאָרגן אין זיינע ווינקלען עפּעס אַ סאַרקאַסטישע רעטעניש... צו די אַמאָל רויטע פֿאַרבן פֿון די באַקן זיינען צוגעקומען געלבע טענער פֿון קראַנקהייט און מידקייט. דער שטערן, אַ ביסל מיט אַ פּליך, האָט אויסגעוויזן ווי גרעסער און, אַזויצוזאָגן, סאָלידער. ער האָט איצט אויסגעוויזן, ווי אויסגעהאַקט פֿון סאַמע פֿעסטן מירמלשטיין. די דינע זיידיקע לאַנגע האָר, שוין אַ ביסל שיטערער און כּמעט לחלוטין ווייסע (צו 44 יאָר!), האָבן האַרמאָנירט מיט דערדאָזיקער פּיזיאָנאָמיע, גלייכצייטיק אַלטער און יונגער, און האָבן דעם פּאָעט צוגעגעבן עפּעס אַן אויסזען ווי פֿון אַ פּריסטער".

דעם 2־טן סעפּטעמבער 1867 יאָר האָט מען באַהאַלטן דעם פּאָעט. ער מיט דער וועלט האָבן זיך געשיידט ביידע איינער פון דעם צווייטן ניט פאַרשטאַנענע. נאָר עטלעכע צענדליק גוטע פריינד און שריפטשטעלער האָבן אים באַגלייט צו דער לוויה, און אַ צוויי־דריי אַנטציקטע מיינונגען זיינען געבליבן אין די קאַלטע נעקראָלאָגן פון דער פראַנצויזישער פּרעסע.

זיין פּאָעזיע — דאָס איז אַן אומעטיקע געשיכטע וועגן יענע טעותן, מיט וועלכע זיין לעבן איז פול געווען. דאָס איז אַן ערציילונג וועגן ניט־פאַרווירקלעכטע שטרעבונגען צום אידעאַל, וועגן מיאוסע בילדער פון פאַלן און וועגן מוראדיקע פּיינען אין מאָמענטן פון אויסגעלייטערטקייט.

ניט קיין פולע פּאָעטן איז געלונגען צו באַלייכטן מיט אַזאַ בייזער פּעיערישער שיין די בילדער פון שלעכטס, מאָלן מיט אַזאַ קרענקלעכער קראַפט די פאַרדאָרבנקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור. אין איינע פון די שטאַרקסטע לידער פון דער גרופּע (מאַרטירערין) האָבן מיר פאַר זיך אין אַ פאַרמאַכטן צימער, צווישן „שפּיגלען, בילדער, און פלאַקאָנען אויסגעמאָלטע" אַ טויטן קערפּער פון אַ פרוי. איר קאָפּ מיט אַ שווערן צאָפּ עבן־האָר, און מיט אַ משא פון שטיינער קאָסטבאַרע" ליגט זי אויף אַ טישל.

„אויפן בעט האָט אַ קערפּער אַ נאַקעטער פריי אַנטפּלעקט מיט גאָר דער נעגלישע דעם באַהאַלטענעם גלאַנץ און די שרעקלעכע פּראַכט, וואָס די נאַטור האָט אים געשענקט. אויף דער פוס האָט ער, ווי אַ סווועניר, איבערגעלאָזן אַ ראָזלעכע זאָק, באַצירט מיט אַ גאָלדענער פייל, אַ מאָדעשקע, וועלכע שיקט אַ בריליאַנטענעם בליק, ווי אַ באַהאַלטן פלאַמענדיק אויג. דער ניט־געוויינלעכער אויסזען פון דער אָפּגעזונדערטקייט און פון אַ גרויסן פאַרחלשטן פּאָרטרעט, מיט אויגן פרעכע ווי די לאַגע פונם קערפּער, — אַלץ, אַלץ פירט דעם געדאַנק צו טראַכטן וועגן פינסטערע פאַרברעכערישע פרייד און וואונדערבאַרע מאָלצייטן פון פאַרברעכן, פולע מיט גהינומשע קושן, וואו ס׳האָבן זיך געפרייט מחנות מלאכי חבלה צווישן די פאַלדן פון די פאָרהאַנגען".

פאַר דעמדאָזיקן שרעקלעכן בילד גיט זיך דער פּאָעט איבער זיינע געדאַנקען. ער טראַכט וועגן איר מערדער, „צי האָט ער אָפּגעעפנט זיין נשמה פאַר דער פאַטאַלער טשאַטע פון זינדיקע געפילן און תאוות"; ער טראַכט וועגן דעמדאָזיקן אַכזר, „וואָס זיין אומערזעטלעכן פלאַם האָסטו אַ לעבעדיקע ניט געשטילט", און ער ענדיקט מיט דעם געדאַנק, אַז דער רוצח וועט ניט אויסמיידן קיין טרויער, אַז „דאָס ליבע געשטאַלט" וועט זיך מיט אים ניט שיידן, און, געגליכן צו דער דערמאָרדעטער, וועט ביי איין „די ליבע און די־

טרייסטפֿט בלייבן ביזן קבֿר". ניט ווייניקער שרעקלעך איז דאָס בילד, וואָס מאָלט דעם טויטן קערפּער פֿון אַן איינוואוינער פֿון ציטערע. ראָבן צערייסן דעם הענגענדיקן קערפּער אויף שטיקלעך, „ארײַנלאָזנדיק אין די ווינקלען פֿון פֿאַרבלוטיקטן פּוילעכטס די שפּיצן פֿון די מיאוסטע נעזער".

„די אויגן זייַנען געוועזן צוויי לעכער, און פֿון דעם איינגעפֿאַלענעם בויך זייַנען אַרויסגעקראָכן איבער די שענקלען שווערע קישקעס און די תּליונים האָבן זיך זאַטע מיט אומווירדיקן תּענוג, מיט די שנאָבלען פּיקנדיק זייער קרבן נאָר אים אין אַ סריס פֿאַרוואַנדלט"...

באָדלער פֿילט אַ באַזונדערע ליבע צו בילדער פֿון צעשטערונג. ער שטעלט זיך אָפּ פֿאַרטראַכטערהייט נעבן אַ נבֿלה, ער קוקט אויף די מחנות פֿליגעלעך, וואָס טראָגן זיך איבער איר, אויף די „באַטאַליאָנען ווערים", „וואָס זייַנען אַרומגעקראָכן דרייענדיק זיך צווישן די פֿוילע שטיקער, און געראָנען ווי אַ געדיכטער געקעכטס". פֿון די יאָר־צייַטן האָט ער מער פֿאַר אַלץ ליב „דעם סוף הארבסט און די ווינטער־טעג מיט דעם פֿרילינג, וואָס איז באַנעצט מיט קייט", מחמת זיי נעמען אַרום זייַן „טויטע נשמה מיט אַ טרויעריקן ווי־קעלע". מחמת פֿאַר דעם „הארצן, אין וועלכן עס קלינגען לוויה־ניגונים", איז אָנגענעם צוצוזען, ווי „דער ווייַנענדיקער פֿעברואַר גיסט אַ קאַלטע שייַן, וואָס איז ענלעך אויף בין השמשות".

מיר וועלן זיך מער ניט אָפּשטעלן אויף דידאָזיקע אָפּשטויסנדיקע בילדער, וועלכע זייַנען פֿאַרקערפּערט אין שיינע פֿערזן. ווען באָדלער וואָלט אונדז איבערגעלאָזן נאָר דידאָזיקע פּראָדוקטן פֿון זייַן קראַנקן דמיון, וואָלט זייַן משוגעת ניט געווען אינטערעסאַנט. אָבער דידאָזיקע בילדער זייַנען ניט בלויז דעם פּאָעטס געטער, זיי זייַנען אויך די בייזע אומרחמנותדיקע פּייניקער זייַנע. ער ווייס, אַז זיי זייַנען זייַנע שטענדיקע באַגלייטער, אַז זיי זייַנען — די שטראָף פֿאַר זייַנע טעותן, און דערדאָזיקער באַוואוסטזייַן, דערדאָזיקער טרויעריקער געדאַנק וועגן זייַן משוגעת איז דער צווייטער מאָטיוו פֿון זייַן דיכטונג. ער פֿאַרכליניעט זיך מיט די ווילדע געשטאַלטן, אָבער ער רופֿט ניט די מענטשהייט, זי זאָל גיין איבער דעם וועג פֿון זייַן משוגעת, ווי דאָס האָבן געטאָן זייַנע עפּיגאָנען, וועלכע האָבן איינזייטיק פֿאַרשטאַנען זייער פּאַטריאַרך. פֿאַרקערט, אַלע פֿרייַנד „פֿון שלום, הימל און מענטשן" רופֿט ער אָוועקצוואַרפֿן „ס'דאָזיקע בוך פֿון סאַטורנאַליעס, אויסגעלאַסענע אָרגיעס און טרויערן". ווער עס „טוט ניט נאָך דעם שטן", יענער וועט אים אָנערקענען פֿאַר אַ קראַנקן, אָדער ער וועט קיין וואָרט ניט פֿאַרשטיין אין זייַן בוך.

„אָבער אויב דיין אויג קאָן אַרייַנדרינגען אין תהומות, ניט לאָזנדיק זיך פון זיי באַרוישן, — דאַן לעז מיך, כּדי צו לערנען זיך מיך ליבן. דו, נשמה נייגעריקע, ליידנדיקע, וואָס דו גייסט זוכן דיין גן־עדן — האָב רחמנות אויף מיר! ווען ניט פאַרשילט איך דיך".

(עפּיגראַף צו איינעם אַ פאַרמשפּטן בוך).

דערדאָזיקער באַוואוסטזיין האָט אים שוין ניט איינמאָל געמאַכט אויפציטערן. ווען עס פלעגט זיך אים אין דער נאַכט פאָרשטעלן די פאַרזאַמלונג פון די שפּילער, וועלכע זייַנען פאַרקאָכט אין זייער ליידנשאַפט, וועלכע האַנדלען ווער מיט דער אַלטער ערע, ווער מיט זיין שיינקייט, — פלעגט אויף אים „אָנפאַלן אַן אימה, דערפילנדיק דעם פאַרלאַנג צו שטיין, געגליכן צו זיי, אויף דעם ברעג פונם אָפענעם תהום און פונדעסטוועגן אויסוויילן בעסער ליידן, איידער אַ סוף, אין גהינום—איידער ניט זיין". דערדאָזיקער באַוואוסטזיין פון זיין זינדיקייט איז געווען נאָך שווערער, ווייל באָדלער האָט געהאַלטן, אַז חרטה איז ניט מכפּר אויף זינד. אים ווייזן אויס מיאוסער פאַר אַלץ די „צעשרויפטע פּראַנטן, וואָס אַרייַנקומענדיק אין תפילה־עקסטאַז, ווייַנען זיי און זאָגן דורכגענומען מיט חרטה: „מיר וועלן ווערן גוטע, אָ, הימל... אין אַ שעה אַרום"!

ווי יעדער ווילנלאָזער מענטש, וואָס קען זיך ניט אַנטקעגנשטעלן דעם נסיון, אָבער וואָס קען אויך ניט איינשטילן דעם געוויסן, פלעגט זיך באָדלער אויך אַמאָל דערהויבן, אַמאָל פאַלן. ער פלעגט זיך דערהויבן ביז פריידיקן די געהויבנסטע אידעאַלן, און אַמאָל אַראָפּלאָזן זיך נאָך נידעריקער, אויפן סאַמע גרונט פון אָפּגרונט און פאַרוואַנדלען זיך אין דעם אמתן משורר פון זינד...

פאַר די בעסטע לידער זייַנע האָבן מיר אפשר צו דאַנקען די מאָמענטן פון אויסלייטערונג, ווען דער פּאָעט האָט געקענט דערהערן די יללות פון דער ליידנדיקער מענטשהייט, און ער פלעגט זיך אַראָפּלאָזן פון זייַנע קראַנקע פאַנטאַזיעס צו רעאַלע אינטערעסן. דער, וואָס די דעקאַדענטן האָבן אים געקרוינט אַלס באַגייסטערער פון זייער משוגעת, ווערט אַן אמתער רעאַליסט, אַ פריידיקער פון הומאַניטעט און אַ באַשולדיקער פון שלעכטע מדות. די פאַריזער גאַסן האָבן ניט נאָר געפּטרט זייַנע נערוון, — זיי האָבן אויך געהאַט אַ פּאָזיטיווע ווירקונג: אַרומשלעפּנדיק זיך איבער זיי, האָט ער זיך אויסגעלערנט ליב האָבן די באַליידיקטע און גערדריקטע. אין זייַנע לידער גייט פאַרביי אונז דורך אַ גאַנצע ריי געשטאַלטן, אַרויסגעכאַפּטע פון די הייזער פון אויסגעלאַסנקייט, פון די וואַרשטאַטן און אַנדערע ווינקלען פון נויט און פּיין. וויפל

צאַרטן געפיל לייגט ער אַריין אין דער שילדערונג פון די „קליינשטעטיקע זקנות". דידאָזיקע „שוואַכע פאַרזעעניש מיט איינגעהויקערטן רוקן", וואָס דער פאָעט האָט אַזוי ליב געהאַט נאָכצוקוקן זיי אין די פאַריזער גאַסן. „דורך אַ טייך זודיקע טרערן, דורך אַ שטראָם אָן אַ סוף זיינען אויסגעגראָבן די אָפגרונטיקע בריגימער פון אייערע אויגן, און אַ געהיימע פראַכט, אָ, ליבע פאַרזעעניש, געפינען אין זיי די הערצער, וועלכע זיינען אויסגעהאָדעוועט דורך נויט".
ער טראַכט וועגן דיליידן פון דידאָזיקע פרויען: „איינער האָט דאָס לייבלעכע פאָטערלאַנד אַריינגעוואָרפן אין דער טיפעניש פון לייד, אַנדערע האָט דער בייזער מאַן צעדריקט מיט טרויער, און דער דריטער האָט אַ זון אַ רשע דאָס האַרץ צעבראָכן, און אַלעמענס טרערן — אוי ווי — וואָלטן געבילדעט אַ ים!" ער טרויערט וועגן דעם, וואָס איצט וועט שוין קיינער אין זיי ניט דערקענען „די גראַציעס פון אַמאָל, וועלכע האָבן פאַרלאָרן דעם חשבון פון זייערע זיגן". איצט צעפעט זיך צו זיי צו מיט אַ לאַסקע אויף אַ שפּאַס אַ שיכורער פאַרביגייער. אַ גאַסן-יונג שפּרינגט נאָך זיי נאָך. ער קוקט זיך צו, ווי זיי קריכן פאַזע די ווענט, שרעקעדיקע, צונויפגעקאָרטשעטע און בלאַסע. ער איז אומרואיק פאַר יעדן ניט זיכערן טריט זייערן. ער האָט פון זיי געהיים הנאה, ווי אַ פאָטער פון זיינע קינדער. „איך זע פון ס'ניי די אויפבליאונג פון אונזערע פאַרלאָרענע יאָרן,— שרייט ער אויס,— די אומקלאָרע צערודערקייט פון אומדערפאַרענע תאוות; דורך אייער ריינקייט ווער איך אַליין ליכטיקער, איך בין מוחל און איך ליב אַלע אייערע טעותן".

„אַן אָוונט פול מיט כישוף" לאָזט דעם פאָעט דערמאָנען זיך אָן די פאַרהאָרעוועטע אַרבעטס-מענטשן. קיינער בענטשט ניט אַזוי הייס די אָוונטצייט, ווי דער, וואָס „האָט אין דערדאָזיקער שעה אָפגעווישט פון געזיכט דעם הייסן שווייס, וועמעס טרויעריקע אויגן עס פאַרמאַכן זיך שוין לאַנג, — ווי דער אַרבעטער, וואָס האָט זיך קוים אַ לעבעדיקער געבראַכט צו שלעפן צום געלעגער". אין פאָעטס דמיון שטייען אויף די שפּיטעלער, אָנגעפילטע מיט זיפצן; „די ליידן פון די קראַנקע זיינען איצט אַמשאַרפסטן, די פינסטערע נאַכט, ווי אַ שונא, כאַפּט זיי אָן פאַר דער ברוסט, און איילט זיי אין דעם אַלגעמיינעם תהום זיך צו דערטרינקען". אַ היפּש ביסל אַזעלכע אומגליקלעכע מאַטערן זיך אין דער רייכער און טומלדיקער רעזידענץ-שטאָט „מיט דער פּאַטשערײ און קוויטשעריי פון אירע טעאַטערן", מיט דעם „איינמאַטערנדיקן פישטשען פון אָרגל", מיט „געלעכטער און קולות און שיכורן קלינגען פון גלעזער". אָבער נאָך מער זיינען פאַרהאַן היימלאָזע אָרעמעלייט, „אַזעלכע,

וואָס אין איינזאַמען לעבן האָבן זיי קיינמאָל ניט געוואוסט די וואָרעמקייט פון אַן אייגענער משפחה". אַזאַ איז דער אָוונט פון דעם יובלענדיקן ריז, וועלכער איז גלייכגילטיק צו די טרערן און פיינען פון יענע, פאַר וועלכע עס האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען אויף דעם פייערלעכן יום־טוב פון לעבן. אָבער אָט ערוואַכט „דער פינסטערער פאַריז, דער האָרעפּאַשנער זקן", עס הייבט אָן באַגינען:

„דער שריפטשטעלער איז איינגעשלאָפן ניט אַרויסלאָזנדיק די פעדער, און פאַר די געפאַלענע פרויען איז געקומען די צייט איינצושלאָפן — מיט אַ טעמפּן, שווערן שלאָף, אָן פרייד און פיין, מיט אַ ברייט געעפנטן מויל, אויסגעצויגן די הענט ווי בייטשן; די אָרעמקייט, די אויסגעהונגערטע, מיט שמאַטעס אויפן אַקסל, צינדט פייער אָן אין די אָרעמע בוידים־שטיבלעך. אין דער קעלט און אין דער פינסטערניש, אין צרות פון אָרעמקייט זיינען איצט די ווייטאָגן פון די אומגליקלעכע געווינערינס גרעסער. ווי אַ פאַרשטיקטער געוויין דורך פלייצנדיק בלוט הערט זיך ווידער נאָכן שווייגן דעם האָנס הייזע־ריקער קריי, עס שווימט אַ גראָער נעפּל, וויגנדיק זיך ווי אַ ים... און אין דער טיף פון די שפּיטעלער, כריפּענדיק און שטיקנדיק זיך, גייען אַ היפּש ביסל אומגליקלעכע אויס אין דערדאָזיקער רגע! און דאָ איילט אַ קאָמפּאַניע פריי־לעכע יונגען, פאַרמאַטערטע פון זייער מי, אַהיים, מיט פיס, וועלכע האָבן קיין שלום צווישן זיך"...

(באַגינען).

באָדלער האָט ניט נאָר געקענט לאָזן זיך פאַרשיכורן פון משוגענע אָרגיעס און פון ראַפינירטע תענוגים, וואָס ווערן באַשאַפן אין די גרויסע פונקטן,—ער האָט מיט זיין קרענקלעך־וואַכזאַמער נשמה געהערט אַלע קרעכצן און זיפצן, וועלכע טראָגן זיך פון יעדן ווינקעלע אין דער גרויסער שטאָט. אַרבעטער און פּראָסטיטוטקעס, געווינערינס און גוססים, אומגליקלעכע פון אַלע שטאַנדן און פּראָפעסיעס האָבן זיך געטראָגן פאַר זיינע אויגן. ער געדענקט יעדן פאַרוואָרפענעם ליידנדן. אים דאַכט זיך, ווי „איבערן בלאָטע שלעפּט זיך אַ קראַנקע נעגערטע, ווי אַ וואַלד פון פלאַטאַנעס און קאָקאָס־פאַלמען הייבן זיך שטאָלץ קעגן איר היבטערן וואַנט פון די פאַריזער נעפּלען". ער בענקט נאָך „די מאָגערע און בלאַסע יתומים", טרויערט אויף די, „וועלכע עס וועט קיינמאָל אַן אייגענע משפחה ניט אַרומנעמען, וואָס זייער גורל איז פאַרלוסט און טרויער—אויף אייביק, אייביק". „וועגן רייזנדער אין דער ברע־

נעבדיקער מדבר טרוימט ער, וועגן געפאַנגענע און געפאַלענע... און אַ פולע אַנדערע". (דער שוואַן).

אין מינוטן פון דערלייטערונג איז ער גרייט אָפּצוזאָגן זיך פון זיינע עסטעטישע אידעאַלן, פון דעם תענוג פון קרענקלעכער באַרוישטקייט, און פאַרפלוכן דעמדאָזיקן געקינצלטן תענוג אין נאָמען פון געזונטקייט און נאָרמאַלן גליק. ער, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט די פּאָעזיע פון די פאַרעלטערטע אָפּגעשוואַכטע ציוויליזאַציעס, שטויסט אין אַזעלכע מאָמענטן אָפּ די אָנזיכטן פון שיינהייט, וואָס אַמאָל האָט מען פון זיי ניט געוואוסט, און וואָס זיינען באַקאַנט נאָר די „אויסגעצערטלטע עפּאָכעס פון אויסגעלאַסנקייט". ער זאָגט, אַז „דידאָזיקע אויסגעטראַכטע זאַכן פון די פאַרשפּעטיקטע פּאָעטן האָבן ניט גליקלעך געמאַכט די פאַראָרעמטע פעלקער". ער איז „מקנא דער ליכטיקער יוגנט, דער איינפאַכער און אומזינדיקער". ער ווערט פאַרציטערט פאַר דעם בילד פון אַלגעמיינער אַנטאַרטונג, פאַר די מענטשן, וועלכע זיינען ניט קיין מענטשן, נאָר „טויטע ליאַלקעס, פאַראָדיעס אויף מענטשן, וועלכע טראָגן אין זייער בלוט דעם גאַנצן גיפט פון יאָרהונדערטן, די זינד פון מוטערס און די שעדלעכקייט פון פאָטערס".

באָדלער באַזינגט ניט נאָר דעם טרויער פון דער ליידנדיקער מענטשהייט; ער איז דער באַשולדיקער פון עגאָאיזם און פון זינדיקייט. אין מאָמענטן פון ליכטיקער און באַוואוסטזיניקער באַציאונג צום לעבן פאַרגיסט ער ניט נאָר טרערן אויף די מענטשלעכע ליידן, — פאַר אים ווערן קלאָר די באַדינגונגען און די סיבות, וואָס רופן אַרויס דידאָזיקע ליידן. ער זעט, ווער איז אין זיי שולדיק, און דעמאָלט הערן אויף די בילדער פון זינד, אויסגעלאַסנקייט און פאַרדאָרבנקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור צו זיין אַ פאַרגעניגן פאַר איבערגעזעטיקטע מענטשן, וועלכע זוכן נייס, וואָס זאָל זיי ערגערן. דידאָזיקע בילדער ווערן פאַרוואַנדלט אין ערנסטע און טרויעריקע סאַטירעס. די וועלט שטעלט זיך דעם פּאָעט פאָר אַלס אַ פאַרזונקענע אין אייביקער זינד. אין איינער פון באָדלערס שענסטע לידער דערציילן „משוגהדיקע שווימער" וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געזען:

„כדי ניט צו פאַרגעסן דעם עיקר: מיר האָבן ניט זוכנדיק עס אומעטום געזען פון די העכסטע שטאַפּלען פון דעם פּאַטאַלן לייטער ביז די נידעריקסטע, דאָס שוין דערעסענע בילד פון דער אייביקער זינד: די פרוי — אַ וואולגאַרע שקלאַפין, אַ גרויסהאַלטערין און אַ נאַרישע, וועלכע פאַרגעטערט זיך אָן שפּאַס און איז אין זיך געשמאַקלאָז פאַרליבט; דער מאַנסביל — אַ גיריקער טיראַן, אַ בעל־תאווה

אַן אכזר און אַ גייציקער, אַ קנעכט פון אַ קנעכט מיט אַ נשמה ענלעך צו אַ רינשטאָק. דעם תּליון, וואָס פרייט זיך, און דעם קרבן, וואָס קרעכצט; אַ מאָלצייט, — וואָס איז צוגעריכט און באַווירצט מיט בלוט. די גיפט פון דער מאַכט, וועלכע רודערט אויף דעם דעספּאָט און דאָס פאַרליבטע פאָלק, וואָס איז זינלאָז פון דער בייטש. אַ מאַסע רעליגיעס: אַזעלכע, ווי אונזערע, אַלע קלעטערן צו די הימלען. ווי אַ קאַפּריזער סיבאַריט האָט זיך די הייליקייט אויסגעלייגט אויף אַ געלעגער פון פערענעס און זוכט אויף טשוועקעס פאַרגעביגן! די פלאַפּלערין־מענטשהייט, שיכור פון איר גייסט און משוגע איצט, פּונקט ווי אַמאָליקע צייטן, רופט צו גאָט אין איר פירכטערליכער גסיסה: אָ, דו, וואָס די ביסט צו מיר געגליכן, אָ מיין לערער, איך פלוך דיך! און די ווייניקער נאַרישע, די דרייסטע ליבהאָבער גייען אַוועק פון דער גרויסער טשערעדע, וועלכע איז אַרומגעצוימט מיט ד'ער וואַנט פון גורל און לויפן צום אָפּיום צום פרייען... אַזאַ איז דער אייביקער אויסזען פון אונזער ערדקויל".

(אַ נ ס י ע ה).

אין אַזעלכע מאָמענטן ווענדט ער זיך צו מענטשן מיט אַ פאָרוואורף: וואָס גייט אייך אָן דער הימל מיט די צוקונפטיקע אייביקע ליידן? וואָס גייט אייך אָן דער שטרענגער אורטייל פון די ערדגעזעצן? געוויסן און אמת רופט איר אָן טויטע קלאַנגען!" אין דער צייט פון אומפריינדלעכער האַלבער נאַכט, ווען דער זייגער פּאָדערט „שפּאָטיש און גיפטיק" אַ חשבון פון דעם פאַרגאַנגענעם טאָג, מוזן מענטשן מודה זיין, אַז „זיי, קנעכט פון פאַרטעמפּטן געשמאַק, האָבן ביים בלשצאַר־טיש געלעקט די הענט ביי דער ברוטאַלער קראַפט, דער פאַראַכטער דינסט פון דער ערד. האָבן געלעסטערט דאָס, וואָס זיי האָבן געליבט, מתפּלל געווען צו דעם, וואָס זיי האָבן געפלוכט". זיי „האָבן פאַרטיידיקונגסלאָזע מצער געווען, אַלע, וואָס זיינען פונם המון פאַראַכט, האָבן גערימט דעם שלאָף און די פאַרטעמפּטקייט, זייערע קייטן באַגריסט און געבענטשט די טונקעלע שיין פון דער מיאוסער פוילעניש".

(דער נסיון פון האַלבע נאַכט). געשטאַלטן פון זינד און עגאָאיזם האָט דער פּאָעט אַרויסגעשטעלט אין איין ריי מיט ליידער און אָרעמעלייט. דעם קאַרגן, וועלכער טראַכט וועגן דריי אַלטע ברעטלעך פאַר דעם פאָטער אויפן קבר, בשעת דער לעצטער האָט „נאָך געאָטעמט", דעם צייטונגס־מענטש, וועלכער איז מתפּלל צום אַלבעסטן, אַלזעענדיקן און אַלמעכטיקן, וועלכן ער האָט אַליין דערטרונקען אין דער פינסטערניש; די צעשרויפטע פּאַטן און אַנדערע אומגליקלעכע מיידן אויך ניט אויס באָדלערס אויג. אַ מאָל גיסן זיך אין

באָדלערס פערזן צונויף דער צויבער פון דער זינד מיט דעם עקל־געפיל צו איר אַזוי האַרמאָניש, אַז עס איז שווער צו באַשטימען, וואו ענדיקט זיך די קרענקלעכע באַצויבערונג, און וואו הייבט זיך אָן די סאַטירע און די באַשולדיקונג. אַזאַ איז, למשל, דאָס ליד „די באַרווישטקייט פון דעם רוצח": די ווייב אויף דער ערד... הוראַ! פרייהייט! אַ מאָל, ווען איך קום אַהיים אָן אַ גראָשן, פלעגט די גאַנצע נשמה ביי מיר ציטערן פון די גוואַלדן, וואָס עס פלעגט מאַכן דידאָזיקע פאַרזעעניש". ער האָט ביי איר געפועלט, זי זאָל אַרויס אויף אַ זעאונג „אין נאָמען פון די אַמאָליקע צאַרטע שבועות", איז זי געקומען: נאַרישקייט איז דאָך „אָן אַלגעמיינע זינד ביי מענטשן". „זי איז נאָך געווען פראַכטפול, הגם די אַרבעט האָט זי אויסגעמאַטערט, און איך... האָב זי אַזוי ליב געהאַט! אָט פאַר וואָס אונז איז געוואָרן אַזוי ענג". און ער האָט זי אַראָפּגעשליידערט אויפן דעק פון ברונען. די „פאַרטעמפּטע שיכורים" וועלן זיינע געפילן ניט פאַרשטיין. פאַר דידאָזיקע גראָבהויטיקע איז די „שטאַרקע שנאה" ניט צוטריטלעך, פונקט „ווי זיי האָבן מסתמא אויך די דירעקטע ליבע ניט געקענט מיט אירע שלאָפלאָזע נעכט, מיט אַ מחנה קרענקלעכע באַצויבערונגען, מיט הריגה, מיט יללות, מיט דעם קלאַנג פון ביינער און פון קייטן!" וויין — דאָס איז דער רעטער פון דעם רוצח. אַ שיכורער וועט ער זיך אויסציען אויפן וועג, „צופרידן מיט זיך און מיטן גורל". וואָס איז פאַר אים סכנות אָדער געזעץ? זאָל אַ פאַרבייפאָרנדיקער וואָגן אים צעשמעטערן זיין פאַרברעכערישן קאָפּ. ער לאַכט פון שטן, פון פויפסט מיט דער הייליקער מעסע און מיט דער עולם־הבא צוזאַמען. ס'איז שווער צו זאָגן, וואָס פאַר אַ שטימונג עס איז ביים פּאָעט געווען: צי די טרויעריקע מחשבה וועגן דער משפחה־טראַגעדיע, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּילט מחמת דער אָרעמקייט, צי איז אים געפעלן די באַרווישטקייט פון דעם דרייסטן, אָדער דער שרעק פאַר די געוויסנס־ליידן, וואָס זיין שטים הערט ניט אויף צו קלינגען הינטער דער הפקרות, און וואָס דער אומגליקלעכער סטאַרעט זיך אומזיסט צו דערטרינקען זי אין וויין. באָדלער קליידט דאָס פאַרברעכן אָפּט אָן אין שיינע פאָרמען, און די קראַנקע פאַנטאַזיע קאָן פאַרזינקען אין דעם צויבער פון זינד, אָבער דער נאָרמאַלער שכל זעט אין דידאָזיקע בילדער אַ שרעקלעכע התראה.

ניט ווילנדיק ווערט געבוירן די פראַגע: אויב זינדיקייט איז פאַר באָדלערן געווען ניט באַר קיין תענוג, אויב ער האָט פאַרשטאַנען איר שרעק, האָט זי געקענט שטראָפן, און אָפטמאָל אַפילו דערהויבן זיך ביז צו פאַרשטיין די סאָציאַלע סיבות פון דער זינדיקייט, — טאָ צי דען־זשע האָט ער ניט גע-

האָט קיין פּאָזיטיווע אידעאַלן, האָט ער זיך קיינמאָל ניט געפּרוווט לאָזן זיך גיין איבער אַ באַשטימטן וועג, אויף וועלכן ער וואָלט געקענט זיך רעטן פון די שווערע בילדער פון אָרעמקייט און יסורים, פון דעם אייגענעם טרויער און פון יאוש?

באָדלער האָט ניט נאָר געוואוסט פון שטרעבן צום אידעאַל. זיין גאַנצע בענקענדיקע און פּראָטעסטירנדיקע פּאָעזיע איז באַשאַפן געוואָרן אויפן באָדן פון דידאַזיקע צעבראָכענע שטרעבונגען. ניט איינמאָל האָבן מיר אין זיינע לידער באַגעגנט הימנען צו אַלץ, וואָס רייסט זיך צו דער הויך. זיין אייגע־נער קלאָג הערט זיך אין איקאַרס קלאָג דערויף, וואָס „די ליבהאָבער פון וואולגאַרן זיינען זאַט, זייער גורל איז לייכט און העל, און איקאַרס הענט זיינען צעבראָכן פאַר דער העזה אַרומצונעמען די וואָלקנס". אָבער באָדלער האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטע פאָרשטעלונג וועגן די וועגן, וואָס פירן צו אַ בעסערער צוקונפט. ווען מיר וואָלטן וועלן דערגענטערן באָדלערס פּאָזיטי־ווע וועלטאָנשויאונג צו וועלכער ניט איז פון די עקסיסטירנדיקע, וואָלט עס געווען זייער שווער אויסצופירן. אַ מאָל באַווייזט ער זיך אין דער ראָלע פון אַ רעליגיעז־גלויבנדיקן מענטשן און אַ קריסט. „געבענטשט זאָל זיין דיין בייטש, שטראָפנדיקער פאָטער! געבענטשט זאָל זיין דער טרויער! — שרייט ער אויס אין איין ליד (אומדערוואַרטס), — דיין האַנט האָט ניט צוליב אַ פוסטער שפּיל געפלאָכטן אונזער שטעכעדיקע קריין!" דערדאָזיקער גלויבן טרייסט אים ניט בלויז אין זיינע פערזענלעכע ליידן, נאָר אויך צוקונפדיק אויף פרעמדע. דער טויט „שעפּטשעט די קינדער פון אָרעמקייט, אַז נאָענט איז דער גאַסטפריינדלעכער געצעלט. דאָרט וועט דער מלאך מיט אַ ברייטער האַנט אַלץ זיי געבן: פייער, רו, און בערג מיט מאכלים, — ווייַן, ברויט... וועט אויסבעטן אַ געלעגער פון בלומען, וועט שיקן די מתנה פון צויבערלעכע חלומות און איבערגעבן אַלע שליסלען פון הימל!"

אַן אַנדערש מאָל טרעט די רעליגיעזע שטימונג אָפּ פאַר דער עסטעטי־שער. ער כאַפּט זיך אָן פאַר דער שיינקייט, ווי פאַר דאָס העכסטע גליק, ווי פאַר דאָס איינציקע רעטונג. זי איז דער איינציקער וועג צום אידעאַל, צום גרעניצלאָזן און אומבאַוואוסטן. דעמאָלט טרעטן די פראַגן פון רעליגיע און מאָראַל אָפּ אָן אַ זייט, און דעם פּאָעט אַרט ניט פאַר גאָט און פאַרן שטן. אין דעם ליד „אַ הימן צו דער שיינקייט" זאָגט ער:

„דו קומסט פון טיפן הימל, אָדער דו גייסט אַרויס פון אָפּגרונט, אָ שיינהייט? דיין בליק דער גהינומשער און געטלעכער גיסט אומבאַשטימט

סיי טוגנד, סיי זינד, און דעריבער קאָן מען דיך פאַרגלייכן מיט ווײַן. דו האַלטסט אין דײַן אויג זונען־אונטערגאַנג און אויפגאַנג. דו שפּרייטסט ריחות, ווי אַ שטורמדיקער אָוונט, דײַנע קושן זײַנען אַ פילטער, און דײַן מויל — אַמ־פאָרע, וואָס מאַכט דעם העלד שוואַך און דאָס קינד מוטיק. צי גייסטו אַרויס פון שוואַרצן אָפּגרונט, אָדער דו נידערסט אַראָפּ פון די שטערן? דער אַנט־ציקטער דעמאָן פאָלגט נאָך דײַנע קליידער, ווי אַ הונט. דו זייסט אי פרייד, אי אומגליק פאַר אַמאָל, דו פירסט אַלץ און טראָגסט קיין אחריות פאַר גאָר־נישט. וואָס גייט מיר אָן, צי דו קומסט פון הימל, צי פון גהינום, אָ שיינ־קייט! גרויסער מאָנסטער, שרעקלעכער, תמימותדיקער! אַז דײַן אויג, דײַן שמייכל, דײַן פוס עפענען פאַר מיר אָפּ די טיר צום אין־סוף, וועלכן כ'האָב ליב און קיינמאָל ניט געקענט? פון שטן, צי פון גאָט, — וואָס גייט מיך אָן? אַ מלך אָדער אַ סירענע? ניט וויכטיק. אַז דו גייסט, — פייע מיט סאַמעטענע אויגן, ריטם, ריח, גלאַנץ, — אָ מײַן איינציקע מלכה! — די וועלט איז ווייניקער מיאוס און די רגעס ווייניקער שווער".

אָבער סוף־כּל־סוף געפינט זײַן אומרואיקער גייסט ערגעץ ניט קיין פול־קומע באַפרידיקונג און ער קערט זיך אום צום אַלטן אויסגעפּרוווטן רעטונגס־מיטל — צו אילוזיע און שיכּרות. ער פילט פולקום זײַן מאַכטלאָזיקייט. „מײַן נשמה איז שוין לאַנג צעבראָכן, און אויב איך וואָלט מיט אַ ליד, ווי אַמאָל, געוואָלט פאַרטרייבן איר קאַלטן חושך, וואָלט איך נאָר אַרויסגעלאָזן אַ כריפּ, ווי אַ פאַרוואונדעטער, אַ דערשלאָגענער פון דעם אַכזרישן שונא, אונ־טער אַ קופּע טויטע קערפּערס, אין אַ טײַך בלוט, אָן כּוח אַ ריר צו טאָן זיך". אים פאַרבלייבט נאָר צו פאַרשפּאַרן „אַלע טירן", טרוימען „וועגן בלויע האָרי־זאָנטן, וועגן לעגענדאַרע סעדער, אָאַזיסן און מדבר, וועגן קושן פון מיידלעך הימלש־שיינע, וועגן אַלץ, וואָס דער טרוים באַזיצט קינדערשס". אָדער — איבערגעבן זיך דער שיכּרות, וועלכע „באַפרייט די נשמה פון די טאָג־טעגלעכע זאָרגן" און רופט אַרויס פון די הערצער די אומשטערבלעכע פּאָעזיע, ווי אַ לעבעדיקן שטראַל פון דער זון.

העכער אַ האַלבער יאָרהונדערט איז אַוועק, זינט עס זײַנען ערשינען די בלומען פון שלעכטס. איצט, ווען דאָס דאָזיקע בוך איז געוואָרן אַ פאַן פון אַ גאַנצער שול, וועלכע האָט פאַרדאָרבן זײַן געדאַנק און באַדייטונג, איז ניט אומנוצלעך צו באַלײַכטן דאָס בוך און זײַן שעפער. באָדלערס עפּיגאָנען מאַכן אַן אָפּשטויסנדיקן אײַנדרוק מיט זייער פרײַדיקן שלעכטס און מיט דער אומגעלומפּערטער ריכטונג, וואָס בײַ זיי האָט אָנגענומען דער קולט פון שיינ־

קייט, דער פּרינציפּ פון קונסט צוליב קונסט. אמת, באָדלער האָט זיך אויך
אָפּט געלאָזט באַרוישן כון די בילדער פון שלעכטס, אָבער מיר האָבן געזען,
אַז הינטער דערדאָזיקער משוגעת פלעגן קומען מאָמענטן פון ערוואַכונג. און
די פּיינען, וואָס דער פּאָעט האָט איבערגעלעבט אין אַזעלכע מאָמענטן, דינען
זאַיִם אַלס כּפּרה פאַר זיין פאַלן. אויסער דעם פלעגט די זינד גופא אין
אַזעלכע מינוטן באַשיינט זיין מיט נייער שיין, און דער זינגער פון דעם
שלעכטס פלעגט ווערן זיין סאַטיריקער און זיין באַשולדיקער. „איר האָט
אויסדערוויילט דעם גהינום, — זאָגט סען-בעוו אין זיין בריוו צו באָדלערן, —
איר האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טייוול, כּדי אַוועקצוגנבענען ביי די נאַכט=
דעמאָנס זייערע סודות... איר האָט געליטן, איר האָט זיך געפּייניקט, בלאָנ=
קשענדיק, פאַרטויבנדיק אייער בענקשאַפט, צעטרייבנדיק אייערע קאָשמאַרן,
קעמפנדיק קעגן אייערע מאָראַלישע פּיינען. איר האָט נעבעך אַ פולע געליטן,
מיין קינד. דערדאָזיקער באַזונדערער טרויער, וועלכער אָטעמט פון אייער
בוך, דער אומעט, אין וועלכן איך דערקען דעם סימפּטאָם פון אַ קראַנקן דור,
איז אונז, אַלטע, גוט באַקאַנט. דערדאָזיקער אומעט וועט אייך פאַררעכנט
ווערן". דעמדאָזיקן טרויער האָבן אָבער ניט יענע, וועלכע האַלטן זיך פאַר
באָדלערס תּלמידים. ווי עס געשעט שטענדיק מיט נאָכפאָלגער, וועלכע האָבן
ניט דעם טאַלאַנט, וואָס עס האָט געהאַט דער, וועמען זיי פאָלגן נאָך, האָבן
זיי באַהערשט נאָר די אויסערלעכע זייטן פון זיין פּאָעזיע, ניט איבערגענומען
איר מהות; זיי מאָלן דאָס פאַלן, האָבן הנאה דערפון, זיי האָבן עס אָבער
ניט אויסגעליטן. באָדלער האָט טייער באַצאָלט פאַר דער קאַטאַסטראָפע פון
זיינע אידעאַלן, פאַרן אָנטזאָגן זיך פון זיינע דערהויבענע שטרעבונגען. זייערע
עפּיגאָנער די דעקאַדענטן האָבן ניט געהאַט פאַר וואָס צו צאָלן, ווייל זיי האָבן
ניט געהאַט קיין אידעאַלן.

.XV

די אנטוויקלונג פון דער מעטאפיזישער פילאזאפיע אין דייטשלאנד. — קאנט און זיין לערע וועגן די פארמען פון דערקענטעניש. — העגעל און זיינע הויפט־אידעען. — דייטשלאנד אין דער ערשטער העלפט פון XIX י. ה. — היינריך היינע. — די השפעה פון דער דייטשערווירקלעכקייט. — די פראנצויזישע השפעה. — די ירושה־שטריכן, די משפחה און דאס פריוואטע לעבן. — „רייזע־בילדער". — „דאס בוך פון די לידער". — היינעס באציאונג צו ראמאנטיזם. — די יולי־רעוואלוציע און היינעס ארויספארן קיין פאריז.

מיר האָבן געזען, אַז דער איבערגאַנג פון ראָמאַנטיזם צו רעאַליזם איז געווען דער הויפּט־פּראָצעס אין דער ערשטער העלפט פון XIX י. ה. אין דער פראַנצויזישער און אין דער ענגלישער ליטעראַטור. אַפילו אין די שאַפונגען פון אַזאַ פּאָעט, ווי הוגאָ, האָבן זיך דער גאַסנגערויש און דאָס באַקלאָגן זיך פונם הונגעריקן פּראָלעטאַריאַט אַריינגעריסן און אײַנגעשטילט די פינסטערע קלאַנגען פון די מיטלאַלטערישע אָרגלען און די צאַרטע לידער פון די אָריענטאַלישע אָדאַליסקעס. אָבער דעם סאַמע טיפּישן פּאָעט פון דער איבערגאַנגס־צייט האָט געגעבן דייטשלאַנד.

מיר ווייסן שוין, אַז די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון דייטשלאַנד איז געגאַנגען איבער אַן אַנדער וועג, ניט ווי אין פראַנקרייך. און אין אָנהייב פון XIX י. ה. האָבן אויך אין דייטשלאַנד די עסטעטישע און די פילאָזאָפישע אינטערעסן די איבערהאַנט לגבי די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע, ווי דאָס איז געווען אין דער עפּאָכע פון שילערס און געטעס הערשאַפט. מען מוז זיך אָפּשטעלן אַ ביסל גענויער אויף די פילאָזאָפישע הויפּט־אידעען פון דער ערשטער העלפט פון XIX י. ה.

די נייע דייטשע פילאָזאָפיע הייבט זיך אָן פון עמנואל קאַנט (1804—1724).

ביז קאַנטן זענען מיר אין דייטשלאַנד די הערשאַפט פון דער מעטאַפיזישער ריכטונג. די מעטאַפיזיק האָט געשטרעבט צו לייזן די פראַגן וועגן אַזעלכע זאַכן, וועלכע ליגן אויסער די גרענעצן פון אונזער געפיל־ערפאַרונג. זי האָט געשטרעבט צו לייזן די פראַגע וועגן דעם ערשטן יסוד פון יעדער זיין, וועגן גאָט, וועגן דעם מהות פון דער וועלט און אַז. וו. אַזאַ איז די אויפגאַבע, וואָס די מעטאַפיזיק האָט זיך געשטעלט — אַ פולקומער היפוך פון דעם ציל, וואָס די פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע אין דער פּערזאָן פון קאַנט האָט זיך געשטעלט. די לעצטע האָט זיך לגמרי אַנטזאָגט פון ערקענען דאָס, וואָס

איז איבער די חושים, וואָס איז פון דער יענזייטיקער וועלט. די פּאָזיטיווע פילאָזאָפיע האָט זיך באַגרענעצט מיט פאָרשן פראַגן, וואָס זיינען נוגע צו דערשיינונגען, צוטריטלעכע פאַר אונזערע געפילן. זי האַלט יענע וועלט פאַר אַ זאַך, וואָס איז ניט צוטריטלעך פאַר אונזער דערקענונג. דער אונטערשייד אין די אויפגאַבן באַדינגט שוין אויך דעם אונטערשייד צווישן די מעטאָדן. כדי צו פאַרווירקלעכן אירע צילן, באַנוצט די מעטאַפיזיק איבערהויפּט סברות, דער פּאָזיטיוויזם באַנוצט ערפאַרונג און באַאָבאַכטונג. דעריבער רופט זיך דער מעטאָד פון דער ערשטער ריכטונג ספּעקולאַטיווער, און דער צווייטער — עמפּירישער. פאַרשטייט זיך אַליין פון זיך, אַז ניט גאָט, ניט דעם מהות פון דער וועלט, ניט אַנדערע קעגנשטאַנדן פון דער מעטאַפיזיק קאָן מען ניט ערקענען דורך ערפאַרונג און באַאָבאַכטונג. דעריבער קומט דער מעטאַפיזיק אויס צו ווענדן זיך, כדי זיי צו ערקענען, צום אייגענעם שכל, זוכן אין זיך אַן ענטפער אויף די פראַגן, וואָס זיינען שייך צו זיי, גלויבן, אַז אין אונז זיינען שוין פון דער נאַטור זעלבסט פאַרהאַן די אידעען וועגן דידאָזיקע קעגנשטאַנדן. אַזוי איז דער ספּעקולאַטיווער מעטאָד געגרינדעט אויף דער איבערצייגונג, אַז אין מענטשן זיינען פאַרהאַן איינגעבאָרענע אידעען, וועלכע עקסיסטירן בעפאָר יעדער ערפאַרונג און באַאָבאַכטונג. ניט פאַרצעפּענדיק קיינע שטרייט־פראַגן וועגן דער מעטאַפיזישער ריכטונג, וועלכע האָט אין פאַרשיידענע צייטן אָנגענומען פאַרשיידענע שאַטירונגען, מוז מען פונדעסטוועגן באַמערקן, אַז די אָנגעוויזענע צוויי סימנים זיינען אין אַלגעמיין שטענדיק פאַרבליבן אירע עיקרשטע סימנים. אין דער וועלט אַרום אונז האָט זי זיך באַמיט צו געפינען אַ העכערן אַבסאָלוטן יסוד, דורך וועלכן מען זאָל גלייך קאָנען דערקלערן די גאַנצע פאַרשיידנאַרטיקייט פון די לעבנס־פאָרמען פון דער וועלט, און צווייטנס, זי האָט געשטרעבט צו ערקענען דעמדאָזיקן אַבסאָלוט, באַשאַפנדיק פון דעם מענטשנס פאַרשטאַנד זיינע אייגנשאַפטן און זיין מהות.

ס׳איז קיין וואונדער ניט, וואָס ביי אַזעלכע אויפגאַבן און מעטאָדן איז די פילאָזאָפיע אָפּט אַריבער אויף פאַנטאַזיע. עס האָט געקלעקט אַ צוזאַמענשטויס מיט עפּעס אַ דערשיינונג, וועלכע האָט זיך ניט געלאָזט וויסנשאַפטלעך ערקלערן, אַזוי האָט מען שוין, כדי זי צו ערקלערן, צוגעגעבן דעם אַבסאָלוט אַ נייע אייגנשאַפט, אַ דאַנק וועלכער די ערשיינונג איז געוואָרן פולקום פאַרשטענדלעך. כדי צו באַשטעטיקן דעם פאַקט, אַז אַזאַ אייגנשאַפט עקסיסטירט באמת, האָט מען זיך סומך געווען אויף דער איינגעבאָרענער אידעע, וועלכע רעדט אונז וועגן איר קיום. לאָמיר נעמען למשל אַזאַ ערשיינונג ווי דאָס,

וואָס דאָס וואַסער הייבט זיך אויף אין דער טרויב, פון וועלכער די לופט איז אויסגעפּאָמפּעט, און וועלכע איז אַראָפּגעלאָזן אין וואַסער. דורך באַאָבאַכטונג און פּרווו זיינען די אויספאָרשער געקומען צום אויספיר, אַז די דאָזיקע ערשיינונג דערקלערט זיך מיט דעם דרוק פון דער לופט. אָבער פאַר דעם מעטאַפיזיקער, וועלכער האָט די ערקלערונג געזוכט אין זיך אַליין, וועלכער גיט דעם נסיון אַ באַדייטונג פון דער צווייטער מדרגה, איז אויסגעקומען צוצוטראַכטן עפּעס אַ נייע אייגנשאַפט פאַר דער אַבסאָלוטער קראַפט. און די ערשיינונג האָט זיך ערקלערט דורך דעם, וואָס די נאַטור האָט פיינט פוסטקייט. דערביי האָט די פילאָזאָפיע ניט באַמערקט, אַז זי האָט דעם אַבסאָלוט ווילקירלעך געגעבן די ערשטע מענטשלעכע אייגנשאַפט, וואָס איר איז אויפן זינען געקומען. יעדערליי בלויז אין וויסנשאַפטלעכער נאַטור-פאָרשונג, אין דער געשיכטע און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט מען לייכט און פשוט פאַרשטאָפּט אַ דאַנק דער לערע וועגן איינגעבאָרענע אידעען.

נאָך איידער עס זיינען ערשינען קאַנטס פילאָזאָפישע הויפּט-ווערק, האָט זיך דער פילאָזאָפישער געדאַנק אָוועקגעשטעלט קעגן די פאַנטאַסטן, וועלכע האָבן ווילקירלעך אָנגעפילט די וועלט מיט קרעפטן אָן אַ שיעור. פון בעקאָנען אָן, ווי מיר האָבן געזען, הייבט זיך אָן די געשיכטע פון די ערפאָרונגען, וואָס דער עמפּירישער מעטאָד האָט געמאַכט. די ענגלישע פילאָזאָפן לאָק און יום האָבן זיך אַנטשלאָסן געשטעלט אויפן צד פון פּרווו, און אָפּגעוואָרפן די לערע וועגן איינגעבוירענע אידעען. קאַנט שטעלט איין אַ מיטעלן וועג צווישן די עמפּיריקער און צווישן די ראַציאָנאַליסטן. מיט די ערשטע קומט ער זיך צונויף אין דער הינזיכט, וואָס ער האָט אָנערקענט, אַז אונזערע באַגריפן קאָנען אָנגעווענדט ווערן נאָר אין דעם געביט פון פּרווו. אָבער פון דער צווייטער זייט האָט ער אָנערקענט, אַז אונזער שכל איז אייגנשאַפטלעך עפּעס אַפּריאָרישעס, עפּעס אַזוינס, וואָס גייט פריער פאַר דער דערפאַרונג. דערדאָזיקער „עפּעס"—דאָס זיינען די אַפּריאָרישע פונקציעס פון אונזער דערקענונג, אַ באַזונדער פעאיקייט פון אונזער אָרגאַניזאַציע צו ערקענען אַלע אויפגענומענע איינדרוקן אין באַשטימטע פאָרמען. דידאָזיקע פאָרמען קומען פריער פאַר דער דערפאַרונג. די ערקענונגס-פאָרמען שטעלן מיט זיך פאָר די אַפּריאָרישע פעאיקייט פון אונזער אָרגאַניזאַציע. אָבער די קאָמפּעטענץ פון דידאָזיקע פאָרמען פאַרשפּרייט זיך נאָר אויף יענע קעגנשטאַנדן, וועלכע ווערן אונז געגעבן דורך ערפאַרונג. ד. ה. אין הסכם מיט דער לערע פון די עמפּיריקער איז אויסגעקומען, אַז מיר קאָנען פאָרט ניט ערקענען גאָרניט, וואָס ליגט אויסער די גרעניצן פון אונזער

ערפאַרונג. אָבער עס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ וועזנטלעכע אויסבעסערונג: די ערפאַרונג אַליין ערקלערט ניט דעם גאַנצן פּראָצעס פון דערקענונג. די קריטישע פילאָזאָפיע האָט באַהויפּט, אַז פאַר דער ערפאַרונג עקסיסטירלאָגישע באַגריפן, וואָס אומפאַרמיידלעך אין זיי מוזן מיר דענקען דאָס זייענדיקע, און אָן וועלכע מיר קאָנען גאָרנישט דענקען. אָבער פון דער צווייטער זייט קאָנען דידאָזיקע באַגריפן, אָדער ריכטיקער—דידאָזיקע בעפאָר-ערפאַרונגספעאיקייטן אַליין פאַר זיך אָן דער ערפאַרונג זיך ניט אַרויסווייזן. ערשט אין דעם מאַטעריאַל, וואָס די ערפאַרונג גיט, באַקומען זיי לעבן.

וואָס נוגע די פראַגן וועגן נשמה, אַלוועלט און אַזוי ו. — אַנטשפּרעכן זיי ניט קיינע רעאַלע קעגנשטאַנדן. זיי קומען אַלס רעזולטאַט פון דעם באַוואוסטזיין פון זייער נויטווענדיקייט אין אונזער שכל. די גרעסטע געפאַר ליגט דווקא דערין, וואָס מיר זיינען נוטה צו גלויבן, אַז הינטער יעדער אידעע שטייט אַ קעגנשטאַנד פון חוש, געגליכן דערצו, ווי הינטער דעם באַגריף טיש שטייט אַ רעאַלער טיש. אין דער ווירקלעכקייט זיינען זיי אָבער נאָר פּאָסטולאַטן, פאָדערונגען פון אונזער שכל. „כל-זמן מיר האַלטן דידאָזיקע אידעען נאָר פאַר אידעען, ד. ה. פאַר אַבסאָלוטע און ניט ערקענבאַרע, שטייען מיר אויפן וועג פון אמת. אָבער ווי נאָר מיר הייבן אָן צו מאַכן אַ פרוּוו זיי צו ערקענען, אַזוי פאַלן מיר גלייך אַריין אין אַ תהום פון טעותן". דער טעות פון דער פריערדיקער מעטאַפיזיק איז טאַקע באַשטאַנען דערין, וואָס זי האָט זיך פאַרנומען מיט פאָרשונגען וועגן גאָט און נשמה, אויף אַ ספּעקולאַטיוון אופן אויסגעפינען זייערע אייגנשאַפטן, אויף זייער יסוד געשאַפן ווילקירלעכע סברות בנוגע מאָראַל און רעליגיע. קאַנטס גרויסער פאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט באַוויזן די פרוכטלאָזיקייט פון די אָנשטרענגונגען צו ערקענען דעם אַבסאָלוט, צו ערקענען אידעען.

דידאָזיקע לערע קאַנטס, וועלכע האָט אַריינגעטראָגן אַ געוויסע קלאָרקייט אין דעם געביט פון דערקענונג, האָט אין דערזעלבער צייט געליטן פון דעם, וואָס איר האָט אויסגעפעלט די איינהייטלעכקייט פון דער וועלט-אָנשויאונג. קאַנט האָט פון דעם געביט פון דערקענונג אַרויסגעוואָרפן די איבערחושימדיקע וועלט, אָבער צוגלייך דערמיט האָט ער דידאָזיקע וועלט ניט אָפּגעוואָרפן, נאָר פאַרקערט, ער האָט אַפילו אָנערקענט איר בכורה. די ווייטערדיקע פילאָזאָפיע האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס צוריקגעקערט צו דער פאָרקאַנטישער מעטאַפיזיק. זי שטרעבט איינצושטעלן די איינהייט פון דער וועלט-אַנשויאונג, וועלכע פעלט קאַנטס לערע, שטרעבט פון ס'ניי צו דערקענען דעם אַבסאָלוטן איינ-

הייטלעכן יסוד, דורך וועלכן עס זאָל פּאַראַלעל קאָנען דערקלערט ווערן די גאַנצע פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער זעבאַרער וועלט. דער גרעסטער פון קאַנטס נאָכפאָלגער, וועלכער האָט דידאַקטיקע איינהייטלעכקייט באַקומען אלס אַ גאַנצ־לעכע פילאָזאָפישע סיסטעם, איז געווען פיכטע (1760—1814). ער האָט פון ס׳נייע אוועקגעשטעלט דעם איינהייטלעכן אַבסאָלוטן פּרינציפּ אין גרונט פון זיין פילאָזאָפיע, מעלדנדיק אַלס אַזאַ פּרינציפּ דעם אַבסאָלוטן „איך", דעם אַבסאָ־לוטן סוביעקט, און אָנערקענענדיק די נאַטור נאָר אַלס אַ שאַפונג פון דעם־דאָזיקן „איך". אַרויסגייענדיק פון דעמזעלביקן מעטאַפיזישן שטאַנדפּונקט, האָט שעלינג (1775 — 1854) דעם צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט אַריבערגע־טראָגן אויף דער נאַטור, וואָס אין איר לעבן האָט ער זיך באַמיט צו דערקענען דעם סוביעקט, וואָס שטייט הינטער איר. שילינג האָט געשאַפן אַ פּאָעטישע נאַטור־פילאָזאָפיע, וואָס אַלע עלעמענטן פון דער נאַטור זיינען אין איר געווען פאָרגעשטעלט אַלס אַ האַרמאָניש בילד פון דער שאַפונג פון דעם איינציקן אַבסאָלוטן פאַרשטאַנד.

נאָר אַ גרעסערן איינפלוס האָט געהאַט העגעלס פילאָזאָפישע סיסטעם. ער האָט לכתחילה אָנגעהויבן פון שעלינגס שטאַנדפּונקט, איז געווען זיינער אַ פריינד און אַ חבר־לדעה, און שפּעטער אַ קאָנקורענט און אַ קעגנער. פאַר שעלינגן איז די הסתכלות פון שכל געווען דער איינציקער אמתער מיטל פון פילאָזאָפישער ערקענונג. שעלינג האָט „די הסתכלות השכל" קעגנגעשטעלט דעם געוויינלעכן דענקען פון מוח, וועלכער איז מבחין קעגנשטאַנדן און שאַפט פאַר זיי דעפיניציעס און פעסטע באַגריפן. העגעל, פאַרקערט, האָט געגעבן אַן אָנגעזעענעם אָרט פאַר דעמדאָזיקן דענקען פון מוח. לויט זיין לערע לייקנט די אמתע ספּעקולאַציע ניט אָפּ דעם מוח־דענקען, נאָר זי זעט אים פאָראויס און שליסט אים אין זיך איין אַלס אַ שטענדיקן אומאויסמיידלעכן בידעריקן מאָמענט, אַלס דעם עכטן גרונט און אַ שטיצפּונקט פאַר זיין אַקציע. דעריבער איז דער לאָגישער פּראָצעס פון אונזער מוח דער שליסל צו דער ערקענונג פון אַבסאָלוטן. אין אונזער ערקענענדיקן לאָגישן געדאַנק ליגט דער אָנהייב פון יעדן וויסן. העגעל גיט דעם אַבסאָלוטן עלעמענט דעם נאָ־מען אַבסאָלוטע אידעע אָדער אַבסאָלוטער פאַרשטאַנד. כדי צו דערגרייכן זעלבסטבאַוואוסטזיין, נעמט אָן דערדאָזיקער אַבסאָלוטער פאַרשטאַנד אין זיין שעפערישער שפּיל די נאַטור אַלס עפּעס אַנדערש, וואָס שיידט זיך אונטער פון אים. די נאַטור איז אַלזאָ זיין „אַנדערש־זיין", זיין רעלאַטיווער קאָנ־טראַסט. ער נעמט אָן דאָס דאָזיקע אַנדערע, כדי אומצוקערן זיך צו זיך פון

דעמדאָזיקן אַנדערן, און ערקענען זיך אין דעמדאָזיקן אַנדערן, דערגרייכנדיק אויף אַזאַ אופן פולקומען זעלבסטבאַוואוסטזיין. אַזוי אַרום בילדעט דאָס לעבן פון דער וועלט, די געשיכטע פון דער מענטשהייט, די אַנטוויקלונג פון די קונסטן און פון דער רעליגיע אַן ענדלאָזע באַוועגונג, וועלכע איז דער יסוד פון דער אייביקער אַנטוויקלונג פון דער אַבסאָלוטער אידעע. די אַבסאָלוטע אידעע אַנטפּלעקט זיך אין דערדאָזיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, פון דער קונסט, רעליגיע, געזעלשאַפט, און איבערהויפּט אין דער פילאָזאָפיע, אין וועלכער דעם מענטשנס גייסט ערקענט דעם אמת אין זיין גאַנצער פולקייט. „די קראַפט פון דעם אַבסאָלוטן אמת, וואָס ליגט אין אַלץ, צעשטערט די באַגרעניצטקייט פון פּריוואַטע דעפיניציעס, נויט זיי איבערצוגיין איינע אין דער צווייטער און אומקערן זיך צו זיך אין אַ מער אמתער און פרייער פאָרם. אין דערדאָזיקער אַלץ־דורכדרינגענדיקער, אַלץ־בילדנדיקער באַוועגונג ליגט דער גאַנצער זינען און דער גאַנצער אמת פון עקסיסטירנדיקן — די לעבעדיקע פאַרבינדונג, וועלכע קניפּט אינערלעך צונויף אַלע טיילן פון דער פיזישער און דער גייסטיקער וועלט צווישן זיך און מיט דעם אַבסאָלוטן, וואָס איז אויסער דערדאָזיקער פאַרבינדונג ווי עפּעס אָפּגעזונדערטס און לגמרי ניט עקסיסטירנדיקס". אויב מען זאָל דעמדאָזיקן געדאַנק אויסדריקן וואולגאַר, קאָן מען אים אַזוי פאָרמולירן: דאָס אַבסאָלוטע דערגייט צו זעלבסטדערקענונג דורך אַ געוויסן פּראָצעס. אונזערע באַגריפן און אַלע ענדע־זאַכן האַלטן אין זיך איין דעמזעלבן פּראָצעס פון אינערלעכער אַנטוויקלונג. אין זיי איז באַהאַלטן די קראַפט פון אַבסאָלוטן אמת. דעריבער קאָן מען ניט סיי קיין זאַכן, סיי קיין באַגריפן באַטראַכטן אַלס אומאָפּהענגיקע עקסיסטענצן, וואָס זיינען שייך נאָר צו זיך זעלבסט. סיי די, סיי יענע זיינען טיילן פון גאַנצן, סטאַדיעס אין איינהייטלעכן פּראָצעס. דער אָביעקט פון לאָגישן געדאַנק קאָן בנוגע צו דעם געדאַנק ניט זיין ניט פרעמד, ניט אויסערלעך. דאָס זוכענדיקע אַלס אַ קעגנשטאַנד פון געדאַנק איז געדאַכט, און נאָר אַלס געדאַכטס קאָן זי פון אונז זיין לאָגיש ערקענט. מיר קאָנען אַפילו קיין אַנדער זייענדיקס, אויסער דעם געדאַכטן, ניט קענען; אויסערן געדאַנק ווייסן מיר גאָרנישט, און דאָס ווירקלעכע עכטע דערקענונג איז מעגלעך נאָר מיט דעם תנאי פון אינערלעכער איינהייט פון דעם דערקענענדיקן און פון דעם דערקענטן, פון דעם דענקענדיקן און געדאַכטן. זיין און דענקען איז דיזעלבע זאַך.

אַזוי אַרום זיינען דאָס אַבסאָלוטע, אונזער דערקענונג און די ענדערזאַכן— ניט קיין באַזונדערע עלעמענטן, נאָר טיילן פון אַ פּראָצעס, פון דער אייביקער באַוועגונג. און וואָס־זשע באַשטייט דערדאָזיקער פּראָצעס? העגעל רופט אים אָן דיאַלעקטישער מעטאָד. דורך דעם פאַקט גופא, וואָס זיי זיינען דעפינירט, האַלט שוין אין זיך יעדער באַגריף און יעדער זאַך איין זיין אָפּלייקענונג, זיין שלילה. וואָס פאַר אַ געדאַנק מיר זאָלן ניט אַרויסזאָגן, וועלן מיר אויפן סמך פון די געזעצן פון אונזער לאָגישער פעאיקייט אומפאַרמיידלעך קומען צו דער אָנערקענונג פון דעם קעגנזעצלעכן אמת אויך *). די דעפיניציע גופא פון אַ באַגריף הייסט שוין איבערטראָגן אים צו אַ באַגריף, וואָס לייקנט אים אָפּ, הייסט שוין באַגרעניצן אים, ד. ה. באַהויפּטן, אַז ער איז ניט אַבסאָ־

---

*) אין זיין בוך „צו דער פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פונם מאָניסטישן בליק אויף דער געשיכטע" ברענגט בעלטאָוו אַ ריי אינטערעסאַנטע ביישפּילן, וועלכע באַשטעטיקן דעמדאָזיקן געדאַנק. למשל, איצט געפינט זיך אַ באַוועגלעכער קערפּער אויף אַ געגעבענעם פּונקט, אָבער אין דערזעלבער צייט געפינט עס זיך אויך אויסער דעם פּונקט, מחמת ווען ער וואָלט זיך געפונען נאָר אין אים, וואָלט עס לפּחות אויף איין רגע געוואָרן אומבאַוועגלעך. בקיצור, וועגן דער לאַגע פון באַוועגלעכן קערפּער מאַכן מיר צוויי קעגנזעצלעכע און צוגלייך ריכטיקע הנחות. יעדע אַבסטראַקטע רעכט, דערגייענדיק צו זיין לאָגישער ענדע, ווערט פאַרוואַנדלט אין אומרעכט, דאָס הייסט אין זיין אייגענעם קעגנזאַץ. שעקספּירס „דער סוחר פון ווענעדיק" איז דער בעסטער באַווייז. נעמט איצט עקאָנאָמישע ערשיינונגען. וואָס איז די לאָגישע ענדע פון „פרייער קאָנקורענץ"? יעדער אָנטיילנעמער שטרעבט צו צעקלאַפּן זיינע קאָנקורענטן, בלייבן דער איינציקער הערשער פון מאַרק. און, פאַרשטייט זיך, עס טרעפט ניט זעלטן, אַז איינעם אַ ראָטשילד אָדער אַ וואַנדערבילד גיט זיך איין צו פאַרווירקלעכן דידאָזיקע שטרעבונג, אָבער דאָס באַווייזט דאָך, אַז די פרייע קאָנקורענץ פירט צו מאָנאָפּאָל, ד. ה. צו דעם היפּוך פון קאָנקורענץ. אָדער זעט, צו וואָס ברענגט דער פּרינציפּ פון אַרבעט־אייגנטום. מיר געהערט נאָר דאָס, וואָס איז באַשאַפן דורך מיין מי. דאָס איז פולקום גערעכטיק. אָבער ניט ווייניקער גערעכטיק איז אויך דאָס, אַז איך באַנוץ זיך מיט דער זאַך, וואָס איך האָב אַליין באַשאַפן, ווי מיר געפעלט. איך באַנוץ מיך מיט איר אַליין, אָדער איך בייט זי אויס אויף אַן אַנדער זאַך, וועלכע מיר געפעלט. ס'איז פולקום גערעכטיק, ווען איך באַנוץ מיך מיט דעם אויסגעביטענעם חפץ, ווי מיר לוינט בעסער. לאָמיר זאָגן, איך האָב אים פאַרקויפט, און פאַר דאָס געלט האָב איך געדונגען אַן אַרבעטער, ד. ה. געקויפט פרעמדע אַרבעטסקראַפט. פון איין זייט איז עס גערעכטיק, מחמת איך האָב רעכט צו טאָן מיט מיין זאַך, ווי מיר לוינט בעסער; פון דער צווייטער זייט איז עס אומגערעכט, וואָרעם איך עקספּלאָאַטיר פרעמדע אַרבעט און לייקן דורך דעם אָפּ דעם פּרינציפּ, וועלכער איז געלעגן אין גרונט פון מיין באַגריף וועגן יושר. דאָס אייגנטום, וואָס איך האָב באַקומען דורך מיין אייגענער מי, ברענגט מיר אייגנטום, וואָס איז באַשאַפן דורך פרעמדע מי. מיט איין וואָרט, יעדער באַגריף, וואָס ווערט דערפירט ביז זיין לאָגישער ענדע, מוז אומפאַרמיידלעך אַריבערגיין אין זיין אייגענעם קעגנזאַץ.

לוס. דעריבער באַשטייט די לאָגישע טעטיקייט פון דריי מאָמענטן: פון טע־זיס, אַנטיטעזיס און סינטעז. יעדע ערשיינונג, אַנטוויקלענדיק זיך ביז זיין לאָגישער ענדע (טעזיס), ווערט פאַרוואַנדלט אין זיין קעגנזאַץ (אַנטיטעזיס). נאָך נאָכן ערשטן מאָמענט, ווען דער באַגריף, אַ באַגרעניצטער, ווערט באַ־הויפּט אַלס אַן אמתער, — הייבט זיך אָן דער צווייטער מאָמענט, די זעלבסט־אָפּלייקענונג פון דעם באַגריף צוליב דעם אינערלעכן ווידערשפּרוך צווישן זיין באַגרעניצקייט מיט דעם אמת, וועלכן ער דאַרף פאָרשטעלן. צווישן ביידע באַגריפן ווערט שלום אין אַ דריטן, אַ העכערן, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר דעם דריטן מאָמענט — דעם סינטעז. ווי נאָר דערדאָזיקער נייער באַגריף ווערט איינגעשטעלט, גייט ער אומפאַרמיידלעך איבער אין זיין קעגנ־זאַץ און אַז. וו. פונדאַנען ווערט אויך קלאָר דער פּראָצעס, דורך וועלכן די אַבסאָלוטע אידעע קומט צו זעלבסטבאַוואוסטזיין. דער באַגריף גופא וועגן אַבסאָלוטן האָט שוין אין זיך זיין קעגנזאַץ, זיין אַנדערש־זיין, וואָס שטעלט פאָר דעם אַנטיטעזיס. דורך דעמדאָזיקן אַנדערשזיין קערט זיך דאָס אַבסאָלו־טע אום צו זיך אין מענטשלעכן גייסט, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר דעם דריטן מאָמענט — דעם סינטעז. דער מענטש הייבט זיך אויף העכער פאַר דער נאַטור, און דערקענט אין זיך דעם אַבסאָלוט. געשיכטע איז אַ שטופנווייזע פאַרווירקלעכונג פון דעמדאָזיקן באַוואוסטזיין לויט דעמזעלביקן דיאַלעקטישן מעטאָד. די געשיכטלעכע געשעענישן זיינען ניט קיין צופעליקע, זיי זיינען סטאַדיעס פון דיאַלעקטישן פּראָצעס, אין וועלכן עס אַנטפּלעקט זיך דער אַבסאָלוט. אָבער די העכסטע טעטיקייט איז די פילאָזאָפיע, מחמת דער מענטשלעכער גייסט, וועלכער איז דער סינטעז פון אַבסאָלוטן און פון דער נאַטור, געפינט אַליין אין איר דעם העכערן סינטעז פון זיין אַנטוויקלונג.

דאָס זיינען די הויפּטאידעען פון דער דייטשער פילאָזאָפיע, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער רוסישער יוגנט, און די 30־ער יאָרן פון XIX י. ה., ווען אין דייטשלאַנד האָבן די געזעלשאַפטלעכע פראַגן אויך געלאָזט הערן וועגן זיך, האָבן זיך די דייטשע דענקער און פּאָעטן ניט גלייך געקענט אָפּגעוויינען פון אַבסטראַקטן דענקען. היינע שטייט אויף דער גרעניץ צווישן עסטעטישע און פילאָזאָפישע שטימונגען פון איין זייט, און צווישן די נייע פּאָליטישע און סאָציאַלע שטרעבונגען — פון דער צווייטער זייט.

היינריך היינע איז געווען אפשר דער סאַמע בולטער און אָריגינעלער צווישן די ראָמאַנטישע פּאָעטן. און אין דערזעלביקער צייט האָט קיינער אַזוי

אָן רחמנות ניט אויסגעלאַכט די אומזיסטיקע אילוזיעס, די מענטשלעכע אַנטציקטקייט. פאַרקערפּערט אין זיך גלייכצייטיק אי פאַוסטן, אי מעפיסטאָפעלן, האָט היינע איבערגענומען דעם ערשטנס גראַנדיעזע פּרעטענזיעס און דעם צווייטנס בייזפריידיקייט. געגליכן צו פאַוסטן, איז ער פול מיט אידעאַלע שטרעבונגען צום אַבסאָלוטן, ער וויל איבערשפּרייזן די גרעניצן פון מעגלעכן, געגליכן צו מעפיסטאָפעלן, דעקט ער אויף מיט גהינום־געלעכטער די פּרוכטלאָזיקייט פון דידאָזיקע שטרעבונגען. ביי קיינעם פון די פּאָעטן האָט דער דאָזיקער ניט־שטימען צווישן אידעאַל און ווירקלעכקייט ניט באַקומען אַזאַ קאַפּריזע פאָרם, ווי ביי היינען. קיין לאַנד האָט מיט זיך ניט פאָרגעשטעלט אַזאַ פּאַסיקן מאַטעריאַל פאַר מעפיסטאָ־געלעכטער, ווי דייטשלאַנד אין דער ערשטער העלפט פון XIX יאָרהונדערט.

אויפן ווינער קאָנגרעס (1814 — 1815) האָבן די דיפּלאָמאַטן פון ס'ביי איבערגעשניטן אייראָפּע, און דער „הייליקער בונד" האָט געזאָלט אָפּהיטן דאָס, וואָס דער קאָנגרעס האָט באַשאַפן. אין געדויש פון רייכע פייערלעכקייטן צווישן שרעקלעכע אינטריגעס איז מען זיך באַגאַנגען מיט דעם גורל פון פעלקער, אַזוי ווי דאָס וואָלטן געווען טשערעדעס שעפּסן, און מען האָט ריין באַלוינט אַלע הויכגעשטעלטע אָנטיילנעמער אין דעם קאַמף קעגן נאַפּאָלעאָנען. אָבער צוליב דער רויב האָבן זיך אַלע באַלד צעקריגט צווישן זיך, און דער קאָנגרעס וואָלט זיך פונאַנדערגעגאַנגען אָן שום רעזולטאַטן, ווען נאַפּאָלעאָן וואָלט זיך דעמאָלט ניט צוריקגעקערט פון אינזל עלבאַ. זיין צוריקקער האָט ווידער פאַראייניקט די מאָנאַרכן, און זיי האָבן דערפירט זייער זאַך ביזן סוף. דייטשלאַנד האָט דערביי באַקומען אַ נייע קאָנסטיטוציע, דער אַזוי גערופענער „בונדעס־אַקט", וועלכער האָט זי צעטיילט אין 39 פּאָטערלענדער. דאָס איז געווען בעצם ניט קיין מלוכה צוליב אויסערלעכער פאַרטיידיקונג, נאָר רעגירונגען צו דערשטיקן די רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטישע שטרעבונגען. די אָנפירער פון דעם בונד, וועלכער איז געזעסן אין פראַנקפורט־אויפן־מיין, זיינען געווען איבערגעציינט, אַז מען קאָן אָפּקערן אויף צוריק די ראָד פון דער געשיכטע, און פאַרהענגען מיט זייערע מאַנטלען דאָס ליכט פון די נייע אידעען, וואָס האָט באַשיינט אייראָפּע. דער פראַנקפורטער בונדעס־טאָג האָט זיך אין זיינע אַקציעס געהאַלטן פאַר מעטערניכס פאַרנאַנטער סיסטעם, וועלכע עסטרייך האָט אַזוי געשטיצט אין צושטאַנד פון „רו". דער שפּיאָנאַזש איז ברייט געווען פאַרשפּרייט, סטודענטן און באַרימטע שריפטשטעלער פלעגט מען אַרעסטירן, די צענזור האָט געקערט וועלטן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מעטערניכס

אידעאַל ווערט פאַרווירקלעכט: דאָס לעבן אין דייטשלאַנד האָט וואונדערלעך דערמאָנט די רואיקייט פון דעם אויבערפלאַך אין אַ זומפּ. די יולי-רעוואָלוציע (1830 י.) האָט אָפּגעקלונגען מיט אַן עכאָ אין גאַנץ דייטשלאַנד. די שרעקלעכע כמאַרעס, „ניט פרעגנדיק קיין ערלויבעניש ביים הייליקן בונד", האָבן זיך לכתּחילה צעריסן איבער פּאַריז, נאָכדעם איבער די דייטשע מלוכות. עס זיינען פאָרגעקומען אויפשטאַנדן אין האַנאָווער, קאַסעל, לייפּציג, דרעזדען און אַנדערע שטעט. אָבער דער רעוואָלוציע-קראַטער האָט זיך גלייך צוריק פאַרמאַכט: די פּאָליטישע „נאַכט-שומרים" זיינען צו זיך געקומען נאָך דער ערשטער צעמישעניש, די רעפּרעסיעס זיינען פאַרשטאַרקט געוואָרן, די טורמעס — פול, און די אָפּאָזיציאָנעלע פּרעסע, מעג מען זאָגן, איז לחלוטין פאַרשוואונדן. אין דערדאָזיקער צייט האָט דער בערלינער געריכט אַרויסגעגעבן 39 פּסקים פון טויט-שטראָף פאַר מיטגלידער פון סטודענטישע קאָרפּאָראַציעס. אין דער צייט איז דער פּאַסטאָר ווײדיג, אַ פיינד פון דער רעוואָלוציע, נאָר אַ שטאַרקער און אַן אומאָפּהענגיקער מענטש, מיט אַנטוויקלטן רעכטבאַוואוסטזיין, אַרעסטירט געוואָרן; ער האָט זיך געקוילעט אין טורמע מיט שטיקלעך גלאָז, און דערמיט אַרויסגערופן אַ ביטערן געשריי פון צאָרן ביי דעם פאַרקנעכטיקן פאָלק. און טאַקע אין דערדאָזיקער צייט האָט דער בונדעסטאַג אַרויסגעטראָגן דעם שענדלעכן פאַר דייטשלאַנד פּסק-דין קעגן דעם קרייזל פון שריפטשטעלער, וועלכער איז באַוואוסט געווען אונטערן נאָמען „יונג-דייטשלאַנד", און האָט אָנגעהייבן רודפן זיינע צוויי באַגייסטערער, היינען און בערנען.

אין דער אינדוסטריע איז דייטשלאַנד אָפּגעשטאַנען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך. ווי מיר ווייסן שוין, האָט די אינדוסטריעלע איבערקערעניש פריער פאַר אַלץ פאַרכאַפּט ענגלאַנד, נאָכדעם האָבן זיך פראַנקרייך און גאַנץ אייראָפּע אויך אַריינגעצויגן אין איר. די אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער גרויסער אינדוסטריע, איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס באַוואוסט געוואָרן אין דייטשלאַנד אַדאַנק די וואַנדערנדיקע דייטשע אַרבעטער. אין דער שווייץ, ענגלאַנד און פראַנקרייך זיינען זיי באַקאַנט געוואָרן מיט די סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען, מיט דער אומבאַנקאַנטער פאַר זיי אָרדענונג פון די קלאַסן-באַציאונגען, מיט דער לאַגע פונם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער קראַפט. זיי האָבן דידאָזיקע נייע אָנשויאונגען אַריבערגעטראָגן צו זיך אין פאָטערלאַנד. דייטשלאַנד האָט, ווי ענגלאַנד און פראַנקרייך, איבערגעלעבט אַ פּעריאָד פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם. זי האָט געהאַט אירע אָווענס און סען-סימאָנס. אירע נביאים האָבן

אויך געשאַפן בילדער פון ערדישן גן־עדן, און זיי זיינען געווען שטאַרק פאַרוואונדערט, וואָס די אומגעלומפּערטע מענטשהייט — קנאַפּ וואָס זי גייט ניט אין דעמדאָזיקן גן־עדן, וועלכער איז אויסגעמאָלט מיט אַזעלכע פיינע פאַרבן, נאָר זי פאַרפאָלגט נאָך די נביאים מיט פּאָליציייִשע מיטלען. ס׳איז אָבער מערקווירדיק, וואָס דווקא דייטשלאַנד, וועלכע איז געווען אינדוסטריעל אָפּגעשטאַנען, האָט זיך גיכער פאַר אַנדערע באַפרייט פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם. שוין ווייטלינג, פוריעס און סען־סימאָנס תלמיד, א באַרימטער דייטשער אַגיטאַטאָר, האָט פאַרשטאַנען, ווי פוסט עס זיינען די האָפענונגען, וואָס די טרוימער לייגן אויף די הערשער און אויף די מיליאָנערן. אין 1845 יאָר איז ערשינען פרידריך ענגעלסעס „די לאַגע פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין ענגלאַנד“, אין וועלכן עס איז געשילדערט דאָס שרעקלעכע בילד פון דער צו־הדיקער לאַגע פון פּראָלעטאַריאַט. באַלד נאָכדעם איז פאָרגעקומען א באַגעגעניש צווישן ענגעלסן און קאַרל מאַרקסן. די מאַסן זיינען געווייגט צונויפצובינדן קאָמפּליצירטע געשיכטלעכע באַוועגונגען מיט עפּעס א קאָנקרעטן פאַקט. אין דעם טאָג, ווען לוטער האָט אין וויטענבערג אַרויסגעהאַנגען זיינע טעזיסן, האָט זיך אָנגעהויבן די רעפאָרמאַציע. אין דעם טאָג, ווען מאַרקס און ענגעלס האָבן זיך באַגעגנט, איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פונם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. ערב דעם 48 יאָר האָבן ביידע פריינד אין פּינקטלעכע אויסדריקן פאָרמולירט די פּרינציפּן, וועלכע דאַרפן געלייגט ווערן אין יסוד פון דעם פּראָלעטאַריאַטס ווייטערדיקע שטרעבונגען. אַזאַ איז געווען דייטשלאַנדס לאַגע אין דער ערשטער העלפט פון XIX י. ה., ווען עס האָט געלעבט און געשריבן איינער פון אירע גרעסטע פּאָעטן.

עס זיינען פאַראַן שריפטשטעלער, וועלכע עס איז באַשערט, דוכט זיך, צו זיין א רעטעניש פאַר דער מענטשהייט. מיט וואָס פאַר מאַסשטאַב מיר זאָלן צו זיי ניט צוגיין, ווי מיר זאָלן זיך ניט באַמיען כאַפּן די גרונטשטריכן פון זייער כאַראַקטער, וועלן מיר זיך אַלע מאָל אָנשטויסן אויף א ווידערשפּרוך, אויף עפּעס אַן אומבאַגרייפלעכער באַהעפטונג פון סאַמע קעגנזעצלעכע שטרעבונגען, מיט דער פעאיקייט צו מעשים, וואָס שליסן איינע די אַנדערע אויס. אין איין ריי מיט פאַקטן, וועלכע באַווייזן די דערהויבנקייט און די גרויסקייט פון דער נשמה, זעען מיר גראָבע מעשים; אומגעשטילטער שטאָלץ און עקשנות פלעכטן זיך צוזאַמען מיט פחדנות און אונטערטעניקייט, די פעאיקייט צו גרויסע קרבנות — מיט עגאָאיזם, דער צאַרטער פּאָעטישער געפיל — מיט קאַלטן ציניזם און מיט קליינלעכקייט. אויב אַזאַ

שריפטשטעלער באזיצט א סאטירישן טאלאנט, אויב ער קאָן באמערקן דאָס לעכערלעכע ניט נאָר ביים קעגנער, נאָר ביי די אייגענע גייסטיקע חברים, וועט ער צוזאמען מיט אנטציקטער פארגעטערונג אַרויסרופן פאַרביטערטער שנאה אויך.

אָפּרופנדיק זיך אויף די בעסטע שטרעבונגען פון דער עפּאָכע, אָבער דינענדיק זיי אויף זיין שטייגער, שטעלט ער זיין מוזע ניט צו דער דינסט ביי די אָדער יענע גרופּעס. ער קאָן דינען אידעען, אָבער ער קאָן זיך ניט אונטערגעבן קיין פּראָגראַמען, אין די שטרעבונגען פון א פּאַרטיי זעט ער פריער פאַר אַלץ די שטרעבונג צום אייביקן אידעאַל, און ניט די פאַרוויקלע-כונג פון דעם אָדער יענעם פּראַקטישן ציל. צווישן דער בולטער און קאַפּריזער פּערזענלעכקייט פון איין זייט, און צווישן דער פּאַרטיי — פון דער צווייטער זייט — אַנטשטייט א טרויעריקע מיספאַרשטענדעניש. דער פּאָעט, וועלכער קאָן ניט איבערטראָגן קיין געשמידעכץ, אַפילו קיין פּאָליטישע קייטן, שמייסט זיינע אייגענע פריינד, און די נאַר-וואָס אַנטציקטע פאַרערער ערקלערן אים אַלס רענעגאַט. זייערע שטרעבונגען ווייזן אים אויס שמאָלע, זייער דעספּאָטיזם — שענדלעך. און די איידעלע קעמפּער, וואָס האָבן זיך מיט דער העלדשאַפט פון פאַנאַטיקער איבערגעגעבן זייער זאַך, שטעמפּלען אַלס פאַררעטער דעם מענטשן, וואָס קען ניט און וויל ניט פאַרגעסן דאָס אייביקע און ווייטערע צוליב צייטווייליקן און הייגטיקס-טאָגיקן. וואָס געניאַלער עס איז דער „פאַר-רעטער", אַלץ געפערלעכער ווייזט ער אויס זיינע שונאים, וועלכע פאַרלירן אין אים ניט בלויז א פאַרבינדעטן, נאָר באַקומען נאָך אין זיין פּערזאָן אויך אַן אומרחמנותדיקן קעגנער, וועלכער דערלאַנגט שרעקלעכע קלעפּ זייער זאַך. דאָס איז אַ מחלוקת, אַן אַלטע מחלוקת. דער געני איז קאַפּריזיק און פאַנטאַסטיש. די אַרמיי איז דיסציפּלינירט אַליין, און דיסציפּלינירט אַלץ, וואָס גייט אַריין אין איר באַשטאַנד. אָבער קיין צוזאַמענשטויס צווישן אַ פּאָעט מיט זיין דור האָט ניט געהאַט אַזאַ שאַרפן כאַראַקטער, ווי דער קאָנפליקט צווישן היינע און דייטשלאַנד. היינע (1799—1856) איז דער קאַפּריזסטער פון אַלע פּאָעטן. די עפּאָכע, אין וועלכע אים איז באַשערט געווען צו לעבן, איז געווען אַ קאַפּ-ריזער היסטאָרישער מאָמענט. אָט פאַרוואָס דאָס קעגנזייטיקע ניט פאַרשטיין איינער דעם צווייטן האָט אָנגענומען אַ באַזונדער שאַרפע פאָרמע. אָבער עס קלעקט אָביעקטיוו צוצוקוקן זיך צו דער עפּאָכע, ווען דער פּאָעט האָט געלעבט, באַמערקן די השפּעות, אונטער וועלכע עס איז באַשאַפן געוואָרן דידאַזיקע רייכבאַגאַבטע נאַטור, כדי מיר זאָלן זען, אַז אין זיינע גרונט-אַנשויאונגען

איז ער זיך שטענדיק געטריי געבליבן, און די באַזונדערע ווידערשפּרוכן און אָפּווייכונגען ווערן באַרעכטיקט דורך דעם אומאויפהערלעכן טויש פון די געשעענישן. ניט אומזיסט זאָגט הייגע, אַז אים איז שווער צו לערנען געאָגראַפיע, וואָרעם די גרעניצן פון די מלוכות בייטן זיך טאָג־טעגלעך. פאַר אים איז אַפילו שווער געווען צו באַשטימען, וועמעס אונטערטאַן ער איז: פון דעם דייטשן, צי פון דעם פראַנצויזישן קיניג, ווייל די הערשער האָבן זיך געביטן איינע נאָך דעם אַנדערן, און די דייטשע בירגער האָבן מיט הכנעה איינמאָל געשוואָרן, און באַלד מיט דערזעלביקער הכנעה זיך באַפרייט פון דער שבועה.

מיר וועלן אָנהייבן פון די קינדערישע איינדרוקן, וועלכע לאָזן אויף דאָס גאַנצע לעבן איבער אַ שפּור אין דעם מענטשנס נשמה.

לייענענדיק דאָס בוך לעגראַן, זעען מיר, סאַר אַ אייגנאַרטיקע פאָרמען אין דעם קליינעם היינריכס דמיון עס האָבן אָנגענומען די דעמאָלטיקע פּאָליטישע אומרוען. אויפן מאַרק־פּלאַץ אין זיין געבורטשטאָט דיסעלדאָרף איז געשטאַנען דעם קורפירשטס יאָהאַן ווילהעלמס הויכע סטאַטוע. דער פּאָעט האָט קינדווייז לעבן דערדאָזיקער סטאַטוע ליב געהאַט צו טרוימען און צו טראַכטן וועגן דעם „גוטן" קורפירשט. מיט סאַרקאַזם, וועלכן עס איז ניט נאָכצומאַכן, שילדערט הייגע די אידילישע עקסיסטענץ פון דעם פּיליסטערישן הערשער איבער די פּיליסטערישע אונטערטאַנען. „אין יענער צייט האָבן די הערשער ניט געהאַט אַזוי פיל זאָרגן, ווי היינט. די קרוין איז ביי זיי אויפן קאָפּ געזעסן פעסט, און ביידערנאַכט זיינען זיי געשלאָפן רואיק. ביי זיי צו די פיס האָבן רואיק געשלאָפן די פעלקער, און ווען די לעצטע האָבן זיך אינדערפרי אויפגעכאַפּט, האָבן זיי געזאָגט: „גוט מאָרגן, פאָטער! און באַקומען אַן ענטפער: „גוט יאָר, ליבע קינדער!"

בכן האָט דער פּאָעט אין זיין פריסטער יוגנט ביי זיך אין געבורטשטאָט גאָרנישט ניט געזען, אויסער דאָס פאַרשלאָפענע לעבן — דאָס לעבן, וואָס האָט דערמאָנט אָן דער רואיקייט אויף דער אויבערפלאַך פון אַ זומפּ.

ניט קיין בעסערע זיינען געווען אויך די איינדרוקן פון דער ערשטער יוגנט. אין פראַנקפורט, וואוהין דער גורל האָט אים פאַרשליידערט אין די יונגע יאָרן, זעט הייגע דעם ווילדן אָבערגלויבן, די מיטלאַלטערישע רדיפות אויף זיינע גלויבנס־חברים די יידן. מען האַלט זיי פאַר פאַריער, מען פאַרשפּאַרט זיי אין געטאָ, אין אַ מין „טויטן־הויז" פון אָרעמקייט, פינסטערניש און ליידן, פונוואַנען עס איז שווער געווען צו האָבן אַ מגע־ומשא מיט דער

איבעריקער וועלט. שפּעטער אין *רבי פון באַכראַך* האָט דער פּאָעט געשילדערט דאָס שווערע לעבן פון דער געטאָ-באַפעלקערונג.

בכן, האָט די טיפע פאַראַכטונג צו דער אָרדענונג פונם דייטשן לעבן, וועלכע האָט זיך איינגעוואָרצלט אין דער נשמה פון דעם באַגאַבטן יינגל, וואָס איז געבוירן געוואָרן פאַר ברייטער קאָכיקער טעטיקייט, נאָך מער געזאָלט פאַרשטאַרקט ווערן צוליב דער פאַרביטערטקייט און דער שנאה צו די באַדריקער.

ווייטער, דער פּאָעט איז אין באָנער און געטינגענער אוניווערזיטעטן. די טויטע, די בוך-געלערנטקייט פון דעם אַמאָל באַרימטן געטינגענער אוניווערזיטעט, דאָס, וואָס די וויסנשאַפט איז אָפּגעזונדערט פון לעבן, האָט פון זיך היינען אָפּגעשטויסן. פונקט ווי אין בוך *לעגראַן* האָט ער אויסגעלאַכט די ליצייאישע אונטעררינכס, אַזוי האָט ער אין *אַ רייזע צו הארץ* מיט טיפער איראָניע געשילדערט די סכאָלאַסטישע ריכטונג פון געטינגען. „די גאַנצע באַפעלקערונג פון דערדאָזיקער שטאָט, — זאָגט ער, — טיילט זיך אויף בהמות, פּראָפעסאָרן און פיליסטערס. דער קלאַס פון די בהמות איז דער באַדייטנדסטער“. איינמאָל האָט היינע אונטערגעהערט אַ שמועס צווישן צוויי שילער. איינער האָט געזאָגט דעם צווייטן: „איך וויל מער ניט זיין באַקאַנט מיט טעאָדאָרן, ער האָט נעכטן ניט געוואוסט, ווי איז דער געניטיוווס פון mensa“.

פאַרשטייט זיך אַליין, אַז דידאָזיקע שטאָט, וואו די געלערנטע האָבן שעהנווייז זיך געאַמפּערט וועגן עפּעס אַ וואָרט פון די פּאַנדעקטן, וואו פיליסטערס זיינען אַזוי פיל, ווי זאַמד אויפן ברעג ים, האָט ניט מער איידער פראַנקפורט געקענט שלום מאַכן צווישן פּאָעט מיטן דייטשן לעבן.

לסוף האָט בערלין ענדגילטיק געזאָלט דעם פּאָעט אָפּשטויסן פון דייטשלאַנד. די געדריקטע שטימונג פון דער בערלינער געזעלשאַפט, די פאַרפאָלגונגען פון די סטודענטישע קרייזלעך, די שטרענגע צענזור, — דאָס אַלץ האָט פון דער פּרעסע אַרויסגעטריבן דעם אינטערעס צו פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן און אָפּגעווענדט דער געזעלשאַפטס אויפמערקזאַמקייט אויף פראַגן פון קונסט, אויף פאַרווייַלונגען און שמחות. „מיר, — זאָגט היינע, — וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין רעזאָנירנדיקע און פּאָליטישע זשורנאַלן, זיינען דערפאַר באַשענקט געוואָרן מיט אָן אַ שיעור עסטעטישע אויסגאַבן, וועלכע האָבן אין זיך גאָרנישט געהאַט, אויסער פּוסטע מעשיות און טעאַטראַלע קריטיקעס. ווער עס האָט געזען אונזערע צייטונגען, האָט געקענט מיינען, אַז

דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק באַשטייט פון פלוידערזעק, ניאַנקעס און טעאַטראַלע רעצענזענטן. די מווייען גלאַנצן מיט רייכקייט פון פאַרבן, די אָרקעסטערס דונערן, די באַלערינעס צייכענען זיך אויס מיט די גלענצנדסטע אַנטראַשאַ און די טעאַטראַלע קריטיק בליט".

קיין וואונדער ניט, אויב אונטערן איינפלוס פון אַזעלכע איינדרוקן איז ביי היינען געשאַפן געוואָרן אַ נעגאַטיווער בליק אויף אַלע זייטן פון דייטשן לעבן.

און סאַר אַ קאָנטראַסט עס האָבן געזאָלט פאָרשטעלן די איינדרוקן, וואָס ער האָט באַקומען פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט פראַנצויזן! לאָמיר זיך צוריק אַריבערטראָגן קיין דיסעלדאָרף אין די צייטן פון היינעס פריסטער קינדהייט. איינמאָל איז דאָס רואיקע לעבן פון דערדאָזיקער שטאָט צעשטערט געוואָרן גאָר אומדערוואַרט: דער דונער פון נאַפּאָלעאָנס האַרמאַטן האָט אויפגעוועקט די פאַרשלאָפענע דיסעלדאָרפער בירגער. דער קליינער היינע איז אַרויסגעלאָפן אויפן מאַרק: אַן אַלטער אינוואַליד, „וואָס איבער זיינע ערלעכע גראָע וואָנסן רינען טרערן", לייענט עפּעס אַ מעלדונג, און אַלע אַרום וויינען. „דער קורפירשט דאַנקט זיינע אונטערטאַנען, — הערט דער ייִנגל, — פאַר זייער אויסגעפּרוּווטער געטריישאַפט און באַפרייט זיי פון דער שבועה". און דער ייִנגל חזרט טרויעריק איבער: „דער קורפירשט דאַנקט זיינע אונטערטאַנען", ניט פאַרשטייענדיק די פאַטאַלע באַדייטונג פון דידאָזיקע ווערטער.

ווייטער אַ נייע סצענע: דאָס פּויקן פון פּויק הערט זיך, און דער ייִנגל לויפט אַרויס אויפן גאַניק. ער זעט „דאָס מאַרשירנדיקע פראַנצויזישע מיליטער, ס'דאָזיקע פריילעכע פאָלק פון רום, וואָס איז אַדורכגעגאַנגען גאָר די וועלט מיט לידער און מוזיק, — די רואיקע געזיכטער פון די גרענאַדירן, די בערנע היטלען, די דרייקאָלירנדיקע קאָקאַרדעס, די בלאַנקענדיקע שפּיזן, אָפּטיילונגען וואָלטיזשערן, פול מיט פריילעכקייט, און אַ הויכער מיט זילבער אויסגעביטער טאַמבור-מאַזשאָר".

די גוטמוטיקע פיליסטערס, וועלכע האָבן זיך נאָך נעכטן האַרציק געזעגנט מיט זייער קורפירשט, האָבן מיט יובלענדיקע אויסגעשרייען געשוואָרן טריישאַפט דעם נייעם הערשער. אויפן שטאָט-ראָטוש האָט זיך באַוויזן אַ נייער הערב, און דער בורגמיסטער, אין אַ רויטן קאַפּטן, האַלט אַ לאַנגע רעדע. דער ייִנגל האָט דערהערט נייע ווערטער: „מען וויל אונז מאַכן גליקלעך". עס האָבן אָנגעהויבן שאַלן די טרומייטן, מען האָט געפּאָכט מיט פענער, געפּויקט אין די פּויקן, און געשרייען „וויוואַט!" האָבן פאַרהילכט די לופט. „איך האָב

אויך געשריען וויוואַט, — דערמאָנט זיך שפּעטער היינע, — און האָב מיך פעסט געהאַלטן פאַרן אַלטן קורפירשט".

אַזוי האָבן זיך אין היינעס געבורטסשטאָט אָפּגעשפּיגלט די גרויסע פּאָ־ליטישע געשעענישן פון יענער צייט. דייטשלאַנד האָט זיך שענדלעך אונ־טערגעגעבן דעם איינפלוס פון די פראַנצויזן, וואָס ערפאָלג און נצחון האָבן זיי אומעטום באַגלייט. אויב אויפן יינגלס דמיון האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם די אויסערלעכע גרויסקייט פון די פראַנצויזן, דאַרף מען ניט פאַרגעסן, אַז נאָך זיי זיינען נאָכגעגאַנגען די גרויסע אידעאַלן, וואָס פראַנקרייך האָט ערשט ניט לאַנג פּראָקלאַמירט. דאָס אָפּשאַפן לייבקנעכטשאַפט, גלייכבאַרעכ־טיקונג פון אַלע שטאַנדן, דער געריכט פון געשוואָרענע, די פרייהייט פון רעליגיע און אַנדערע גוטע זאַכן, מיט וועלכע דער פראַנצויזישער אימפּעראַ־טאָר האָט באַשאָנקען די נייע אונטערטאַנען, האָבן געמוזט צוציען אַלעמענס הערצער. היינע האָט אוודאי אין דער היים געהערט לויבן דעם פראַנצויזישן קייזער, נאָך וועלכן עס זיינען אומעטום נאָכגעגאַנגען די באַפרייאונגס־אידעאַלן פון דער רעוואָלוציע, אין וועלכער האָט פאַרלייכטערט דאָס שווערע לעבן פון יידן. די נאָענטע און פריע באַקאַנטשאַפט מיט די פראַנצויזן האָט ניט געקענט בלייבן אָן אַן איינפלוס אויף דעם קינדישן פּאָעט. אין זיין לי־טעראַרישער שאַפונג איז פאַרהאַן אַ פולע פון יענער פראַנצויזישער באַוועג־לעכקייט און דרייסטקייט, פון יענער גראַציע, וועלכער זיינען אונטער היינעס פעדער געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ מעכטיקן געווער אין קאַמף קעגן דער אַלטער געזעלשאַפט. מען דאַרף באַמערקן, אַז אויך אין פראַנקפורט, וואו דאָס טרויעריקע, כמעט קנעכטישע לאַגע פון די יידן האָט היינען אַזוי צערו־דערט, זיינען די ערשטע טריט צו פאַרלייכטערן די יידישע לאַגע געמאַכט געוואָרן מצד די פראַנצויזן.

וואָס זשע האָט דער יינגל געזאָלט דערפילן ביי דער ערשטער באַגע־געניש מיט דעם קייזער, מיט דעמדאָזיקן מענטשן גופא, וואָס מען האָט שוין אַ לאַנגע צייט צוריק גערעדט וועגן זיין אָנקומען.

היינע דערציילט: „דאָס איז פאָרגעקומען אין דער אַלעע פונם דיסעל־דאָרפער הויפשלאָס. דער קייזער מיט זיין סוויטע איז געפאָרן פונקט אינמיטן דער אַלעע. דיביימער האָבן זיך ציטערנדיק געבויגן, ווען ער האָט זיך דערנע־ענטערט; די זונענשטראַלן האָבן מיט דערשראָקענער נייגעריקייט אַרויסגעקוקט דורך די בלויע צווייגן; און איבערן בלויען הימל איז קלאָר געשוואומען אַ גאָלדענער שטערן. דער קייזער איז נאַכלעסיק געזעסן אין זאָטל, מיט איין

האַנט האָט ער געהאַלטן די לייצע, און מיט דער צווייטער פריינדלעך געגלעט דעם פערד אין האַלז. דאָס איז געווען אַ שטראַלנדיקע מירמלנע האַנט, אַ מעכטיקע האַנט, איינע פון די צוויי הענט, וואָס האָבן צונויפגעבונדן דעם דעם פילקעפּיקן אומגעהייער פון דער אַנאַרכיע און געמאַכט אַ סוף צום דועל פון די פעלקער, און די־דאָזיקע האַנט האָט פריינדלעך געגלעט דעם פערדס האַלז. און זיין געזיכט האָט געהאַט דעם קאָליר, וואָס מיר געפינען אין די מירמלשטיינענע קעפּ פון די גריכישע און רוימישע סטאַטועס. אַלע שטריכן האָבן געאָטעמט מיט דערזעלביקער איידעלער רעגלמעסיקייט, ווי די שטריכן פון די־דאָזיקע אַנטיק־פיגורן, און אויף דעמדאָזיקן געזיכט איז געווען אָנגעשריבן: פאַר קיינעם זאָלסטו זיך ניט בויגן, אויסער פאַר מיר!" ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס די־דאָזיקע פריע איינדרוקן האָבן אויף שטענדיק איינגעפלאַנצט אין היינעס נשמה אַ טיפע סימפּאַטיע צו די פראַנצויזן: אין זיי האָט ער געזען די רעטער פון גאָר דער וועלט און דערונטער אויך פון זיין געבורטלאַנד, וועלכע ער האָט הייס געליבט, ניט קוקנדיק אויף אַלע נעגאַטיווע ערשיינונגען פון לעבן אין דעמדאָזיקן לאַנד.

מען קען אָבער ניט זאָגן, אַז דאָס געבורטלאַנד האָט היינען גאָרנישט ניט געגעבן, אויסער פּעסימיזם און שווערע איינדרוקן. זיין הייסער פּאַטריאָטיזם ערקלערט זיך אין אַ באַדייטנדער מאָס מיט די ערפאָלגן אויף דעם געביט פון פּאָעזיע און פילאָזאָפיע, וואָס דייטשלאַנד האָט דערגרייכט, ניט געקוקט אויף איר ירידה אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן זינען.

די שטאָט דיסלדאָרף שטייט אויפן ברעג ריין, דעם צויבערלעכן טייך, דעם געבורטאָרט פון לעגענדעס און סערענאַדעס. דאָרט האָט די „שיינע יאָהאַנע" דעם פּאָעט דערציילט די סאַמע וואונדערלעכע מעשהלעך. „און ווען זי האָט מיט דער ווייסער האַנט דורכן פענסטער אָנגעוויזן, — דערמאָנט זיך היינע שפּעטער, — אויף די בערג, וואו אַלץ, וואָס זי האָט גערעדט, איז געשען, דעמאָלט איז עפּעס אַ כישוף פאָרגעקומען מיט מיר גופא: די אַלטע ריטער זיינען באַשיינפערלעך אויפגעשטאַנען פון די חורבות־שלעסער און האָבן איינע די אַנדערע געשלאָגן אין די אייזערנע פּאַנצערס. לאָרעליי איז ווידער געשטאַנען אויפן שפּיץ באַרג און האָט געזונגען איר ליבע, פאַרדאַרבנדיקע ליד".

צו די־דאָזיקע פּאָעטישע רייבישע לעגענדעס, וועלכע האָבן אין דעם פּאָעטס נשמה פאַרזייט די ערשטע קערנער פון ראָמאַנטיזם, דאַרף מען מוסיף זיין, אַז דאָס ערשטע בוך, וואָס ער האָט איבערגעלייענט, איז געווען סער-

וואַנטעסעס אומשטערבלעכן בוך. דאָן קיכאָט האָט געמאַכט אַ גרייליקן איינדרוק אויפן ייִנגל. ער האָט געקלאָגט איבער די יסורים פון אָרעמען ריטער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די פייגעלעך און די ביימער, דער טייך און די בלומען האָבן געקלאָגט מיט אים צוזאַמען. דער אַלטער סאָסנע־בוים, וואָס האָט שוין זיין לעבן אָפּגעלעבט, האָט געיאָמערט, און דער וואַסערפאַל האָט שטאַרקער געטרייסלט זיין גראָע באָרד, און ס׳האָט געדאַכט, אַז ער האָט געצאָרנט אויף דער פאַרדאָרבענער וועלט. אַזאַ שטאַרקער איז געווען דער איינדרוק פון סערוואַנטעסעס גרויסער סאַטירע. דער פּאָעט וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז דער ריטער פון דער זילבערנער לבנה, וואָס האָט מנצח געווען דעם מוטיקסטן און איידלסטן מענטשן אין דער וועלט, איז געווען נאָר אַן איבערגעטאָנענער פריזירער. דערדאָזיקער קעגנזאַץ צווישן שיינער אילוזיע מיט דעם גראָבן קלאַפּ פון דערווירקלעכקייט, וועלכע צעשלאָגט זי אויף ברעקלעך, וועט שפּעטער זיין איינע פון די באַליבטסטע טעמען פון דעם „בוך דער לידער״.

אָבער ניט נאָר די ראָמאַנטישע שאָטנס, וועלכע האָבן געפלאַטערט איבערן רייַן, און דאָס צופעליקע לייענען האָבן מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון היינעס ראָמאַנטישע נטיות. ער האָט געהאַט דעם צופאַל באַקאַנט צו ווערן מיט דער ראָמאַנטישער לערע פון איר קוואַל. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז היינע איז געווען אין באָנער אוניווערזיטעט. אויגוסט ווילהעלם שלעגעל, דער ראש פון דער ראָמאַנטישער שול, איז דעמאָלט געווען פּראָפעסאָר אין באָנער אוניווערזיטעט. דאָס ערשיינען פון די ניבעלונגען־לידער האָט דעמאָלט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער געבילדעטער וועלט צו דעם גרעסטן ווערק פון דער דייטשער פאָלקס־שאַפונג. שלעגעל האָט מיט זיין איידעלן עסטעטישן געשמאַק אַנאַליזירט אין זיינע שיינע לעקציעס די שיינהייטן פון די ניבעלונגען, אַנטפּלעקנדיק פאַר די צוהערער די צויבערלעכע וועלט פון דייטשן אַלטערטום און אַרויסרופנדיק אַנטציקטע פאַראיינטערעסירטקייט מיט דערדאָזיקער וועלט. דער מנהיג פון דער ראָמאַנטישער שול האָט אָפּגעדעקט ברייטע האָריזאָנטן פאַר זיין באַגאַבטן תּלמיד. ער האָט אים אויסגעלערנט ליב האָבן שעקספּירן און באַיראָנען, האָט אים אַריינגעפירט אין דער אַטמאָספער פון די אוניווערסאַלע שטרעבונגען פונעם ראָמאַנטיזם, האָט אים געלאָזט באַטראַכטן די געביטן פון מענטשלעכער שאַפונג מיט אַ ברייטן בליק. זיינע לעקציעס האָבן באַגעגנט אַ הייסן אָפּקלאַנג אין היינעס נשמה, וועלכע איז אַליין פול געווען מיט ראָמאַנטישער בענקשאַפט און מיט

ראָמאַנטישע טרוימען. היינע האָט אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי לויב־סאָנעטן צום פּראָפעסאָר, און שפּעטער האָט ער אין דער ראָמאַנטישער שול געשילדערט דעם גרויסן אײַנפלוס, וואָס שלעגעל האָט אויף אים געהאַט.

אָבער ניט נאָר אין די ערפאָלגן אויפן געביט פון פּאָעזיע איז באַשטאַנען דייטשלאַנדס גוטע השפעה אויף היינען. אין בערלין איז דער פּאָעט געוואָרן אַן אייגענער מענטש אין די סאַלאָנען פון צוויי מערקווירדיקע פרויען פאַן־ענזע און פאַן האָהענהאַוזען. דאָ האָט זיך היינע באַקאַנט מיט אַלץ, וואָס איז נאָך געווען מערקווירדיקס אין דער פּרייסישער רעזידענץ. דאָ איז ער אַריין אין דעם קרייז פון די געזעלשאַפטלעכע, וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע אידעען פון יענער צייט. די פילאָזאָפישע קאַטעדרע אין בערלינער אוניווערזיטעט האָט פאַרנומען העגעל, וועלכנס איינפלוס אויף זיין דור איז גוט באַקענט. היינע האָט אָנגענומען העגעלס אַנטיטעזע אויפן וואָרט, און ער האָט שפּעטער געזאָגט, אַז די „נארישע שטאָלצקייט", וואָס די פילאָזאָפיע האָט אין אים איינגעפלאַנצט, האָט אויף זיינע געפילן שעדלעך ניט געווירקט, פאַרקערט, זי האָט אים דערהויבן צו העלדנשאַפט. צוזאַמען מיט העגעלן האָבן זיך צווישן די פּראָפעסאָרן פון בערלינער אוניווערזיטעט געפונען דער באַוואוסטער סאַנסקריטאָלאָג באָפּ, דער עסטעטיקער וואָלף, וועלכן מיר האָבן צו דאַנקען פאַר די שיינע ערקלערונגען פון דער אַלטגריכישער פּאָעזיע, און דער יוריסט האַנס, וועלכער האָט, לויט היינעס ווערטער, ניט ווייניק מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון דייטשן ליבעראַליזם.

אַזאַ איז געווען די ווירקונג פון דער דייטשער פּאָעזיע און וויסנשאַפט, און אויב אין די פראַנצויזן האָט ער געזען גרויסע בירגער, קעמפער פאַר די דעמאָקראַטישע אידעאַלן, האָט ער זיך דאָך געקענט באַציען מיט גרעסערער אַכטונג צו דער דייטשער פּאָעזיע און וויסנשאַפט, און באַקענענדיק שפּעטער די דייטשן מיט דעם פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פראַנקרייך, האָט ער אין זיין ראָמאַנטישער שול און אין מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון פילאָזאָפיע און רעליגיע אין דייטשלאַנד זיך געסטאַרעט באַקאַנט מאַכן פראַנקרייך מיט דער גייסטיקער עשירות פון זיין געבורטלאַנד.

די אָנגעוויזענע השפּעות דערקלערן אונדז גענוג אַלע הויפּט־עלעמענטן פון היינעס טעטיקייט: זיינע סימפּאַטיעס צו פראַנקרייך, זיין אומרחמנותדיקע סאַטירישע באַציאונג צום דייטשן לעבן, דעם קולט פון נאַפּאָלעאָנען, זיין נטיה צום ראָמאַנטיזם, פון וועלכער ער האָט זיך אַ גאַנץ לעבן ניט געקאָנט

באפרייען, זיין איבערגעגעבנקייט צו די אידעען פון פרייהייט און גלייכהייט. אָבער דידאָזיקע השפעות זיינען נאָך קנאַפּ, כּדי מיט זיי צו דערקלערן די כאַראַקטעריסטישע סימנים פון דער היינישער פּראָזע און פּאָעזיע: פינסטערער יאוש, וואָס פלעכט זיך כּסדר צוזאַמען מיט שמייכל און געלעכטער, עפּעס אַן אייגנאַרטיקער פּירוד, וואָס הערשט שטענדיק אין זיינע ווערק, נקמה־דאָרשט און ליידנשאַפטלעכקייט אין קאַמף מיט די קעגנער, פאַרביטערטקייט און צאָרן אין זשורנאַל־פּאָלעמיק.

דאָ מוזן מיר אַ ווײַלע פאַרגעסן די היסטאָרישע אומשטענדן און אומקערן זיך צום פּאָעט גופא, צו זיין אינערלעכער וועלט, כּדי צו פאַרשטיין, ווי אַזוי האָבן זיך אין היינען אַנטוויקלט דידאָזיקע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן פיל מאָל אַרויסגערופן תּרעומות אויף אים.

היינע איז געבוירן אַ ייִד, אָבער געבוירן אין אַ שטאָט, וואו ייִדן האָבן געהאַט אַ בעסערע רעפּוטאַציע, איידער אין אַנדערע שטעט. דיסעלדאָרפער ייִדן האָבן זיך ניט פאַרנומען נאָר מיט מסחר. צווישן זיי זיינען געווען אַ פולע פאַרשטייער פון וויסנשאַפטן און קונסט. אַזוי אַרום איז היינע שוין אין דער פריסטער יוגנט געקומען אין באַרירונג מיט די גייסטיקע אינטערעסן, וואָס קיינער האָט ניט געוואָלט מודה זיין, אַז ייִדן שטרעבן צו זיי אָן שום פּניות. אין דעמדאָזיקן טראַגישן קאָנפליקט צווישן די אויסערלעכע אומשטענדן און די אינערלעכע שטרעבונגען,—אין דעם קאָנפליקט, אויף וועלכן ער איז, לויט זיין אייגענעם אויסדרוק, געווען פאַרמשפּט נאָך איידער ער איז געבוירן, ליגט איינע פון די סיבות, פאַרוואָס ער האָט געהאַט אַזאַ פינסטערן בליק אויפן לעבן, די סיבה פון זיין וועלט־שמערץ. ער איז געווען אַ קינד פון אַ נאַציע, וואָס די רעליגיע האָט איר פאַרביטן סיי פילאָזאָפיע, סיי עטיק, סיי לעבנס־חכמה; און פון דער צווייטער זייט איז ער ערצויגן געוואָרן אין אַ משפּחה, אין וועלכער עס זיינען ווי בכיוון צונויפגעקליבן געוואָרן אַלע באַדינגונגען, וועלכע קאָנען אַנטוויקלען דעם רעליגיעזן אינדיפערענטיזם. היינעס מוטער איז געווען די אמתע טאָכטער פון דער ראַציאָנאַליסטישער עפּאָכע, איז געווען פאַרקאָכט אין דער פראַנצויזישער פילאָזאָפיע און האָט פאַרגעטערט רוסאָ. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט אין זון ניט געקענט איינפלאַנצן צוגעבונדנקייט צו דער ייִדישער רעליגיע. היינעס פאָטער האָט ווייניק געזאָרגט וועגן זיין זון און האָט אָפּגעהיט די מנהגים פון אמונה מער אַלס אַ מיטל אונטערצוהאַלטן זיין אויטאָריטעט ביי ייִדן, איידער אַ פליכט.

דער ייִנגל האָט גאַנץ פרי געזען דעם פּירוד צווישן די רעליגיעזע מנהגים, דער פאָרם, פון איין זייט, מיט דעם אינהאַלט, וועלכע זי האָט צוגעדעקט — פון דער צווייטער זייט. זיין יידישע אָפּשטאַמונג איז פאַר אים געווען אַמאָל אַ קוואַל פון שטאָלץ, אַמאָל — פון פּיין. ער האָט זיך מיט גאווה אַרומגעקוקט אויף דער פּיינפולער יידישער געשיכטע, אויף די צוויי טויזנט יאָר פון העלדנשאַפט און יסורים, האָט די יידן אָנגערופן „די שווייצער גוואַרדיע פון דעאיזם", טרעגער פון די רעפּובליקאַנישע אידעאַלן. אָבער פון דער צווייטער זייט האָט אים דערצאָרנט דאָס, וואָס די יידן זיינען געטריי דעם אות פון געזעץ און די אַמאָליקע אָבערגלויבנס און מנהגים. דאָס יידישע פאָלק איז אַרויס פון מצרים און „איז פאַרגליווערט געוואָרן, ווי די פּיראַמידן און די מומיעס פון דעמדאָזיקן לאַנד, אין אייביקע פאָראורטיילן".

אין דיסעלדאָרפער ליצײ, וואו היינע האָט, ווי מיר ווייסן שוין, באַקומען די ערשטע בילדונג, האָט ער אַגב געהערט לעקציעס פון שטאַלמייערן. אין דער נשמה פון דעמדאָזיקן קאַטוילישן גלח האָבן זיך אויף אַ משונהדיקן אופן צוזאַמענגעלעבט אַכטונג און איבערגעגעבנקייט צו דער קאַטוילישער רעליגיע און טיפע ליבע צו דער גריכישער פילאָזאָפיע. ער האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים די פילאָזאָפישע סיסטעמען פון די פרייסטע גריכישע דענקער, און פון זיינע לעקציעס האָט דער קינפטיקער פאָעט, לויט זיינע אייגענע ווערטער, גאַנץ פרי דערזען, ווי „בשעת עס איז ניטאָ קיין צביעות, זיינען אמונה און ספק געגאַנגען האַנט ביי האַנט, און דורכדעם איז אין אים געבוירן געוואָרן ניט בלויז אומגלויבן, נאָר אַפילו די סאַמע טאָלעראַנטע גלייכגילטיקייט.

דידאָזיקע איינדרוקן האָבן אין דעם ייִנגל געזאָלט פרי אַנטוויקלען אַ איראָנישע באַציאונג צום אַרומיקן. דערביי דאַרף מען באַמערקן, אַז היינע האָט פון דער נאַטור געהאַט אַזאַ איינדריקלעכע נאַטור, אַז ער איז געווען פעאיק צו דערגיין ביז עקזאַלטאַציע. איינמאָל האָט היינע אויף אַן עפנטלעכן אַקט געלייענט שילערס באַלאַדע „דער בעכער". אינמיטן לייענען האָט זיך אין זאַל באַוויזן אַ מיידל פון דער אָרטיקער אַריסטאָקראַטיע; היינע האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, ווי אַ פאַרכּישופטער. אומזיסט האָט דער לערער אים הויך אונטערגעזאָגט די ווערטער פון ווייטערדיקן פערז. היינע האָט ניט געהערט. ער האָט געקוקט מיט ברייט געעפנטע אויגן, גלייך ווי ער וואָלט דערזען עפּעס אַ ניט ערדישע זעאונג און איז פּלוצלונג געפאַלן אין חלשות.

ווי פיל אַנדערע באַרימטע פאָעטן, האָט היינע דאָס ערשטע מאָל זיך פאַרליבט קינדוויי. עד היום ווייס מען נאָך ניט, ווער איז זי געווען יענע

בזכרונות־בילדער — פון „דאַס לעבן פון היינריך היינע“ ...

בזהיימניספולע „קליינע“ בעראַניקע, וואָס דער פּאָעט האָט איר געשטאַלט פאַרוויקלט אין אַזאַ ראָמאַנטישן נעפּל. אין זיינע ווערק באַגעגענען זיך אָפט האַרציקע ווערטער וועגן איר, אָבער פּונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט אויפצוהויבן דעם פאָרהאַנג, וואָס פאַרשטעלט בעראָניקעס געשטאַלט. אין ערגעץ רעדט ער וועגן איר ניט אויספירלעך. מער ניט אין איין אָרט שטעלט ער זיך לענגער אָפּ אויף די זכרונות וועגן איר, אָבער — דידאָזיקע ערינערונגען באַציען זיך צו איר טויט. „ווי שיין איז געווען די קליינע בעראָניקע, ווען זי איז געלעגן אין איר טרומנעלע. די ליכט, וואָס האָבן אַרום געברענט, האָבן געוואָרפן אַ שימערירנדיקן גלאַנץ אויף איר בלאַס שמייכלענדיק געזיכט, אויף די זיידענע באַפּוצעכץ, מיט וועלכע מען האָט צוגעפּוצט איר קאָפּ און אויף דאָס ווייסע העמדעלע... די פרומע אורזולע האָט מיך אינאָוונט אַוועקגעפירט אין דעם שטומען צימער, און אַז איך האָב דערזען דעם קליינעם בר־מינן אויסגעשטעלט אויפן טיש צווישן ליכט און בלומען, האָב איך לכתחילה אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס איז עפּעס אַ הייליק בילד פון וואַקס... אָבער באַלד האָב איך דערקענט דאָס ליבע געזיכט, און געפרעגט לאַכנדיק: „פאַרוואָס שווייגט אַזוי די קליינע בעראָניקע?“ און אורזולע האָט מיר געענטפערט: „דאָס מאַכט אַזוי דער טויט“.

ווייטער, דורך דעם פּאָעטס גאַנצע ביאָגראַפיע גייט דורך אַ קייט פון פרויענגעשטאַלטן. דאָ איז די „רויטע זעפכען“, דעם תּליונס טאָכטער, מיט לאַנגע רויטע האָר, וועלכע דערמאָנען דעם פּאָעט אַ שטראָם בלוט, וועלכער גיסט זיך פון אַ וואונד. דידאָזיקע זעפכען האָט, לויט דעם פּאָעטס רייד, אָנגעצונדן אַ פלאַם פון צוויי ליידנשאַפטן: ליבע צו דער שיינער פרוי, און ליבע צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (אַ וואונק אויף יאָזעפעס פאָטער). דאָ איז אויך די „אומערבעטלעכע אַמאַליע“, וועלכע האָט אָפּגעשטויסן דעם פּאָעטס ליבע. זי האָט פון זיין לירע אַרויסגערופן די סאַמע ריינע צאַרטע קלאַנגען; און אויך זי האָט אין אים אַרויסגערופן די ערשטע שאַרפע צייכנס פון סאַרקאַזם און יאוש.

צו די פּיינען פון אומגליקלעכער ליבע, צו די ליידן און דערנידערונגען, וואָס היינע איז אויסגעשטאַנען מחמת ער שטאַמט פון יידן, דאַרף מען צוגעבן נאָך עפּעס, וואָס האָט געלאָזן אַ שאַרפע אָפּשטעמפּלונג אויף דעם פּאָעטס גאַנץ לעבן. היינע איז געבוירן אַן אָרעמאַן, און ער האָט אַ גאַנץ לעבן געמוזט אָנקומען צו אַ פעטער. ווי מיר וועלן שפּעטער זען, האָט די גאַנצע דייטשע רעגירונג אָנגענומען אַלערליי מיטלען, אָפּצונעמען ביים פּאָעט די

מעגלעכקייט צו לעבן פון ליטעראַרישער טעטיקייט. דער פאַרלעגער פון בוך דאָס לידער, וואָס דער ניט פּראַקטישער פּאָעט האָט אים פאַרקויפט זיינע שטערבלאָזע לידער פאַר אומזיסט, האָט זיך אויסגעבויט אַ פּאַלאַץ, אויף וועלכן היינע האָט אין שפּאַס געזאָגט, אַז דאָס איז זיין מצבה, און דער אויטאָר גופא האָט זיך אַ גאַנץ לעבן ניט געקאָנט באַפרייען פון דער טרויעריקער נויט, האָט זיך אַ גאַנץ לעבן געערגערט, טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס וועט זיין מיט זיין ווייב נאָך זיין טויט.

אַ מאַטעריעלע הויפּט-שטיצע איז פאַר היינען געווען די רענטע, וואָס זיין פעטער סאָלאָמאָן האָט אים יערלעך געגעבן. דאָס האָט דערגרייכט אַ סומע פון 4 ביז 5 טויזנט פראַנק, אַ סומע, וואָס ביי היינעס ניט קענען באַגיין זיך מיט געלט, האָט קיין גרויסע באַדייטונג ניט געקענט האָבן. אָבער דעם פּאָעטס אומגליק איז געווען ניט אַזוי אין דעם, וואָס די סומע איז אַ קליינע, וויפל אין דער אָפּהענגיקייט פון פעטער, וועלכע האָט אים שטענדיק געדריקט און דערנידעריקט.

זיינע שונאים האָבן זיך געסטאַרעט פאַרשוואַרצן אים אין די אויגן פון פעטער, וועלכער האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט ביי היינען אָפּנעמען די יערלעכע רענטע. דעם פּאָעטס שטאָלץ האָט געליטן פון דעם. ער האָט געפילט, אַז ער שטייט העכער פאַר זיינע קרובים און האָט עס ניט געקענט באַהאַלטן. צייטנווייז פלעגט ער זיך באַגיין מיטן פעטער אַזוי, אַז עס פלעגט זיך דאַכטן — ניט ער באַקומט, נאָר ער טוט אים אַ טובה דערמיט, וואָס ער נעמט ביי אים געלט. „דאָס בעסטע וואָס אין דיר, — האָט ער איינמאָל געשריבן צום פעטער, — איז דאָס, וואָס דו טראָגסט מיין נאָמען". אַזעלכע גאַוהדיקע פּאָסטעמקעס האָבן אָפּט געמאַכט אַ בייז לעבן צווישן אים מיט דעם רייכן קרוב, און דער פּאָעט האָט זיך ווילנדיק ניט ווילנדיק געמוזט אונטערגעבן און דערנידעריקן, כדי אויסצומיידן אָרעמקייט.

ווען מיר שטעלן קעגנאַנאַנדער אַלץ, וואָס איז אויבן געזאָגט געוואָרן וועגן היינען, פאַרשטייען מיר, אַז עס איז שווער געווען צו וואַרטן פון אַ מענטשן, וועלכן די נאַטור האָט באַשאָנקען מיט אַ גרויסן פּאָעטישן טאַלאַנט און מיט אַ גרויסער האַרץ אָפּצורופן זיך אויף מענטשלעכעליידן, נאָר האָט אים אַוועקגעשטעלט אין טראַגישע באַדינגונגען, — אַז פון אַזאַ מענטשן איז שווער געווען צו ערוואַרטן פעסטע קאָנזעקווענטקייט אין מעשים, זעלבסטבאַהערשונג און באַרעכנטקייט. עס איז שווער צו באַשולדיקן אַ מענטשן, וועלכער איז באַשאָנקען מיט אַזעלכע שטרעבונגען, וואָס דער אַלטער מענטשלעכער

פאַראורטייל האָט קיינמאָל ניט געוואָלט און וויל נאָך עד היום ניט אָנערקע־נען. — עס איז שווער צו באַשולדיקן אַזאַ מענטשן, זאָגן מיר, אויב צייטנווייז האָט די פאַרביטערטקייט גענומען אין אים די איבערהאַנט איבער די פאָ־דערונגען פון מאָראַל, און דער פּאָעט האָט געהאַלטן פאַר גערעכט אַלע מיטלען, אַבי צו רעטן זיך פון די צערייצטע שונאים.

הייסע העפלעכע מאַנזשעטן,
שוואַרצע רעק און זיידן־זאָקן,
זאַנפטע רעדעס, צאַרטע לאַסקעס —
וואָלטן זיי נאָר האַרץ פאַרמאָגן!

נאָר אַ האַרץ אין ברוסט און ליבע,
ליבע וואַרעמע אין האַרצן,
אַך, מיר הרגעט זייער זינגען
פון געלייגטע ליבע־שמאַרצן.

אויף די בערגער וועל איך שטייגן,
וואו די שטילע כאַטעס שטייען,
וואו עס עפנט זיך די ברוסט פריי
און די פרייע ווינטן וויען.

אויף די בערגער וועל איך שטייגן,
וואו זיך יעגלעס טונקלע הייבן,
טייכן רוישן, פייגל זינגען
און די שטאָלצע וואָלקנס שוועבן.

זייט געזונט, איר גלאַטע זאַלן,
גלאַטע הערן, גלאַטע פרויען!
אויף די בערג! פון דאָרטן וועל איך
אויף אייך קוקן און מיך פרייען.

מיט דיזאָזיקע פערזן הייבט זיך אָן היינעס ערשטע גרויסע ווערק — די ר ײ ז ע ־ ב י ל ד ע ר, וועלכע זיינען אַרויס אין 1826 יאָר. ווען דער בעכער פון ליידן איז אַריבערפול געוואָרן, איז היינע אַנטלאָפן אין די בערג, און דאָרט האָט ער באַשאַפן זיין בייזע סאַטירע אויף אַלץ, וואָס האָט אים גענויט צו פאַרלאָזן די געזעלשאַפט.

עס איז שווער ניט אונטערצוגעבן זיך דער באַצויבערונג, וועלכע נעמט אַרום יעדן, לייענענדיק די ר ײ ז ע ־ ב י ל ד ע ר. ווי די שונאים זיינע זאָלן היינעס באַדייטונג ניט מאַכן קליין, איז אָבער ניטאָ קיין ספק, אַז קיינער פון זיי וועט, אָנהייבנדיק לייענען ס׳דאָזיקע ווערק, ניט פאַרמאַכן דאָס בוך, איידער ער

וועט עס איבערלייענענען ביז דעם לעצטן זייטל. דאָס גאַנצע דײַטשע לעבן וויקלט זיך פונאַנדער אין דעמדאָזיקן ווערק, וואָס איז פול מיט שאַרפזין, אָריגינאַליטעט און פּאָעזיע, הגם עס איז אָנגעשריבן אין פּראָזע. ווי לעבעדיק עס איז אויסגעמאָלט געטינגען מיט זיין גראָען, „אַלטלעך אומעטיקן" אויסזען, אַן אָנגעפּילטער מיט אַדוואָקאַטן, פּודלהינט, דיסערטאַציעס, וועשערינס, מיט קיצורים, געבראָטענע טויבן, גוועלפען־אָרדענס, האָפראַטן, יוסטיצראַטן, רעליגאַציאָנסראַטן, מיט פּראָפּעקסן און אַנדערע פאַרשיידענע פּאַקסן—סיי לעבערלעכע סיי האַרציקע, בילדער פון נאַטור, סצענעס פון געזעלשאַפטלעכן און פּריוואַטן לעבן; נאָך ליידן און מענטשלעכע טרערן קומען געלעכטערס און ראָמאַנטישע טרוימען. אין דעמדאָזיקן קאָסקאַד פון געשטאַלטן און געדאַנקען הייבט זיך אָן אויסצוצייכענען די פּערזענלעכקייט פון דעם פּאָעט גופא מיט זיין פאַרליטענעם האַרצן מיט זיין הומאַנישן אַרט דענקען, מיט זיין מיטגעפיל צו אַלץ, וואָס איז געדריקט, מיט זיין צאָרן און שנאה צו אַלץ, וואָס איז פאַלש און נאָר פאַר לייטנסוועגן. מיט אומרחמנותדיקער אָפנהאַרציקייט, וואָס דערגייט ביז ציניזם, ווייזט ער אַרויס די סאַמע פינסטערע זייטן פון דײַטשן לעבן, לאַכט ביטער אויס די זעלבסטצופרידנהייט פון דער טיפּשות, באַלייכט מיט העלער שיין דאָס באַהאַלטענע אין דער פינסטערניש לעבן פון דעם קוילן־גרעבער, פאַרטראַכט זיך וועגן דער לאַגע פון די אונטערערדישע אַרבעטער און פלוצלונג, גלייך ווי ער וואָלט זיך געראַטעוועט פון געשפּענסטער, פון וועלכן מען קאָן זיך ניט אָפּצעפּען, פון דעם שקר, וואָס באַגלייט אים אומעטום, וואַרפט ער זיך אַריין אין די אָרעמס פון דער נאַטור און הערט און קוקט, ווי עס רוישן די זילבערנע וואַסערן, ווי עס פלודערן די וואַלדפייגעלעך, ווי די טשערעדעס קלינגען מיט די גלעקלעך, די זון באַגיסט מיט גאָלד די גרינע ביימער, און איבער אַלץ שפּרייט זיך דער בלויער זיידענער סופיט פון הימל, אַזאַ דורכזיכטיקער, אַז דורך אים „עפנט זיך פאַרן אויג אָפּ דאָס סאַמע באַהאַלטענע אָרט פון הייליקן היכל, וואו די מלאכים שטעלן זיך פאַר גאָט".

און דעמאָלט זאָגט דער פּאָעט, אַ צויבערלעך, אים אַליין נאָר באַוואוסט וואָרט, און ווידער שטייט פאַר אים אויף די צויבערלעכע „וועלט פון דער ראָמאַנטיק, וואָס אַ שלעכטע פּייע האָט פאַרדאָרבן". „און ווידער הייבט זיך דאָרט אויף אַ גאָלדענער שלאָס פון חורבות, ווידער הייבן דאָרט ריטער און דאַמען אָן צו טאַנצן ביידערנאַכט. דער, וואָס וועט זאָגן דאָס וואָרט, וועט

העגריך היינע

ווערן דער באַזיצער פונם שלאָס, דער געקלאַנג פון טרוימען און פון פויקן ווען רימען זיין ליכטיקע יוגנט".

ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט ניט קיין גאַנצלעכע וועלט־אָנשויאונג, ניט געקוקט אויף די ראָמאַנטישע עלעמענטן, "פילט מען שוין אין דעם ערשטן באַנד פון די וועג־בילדער דעם דופק פון דער נייער צייט. דער פּאָעט שוועבט נאָך אין די וואָלקנס, ער זוכט נאָך פאַרגעסונג און ראָמאַנטישע טרוימען, אָבער ער האָט שוין ניט מער קיין כוח אָפּצורייסן זיך פון דער ערד, פון אירע אינטערעסן, פון לייזן די נויטווענדיקע אויפגאַבע פון דער צייט. דאָרט, אויף דער ערד "באַגעגנט זיין באַאָבאַכטנדיקער בליק אַ פאָרשטעלונג, פון וועלכער עס פאַרקוועטשט דאָס האַרץ, וועלכע האָט אים ניט געקענט אויסהיילן פון דעם טרויער, וואָס האָט געהערשט אין זיין נשמה. וואוהין נאָר ער האָט געשיקט זיין בליק, האָט ער אומעטום באַגעגנט פאַרשלאָפענע אַפּאַטיע, פּחדנישע, האָפענונגסלאָזע הכנעה. יעדער קנעכטיש אָנגעבויגטע צורה, אָדער געהיים צונויפגעדריקטער פויסט האָבן עדות געזאָגט וועגן ניט־אויסגערעדטן צער, פון וועלכן עס איז, דאַכט זיך, קיין אויסגאַנג ניט געווען. און דער פּאָעט האָט מיט אַ ליידנשאַפטלעכער אויפגערעגטער שטים געוואָרפן אין דער וועלט אַריין די שטומע קלאַנגען פון אַלע קרבנות, וואָס זיינען געפאַלן פון דער פאַרעלטערטער, אָפּגעלעבטער פאָרם פון מלוכהשן און געזעלשאַפטלעכן אָרט לעבן. די באַצויבערונג פון דעמדאָזיקן בוך איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער אַלמעכטיקער מעטערניך גופא איז געווען אינדערשטיל היינעס אַ פאַרערער.

דער ערשטער באַנד פון די רייזע־בילדער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין דייטשלאַנד. די פּובליק און די פּרעסע האָבן ניט גלייך פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעמדאָזיקן ווערק; עס איז נאָך איצט אויך שווער פונאַנדערצוקלייבן זיך אין די פאַרשיידענע מיינונגען, וואָס דאָס ווערק האָט אַרויסגערופן. אָבער נאָך אַ גרעסערן טומל האָט אָנגעמאַכט דער צווייטער באַנד רייזע־בילדער, וועלכער האָט באַלד נאָכדעם ערשיינט. אין דעם זיינען באַרירט געוואָרן וועלט־פראַגן. נאַפּאָלעאָן און די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, זיינען אין אים, לויט היינעס אייגענעם אויסדרוק, אויפגעשטאַנען אין גאָר זייער גרייס. דער אַדלשטאַנד, וועלכער איז דאָ שטאַרק אָנגעגריפן געוואָרן, די צבועקעס, וואָס פון זייער געזיכט איז אַראָפּגעריסן געוואָרן די פרומע מאַסקע, די באַדריקער פון פרייען געדאַנק,—דאָס אַלץ האָט זיך אויפגעכאַפּט אין זייערע רואיקע איינגעזעסענע נעסטן, אַרויסגעקראָכן אין דרויסן און אַרויס־

געטראָטן מיט מלחמה קעגן דעם קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט.

דער פּאָעט האָט פונאַנדערגעוויגט דעם פוילן זומפּ פון די דייטשע פי ליסטערן, קיינעם ניט געשוינט, אַלץ אויסגעלאַכט מיט זיין אומרחמנותדיקן געלעכטער און אויפגעוועקט די דייטשן, וואָס זיינען געשלאָפן אונטערן שענד־לעכן דרוק. די בעסערע מענטשן האָבן פאַרשטאַנען די גרויסע באַדייטונג פון די ריי זע־בילדער. די יוגנט האָט זיי געלייענט מיט התפעלות. „זאָלן די קריטיקער פון דער רגע אויפהייבן אַ גוואַלד וועגן דער אויסוויי־ניקסטער זייט פון בוך,—האָט געשריבן איינער פון די קריטיקער,—פון דעם דענקענדיקן לעזער וועט ניט בלייבן פאַרהוילן, סאַר אַ ליכטיקער אמתער פאַרשטאַנד, סאַר אַ שטאַרקער, טרויעריקער און פלאַמענדיקער געפיל, — מיט איין וואָרט, סאַר אַ טיפע און איידעלע מענטשלעכקייט עס איז באַהאַלטן אין יסוד פון דעם־דאָזיקן בוך. די ריי זע־בילדער האָבן ניט געגעבן קיין באַשטימטע פראָ־גראַם, וואָס צו טאָן, זיי האָבן ניט אָנגעמערקט קיין באַשטימטע רעפאָרמען, ניט אָנגעוויזן קיין קלאָרע אידעאַלן, אָבער זיי האָבן אויף אַ גרינדלעכן אופן איבערגעקוקט די אַלטע לעבנס־אָרדענונג, האָבן ביזן גרונט צעטרייסלט דידאָ־זיקע אָרדענונג, און פריי געמאַכט אַ וועג פאַר די גרויסע אידעאַלן פון דער נייער צייט.

און דאָ ערשט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אין וואָס פאַר אַ געפאַר עס האָט זיך געשטעלט דער שריפטשטעלער, וואָס האָט געהאַט די העזה אויפצוהייבן זיין אומאָפּהענגיקע שטים, וואָס האָט זיך ניט גערעכנט מיט די מאָדישע טעאָ־ריעס און מיינונגען.

די רעגירונג האָט אים אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן. דאָס בוך איז פאַרבאָטן געוואָרן. האַנאָווער האָט אָנגעהויבן דעם קאַמף. נאָך האַנאָווער איז דאָס בוך פאַרבאָטן געוואָרן אין פּרייסן, עסטרייך, מעקלענבורג און אַז. וו. די פּאַטריאָטן זיינען געווען אויסער זיך, האָבן באַשולדיקט דעם פּאָעט, אַז ער האָט ניט קיין ליבע צום פאָטערלאַנד, געצאָרנט אויפן פּאָעט פאַר דעם קולט פון נאַפּאָלעאָן, וואָס ער האָט געשאַפן, און די ליטעראַרישע רוטינערן האָבן קריטיקירט די אויסערלעכע אייגנשאַפטן פון דעם סטיל און דער פאָרם פון די ריי זע־בילדער, זיינען אין כעס געוואָרן, למאי ער האָט צעשטערט אַלע עסטעטישע טראַדיציעס. און צווישן די בייזע און סטראַשענדיקע שטימען האָבן זיך, ווי אַ סיקען פון שלאַנגען, געלאָזט הערן גיפטיקע רמזים אויף היינעס אָפּשטאַ־מונג. אין דער צייט, ווען דאָס בוך האָט זיך פאַרשפרייט איבער גאַנץ דייטש־

לאנד, וועקנדיק אומעטום דעם געדאַנק און דעם געוויסן, האָט דער באַוואוס־טער אין יענער צייט גראַף פּלאַטען, איינער פון די אַריסטאָקראַטן, וועלכער האָט זיך געפילט אָנגעטראָטן פון היינען, אירָאָניש אויסגעדריקט רחמנות צו די געליבטע פון „דעם פּאָעט, וואָס פון זיין מויל הערט זיך דער ריח פון קנאָבל".

צי קען מען היינען באַשולדיקן דערין, וואָס, אַ פאַרפאָלגטער פון אַלע פּאַרטייען, אַזאַ באַליידיקטער, איז ער אַרויס פון די כּלים? די שונאים האָבן ניט געשוינט די סאַמע וויטאָקדיקע סטרונעס פון זיין נשמה, האָבן צעגראַבלט די שווערסטע וואונדן זיינע, האָט דער דערצאָרנטער פּאָעט פון זיין זייט קיין רחמנות ניט געהאַט אויף זיינע שונאים. מיט אַ גאַנצן ים שמוץ האָט ער באַ־גאָסן דעם גראַף פּלאַטען, מיט אַכזרישן ציניזם האָט ער אַרויסגעשטעלט אויף חרפּה און אויף שפּאָט זיינע זינד פאַר גאַר דער וועלט, האָט אויסגענוצט ניט בלויז פאַקטן נאָר אויך קלאַנגען און רכילותן, וואָס מ'האָט דערציילט וועגן זיין שונא, און האָט פון אים געלאַכט מיט זיין שאַרפזיניקייט און סאַרקאַזם, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין גלייכן. דערדאָזיקער נקמה־באַגער, דאָס ניט אויסקלייבער־שאַפט אין מיטלען זיינען געוואָרן און ווערן עד־היום פאַראורטיילט מצד דער קריטיק. מען דאַרף אָבער ניט פאַרגעסן, אַז מען האָט דעם פּאָעט שטענדיק פּראָוואָצירט אויף אַזעלכע זאַכן, אַז זיין לאַגע איז געווען אַ גאַנץ אויסשליסלעכע און אַז שפּעטער, ווען ער האָט ווידער אַרויסגעגעבן זיינע ווערק, האָט ער גע־וויינלעך אַרויסגעלאָזן אָדער ווייכער געמאַכט יענע שורות, וועלכע זיינען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער פּאָלעמיק און דער ציטווייליקער פאַרביטערט־קייט. היינע האָט אויף דעם קאַמף מיט פּלאַטענען געקוקט ניט ווי אויף זיינע אַ פּערזענלעכע זאַך, — ער האָט אין דעם איינגעזען אַ געזעלשאַפטלעכן ענין. אין פּלאַטענס פּערזאָן האָט ער געקעמפט אַנטקעגן „דעם פאָרשטייער פון דער אַריסטאָקראַטיע און דער גייסטלעכשאַפט". ער האָט געוואָלט צעשטערן „די באַצויבערונג, וואָס ביי דייטשן האָט געהאַט דער טיטל גראַף" און דערלאַנגען אַ קלאַפּ „דער נאַציאָנאַלער פאַרשקלאַפונג".

אין דריטן באַנד רייזע־בילדער, אין וועלכן עס זיינען אַריין די־דאָזיקע אָנפאַלן אויף פּלאַטענען, הגם ער האָט דיזעלביקע אייגנשאַפטן, אויף וועלכע מיר האָבן אָנגעוויזן ביי דער כאַראַקטעריסטיק פון די ערשטע צוויי בענדער, באַמערקט זיך אָבער מער אויסגעהאַלטנקייט און אַ פּרווו צו פאַרגלעטן באַזונדערע ווידערשפּרוכן און אָנקליידן זיינע אידעען אין אַ קאָנזעקווענטער טעאָריע. היינע סטאַרעט זיך אויסצוגלייכן זיינע סימפּאַטיעס צו נאַפּאָלעאָנען

מיט זיינע דעמאָקראַטישע טענדענצן; ער ווייזט אָן, אַז אין זיין קולט פון דעם פראַנצויזישן קייזער האָט אַ גרויסע ראָלע געשפּילט די אויסערלעכע דערהויבנקייט, וואָס האָט געווירקט אויף זיין ראָמאַנטישן דמיון. היינע ערט יעדן געני, אָבער „אומבאַדינגט” ליבט ער נאַפּאָלעאָנען נאָר ביזן 18 ברומער, ווען ער האָט פאַרקויפט די פרייהייט. ער האָט פאַרקויפט די פרייהייט, ניט מחמת דאָס איז געווען אַ נויטווענדיקייט, נאָר אויס געהיימער ליבע צו אַריסטאָקראַטיזם. היינע לויבט „ניט די גבורה, נאָר דעם מענטשלעכן גייסט, די גבורה איז נאָר אַ קלייד פון מענטשלעכן גייסט”.

ווייטער אַנטוויקלט ער אַ קאָסמאָפּאָליטישע טעאָריע: דער נאַציאָנאַלער האַס הייבט אָן פאַרביטן צו ווערן אויף אַ ברייטערן סאָציאַלן קאַמף. מיטגלי־דער פון איין פּאַרטיי אין פאַרשיידענע לענדער זיינען איינע די אַנדערע נענ־טער, איידער מענטשן פון איין נאַציע. עס בילדן זיך צוויי גרויסע גרופּעס, וועלכע שטייען פייַנטלעך איינע קעגן דער אַנדערער, און דער ציל פון דעמ־דאָזיקן גרויסן קאַמף באַשטייט ניט בלויז אין באַפרייען איינצלנע פאַרשקלאַפּ־טע פעלקער: יידן, גריכן, נעגערס, אירלענדער, נאָר אין באַפרייען די גאַנצע וועלט, באַזונדער אייראָפּע, וועלכע וואַרפט איצט פון זיך אַראָפּ די אייזערנע קייטן פון דער אַריסטאָקראַטיע, פון די פּריווילעגירטע קלאַסן. „זאָלן, — זאָגט היינע, — די פילאָזאָפן־רענעגאַטן פון דער פרייהייט ווייטער שמידן די דינסטע קייטן פון טעמים, כּדי צו דערווייזן אונז, אַז מיליאָנען מענטשן זיינען באַשאַפן געוואָרן אַלס משא־בהמות צו שלעפּן לאַסט ביי עטלעכע טויזנט פּריווילעגירטע ריטער, — וועלן זיי דאָך אונז פונדעסטוועגן ניט איבערצייגן אין דעם, כּל זמן זיי וועלן אונז ניט דערווייזן, ווי וואָלטער זאָגט, אַז די ערשטע זיינען געבוירן מיט זאָטלען אויפן רוקן, און די צווייטע — מיט שפּאָרן אויף די פיס”. אַזוי אַרום באַמערקט היינע ניט קלאָר דעם אונטערשייד צווישן די אַלטע פאָרמען פון עקספּלאָאַטאַציע אַלס ירושה־פּריווילעגיעס און צווישן די נייע פאָרמען פון דער אינדוסטריעלער עקספּלאָאַטאַציע. ביי אים גיסן זיך צונויף די אָרעמקייט און די פּאָליטישע רעכטלאָזיקייט אין איין אַלגעמיינער ערשיינונג. אָבער מיטן ערשיינען פון יעדן נייעם באַנד ר ײ ז ע ־ ב י ל ד ע ר ווערט אַלץ קלערער אַנטפּלעקט היינעס וועלטאָנשויאונג. אייראָפּע דאַרף ווערן די יורשטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און פון ס׳ניי אָנהייבן אַ קאַמף מיט דער פעאָדאַלער הערארכיע פון אַמאָל. מחמת נאַפּאָלעאָן איז געפאַלן און דער אַבסאָלוטיזם איז ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן, איז דערדאָזיקער קאַמף אָפּגעלייגט, אָבער ניט פאַרענדיקט געוואָרן. אין יעדן נייעם באַנד

פון די רייזע-בילדער פאַרענדיקט זיך דער פערזענלעכער טרויער, דער סוביעקטיווער אויסברויז פון די געפילן אַלץ אָפטער מיט אַלגעמיינע אינטערעסן פון דער מענטשהייט, ליבע-לידער ווערן פאַרוואַנדלט אין קאַמפס-לידער און פון דער ראָמאַנטישער בענקשאַפט נאָך אַ „בלוי בלימל" ווערט אַ וואַרטן אויף ווידעראויפלעבונג פון פעלקער.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער דריטער באַנד איז געוואָרן פאַרבאָטן אין גאַנץ דייטשלאַנד, און דער פּאָעט איז אויס מורא פאַר נייע פאַרפאָלגונגען אַנטלאָפן קיין האַמבורג.

מען האָט הײַנט פיל מאָל אויפגעוואָרפן, אַז ער האָט זיך אָפגעריסן פון דער פּאָעזיע, פאַר וועלכער ער איז געבוירן געוואָרן, און האָט זיך אַרייַנגעלאָזן אין פּאָליטישן קאַמף. אָבער אין דעמדאָזיקן פאַרוואורף ליגט אַ מיספאַרשטענדעניש. הײַנע קומט אין זײַנע פּאָעטישע ווערק, ווי אין די פּראָזאַאישע אַלס דער לעצטער ראָמאַנטיקער און דער ערשטער אָנזאָגער פון די נייע אויפגאַבן פון דער פּאָעזיע. אין דעם משך צייט צווישן צווייטן און דריטן באַנד רייזע-בילדער איז אַרויס דאָס בוך דער לידער, וואָס האָט געמאַכט זײַן נאָמען אומשטערבלעך אין דער געשיכטע פון דער פּאָעזיע.

עס האָט אויסגעוויזן, אַז די צויבערלעכע וועלט פון דער אַלטער ראָמאַנטיק האָט ווידער אָפגעלעבט אין דידאָזיקע לידער. אויפן פּאָעטס וואונק זײַנען פון ים-גרונט אויפגעשטאַנען מיטלאַלטערישע שטעט, זײַנען אַרויסגעשוואומען גאָטישע קירכן מיט קופּעלן און מיט טורעמס. לאַנגזאַם און מיט חשיבות זײַנען די זקנים פון שטאָט אַריין אין ראַטוש מיטן הויכן גאַנעק, וואו „די שטיינערנע סטאַטועס פון די קיניגן שטייען אויף דער וואַך מיט שווערד און סצעפּטער". און ווידער לאָזט זיך הערן דער לאַנג אַנטשוויגענער „גלאָקנקלאַנג, און די האַרמאָנישע טענער פון אָרגל". עס האָט ווידער אָפּגעלעבט דער לעגענדאַרער אַלטער וואַלד, וואו די ליפּעס זײַנען באַשאָטן מיט בלומען, וואו די לבנה, באַצויבערנדיק די נשמה, קוקט אַראָפּ פון הימל מיט געהיימניספולער שײַן. הײַנעס פּאָעזיע איז געווען דער לעצטער העלער אויפפלאַם פון דעם אויסגייענדיקן ראָמאַנטישן פלאַקער, וועלכער האָט דאָס לעצטע מאָל באַלויכטן אייראָפּע מיט פאַנטאַסטיש ליכט. אינם דאָזיקן ליכט האָבן זיך שוין געלאָזט פילן נייע עלעמענטן, וועלכע האָבן עס געזאָלט פאַרלעשן.

ס׳דאָזיקע נייע זײַנען עס געווען יענע דיסאָנירנדיקע טענער, וועלכע האָבן אַלץ אָפטער און אָפטער צעשטערט די האַרמאָניע פון די באַרוישנדיקע מאָטיוון. ווי נאָר דער פּאָעט גיט זיך איבער אין דער מאַכט פון די ים-

רוחות, אַזוי קערט אים דעם קאַפּיטאַנס פּראָזאַאישער אויסגעשריי צוריק אום אויף דער ערד. ווי נאָר דער פּאָעט פאַרזינקט אין גליקלעכע פאַנטאַזיעס וועגן זיין געליבטער, אַזוי וועקן אים גלייך אויף די ברוטאַלע קלעפּ פון דער ווירקלעכקייט און צעטרייבן די רייצנדיקע בילדער. אָנשטאָט די כּישוף־טרוימען קומען אָפּשטויסנדיקע, אָפטמאָל ציניש סצענעס.

זינט עס איז ערשינען דאָס בוך דער לידער האָבן די קריטיקער ניט אויפגעהערט צו מאַטערן זיך, כדי צו באַשיידן די רעטעניש פון דידאָזיקע קעגנזאַצן. אייניגע האָבן דעם פּאָעט באַשולדיקט, אַז ער האָט ניט קיין אידעאַלן; אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז זיינע לידער — דאָס איז אַ בגידה אין דער פּאָעזיע, אַז ער לאַכט פון איר אין איר אייגענעם היכל; אַנדערע ווי־דער האָבן אין די „לידער" געזען אַ פּרינציפּלאָזע בייזפרייד איבער דעם מענטשנס נאַרישקייט, אַ בייזע סאַטירע אויף די טרויעריקע זייטן פון לעבן. אָבער היינע איז ניט געווען קיין פאַרביטערטער פּעסימיסט; ער האָט צופיל ליב געהאַט די וועלט און די מענטשהייט, אַז ער זאָל זיך בייזפרייען. ער האָט געטרויערט וועגן דער מענטשהייט, האָט אָנגעוויזן, ווי עס שטימען ניט דער אידעאַל מיט דער ווירקלעכקייט, און געשילדערט זיינע אייגענע יסורים, געשילדערט די ליידן פון דעם מענטשן, וועלכער שטרעבט צום אידעאַל, צו דעם גליק פון טרוימען און פאַנטאַזיע, נאָר וועלכן דאָס לעבן רופט צו זיך, וועלכן די ווירקלעכקייט רעדט יעדע שעה און יעדע רגע, אַז ער האָט ניט קיין רעכט צו פאַרגעסן אָן איר און איינגאַנצן לאָזן זיך פאַרזינקען אין דער וועלט פון אידעאַלן. „טייערער לעזער, — שרייבט היינע אין איין אָרט, — אויב דו ווילסט קלאָגן זיך אויפן פּירוד, טאָ קלאָג זיך דערויף, וואָס די וועלט האָט זיך אַליין איינמיטן צעריסן אויף צוויי שטיקער. דעם פּאָעטס האַרץ איז דאָך דער צענטער פון דער וועלט, דעריבער האָט עס זיך היינטיקע צייט געמוזט מיט אַ יללה צעברעכן. ווער עס בלאָזט פון זיך, באַרימט זיך, אַז זיין האַרץ איז געבליבן גאַנץ, יענער איז זיך מודה, אַז ער האָט אַ פּראָזאַאיש אָפּגעזונדערט האַרץ. דורך מיין האַרץ איז אַדורך אַ גרויסער וועלט־שפּאַלט, און דעריבער ווייס איך, אַז די גרויסע געטער האָבן פון דער בריי־טער האַנט מיך באַשענקט מיט גענאָד לגבי אַנדערע מענטשן, און האָבן מיך באַערט מיט דער מאַרטירער־קריין פון אַ פּאָעט. די וועלט איז געווען אַ גאַנ־צע אין די אַלטע צייטן און אין דער מיטלאַלטער. דעמאָלט האָבן אויך די פּאָעטן געהאַט גאַנצע נשמות. אָבער יעדער נאָכמאַכן זיי היינט איז שקר, וועלכער איז קלאָר פאַר יעדן געזונטן אויג, און וועלכער קאָן דעריבער ניט

אויסמיידן קיין שפּאַט". אין דידאַזיקע ווערטער האָט היינע זייער פיין גע־כאַפּט דעם מהות פון דער פילאָזאָפיע פונם "וועלטשמערץ" און פון זיין איי־גענער פּאָעזיע, אין וועלכער דער וועלט־שמערץ האָט געפונען אַזאַ אייגנאַר־טיקן אויסדרוק. דער פירוד צווישן די אַלטע גלויבונגען מיט דעם קריטישן געדאַנק, דער ביטערער געלעכטער פונם מענטשן איבער זיינע אייגענע אומ־זיסטיקע אָנשטרענגונגען ווידעראויפצושטעלן די פאַרלאָרענע האַרמאָניע, דער טרויער וועגן צעבראָכענע אילוזיעס, — דידאָזיקע אַלע מאָטיוון פון פּאָעזיע און געדאַנק פון דער איבערגאַנגס־עפּאָכע האָט היינע אָנגעמערקט אין די גע־בראַכטע ווערטער. נאָך בעסער באַשטימט היינע דעם כאַראַקטער פון זיין הומאָר און פון זיין וועלט־שמערץ אין די ווערטער, מיט וועלכע ער כאַראַק־טעריזירט סטערנען אין דער ראָמאַנטישער שול: "ער איז געווען דאָס גע־ליבטע קינד פון דער בלאַסער טראַגישער מוזע. איינמאָל אין אַן אויפברויז פון ליידנשאַפטלעכער צאַרטקייט האָט זי אים אַזוי שטאַרק אַ קוש געטאָן, מיט אַזאַ ליבע, מיט אַזאַ ליידנשאַפט, אַז זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן בלוטיקן, האָט פלוצלונג פאַרשטאַנען אַלע ליידן פון דער וועלט און איבערפול געוואָרן מיט אומענדלעכע יסורים. אָרעם יונג האַרץ פון כאָעט! אָבער די יינגערע טאָכטער פון מנעמאָזיני, די ראָזע געטין פון שפּאַס, איז שנעל צוגעלאָפן, האָט בעכאַפּט דעם ליידנדיקן יינגל אין אירע אָרעמס, געסטאַרעט זיך פריילעך מאַכן אים מיט געלעכטער און מיט לידער, געגעבן אים אַלס שפּילצייג אַ קאָ־מישע מאַסקע און אַריינגעגאָסן אין אים פרידן דורך אַ קוש אין זיינע ליפּן. מיט דעמדאָזיקן קוש האָט זי אין אים איינגעפלאַנצט איר גאַנצע לייכטזיני־קייט, איר קאַפּריזע פריילעכקייט, איר שאַרפזיניקע צעלאָזנקייט. און פון דע־מאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ פירוד צווישן זיין האַרץ און צווישן זיינע ליפּן: ווען זיין האַרץ איז געשטימט טראַגיש, און ער וויל אַרויסזאָגן די סאַמע באַהאַלטענע געפילן, פליען, צו זיין וואונדער, ביי אים פון מויל אַרויס סאַמע שפּילעוודיקע ווערטער".

די ראָמאַנטיקער האָבן אויך געשטרעבט ווידער אויפשצושטעלן די פאַר־לאָרענע האַרמאָניע צווישן דער פּאָעזיע און דער ווירקלעכקייט, אָבער זיי האָבן אויף דער לעצטער געקוקט מיט זייערע פּאָעטישע אויגן און האָבן זי ניט געוואָלט אָנערקענען אַזעלכע ווי זי איז. היינע האָט זי אויפגענומען דווקא אַזעלכע, האָט זי דרייסט באַוויזן און דערמיט אויף אייביק געפּטרט דעם ראָמאַנטיזם מיט לידער, ווי ער האָט שפּעטער געפּטרט דעם אויטאָריטעט פון זיינע אָנפירער מיט זיין ראָמאַנטישער שול. היינע האָט זיך צעשיידט

מיט דער טייערער פּאַר אים ראָמאַנטישער שול, צעשיידט מיט טרערן אין די אויגן, ער וועט זיך שפּעטער אָפּט צוריק רייסן צו איר, אָבער די באַדערפעניש און די פאָדערונגען פון דער צייט וועלן אים ענדגילטיק אָפּרייסן פון דער דאָזיקער וועלט. אין דער לידער־זאַמלונג אונטערן נאָמען „נייער פרילינג" וועט דער פּאָעט נאָך איינמאָל אַ זונג טאָן וועגן ליבע, נאַטור, וועט נאָך אַמאָל אַ שמייכל טאָן קוקנדיק אויף מענטשלעכע טרערן און פּיינען, און נאָכדעם וועט ער זיך לאָזן אָפּווישן די טרערן און פאַרלייכטערן די יסורים, איינגאַנצן אַריינוואַרפן זיך אין קאַמף קעגן די שונאים פון דער מענטשהייט.

אין יולי 1830 יאָר האָט היינע געלעבט אויפן אינזל העלגאָלאַנד. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט לסוף דערגרייכט אומגעשטערטע רו און גליק פון גייסטיקן לעבן. אויפן ברעג פון געליבטן און געניאַל באַוועגטן ים האָט ער אַרומשפּאַצירט און צוגעהערט די סודות פון די סטיכישע גייסטער און געזונקען אין דער וואונדערלעכער וועלט פון אַלטע לעגענדעס. אַרום האָט געהערשט אַ פייערלעכע שטילקייט. דער הימל איז ענלעך געווען אויף אַ קופּעל פון אַ גאָטישן קלויסטער. ווי אַ מענגע לאָמפּן אָן אַ שיעור, זיינען אין אים געהאַנגען די שטערן, אָבער זיי האָבן געברענט פינסטער און ציטערנדיק. די כוואַליעס האָבן גערוישט, שטורעמדיקע לידער זיינען פון זיי אַרויסגעפלויגן, אַמאָל אויספלאַצנדיק מיט קרענקלעך־פאַרצווייפלטע קלאַנגען, אַמאָל פולע מיט גרויסער פייערלעכקייט. „איבער מיר, — זאָגט דער פּאָעט, — האָט זיך געטראָגן אַ לופטיקער קאַראַוואַן פון ווייסע וואָלקנדיקע געשטאַלטן, וועלכע זיינען ענלעך געווען אויף מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען אין אַ טרויעריקער פּראָצעסיע מיט אָנגעבויגענע קעפּ און מיט טיף פאַרטראַכטע בליקן... זיי זיינען דוכט זיך געגאַנגען נאָך עמעצנס לוויה... וועמען איז מען מלווה? ווער איז געשטאָרבן? — האָב איך מיך געפרעגט. — צי איז ניט דער גרויסער פּאַן געשטאָרבן?...

און פּאַן איז ווירקלעך געשטאָרבן. איינמאָל איז פון דער יבשה אָנגעקומען אַ פּאַקעט מיט גלי־הייסע נייס. „דאָס זיינען געווען, — זאָגט היינע, — זונענשטראַלן פאַרוויקלטע אין פּאַפּיר, און זיי האָבן אין מיין נשמה אָנגעצונדן אַ פלאַמענדיקע שריפה! מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך וואָלט געקענט אָנצינדן דעם גאַנצן אָקעאַן ביזן צפון־פּאָל מיט דעם פלאַם פון באַגייסטערונג, וואָס האָט אין מיר געפלאַקערט". דאָס זיינען געווען די ידיעות וועגן דער יולי־רעוואָלוציע.

און דער פּאָעט איז אַוועקגעפלויגן קיין פּאַריז.

.XVI

דער פראנצויזישער פעריאָד פון היינעס ליטעראַרישער טעטיקייט.—די באַציאונג צו דעם פאָטערלאַנד. — דאָס יונגע דייטשלאַנד און היינעס באַציאונג צו דעם. — די רדיפות מצד דער דייטשער רעגירונג. — היינע און די סען־סימאָניסטן. — היינע און די דייטשע עמיגראַנטן. — היינע און בערנע. — „די פראַנצויזישע ענינים“.—„די ראָמאַנטישע שול“. — „אַטאַ טראָל“. — „אַ ווינטער־מעשהלע“. — היינעס קראַנקהייט און טויט.

אַ טראַגישער איז געווען היינעס גורל: ביי גאָר זיין אומגעצוימטער שטרעבונג צו פרייהייט, איז ער געווען אַ קרבן פון אומאויפהערלעכע פאַרפאָלגונגען און באַדריקונגען. באַשאָנקען אים מיט אַ לעבנספריידיקע נאַטור, מיט ליבשאַפט צו שענקייט און קונסט, האָט דער גורל אים אַריינגעשליידערט אין קעסל־גרוב פון פאַרטייאישן קאַמף, וואו די צעשטערונג פון דער איינגעשטעלטער פראָגראַם איז דער גרעסטער פאַרברעכן, און די קעמפער גופא ווערן פון לעבעדיקע מענטשן פאַרוואַנדלט אין איידעלע אָבער איינזייטיקע קעמפער. דעם גרויסן פּאָעט איז ניט לייכט געווען צו זיין אַן אויסגעהאַלטענער: ער האָט ליב געהאַט צו לאַכן פון דעם, וואָס איז לעכערלעך, הגם דערדאָזיקער געלעכטער האָט פאַרצעפעט זיינע חברים. ער האָט זיך ניט געשטערט אין פערזענלעכן לעבן, און האָט ניט געקאָנט איבערנעמען אַלע אויסערלעכע סימנים, אַלע מעטאָדן, לויט וועלכע מען האָט גלייך אונטערגעשיידט די פאָרשטייער פון דער אָדער יענער גרופּע.

דידאָזיקע פרייהייט פון דער פערזאָן, דידאָזיקע עמאַנסיפּאַציע ניט בלויז פון אונטער דעם דרוק מצד דעם באַדריקער, אָבער אויך מצד דעם דעספּאָטיזם פון די חברים לדעה, האָט היינע מיט זיך געבראַכט צופירן קיין פּאַריז.

אויב אין דייטשלאַנד האָט ער אויף זיין זייט ניט צוגעצויגן קיין איינציקע פאַרטיי, האָט פאַרצעפעט און געמאַכט זיך אַלעמען פאַר שונאים מיט זיין אומרחמנותדיקן סאַרקאַזם, האָט אין דער הינזיכט דעם פּאָעטס לאַגע אין פּאַריז געזאָלט זיין נאָך אַן ערגערע, אַ שווערערע. דידאָזיקע שווערקייט האָט זיך פאַרגרעסערט מחמת דער פּאָזיציע, וואָס ער האָט פאַרנומען בנוגע צו זיין פאָטערלאַנד און צום לאַנד, וואָס האָט אים אויפגענומען און פריינדלעכקייט באַוויזן. כל זמן היינע האָט געוואוינט אין דייטשלאַנד, האָט ער געקענט נאָר פיינט האָבן און פאַראַכטן זיינע מיטבירגער, ער האָט געקענט נאָר אויסלאַכן אַלע זייטן פונעם דייטשן לעבן, שטראָפן די שלעכטע מידות פון די פאַרשלאָ־

פענע פיליסטערן, — אָבער ווי נאָר ער איז אַריבערגעטראָטן די גרעניץ פון געבורטלאַנד, האָט ער פאַרשטאַנען ווי הייס ער ליבט ס'דאָזיקע געבורטלאַנד, וואָס ער פאַרלאָזט, און ווי שווער אים וועט זיין פונדערווייטן. מיט טרויער אָן אַ סוף, מיט דריקנדיקער בענקשאַפט זיינען דורכגעדרונגען זיינע ווערטער, אין וועלכע ער זאָגט אַרויס זיינע פאָרגעפילן. עפעס האָט אים געזאָגט, אַז דאָס שיידן זיך איז אויף אייביק, אַז ער וועט שוין מער ניט זען די „בלומען" פון פאָטערלאַנד. דידאָזיקע ביטערע פיינען פון בענקשאַפט נאָך דעם פאָטערלאַנד האָט היינע שפעטער אויסגעגאָסן אין ליד ד אָ ס ז ע ג ע נ ע ן ז י ך מ י ט פ אַ ר י ז. ער האָט געקוקט אויף זיין לאַנגיאָריקן שיידן זיך מיטן פאָטערלאַנד, ווי אויף אַ גרויסן קרבן, וואָס ער ברענגט דייטשלאַנד. אים איז אויסגעקומען איינס פון די צוויי: אָדער אַוועקלייגן דאָס געווער, אָדער אַ קאַמף אויף דעם גאַנצן לעבן, און ער האָט אויסדערוויילט דאָס לעצטע. „דער געלעכטער פון אומבאַקאַנטע מענטשן, די חוצפהדיקע אַרויסטרעטן קעגן זיין יידישקייט" האָבן אים געטריבן צו פאָרן קיין פאַריז. אינדערהיים האָט ער גאָרנישט באַקומען, אויסער נויט און קאַמף, ער האָט דאָרט ניט געוואוסט פון קיין רו און גליק.

אָט זיינען די צוויי געפילן, מיט וועלכע דער פאַרטריבענער פאָעט איז געווען דורכגעדרונגען בנוגע צו זיין פאָטערלאַנד: פון איין זייט פאַרביטערטקייט און צאָרן, גריילעכע שנאה צו די שונאים, וועלכע זיינען געווען די סיבה פון זיין לויפן; פון דער צווייטער זייט—דער אייגנאַרטיקער אַרויסווייז פון פאַטריאָטיזם, די הייסע ליבע צו דעם לאַנד, וואָס זיין צוקונפט האָט זיך ביים פאָעט אין מוח געמאָלט אין צויבערלעכע געשטאַלטן. ער האָט ליב געהאַט דעם דורך אים באַשאַפענעם אידעאַל פון דייטשלאַנד, און ער האָט געגלויבט, אַז פריער אָדער שפעטער וועט דערדאָזיקער אידעאַל ווערן פאַרווירקלעכט. דעם פאָעטס גאַנצער לעבן אין פאַריז איז געווען ניט מער ווי אַ כסדרדיק וואַקלען זיך צווישן צוויי קעגנזועצלעכע געפילן: פון סאַרקאַסטישער קריטיק איז ער אַריבער צו בענקשאַפט נאָך דער היים, פון בייזן געלעכטער—צו שבחים פאַר דייטשלאַנד. אָבער צווישן דידאָזיקע וואַקלענישן האָט ער עס אויף קיין איינציקע רגע ניט פאַרגעסן, און איז ניט אָפגעטראָטן פון זיין גרונט-ציל. מיט אַלע כוחות האָט ער געקעמפט קעגן די, וועמען ער האָט געהאַלטן פאַר שונאים פון זיין געבורטלאַנד, מיט אַלע מיטלען האָט ער אין אים פאַרשפרייט זיינע אידעאַלן.

אָבער אויב אַרויסגעריסן זיך פון די קייטן פון דער דייטשער רעגירונג האָט היינע באַקומען די מעגלעכקייט פריי צו פראָפאַגאַנדירן זיינע אידעען,

האָט די רעגירונג אָנגענומען אַלע מיטלען ניט צו דערלאָזן דידאָזיקע אידעען אין דייטשלאַנד. די ווערק, וואָס הײַנע האָט געשריבן אין פראַנצויזיש, פלעגן אָנקומען קיין דייטשלאַנד אין אַ פאַרדאָרבענעם אויסזען, אַזוי אַז מען האָט זיי ניט געקענט דערקענען. פיל פון זיי האָט מען בכלל ניט דורכגעלאָזן דורך דער גרעניץ. הײַנע האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דידאָזיקע פאַרפאָלגונגען. ווי עס געשעט אַלעמאָל אין אַזעלכע פאַלן, האָט ער זיך געסטאַרעט אויף אַרומיקע וועגן איבערגעבן צום לעזער זײַנע געדאַנקען, ער פלעגט זיך פאַרפלאָנטערן און אַרײַנפאַלן אין ווידערשפּרוך. ווען די שונאים פלעגן אים באַבאַשולדיקן אין אַ קאָמפּראָמיס, פלעגט ער זיך סומך זײַן אויף די שווערע באַדינגונגען, אין וועלכע אים איז אויסגעקומען צו שרײַבן. זײַן הקדמה צו די פראַנצויזישע ענינים איז אינטערעסאַנט ניט נאָר אַלס בולטע כאַראַקטעריסטיק פון די דעמאָלטיקע צענזור-באַדריקונגען. דאָס איז אַ עפּאָפּעע פון לײַדן, געפערלעכע נסיעות צווישן סצילע און כאַריבדע, אומפאַרשטאַנענע און אויסגעלאַכטע גבורות, מיט איין וואָרט יענע טראַגעדיע, וועלכע עס פלעגן שטענדיק איבערלעבן די בעסטע שריפטשטעלער אין די צײַטן פון דרוק און קנעכטשאַפט. „דער פּאָליטישער שריפטשטעלער, — זאָגט הײַנע, — מוז אַ פולע הנחות מאַכן דער נויטווענדיקייט צוליב דער זאַך, פאַר וועלכע ער קעמפט". הײַנע איז בײַ אַזעלכע שווערע באַדינגונגען געוואָרן דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון דער אויגסבורגער אַלגעמיינער צײַטונג.

אין קליינע צײַטונגען וואָלט דער פּאָעט געקאָנט פולער און פרײַער אויסדריקן זײַנע מיינונגען, אָבער דעמאָלט וואָלטן דידאָזיקע געדאַנקען ניט באַקומען אַזאַ פאַרשפּרייטונג. „מיר באַגייען זיך, — זאָגט ער אין דער פאָררעדע צו די פראַנצויזישע ענינים, — אַסך קליגער, ווען מיר האַלטן איין אונזער היץ און מיט אַ רואיקן, אַמאָל גאָר געמאַכטן טאָן ריידן מיר אין דער צײַטונג, וועלכע רופט זיך אַלוועלטלעכע און האָט הונדערטער טויזנטער לעזער אין אַלע קאַנטן. דאָ קאָן דאָס וואָרט ווירקן ווי אַ רעטונג אַפילו אין דער סאַמע צעקאַלעטשעטער פאָרם. דער קלענסטער רמז ווערט אַמאָל אַ פרוכטבאַרער קערן אויף אַן אומבאַקאַנטן באָדן. ווען ניט דערדאָזיקער געדאַנק וואָלט מיך באַגײַסטערט, וואָלט איך זיך ניט פאַרמשפּעט אויף זעלבסט-פּײַניקן — שרײַבן פאַר דער אויגסבורגער אַלגעמיינער צײַטונג". ווײַטער דערציילט דער פּאָעט, ווי פעסט ער האָט אַריבערגעטראָגן די יסורים, זעענדיק די מומים, וואָס מען האָט געמאַכט אין זײַנע קאָרעספּאָנדענציעס. אין דערין האָט אים געשטיצט ניט נאָר דער באַוואוסטזײַן פון דער וויכטיקייט פון דער זאַך,

באַר אויך די ליבע און דאָס צוטרויען צו זיין פריינד קאַט, דעם רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. „אויף מיר האָבן שטענדיק געקוקט די ערלעכע אויגן פון אַ פריינד, וועלכער האָט פונקט ווי געזאָגט: און איך ליג אַ פּנים אויף רויזן?"

היינע דערציילט, ווי אָפט ער פלעגט זיין געגוויט אַרויסצוהענגען „אויף דער שיף פון זיין געדאַנק" פענער, וואָס זייער עמבלעם האָט זייער ווייניק געשטימט מיט דעם ווירקלעכן אויסדרוק פון זיינע פּאָליטישע און סאָציאַלע אָנשויאונגען. „אָבער דער זשורנאַלן־קאָנטראַבאַנדיסט זאָרגט ווייניק וועגן דעם קאָליר פון די שטיקלעך מאַטעריאַל, וועלכע הענגען אויף דעם מאַסטבוים פון זיין שיף, און מיט וועלכע דער שטיפער ווינט שפּילט אַרום". „איך האָב גע־טראַכט,—זאָגט דער פּאָעט ווייטער,—נאָר וועגן דער משא, וואָס איך האָב געפירט מיט זיך און געוואָלט גליקלעך זי דערפירן צו דעם האַפן פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג".

דער דרוק פון דער צענזור האָט זיך שעדלעך אָפּגערופן אויף דעם אינ־האַלט פון היינעס פּאַריזער קאָרעספּאָנדענציעס, אָבער קיינע אָנשטרענגונגען מצד דער רעגירונג האָבן ניט געקענט פּאַראַליזירן זייער מעכטיקע ווירקונג אויף דער דייטשער יוגנט. אונטערן איינדרוק פון די קאָרעספּאָנדענציעס, אין וועלכע היינע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס קעמפער פאַר דער פרייהייט, פאַר אַן איבערקערעניש אין דער גאַנצער אַלטער געזעלשאַפט, איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַרישע ריכטונג. אירע פאָרשטייער האָבן געבילדעט אַ גרופּע, וועלכע איז באַוואוסט אונטערן נאָמען „יונג־דייטשלאַנד". לאַובע, ווינבאַרג, מונדט, גוצקאָוו, און אַנדערע יונגע שריפטשטעלער האָבן זיך געסטאַרעט נאָכ־צומאַכן היינען אין זיין אייגנאַרטיקן יומאָריסטישן סטיל, אין דער שאַרפקייט פון טאָן, און אין אָפּלייקענען אויטאָריטעטן. ניט קוקנדיק אויף די אונטער־שיידן, וועלכע האָבן עקסיסטירט אין די פּריוואַטע אָנשויאונגען ביי די „יונג־דייטשלענדער", האָבן זיי געהאַט דעם צד־השווה, וואָס זיי האָבן אַלע פיינט געהאַט די פאַרעלטערטע אָנשויאונג פונם עבר און האָבן אָנגעזאָגט מיט אָנט־ציקונג, אַז עס קומט אָן אַ נייע צייט.

מענצעל, דער רעדאַקטאָר פון ליטעראַרישעס בלאַט, איז אַרויס־געטראָטן קעגן „יונג דייטשלאַנד". דערוואוסט זיך, אַז די פאָרשטייער פון דער יונגער ריכטונג קלייבן זיך אַרויסצוגעבן זייער אייגענע צייטונג, איז מענצעל אָנגעפאַלן אויפן נייעם זשורנאַל, איידער. דאָס ערשטע העפט איז נאָך ערשינען. צווישן אַנדערע זיינען אויפגעגעבן געוואָרן אַלס מיטאַרבעטער פון דעמדאָזיקן אָרגאַן היינע און בערנע. מענצעל האָט דעם זשורנאַל אָנגערופן

פלאַנצשול פון פראַנצויזישער אויסגעלאַסנקייט און אַטעאיזם. ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דער ליטעראַרישער פּאָלעמיק און אָנגעהויבן דרוקן אין זיין בלאַט אַרטיקלען, וואָס האָבן געהאַט דעם כאַראַקטער פון פּאָליצייאישע מסירות. „פון אַ נישטיקן פונק, — האָט ער געשריבן, — קאָן זיך אָנצינדן אַ גאַנצע שרפה... אונטער דער מאַסקע פון פראַנצויזישן רעספובליקאַניזם פירט דידאָזיקע נייע פראַנקפורטער שול פון זינד און גאָטסלעסטערונג אַריין די שרעקלעכסטע אומפאַרשעמטקייט. ליבע, גראָבע זינלעכקייט, בטול מאַכן חתונה — אָט זיינען זייערע לאָזונגען, און קנאַפּ וואָס זיי שרייבן נייע אומאָנשטענדיקע ביכער, נאָר זיי לאָזן ווידער אויפלעבן די אַלטע". מענצעל, וועלכנס נאָמען עס איז געוואָרן אַ צונעמעניש פאַר יעדן פובליציסט=מוסר, האָט זיך ניט געמיאוסט צו צו טרייבן רכילות און אינסינואַציעס, האָט בכיוון פאַרדאָרבן די געדאַנקען פון די קעגנער, און זיינע פאַרפאָלגונגען זיינען געווען אַזעלכע געפערלעכע, אַז אייניקע מיטאַרבעטער פון דער „דייטשער רונדשוי" — אַזוי האָט זיך גערופן דער נייער אָרגאַן פון „יונג=דייטשלאַנד", — איבערהויפּט פּראָפעסאָרן פון די אוניווערזיטעטן, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן אין דעם זשורנאַל. לסוף האָט מענצעל זיך באַנוצט מיט אַן אָפענעם ליגן, האָט אָנגעהויבן שפּילן אויף אויף די סטרונעס פון נאַציאָנאַלן אַנטאַגאָניזם און האַס. ער האָט „יונג=דייטשלאַנד" אָנגעהויבן רופן „יונגפּאַלעסטינע" און האָט פאַרשפּרייט במזיד אַ פאַלשן קלאַנג, אַז די „דייטשע רונדשוי" איז דער אָרגאַן פונם יידנטום, הגם צווישן די פאָרשטייער פון דער נייער שול איז קיין איין מענטש ניט געווען, וואָס זאָל ניט זיין פון קריסטלעכן גלויבן, און נאָר צוויי זיינען געווען פון יידישער אָפּשטאַמונג. דידאָזיקע צוויי זיינען עס געווען היינע און בערנע.

מענצעלס מסירות האָבן געגעבן די רעזולטאַטן, וועלכע ער האָט געוואָלט: איינער פון די סאַמע באַגאַבטע פאָרשטייער פון „יונג=דייטשלאַנד", גוצקאָוו, איז קרימינעל פאַרפאָלגט געוואָרן. לסוף אין 1835 יאָר איז אַרויס דער פסק=דין פון דעם באַוואוסטן בונדעסטאַג, לויט וועלן די ווערק פון די „יונג=דייטשלענדער" זיינען פאַרבאָטן געוואָרן. די בוכהענדלער, וועלכע האָבן פאַרשפּרייט זייערע ווערק, האָבן ריזיקירט מיט שטרענגער שטראָף, אַלע דייטשע רעגירונגען האָבן זיך מחייב געווען אָנצווענדן צו די פאָרשטייער פון דער נייער ריכטונג די פּאָליצייאישע און קרימינעלע געזעצן אין דער פולער שטרענגקייט. אַזוי אַרום האָט די „דייטשע רונדשוי" אויפגעהערט צו עקסיסטירן. וואָס איז שייך היינען, האָט מען

דעם פאַרבאָט אַרויפגעלייגט ניט נאָר אויף די פריערדיקע שוין אַרויסגעגע־בענע, נאָר אויך אויף די קינפטיקע ווערק, וואָס ער וועט ערשט אַרויסגעבן.

עס איז שווער צו באַשרייבן דעם פּאָעטס צאָרן, ווען ער האָט באַ־קומען די ידיעה וועגן דעם פסק פון דעם פראַנקפורטער בונדעסטאַג. די אָפענע אומגערעכטיקייט בנוגע צו אים האָט היינען אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער האָט געהאַלטן אַלע מיטלען פון קאַמף פאַר ערלויבט. איבערהויפּט איז דער פסק פון בונדעסטאַג געווען באַזונדער אומגערעכטיק דערפאַר, וואָס היי־נע איז ניט געווען אין קיינע נאָענטע באַציאונגען מיט קיינעם פון די פאָר־שטייער פון „יונג־דייטשלאַנד". ער האָט הויך געשעצט באַזונדערע מיטגלי־דער פונם קרייזל, באַזונדערס לאובען און גוצקאָוו (אגב אין דעם לעצטן האָט היינע זיך שפּעטער אַנטוישט), אָבער צווישן אים מיט די יונגע שריפטשטע־לער איז געווען אַן אונטערשייד: אים איז ניט געפעלן געוואָרן, וואָס דידאָ־זיקע שריפטשטעלער זיינען „איבערפולט מיט צייט־אידעען", וואָס זיי האָבן ניט אונטערגעשיידט צווישן זשורנאַליסטיק, וויסנשאַפט און קונסט — פון איין זייט און צווישן לעבן, פּאָליטיק און רעליגיע — פון דער צווייטער זייט. גוצקאָוו און ווינבאַר זיינען אפילו אַרויסגעטראָטן קעגן היינען פאַר זיינע „בולוואַרן־עראָטישע" ווערק.

נאָך פריער, ווען היינע האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם קאַמף, וואָס מענצעל האָט אָנגעגעבן קעגן די „יונג־דייטשלענדער", האָט ער זיין קעגנער צוגעשמידט אויף אייביקע צייטן צום שאַנד־סלופּ אין אַן אַרטיקל וועגן מוסרים. און אַז מען האָט אים מודיע געווען וועגן באַשלוס פון בונדעסטאַג, האָט ער זיך געווענדט צו אים מיט אַ בריוו, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט באַ־באַוואוסטזיין פון זיין רעכט און אומשולדיקייט. „איר, — זאָגט ער אַגב אין דעם־דאָזיקן בריוו, — האָט מיך באַשולדיקט, געמשפּט, און פאַרמשפּט ניט אויסהערנ־דיק מיך ניט שריפטלעך, ניט איבערגעבנדיק קיינעם מיין פאַרטיידיקונג און אַפילו ניט שיקנדיק מיר קיין איינלאַדונג צו שטעלן זיך צום געריכט... אויב איר ווילט מיר ניט שענקען קיין שוץ־בריוו, אַז איך זאָל מיך פּערזענלעך קענען פאַרטיידיקן, טאָ שענקט מיר לפּחות דאָס פרייע וואָרט אין דער דייטשער פרעסע־וועלט". ווייטער זאָגט היינע צו, תּיכּף ווי נאָר ער וועט באַקומען די פרייהייט פון וואָרט, צו דערווייזן, אַז זיינע ווערק זיינען אַרוסגערופן ניט דורך רעליגיעזן, ניט דורך אוממאָראַלישן קאַפּריז, נאָר פאַרקערט דורך דעם עכט רעליגיעזן און עכט מאָראַלישן סינטעז. „פאַר דעמדאָזיקן סינטעז האָט זיך שוין לאַנג געהאַלטן ניט בלויז די נייע ליטעראַרישע שול, וועלכע רופט זיך „יונג־

דייטשלאַנד״, נאָר אויך די באַרימטסטע דייטשע שריפטשטעלער, סיי פּאָעטן, סיי פילאָזאָפן״. היינעס בריוו האָט קיין ערפאָלג ניט געהאַט, און ביז 1842 יאָר האָבן זיינע ווערק כמעט ניט געקאָנט אַריינדרינגען קיין דייטשלאַנד. די פּרייסישע רעגירונג האָט זיך נאָך ניט באַנוגנט מיט דעמדאָזיקן שרעקלעכן מיטל, זי האָט געסטראַשעט, ניט צו דערלאָזן קיין דייטשלאַנד יענע פראַנצויזישע פּרעסע־אָרגאַנען, וועלכע האָבן געדרוקט היינעס אַרטיקלען. עס איז בייטיק קלאָר צו מאַכן די באַציאונגען פון דער דייטשער רעגירונג צו איינעם פון די גרעסטע פּאָעטן ניט נאָר אין דייטשלאַנד, נאָר אין גאָר דער וועלט מחמת פאָלגנדיקן טעם. די הויפּט־באַשולדיקונג, וואָס ווערט געוויינלעך אַרויסגעשטעלט קעגן היינען, דאָס איז די פּענסיע, וואָס די פראַנצויזישע רעגירונג האָט דעם פּאָעט באַשטימט, און ער האָט זי אָנגענומען.

מיט זיין באַשלוס האָט דער בונדעסטאַג ביי היינען אָפּגענומען די איינציקע פאַרדינסט. די מחלוקת מיטן פעטער האָט ביי אים צייטווייליק אָפּגענומען די יערלעכע רענטע, וועלכע האָט אים געראַטעוועט פון אָרעמקייט. אין אַזאַ שווערן מאַטעריעלן צושטאַנד, בשעת דאָס פאָטערלאַנד האָט אים איבערגעלאָזן אָן אַ שטיקל ברויט און זיין קראַנקהייט, וואָס איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן, האָט געדראָאט מיט הונגער ניט בלויז אים אַליין, נאָך אויך דער פרוי נאָך זיין טויט, האָט היינע אָנגענומען די פּענסיע, וואָס די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אים פאָרגעלייגט. דערדאָזיקער פאַקט, וואָס האָט ערשט אין דער לעצטער צייט באַקומען די געהעריקע באַלויכטונג, איז בכיוון פונאַנדערגעבלאָזן געוואָרן דורך זיינע שונאים, און דורך אַ גאַנצער ריי אינסינואַציעס האָבן זיי באַשאַפן די ניט־שיינע לעגענדע וועגן דעם, אַז היינע האָט כלומרשט פאַרקויפט זיין ליטעראַרישע פרייהייט דעם מיניסטער גיזאָ. לייכט־גלויביקע מענטשן און אויך אַזעלכע, וואָס איילן זיך מיט הייכע פראַזעס אַרויסצווייזן ביליקן און בעקינצלטן צאָרן, כדי צוצודעקן זייער אייגענע מאָראַלישע אָרעמקייט, האָבן דעמדאָזיקן ליגן אונטערגעהאַלטן.

מיט פולן באַוואוסטזיין פון זיין גערעכטיקייט, מיט ניט פאַרבאָרגענער פאַראַכטונג צו זיינע באַשולדיקער האָט היינע אַליין פאַרענטפערט זיין טאַט, וועלכער פאַלט אַלס אייביקע שאַנד גיכער אויף דייטשלאַנד, איידער אויף אים.

גיזאָס מיניסטעריום האָט זיך באַנוצט מיט דער סיסטעם פון שוחד, און אויף „געהיימע״ הוצאות פלעגט מען ווירקלעך אַסיגנירן גרויסע סומעס געלט, אָבער די Revue retrospective, וועלכע פלעגט פאַרעפנטלעכן דידאָזיקע הוצאות,

האָט פלוצלונג, צום באַדויערן, אויפגעהערט צו דרוקן זיך, און מער ניט געקענט געבן די רשימה פון די פּערזאָנען, וואָס באַקומען דידאָזיקע געהיימע סובסידיעס. ווען דער פּלוצלינגער איבעררייס אין דעם ערשיינען פון דער Revue retrospective וואָלט דערין ניט געשטערט, וואָלט דער לעזער געזען, אַז היינע איז קיינמאָל אין דער צאָל פון אונטער־געקויפטע ניט געווען.

די סובסידיע, וואָס דער פּאָעט האָט באַקומען, פלעגט אַרויסגעגעבן ווערן אָפן, און היינע האָט אַליין קיינמאָל פון דעם פאַקט ניט געמאַכט קיין סוד. זיין גאַנץ אומגליק איז געווען אין דעם, וואָס ער האָט אַלע זאַכן אָנגערופן ביי זייער נאָמען, און האָט קיינמאָל ניט געלאָזן זיך אויף קיין דריידלעך און קיין פראַזן, כדי צו פאַרענטפערן זיינע מעשים. „איך האָב זי באַקומען, — האָט דער פּאָעט געזאָגט, צווישן אַנדערע באַרימטהייטן פון טאַלאַנט און אומגליק, און איך האָב מיך ניט, וואָס צו שעמען מיט מיין שכנות". אָבער אין דער צייט, ווען די „אָרעמע אָבער שטאָלצע ריטער" האָבן דידאָזיקע פּענסיע גערופן הלוואה, איז זיך היינע באַגאַנגען אַנדערש. „דאָס איז געווען, — זאָגט ער, — אַ גרויסע נדבה, וואָס דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט געגעבן טויזנטער גרים, וועלכע זיינען מיט מער אָדער ווייניקער רום אין דער היים געווען קאָמפּראָמעטירט דורך זייער באַזונדערן שטרעבן צו רעוואָלוציע, און האָבן געפונען אַ זיכער באַהעלטעניש ביי דעם גאַסטפריינדלעכן פייער פון פראַנקרייך". וויפל ביטערער אמת עס ליגט אין דידאָזיקע ווערטער! סאַר אַ שאַנד פאַר דעם דעמאָלטיקן דייטשלאַנד!

היינע האָט געהאַט פולע רעכט אָנצונעמען דידאָזיקע פּענסיע, און ער האָט ניט אָן אַ גרונט אָנגעוויזן, אַז ער האָט זי אָנגענומען ערשט נאָכדעם, ווי עס האָט ערשיינט דער דעקרעט פונם בונדעסטאַג. דער ציל פון דידאָזיקע דעקרעטן, — זאָגט דער פּאָעט, — איז געווען מיך צו הרגענען אין פינאַנסיעלן זין אַלס דעם ראש פון דעם אַזויגערופענעם „יונג־דייטשלאַנד".

דאָס זעט מען דערפון, וואָס דער פאַרבאָט איז געפאַלן ניט נאָר אויף מיינע אַלטע ווערק, נאָר אויף אַלץ, וואָס וואָלט ווען עס איז אַרויס פון מיין פעדער אויך שפּעטער. אַזוי אַרום האָט מען ביי מיר אָפּגענומען מיין אייגנטום און די מיטלען צו ערווערבן אייגנטום, אָפּגענומען אָן משפט און רעכט. יאָ, „אָן משפט און רעכט". איך מיין, אַז איך האָב אַ פולקומען גרונט צו מעלדן וועגן אַזאַ טאַט, וועלכער איז ניט געהערט געוואָרן אין דער געשיכטע פון בצוואַלט... מען האָט מיין מוח קאָנפיסקירט, און ביי מיין אָרימען, אין קיין

עבירה ניט שולדיק מאָגן האָט דידאָזיקע פאַראָרדענונג אָפּגענומען אַלע מיטלען צום לעבן״.

דער רעגירונג איז געלונגען איבערצוצייגן דעם רעדאַקטאָר פון דער „אַלגעמיינער צייטונג״, ער זאָל מער ניט דרוקן היינעס קאָרעספּאָנדענציעס. דעם פּאָעטס קאָרעספּאָנדענציעס פלעגן אָפט בלייבן אין דער רעדאַקציע ניט קיין געדרוקטע; אַמאָל פלעגט מען זיי דרוקן אין אַזאַ צעשעדיקטער פאָרם, אַז היינע פלעגט זיי קוים דערקענען. וואָס האָט דער פּאָעט געקענט נאָך טאָן, כּדי צוריק אויפצושטעלן זיין נאָמען און פאָרצושטעלן זיינע אידעען פאַר דער פּובליק אַזעלכע, ווי זיי זיינען אין דער ווירקלעכקייט? ער האָט צונויפגעזאַמלט אַלע קאָרעספּאָנדענציעס, פאַרריכט די, וועלכע זיינען געווען פאַרדאָרבן דורך דער צענזור, און האָט זיי אַרויסגעגעבן אין אַ באַזונדער בוך אונטערן נאָמען פראַנצויזישע ענינים, איינשליסנדיק אַהער אויך די אַרטיקלען, וועלכע מען האָט גאָרניט אָפּגעדרוקט אין דער צייטונג. מיט דערדאָזיקער אויסגאַבע האָט ער פאַר די שפּעטערדיקע דורות פאַרהיט די מעגלעכקייט אַרויסצוטראָגן אַ ריכטיקן אורטייל וועגן זיינע קאָרעספּאָנדענציעס. באמת, מען דאַרף זיין צופיל פאַרבלענדט מיט שנאה צום פּאָעט, מען דאַרף זיך אָפּזאָגן פון יעדער אָביעקטיווקייט, כּדי איצט, ווען אַלע קאָרעספּאָנדענציעס זיינען געזאַמלט אינאיינעם, זאָל מען ניט אָנערקענען זייער אויטאָרס פולקומע אויפריכטיקייט. אין אַלע זיינע גרונט־אָנשויאונגען איז היינע געבליבן זיך געטריי. מען זעט פון ערגעץ ניט, אַז ער זאָל פאַרבאָרגן זיינע איבערצייגונגען אָפּהענגיק פון דער פּענסיע, וואָס ער האָט באַקומען. ער בלייבט דערזעלביקער אומאָפּהענגיקער קאַפּריזער, סוביעקטיווער אויסטייטשער פון די געשעענישן, ווי ער איז אַלע מאָל געווען. ער איז אויך אַזוי אין פּרטים. עס איז אויך אַזוי קאַפּריזנ די פאָרם פון זיין ערציילונג. אָבער קיינע ווידערשפּרוכן אין פּרטים. קיינע הנחות די אומשטענדן קאָנען פון אונז ניט פאַרבאָרגן די שטרענגע איינהייט פון געדאַנק. זייער אויטאָר איז אַלעמאָל דער אומגעענדערטער קעמפער פאַר הומאַנישקייט און דעמאָקראַטישע אידעען. אויפגעזאַמלט צוזאַמען אַלע פּאַריזער בריוו, האָט ער דערמיט אַליין איבערגעלאָזן פאַר די שפּעטערדיקע דורות די בעסטע פאַרענטפערונג זיינע קעגן די רכילות און האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַ מאָנומענט, ווי אַ מענטש וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון דייטשן פאָלק. אויב בכלל איז ניט גאָר שיין פאַר אַ פּובליציסט צו באַקומען פּענסיע פון דער רעגירונג, וועגן וועלכער ער שרייבט, איז קיין ספק

ניט, אַז אויף היינעס קאָרעספּאָנדענציעס האָט עס זיך ניט געקאָנט אָפּגעשפּיגלען אין עפּעס אַ קאָנקרעטער מאָס. ער איז ניט געווען קיין אַגיטאַטאָר אין דעם געוויינלעכן זין פון וואָרט. ער האָט זיך ניט געשטעלט פאַר קיין ציל סיסטעמאַטיש דורכצופירן אַ באַשטימטע פּאָליטישע פּראָגראַם. ער איז אין זיינע קאָרעספּאָנדענציעס אויך געבליבן אַ פּאָעט; אַמאָל איז ער געוואָרן אַ פעליעטאָניסט. דאָס איז געווען אַ שריפטשטעלער פון שטימונגען. די אייגענע שטימונגען זיינען פאַר אים געווען דער עיקר, צו וואָס ער איז אויפמערקזאַם געווען.

אַזעלכע טרויעריקע רעזולטאַטן האָבן פאַר היינעס ליטעראַרישער טעטיקייט געהאַט די פאַרפאָלגונגען פון דער דייטשער רעגירונג. אָבער היינען איז נאָך אויסגעקומען צו קעמפן ניט בלויז מיט דער רעגירונג. זיינע בריוו וועגן דעם פּאָליטישן צושטאַנד פון פראַנקרייך, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין איינער פון די פאַרשפּרייטסטע צייטונגען, האָבן צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. דער אומאָפּהענגיקער טאָן זייערער האָט אַרויסגערופן אומצופרידנקייט מצד אַלע פּאַרטייען און אַפילו מצד די, וואָס זייערע אינטערעסן האָט היינע בעצם פאַרטיידיקט.

די אָרלעאַניסטן זיינען אין כעס געווען פאַר די אָנפאַלן, וואָס היינע ערלויבט זיך בנוגע צום קיניג און זיין משפּחה. די יאַקאָבינער, פאַרקערט, זיינען געווען ברוגז פאַר דעם צופיל איינגעהאַלטענעם טאָן פון די בריוו און האָבן היינען באַשולדיקט אין מאָנאַרכיסטישע סימפּאַטיעס. אויסער דעם האָט היינע ניט ליב געהאַט דעם אַרט לעבן, וואָס פלעגט אַליין פון זיך באַשאַפן ווערן צווישן די מיטגלידער פון איין גרופּע. די רעוואָלוציאָנערן האָבן געפאָדערט, אַז היינע זאָל ניט בלויז פּראָפּאַגאַנדירן זייער אידעע, נאָר ער זאָל איבערנעמען אויך זייער אומטאָלעראַנטן טאָן. ער האָט געדאַרפט ניט בלויז אָנערקענען די אידעע פון גלייכהייט, נאָר אויך טרייבן ברודערשאַפט מיט די געהילפן ביי די בעלי-מלאכות. פון אָנהייב האָט היינע גערן באַזוכט די רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען און פלעגט זיך צוהערן צו די קלינגענדיקע אָנגעבלאָזענע פראַזן. אָבער אינגיכן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אונטער דעם טומל פון פראַזן איז אַ פּוסט אָרט אָן טיפקייט פון געדאַנק און אָן באַשטימטע סאָציאַלע אידעאַלן. היינע האָט ברייטער פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דער איבערקערעניש, וואָס קומט פאָר. ער האָט געטרוימט וועגן דער צייט, „ווען די אַרבעטער וועלן עסן יעדן טאָג פלייש אָנשטאָט קאַרטאָפל, וועלן ווייניקער אַרבעטן און מערער טאַנצן“. דעריבער האָבן די קליינלעכע שמועסן פון פאַר-

שיידענע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך דעם פּאָעט ווייניק אינטערעסירט. ער איז זיך מיט זיי נאָר טיילווייז צונויפגעקומען אין זייער פאַרגעטערן די דעמאָקראַטישע פאָרם פון רעגירן. זיי האָבן אין איר געזען אַ מיטל קעגן אַלע מחלות פון דער מענטשהייט. היינע האָט געהאַלטן, אַז זי האָט אַ באַדייטונג פון דער 2־טער מדרגה. אָבער די יאַקאָבינער האָבן געפאָדערט, דער מענטש זאָל זיך זיי איבערגעבן אינגאַנצן, און באַלד זיינען זיי געוואָרן שונאים דעם דייטשן עמיגראַנט. און בשעת די עקסטע רעפובליקאַנער זיינען אויף אים אָנגעפאַלן פאַר זיין מעסיקייט, האָבן די מעסיקע רעפּובליקאַנער געמאַכט אים פאָרוואורפן פאַר זיין פריינדשאַפט מיט די רעוואָלוציאָנערן, און פאַרוואָס ער פילט מיט זייערע אידעאַלן.

ווייטער האָט זיך היינע דערנענטערט מיט דעם הויפּט־פאָרשטייער פון סען־סימאָניזם — אַנפאַנטען, וועלכן ער האָט געווידמעט זיין בוך וועגן דייטשלאַנד. היינע איז געווען באַזונדערס פאַרקאַכט אין דער סענסימאָניסטישער לערע וועגן דער רעאַביליטאַציע פונם לייב. אים האָבן הויפּט־זאַכלעך אינטערעסירט זייערע רעליגיעז־הומאַניסטישע אידעען, און אין זיין בוך וועגן דייטשלאַנד איז דער ליידנשאַפטלעכער אויפרוף ווידער אויפצושטעלן דאָס רעכט פון דער מאַטעריע פאַרשטייט זיך אַ ווייטערדיקערע און אין פאַרגלייך מיט זיי אַ טאַלאַנטפולערע אַנטוויקלונג פון דער סענסימאָניסטישער אידעע וועגן דער אַנטוויקלונג פונם לייב. אָבער היינע איז קיינמאָל קיין סענסימאָניסט ניט געווען און האָט אַנפאַנטענס פּראָגראַם אין איר גאַנצן פאַרנעם ניט אָנערקענט. אויסער דעם האָט אין דעם פּאָעטס באַציאונגען צו די סענסימאָניסטן, ווי אין אַלע זיינע באַציאונגען, אַ גרויסע ראָלע געשפּילט זיין אייגענער פּאָעטישער דמיון. די פאַרפאָלגונגען, וואָס די סענסימאָניסטן האָבן געהאַט אויסצושטיין, און, פון דער דער צווייטער זייט, דער ערפאָלג און די בייקייט פון זייערע רעדעס האָבן זיי אין היינעס אויגן געמאַכט פאַר קדושים פון זייער אידעע און האָבן אים באַמעגט זיי צו פאַרטיידיקן. די געדריקטע לאַגע פון אַ גרופּע, אומאָפּהענגיק אַפילו פון איר לערע, האָט אָפט היינען געצייט זי צו פאַרטיידיקן, אַזוי, האָט ער למשל, וועגן זיין סאָלידאַריטעט מיט „יונג דייטשלאַנד“ אָנגעהויבן צו ריידן אָפן ערשט דעמאָלט, ווען אירע פאָרשטייער זיינען געוואָרן פאַרפאָלגטע. עפּעס אַזוינס איידלס איז געווען אין דעמדאָזיקן מיטגעפיל צו אַלע געדריקטע און געטריבענע.

פאַרשטייט זיך אַליין פון זיך, אַז דעם פּאָעטס סימפּאַטיעס צו די סענסימאָניסטן איז געוואָרן פיל קלענער, ווען עס איז פאַרשוואונדן דער מאַר־

טירערישער אָרעאָל, וועלכער האָט אַרומגערינגלט זייערע אָנפירער. פיל פון זיי האָבן ביסלעכווייז שלום געשלאָסן מיט די אומשטענדן, גענומען מלוכה־שטעלעס, און אַנפאַנטען, וועלכער האָט אַמאָל אַנידעקט „דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון ליבע „און געטרוימט וועגן אַ פרוי, וואָס גאָט האָט אים באַשערט, האָט געטאָן אַ געווייגלעכן שידוך און אָנגעקומען אויף אַ גוטע שטעלע. היינע האָט זיך איראָניש באַצויגן צו דידאָזיקע אַלע ענדערונגען, און האָט אָנגעהויבן לאַכן פון די סענסימאָניסטן, וואָס פון זייער תורה האָט ער גענומען נאָר דאָס, וואָס האָט געשטימט מיט זיין נאַטור.

אַזוי אַרום האָט היינע מצד די פראַנצויזישע פאַרטייען באַגעגנט ניט מער פריינדלעכקייט, איידער מצד דער פרייסישער רעגירונג.

ווי זשע זיינען געווען זיינע באַציאונגען צו די דייטשע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן געוואוינט אין אויסלאַנד?

פריער פאַר אַלץ האָט זיך דער פּאָעט צוזאַמענגעשטויסן מיט יענע דייטשע פּאַטריאָטן, וועלכע האָבן אין יעדן פאַראורטיילער פון די חסרונות, אין יעדן סאַטיריקער איינגעזען אַ שונא פון פאָטערלאַנד. פון זייער שטאַנדפונקט האָט זיך דער פּאַטריאָטיזם אומבאַדינגט געמוזט פאַראייביקן מיט האַס צו אַנדערע פעלקער. אַזעלכע פּאַטריאָטן האָט היינע געגעבן אַ הייסן און אַ שאַרפן ענטפער, אין וועלכן ער האָט באַשטימט דעם כאַראַקטער פון זיין פּאַטריאָטיזם. „שטעלט אַוועק די שוואַרץ־רויט־גאָלדענע פאָן אויף דער שפּיץ פון דייטשן געדאַנק, מאַכט פון איר אַ שטאַנדאַר פון דער פרייער מענטשהייט, וועל איך פאַר אים געבן אָפּגעבן דאָס בעסטע בלוט פון מיין האַרצן. באַרואיקט אייך, איך ליב אַזוי פיל, וויפיל איר, דאָס פאָטערלאַנד. צוליב דערדאָזיקער ליבע האָב איך דרייצן יאָר פאַרבראַכט אין גלות און צוליב דערזעלביקער ליבע קער איך מיך איצט אום ווידער אין גלות... איך בין אַ גוטער פריינד די פראַנצויזן, ווי אַלע מענטשן, ווען זיי זיינען קלוגע און גוטע... זייט רואיק, איך וועל די פראַנצויזן קיינמאָל ניט אָפּטרעטן דעם רהיין שוין צוליב דעם פּשוטן טעם, וואָס דער רהיין געהערט מיר. יאָ, ער געהערט מיר צוליב מיין רעכט פון געבורט. איך בין פון דעמדאָזיקן, soit-disant, פרייען רהיין אַ נאָך מער פרייער און אומאָפּהענגיקער זון. אויף זיין ברעג איז געשטאַנען מיין וויגבעטעלע און איך זע באמת קיין סיבה ניט, פאַר וואָס זאָל דער רהיין געהערן אימיצן אַנדערש און ניט זיינע אייגענע קינדער". היינע האָט געהאַלטן פאַר דעם חוב פון יעדן עכטן פּאַטריאָט ניט אַזוי פיל גרויס צו האַלטן זיך מיט זיין פאָטערלאַנד, וויפיל זאָרגן וועגן זיין גרויסקייט. דער

אמתער פאַטריאָט שטרעבט דערצו, אַז זיין פאָטערלאַנד זאָל מיט דער העכע־רער קולטור זיינער ערווערבן דאָס רעכט צו ווערן אַ מנהיג פון אַנדערע פעל־קער. לויט היינעס מיינונג וועלן ניט בלויז עלזאַס און לאָטאַרינגיע, נאָר גאַנץ פראַנקרייך, די גאַנצע וועלט ווערן דייטשע, אויב די דייטשן וועלן מבטל מאַכן די שקלאַפעריי, דעקלאַרירן מענטשן־רעכט, אויסראָטן פון דער ערד די אָרעמקייט, ווידער אויפשטעלן דאָס רעכט, וואָס קומט דעם אומגליק־לעכן פאָלק, דעם געלעסטערטן געני און דער געשענדעטער שיינקייט.

אונז בלייבט נאָך קלאָר צו מאַכן היינעס באַציאונגען צו די דייטשע עמיגראַנטן, און דאַן וועלן מיר פאַרענדיקן דעם איבערזיכט איבער אַלע גרופּן, מיט וועלכע דער באַרימטער שריפטשטעלער האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן סיי אין דעם אַלטן, סיי אין דעם נייעם פאָטערלאַנד; מיר וועלן אויפקלערן די סיבות פון דער פאַרעקשנטער שנאה און פאַרביטערטקייט, וואָס דער פּאָעט האָט קעגן זיך ארויסגערופן, און וועלכע קאָן נאָך עד היום ניט איינגעשטילט ווערן.

ווען היינע איז געקומען קיין פּאַריז, האָבן די דייטשע עמיגראַנטן גע־מיינט, אַז זיי וועלן אין אים געפינען אַן אָנפירער. אָבער היינע האָט געקאָנט באַגייסטערן קעמפער פאַר פרייהייט, מיט זיין מעכטיקן וואָרט האָט ער זייער זאַך געקאָנט שטיצן אין אַ שווערער צייט, ער האָט זיך אָבער ניט געקאָנט אָפּזאָגן פון דער שיינקייט און פון דער נאַטור און ווערן אַן אונטערטעני־קער פון אַ פּאָליטישער דאָקטרין. און דאָ האָבן דווקא דאָס פון אים גע־געפּאָדערט די פאַרביטערטע פאַרטריבענע, וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט איין געדאַנק. זיי האָבן ניט דערלאָזן, אַז זייערער אַ חבר לדעה זאָל האָבן עפּעס אַנדערע אינטערעסן אויסער דער אַלגעמיינער זאַך. זיי האָבן מיט אייפערזוכט געשפירט נאָך יעדן געדאַנק, יעדן היינעס וואָרט און מיט בייז־קייט פאַרפאָלגט דעם פּאָעט, ווען פון אונטער זיין פעדער האָבן זיך באַוויזן זיינע לאַנג אַנטשוויגענע רעדעס, ווען פון זיין מויל האָבן זיך ווידער אָנגע־הויבן אַרויסרייסן ראָמאַנטישע לידער.

און היינע האָט זיך לחלוטין ניט געקענט אָפּזאָגן פון זיינע אַלטע סימ־פּאַטיעס: אין משך פון זיין גאַנצער טעטיקייט אין פּאַריז רייסן זיך כסדר דורך פלאַקערס, וועלכע שטימען ניט מיט איר אַלגעמיינעם כאַראַקטער. ס׳קלעקט אויפמערקזאַם אַריינצולייענען זיך אין זיינע פּאָליטישע אַרטיקלען, אַזוי וועלן מיר דאָרט פאַרוואונדערטע תיכף געפינען אַ גאַנצע ריי געדאַנקען און רמזים, וועלכע פּאַסן ווייניק פאַר אַ פּאָליטישן קעמפער און פאַר אַ פּאָלקס־

פירער. דער ראָמאַנטיקער און דער פּאָעט איז אין היינען קיינמאָל ניט געשטאָרבן. באמת, דער פּאָעט בוקט זיך מיט התפּעלות און התלהבות פאַר די רעליקוויעס פון יאָהאַן פון ליידען, קושט די קייטן, וועלכע ער האָט געטראָגן און די צוואַנגען, מיט וועלכע מען האָט אים געפּייניקט. אָבער דערזעלביקער היינע קערט זיך אָפּ מיט עקל, ווען ער באַגעגנט זיך מיט דעם שניידער וויטלינג, וועלכער האָט געליטן פאַר דיזעלביקע אידעען. קייטן, וועלכע זיינען ניט איינגעהילט אין ראָמאַנטישן נעפּל, האָבן צו זיך ניט געצויגן דעם פּאָעטס האַרץ: עס איז שווער אָנצווייזן אַ מער ליידנשאַפטלעכן זינגער פון פרייהייט, איידער היינע; אָבער דעמזעלביקן היינע איז גאַנץ לייכט אַרויסצוטרעטן קעגן קאָנסטיטוציאָנאַליזם און אויף אַ רגע ווערן דער פאַרטיידיקער פון אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, ווי נאָר ער שטויסט זיך צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע, מיט אירע פּראָזאַאישע אינטערעסן און מיט אירע הענדלערישע געלוסטן. היינע איז ניט געווען דער מענטש פון פּראָגראַם. פאַר דעם נצחון פון דער דאָקטרין האָב ער ניט געאָפּפערט קיין איינציקע איבערצייגונג זיינע, און דאָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ דם־שונא פון די דייטשע עמיגראַנטן.

צו דער דערקלערונג פון היינעס פּערזאָן און די סיבות, צוליב וועלכע דערדאָזיקער מענטש האָט שטענדיק אַרויסגערופן שנאה, קאָן אפשר בעסער פאַר אַלץ דינען די געשיכטע פון זיין צוזאַמענשטויס מיט בערנען. לודוויק בערנע (1786—1837), איינער פון די גלענצנדסטע דייטשע פּובליציסטן, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון דער דייטשער געזעלשאַפט, האָט אַ גאַנץ לעבן געפירט אַ קאַמף פאַר די אידעאַלן פון פרייהייט. ער האָט, ווי היינע, זיין טעטיקייט אַריבערגעטראָגן קיין פראַנקרייך, וואו ער האָט זיך געפונען אונטער דעם שטאַרקן איינפלוס פון די פראַנצויזישע ליבעראַלן און ראַדיקאַלן. אין דייטשלאַנד האָט מען זיינע ווערק פאַרפאָלגט. בשעתן קאַמף איז היינע פאַרבליבן אַ לעבנספריידיקער מענטש; בערנע איז געווען אַ פאַנאַטיקער. היינע האָט געשטרעבט אַהין, וואוהין זיין נאַטור האָט אים געצויגן. ער האָט ניט מורא געהאַט אָפּצוטרעטן פון קאַטעכיזיס, אויב אַ וועלכער פּרט איז אים עפּעס ניט געפעלן געווען. בערנע איז געווען אַ דאָגמאַטיקער, און איז גרייט געווען צו אָפּפערן פאַר די געזעצן פון זיין קאָדעקס מיט די אינערלעכע באַוועגונגען פון דער נשמה. היינע האָט פאַרשטאַנען בערנען, אָבער בערנע האָט היינען קיינמאָל ניט געקענט פאַרשטיין. דער פּאָעט האָט פון ערשטן בליק, ניט פאַרשנדיק זיין קעגנער, גלייך פאַרשטאַנען, אויף וויפל פאַרשיידן עס זיינען געווען זייערע נאַטורן, און האָט

קיינמאָל ניט געשטרעבט צונויפצוקומען זיך מיט בערנען. אָבער בערנע האָט לאַנג געפּאָרשט היינען, און האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעזאָגט פון דעם חשק צו מאַכן אים פאַר אַן אייגענעם. די סיבה איז געלעגן אין דערין, וואָס ביידע שריפטשטעלער האָבן בעצם געשטרעבט צו איינעם און דעמזעלבן ציל. בערנע האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי קאָנען זיך מענטשן ביי איין ציל ניט צונויפקומען. בערנען האָט זיך געדאַכט, אַז אין נאָמען פון דעמדאָזיקן ציל דאַרף דעם מענטשנס אינדיווידואַליטעט אינגאַנצן בטל ווערן. היינע האָט ניט ליב געהאַט, ווען מען האָט אים דערציילט וועגן רעוואָלוציאָנערע פּראָעקטן צום מיטאָג, און זיי האָבן געשאַדט צום פאַרדייען.

ביידע שריפטשטעלער האָבן געהאַט זייערע מעלות, וועלכע האָבן געשטאַמט פון דעם אונטערשייד אין זייערע נאַטורן. היינע האָט איבערגעשטיגן זיין קעגנער מיט דער ברייט פון זיין בליק-קרייז, מיט .דער פאַרשיידנאַרטיקייט און דער עשירות פון זיין גייסטיקער אָרגאַניזאַציע. בערנע האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פון קיין קאָמפּראָמיסן אין דעם אויסדערוויילטן קרייז פון מעשים. ביי דעם טיפן אונטערשייד צווישן ביידע שריפטשטעלער האָבן זיי דאָך געהאַט אויך אַ ענלעכקייט. סיי דער, סיי יענער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט קרענקלעכער אייגנליבע. ביידע זיינען געווען ליידנשאַפטלעכע און נוקמים ונוטרים אין פּאָלעמיק, ביידע פלעגן אין צעהיצטקייט אַריבערטרעטן די גרעניצן. היינע האָט אַליין שוין באַשטימט דעם אונטערשייד צווישן זיך און בערנען. „אַלע מענטשן, — זאָגט ער, — זיינען אָדער „יידן" אָדער „העלענער", ד. ה. אָדער מענטשן מיט אינערלעכע באַוועגונגען, וועלכע זיינען פיינטלעך צו בילדערישקייט, דאָרשטיקע נאָך באַגייסטערונג, אָדער מענטשן מיט פריילעכן, שטאָלצן און רעאַליסטישן כאַראַקטער. אַזוי אַרום האָבן זיך אָפּטמאָל העלענער באַגעגנט אין דייטשע משפּחות, און פון דער אַנדער זייט זיינען „געווען יידן, וועלכע זיינען געבוירן אין אַטען און וואָס האָבן אפשר געשטאַמט פון טעזעאוסן. מען קאָן מיט רעכט זאָגן, אַז קאַמף מאַכט דעם מענטשן פאַר אַ „יידן". בערנע איז געווען פולקום אַ „ייד". זיינע אַנטיפּאַטיעס צו געטען האָבן געשטאַמט פון דעמדאָזיקן גייסט. זיין שפּעטערדיקע פּאָליטישע עקזאַלטאַציע האָט אין יסוד געהאַט יענעם שאַרפן אַסקעטיזם, יענע שטרעבונג צו מאַרטירערשאַפט, וועלכע מען באַגעגנט בכלל אין רעפּובליקאַנער, און וועלכע זיי האַלטן פאַר אַ רעפּובליקאַנישע מידה טובה. שפּעטער איז בערנע אַריינגעפאַלן אַפילו אין קאַטוילּיציזם".

פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ גרינדלעכן אונטערשייד פון די כאַראַקטאָרן

ביי ביידע שרייפטשטעלער האָט צווישן זיי אומפאַרמיידלעך געמוזט אַנטשטיין אַ שנאה. בערנע האָט דער ערשטער גענומען אָנפאַלן אויף היינען. אויב מיר וועלן אויפמערקזאַם נאָכשפּירן די אַנטוויקלונג פון די פיינטלעכע געפילן אין בערנעס נשמה, וועלן מיר זען ווי אַ קאָנצענטרירטע איין מענטשן די געשיכטע פון דער שנאה, וועלכע דער גרויסער פּאָעט רופט עד היום אַרויס צו זיך אין די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע גרופּן פון דער געזעלשאַפט. בערנע האָט ניט געגלויבט אין היינעס ערנסטער באַציאונג צו פּאָליטישע פראַגן. פאַר דעם פאַנאַטיקער פון זיין אידעע האָט געקלעקט איינמאָל צו באַמערקן ניט ווען עס פּאַסט אַ שמייכל אויף היינעס ליפּן, כדי ער זאָל זיך אָנהייבן צו באַציען מיט חשד צו דעם פּאָעטס רייד אַפילו דאַן, ווען זיי האָבן געשיינט צו זיין ערנסט. ער האָט באַשלאָסן, אַז היינע האָט ניט קיין נשמה, אַז פאַר אים עקסיסטירט קיין הייליקטום ניט, אַז אין דעם אמת ליבט ער נאָר דאָס שיינע, האָט ניט קיין גלויבן און קיין איבערצייגונגען. בערנע האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז היינע האָט בעצם געאַרבעט לטובת דעמזעלביקן ענין, נאָר אויף אַן אַנדער אופן, און דידאָזיקע אומאָפּהענגיקייט האָט זיך דעם שטרענגן רעפּובליקאַנער געדאַכט ווי אַ בגידה. ער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם פּאָעטס פּסיכאָלאָגיע. פון אָנהייב טראַכט ער, אַז היינע איז פּשוט „בעל גאווה און גראָב־אויסגעלאַסן, אַז פאַר אים עקסיסטירט ניט קיין הייליקס”. שפּעטער הייבט ער אים אָן באַשולדיקן אין פּחדנות און אין נטיות צו אַריסטאָקראַטיזם, איז אים חושד אַפילו אין נעמען שוחד... און בערנע האָט פיינד געקראָגן דעם פּאָעט. אין אויסברוך פון איידעלן צאָרן האָט ער אויף אים אַרויסגעלאָזן אַ שם־רע און געשטעמפּלט, איז צו אים געווען אומגערעכטיק, האָט ניט באַמערקט דאָס גרויסע און הייליקע, וואָס איז פאַרבאָרגן אין דעם פּאָעטס נשמה. היינע איז געווען מיט מער יושר: ער האָט ניט געשוינט זיין שנאה, האָט ניט געשוינט קיין שאַרפזיניקייט און קיין טאַלאַנט, כדי אויף אַ געהעריקן אופן נוקם צו זיין זיך אָן אים. בשעת כעס האָט ער געפונען אין אים אַ פולע חסרונות. ער האָט אָבער אויך אָנגעוויזן בערנעס גרויסע באַדייטונג. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן דער אונטערשייד צווישן ביידע שרייפטשטעלער. בערנע האָט ניט געוואוסט פון קיין מיטלוועג. ווען ער האָט אין היינען ניט געפונען קייז פאַרבינדעטן, האָט ער אים פון שטאַנדפּונקט פון זיין פּראָגראַם פאַרמשפּט לחלוטין, אין דער צייט ווען דער צאָרן און דער האַס האָבן היינען ניט געשטערט צו זאָגן וועגן בערנען: „ער איז ניט

געוועזן ניט קיין געני, ניט קיין העלד, ניט קיין אָלימפּישער גאָט. ער איז געוועזן אַ בירגער, אַ גוטער שריפטשטעלער און אַ גרויסער פּאַטריאָט".

אָבער אומזיסט האָבן די שונאים, וועלכע האָבן דעם פּאָעט אַרומגע־רינגלט פון אַלע זייטן, אים געשטעמפּלט מיט חרפה. אומזיסט האָבן זיך וועגן אים פאַרשפּרייט רכילות און די מיאוסטע אינסינואַציעס איבער פראַנקרייך און דייטשלאַנד. צוזאַמען מיט דעם רכילות האָבן זיך אויך פאַרשפּרייט זיינע ווערק און אַפּט האָבן די מענטשן, וועלכע האָבן פאַרשאָלטן דעם פּאָעט אַליין, מיט אַנטציקונג געלייענט זיינע ווערק. און די, וועלכע האָבן אין היינען ניט אָנערקענט נים קיין איבערצייגונגען, ניט קיין ערלעכן געדאַנק, האָבן זיך אָפּט אָנגעצונדן פון זיינע באַגייסטערטע שורות מיט פלאַם פון פרייהייט; אין זיי האָבן ערוואַכט די בעסטע געפילן, און זיי זיינען גרייט געווען אויף העלדישע מעשים.

דאָס הויפּט־ווערק פון פּאַריזער פּעריאָד אין דעם פּאָעטס לעבן זיינען די פראַנצויזישע ענינים. מיר ווייסן שוין, אַז זיי זיינען צונויפגעשטעלט פון זיינע קאָרעספּאָנדענציעס אין אויגסבורגער אַלגעמיינער צייטונג. מיר ווייסן אויך, אַז דידאָזיקע קאָרעספּאָנדענציעס אין דער פאָרם, ווי זיי האָבן דאָס ערשטע מאָל ערשיינט אין דער צייטונג, קאָנען ניט דינען אַלס מאַטעריאַל צו דער כאַראַקטעריסטיק פון היינעס איבערצייגונגען. ערשט שפּעטער, ווען זיי האָבן ערשיינט אין דער פאָרם פון אַ בוך, וואָס דער פּאָעט אַליין האָט צונויפגעשטעלט, קאָנען מיר זיך קלאָר מאַכן זייער אויטאָרס וועלט־אָנשויאונג. די גרונט־אידעע, וואָס גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדים איבער דאָס גאַנצע בוך, איז אומבאַדינגט די דעמאָקראַטישע אידעע אין דעם ברייטן זינען פון דעם וואָרט. די רעגירונגס־פאָרם, דער נצחון פון איין פּאַרטיי איבער דער צווייטער שפּילט דאָ אַ צווייטע ראָלע. לכתחילה פאַלט היינע אָן אויף לואי פיליפּן, אָבער ווען ער האָט דערזען, אַז די אַריסטאָקראַטן האָבן אָנגעהויבן לאַכן פון דעם קיניגס דעמאָקראַטישע טענדענצן, הייבט היינע אים אָן צו פאַרטיידיקן. אים איז אַלץ איינס, ווער איז דער, וואָס פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון דער דעמאָקראַטיע, און צי שטימט בכלל די מאָנאַרכיסטישע רעגירונגס־פאָרם מיט די דעמאָקראַטישע אידעאַלן — ער קעמפט מיט די, וועלכע קעמפן פאַר די טענדעצן, וועלכע זיינען אים סימפּאַטיש. ווי דידאָזיקע דעמאָקראַטישע אידעע זאָל ניט זיין פאַרטונקלט צוליב אַלערליי אויסערלעכע סיבות, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין גערעדט, ווערט דאָך יעדן מענטשן אָן פאָראורטיילן לייכט זיין צו באַמערקן, אַז זי איז די לייטנדיקע אין היינעס

ווערק. אמת, עס איז שווער באַשטימט פעסטצושטעלן היינעס פּאָליטישע קרעדאָ. ער האָט ניט איינמאָל אונטערגעשטראָכן, אַז ער איז אַ קעגנער פון דער רעפּובליק, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט פיינט דעם אַדל, און ניט געקוקט אויף זיין הייסן פּאַרטיידיקן דאָס מענטשנרעכט. „איך בין ניט קיין רעפּובליקאַנער, — זאָגט ער, — איך ווייס, אַז די רעפּובליקאַנער וועלן מיר איבערשניידן די האַלז, אויב זיי וועלן מנצח זיין, מחמת איך פאַרגעטער ניט אַלץ, וואָס זיי פאַרגעטערן". שטראָדטמאַן האַלט דידאָזיקע ווערטער פאַר אַ מאַסקע, אָבער אַ סך וואָרשיינלעכער איז, אַז היינען זיינען באמת ניט געווען סימפּאַטיש די ניוועלירנדיקע טענדענצן פון די רעפּובליקאַנער. פאַר זיין אַריסטאָקראַטישן און עסטעטישן מוח זיינען ניט אָנגענעם געווען די שטרענגע אידעען פון גזירות און גלייכהייט, וועלכע האָבן ביים קאָנזעקווענטן דורכפירן דעם רעפּובליקאַנישן פּרינציפּ געזאָלט פאַרניכטן אַלץ, וואָס צייכנט זיך אויס פון געוויינלעכן. ער איז גיכער געווען פאַר אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע, אַ ליבעראַל, אָבער אויך אַ ראַדיקאַל. ער איז געווען איבערצייגט, אַז דער קאַמף קעגן די פּריווילעגירטע שטאַנדן וועט גיכער ברענגען צום געוואונשענעם רעזולטאַט ביי אַ קאָנסטיטוציאָנעל-מאָנאַרכישער אָרדענונג, איידער ביי אַ רעפּובליקאַנישער.

היינעס הויפּט-ציל אין זיינע קאָרעספּאָנדענציעס איז געווען דער פאַרלאַנג באַקאַנט צו מאַכן די דייטשן מיט די ערפאָלגן פון דער פּאָליטישער אַנטוויקלונג, וואָס די פראַנצויזן האָבן דערגרייכט. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיין פּאָליטישער מיסיע — פון דער פאַרמיטלעריי צווישן ביידע נאַציעס; ער קערט זיך אין זיינע ווערק אָפט אום צו דערדאָזיקער אויפגאַבע. באַקאַנט מאַכנדיק דייטשלאַנד מיט דעם פּאָליטישן צושטאַנד פון פראַנקרייך, האָט ער, פון דער צווייטער זייט, געוואָלט געבן די פראַנצויזן ידיעות וועגן די ערפאָלגן, וואָס די דייטשן האָבן דערגרייכט אויפן געביט פון פילאָזאָפישן געדאַנק און ליטעראַטור. מיט דעמדאָזיקן ציל האָט היינע אָנגעשריבן אַ ריי ווערק: די ראָמאַנטישע שול, צו דער געשיכטע פון רעליגיע און פילאָזאָפיע אין דייטשלאַנד, און אַנדערע, וועלכע האָבן שפּעטער געבילדעט דאָס בוך וועגן דייטשלאַנד. ס'דאָזיקע בוך איז געווען אַ מין המשך פון סטאַלס בוך, וואָס האָט געהאַט דאָס זעלבע קעפּל. אין דעמדאָזיקן בוך ערשיינט היינע אַלס גלענצנדער דילעטאַנט. זיין בוך שטעלט מיט זיך ניט פאָר קיין פולע בילד פון דייטשלאַנד; ער אַליין זאָגט, אַז דאָס איז אַ פראַגמענט. „איך האָב מיר געשטעלט די אויפגאַבע, — זאָגט ער, — צו באַווייזן דעם פראַנצויזישן עולם

יענע באַהאַלטענע נאַציאָנאַלע רייכטימער פון דייטשן פאָלק, אין וועלכע עס ווערט אויסגעדריקט, אַזוי צו זאָגן, זיין טרוימערישער און אין דערזעלביקער צייט זיין מעכטיקער גייסט... פאַר דער לעצטער צייט האָבן די פראַנצויזן געמיינט, אַז זיי האָבן דערקענט דייטשלאַנד דורך דעם, וואָס זיי האָבן זיך באַקענט מיט די ווערק פון אונזער שיינער ליטעראַטור. אָבער דערמיט זיינען זיי קוים וואָס אַרויס פונם צושטאַנד פון גאָרניט וויסן. ביז זיי וועלן ניט דערקענען די באַדייטונג פון רעליגיע און פילאָזאָפיע אין דייטשלאַנד, וועלן די ווערק פון אונזער שיינער ליטעראַטור בלייבן פאַר זיי נאָר שטומע בלומען, און דער גאַנצער דייטשער געדאַנק—נאָר אַן אומפריינדלעכע רעטעניש".

און היינע האָט אין זיין בוך דערציילט וועגן מסורות און לעגענדעס, וועלכע האָבן געלעבט אין מויל פון פאָלק, און וואָס די בעסטע און אָריגינעלסטע זיינען קיינמאָל ניט געווען פאַרשריבן. ווייטער האָט ער זיך געווענדט צו דער דייטשער ליטעראַטור, און הגם ער האָט זיך אָפגעשטעלט נאָר אויף איין ערשיינונג אירער, האָט ער אָבער דערפאַר געגעבן אַזאַ טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק פון דערדאָזיקער ערשיינונג, פונם ראָמאַנטיזם, אַז זי האָט נאָך ביז איצט ניט פאַרלאָרן איר באַדייטונג. היינע איז אַליין געווען דער לעצטער ראָמאַנטיקער, און האָט אַליין פאַרן ראָמאַנטיזם אויסגעגראָבן דעם קבר. ער האָט אָבער ניט געקענט לחלוטין דערשטיקן אין זיך די ראָמאַנטישע סימפאַטיעס, זיי האָבן זיך אָפגעשפיגלט אויף זיין ווערק. און קיינער האָט בעסער פאַר אים ניט משיג געווען די סודותפולע שיינקייט פון דער פאַנטאַסטישער וועלט פון דער ראָמאַנטיק. זיינע כאַראַקטעריסטיקעס פון באַזונדערע שריפטשטעלער און ווערק באַווייזן, ווי טיף היינע האָט געקענט פילן און פאַר דעם לעזער דערקלערן די ראָמאַנטישע פאָעזיע. ער האָט אויפגענומען דעם עצם מהות פון דערדאָזיקער פאָעזיע, איז אַריינגעדרונגען אין אירע באַהאַלטענע סודות און דורכגעריסן דעם פאָרהאַנג פון זיי. די גלענצנדע אַנאַלאָגיעס, אומדערוואַרטע פאַרגלייכונגען און קעגנשטעלונגען אין זיין בוך זאָגן אונז אָפט מער, איידער די סאַמע געוויסנהאַפטע פרווון פון די געלערנטע. ווי שאַרפזיניק היינע הייבט אָן די כאַראַקטעריסטיק פון ברענטאַנאָס פאָעזיע! דער פאָעט טראָגט אונז אַריבער קיין כינע, „דאָס פאָעטערלאַנד פון באַפליגלטע לינדנווערים און פאַרצעלייענע טשייניקעס", אין דעמדאָזיקן וואונדערלעכן לאַנד מיט ריזיקע פאַנטאַסטישע בלומען, מיט ביימער-קאַרליקעס, מיט אויסגעשניטענע בערג, מיט געלוסטיק-וואונדערלעכע פרוכטן, בונטע פייגל; אין דעמדאָזיקן לאַנד, וואו די נאַטור און דער מענטש, וואָס פאַלט ניט פאַר דער

נאַטור מיט זיין קאַפּריזיקער אָרגאַניזאַציע, קאָנען איינער אויפן צווייטן ניט קוקן אָן אינערלעכן געלעכטער, — אין דעמדאָזיקן לאַנד האָט אַמאָל געלעבט אַ פּרינצעסן, „וואָס אירע קליינע פּיסלעך זיינען געווען נאָך קלענער פאַר די קליינע פיסלעך פון אַנדערע כינעזערינס, אירע קליינינקע אייגעלעך האָבן גע־פינטלט נאָך צאַרטער און פאַרטראַכטער פאַר די קליינינקע אייגעלעך פון אַנדערע דאַמען פון דער הימלשער אימפּעריע, און וואָס אין איר קליין הערצל האָבן געלעבט די סאַמע זינלאָזע קאַפּריזן". פאַר דערדאָזיקער פּרינצעסן איז געווען דער גרעסטער תענוג צו צערייסן שייגע זיידענע און פּליושענע גע־וואַנטן. הערנדיק, ווי זיי זיפּצן און קרעכצן אונטער אירע פינגער, פלעגט זי זיך פאַרגיין פון אַנטציקונג. סוף כל סוף האָט זי אויף דעמדאָזיקן קאַפּריז אויסגעבראַכט איר גאַנצן פאַרמעגן, מען האָט איר אָנערקענט פאַר אַ קראַנקע, וועלכע מען קאָן ניט אויסהיילן, און פאַרשפּאַרט אין אַ קיילעכדיקן טורעם. „דידאָזיקע כינעזישע פּרינצעסין, דערדאָזיקער פאַרקערפּערטער קאַפּריז, — זאָגט היינע ווייטער, — איז אין דערזעלבער צייט די פאַרקערפּערונג פון דער מוזע ביי איינעם אַ דייטשן פּאָעט... דאָס איז די מוזע, וועלכע שמייכלט צו אונז מיט אַזאַ משוגע שמייכל פון קלעמענס ברענטאַנאָס פּערזן. זי רייסט טייערע זיידענע טיכער, רייסט וואונדערלעכע גאָלדענע פּליושן און איר ליבער גייסט פון פאַרניכטונג, איר יובלענדיקע משוגעת פילט די נשמה אָן אַמאָל מיט אַנטציקונג, אַמאָל מיט בענקשאַפט פון תאווה". ווייטער כאַראַקטעריזירט דער פּאָעט ברענטאַנאָס קאָמעדיע „פּאָנס־דע־לעאָן" אין אַזעלכע ווערטער „ניטאָ נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיין אַזוי צעריסן סיי אין זינען פון גע־דאַנק, סיי אין זינען פון וואָרט. אָבער די אַלע שטיקלעך לעבן און זיינען פריילעך אויפגערודערט. אייך דאַכט זיך, אַז איר זייט אויף אַ מאַסקאַראַד פון ווערטער און געדאַנקען. דאָס אַלץ באַוועגט זיך אין אַ צויבערלעכער אומ־אָרדענונג, און נאָר די זינלאָזיקייט פון דעם אַלעמען גיט דעם בילד עפּעס אַ איינהייטלעכקייט. משוגענע קאַלאַמבורן טראָגן זיך אַרום ווי אַרלעקינס איבער דער גאַנצער פּיעסע און שלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס מיט זייערע גלאַטע שטעקעלעך. זעלטן באַווייזט זיך אַן ערנסטע אידעע, גליטשט זיך אָבער גלייך אויס, ווי אַ באָלאָניער דאָקטאָר. דאָ פליט אַרויס אַ פראַזע, ווי אַ ווייסער פּיעראָ מיט אַראָפּגעלאָזטע אַרבל און מיט גרויסע קנעפּ; דאָרט שפּרינגען אַרום קליינע צונויפגעקאָרטשעטע עפּיגראַמען אויף קורצע פיסלעך, ווי פּאַיאַצן. ליבע ווערטער שוועבן ווי שטיפערינס קאָלאָמבינעס, מיט בענק־שאַפט אין האַרצן. דאָס אַלץ טאַנצט און דרייט זיך און וואַרפט זיך, און

פלוידערט, און איבער דעם אַלעמען שאַלן טרומייטן־קלאַנגען פון וואַקכאַנאַ־לישן דאָרשט צו צעשטערן".

אַ פולע אַנטציקונג האָט אַרויסגערופן די זאַמלונג פאָלקס־לידער, וואָס אַרנים און ברענטאַנאָ האָבן אַרויסגעגעבן, אָבער קיינער האָט ניט געקענט אויסגיסן זיין אַנטציקונג אין אַזאַ פּאָעטישער פאָרם, ווי היינע. „דאָס בוך ליגט פאַר מיר,—זאָגט דער פּאָעט,—און מיר דאַכט זיך, אַז אויף מיר בלאָזט דער אַראָמאַט פון די דייטשע ליפּע־ביימער... אין דידאָזיקע לידער פילט זיך דער דופק פון דייטשן פאָלק. אין זיי ווייזט זיך אַרויס גאָר זיין פינסטערע רואיקייט, גאָר זיין משוגענער שכל; אין זיי פויקט דער דייטשער צאָרן, פייפט די דייטשע איראָניע, רוישט די דייטשע ליבע, אין זיי רינט מיט פּערל־טראָפּן דאָס עכט דייטשע ווייַן און די עכט דייטשע טרערן".

מיט וואונדער־פאַרבן האָט היינע אויסגעמאָלט דאָס בילד פון דער קאַ־פּריזער ראָמאַנטישער וועלט, און האָט ס'דאָזיקע בילד באַוויזן די פּראַנצויזן, אָבער דער פאַרבאָרגענער מיטגעפיל צום ראָמאַנטיזם האָט היינען ניט גע־שטערט אַרויסצוטרעטן אַלס ליידנשאַפטלעכער קעגנער צו די רעאַקציאָנערע שטרעבונגען פון דער ראָמאַנטישער שול. היינע האָט אויפגעקלערט דעם ראָ־מאַנטיזם און נאָכדעם אָפּגעזאָגט נאָך אים קדיש. אין דעמדאָזיקן בוך איז פאַרהאַן סוביעקטיווקייט. דער פּאָעט האָט זיך אין אים אָפּגערעכנט מיט זיינע שונאים און מיט די, וועלכע מען קאָן מיט רעכט אָנרופן זיינע ליטעראַרישע פּאָטערס.

נאָך בערנעס טויט האָט דער פּאָעט וועגן אים אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך, וואָס האָט דערצאָרנט די דייטשע געזעלשאַפט און איז אַפילו געווען די סיבה פון אַ דועל צווישן פּאָעט מיט דעם מאַן פון איינער אַ דאַמע, וועלכע איז אין דעם בוך באַליידיקט געוואָרן. די מענטשן פון היינעס דור האָבן געהאַט פולע רעכט צו צאָרענען אויפן פּאָעט, מחמת היינע איז אָנגעפאַלן אין דעם בוך אויף אַ געשטאָרבענעם, אויף אַ מענטשן, וואָס קאָן זיך ניט פאַרטיידיקן. אָבער פאַר אונז איז דאָס בוך אינטערעסאַנט ניט מיט די שורות פון נקמה, נאָר מיט דעם גלענצנדן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז. אויב מיר וועלן לייענענדיק דאָס בוך אויף אַ רגע קאָנען פאַרגעסן וועגן די ניט שיינע פּערזענלעכע אַרויסטרע־טונגען, וועלכע שאָדן דעם אַלגעמיינעם איינדרוק, וועלן פאַר אונז ווי לע־בעדיק אויפשטיין ביידע באַרימטע קעמפער פון פרייהייט. סיי דער פינסטערער אומפריינדלעכער פּובליציסט, וועלכער איז ביז פאַנאַטיזם איבערגעגעבן דער אידעע, סיי דער לעבנספריידיקער פּאָעט, עסטעטיקער, משורר פון פרייהייט

און שיינקייט, וועלכער קען ניט פונאַנדערטיילן דידאַזיקע צוויי גלייך טייערע פּאָר אים באַגריפן. מיר זעען, פאַרוואָס דידאַזיקע צוויי מענטשן האָבן זיך ניט געקענט צונויפקומען, און פאַרוואָס זיי זיינען געוואָרן ביטערע שונאים איינער דעם צווייטן, אַנשטאָט ברידערלעך צו דערלאַנגען איינער דעם צווייטן די האַנט.

אָבער אויב מיטן בוך וועגן בערנען האָט היינע דערוועקט שנאה צו זיך, האָט זיין הומאָריסטישע פּאָעמע אַטאַ טראָל אַרויסגערופן אַ גאַנצן שטורעם פון צאָרן. דאָ האָט זיך היינע אָפּגערעכנט מיט יענע ליבעראַלן, וועלכע האָבן אים באַשולדיקט אין בגידה. דאָ האָט ער אויך געזונגען דאָס לעצטע ליד פונם ראָמאַנטיזם. דער פּאָעט האָט אויסגעלאַכט די טענדענציעזע פּאָעזיע פון די דייטשן. די ליבעראַלן האָבן זיך אַנטוישט אין היינען, אָבער אויך היינע האָט זיך אַנטוישט אין זיינע געוועזענע מיטקעמפער. און אַלס רעזולטאַט פון דערדאָזיקער אַנטוישונג איז אַנטשטאַנען די פּאָעמע אַטאַ טראָל. דער פּאָעט האָט ווי בכיוון נאָך אַמאָל אַרויסגעשטעלט די גלענצנדע ראָמאַנטישע פליטערלעך, כדי צו באַווייזן, אַז ווי פּוסט עס זאָל לויטן אינהאַלט ניט זיין די ראָמאַנטישע פּאָעזיע, איז זי דאָך פאָרט העכער פאַר דער וואולגאַרער פּאָעזיע פון די דעמאָלטיקע ליבעראַלן, ווייל אין זייערע פּאָעטישע ווערק איז ניטאָ ניט קיין שיינקייט, ניט קיין אינהאַלט. זיי זיינען געווען גלייכגילטיק צו דער פרייהייט, וועלכע זיי האָבן באַזונגען. „איך פייער מיין געבורט אין דער פרעמד, — שרייבט היינע, — און אויך אין דער פרעמד אין גלות וועל איך ענדיקן מיין לעבן. און יענע מוטיקע קעמפער פאַר ליכט און אמת, וועלכע האָבן מיך באַשולדיקט אין אומאַנטשלאָסנקייט און שקלאַפערישקייט, שפּאַצירן זייער רואיק אַרום איבערן פאָטערלאַנד אַלס גוט איינגעאָרדנטע דינער פון דער מלוכה און אַלס גרויסע לייט פון דער בירזע, אָדער באַזוכער פון עפּעס אַ קלוב, וואו זיי פרישן זיך אינאָוונט אָפּ מיט דעם טרויבנזאַפט פון רהיין און מיט האָלשטינער אויסטערן“.

אין 1843 יאָר איז היינע אויף אַ קורצע צייט אַראָפּגעקומען קיין האַמבורג. דער פּאָעט האָט ווידער דערזען דאָס פאָטערלאַנד נאָך אַ לאַנגיאָריקן שיידן זיך און, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער דייטשער גרעניץ, האָט דאָס האַרץ „עפּעס אומרואיק אָנגעהויבן צו קלאַפּן, און אין די אויגן האָט עפּעס אַ בליץ געטאָן אַ טרער און בגנבה פון ברעם זיך אַראָפּגעגליטשט“. דער רעזולטאַט פון דערדאָזיקער נסיעה איז געווען די באַרימטע פּאָעמע דייטשלאַנד, אָדער אַ ווינטער־מעשהלע. דעם פּאָעט איז שווער געווען צו

זען זיין פאָטערלאַנד נאָך זיין לאַנגיאָריקן פאַרברענגען אין פראַנקרייך, וואו דאָס פאָלק האָט שוין לאַנג באַקומען געוויסע בירגערלעכע פרייהייט. דעם גרויסן פאַטריאָט איז ביטער געווען צו זען, ווי זיין פאָטערלאַנד איז געדריקט ווי פריער. אין דעם ערשטן בוך פון אַ ווינטער-מעשהלע דערציילט ער, ווי אַזוי ער האָט אויפן גרעניץ באַגעגנט אַ קליין מיידעלע אַ האַרפיסטין. זי האָט געזונגען „וועגן אַן אומבאַוואוסטער וועלט פון ווייטע הימלען, וואו עס ווערן אַנטשוויגן אַלע טרויערן און ליידן"; זי האָט געזונגען וועגן די ליידן פון דער ערד, וועגן דער אומזיניקייט און געגנאַרטקייט פון ערדישן גליק. מיט עפּעס אַלטס, שווערס האָט אַן אָטעם געטאָן אויף דעם פּאָעט פון דער האַרפיסטינס ליד. יענץ אַלט ליד האָט גערופן אויפן הימל, — זאָגט ער, — און אָפּצוזאָגן זיך פון דער טרויעריקער ערד. מיט דעמדאָזיקן הימן פאַרשלעפערט מען שטענדיק דאָס פאָלק — אונזער פאָלק, דעם ריזיקן געץ. מיר איז באַקאַנט דער אַלטער מאָטיוו פון די אַלטע לידער. איך קען די, וועלכע האָבן זי געשאַפן פאַר דאָס פאָלק: שטילינקערהייט האָבן זיי געטרונקען ווייַן, און אונז האָבן זיי געהייסן טרינקען וואַסער". און דער פּאָעט לייגט פאָר צו זינגען אַ ניי ליד איצט, ווען מיט אייראָפּע האָט זיך פאַרקסנט „דער יונגער און דער ריינער געני פון פרייהייט". דאָס איז אַ ליד וועגן דעם, אַז אַלע קאָנען פאָדערן גליק דאָ אויף דער ערד. „דער קרעכץ פון הונגער" דאַרף ניט „אָנרירן אונזער אויער, זאָל דער פוילער בויך ניט דערשלינגען דאָס, וואָס איז ערוואָרבן מיט די מי פון די הענט".

אין יעדער שורה פון דער ווינטער-מעשהלע פילט זיך אַ רייפער מענטש מיט אַ באַשטימטן פּאָליטישן שטאַנדפּונקט. אין אַ קאַפּריזן קאַליידאָסקאָפּ גייען פאַרביי אונז אַדורך בילדער פון דייטשן לעבן: אי די טאַמאָזשנע-אָרדענונגען, אי די ווילדע רעדעס פון דעם דייטשן אינטעליגענט, אי די העלדנשאַפט פון דער צענזור. און דאָס פאָלק — „אַלץ אַזאַ סאָלדאַט און פּע-דאַנט, אין יעדער זשעסט — געבראָכענע ווינקלען, דאָס געזיכט פאַרפראָרן מיט קאַלטער אָנגעבלאָזנקייט, דיזעלבע הילצערנע באַוועגונגען". דער פּאָעט איז אין קעלן: דאָ האָבן אין דער הומאַניסטישער עפּאָכע געוואוינט „פינסטערע מענטשן", דאָ זיינען „מאָנאַכן געשפרונגען אויף אָרגיעס און מאָנאַכינעס האָבן דאָ געטאַנצט קאַנקאַן. דער קעלנער מענצעל האָט דאָ פריער געשריבן זיינע מסירות. דאָ האָבן אין פייער און רויך אויף די שייטערהויפנס מענטשן מיט ביכער צוזאַמען געברענט. און אַרום האָבן די גלעקער געקלונגען: „הללויה" האָט מען פריילעך געזונגען. דאָ זיינען נאַרישקייט מיט שלעכטס, ווי הינט

אויפן גאַס, שטענדיק געאָרעמט געגאַנגען; זייערע קינדער קאָנען נאָך עד־היום אַרויסרופן פאַרוואונדערונג מיט זייער ניט סובל זיין פרעמדע מנהגים״.

דעם פּאָעט האָט זיך געוואָלט זיין אין בערלין, אָבער די פריינד האָבן אים געגעבן צו פאַרשטיין, אויף וויפל אַזאַ נסיעה איז געפערלעך. ווען עס איז אָבער ערשינען דאָס ווינטער־מעשהלע, איז פאַר היינען די האָפענונג ווען עס איז ווידער צו זען בערלין אויף אייביק פאַרלאָרן געגאַנגען. אין אַלע שטעט ביי די גרעניצן איז געווען אַ גרייטער באַפעל, צו כאַפּן דעם פּאָעט, תּיכּף ווי ער וועט זיך באַווייזן. די ווינטער־מעשהלע איז געווען שטרענג פאַרבאָטן אין אַלע שטעט.

היינעס גאַנץ לעבן איז געווען אַן אומאויפהערלעכער קאַמף, אַ שווערער און שרעקלעכער קאַמף. דער סוף פון זיין לעבן איז באַשטאַנען כּסדר פון ליידן, פון עינויים אָן אַ סוף. וואָסערע דעם פּאָעטס מעשים זאָלן ניט זיין, האָבן דאָך די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אויף זיי פאַרגעבן. זיי וואָלטן אַפילו געקאָנט פאַרגעבן שרעקלעכע פאַרברעכנס, אויב היינע וואָלט אין אַזעלכע געווען שולדיק.

וואָס איז געווען די סיבה פון היינעס מחלה, פון יענע אוממענטשלעכע יסורים, פון יענעם שרעקלעכן פּעריאָד, וואָס אַנטקעגן זיינע ערשיינונגען מוזן אַנטשוויגן ווערן אַלע געפילן, אויסער טיפער רחמנות און פאַרוואונדערונג?

ניטאָ קיין ספק, אַז די הויפּט סיבה איז געלעגן אין דעם, וואָס היינע האָט צופיל זיך איבערגעגעבן תּענוגים אין משך פון גאַר זיין לעבן. עס וואָלט אָבער געווען אַן אוממיושר דערביי צו פאַרגעסן די יסודים, וואָס זיינען געקומען אַלס רעזולטאַט פון זיין פּאָליטישער טעטיקייט און האָבן ניט ווייניק מיטגעהאָלפן דער קראַנקהייט צו אַנטוויקלען זיך. לאָמיר זיך דערמאָנען, סאַר אַ פאַרפאָלגונגען דער פּאָעט איז אויסגעשטאַנען. איינמאָל האָבן זיי אים דערפירט צו אַזאַ נערוועזן צושטאַנד, אַז ער איז שיר פון זינען ניט אַראָפּ. דער פּאָעט האָט זיך באַהאַלטן פון אַלעמען, אויסער די סאַמע נאָענטע פריינד. ער האָט אַלעמען אָנגעהויבן חושד זיין און קיינעם ניט געטרויט, אין יעדן געזען אַ שונא. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע קראַנקהייט. זיין מוח איז געווען פּאַראַליזירט און אַ לאַנגע צייט האָט ער ריידנדיק קאָנוואולסיוו זיך געטרייסלט. טרוקענע שפּייז האָט ער ניט געקענט עסן, ווייל ער האָט עס ניט געקענט צעקייען. אין מאַי 1848 יאָר האָט זיך דער פּאָעט אַריינגעלייגט אין בעט, און פון דעם מאָמענט הייבט זיך אָן די פּייַנלעכע גסיסה, וועלכע האָט גע־

ב ע ר נ ע

דויערט כמעט צען יאָר נאָכאַנאַנד! ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, ווי גרויס עס איז געווען דער פּיין פון דעם מענטשן, וועלכער איז געווען צוגעשמידט צום בעט, בשעת די גאַנצע גאַטור זיינע איז געווען אַ פאַרקערפּערונג פון קאַכיקן לעבן און באַוועגונג. „קיינער פון מיינע דאָקטוירים, — האָט ער געשריבן, — ווייס ניט, וואָס מיר איז. אמת איז נאָר דאָס אַליין — פאַר די לעצטע דריי חדשים האָב איך איבערגעלעבט אַזעלכע פּיינען, וואָס אַפילו די שפּאַנישע אינקוויזיציע וואָלט ניט געווען אימשטאַנד אויסצוטראַכטן. דערדאָזיקער טויט לעבעדיקערהייט, דערדאָזיקער ניט־זיין ווערט אומדערטרעגלעך, ווען מיט אים באַהעפטן זיך יסורים... אויב איך וועל ניט גלייך שטאַרבן, איז פונדעסטוועגן דאָס לעבן פאַר מיר אויף אייביק פאַרלאָרן. און איך האָב דאָך ליב דאָס לעבן מיט דער אויפריכטיקייט פונם גאַנצן האַרצן. פאַר מיר עקסיסטירן שוין ניט די שיינע בערג־שפּיצן, אויף וועלכע איך וואָלט געקענט קלעטערן, ניטאָ קיין פרויענליפּן, וואָס איך וואָלט געקאָנט קושן, פאַר מיר עקסיסטירט אַפילו ניט קיין גוט שטיק געבראָטנס, וואָס איך וואָלט געקאָנט עסן אין דער געזעלשאַפט פון פריילעכע גוטע פריינד". די דאָקטוירים האָבן מיט אַלע מעגלעכקייט זיך געסטאַרעט דערלייכטערן דעם קראַנקנס לאַגע, און צייטנווייז פלעגט עס זיי געלינגען. אָבער היינע האָט ניט זייער געטרויט די פראַנצויזישע דאָקטוירים. ביי אים איז געווען אַ הייסער פאַרלאַנג צו פאָרן קיין בערלין און באַראַטן זיך מיט די דאָרטיקע באַרימטע דאָקטוירים. אפשר איז דערביי נאָך ביי אים געווען די נאַטירלעכע שטרעבונג פאָרן טויט אַ קוק צו טאָן אויף דער היים, וואָס איר האָט ער מקריב געווען די בעסטע יאָרן זיינע.

אָבער די דייטשע רעגירונג איז ניט איינמאָל באַגאַנגען פאַרברעכנס בנוגע צו איינעם פון די גרעסטע פּאָעטן. היינע האָט אָנגעשריבן אַ בריף צו דעם באַרימטן נאַטוראַליסט אַלעקסאַנדער הומבאָלט, וועלכן דער פּרייסישער קיניג האָט דעמאָלט אַרויסגעוויזן פיל פריינדשאַפט. הומבאָלט האָט אָנגעהויבן פלייסיק משתדל צו זיין זיך, אָבער אָן ערפאָלג. און אין וואָס פאַר אַ פאָרם איז געגעבן געוואָרן דער ענטפער, דאָס קען מען זיך פאָרשטעלן פון הומבאָלטס בריוו צום שטאַרבנדיקן פּאָעט: „איך האַלט פאַר מיין חוב בעטן אייך, ניט צו שטעלן קיין פוס אויף דעם פּרייסישן באָדן".

דאָס רעכטע אויג האָט זיך ביי אים גאָר פאַרמאַכט; מיטן לינקן האָט ער געזען נאָר טיילוויז. דער הויט־השדרה האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעקרימט, די פיזישע וויסאָגן זיינען געוואָרן אַלץ אומדערטרעגלעכער, און היינע איז אַזוי אויסגעמאָגערט געוואָרן, אַז ער איז ענלעך געוואָרן אויף אַ סקעלעט.

אָבער דער לייִדנשאַפטלעכער אינטערעס צום אַרומיקן לעבן און צו די פּאָלי־טישע ידיעות האָט אים ניט פאַרלאָזן אין משך פון דער גאַנצער קראַנקהייט. ביי אים איז געבליבן די פעאיקייט צו צאָרענען און פרייען זיך, צו קריטיקירן און מיטפילן. „די פראַנצויזישע געשעעניש, — האָט ער איינמאָל געזאָגט, — פאַרווייִלן מיך, אָבער אינטערעסירן אינטערעסיר איך מיך נאָר מיט די דייטשע. נאָר איך קען מיך מיט זיי ניט פיל פאַרנעמען, מחמת די טרויעריקע נייסן, וועלכע דערגייען צו מיר פון דאָרטן, צערייצן מיך שטענדיק אַזוי, אַז דאָס שאַדט מיר צום געזונט".

הײנעס שונאים האָבן ניט געשוויגט דעם שטאַרבנדיקן פּאָעט. פאַרקערט, זייערע אָנפאַלן זייִנען געוואָרן אַלץ פאַרביטערטער, און זיי האָבן פאַרגיפטעט די לעצטע טעג זיינע. „ווי די גאַזעטן שענדן מיך! — האָט ער געזאָגט, — פאַר אַ נישטיקער מענטש איך ווער געשילדערט אין זייערע אַרטיקלען, וויפל חסרונות זיי געפינען אין מיינע ווערק!"

אין אַ קאַלטן און פינסטערן פעברואַר־פרימאָרגן האָט מען הײנען מקבר געווען אויף דעם מאָנמאַרטער בית־עולם. אַרום הונדערט מאַן האָבן באַגלייט זיין אָרון. צווישן זיי זייִנען געווען אַלעקסאַנדער דיומאַ, טעאָפיל גאָטיע, מיניע, אַלעקסאַנדער בייל און אַ מאַן פינף דייטשע זשורנאַליסטן. אייניקע פון די ביי־געוועזענע האָבן ביטער געוויינט, ווען מ'האָט דעם שווערן אָרון, אין וועלכן עס איז געלעגן דעם פּאָעטס דאַרער קערפּער, פאַרשאָטן מיט ערד.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אויף דעם קבר אַוועקגעשטעלט אַ פּשוטע מצבה, אויף וועלכער עס זייִנען געשטאַנען נאָר צוויי ווערטער:

.Henri Heine

און עד היום האָט נאָך די געשיכטע ניט אַרויסגעטראָגן איר ענדגילטיקן פּסק־דין וועגן דער קאָמפּליצירטער און רעטעניש־פולער פּערזענלעכקייט, וועלכע שטעלט זיך אונדז פאָר, ווען מיר זעען די־דאָזיקע צוויי ווערטער.

„כאַראַקטער, — זאָגט הײנע, — באַזיצט דער מענטש, וועלכער לעבט און ווירקט אין אַ באַשטימטן קרייז פון אַ באַשטימטער וועלט־אָנשויאונג, רעכענענדיק זיך מיט אים כמעט פאַר איינס, און ער פאַלט קיינמאָל ניט אַריין אין ווידערשפּרוך ניט מיט זיינע געדאַנקען, ניט מיט זיינע מעשים. דעריבער קאָן דער המון בנוגע צו מערקווירדיקע, וועלכע האָבן זייער צייט איבער־געיאָגט, מוחות קיינמאָל ניט באַשליסן: צי האָבן זיי אַ כאַראַקטער, צי ניין; וואָרעם דער המון איז צופיל קורצזיכטיק, אַז ער זאָל קאָנען זען די ספערן אין וועלכע עס באַוועגן זיך די גרויסע מוחות. דערצו קאָן נאָך טרעפן, אַז

ניט וויסנדיק די גרעניצן פון די פאַרלאַנגען און דרייסטקייט פון דידאָזיקע מוחות, וועט דער המון אין זייערע מעשים ניט איינזען ניט קיין צוועקמעסיקייט, ניט קיין נויטווענדיקייט, און וועט זיי באַשולדיקן אין ווילקירלעכקייט, אומקאָנזעקווענטקייט, כאַראַקטערלאָזיקייט. ווייניקער באַגאַבטע מענטשן, וואָס זייער מערער אויבערפלעכלעכע און שמאָלע וועלטאָנשויאונג איז לייכטער אויסצופאָרשן און אָבסערווירן, און וואָס האָבן צוגלייך דערמיט זייער פראָגראַם פּראָקלאַמירט אויף דער שפּראַך פונם המון אויפן מיטן מאַרק—אַזעלכע מענטשן זיינען פיל צוטריטלעכער פאַרן המון; ער האָט אַ מאַסשטאַב פאַר יעדער טאַט זייערן".

צי איז אָפטמאָל אין דידאָזיקע ווערטער ניט פאַרבאָרגן געוואָרן די באַשיידונג אויף דער רעטעניש, למאי רופט הייגעס פערזענלעכקייט אַרויס אַזעלכע פאַרשיידענע אורטיילן? צי אפשר דערפאַר האָבן אים די שונאים עד היום פיינט, ווייל עס איז זיי שווער מיט זייערע אויגן אַרומצונעמען דעם פאָעטס אומענדלעכן קרייז פון זעען, עס איז זיי שווער מיט זייער קליינינקע מאַסשטאַבן אויסצומעסטן די ריזיקע פיגור, וואָס זייער בליק דערגרייכט ניט ביז איר שפּיץ...

איִנהאַלט.

ערשטע אָפּטיילונג.

די אַנטשטיִשונג און די רעאַקציע. לעאָפּאַרדי. שאַטאָבריאַן.

זייט

I. די קולטורעלע הויפּטפּאַקטאָרן אין באַגינען פונם XIX י. ה.—די אינדוסטריעלע איבערקערעניש.— די מאַשינעס.—דער קאַפּיטאַליסטישער אופן פון פּראָדוצירן.— די אַרבעטער-פראַגע. — דריי סטאַדיעס אינם קאַמף פון די אַרבעטער מיט די אונטערנעמער. — דער פעאָדאַל און דער פאַרשקלאַפטער פון מיטלאַלטער; דער קאַפּיטאַליסט און דער אַרבעטער פון XIX י. ה.—די אַנטדעקונגען און ערפינדונגען.—דאַמף און עלעקטריציטעט.—אייזנבאַנען, טעלעגראַף און זייער ווירקונג.— קיוויע און דער ערפאָלג פון נאַטורוויסנשאַפט.—דער קאָנקאָרדאַט.—די רעאַקציע. 3

II. דער פּעסימיזם אין אָנהייב פון יאָרהונדערט. — גראַף דזשאַקאָמאָ לעאָפּאַרדי. — זיינע וויסנשאַפטלעכע באַשעפטיקונגען.—גרעפין מאַלוועצי.—דער קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון איטאַליע און לעאָפּאַרדיס באַציאונג צום דאָזיקן קאַמף.—פּאַטריאָטיזם און ליבע אין לעאָפּאַרדיס ליריק.— די באַציאונג צו דער תּקופה, צו דעם וואוקס פון דער אינדוסטריע און דעם ערפאָלג פון דער טעכניק.— לעאָפּאַרדיס פילאָזאָפיע.—דער געזעץ פונם אַלגעמיינעם ליידן.—דער מענטש און די נאַטור.— דער מהות פונם לעבן.—די וויסנשאַפט און די מאַסע. — די פּערזענלעכקייט און די מאַסע. — לעאָפּאַרדיס קאָנסעקווענטקייט און די גאַנצקייט פון זיין וועלט-אָנשויאונג. 18

III. די פּאָזיטיווע אידעאַלן פון די שריפטשטעלער פון דער רעאַקציע. —זשאָזעף דע מעסטער און באָנאַלד.—ווי שפּיגלט זיך אָפּ די אויפקלערונגס-עפּאָכע אין זשאָזעף דע מעסטערס ווערק.—שאַטאָבריאַן.—די הויפּטשטריכן פון זיין כאַראַקטער.—„דער גייסט פון קריסטנטום" און דער עסטעטישער קאַטויליציזם. — דער אינהאַלט פון „רענע".—די טענדענץ פון דער ערציילונג. — די קלויסטערס. — ליגן און אמת אין „רענע" 34

צווייטע אָפּטיילונג.

די סאָציאַלע און די רעאַליסטישע ליטעראַטור אין ענגלאַנד. דיקענס. טעקערײ.

זייט

IV. די עקאָנאָמישע און די פּאָליטישע לאַגע פון די ארבעטער אין ענגלאנד אין אָנהײב פון דער תקופה.—די ברויט-געזעצן.—ראָבערט אָוען.—דער קריטישער און דער פּאָזיטיווער טייל פון זיין לערע.—דער טשאַרטיזם. — דער קאמף קעגן די ברויט-געזעצן.—די פּאָעזיע פון נויט און צרות.—די „לידער וועגן-ברויט געזעצן" פון עליאָט.—טאָמאַס הוד.—טשאַרלז דיקענס. 50

V. די פאַבריקשטאָט ביי דיקענסן. — דער ראָמאַן „שווערע צייטן". — די שילדערונג פון דעם קאַפּיטאַליסט. — באָנדערבי, זיין באַציאונג צו די סאָציאַלע פראַגן, זיין חתונה האָבן. — די שילדערונג פון די ארבעטער אין די „שווערע צייטן". — סטעפען. — „דאָמבי און זון". — דער שטאָלץ פון אַן ענגלישן נעגאָציאַנט. — פּעקסניף. — ווי שילדערט דיקענס די צביעות. — קינדער אין דיקענסעס ווערק. — אַליס מארוואוד, לואיזע אין טאָם, דוד קאָפּערפילד. — דיקענסעס סענטימענטאַליטעט, זיסקייט און צופרידנקייט. 70

VI. טעקערײ. — די סיבות פון זיין פּעסימיזם. — „דער יריד פון גאווה". — רעבעקע שאַרפּס כאַראַקטער. — די באַזונדערהייטן פון טעקערייס סאַטירע. — סנאָביזם. — די אריסטאָקראַטיע אין טעקערייס שילדערונג. — „די ניוקאָמס". — טיפּן פון אַריסטאָקראַטן אין דעמדאָזיקן ראָמאַן. — לעדי קיו. — בערנעס ניוקאָם. — לאָרד פאַרינטאַש. — די פּאָזיטיווע העלדן פון ראָמאַן: פּאָלקאָווניק ניוקאָם און זיין זון. — דעם אויטאָרס גרונט-טענדענץ 94

דריטע אָפּטיילונג.

דער אָנהייב פון דער סאָציאַלער און דער רעאַ=לער ליטעראַטור אין פראַנקרייך. ס.=סימאָן. פוריע. זש.=זאַנד. באַלזאַק.

VII. די פריידיקער פון דער באַנייאונג פון דער מענטשהייט. — לאַמענע. — סען-סימאָן. — וויסנשאַפט און אויטאָריטעט אין סען-סימאָנס לערע. — דער אָנהייב פון דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאָלאָגיע. — דער אידעאַל פון געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. — ליידיקגייער און אַרבעטנדיקע. — סען-סימאָנס באַציאונג צו דער אינדוסטריע און צו די אַרבעטער. — די סענסימאָניסטן. — „די באַשרייבונג פון סען-סימאָנס דאָקטרין. — פוריעס לערע. — די אָרגאַניזאַציע פון דער פאַלאַנגע. 117

VIII. די פרויענפראַגע בשעת דער רעוואָלוציע. — אָלימפּיע דע גוזש. — קאָנדאָרסע. — אַנפאַנטען. — זשאָרז זאַנדס ערציאונג און די גרונדשטריכן פון איר כאַראַקטער. —

זייט

איר גטן זיך מיטן מאַן און די באַדייטונג פון דעמדאָזיקן פאַקט. — פרויען־טיפּן אין זשאָרז זאַנדס ראָמאַנען. — אינדיאַנאַ, וואַלענטינאַ, לעליאַ. — מאָטיוון פון וועלט־שמערץ. — מאַנסבילשע טיפּן. — דעלמאַר. — זשאַק. 130

IX. דער צווייטער פּעריאָד פון זשאָרזש זאַנדס ליטעראַרישער טעטיקייט. — „ה' אַנטואַנס עבירה". — דער פאָטער קאַרדאַנע. — די הויפּטשטריכן פונם קאַפּיטאַליסט און זיינע אידעאַלן. — דער זון קאַרדאַנע און זיינע אידעאַלן פון געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. —פאָרשטייער פון דער אַריסטאָקראַטיע ביי זשאָרזש זאַנד. — אַנטואַן. — פאָרשטייער פון פּויערטום. — זשאַן. — זש. זאַנדס איבערגאַנג צו שילדערן דאָרפישע אידיליעס אין דעם לעצטן פּעריאָד פון איר ליטעראַרישער טעטיקייט. 154

X. די רעאַליסטישע ריכטונג אין דער ליטעראַטור. — אָגיוסט קאָנט און די פּאָזיטיווע ריכטונג אין דער פילאָזאָפיע. — די הויפּטשטריכן פונם רעאַליזם. — די ראָלע פונם שריפטשטעלער. — אָנשטאָט געפיל און פאַנטאַזיע — וויסנשאַפטלעכער אַנאַליז. — דעטאַלישקייט און פּאַקטישע פּינקטלעכקייט. — די פאָרם. — דער טיפּ פון אַ נייעם שריפטשטעלער. — באַלזאַק. — די גרונדשטריכן פון זיין כאַראַקטער און די באַזונדערהייטן פון זיין ליטעראַרישן שאַפן. 172

XI. די העלדן פון דער „מענטשלעכער קאָמעדיע". — „דער פאָטער גאָריאָ". — ראַסטיניאַק. —די מידות פון דער פּאַריזער אַריסטאָקראַטיע. — וואָטרען. —אַ טיפּ פון אַ parvenu אין XIX י. ה. — „פאַרלוירענע טרוימערייען". — די ליטעראַרישע מידות. — לוסיען און זיין קאַריערע. — „עזשעניע גראַנדע" —די וועלט פון געלט. — דער קאַרגער. —פרויענטיפּן ביי באַלזאַקן. — די „דרייסיקיעריקע פרוי". 195

פערטע אָפּטיילונג.

דער ראָמאַנטיזם און די רײנע פּאָעזיע אין פראַנקרײך. דער איבערגאַנג פון ראָמאַנטיזם צו רעאַלער און סאָציאַלער פּאָעזיע אין דײטשלאַנד. הוגאָ. באָדלער. הײנע.

XII. די באַזונדערהייטן פון הוגאָס שאַפן. — זיין פּערזענלעכקייט. — זיין באַציאונג צו דער אימפּעריע, צו דער רעסטאַוראַציע, צו דער בירגערלעכער מאָנאַרכיע און צו דער רעפּובליק. — זיין ליריק. — „אָדעס". — באַלאַדעס". — „אָריענטאַלישע מאָטיוון". — די שפּעטערדיקע זאַמלונגען. — „די לעגענדע פון יאָרהונדערטן". — די „קאַטעדראַל־קירך פון פּאַריזער גאָטס־מוטער". — היסטאָרישער אמת און היסטאָרישע פאַנטאַזיע אין דעמדאָזיקן ראָמאַן. — טיפּן: עסמעראַלדאַ, קוואַזימאָדאָ, קלאָד פראָלאָ. — דער ראָמאַנטישער היסטאָריזם. 220

זייט

XIII. „אומגליקלעכע“. — די אויפגאבן, וואס הוגא האט זיך געשטעלט אין דעמדאזיקן ראמאן. — דער פארברעכער זשאן וואלזשאן, די פראסטיטוטקע פאנטינא און דער פאליציי־אויפזעער זשאווער אלס עלעמענטן פון דער היינטיקער סאציאלער ארדענונג. — הוגאס פאזיטיווע אידעאלן. — מאנסינאר ביענוועניו און מער מארלען. — די דראמאטישע פארם. —די הקדמה צו „קראמוועלן“. — „ערנאני“. — הוגאס דראמען. 246

XIV. די טעאריע פון קונסט צוליב קונסט. — די גרונטשריכן פון באדלערס כאראקטער. — די געקינצלטקייט. — די באציאונג צו פרויען. — דענדיזם. — די באציאונג צו פאליטישע און סאציאלע פראגן — „בלומען פון בייז“. — די מאטיוון פון זיין פאעזיע. — בילדער פון זינדיקייט. — קרענקלעכע געשטאלטן. — די ליידנדיקע מענטשהייט. — מאמענטן פון פאלן און פון דער־לויטערונג. — עסטעטישע און רעליגיעזע מאטיוון. — באדלער און זיינע נאכפאלגער. 269

XV. די אנטוויקלונג פון דער מעטאפיזישער פילאזאפיע אין דייטשלאנד. — קאנט און זיין לערע וועגן די פארמען פון דערקענטעניש. — העגעל און זיינע הויפט־אידעען. — דייטשלאנד אין דער ערשטער העלפט פון XIX י. ה. — הײנריך הײנע. — די השפעה פון דער דייטשער ווירקלעכקייט. — די פראנצויזישע השפעה. — די ירושה־שטריכן, די משפחה און דאס פריוואטע לעבן. — „רייזע־בילדער“. — „דאס בוך פון די לידער“. — היינעס באציאונג צו ראמאנטיזם. — די יולי־רעוואלוציע און היינעס ארויספארן קיין פאריז. . . 296

XVI. דער פראנצויזישער פעריאד פון היינעס ליטערארישער טעטיקייט. —די באציאונג צו דעם פאטערלאנד. — דאס יונגע דייטשלאנד און היינעס באציאונג צו דעם. — די רדיפות מצד דער דייטשער רעגירונג. — היינע און די סענסימאניסטן. — היינע און די דייטשע עמיגראנטן. — היינע און בערנע. — „די פראנצויזישע ענינים“. — „די ראמאנטישע שול“. — „אטא טראל“. — „א ווינטער־מעשהלע“. — היינעס קראנקהייט און טויט 329